STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01051

# GOYROLES

## Mordecai Strigler

•

*Permanent preservation of this book was made possible*
*by Carol B. Finerman*
*in memory of*
*Dr. Aaron Finerman*

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מרדכי שטריגלער

# גורלות

ביכער-סעריע

# דאָס פוילישע יידנטום

## 86

רעדאַקטאָר:

מאַרק טורקאָוו

פאַרלאַגס-לייטער:

אברהם מיטלבערג

מ. פייגענבלום

די רשימה פון דערשינענע בענד — צום סוף פונעם בוך

מרדכי שטריגלער

# גורלות

ב ו ך צ ו ו י י

✶

אַרויסגעגעבן דורכן
צענטראַל-פאַרבאַנד פון פוילישע יידן אין אַרגענטינע
בוענאָסאיירעס 1952 — התשי״ב

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

Copyright by
M. Strigler, París

**MORDCHAI STRIGLER**

# GOIROLOIS

(DESTINOS)

Editado por la
**Unión Central Israelita Polaca en la Argentina**

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
Buenos Aires, 1952

# קאַפּיטל פינפאונצוואנציק

— 1 —

אַזויפיל מאָל האָט שוין מעכעלע אַריבערגעשפּרייזט די שוועל פון ווערק צע — אָבער קיינמאָל האָט נאָך דער פּאַליציאַנט אויף דער וואַך אַזוי נישט אַ ציטער געטון און פאַרשעמט זיך... און קיינמאָל האָט נישט אויסגעבראָכן אַזאַ ספּאַזמאַטישע, פּאַנישע פרייד, ווען ער איז אַריינגעקומען צו פרידלאַנדן אין צווייטן באַראַק ווי דאָס מאָל...

ער האָט זיך געבעטן עס זאָל זיין שטילער, רואיקער... קיינער האָט אָבער נישט געהערט. אַלע האָבן זיך געוואָרפן אויף אים, אַרומגעכאַפּט... פון צווייטן צימער איז אָנגעלאָפן דער געטרייער מענדל און זיך געקוליעט פאַר פרייד אויף דער ערד, עפּעס הויך געשריגן און געדראָעט עפּעס אָן אומזעבאַרן, וואָס נאָר ער איינער האָט געזען:

— אָבער עס איז נאָך דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, האַ? ס'איז דאָ... וואָס זאָגט איר?

מעכעלע האָט באַשלאָסן, צוליב פּעלאָס אָנזאָגן אים, צו נעכטיקן צווישן זיינע פריערדיקע איינוווינער און זיך באַהאַלטן צווישן זיי. האָט ער שוין געקענט אין איין וועגס אויסהערן די ווערסיעס וואָס מען האָט באַוויזן צו הערן וועגן אים. מען זאָל אים שוין לאַנג האָבן פאַרטראַכט צו פּטרן. איצט איז נאָר אונטערגעקומען די געלעגנהייט מיטן מסור פון ווערק א'... מעכעלע אַליין איז אויך שולדיק. עפּעס אַ ייד, פון די נייע ראָדעמער האָט אים געבעטן צו שרייבן פאַר אים אַ בריוול צו אַ קריסט, וואָס קומט אים אַ חוב. דאָס בריוול האָט געזאָלט איבערגעשיקט ווערן דורך משהלע שטאַרקס קאָנטאַקטן מיט דער „אויסנוועלט" — עס האָט אָבער באַלד אַוועקגעוואַנדערט צו זאָנדערן אין ביוראָ, מיט די גענויע אינפאָרמאַציעס ווער עס איז אַזוינס דער בריוו־שרייבער. צוליב דעם האָט מען אפילו פאַרגעסן צו זוכן דעם ראָדעמער ייד, וואָס האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט באַקומען זיין חוב פון יענעם קריסט.

...ערשט ווען מ׳האָט מעכעלען אַרויסגעפירט פון טויער און זיין בלעטל איז אַרויסגענומען געוואָרן פון דער קאַרטאָטעקע — איז געוואָרן אַ שטילער שטורעם אין לאַגער. פון אַלע זייטן איז מען געלאָפן אינטער־ווענירן, בעטן, דראָען... אפילו פרידלאַנד אַליין האָט נישט גערוט: ער איז אַוועק צו פעלאָס מוטער... מען איז געלאָפן צו ווייזנבערגן, צו פע־לאָס שוואָגערס... די גאַנצע משפחה האָט מען אויפגערודערט, געדראָעט אַז דער דאָזיקער פלעק וועט אויף זיי אייביק בלייבן... דער לעצטער ייד וואָס וועט איבערלעבן — וועט דאָס זיי נאָכטראָגן! פעלאָס מוטער זאָל אפילו האָבן אַריינגעפאַלן צו איר און זיך געריסן די האָר פון קאָפּ. עס איז גע־וואָרן אַזאַ קאָך — ביז פעלא אַליין האָט איינגעזען אַז דער ענין איז צו־ווייט אַוועק. דער קאַלטער ווייזנבערג האָט געשוויגן און דער פלעגמאַ־טישער ראַגנער האָט זיך אַוועקגעדרייט אין דער זייט און עפּעס געבור־טשעט. ער אַליין האָט טאַקע מעכעלען נישט געקענט, אָבער ווי באַלד אַ האַלבער לאַגער לויפט אַזוי און אפילו זיינע אייגענע קראָקעווער פּאַ־ליציאַנטן קוקן אויף אים מיט שנאה דערפאַר — האָט מען זיך געדאַרפט איבעררעכענען... נישט כאַפּ־לאַפּ!

דער וויצע־קאָמענדאַנט פעלדמאַן איז אַרומגעלאָפן דערשלאָגן און זיינע גרויסע וואָנסעס האָבן שולדיק אים נאָכגעהאָנגען. פעלדמאַן, פעלאַס עלטסטער שוואָגער און ברויט־קאָמענדאַנט האָט אפילו אָפן געזאָגט, אַז טאָמער קומט דער יאַט נישט צוריק אין לאַגער — מעקט ער זיי אַלעמען אויס פון דער משפחה... און נאָך עפּעס וועט ער טון...

וועגן ווייטער האָט מען אין פרידלאַנדס באַראַק נישט געוווּסט צו דערציילן. און וואָס איז דען די נפקא מינה? עס איז נאָר גענוג, אַז פע־לאַ האָט פּלוצים פאַרלוירן איר קאַלטע אַכזריות און זי האָט זיך אָנגע־צונדן מיט אייפער... זי האָט אַ שלעפּ געטון אויף זיך איר ווייסן מאַנטל און אַ צי געטון דעם פאַרלוירענעם פעלדמאַן מיט זיך:

— קום... אפשר איז נאָך נישט שפּעט...

און ס׳איז נישט שפּעט געווען. זאָנדער האָט זיך שטענדיק מיט אירס אַ וואָרט שטאַרק גערעכנט — האָט זי שוין מסתמאָ פאַרגלייכט די חשבונות. דאָס ווייטערדיקע קען שוין קיינעם נישט אָנגיין. נישט מער: פון איצט אָן האָט פעלא גענומען באַטראַכטן מעכעלען ווי אַ בריאה וואָס לעבט נאָר אין איר זכות. זי האָט אים איצט אַזויווי באַשאַפן פונדאָסניי

— דערפאַר מוז זי זיך אָנהייבן מער צו אינטערעסירן, וואָס פאַר אַ סאָרט נפש דאָס איז — און זי האָט טאַקע געוואָלט וויסן, אויף ווי ווייט ער האָט פאַרדינט אויף איר איינשטעלעניש. ס׳איז דען עפּעס אַ קלייניקייט? אַז זי איז אַריין צום מחבל זאָנדער און פּשוט אַ זאָג געטון: איך האָב אים געהייסן צוריקגיין... ער איז נויטיק אין לאַגער צו דער אַרבעט — וועלן מיר אים שוין דאָרט אַליין באַשטראָפן פאַר אַלצדינג... ער האָט מסכים געווען — אָבער איצט האָט זיך מעכעלע באַזונדער איינגעקריצט ביי איר אין זכרון, אַרויס פון דער מאַסע גלייכגילטיקע פּנימער.

איז זי טאַקע דעם צווייטן פרימאָרגן אַריינגעקומען צו אים אין באַראַק, באַטראַכט אים פון אַלע זייטן מיט אַ צופרידענער שרעק און געבומען מיט אים קאָמאַנדעווען:

— איצט, קאַלעגע, וועסטו מוזן מער אַרבעטן... זאָל מען דיך נישט זען אַרומדרייען ליידיק. דו וועסט מיר יעדן טאָג ווייזן וואָס דו טוסט. איך בין פאַראַנטוואָרטלעך... און אין שרייבן דיינעם — זאָלסטו פאַרגעסן... פון ד י ר דאַרף מען וואָס ווייניקער שמועסן אין לאַגער. עס איז פאַר דיין גוטן. אַזעלכע ווערטער מען קען שוין ד אָ ר ט ן — דאַרפן בכלל מער פון זיך קיין פאַרע נישט אַרויסלאָזן — אַז נישט ענדיקט זיך שלעכט, אַזוי ווי עס האָט שוין נישט איינמאָל געטראָפן...

האָט מעכעלע אַ גאַנצן טאָג, ביז טיף אין דער נאַכט אַריין געהאַלטן נעבן זיך דאָס קעסעלע פאַרב און אַ גרויסן שפּאַדל: דאָס האָט געדאַרפט הייסן, אַז ער איז טאַפּלט באַשעפטיקט. דערצו האָט ער געדאַרפט יעדן טאָג האַקן האָלץ אין וואַלד און אַריינטראָגן צו איר אין הויז אַריין. ער האָט אויך געמוזט ווילן איר טעכטערל און ווייזנבערגס, מאַכנדיק פאַר זיי אַלערליי שפּילעכלעך פון האָלץ און פאַרב. עפּעס האָט ער אין די טעג פאַרלוירן זיין גאַנצע אַגרעסיוויטעט קעגן די לאַגער-הערשער און געטון אַלץ, וואָס מען האָט אים געהייסן מיט אַ מאָדנער הכנעה, וואָס ער האָט ביי זיך אַליין נישט געקענט באַגרייפן: ווי אַזוי קומט זי צו אים? ער האָט אפילו אויסגעטראָגן מיט אַ געפאַלן געמיט אַלע בייזע געשרייען און ווילדע באַפעלן וואָס עס האָט אים געגעבן דער ביי-אויפגעשטעלטער אויפזעער און פּאָליציאַנט בוגייסקי. זי האָט בוגייסקין איבערגעגעבן אין האַנט אַריין אַלע הויף-מענטשן און ער האָט געהערשט

איבער זיי מיט דער גאַנצער שאַרפקייט. פאַר מעכעלען האָט ער געהאַט איין לאַנגע דרשה:

— דו, ממזריש שרייבערל, דאַרפסט נישט קלאָגן... האָסט שוין באַדאַרפט געהערן צו די ווערעם — נאָר די קאָמענדאַנטין האָט זיך פאַר דיר געמיט... דאַרפסטו איצט קושן די ערד אונטער אירע טריט און נישט מאַנקורירן, קלאָגן זיך אַז ד אָ ס איז דיר שווער און דאָס צווייטע קענסטו נישט מאַכן. אַלץ דאַרפסטו קענען! ווייל דיין לעבן איז אַ געשענקטס...

טיילמאָל האָט אים פעלא אויך אויסגעזוכט אין וועלדל, אַוועקגעזעצט זיך נעבן אים אויף אַ שטאַם און געהאַלטן אין איין מאַטערן מיט די משונהדיקסטע פראַגן. וואָס מער זי איז געקומען צום באַוווסטזיין, אַז דאָס האָט ז י אים אַרויסגעריסן פון אונטער דער קויל — אַלץ מער האָט זי געוואָלט וויסן פון אים יעדעס פּינטעלע, אפילו דאָס אינטימסטע און פאַרבאָרגנסטע. אַ גאַנץ לעבן האָט זי זיך געדרייט צווישן עראָטישע דערשטיקענישן און שוידערן — האָט זי איצט דעם צניעותדיק־אומשולדיקן מעכעלע געהאַלטן אין איין אויספרעגן זאַכן וועלכע ער האָט אפילו נישט געקענט הערן אָן צו שעמען זיך. זי האָט זיך אָבער מיט אַ באַזונדער הנאה געקוויקט מיט זיין צעטומלעניש און אַזאַ באַהאַלטענע גאַווערפרייד האָט זי געצויגן וואָס מער אים צו בייטשן מיט אַזעלכע רייד. מעכעלע האָט דערקענט, אַז פון בלויזן רעדן צו אים אַזוי וויגט זיך איר געזונטער קערפּער אין תענוג־שכרות...

ער איז פאַר איר פלוצים אויסגעוואַקסן ווי אַן עקזאָטיש באַשעפעניש, וואָס זי קען אַבסאָלוט נישט פאַרשטיין. ער לעבט אַזוי אַנדערש ווי זי און איר גאַנצע וועלט... און דאָס דאָזיקע באַשעפעניש ליגט אין אירע הענט, זי קען מיט אים מאַכן וואָס זי וויל און עס נייגערט זי טאַקע אויך צו וויסן: וואָס טוט ער? ווי אַזוי לעבט ער איבער געוויסע זאַכן? ווי אַזוי טראַכט ער און פילט וועגן דעם און וועגן יענעם? ער איז דאָך אירס אַ זאַך! זי האָט פאַר אים געטון אַ סך, דאָס לעבן אים געשענקט — פאַרוואָסזשע זאָל זי קיין רעכט נישט האָבן אַריינצוקריכן דאָרט אינעווייניק אין אים? עס איז דאָך אַזוי מוראַדיק אינטערעסאַנט — און אַרום איר איז שוין אַלץ אַזוי לאַנגווייליק ביז צום שטאַרבן!

און וואָס טוט זי דען? זי פרעגט אים נאָר, אויב ער האָט שוין אַמאָל

ליב געהאַט אַ מיידל. טאָמער יאָ — איז ער געווען נ אָ ע נ ט אָדער בלויז פון דער ווייטנס? קען זיין אַזאַ ליבע בלויז פון דער ווייטנס? און וואָס פאַר אַ טעם שפירט מען דערביי? זי האָט שוין פון דעם געהערט און ווייסט ביז איצט נישט, ווי אַזוי דאָס קען מעגלעך זיין. און נאָך עפּעס וויל זי וויסן: ער געפינט זיך דאָ צווישן אַזויפיל מיידלעך — געפעלט אים דאָ קיינע נישט? ציט אים נישט צו זיי? און ביי זיך אין באראק זעט ער זיך דאָך אָן אַזויפיל — האָט ער דען אַנדער בלוט, וואָס אים קאָכט עס נישט אויף? עס איז דאָך אַזוי טשיקאַווע צו וויסן!

און נאָך עפּעס: זאָל ער זיך פאַר איר נישט שעמען, זאָל ער איר אָפן זאָגן! זי וועט שוין אראנזשירן... אָט האָט זי למשל געזען ווי אַזוי ער האָט געקוקט אויף דער מויד אָדער פרוי, וואָס האָט עטלעכע מאָל רעציטירט זיינע שרייבעכצער... איר וועט מען נישט דערציילן! זי פאַר־שטייט פון אַזעלכע זאַכן... ווי הייסט זי, די פרוי גלאָז? פרעדזשאַ? נו, יאָ... איז זי נישט קיין גרויסע צנועה! סיוויי האָט זי דעם מאַן אַוועקגע־מאַכט אין דער זייט און... מיט וועמען נישט?... און זי, פעלא האָט אַליין געזען אין מעכעלעס בליק דיליידן זיינע! אַ ז ו י קוקן קען נאָר אַזאַ איינער, וואָס האָט נאָך זיינס נישט דערגרייכט — וואָס האָט אפילו נישט קיין האָפענונג אַמאָל זיינס צו דערגרייכן, ווייל ער ש ר ע ק ט זיך דערפאַר מער ווי ער ב אַ ג ע ר ט עס... איז זאָל ער איר נאָר זאָגן: ער האָט זי ליב אָדער נישט? סיוויי וועט ער דאָ קיינעם קיין שלעכטס נישט טון... אַנדערע האָבן שוין אַלצדינג צעבראָכן און די רעשט זאָל ער' זיך פאַרלאָזן אויף איר, זי וועט שוין...

אויף מעכעלען האָבן אירע האַלב־שפּאָטישע רייד אָנגעיאָגט אַ היי־סע בהלה, וואָס איז זיך צעלאָפן מיט פאַרבאָרגן־הנאהדיקער שרעק איבער די בלוטן... ער האָט זיך געוואָלט אַרויסרייסן פון איר תאווהדיקן רייד־קלאַמער, אויסבאַהאַלטן זיך — און מורא געהאַט... זי האָט אים געפּאַקט און געשפּילט זיך פון גאָר נאָענט מיט זיין פאַרשעמטקייט, וואָס האָט זיך פון אים געריסן דורך דער בלאַסער רויטקייט אויפן פנים. דאָס האָט זי נאָך מער אַריינגעצויגן אין אירע שפּאַסיקע שמועסן. זי האָט זיך אפּי־לו פאַר אים איינמאָל אַרויסגערעדט:

— מיינסט, אַז מיר גייט אַזוי אין יענער ק...ע? איך ווייס אַז זי וואָלט דערפון געווען צופרידן; כאָטש זי האָט גראָד פון ד י ר אַ שפּיל

געמאַכט מיט געוויסן, זיפצן און טרערן... מ י ך קען מען דאָך נישט נאַרן! אָבער ד ו קענסט נאָר דאָ אויפציטערן; נאָר נעבן איר. דאָס האָב איך געזען... דערפאַר וואָלט איך געוואָלט צוקוקן זיך צו אַזאַ בילד, ווי אַזוי דו מאַכסט עס, ווי אַזוי דו נעמסט אַרום און דו ליבסט. נישט ווען דו דאַרפסט עס ווייזן אויף מיין באַפעל, נאָר ווען דו אַליין רייסט זיך דערצו. אַך, ווי אינטערעסאַנט דאָס וואָלט געווען!...

מעכעלע האָט געפּרוווט רעדן צו איר, אויפקלערן איר אַלע מינים מאָראַלישע פּרינציפּן וואָס ער האָט פאַר זיך אָנגעזאַמלט. ער האָט איר דערציילט וועגן דעם אַז אַזעלכע ווי ער האָבן די זעלבע בלוטן און לוסטן ווי אַנדערע, נאָר זיי באַהערשן זיך, צוימען זיך ווייל מ׳דאַרף... זי האָט אים ערנסט אויסגעהערט און דערנאָך אויסגעשאָסן מיט אַ ווילד געלעכטער. זי האָט געוואָלט וויסן, אויב פאַר איר דאַרף אויך פאַרפליכטן אַזאַ צוריקגעהאַלטנקייט און אויב אין איר אָנבליק איז מעגלעך דאָס אַדורכצופירן...

פון אַזעלכע שמועסן איז מעכעלע אַוועקגעגאַנגען באַגאָסן מיט אַזאַ אַנגסטיק־פאַרפּייניקטן שווייס און לאַנג דערנאָך האָט ער זיך געטומלט מיט ווילדע מחשבות, וואָס זי האָט אין אים אַריינגעיאָגט מיט איר שרפהנדיקן אָטעם און בליק. ער האָט זיך בלויז געבעטן ביי איר, זי זאָל זיך איבער אים אַזעלכע שפּאָסן נישט מאַכן, נישט אָנרייצן אויף אים אַזעלכע וואָס זי האָט בדעה. ער האָט עס געבעטן, כאָטש אַ פאַרגנבעט געפילעכל אין אַ האַרץ־ווינקל האָט אים חושד געווען אַז דאָס רעדט ער זיך אַליין אויס, מאַסקירט זיך פאַר זיך אַליין. ער וויל גאָר דעם נסיון נישט אויסמיידן, וויל אים גאָר דערגרייכן און גראָד איר נייגעריקער צוואַנג קען אים העלפן באַפרייען זיך פון נישט־פאַרשטענדלעכע פאַר־ווורפן, וואָס שטעקן נאָך אין אים.

זיינע רייד זענען אָבער צו איר געווענדעט געווען מיט אַזאַ בעטנדיקן ערנסט — אַז זי האָט אים צורו געלאָזט. איבעריקנס איז עס ביי איר געווען ווי מיט אַלע אַנדערע איינפאַלן אירע: זי האָט אַזוי לאַנג גערעדט און געקוויקט זיך דערמיט, ביז עס האָט אויפגעהערט פאַר איר צו זיין סודותדיק־ניי. עס איז באַלד געוואָרן אַזוי איבערגעקייט און אַלט, אַז זי האָט עס געמוזט אַוועקוואַרפן, ווי אַ באַנאַל־נודנע בריוו וואָס זי קען אים שוין לאַנג פון אויסנווייניק...

— 2 —

זעט אויס אַז דער לעבעדיק־פֿאַרמשפּטער מענדל רובין איז גערעכט געווען. ער האָט געשריבן אַז איצט וועלן אַ סך זאַכן אַנדערש ווערן אין לאַגער. מיטן קומען פֿון די ברענערס און די שטרויענע ווענטלעך וועלן צוריק זיך אָנהייבן די עקזעקוציעס. קודם וועלן שוין די מאסן־קברים פֿאַרשווינדן און מען וועט זיך קענען דערלויבן צו האַלטן אַביסל טויטע אין דער ערד. דאָס וועט שוין נישט אַזוי שטאַרק קאָמפּראָמיטירן. צווייטנס קען מען דערווייל וואָס מער צולייגן צום פֿייער... זעט אויס אַז דאָס האָט די לייטונג פֿון פֿאַבריק זייער גוט אין זינען געהאַט.

טאַקע אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט זיך ווידער זאָנדער באַוויזן אין לאַגער. דאָס מאָל איז אויסער שולצען מיט שומאַנען אויך מיטגעקומען אַ גאַנצע מחנה פֿרעמדע אָפֿיצירן פֿון אַ ווייטן אָרט. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז מען האָט שוין ווידער אַרעסטירט עטלעכע לעדער־שניידער און כאַבאַטאַזשניקעס. מען האָט זיי ווידער איינגעזעצט אין דעם לאַגער־בונקער און ווידער האָבן זיך די פּאָליציי־פּייפֿלעך צעפּייפֿט: אַלאַרם! דער גאַנצער לאַגער מוז זיך שטעלן צום אַפּעל־פּלאַץ!...

מעכעלען האָט דער אַלאַרם פֿאַרכאַפּט אין מיטן דער אַרבעט. דער גאַנצער עולם איז שוין געיאָגט געוואָרן מיטן גאַנצן אימפּעט פֿון דער פּאָליציי, ווען ער האָט געשלעפּט אַן אייזערן וועגעלע און געהאַלטן דערביי אַ ריזיקן, אייזערנעם שויפֿל אין האַנט. ער איז מיטגעשלעפּט געוואָרן מיטן שטראָם לויפֿנדיקע און נישט באַוויזן אַרויסצולאָזן דעם אייזערנעם שויפֿל, וואָס ער האָט געמוזט צוהיטן. די מאַסע האָט זיך שאַרף געדרענגט אויפֿן אַפּעל־פּלאַץ און דורך די געשלעגן פֿון די באַוואָפֿנטע וועכטער איז ער שנעל אַריינגעצויגן געוואָרן אין צען־מאַן־רייען.

מעכעלע איז אַריינגעקוועטשט געוואָרן אין דער מיט פֿון אַזאַ צענטל און גלייך ווי אַלע געוואַרט וואָס דאָ וועט פֿאָרקומען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז דאָ האָבן די דייטשן באַשלאָסן איינצואָרדענען אַזאַ מין ספּעקטאַקל, וואָס האָט זיך ביז איצט נישט פּראַקטיצירט אין ווערק צע. פֿון ראַדאָם איז ספּעציעל אַראָפּגעקומען אַ הויכער אָפֿיציר מיט געהתמעטע פּאַפּירן, וועלכע זענען הויך פֿאַרגעלייענט געוואָרן פֿון וואַכפֿירער שולצע פֿאַרן עולם. דאָס האָט געדאַרפֿט באַווייזן אַז אין ווערק צע, ווי אַ גע־

ווער־פאַבריק, ווערן נישט אומגעברענגט קיין מענטשן אָן שום גרונט. עס ווערן נאָר אויסגעפירט טויט־אורטיילן לויט אַ משפט פון אַ הויך־געריכט, וואָס האָט דעם פאַל באַהאַנדלט מיט דער גאַנצער פאָרזיכטיקייט.

נאָכן פאָרלייענען די לאַנגע פאַפירענע מגילה, ביי אַ טויטער שטילקייט פון פאַרזאַמלטן עולם איז אַרויסגעטראָגן געוואָרן אַ טישל, אויף וועלכן איינער פון די פרעמדע אָפיצירן האָט זיך אַוועקגעשטעלט און באַטראַכט דעם עולם. תיכף נאָך דעם האָט די פאָליציי פון ערגעץ געברענגט אַ קנויל דיקע שטריק... עס איז שוין פאַר קיינעם קיין ספק נישט געווען וואָס דאָ וועט פאָרקומען. פון בונקער אַרויס זענען אַרויסגעפירט געוואָרן פינף בלייכע געשטאַלטן, וואָס האָבן זיך מיט פאַרתמטע אויגן צוגעקוקט צום טויט־שטילן, קעפ־אַנטבלויזטן עולם — אַזויווי זיי וואָלטן זיך נישט געגלויבט, אַז דאָס אַלץ קומט טאַקע פאָר אויף אַן אמת.

אין דער ערשטער ריי איז געשטאַנען אַ הויכער, עלטערער מאַן פון אַ יאָר 40 מיט אַ דערשראָקענעם, געלן אָנוווקס אויף די דאַרע באַקן. ער האָט איצט אויסגעזען ווי איבערגעוואָקסן און זיינע אַרבל האָבן זיך אים אַרויפגעצויגן און געלאָזט אַרויסשטאַרצן שטיקער פון זיינע איינגעפאַלענע, ביינערדיקע געלענקען. ער האָט געהאַלטן אין איין ציטערן, בייגן די קני, ווי אין אַ גרייטקייט באַלד צו פאַלן פאַר עמעצן. דאָס איז געווען אַ שוסטער פון די הינטערשטע באַראַקן. נעבן אים זענען געשטאַנען דריי פעסטע יינגלעך, וואָס האָבן זיך רואיק צוגעקוקט צו דעם אַלעם וואָס דאָ קומט פאָר — אַזויווי דאָס וואָלט זיי גאָרנישט אָנגעגאַנגען. בלויז דער פינפטער איז געשטאַנען אַביסל אָפגעזונדערט און געהאַלטן אין איין טרייסלען זיך, וויינען און אויסשטרעקן די הענט אין געבעט — ביז אַ וואַכמאַן האָט זיי אים אַרונטערגעדרייט און צוגעפעסטיקט. דאָס איז געווען אַן אויסגעוואָקסן, דאַר יינגל פון אַ יאָר 16...

דאָס קינד איז אויף אַ ווײַלע שטיל געוואָרן. ער האָט געקוקט אין דער זייט פון זיינע אַנדערע פיר חברים, געוואָלט זיך אָנשטעקן מיט זייער רואיקייט. אויף זיין פנים האָבן זיך אָפגעשפּיגלט אַלע יינגלערישע מחשבות זיינע. ער האָט געוווסט אַז פאַרן טויט דאַרף מען שרייען, וויינען, נישט לאָזן זיך... אָבער אַז יענע שטייען אַזוי שטיל — מוז מען נאָך נישט האַלטן דערביי. די עלטערע ווייסן דאָך בעסער פאַר אים! דערפאַר האָט ער פאַרפרעסט די ווייכע ליפעלעך און אויך געוואָלט וואַרטן רו־

איך, גלייך מיט זיי. די שרעק האָט אָבער פון אים אַרויסגעשפּאַרט און ער איז זיך ווידער פאַרגאַנגען אין אַ מוראַדיקער יללה, וואָס האָט אָנגעשטעקט אַ סך פון די פאַרשטייפטע רייען.

די גאַנצע מחנה דייטשן האָבן זיך אָבער נישט געאײַלט. פריער האָט מען געדאַרפט אַדורכפירן אַ פערזענלעכע רעוויזיע ביי די אַלע איינגעשטעלטע רייען. צוערשט האָט מען געמיינט, אַז דאָס זוכט מען ביי דער געלעגנהייט באַהאַלטענע געלטער און ווערט־זאַכן, ווי מען פלעגט עס אַלעמאָל טון — און נישט איינער האָט געציטערט מען זאָל ביי אים נישט אַנטדעקן זיין באהאלטענעם אוצר. דערפאַר האָבן זיך באַלד געבומען וואַלגערן געלט־פּאַפּירלעך אין אַלע זייטן, וועלכע דער ווינט האָט אַ הויב געטון און אונטערגעטראָגן די זוכנדיקע ווערקשוץ ביז צום פּנים... קיינער האָט נישט געוואָלט גיין צו דער תליה צוליב אַזעלכע נאַרישקייטן.

דאָס מאָל האָבן אָבער די זוכער נישט געלייגט קיין אַכט דערויף. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז די פון דער ראַדעמער קאָמיסיע, וואָס איז מיטגעקומען בייזיין די הענג־עקזעקוציע, זענען גרויסע פּחדנים, נישט מער... דאָס האָבן זיי געהייסן אַדורכנישטערן די טאַשן פון אַלע יידן און בייוועמען מען וועט געפינען אַ טאַשן־מעסערל, אַ צוגעשאַרפטן לעפל און ענלעכע כלים — זאָל מען קאָנפיסקירן אויפן אָרט. עס איז נישט צו געטרויען אַזאַ מאַסע מיט פאַרביטערטע יידן! זיי וועלן צוזען, ווי אַזוי מען הענגט זייערע פינף ברידער — קען זיך אַמאָל איינער פון זיי אויפרעגן און וואַרפן זיך צו די עקזעקוטאָרן. דאָס קען געבן אַ סיגנאַל פאַר די אַנדערע... און דער מיליטערישער תפיסה־דאָקטאָר, וואָס איז מיטגעקומען האָט געהאַלטן פאַר זיין חוב צו מאַכן זיך נוצלעך פאַר זיינע חברים און זיי געבן אויפן אָרט אַ לעקציע אין מאַסן־פּסיכאָלאָגיע...

גאַנצע זעק מיט בלעכלעך, מעסערלעך און אַנדערע נאַרישקייטן זענען צוזאַמענגענומען געוואָרן! דאָס האָט זיך געצויגן אַ לענגערע צייט און די שרעקלעכע שפּאַנונג האָט דערוויייל אַריינגעפירט דעם עולם אין אַ פאַרגליווערטן, רעזיגנירטן פּחד. פאַר אַלעמענס אויגן האָט מען אָפּגעקליבן די פינף ביימער, צווישן דעם קאָמענדאַנטן־באַראַק און דעם בונקער. צוויי ווערקשוץ האָבן צוגעפעסטיקט און אויסגעשלייפט די פעסטע שטריק אין דער פאָרם פון אַ תליה און שטילערהייט צוגעפירט יעדן איינעם פון

די אַרויסגעפירטע צו אַ באַזונדערן בוים. די ערשטע מינוטן האָט דער עולם אויפגענומען דאָס בילד מיט אַ דערשטיקטן שוידער, וואָס האָט זיך ווי אַ מורמלענדיקע כוואַליע איבערגעטראָגן פון איין עק פלאַץ צום צווייטן. דאָס לאַנגע צערעמאָניעווען האָט אָבער ביסלעכווייז איינגעשטילט דעם אויפגערעגטן צאַפּל.

די טויזנטער אויגן האָבן שוין שפּעטער געקוקט אַהין מיט נייגעריקייט: ווער וועט דאָ זיין דער הענקער? וועלן עס טון די אוקראַיִנישע וועכטער אָדער מען וועט עס הייסן דער יידישער פּאָליציי? מען האָט געקוקט אויף די מאַסקע־פּנימער פון די באַפעלנדיקע אָפיצירן, געוואָלט פון זיי אַראָפּלייענען וואָס זיי טראַכטן צו באַפעלן אַ מינוט שפּעטער — און נישט געקענט. ענדלעך האָט דער אָפיציר, וואָס איז געשטאַנען אויפן טישל, זיך גענומען באַוועגן. ער האָט געגעבן אַ צייכן אין די רייען — און ביי אַלעמען האָט דאָס בלוט זיך אָפּגעשטעלט אין די אָדערן פון אימה. דאָס האָט ער אַרויסגערופן געזונטע יונגען פון דער ריי. איינער, דער צווייטער... יאָ, פיר יונגע חברה־לייט האָט ער שוין אַרויסגעזוכט! אויף וואָס דאַרף ער זיי? וויל ער דאָ האָבן נאָך עטלעכע קרבנות, אַלס רעפּרעסיע־שטראָף? אָדער וויל ער זיי מאַכן פאַר תלינים?

די פיר אַרויסגערופענע האָבן זיך געוואַקלט אין די טריט, בלאַס געוואָרן פון דער אומגעריכטקייט. זיי זענען באַלד אויפגעכאַפּט געוואָרן פון די אַרומשטייענדיקע ווערקשוץ און געפירט געוואָרן ווייטער. יעדער איינער צו אַ באַזונדערן בוים, ווו עס איז געשטאַנען אַ פאַרמשפּעטער. אַהאַ! מען פאַרשטייט שוין... געבליבן אַליין איז נאָר דאָס ייִנגל, וועלכער האָט אין דער סעקונדע ווידער דערפילט די סכנה צוזאַמען מיט אַ פּריש־אויפגעוואַכטער האָפענונג. אין אַזעלכע מינוטן איז גענוג דער מינדסטער רמז, וועלכן די אַנגעגליטע חושים כאַפּן אויף שנעל און גיבן דערצו זייערע פּירושים... אַ, פאַר אים האָט ער קיינעם נישט אַרויסגערופן! דער דאָזיקער סעקונדאַלער אויפטרייסל האָט ווידער עפּעס אַ וועקגעטון אינעם קינד — און ער האָט אויפסניי אויסגעבראָכן אין אַ געוויין, אין בעטענישן צו וועלכע עס האָט אים אַ שטויס געטון דער שטומער צייכן.

זיין אויפרודער האָט דעם אָפיציר אויפן טיש דערמאָנט אין אים. ער האָט דערפאַר ווידער אַ זוך געטון מיט זיינע גאָלדענעברילן אין דער־

מאַסע און אויפסניי אַ טייטל געטון מיטן פינגער...

מעכעלע, וואָס האָט זיך די גאַנצע צייט איינגעקורטשעט צווישן די רייען, געוואָלט זיין וואָס ווינציקער אָנזעעוודיק, פאַרלוירן גיין — האָט די ערשטע סעקונדע נישט באַגריפן וואָס דאָ קומט פאָר: ווען האָט ער עס ווידער אַרויסגערופן? די גאַנצע מאַסע אָבער, וואָס האָט מיט אַ פּחדימדיקער שפּאַנונג געוואָרט אַז די סעקונדע פון רופן דעם פינפטן זאָל שוין אַריבער, זיי האָבן גוט נאָכגעפאָרשט וווהין יענעמס פינגער האָט געצילט. צוזאַמען מיט דער באַוווסטלאָזער שרעק, האָט יעדער איינער געשפּירט אַן אינסטינקטיוו־רויע פרייד וואָס נישט איך האָט מען עס גערופן... און בכדי דאָס זאָל ווערן פולשטענדיקע זיכערקייט האָבן זיך גענומען ציען הענט צו מעכעלען פון אַלע זייטן מיט סוגעסטיאָנירטער מאַכענישקייט, אָן באַטראַכטן מיין — פאַרקנעטן מיט אַלע ראַפינירטע דראַנגען צום געשיצט ווערן — און מיט געשרייען וואָס האָבן זיך אַליין געריסן פון ערגעץ טיפער ווי די קעל:

— העי, דאָס האָט ער דיך גערופן!... דיך!!!

אין מעכעלעס מח האָט גענומען אַרומלויפן אַזאַ מין דונערדיקער בראַנד, וואָס האָט אַ גלי געגעבן איבער אַלע גלידער, געצויגן צו דער ערד און פאַרשטאָפּט מויל און געהער... ער האָט זיך געוואָלט וואַרפן אויף דער ערד, נישט ווערן... אַריינזינקען! ער האָט עס אָבער נישט געקענט. פון אַלע זייטן האָבן אים שוין געהאַלטן פיבערדיק־תמעוואַטע הענט וואָס האָבן אַליין נישט געוווסט וואָס זיי טוען — און דאָך האָבן זיי אים געצויגן פאָראויס, פאָראויס... ער האָט נאָר געשפּירט איין זאַך: אַז צווישן זיין גוף און זיינע אָרעמס שטעקט אַ האַרטע און שווערע זאַך... זוכנדיק אַן אָנהאַלט האָט ער זיך דערין געקלאַמערט, געדריקט עס צו זיך הגם ער האָט זיך נישט געקענט דערמאָנען: וואָס האָט ער דען געהאַט ביי זיך?...

ערשט ביים אַרויסקומען פון דער ריי איז מעכעלען קלאָר געוואָרן: מען וויל אים איצט מאַכן פאַרן הענקער! ער וועט דאַרפן הענגען דאָס יונגע, צאַפּלדיקע יינגל!... אויף ווי ווייט אַ מענטשלעכער מח קען באַוווייזן שנעל צו טראַכטן אין אַזעלכע מינוטן! ער איז אין גאַנצן צעשרויפט, צערודערט... דאָך ווייסט ער, אַז דאָ העלפט נישט קיין קעגנשטעלן זיך. ער וועט מוזן — אויב ער וויל נישט הענגען אָדער גאָר דער־

שאָסן ווערן. אין די דאָזיקע פּאָר סעקונדן באַווייזט ער זיך שוין צו וואַק־לען, מורא צו האָבן פאַרן לעבן. אַ פינקעלע גערדאַנק נעמט אים שוין אומ־דרייסט איינרעדן אַז ער זאָל גאָרנישט טון, אַז ער זאָל זיך אַוועקשטעלן ביים בוים גלייך ווי די ערשטע פיר און — — —

אַ צווייטע מחשבה גיט פלינק אַ פלי אָן, שליידערט אָפּ דאָס ערשטע נפל־געדאַנקעלע און באַשליסט פאַר אים קורץ: ניין!... דער אָנבליק פון שולצען מאַכט אים לייכטער די שרעק: ער קען אים... וועט ער צופאַלן, וועט ער בעטן... קען זיין, אַז ער וועט גאָרנישט פאַרלירן דאָס לעבן און אַז יאָ...

ווען ער איז צוגעקומען נענטער צו דער גרופּע אויסגעפּוצטע מונ־דירן איז ער שוין געווען רואיק. וואָס איז זיך דאָ צו אמפּערן, אַריינצור־קלערן? ער וועט פּשוט זאָגן אַז ער וועט עס נישט טון — און פאַרטיק! ווי אַזוי קען עס דען אַנדערש זיין? בלויז די אָפּן־אָנגעשטעלטע אויגן פר־נעם ציטערדיקן ייִנגל האָבן ביי אים צוגערויבט די רו, צעטומלט.... אוי, ווער האָט עס אים דערלאַנגט אַזאַ ברענענדיקן שמיר!? ווער שרייט עס אַזוי? איז ער טאַקע שוין משוגע געוואָרן פון דער דאָזיקער שרעק? אָבער אָט טראַכט ער דאָך!... אָט טוט דאָך וויי!... ווער שרייט? — — —

— 3 —

ערשט נאָך שולצעס אויפגערעגטן שמיר מיט דער נאַגייקע האָט ער זיך דערכאַפּט, אויפגענומען די אַלע געשרייען... דער דיקער אָפיציר ביי זיין זייט האָט זיך נישט געקענט שענקען:

— דאָננערוועטער! וועלכער וואַכמאַן האָט עס רעווידירט דיין ריי! זאָפאָרט זאָגן!

מעכעלע האָט ערשט איצט באַגריפן זייער כעס, די אויפרעגונג. ביז אַהער האָט ער זיך צוגעשלעפּט מיטן אייזערנעם שויפל זיינעם, וואָס ער' האָט אַ גאַנצן טאָג פון האַנט נישט אַרויסגעלאָזט... מאָדנע, ווי קיי־נער פון זיי האָט עס נישט באַמערקט... ער אַליין אויך נישט! איצט שרעקן זיי זיך נאָך מער, זענען אים חושד אַז דאָס האָט ער באַוויזן אויסצובאַ־האַלטן זיין געווער ביז איצט. פאַר גרויס אויפרעגונג אויף די רעוויזאָרן ווייסן זיי נישט וואָס פריער צו טון. שולצע איז דער ערשטער וואָס וויל

זיי אַביסל באַרואיקן און ער שטאַמלט:

— ניקס, מיינע הערן... דאָס איז מיין מאָלער. ער האָט פאַרגעסן דאָס פאַרדאַמטע געצייג... קיין שלעכטס, ער אַרבעט...

מעכעלע נעמט שוין נאָכשטאַמלען:

— מיר האָבן ווייניק געצייג... איך מוז עס היטן... איך בין פאַראַנטוואָרטלעך, טאָמער ווערט עס געגנבעט — און אַרבעט איז דאָ אַזויפיל...

ער ווייסט שוין איצט אַליין נישט וואָס ער פּלאָנטערט. פון אַלע זייטן קוקן אויף אים צאָרנדיקע בליקן... איבערהויפּט די יידישע קאָמענדאַנטן: וואָס עס זאָל נישט פּאָרקומען אין לאַגער, זאָל זיין דאָס ערגסטע — איז גלייכער דאָס זאָל אָפּגעשען אָן שום באַזונדערע אינצידענטן. פּטור' און פאַרטיק! אָבער שטענדיק וואַקסט אַרויס אָט דער שלימזל — און דערנאָך קענען אַלע האָבן צרות... ווייזנבערג וויל באַווייזן זיין חשיבות די הויכע דייטשן און נעמט זיך רייסן צו מעכעלען, מאַכט אַ צאָרנדיק פּנים — כאָטש ער איז נישט זיכער, אויב ער מעג אַרויסווייזן זיין מאַכט אין דער געזעלשאַפט פון אַזעלכע הויכע לייט און ער האַלט זיך צוריק.

אויך שולצע וויל קלענער מאַכן דאָס גאַנצע עסק, אָפּשוואַכן דעם איינדרוק. סוף כל סוף איז עס דאָך ביי אים אין לאַגער און דערנאָך קען ער ליידן צוליב אַזאַ אומאָרדענונג. דערפאַר חזרט ער איבער צעטומלטערהייט:

— עס איז גאָרנישט, מיינע הערשאַפטן. זאָל ער אַוועקלייגן דעם שפּאַטן אין דער זייט און — געענדיקט דערמיט!

איינער פון די דיקע אָפיצירן האָט אָבער מער חוש פאַר אָרדענונג. ער ווייזט עפּעס אַ דראָענדיקן צייכן און פירט אויס:

— זאָל דער לומפּ אַוועקטראָגן דעם שויפל אין באַראַק אַריין און פאַרשטעקן אים! דאָס געצייג טאָר דאָ אויפן פּלאַץ נישט בייזיין ביי דער עקזעקוציע... אַזוי איז דער באַפעל...

אין מעכעלעס מח מישן זיך פלינק די מחשבות... אָט שטייט ער דאָ אין מיטן גיהנום, צווישן מלאכי חבלה... דאָ גייט איצט פּאַסירן אַ שרעקלעכע זאַך — און דאָך וואָלט ער איצט געטאַנצט פאַר שמחה... ווי קליינלעך און עגאָאיסטיש דער מענטש איז! ער וואָלט איצט צוגעפאַלן צום

דיקן, אָפּיצירישן טרעלבאָך און אים געדאַנקט... די שטיוול אים געגלעטן! עמעץ איילט אים שוין אונטער: שנעלער! טראָג זיך!... און מעכעלע לויפט ביז צו דער קייט פון אוקראַינישע וועכטער, וואָס האָבן אָפּגעצוימט דעם פּלאַץ פון די אויסגעפּוסטעוועטע באַראַקן... שולצע שרייט אים נאָך פון ווייטנס:

— אָבער — זאָפּאָרט צוריקקומען! זאָפּאָרט! און דעם שויפל גוט פאַרשטעקן!

דאָס איז אַ צייכן פאַר די וואַכלייט. דער ייד ווערט ערגעץ געשיקט... האָבן זיי אים אַדורכגעלאָזט און מעכעלע איז געלאָפן צווישן די פּוסטע, אויפגעריסענע באַראַקן... אָנגעשלאָגן זיך אין ביימער און ווייטער געלאָפן. דער באַראַקן־רינג האָט אויסגעזען ווי אויסגעשטאָרבן. דאָס ערשטע מאָל קומט מעכעלען אויס צו זען ווערק צע — אָן איין לעבעדיקן מענטש אין אים. צעפּראַלטע טירן, פאַרגליווערטע שויבן וואָס גלאָצן אויף אים מיט שרעק — און ווייטער גאָרנישט...

דאָרט שטייט אַ גאַנצע עדה מיט אַנטבלויזטע קעפּ, אָפּגעשטאָרבענע פאַר פּחד. אַנטקעגן זיי שטייען 9 מענטשן אָנגעלענט ביי ביימער און וואַרטן אויף זייער גורל... און דאָ גאָר לויפט אַרום איין לעבעדיק, יידיש נפש און זוכט ווו צו באַהאַלטן אַן אייזערנעם שויפל פונעם דייטשן פאַר־מעגן — — —

ער האָט זיך לאַנג געפּאָרעט, גוט איינגעדעקט די אייזערנע כלי אונטער זיין בעט און דאַן ערשט געטראַכט פאַר זיך:

— נישט אומקערן זיך! קיינער רופט אים דאָך נישט... און טאָמער וואַרט מען גאָר אַלץ אויף אים? זאָל מען איצט מיט אים טון וואָס זיי ווילן!

די שרעק צו בלייבן אַליין אין פּוסטן לאַגער, ווייט פון אַלע יידן וואָס שטייען דאָרט אויפן פּלאַץ האָט אים צוריקגעטריבן. ער האָט אָבער גע־שפּרייזט מיט געלאַסענע טריט, דורך די אומוועגן וואָס פירן איבער די צעריסענע שטיקלעך וואַלד און מיט אַלע חושים האָט ער געוואָלט אויס־שנאַפּן פון דער לופט ווו עס האַלט שוין דאָרט... דער ערשטער שפּאַליער מיט וואַכלייט — וועלכע האָבן אים פריער אַדורכגעלאָזט — האָבן אים פאַרהאַלטן. עטלעכע פאַר העגט האָבן אים אָנגעכאַפּט און צוגעהאַלטן צווישן זיך, ער זאָל נישט שטערן די שטילקייט...

פון דער ווייטנס האָט מעכעלע געקענט זען ווי אַזוי די גאַנצע מחנה יידן זינקט אַריין אין דער שווייגנדיקער חשכות. אויף די פינף ביימער צאַפּלען זיך די פינף געשטאַלטן, רייסן זיך פון די שטריק... און נעבן זיי דרייען זיך ווי פאַרכשופטע פינף אַנדערע, הויכע סילועטן. זיי פאַרלייגן דאָרט די שטריק, ציען עפּעס אַפּויער די געהאָנגענע פון אונטער די פיס.

ס'איז דאָך טאַקע אמת!... דאָס ערשטע מאָל אין ווערק צע האָט מען דאָס געהייסן טון דורך יידישע הענט!... און ער, מעכעלע, שטייט גאָר איינגעקלאַמערט צווישן זעלנער־הענט און קוקט... קוקט מיט גלעזערנע אויגן און וויל עס נישט גלויבן!... ווי רואיק ער איז גאָר געוואָרן! דאָס איז נישט קיין רו וואָס קומט פון דער אינערלעכער טיף — נאָר אַזאַ גליווער וואָס פאַלט פון דער אַרומיקער לופט און פענטעט איין די לעצטע וואַכקייט פון געדאַנק. דאָרטן ווייט ווערט באַלד אַ בהלה: פון אַלע זייטן נעמט מען צעטרייבן דעם עולם אין אַלע זייטן. מעכעלע דערשפּירט זיך פלוצים פריי. די וועכטער לויפן צוריק צום טויער. אײבער מעכעלען נעמט אָנלויפן אַ כוואַליע גופים, שטויסן אים, שלעפּן אים... עמעצער דערקענט אים און רייסט פון אים שטיקער:

— ממזרישער קאָפּ! אַזאַ איינפאַל צו האָבן... אַ שויפל!

מעכעלע הערט אָבער גאָרנישט מער. אים ציט איצט נענטער צו די ביימער. עס שרעקט אים אַפילו נישט שולצעס געשטאַלט וואָס דרייט זיך נאָך נעבן די תליות. טאַקע דער וואַכפירער וועקט אים אויף פון די הוריות:

— באַהאַלטן דעם שויפל? וואָס?

מעכעלע שאָקלט מאַכטלאָז מיטן היציקן, קראַנקן קאָפּ. שולצע לויפט נאָך זיינע חברים. ער האָט נאָר אָנגעזאָגט דעם לעצטן באַפעל: אַ גאַנצן מעת לעת מוזן זיי אַזוי הענגען! אַלע מעגן צוגיין און באַטראַכטן פון דער נאָענט וואָס דער סוף איז ווען מען טרייבט סאַבאָטאַזש אין פאַבריק... ווען מען זוכט לעדער און גומי...

נישט יעדער וויל אָבער איצט צוגיין נענטער. בלויז מעכעלע שטייט און באַטאַפּט זינלאָז יעדן בוים באַזונדער, גלאָצט מיט די אויגן אויף די לענגער־געוואָרענע גופים פון די געהאָנגענע... ער קוקט זיך גוט איין אויף די אויסגעשטרעקטע צונגען, דרייט זיך צווישן די טרייסלענדיקע שוואַרצקייטן און פאַרהאַלט זיך אויף אַמאָל נעבן דעם יינגלס אויסגע־

צוויגענעם פּנים. אַן אומקלאָרער באַפעל שלעפּט אים אַראָפּ נידעריקער און עס דוכט זיך אים אַז אַ שטאַרקע האַנט שטויסט אים, שפּאַרט אים ער זאָל זיך אַראָפּלאָזן נעבן דעם יינגלס קערפּער, אַנידערקניען און רעדן... זיך פאַרענטפערן פאַר אים! דערנאָך האָט ער זיך פּלוצים אַ כאַפּ געטון, גענומען לויפן צוריק און אַריינגעפאַלן צו זיך אין באַראַק אַריין.

אין לאַגער איז שוין רואיק געוואָרן. דערפאַר האָבן מעכעלעס שכנים פון באַראַק נישט געקענט פאַרשטיין פּ אַ ר וו אָ ס דער בחור איז נאָך אַלץ אַזוי צערודערט. דער פּיפּיקער קורץ האָט אפילו שפּעטער באַוויזן צו דערזען זיין מאָדנע משוגעת: זינט עטלעכע טעג האָט ער געהאַלטן דעם געווענלעכן שמוציקן שויפל צוקאָפּנס, אונטער זיין בעט... וויפל מען זאָל זיך נישט געוועזן וויצלען דערויף — האָט מעכעלע די דאָזיקע כלי געהיטן מיט אומפאַרשטענדלעכער ליבע אין פאַרלויף פון די ווייטערדיקע חדשים.

# קאַפּיטל זעקסאונצוואַנציק

— 1 —

דער זומער פון 1944 האָט זיך אַראָפּגעלאָזט איבערן ווערק צע אַזויווי אומדערוואַרט. אין וואַלד האָבן זיך די גראָזן צעזונגען מיט אַ פרי, יונג קול. אויך די בלאָטעס האָבן זיך גאָר שנעל אויסגעטריקנט און פאַרהיילט די בלאָטערן איבערן ווערק צע. דער פריער זומער האָט אויך אָפּגעשטעלט די שטערבלעכקייט פון לאַגער. ווער עס האָט געקענט האָט שוין פון זיך אַראָפּפאַרקויפט די מלבושים און שולצע איז שוין מיד געוואָרן אויף דעם צו רעאַגירן. ער איז נאָר געקומען עטלעכע מאָל צו לויפן אַ שכורער און געשווירן זיך מיט די ערנפולסטע שבועות, אַז די לעצטע עקזעקוציעס זענען נאָר געווען ריינער צופאַל, ג ע ז ע ץ ! דאָס קען פאַסירן אויך מיט דייטשע סאָלדאַטן וואָס באַגייען פאַרברעכנס... די פראָנטן דערנענטערן זיך און מען ווייסט נאָר מוזן אין זינען האָבן איין זאַך: אַ ר ב ע ט ! מען וועט זיך מוזן היטן נישט אָפּצוטון קיין שוויינעריי — ווייל יעדע קלייניקייט וועט שווער באַשטראָפט ווערן —

כ׳איז קריגס־געביט! דערפאַר אָבער וועט נישט דראָען קיין שום געפאַר די אַלע, וואָס וועלן זיך פירן אין אָרדענונג... אויף זיין ערן־וואָרט!

די צעהוליעט־אויסגעגילדנטע טעג האָבן צוגעגעבן חשק אים צו גלויבן. די וואָס האָבן פון זיך אַראָפּגעקויפט די מלבושים זענען גע־ווען צופרידן ביז גאָר: דערמיט האָבן זיי געראַטעוועט נאָך אַ פּאָר חדשים לעבן. איצט שיינט שוין די זון און מען קען שוין ווידער אַרומדרייען דעם גוף מיט שטיקער פּאַפּיר־זאַק און שמאַטעס. שולצע האָט אויך צו דעם געפונען אַן עצה: אין די מאַגאַזינען זענען נאָך געלעגן אוצרות מיט זיי־דענע, חסידישע קאַפּאָטעס, וואָס ער האָט אַמאָל געבערענגט פון מיידאַ־נעק. האָט ער די אָפּגעריסענע לייט צוגעשלעפּט ביז צום מאַגאַזין. פון דאָרט זענען זיי אַרויס מיט שוואַרצע, לאַנגע מלבושים — גראָד צו די זומער־טעג. שולצע אַליין האָט זיך ווילד געקאַטשעט פון געלעכטער, צו־זעענדיק ווי זיין שוואַרצע „מאַנאַכן־בריגאַדע" מאַרשירט אַרויס יעדן טאָג דורכן טויער... ווערק־צעניקעס האָבן אפילו דערלעבט אַ נקמה, צו־זעענדיק ווי אַזוי עטלעכע משומדים און אַסימילירטע וואַרשעווער בחו־רים, אַן אַ יידיש וואָרט אין מויל קענען זיך נישט קיין עצה געבן מיט די לאַנגע, רבנישע קאַפּאָטעס — פאַר וועלכע זיי האָבן אַרויסגעוויזן אַ פּאַנישע שרעק. דאָס איז אָבער געווען דאָס איינציקע, וואָס זיי האָבן גע־קענט האָבן צו פאַרדעקן דאָס דאַרע לייב.

די משוגענע פאַנטאַזיע ביי שולצען האָט זיך צוזאַמען מיט די זו־ניקע טעג היפּשלעך צעשפּילט. פּלוצים האָט ער נישט געקענט מער פאַר־טראָגן וואָס דער לאַגער איז צופיל מרה־שחורהדיק... ער איז דערפאַר אַוועק אין הינטערשטן טייל וואַלד און געהייסן אָפּריינקן אַ ריזיק שטיק פּלאַץ. אַלע ביימער זענען פון דאָרט אַרויסגעשניטן געוואָרן און עס איז באַפוילן געוואָרן דאָרט איינצואָרדענען אַ טאַנץ־פּאַרקעט. עטלעכע פּוי־לישע מייסטערס האָבן געאַרבעט לאַנג, ביז זיי האָבן דאָרט געלייגט אַ געשניצטע ברעטער־פּאָדלאָגע. דאָס האָט געדאַרפט זיין אַ פאַרוויילונגס־אָרט אונטערן פרייען הימל. לאַנג בעטן זיך דערויף האָט ער נישט גע־דאַרפט. די גאַנצע קאָמענדאַנטן־משפחה האָט גענומען שטראָמען אַהין און עס האָבן זיך אָנגעהויבן טאַנץ־פאַרוויילונגען ביז טיף אין דער נאַכט אַריין. פון ערגעצווו האָט מען געבערענגט האַרמאָניקעס. עס האָט זיך אָפּ־

געזוכט אַ מוזיק־פּראָפעסאָר, פידלען, טרומייטערס און עס איז אויפגעקומען אַ קליינער אָרקעסטער פון אונטער דער ערד.

אויב דאָס איז נאָך ווייניק געווען — איז געקומען אַ באַפעל, אַז עס מוזן איינגעאָרדנט ווערן קאָנצערטן אונטערן פרייען הימל, מיט געזאַנג, מוזיק און פרייד. פעלאַ מיט אירע שוועסטערן זענען אַרומגעלאָפן פאַרהאַוועט, געזוכט אַרטיסטישע כוחות צווישן די לאַגער־מענטשן. עס האָבן אָנגעהויבן אַרויסקומען מערערע טענצערינס, זינגערינס, אַרטיסטינס, וועלכע האָבן געמאַכט יעדן פאַרנאַכט לאַנגע רעפּעטיציעס און שניידער האָבן פּאַו' זיי געהאַלטן אין איין נייען באַלעט־קליידער... עס איז נאָר געווען דער ערשטער רמז אויף דעם פון די העכערע מקומות — און די גאַנצע קאָמענדאַנטור האָט גענומען אָניאָגן אויפן לאַגער אַזאַ מין פּאַנישע פאַרוויילונגס־מאַניע. אין די פאַרנאַכטן האָט מען ממש געטריבן וועמען עס האָט זיך געלאָזט צום גלאַטיקן פאַרקעט, ווו די שליאַכטע האָט זיך געוויילט און געטאַנצט.

פ אַ ר ג ע ס ן  א ו י ף  ו ו ע ל כ ע ר  ו ו ע ל ט  מ ע ן  א י ז! דאָס איז צו קלאָר אַרויסגעקומען פון שולצעס משוגעת אַרויס... דאָס האָט ער נאָר אָנגעשטעלט זיינע ווילדע קאַפּריזן, וועלכע זאָלן צודעקן דעם ניכטערנעם חשבון וואָס זיינע העכערע באַפעל־געבער האָבן אונטער דעם באַהאַלטן. קיינעם איז עס אָבער נישט אָנגעגאַנגען. פ אַ ר ג ע ס ן ? ווי גוט דאָס איז! טאָ ווען מען גייט עס אָן, אויב עמעצער באַפעלט אַזוי? צום פאַרקעט איז געקומען ווייזנבערג מיט זיין גאַנצן האַרעם געליבטע — מיט דער בלאָנדער פּיקרינערקע בראש. נעבן אים האָט זיך געשאַרט זיין געוויקסטיקע פרוי מיט איר געליבטן און פריינטלעך געשמייכלט צו אירע זייטיקע יינגלעך. ווייזנבערג האָט זיך אויסגעפּוצט אין די שענסטע בגדים זיינע, אַרויסגעוויזן אַזויפיל העפלעכקייט, אַז ער האָט זיך פאַרנויגט אויך פאַר זיין אייגן ווייב און זי איינגעלאַדן צום טאַנץ, מיט דער דערלויבעניש פון איר געליבטן — וואָס האָט מיט זיי געוווינט אונטער איין דאַך.

פעלאַ האָט זיך צעפּייערט, אָנגעפירט מיט די רעדלעך און הויך געשריגן צו אַלע זייטן פאַרוואָס מען שטייט ווי די גולמס, פאַרוואָס מען שפּרינגט נישט, מען באַווייזט נישט קיין טעמפּעראַמענט. די אָרגיעס אין וועלדל האָבן גענומען אַריינציען הונדערטער לאַגערניקעס. די געזאַנגען

און אויסגעלאסענע קולות האָבן זיך גענומען טראָגן צו די ווייטסטע דראָטן און זיך אַריבערגעקוילערט ביז אין תמעוואַטן וואַלד אַריין... די ערשטע צייטן האָבן די פאַרבייגייער פון דער אויסנוועלט זיך דערשראָקן, געמיינט אַז שדים טאַיען דאָרט אין די נעכט. דערפאַר האָבן זיי זיך אײַבערגעצלמט און ווייטער געלאָפן. דערנאָך האָבן זיך גענומען זאַמלען מחנות פון יונגן גייעסווארג, וואָס האָט זיך אַוועקגעשטעלט אויפן שײַטערן וואַלד־בערגל אַנטקעגנאיבער און מיט דערשראָקענע קנאה־אויגן אַריבערגעבליקט איבער די דראָטן, נישט קענענדיק פאַרשטיין:

— הוליען דאָס אַזוי די יידלעך?...

אָבער די טענצער־פאָרלעך האָבן שוין מער נישט געהאַט קיין פלאַץ אויפן ברעטערדיקן שטח און זיי האָבן זיך אויסגעצויגן ביז צו די סאַמע דראָטן. די ערשטע מינוטן האָט מען זיך געשראָקן, אָבער ווען קיינער האָט נישט רעאַגירט — האָט מען ביז האַלבער נאַכט זיך אַריינגעטוליעט אין די ווילדע קוסטעס נעבן דער שטעכל־דראָט און פון ווי ווייט האָט מען געקענט הערן דאָס זינדיקע קרעכצן פון דער דינער שיכט ווערק־צענײַקעס וואָס האָבן אויסגעלעבט זייערע לעצטע שעהען אונטערן שוץ פון דער גרינער, סאַמעטן־צעפלאָשעטער נאַכט.

די עלטערע פאָליאַקן אין דער פאַבריק האָבן זיך גענומען פאַרקוקן אויף די יידן פול מיט חשד און אומצוטרוי: וואָס קומט דאָ פאָר מיט זיי? אָט שיסט מען זיי אויס און די וואָס לעבן נאָך — שטרעקן אויס די הענט און בעטלען וואָס עס לאָזט זיך נאָר... און אָט גאָר — הוליען זיי דאָרט און די קולות שפאַרן אַדורך אַלע וואַלד־געדיכטענישן... אַ מאָדנע פאָלק!

און זיי זענען טאַקע מאָדנע, נישטאָ וואָס צו זאָגן: אָט האָבן זיי זיך אַמאָל געריסן צו די דראָטן אין די פינצטערע נעכט, אויסגעשטעלט זיך אויף אַ זיכערן טויט — אַבי צו מאַכן איין פינצטערן שפרונג אין דער פרייער וועלט אַריין... און איצט קענען זיי צוגיין אַזוי נאָענט, ליגן ממש ביי די דראָטן... און בלויז עטלעכע יידישע פאָליצייי היטן די גאַנצע דראָטענע מויער — אָבער קיינער אַנטלויפט נישט מער, קיינער פעלט נישט... איז עס אפשר דערפאַר ד ו ק אָ ווייל עס איז אַזוי לייכט? זיכער דוכט זיך אַלעמען, אַז איצט האָט מען צייט און מ׳וועט עס אַלעמאָל קענען...

מען שפּירט אין דער לופט אַז דאָ איז נישט גלאַט, אַז דאָ מוז שטעקן אַ באַהאַלטענע פאַסטקע — און מען וויל זי נישט אויפדעקן. מען לאָזט בושעווען דעם געווירבל און מ׳איז צופרידן דערפון וואָס מען ווערט אַריינגעדרייט אין אים. מען קלערט אַליין צו אַלערליי שפּיצלעך ווי אַזוי מען זאָל פאַרלירן דעם זכרון. עס הויבן זיך אָן נאַקעטע טענץ, פּייפּע־רייען, געשלעכט־פאַרמישונגען — און קיינער שטערט נישט. שולצע קומט יעדעס מאָל און שמייכלט אַריין צופרידן אין זיך אַריין. פאַר דער קאָמענדאַנטור הייסט עס אַז אים געפעלט עס — איז עס דאָך דערלויבט! דאַרף מען עס נאָך מער פאַרשטאַרקן. זאָל ער הנאה האָבן און זאָל עס אַרויסשלאָגן פון זיין קאָפּ אַלע בייזע פּלענער...

— 2 —

אויב די געוועזענע מאַסע פון ווערק צע האָט זיך שוין לאַנג אויפגעהערט צו וווּנדערן, וואָס זיי זאָלן נאָר נישט זען — האָבן זיי דאָך נישט געקענט באַגרייפן וואָס עס איז אַזוינס געשען מיט די דייטשן אין די לעצטע טעג:

ערשט נישט לאַנג האָבן זיי זיך גענומען צום אויספירן עקזעקוציעס, צוריק גרויזאַם צו זיין. דערנאָך האָבן זיי אָוועקגענומען דאָס אויג, געלאָזט אַריינשמוגלען עסנוואַרגן אין לאַגער כמעט אָן קאָנטראָל... געלאָזט האַנדלען און זיך נישט מאַכן וויסנדיק. האָט מען געקענט מיינען אַז איצט איז צוריק דער קורס אַ לייכטער — איז ווידער אַ טעות:

זינט ווערק צע עקזיסטירט, האָבן די יידן קיין ספּעציעלע אָפּצייכענונגען נישט געטראָגן. מען האָט זיי נאָר געקענט דערקענען לויט זייערע פאַרברענטע אָדער פאַרגעלטע פּנימער. אָבער גראָד איצט, ביים אָנקום פון פרילינג איז שולצע איינמאָל אַריינגעפאַלן אַ צעיאַכמעטער אין לאַגער אַריין און באַפוילן:

— אַלע ווערן געצייכנט! די צייכנס מוזן זיין גרויס און מערקבאַר — פון אַלע זייטן!

און שוין מוז מעכעלע מיט נאָך צוויי מאָלערס שטיין גאַנצע טעג ביים טויער — און ווער עס גייט נאָר פאַרביי — מוז באַקומען אַ דיקן שמיר מיט רויטער פאַרב, סיי אויפן ראַק און סיי פון ביידע זייטן הויזן.

די צייכנס פון 15־צענטימעטער אויפן רוקן וועלן שוין אָנווייזן פון ווי ווייט אַז דאָ גייט אַ ייד אָדער אַ יידישקע... און שולצע איז שטרענג! די אייל־פאַרב מוז געשמירט ווערן ביי די מיידלעך אויף די דינסטע בלוזעס, מיט וועלכע זיי צירן זיך. און נישט איינמאָל מוז מעכעלע, אונטער שולצעס אויפזיכט, געבן אַזאַ שאַרפן שמיר אַז דער פלעק זאָל זיך אָפּזעצן אויך אויף די דינע העמדלעך און לייבער פון די מיידלעך. ער איז דערביי אַזוי אויפגערעגט, אַז ער גייט אויך אין די באַראַקן נישטערן אויב עמעץ האָט נישט אין רעזערוו נאָך אַ בגד וואָס איז נאָך נישט געצייכנט. ער פאַלט אַריין אין די מיידל־באַראַקן, נישטערט ביי זיי אין די בעטן און וואָס ער זאָל נישט טרעפן — פון אַ קלייד ביז דער קלענסטער שמאַטע — מוז באַלד זיך אויסציען דערויף אַ לאַנגער שטריך. מעכעלע, וואָס מאַכט די דאָזיקע אַרבעט איז שוין מיד פון אויסהערן די כסדרדיקע פּליסטערייען:

— כ׳בעט אייך... מאַכט עס מיט אַזאַ פאַרב, וואָס מ׳זאָל קענען דערנאָך אויסוואַשן...

שולצע קוקט אויף זיינע הענט מיט אַ שרעקלעכן חשד... ער ברומט אים אפילו איינמאָל גאָר אַרויס:

— איך ווייס... איר וואַרט דאָך אַלע ביז די באָלשעוויקעס וועלן צוקומען גאָר נאָענט... דאַן וועט איר אַלע אַרויסשטורעמען און זיך איבערטון אין די צוגעגרייטע קליידער. איר ווילט גאָר זיין די ערשטע פּאָרפאָסטנס און אָנווייזן די רוסן אויף אונדזערע שפּורן? זאָג איך ריכטיק? אָבער זיי זיכער, אַז מיר נעמען אָן אַלע געהעריקע מאָסמיטלען...

עס איז נישט געווען קיין עצה, ווי צו גנבענען קליינע פלעשלעך אַצעטאָן אין דער פאַבריק, וואָס זאָל אין לעצטן מאָמענט קענען אַרויסציען די פאַרב פון די מלבושים. די איינציקע נישט־געצייכנטע זענען געבליבן די פּאָליציי און קאָמענדאַנטור.

אַלע סימנים האָבן געוויזן אַז דער לאַגער וועט איצטער אונטערגעוואָרפן ווערן אַ סך שטרענגע געזעצן. דערפאַר איז זיך נישט געווען פאָרצושטעלן ווי אַזוי עס האָט זיך גלייכצייטיק איינגעבראָכן די וואַנט צווישן די דייטשן און די יידן פון לאַגער. אָנגעהויבן האָט זיך עס דערפון וואָס צו אַזאַ טאַנץ־אָוונט האָבן זיך באַוויזן עטלעכע ווערקשוץ. דאַן האָבן גענומען קומען אַ פּאָר זייטיקע מייסטערלעך פון פאַבריק. זיי האָבן

טאַקע קיין גרויסע ראָל נישט געשפּילט — אָבער דער עצם פאַקט, וואָס זיי האָבן זיך דערלויבט צו קומען זען די יידישע שפּילערייען האָט שוין אָנגעזאָגט עפּעס נייעס. אַרום דעם האָבן זיך גענומען וועבן קלאַנגען אויף קלאַנגען. די דאָזיקע ווערסיעס האָבן זיך געמוזט שטאַרקן פון טאָג צו טאָג. אָט איז געקומען אַן אָנזאָג, אַז פון דער צווייטער וואָך אָן וועלן די יידן פון אַלע ווערקן זיך קענען פריי צוזאַמענטרעפן. אויף אַ זונטיק דאַרף איינגעאָרדנט ווערן אַ ריזיקער קאָנצערט אין ווערק צע — און פון ווערק א׳ וועלן מעגן קומען אויף אַ שפּאַציר 500 יידן בייצוזיין די פאָר־שטעלונג. דערנאָך וועט ווערק א׳ צוגרייטן אַזאַ מין באַל — און די ווערק־צעניקעס וועלן קענען גיין אַהין, אונטער דער בלויזער וואַך פון אַ פּאָר יידישע פּאָליציי...

אויף אַזאַ פרייהייט האָט מען זיך נישט געקענט צוגלייבן. אין די ענגע באַראַקן איז מען נאָך געזעסן און אַרייַנגעקלערט דערין. מעכעלע, וואָס איז דערווייל געוואָרן דער הויפּט פּאָליטיקער פון די אונטערשטע באַראַקן, איז געזעסן און דווקא געוואָלט באַווייזן ווי אויף דער האַנט, אַז דאָ ווילן די דייטשן אַריינגאַרן דעם עולם. דאָס ווילן זיי אַזוי איינ־שלעפערן ווערק צע, אַז מען זאָל נישט וויסן, פאַרגעסן מיט וועמען מען האָט צו טון! עס איז אַ שווערע צייט, די דייטשן ווילן זיך באַלד נעמען שרעקן פאַרן אייגענעם שאָטן און דאָ קען אויך אַ קאַץ קאַליע מאַכן. יידן קענען לויפן אין די וועלדער, מאַכן סאַבאָטאַזש אין דער פאַבריק און בכלל האַלטן אַן אויג — אָדער זיך גרייטן צום ווידערשטאַנד אין די מינוטן פון אַ גרויסער צרה. דאַרף מען זיי פאַרדרייען די קעפּ, ווייזן זיי אַביסל אָפּגעלאָזנקייט — און זיי וועלן זיך דערמיט פאַרשפּילן, פאַרלירן דעם גאַנצן אימפּעט...

קיינער האָט אָבער מעכעלען נישט ג ע וו אָ ל ט גלויבן, ביז ער אַליין האָט זיך געפּרוווט איינרעדן אַז ער איז אַ שוואַרץ־זעער, אַ בייזער וואָרעם וואָס פאַרגינט נישט די יידן אַביסל רואיקע מינוטן. דער עולם איז שוין אויך אַזוי מיד געוואָרן, אַז זיי האָבן געוואָלט אויפנעמען די פּאָר שטילע טעג אָדער וואָכן מיט אַ ב ל י נ ד געפיל, באַצאָלן דער־פאַר אַלע פרייזן וואָס קענען ערשט ש פּ ע ט ע ר אויפגעמאָנט ווערן — אַבי דערווייל צו געניסן, זויגן די מנוחה מיט אַ פול מויל... טאָ אויף וואָס דאַרף מען די אַלע פּירושים פון אַזאַ דריי־קאָפּ מיט זיינע פלינקע

אויסטייטשונגען!? זיי פאַרגיפטן נאָר די געשענקטע מינוטן און וואַרפן אַן אַ פּחד — בעת העלפן קענען זיי סייווי גאָרנישט.

אין אַ וואַלד־ווינקל האָט מעכעלע געהאַט אפילו עטלעכע צוזאַמענ־טרעפן מיט אַ פּאָר צוטרוילעכע ייִנגלעך און פּאָליציאַנטן. זיין פּלאַן איז געווען אַ פּשוטער: זיי זאָלן נעמען ביסלעכווייז גנבענען געווער אין די אָפּגעלעגענע בונקערס, וווהין טייל יידן קענען לייכט צוקומען. דאָס זאָל מען אין די נעכט באַגראָבן אין אַ לאָך אונטער די באַראַקן. קען זיין, אַז מען וועט דאַרפן לויפן — זאָל עס נישט זיין מיט ליידיקע הענט! עס קען אויך זיין אַז מען וועט זיך גאָר דאַרפן פאַרטיידיקן אין די לעצטע מינוטן, שטעלן אַ ווידערשטאַנד.

די פּאָליציאַנטן מאָניעק קופערבלום מיט איטשקע פעדערמאַן האָבן אפילו צוגעזאָגט מיטצוהעלפן דערצו. מעכעלע האָט פאָרזיכטיק אַ שמועס געטון מיט נאָך עטלעכע פּאָליציאַנטן, וואָס היטן די דראָטן. אַלע האָבן מסכים געווען, גרייט געווען אָנצוהייבן... מעכעלע האָט גענומען אויס־ברייטערן דעם קרייז — אָבער קיינער האָט גאָרנישט געטון, אַז דאָס ערשטע קעסטל קוילן זאָל שוין ליגן גרייט. מען האָט עס אָנגעהויבן אָפּ־לייגן פון טאָג צו טאָג און ער האָט געזען קלאָר אַז דאָ וויל קיינער גאָר־נישט איינשטעלן.

פון ווערק א׳ האָבן דערווייל גענומען שטראָמען די באַזוכער און געסט, וואָס קיינער כמעט האָט זיי ניט געהיטן איבערן וועג. דאָס האָט באַוויזן אַז עס קענען זיך נאָך מאַכן זייער אַ סך גרינגע געלעגנהייטן צו אַנטלויפן, ווען די צייט וועט ברענען אונטער די טריט — טאָ צוליב וואָס ריזיקירן? פאַרוואָס איינשטעלן דאָס לעבן?

און אויב ווערק צע האָט געהאַט ווייניק איבערראַשונגען איבער דער צייט פון זיין עקזיסטענץ — איז געקומען אַזעלכעס וואָס האָט צע־טרייסלט דעם לאַגער:

אין איינעם אַ זונטיק, ווען אין וועלדל האָבן זיך געפינען טויזנטער יידן — געקומענע אויך פון די שכנותדיקע לאַגער־אָפּטיילונגען — איז פאָרגעקומען די גוואַלדיקסטע פאָרשטעלונג וואָס דער לאַגער האָט אַמאָל געזען. עס זענען אויסגעשולט געוואָרן עטלעכע כאָרן און אַ גאַנצע ריי מיידלעך זענען אויפגעטרעטן מיט טענץ און סאָלאָ־נומערן געזאַנג. אי־בערן ריזיקן שטיק וואַלד זענען צעשטעלט געוואָרן בענק און דער עולם

איז געזעסן אין אַזאַ סדר, ווי עס וואָלט דאָ נאָר געווען אַזאַ מין אַמפּי־טעאַטער... פּעלאַ האָט געלאָזט מאַכן פאַרביקע דעקאָראַציעס פון אַלער־ליי קאָלירטע שמאַטעס, אויסגעבויט אַ ריזיקע סצענע פון ברעטער וואָס האָט זיך אַרויסגעהויבן און געשימערט צווישן דעם וואַלדיקן גרין מיט אויסטערלישער פּראַכט. אַרום דער סצענע האָבן געבליצט צענדליקער עלעקטרישע לעמפּלעך, וואָס זענען באַצירט געווען מיט פּאַפּירלעך פון אַלערליי פאַרבן. הונדערטער פּאַליאַקן האָבן זיך אָנגעזאַמלט ביי די דראָטן און נישט געקענט פאַרשטיין: ווי אַזוי דערלויבן די דייטשן אַזאַ מין פאַרשווענדערישקייט? איז נישט אַמאָל פאָרגעקומען אַזאַ מין געהיי־מער שלום־אָפּמאַך צווישן די געראודפטע יידן און זייערע פייניקער?

פלוצים האָט זיך געהערט אַ פּייפן פון טרומייטערס און אַ גאַנצע ריי עלעגאַנטע טאַקסיס האָבן גענומען ציען צום יידן־לאַגער. ווען דער עולם האָט זיך גענומען הייבן דערשראָקן פון די ערטער, האָט פּעלאַ אַלע־מען באַרואיקט מיט איר סודותדיקן שמייכל: זיצן בלייבן רואיק, דיסצי־פּלינירט!... וואָס קען דאָ זיין?

אויפן שמאָלן וועגל וואָס פירט צו דער סצענע האָבן זיך באַוויזן אַ ריי הערלעכע דייטשע מונדירן פון פאַרשידענע קאָלירן. פאָראויס האָט געשפּרייזט דאָקטאָר ראָסט אַליין — און אפשר דאָס ערשטע מאָל אין זיין לעבן געשמייכלט אין אָנבליק פון אַזויפיל יידישע קעפּ... זיין זונ־טיקדיקער ס. א.־מונדיר האָט געגלאַנצט פון פרישקייט. הינטער אים האָט מען געזען מייסטער קרעבס פון די גראַנאַטן... און נאָך זיי האָבן זיך אַ שיט געטון אַ גאַנצע מחנה מיט דייטשע דירעקטאָרן, אָפיצירן, געשטאַ־פּאָ־לייט... אַלע זענען זיי געווען שמייכלענדיק, פריינטלעך — אַזויווי געסט אויף אַ חתונה...

אַרום איז געוואָרן טויט־שטיל. בלויז פּעלאַ מיט ווייזנבערגן זענען זיי אַנטקעגנגעלאָפן און אויפגענומען מיט אַ חניפהדיק שמייכעלע. דר. ראָסטס שטים האָט דאָס מאָל געוואָלט זיין לייכט, פריילעך און העפ־לעך:

— ביטע, זעצט פאָר... שטערט אייך נישט... מיר זענען נאָר גע־קומען זען יידישע קונסט — און ווי אַזוי זי ווערט אויפגעפירט...

דערביי האָט ער זיך אַריינגעזעצט צוזאַמען מיט זיינע באַגלייטער אין מיטן די בענק, וואָס זענען באַזעצט פון וועדק־צע־יידן — און נישט

אַראָפּגענומען זיין אויג פון דער סצענע... די „אַקטיאָרן“ זענען אַ ווייל צעמישט געוואָרן. עמעץ האָט פון דאָרט גענומען אַראָפּשיסן אַן אַלט דייטש לידל לכבוד די געסט:

דער קייזער ווילהעלם טוט שפּאַנען זיין וואָגן —
און פאָרט אין קריג אַריין... אין קריג אַריין!
ווייל קעגן די פראַנצאָזן, קעגן די פראַנצאָזן —
קען עס, יאַ, נישט אַנדערש זיין — — —

שולצע האָט זיך אָבער שנעל אַרויפגעכאַפּט אויף דער טריבונע מיט זיין צעיאַכמערטקייט און געבעטן:

—דייטשע לידלעך קענען שוין די הערשאַפטן... זיי ווילן איצט הערן יידישע, העברעאישע... קען אויך זיין פּוילישע... קען אויך זיין יידיש־נאַציאָנאַלע, לידער פון האָפענונג... ביטע נישט אַראָפּגיין פון וועג, נישט שטערן זיך... די הויכגעשטעלטע געסט זענען געקומען ווי נאָרמאַלע צושויער — מער גאָרנישט!

נאָכן הערן פון אַזאַ בייזן וווּנדער איז אויך מעכעלע געקומען אָנ־צולויפן. ער האָט פון זיין ווייטן פּלאַץ דאָס צוגעקוקט און נישט געקענט גלויבן זיינע אויגן:

אויף דער סצענע דרייען זיך פיגורן, זינגען עפּעס... אַהאַ, אַ יידיש פאָלקס־ליד פון אַ קראָקעווער פאָלקס־דיכטער, מרדכי געבירטיק... זיינס אַ טאָכטער מיטן איידעם געפינען זיך אין ווערק צע און זיי האָבן די לי־דער פאַרשפּרייט... ערשט נישט לאַנג איז דער דיכטער געוואָרן אומגע־ברענגט פון די דייטשן — און ער האָט זיכער נישט געחלומט אַז זיין באַזינגען אַ יידישן גנב, אברהמעלע מאַרעוויכער וועט אויסגעקרעכצט ווערן אין אַ וואַלד ווו עס רוען טויזנטער הרוגים און דערביי וועט אויך זיצן אַ דר. ראָסט מיט נאָך געשטאַפּאָ־לייט און זיי וועלן הערן, איינ־הערן זיך — — —

וּוי מאָדנע דאָס איז: ראָסט זיצט אַרומגערינגלט מיט אַ ים יידישע קעפּ! ער ציט נישט דעם רעוואָלווער, ער שיסט נישט... ער באַפעלט נישט מיט טויט אין זייער אָנוועזנהייט! ער זיצט גאָר צווישן זיי און שמייכלט, ציט אַרויף הנאה און זיין סוכאָטנע פּרצוף לאַכט... לאַכט! הע, ער אַ פּ־ל אָ ד י ר ט גאָר! און מיט אים צוזאַמען אַפּלאָדירן צוויי צענדליק דיי־טשע הענט פאַר יידישע זינגער און שקלאַפן... קענען די דאָזיקע הענט

וואָס אַפּלאָדירן — מאָרגן האַלטן אַ משחית אין די הענט, וואָס זאָלן צילן אין די הערצער פון די דאָזיקע זינגער? קען דאָס זײַן? און ווי אַזוי קענען זיי זיך דאָס דערלויבן אַזאַ פאַרברודערונג מיט די אָפּגעריסענע יידן, אַזאַ מין זיצן צווישן זיי — ווען דער הימל איז אָפן און די דראָטן זענען שיטער — און אַזויפיל אויגן זעען עס צו פון דערווייטנס?

ניין, ער מוז צעטומלט ווערן דער אָרעמער מעכעלע! זעט נאָר, זעט ווי אַזוי די קאָמענדאַנטין שמעלצט זיך פון שטאָלצן, איבערראַשטן נחת! קוקט זיך איין ווי אַזוי ווייזנבערגס אויגן גייען איבער פון משוגענעם גליק! נעמט אַריין אין אייער בליק, ווי אַזוי שולצע העלפט דיריגירן פון דער ווייטנס מיט זײַן קאַליקע הענטל... זײַן פּנים איז איצט צעשויבערט פון אַלערליי צוגעלאָזענע קנייטשן און ראָסט מיט זאָנדערן פּאַטשן מיט די הענט... איז די וועלט נישט איבערגעקערט געוואָרן אַמאָל? וואָס מאַכסטו זיך נאַריש, דו שוואַרצגעדאַנקיקער מעכעלע און האַלטסט אין איין שרעקן דײַנע חברים און צוהערער?!... זעסטו גאָרנישט? פּאַר־שטייסטו גאָרנישט פון דעם וואָס דײַנע אויגן זעען? איצט וועסטו שוין מוזן שווייגן, נישט שיטן מער קיין זאַלץ אויף אַנדערעס געדאַנקען — נישט דערפּאַר ווייל דו וועסט זיך שרעקן, נאָר וועסט שוין אַליין נישט וויסן אויף וועלכער וועלט דו ביזט... אויב דאָס היינטיקע האָט געקענט געשען — פון וואַנעט קענסטו זיכער זײַן אַז מאָרגן זאָלן די זעל־בע מונדירן נישט קומען און אויפשניידן די דראָטן, אויסרופן די פריי־הייט? אַזאַ אַוועקזעצן זיך צווישן יידן — איז זיכער נישט קיין שכורער צופאַל... אַזוי ווייט וועלן זיך דייטשע אָפיצירן נישט פאַרגעסן! דאָס איז אַ נייער חשבון, אַ נייער סיסטעם! דאָס ציט זיך אוודאי ביז צו די העכס־טע שפּיצן! טאָ ווער קען עס וויסן? אפשר זיצן איצט, אין דער זעלבער מינוט, דייטשע אָפיצירן אויך צווישן די לעצטע יידן אין וואַרשע און אין קראָקע... אין בודאַפּעשט און אין בערלין?

— 3 —

מעכעלע קען נישט טראַכטן ווייטער ווי זײַן שכל דערטראָגט אים. פאַרוואָס טוען זיי עס? אפשר ווילן זיי דערמיט גאָר דערגרייכן — אַז אַזעלכע מעכעלעך זאָלן זיך לאָזן נאַרן, לאָזן זיך פאַרוויגן מיט חלומות

און נישט אנען אפילו, ווי אַזוי דער לעצטער שטריק גייט זיי פאַרוואָרפן ווערן אַרום דעם האַלדז?

מעכעלע וויל זיך לאָזן אָנשטעקן מיט דעם גליקלעכן גלאַנץ וואָס זעצט איצט אַרויס פון טויזנטער אויגן. דאָ פייערן אויגן, הערצער שלאָגן און מוחות דרייען זיך איצט אַרום איין פּינטעלע: ז יי ... ווי אַזוי זיצן זיי דאָ? איז נישט אַמאָל פאָרגעקומען קיין רעוואָלוציע אין דייטשלאַנד? איז נישט די מאַכט אַמאָל אַריבערגעגאַנגען אין אַנדערע הענט, וואָס האָבן פּראָקלאַמירט פרייהייט, גלייכהייט פאַר אַלעמען — אפילו פאַר יידן?... עס קען גאָר זיין, אַז נאָך דער פאַרשטעלונג וועט דר. ראָסט אַרויפגיין אויף דער טריבונע און ער וועט עס דערציילן... ער וועט בעטן מחילה פאַר דעם פאַרגאַנגענעם, אויפווייזן אַז נישט ער איז דער שולדיקער... און אַז אויף ווייטער...

אַ מינוט בלויז וואַכט מעכעלע אויף אין מיטן פון זיין פאַנטאַזיע־שפּיל: און וואָס וועט זיין, אויב דאָס וועט טאַקע געשען אין אַ פּאָר מינוטן אַרום? די מאַסע וועט זיכער נעמען יובלען פון באַגייסטערונג, שרייען, בוקן זיך, פאַרגעסן... וואָס דאַרף ע ר אַ ל יי ן דאַן טון? זאָל ער מיטהאַלטן? אָדער זאָל ער דאַן זיך צודראַפּען ביז צו דער טריבונע און זאָגן אַ נ ד ע ר ש ווי אַלע? זאָל ער אויך דאַן אויסשרייען אַז מען טאָר נ י ש ט, מען קען נישט!? עס קען זיין, אַז אַפילו נאָך אַזעלכע ענדערונגען וועט ראָסט ווידער אַרויסנעמען זיין כלי־זיין און ווייטער דערשיסן... עס קען אויך זיין אַז ראָסט זאָל בלייבן שטיין פאַרשעמט, נאָר דער המון זאָל זיך אַ וואָרף טון אויף מעכעלען און אים לינטשן דערפאַר? זיי וועלן זיך אַזוי לייכט נישט לאָזן אַוועקנעמען די מינוטן פון אַזאַ פאַרגעניגן... אָט די צעהיצטע קאָמענדאַנטן־משפּחה — אוודאי נישט... טאָ וואָס וועט זיין? וואָס ד אַ ר ף צו זיין?...

אָרעמער מעכעלע! וואָס דיר קען זיך אַלץ אָנפּלאָנטערן אין קאָפּ במשך פון געציילטע מינוטן, בעת וועלכע דיין פאַנטאַזיע קען זיך אַביסל אַנזויגן מיט קלערענישן און זיי אויספּוצן מיט בילדער, אַזוי־ווי פּעלאַ האָט עס באַוויזן צו טון מיט דער סצענע און אירע פאַרביקע שמאַטעס... אָט האָבן עס שוין די דייטשע הערן געענדיקט! זיי שטעלן זיך אויף, ציען זיך אויס אין זייער גאַנצער אָפּיציריש־באַפעלערישער חשיבות און נעמען זוכן אַ וועג אַרויסצוגיין... קיינער פון זיי קלעטערט נישט צו דער סצע־

נע און קיינער פון זיי האָט נישט בדעה צו מעלדן קיין נייעס? ניין... זיי וואַרפן בלויז צו אַ פּאָר לעבלעכע ווערטער צו פעלאַן, דריקן איר די האַנט ווי זיי טוען עס שטענדיק — אפילו ווען זיי מאַכן אַ סעלעקציע אָדער פירן אויס אַן עקזעקוציע...

זיי שפּרייזן צוריק, די שאַפערן וואַכן אויף פון זייער דרימל אין די וואַגנס און נעמען זיך אויספּרווון די מאַשין־רעדלעך, גלייך ווי די טרייב־מאָטאָרן וואָלטן ביז איצט געשלאָפן און נישט זיי... איבערן ווערק צע האָט זיך צוריק אַ הויב געטון אַ דינער שטויב, וואָס האָט זיך שטיפּע־ריש אַ קוליע געטון אין דער לופט. די טרובעס האָבן ווידער אַ פּייף גע־טון — און אויס! די הערשאַפטן זענען צוריק פאַרשווינדן אויפן שליאַך און די זון האָט זיך גענומען איילעוודיק אַרונטערלאָזן אין יענער ריכטונג, גלייך ווי זי וואָלט געווען די איינציקע, וואָס יאָגט זיי נאָך אין דער פאַר־שווונדנקייט אַריין...

אין וועלדל איז געוואָרן שיטערער. די מענטשן האָבן זיך גענומען איינציקווייז צוריקציען אין זייערע באַראַקן, בכדי צו קענען אין ענגע קופּקעלעך דיסקוטירן און איבערגעבן זיך די איינדרוקן פון טאָג. אַלע זענען צעשרויפט, איבעררַאַשט. דאָך וויל זיך קיינער דאָ נישט מודה זיין אַז ער האָט דאָ דערוואַרט נ אָ ך ע פּ ע ס און דערנאָך האָט ער זיך שטיל אַ נ ט ו י ש ט ...

אַלע זענען זיכער אַז עס וועלן נאָכקומען ווייטערדיקע געשעענישן... עפּעס האָט זיך דאָרט געענדערט... ווו דער ד אָ ר ט ן איז — ווייסט קיינער נישט און וויל נישט אַרויסרעדן. פאַרוואָס די לייט האָבן עס נישט געוואָלט אויסזאָגן? דאָס איז דאָך קלאָר: אַזעלכענע מערדער ווילן עס נאָך באַהאַלטן אַ פּאָר טעג... זיי קענען דעם פאַרגעניגן אַזוי שנעל נישט פאַרגינען זייערע יידן! איבעריקנס האָט זיך נ אָ ר ד אָ ר ט ן עפּעס איבערגעקערט — זיי אַליין זענען געבליבן די זעלבע. מוזן זיי האָבן צייט, בכדי זיך איבערצושטעלן, זיך צופּאַסן צו דעם נייעם און אויך געפינען אַן אויסוועג פאַר זיך... לוינט זיך זיי, אַז דערווייל זאָל עס קיינער נישט וויסן: עס ברענט נישט! זיי האָבן נאָר געמוזט געבן דעם ערשטן, אומ־קלאָרן אַוואַנס דערויף!

און איין גאָט ווייסט, ווי אַזוי ווערק צע האָט טיף אין דער נאַכט

געקענט באַקומען אַזעלכע מאָדנע ידיעות וואָס „אַלע אין דער פאַבריק" ווייסן שוין פון זיי:

פון די וועלדער און די בונקערס האָבן אַרויסגעזעצט הונדערטער טויזנטער יידן... זיי דרייען זיך אַרום פראַנק און פריי איבער די גאַסן פון קיעלץ און פון ראַדעם, איבער אַלע שטעט פון פוילן... קיינער טוט זיי גאָרנישט... מען שטעלט זיי אפילו נישט אָפּ... מען צווינגט זיי נישט מער אפילו צו טראָגן די ווייסע בענדער מיט די בלויע מגן־דודס... זיי אַליין האָבן זיך אָבער אָנגעניית אַזעלכע איבער דער גאַנצער ברייט פון דער ברוסט, פון כבוד־וועגן... און יעדער דייטש וואָס גייט נעבן זיי פאַר־ביי — סאַלוטירט מיליטעריש — — —

דער פלינקער, אָפּטימיסטישער פרידלאַנד האָט זיך אפילו אַריינ־געכאַפּט צו מעכעלען אין באַראַק שפּעט ביינאַכט, אים אַ ריס געגעבן, אָנגעשטעלט אַ פּאָר באַגייסטערט־צעשמאָלצענע אויגן און אַזוי ווי אַלץ וואָלט שוין קלאָר געווען, האָט ער אים נאָר טריאומפירנדיק אַ פרעג גע־טון:

— נו, וואָס זאָגסטו איצט?

וואָס זאָל ער דען זאָגן, מעכעלע? ער האָט גאָרנישט וואָס צו זאָגן. דערפאַר אָבער האָט עס אויפגעוועקט דעם גראָבן אַבראַם, וועלכער האָט פון גרויס שמחה פאַרלוירן דאָס לשון. ער האָט געטראַכט עטלעכע סע־קונדן, וואָס ער האָט איצט צו טון פאַר פרייד. היות די ווערטער זענען ביי אים אויסגערונען — האָט ער בלויז אַראָפּגעצויגן פון זיין קאָפּ־ווינקל איינעם פון זיינע שווערע שטיוול און מיט דער גאַנצער קראַפט אים אַ שליידער געטון אין דער הויך ביז צום סופית...

## קאַפּיטל זיבנאונצוואַנציק

— 1 —

נישט יעדער קען מיט אַזאַ לייכטקייט איבערטראָגן אַלערליי ווערק־צע שמחות, ווערק־צע־האָפענונגען און אַנטוישונגען. אַלנפאַלס האָט עס

מער נישט געקענט דער שטילער, קלוגער ווראָצלאַווסקי פון צווייטן באַראַק...

וואָס איז דען געשען אויפן צווייטן טאָג? גאָרנישט. די פּאָליציי־אישע פייפלעך האָבן ווידער זיך איינגעגעסן אין די בלויע פאַרטאָגן און געשטאָכן דעם געשמאַקסטן שלאָף אין האַרץ אַריין. די פּאָליציי און פאָר־אַרבעטער האָבן זיך ווידער אַריינגעריסן אין די באַראַקן און געשלעפּט זייערע מענטשן פון די פּריטשן... און ווידער האָט מען געמאַכט אַפּעלן און אַרויסגעשטויסן די מחנות דורכן טויער. וואָס איז מיט די נעכטיקע ידיעות? אַן עסק גאָר! אַבי איין נאַכט איז געווען אַ גוטע! אַבי מען האָט זיך געצאַפּלט אַ פּאָר פינצטערע שעה אין אַ פיבערדיקער פרייד! דאָס איז אויך אַ קרן... ווי אַזוי דען אַנדערש קען ווערק צע פּאַר זיך אויסמייס־טערן אַביסל פאַרגעניגן, אַביסל האָפענונג? אויף מאָרגן מאַכט מען זיך אפילו נישט־וויסנדיק דערפון און מען שלעפּט ווייטער דעם יאָך... דאָס איז אָבער נישט געזאָגט געוואָרן פאַרן שטיליטשקן ווראָצלאַווסקי...

ווער האָט זיך דען מיט אים אינטערעסירט פריער? זעלטן ווער. אַמאָל, אין וואַרשע האָט ער געהערט צו די גאָר־גרויסע: תורה וגדולה... אַ רייך געשעפט און אַ שיינע, איידל־אַריסטאָקראַטישע שטוב... וואָס פאַר' אַ ראָל האָט דאָס אָבער געשפּילט ביים אָנקומען אין מיידאַנעק?

ער האָט געהאַט נסים, וואָס מען האָט אים פון דאָרט אויסגעקליבן אינעם טראַנספּאָרט פון סקאַרזשיסקאָ. איין גאָט האָט נאָר צוגעלייגט אַ פינגער, אַז זיין געטרייער, ערלעכער קנעכט וואָס האָט שוין געהאַלטן ביי די פערציק יאָר — זאָל מיט זיין איינגעצויגן פנים נאָך זוכה זיין אַרויסגעפירט צו ווערן לעבעדיק פון די מיידאַנעקער טויערן... און ווראָצ־לאַווסקי האָט געוווסט אַז ער איז שולדיק אַ דאַנק דעם, וואָס האָט נאָך די השגחה פרטית נישט אין גאַנצן אויסגעלאָשן... כאָטש וואָס: מה אני ומה חיי? וואָס קומט אַרויס פון דעם — ווען ווייב און קינד זענען אַרויף אין הימל מיטן פייערדיקן רייטוואָגן?

נאָר מאיר ווראָצלאַווסקי וועט נישט גיין אַרומטראָגן זיך מיט כסדר־דיקע תרעומותן... בפרט — קעגן וועמען? קעגן בורא עולם? ער ווייסט זיכער ב ע ס ע ר וואָס ער האָט צו טון און וואָס ער דאַרף צו טון... און אַז ער וועט האַלטן אין איין פ ר ע ג ן — וועט דען בעסער זיין? וועט אים עמעצער ענטפערן?

אַ חסידישער ייד — האָט ער אויך ליב געהאַט צו כאַפּן אַ בליק אין חקירה־ספרים... אָט, אין רמב״ם למשל... אפילו אין ווערק צע קען ער זיך אַמאָל אַ פאַרטראַכט טון וועגן העכערע ענינים. ער איז גרייט מסכים צו זיין וועגן אַקטיוון שכל, וואָס נאָר ער איז זוכה אויפצושטיין תחיית המתים — די רעשט איז סיי ווי בלאָטע; בלוט און חומר וואָס מען דאַרף אין קיין אייביקער וועלט נישט האָבן... אַ געשעפּט זעסטו! דאָך טוט אים וויי, וואָס ער איז געבליבן אַליין... איי, געוואַלד ווי אים טוט וויי! אָט ערשט נישט לאַנג צוריק האָט ער טאַקע אַ שמועס געטון מיט מעכעלען:

— ווי געשריגן! וואָס איז דען רוח הקודש? כ׳מיין דער רוח הקודש פאַר די לעצטע דורות, נישט פון די נביאימס צייטן? וואָס איז עס דען, אויב נישט אַ מאָמענטאַלע אַנטפּלעקונג — אַ געטלעכער אויפלויכט אַזאַ, וואָס גיט פּלוצים אַ בליץ אין מח און דער מענטש פאַרשטייט ראַפּטום דאָס, וואָס ער האָט לאַנגע יאָרן נישט פאַרשטאַנען? איז אויב אַזוי, פאַר־וואָס זאָל ער, כביכל נישט געבן אַמאָל אַ שיין אַריין אינעם מח פון אַזאַ וואָרצלאַווסקי אָדער אַן אַנדער געפּייניקטן יידן? ער דאַרף נישט קיין סך: בלויז איין מאָל זאָל ער אַריינכאַפּן די פאַרשטענדעניש אין דער האַנט און דערווייסן זיך: פאַרוואָס? פאַרווען? ער וויל זיך דען ווייטער מישן אין אויבערשטנס התנהגות? נאָר גיי, רעד... פרעג!...

אָט זענען אַמאָל געווען גליקלעכע דורות! דאָס הייסט: קדו־שים זענען שטענדיק געווען... אָט אפילו אין די צייטן פון די תנאים! זיי האָבן דאָך זיכער פאַרדינט אַ בעסער מזל — און דאָך: מי לנו גדול פון די „עשרה הרוגי מלכות“!? צען מלאכימדיקע געשטאַלטן ווי רבי עקיבא... רבי חנינא בן תרדיון... נו? האָט מלכות הרשעה פון זיי דען נישט אַראָפּגעצויגן די הויט?... אוי, אלה אזכרה... נאָר וואָס דען? אין יענער צייט האָט כאָטש רבי ישמעאל געקענט אַרויף אין הימל אַריין, ווען ער האָט דערהערט פון דער גזירה... ער האָט זיך דערהויבן ביז צום אויבערשטנס שטול, ביז צום כסא הכבוד און ער האָט גע־פּרעגט! טאַקע ביי אים אַליין האָט ער זיך אָנגעפרעגט... אָט מיט וואָס זיי זענען דאַן גליקלעך געווען! כאָטש — צוריקגעשמועסט: וואָס האָבן זיי זיך דען נאָך אַלעמען יאָ דערוווסט? עט, אַן ענטפער באַקומען: גזירה היא מלפני... אַזאַ גזירה איז עס — און שוין,

פאַרטיק... וואָס זשע ווילסטו, מאיר וורעצלאַווסקי דאָ קלוגער זיין, פאַר־שטיין?...

נאָר פונדעסטוועגן האָלט נישט וורעצלאַווסקי פון יאוש: מילאָ מה? ע'ס וועט שוין זיין רעכט... עס איז שוין רעכט פון פריער אויס... דו פאַר־שטייסט עס נישט? און אַלץ אויסער דעם פאַרשטייסטו דען יאָ? דיין שכל בלייבט מער אין קיין שום זאַך נישט הינטערשטעליק?

ער רעגט זיך נישט אויף, וורעצלאַווסקי. אַזאַ שטייגער רעדן האָט ער שוין: בנעימות, געלאַסן, אָן אַ הויך קול. אפילו אַ פראַגע שטעלט ער גיכער מיטן פאַרהויבן אַ ברעם איבער זיין גרעסערן, אַביסל קרומלעכן, לינקן אויג — איידער דורך העכערן דאָס קול. וואָס איז פאַראַן צו גע־וואַלדעוועןְ? וואָס האָט דען דער מענטש בכלל צושטייער געגעבן צום בויען די וועלט — אַז ער זאָל נעמען דעות זאָגן, מעשה בעל־הבית? ער האָט צוגעשטעלט אַ הויז צום גאַנצן מעשה בראשית... נישט קיין קליי־ניקייט! אַ שטויבעלע צוגעוואָרפן צו אַ באַרג וואָס דערגרייכט צו די הימלען... ער האָט פאַר זיין הנאה אַרויסגעוואָרפן פון זיך אַ טראָפּן — און עס איז געוואָרן נאָך אַ מענטש צו די מיליאָסן ברואים... און וואָס נאָך האָט ער צוגעטון, אַז ז יי ן טראָפּן זאָל ווערן מ ע נ ט ש? גאָרנישט... און אַז ער האָט די גאַנצע בריאה נישט רייכער געמאַכט — וואָסזשע האָט ער זיך צו מישן, צו טומלען, צו פרעגן — גלייך ווי ער האָט דאָ מי יודע וואָס אַריינגעלייגט? ולמה יתגאה? וואס איז דער מער מיט אים?

דערצו האָט ער געזען באַשיינפערלעך די פינגער פון השגחה פרטית איבער זיך:

ע'ר איז געקומען אַהער — און אַריינגעפאַלן צו דער לייכטער באַאַר־אַרבעט... דערנאָך איז ער אַריינגעפאַלן אין צווייטן באַראַק, וווּ זיינס אַ קרוב איז געוואָרן אַ גאַנצער מאַכער — טאַקע דער פלאַטער־קאַפּ פריד־לאַנד... יענער האָט אים צוגעזען אַביסל, עצות געגעבן ווי אַזוי נישט אונטערצוגיין... וואָסזשע איז פאַראַן זיך צו קלאָגן? נאָר פרום איז ער פ אַ ר ז י ך אַליין. ער רייסט נישט קיינעם ביים האַרץ, ווי אַ סוחר פאַרן פאַרבייגייערס פּאַלעס... ער פאַרשטייט! און ער איז פרום מיט אַזאַ שטילקייט — אַז קיינער באַמערקט עס אפילו נישט. ער האָט זיך פריער אָפּגעשפּאָרט עטלעכע פאַרציעס ברויט און ביי עמעצן באַוויזן

איינצוקויפן אַ פּאָר תפילין. טראָגט ער זיי מיט זיך, לייגט זיי אַמאָל אין באַראַק אָפּגעכאַפּט און אַמאָל — אין וואַלד.

סתם אַזוי, ווייל אַ מענטש טאָר נישט פאַרווילדעוועט ווערן.

— 2 —

אַזוי האָבן זיך געצויגן חדשים. נאָר דערנאָך האָט פּאַסירט דאָס ערשטע אומגליק, וואָס מענטשן האָבן עס באַשאַפן. ווען אין פאַבריק האָט מען געדאַרפט מענטשן — האָבן די לייכטערע אַרבעטס־פּלעצער זיך גע־מוזט פאַרקלענערן. די פאַרשידענע אויפזעער האָבן אין דעם געזען אַ קוואַל פון הכנסות: די אָרעמע האָט מען תיכף אויסגעליפערט צו די שווערע אַרבעטן און פון די רייכע האָט מען דערוואַרט אויסקויף־געלט, אַז נישט...

וועגן וואָרצלאַווסקין האָבן זיי געוווּסט אַז ער דאַרף האָבן געלט. סיי די יידישע פּאָליצײַ און פאָראַרבעטער — און סיי זיינע פּוילישע אויפזעער', גיידא און קאָפּערניק. ווי אַזוי? ער האָט זיך קיינמאָל מיט גאָרנישט באַוויזן. מען האָט אָבער געוווּסט אַז ער קויפט זיך צו אַ פערר־טעלע ברויט — און אַמאָל אויך אַ ציינדל קנאָבל. דאָס קומט נישט פון דער לופט... דערצו האָט ער כסדרדיקע סודות מיט זיין פּיפּיקן קרוב פרידלאַנד — און אַמאָל האָט ער געהאַט אַ סך בעלי־חובות צווישן וואָר־שעווער קריסטן... דאַרף מען נאָך באַווייזן?

אוודאי איז עס אמת געווען! ווי אַ סך אַנדערע — האָט ער באַוויזן צו קומען אין קאָנטאַקט מיט דער אויסנוועלט און אַריינבאַקומען אַ גע־וויסע סומע. דאָס געלט האָט ער אויסגעגעבן מיט באַרעכנטקייט, אָן הול־טייסטווע. ער איז שטאַרק הונגעריק, קויפט ער אַ פערטעלע ברויט. פאַר־גלוסט זיך אַמאָל שטאַרק — קויפט ער אַ דעקא פּוטער און האָט עס אויף עטלעכע טעג. אַבי דאָס פּעטע זאָל באַרירן דאָס ברויט און זיין דמיון זאָל מיינען אַז דאָס עסט ער מיט פּוטער... אָט אַזוי!

נאָר אַז ער האָט געדאַרפט אַוועקגעבן זיין גאַנץ פאַרמעגן, בכדי נישט צו גיין צו קיין שווערער אַרבעט — האָט דער שכל מחייב געווען: פון שווער אַרבעטן שטאַרבט מען נישט! גם כי אלך בגיא צלמות לא אירא רע... ביטער איז אָבער, ווען מען האָט נישט וואָס צו עסן! זיין האַרץ איז

שוואַן', נישט געווינט צו לאַנגע תענתים... ער מוז אַלעמאָל עפּעס אײַ־בערכאַפּן. דאָס דערהאַלט אים — וואָסזשע וועט אים שוין אַרויסקומען, ווען ער וועט האָבן לײַכטערע אַרבעט און דערפאַר אַרויסשטרעקן די צונג? האָט ער טאַקע נישט געגעבן! דערפאַר איז ער אַוועק צו דער פּ י ק ר י ן. דאָס האָט אים שוין יאָ געגומען אַביסל באַנג טון. מען ווערט פאַרגעלט און דאָס אַלץ זעצט זיך אַראָפּ אויפן האַרץ און אויף די לונגען! שלאָגט אָבער קײנמאָל נישט גאָטס שטעקן מיט דער גאַנצער קראַפט. איז אים נאָך דעם געלונגען צו באַקומען דורך אַ זײַטיקן קאַנאַל אַ גאָר היפּשע סומע געלט — און ער האָט זיך געקענט קויפן אַ גרעסער שטיקל פּוטער, אַן עפּל און ווייס איך וואָס דאָרט! דערמיט האָט ער זיך געקענט צוריק־כאַפּן, פאַרגלעטן דאָס רײַסעניש דאָרט אינעווייניק — אינעם האַלדז און אין די געדערים...

אַלץ וואָלט געווען אַוועק גאַנץ גוט. ער וואָלט אפשר געווען אונ־טערגעצויגן נאָך שײַנע חדשים, ווען נישט דאָס צווייטע אומגליק. פון דער טבע זײַנער איז ער אַ פאַמעלעכער, אַ געלאַסענער, וואָס האָט זיך נישט פאַרוואָס צו יאָגן... וואָס איז דען? און אויך דאָס וואָלט נישט גע־ווען געשאַדט — ווען דעם מײַסטער פון דער פּיקרין, דעם מערדערישן וו אַ ל ט ע ר זאָל נישט געווען אַמאָל אײַנפאַלן אַ משוגעת אין קאָפּ: אײַנמאָל נאָכצוזען, ווי אַזוי זײַנע ייִדן אַרבעטן... און אַז וואַלטער שטייט — פליט עס בײַ אַלעמען פון אונטער די הענט, מען טרײַבט פון זיך דעם אָטעם! כאָטש מען מוז דערבײַ אויך אַכטונג געבן, עס זאָל נישט קומען צו קיין אויפרייס. בלויז ער, וורצלאַווסקי, האָט אים „געהאַט אין דער ערד“. אָט אַ ז ו י קען ער אַרבעטן און נישט מער! וואָס וועט ער דאָ גיין פראַווען פאַר אַ שטיק? נאָר וואַלטער האָט ווייניק צײַט אַרײַנצו־גיין אין תוך פון ענין און אוודאי האָט ער זיך נישט געקענט דערטראַכטן ביז צום סוף פון וורצלאַווסקיס מחשבות.

דערפאַר אָבער האָט ער געכאַפּט אַן אײַזערנעם שטעקן און אַ זעץ געטון דעם געלאַסענעם וורצלאַווסקין, איין מאָל און נאָך אַמאָל — דווקא אויפן ביין פון לינקן פוס. צוערשט האָט ער געמיינט אַז דאָס וועט איבערגיין, אויסהיילן זיך. דערפאַר האָט ער זיך באַמיט אַהיים צו הינקען אַזוי־ווי עס וואָלט קײנמאָל גאָרנישט געווען. אין לאַגער האָט ער זיך צו־געלייגט קאַלטע קאָמפּרעסן און באַמיט זיך אײַנצושלאָפן טראָץ די שרעק־

לעכע יסורים. נאָר די נאַכט איז געווען אַ גרויסע און אַ לאַנגע. די יסורים זענען געווען אין לשער. ער האָט געוואָלט שרייען ביז צום הימל! דער־בײַ איז עס נישט געווען אַזוי דער ווייטיק גופא...

עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז דאָרט אינעווייניק, טיפער פאַרן ביין זיצט בײַ אים אַזאַ ווערעמל, אַ פּיאַווקע — און זויגט, נאָגט בײַ אים אויס אַלצדינג... די דאָזיקע פּיאַווקע איז זייער לאַנג. זי הויבט זיך אָן ממש נעבן טריט־לעפּל און ציט זיך אַרויף העט, גאָר הויך, ביז די שלייפן... דאָס בויערט אַזוי, שלינגט עפּעס אַרויס בײַ אים אָן אויפהער.

אין דער פרי האָט ער געוואָלט שטעלן אַ טריט און נישט געקענט. די ערשטע טעג האָט דער פאַראַרבעטער אים געשלאָגן מכות רצח. וואַל־טער האָט אויף אים געהאַט אַן אויג און דווקא פאַרלאַנגט מען זאָל אים ברענגען! דערצו איז דער פוס נישט געווען צעבראָכן. אויסער אַ בלויען צייכן האָט מען גאָרנישט אָנגעזען — איז אַ סימן אַז ער מאַכט זיך נאָר קראַנק, אַז ער וויל נישט גיין. ערשט שפּעטער האָבן די לאַגער־דאָקטוי־רים פעסטגעשטעלט אַז דער איינער פוס זיינער ד אָ ר ט אים אָפּ! ער וועט שוין צו גאָרנישט טויגן... אין גוטע צייטן וואָלט מען אים אַמפּו־טירט און פאַרטיק! נאָר אַזוי — וועט ער מוזן לאָזן דאָס ווערעמל גריי־זשען און גריזשען, ביז ער וועט אפשר דעם פוס אין גאַנצן נישט פילן — אָדער דער ווייטיק מיטן דאַרעניש וועלן פאַרכאַפּן דעם גאַנצן קערפּער... וואָס קען מען דען וויסן אין ווערק צע, אָן באַשטראַלונג און אָן מעדי־ציניגישע אינסטרומענטן?

וואָס אָן אמת האָט מען זיך שוין פון אים מייאש געווען. אַלע האָבן געגלויבט אַז מיט דער ערשטער סעלעקציע וועט ער אַוועקגענומען ווערן. מיט אַלערליי נסים האָט ער אָבער באַוויזן אויסצומיידן עטלעכע שאַרפע סעלעקציעס. גראָד אים האָט מען נישט דערזען און דווקא אין אים האָט מען פאַרגעסן, כאָטש אַלע לענגערע חולאים זענען כסדר געווען אויף דער ליסטע... איז ער אַזוי געלעגן חדשים אויפן זעלבן אָרט, געטראַכט, גע־שריבן שטילע בריוולעך, וואָס פרידלאַנד האָט ממזריש אַוועקגעטראָגן און רואיק געוואַרט ביז וואַנעט די פרוי פון דאַנעבן האָט אַריינגעברענגט אַ שטיקל ברויט אָדער אַ היימיש ביסל געקעכץ צו פאַרקויפן.

מיט דער צייט האָט ער אפילו אויפגעהערט צו שפּירן די שאַרפע יסורים. דערצו האָבן אים געהאָלפן נאָך צוויי אייביקע חולאים פון זיין

צימער׳. דער וואַרשעווער סוחר, שאָקען, האָט באַוויזן אויסצוזיין אַ האַלבע וועלט — און פאַר דער מלחמה צו קומען פון ארץ־ישראל און זיך דער־וואַרטן אויף ווערק צע. אים האָבן אָנגעהויבן דאַרן די הענט מיט די פיס, דווקא ביי שמיצס לייכטער אַרבעט... האָט ער זיך אָוועקגעלייגט נעבן וואָצלאַוווסקיס בעטל און מער זיך נישט געוואָלט אַראָפּרירן דערפון. אויך ער האָט געכאַפּט קלעפּ פון אַלע זייטן. אים האָט מען טאַקע פּשוט איבערגעבראָכן די ביינער — אָבער ער האָט נאָר אויסגעשטרעקט זיינע ביינערדיקע הענטלעך און די פיס, וואָס האָבן אויסגעזען ווי געלע שטע־קעלעך און מער גאָרנישט געזאָגט. ווען מען האָט אים שטאַרק געשלאָגן — האָט ער נאָר צוגעקרעכצט, אַזויווי ער וואָלט גאָר געהאַט אַ באַזונ־דערן תענוג דערפון:

— שלאָגט... הרגעט... דערלאַנגט שטאַרקער... איך וועל אָבער פון דאַנעט נישט קענען אַראָפּקריכן צוליב אַזעלכע קלעפּ...

האָט ווייזנבערג געמוזט אָוועקמאַכן מיט דער האַנט און רעזיגנירן. אפילו פּעלאַ האָט זיך באַוויזן, אים באַטראַכט — און זיך אויך געמוזט אָפּזאָגן עפּעס צו פּועלן. די לאַגער־דאָקטוירים האָבן וועגן אים נאָר גע־זאָגט, אַז ווען ער עסט אַ פּאָר חדשים ווי עס געהער צו זיין — וואָלט עס אים זיכער׳ אַ ריר געטון... נאָר אַזוי איז ער אַ פאַרפאַלענער! העכסטנס אַ צוויי וואָכן... איז ער אַזוי געבליבן ליגן חדשים גאַנצע. גוטע יינגלעך האָבן פאַר אים גענומען די זופּ, דאָס ברויט און עס אים צוגעטראָגן ביז צום בעט. ער איז שוין געוואָרן בלויז איין שטיק ביין. יעדן טאָג האָט מען זיך גערעכט אַז ער וועט אָפּשטאַרבן. זיין פּנים איז אָנגעגאָסן גע־וואָרן מיט אַזאַ געל, וואַסערדיק געשווילעכץ און דערנאָך ווידער איינ־געפאַלן ביז צו דער הויט. עס האָט אויסגעזען אַזויווי דער מלאך־המות אַליין וואָלט איבער אים געזוכט צו מאַכן פאַרשידענע עקספּערימענטן, איידער ער נעמט אים לגמרי צו צו זיך... אָבער שטאַרבן האָט שאָקען גאָרנישט געהאַט בדעה. ווייזנבערג אַליין איז טשיקאַווע געווען יעדן טאָג אויף אים אַ בליק צו טון און זען, ווי אַזוי דאָס הויט און ביין קען ווייטער אָנטרייבן... ביסלעכווייז איז ער אָבער פאַרכאַפּט געוואָרן פון שאָקענס דערציילונגען און מיושבדיקע רייד ביז ער האָט אים מער נישט געטשעפּעט. בלויז פון פאַרגעניגן וועגן האָט ער ליב געהאַט מיט אים צו שמועסן. דערפאַר האָט ער אָנגעזאָגט די פּאָליציי, אַז זיי זאָלן מער

דאָס דאָרע יידל נישט באַלעסטיקן — און זאָל ער שוין אַזוי צוציען זיינע פאַר טעג!

טאַקע שאָקען האָט אונטערגעהאַלטן וורא‍ָצלאַווסקין. זיינע מעשהס פון דער גאָרער וועלט האָבן זיך גאָרנישט געקענט אויסלאָזן. וועמען האָט ער דען נישט געקענט? אַלע יידישע רבנים פון וואַרשע און פון קרוין־פוילן האָט ער געדענקט מיט זייער גאַנצן יחוס ביזן אלף השישי אַריין... פון אַלע חסידישע הייף האָט ער געוווסט די אינטימסטע ווינקעלעך — און וועלכן יידישן שרייבער און עסקן האָט ער נישט געקענט גענוי, ביז צום מינדסטן נעגעלע? מען האָט נאָר געדאַרפט אַ זאָג געבן: ב י אַ־ ל י ק... און באַלד האָט דער אויסגעדאַרטער שאָקען געגומען דערציילן מיט אַזויפיל רירעוודיקייט און לעבן וועגן זיינע באַגעגענישן מיט ביאַ־ ליקן — אַז אַלץ האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן און הערן. ביאַליקס וויצן, זיי־ נע בייזע זאָגענישן, זיינע סתם־שמועסן... און פון וועמען האָט דען שאָ־ קען נישט געהאַט צו דערציילן?

איז טאַקע וורא‍ָצלאַווסקי געלעגן גאַנצע טעג און האַלבע נעכט און נישט מיד געוואָרן אויסצוהערן, וואָס זיין דאַרינקער שכנדל דערציילט מיט אַזאַ קלאָר, שניידנדיק אונטער־קולכל... ווי אַזוי ער זאָל עס נישט וועלן אַריינשטופּן אין זיין שווייגעניש אַריין — האָט זיך עס ביי אים געמוזט אַרויסרייסן:

— אוי, ער האַלט דאָך מיך ממש אונטער ביים לעבן מיט זיינע מעשהס!...

און נישט איין מאָל פלעגט מעכעלע זיך אויך אַריינכאַפּן אַהין, אַרויפקריכן ביז צו די העכסטע פּריטשעס, ווו זיי זענען געלעגן און איינ־ זאַפּן אין זיך די אַלע מעשהס פון נישט לאַנגן פאַרצייטנס...

— 3 —

מיט דער צייט האָט זיך אפילו שאָקען אַרויסגעוויזן פאַר אַ גאָר נוצלעכן מענטש פאַר אַלע איינוווינער פון זיין באַראַק און אויך פאַר אַנ־ דערע. זיינע אויגן זענען שטענדיק געווען לעבעדיק, וואַך... פאַר זיי האָט מען קיין שום זאַך נישט געקענט אויסבאַהאַלטן. יעדער פון באַראַק האָט עפּעס פאַרמאָגט און געציטערט, מען זאָל עס אים נישט צוגנבענען ביים

גיין צו דער אַרבעט. איז נאָר געגוג געווען מען זאָל אַ ווינק געבן צו שאָ־קענען:

— כאַפּט אַ בליק...

און מען איז זיכער געווען דערמיט. ביים ווענלן זיך נאָך מער באַ־וואָרענען — האָט מען עס אים געגעבן אין דער האַנט אַריין. עס האָט גע־מעגט זיין גאָלד — איז עס נישט געריררט געוואָרן. פרידלאַנד, וואָס האָט זיך געדרייט צווישן ווערקשוצן און אַנדערע צרות — איז געווען אויס־געשטעלט אויף אַלערליי רעוויזיעס. האָט ער דער ערשטער געמאַכט שאָ־קענען פאַר זיין קאַסירער, וועלכן ער האָט פאַרטרויט זיין קניפּל. דאָס האָט ער בסוד פאַרטרויט מעכעלען און אויך מעכעלע האָט איבערגעלאָזט ביי שאָקענען אַלץ וואָס ער האָט נאָר פאַרמאָגט: אַן אַלט העמד צום פאַר־מסחרן, אַ פאָר שטיקלעך לעדער צו שיך אָדער גאָר אַ סעריע קנעפּלעך, אויסגעפינענע אין זיין מיסט. זינט מען האָט אים גענומען שלעפּן אין פאַבריק אַריין צו פאַרשידענע אַרבעטן — האָט ער אויך איבערגעלאָזט ביי יענעם זיינע פאָר זלאָטעס. אַזוי אַרום איז דער איינגעלייגטער שאָ־קען ביסלעכווייז געוואָרן אַ פיגור אין יענעם באַראַק. פון זיין בעטל אַראָפּ האָט ער אפילו באַוויזן אַנטייל צו נעמען אין די קליינע באַראַק־מסחרים, וואָס האָבן אויך אים צוגעשאַרט אַן איבעריק שטיקל ברויט.

מיט דער צייט האָט פרידלאַנדס באַראַק צובאַקומען נאָך אַ דריטע קאַליקע, וואָס האָט זיך מער מיטן באַראַק־צימער נישט צעשיידט. דאָס איז געווען אַ יונגער, שיינער בחור וואָס האָט געאַרבעט ביי די גראַנאַטן. אים האָט אַ פּופצן־צענטימעטערדיקער גראַנאַט אויסגעריסן אַ שטיק פלייש פון פוס. באַלד האָט גענומען אָנוואַקסן אייטער, פאַרסמט דאָס בלוט און עס האָבן אים אַרויסגעזעצט ריזיקע געשווירן אויפן גאַנצן פּנים. דעם פוס זיינעם האָט ער נישט געקענט היילן — האָט ער אים אַרומ־געוויקלט מיט אַ באַרג שמאַטעס און אים נאָכגעשלעפּט ווי ווייט ער האָט געקענט. אויך ער האָט זיך פאַרעקשנט, אויסגעטראָגן די מעכטיקסטע קלעפּ און נישט אָפּגעטרעטן פון זיינעם: ער גייט נישט מער צו דער אַר־בעט! און אויך פון אים האָט מען געמוזט רעזיגנירן...

די אַלע דריי זענען ביי דער גאַנצער קאָמענדע פאַררעכנט געוואָרן אַלס אָפּגעשטאָרבענע. עס איז נאָר אַ פראַגע ביי וועלכער סעלעקציע זיי וועלן אַוועקגיין. דעם בחורס פוס האָט גענומען אָנשווילן, פאַרכאַפּט ווערן

מיט בלויער רויטקייט און מיט אייטער — אַז עס איז מער נישט געווען מעגלעך אַריינצוהאַקן אין אים די גומענע שטעקנס. ער אַליין האָט אָבער אויף זיין שטייגער גענומען פירן דעם קאַמף פאַר זיין לעבן...

קודם כל האָט ער געהאַט פלינקע הענט. אַ שניידער געווען אַמאָל, האָט ער זיך גענומען צום איבערדרייען שמאַטעס, אויסקאַמביניר̇ן אַנצוגן פון וואָס עס זאָל נישט זיין... די עטלעכע פוילישע הויף־מייסטער האָבן זיך פון דעם דערוווּסט און גענומען טראָגן גימפּלען אַלערליי שמאַטעס, ער זאָל פון זיי מאַכן אַ לייט. אין יענעם באַראַק האָבן זיך געפונען נאָך אַ פּאָר שניידערס, וואָס האָבן פון דער אַרבעט צופאַרדינט אויף ברויט אין די נעכט. האָבן זיי אויסקאַמבינירט אַ פּרעס־אייזן פון עטלעכע שטיקלעך כלים וואָס מ׳האָט געגנבעט אין פאַבריק. דערנאָך האָט מען נאָר געדאַרפט אַ נאָדל, ווייטער גאָרנישט... געווען אין פאַבריק אַ ריזיקער לאַגער פון קלעצלעך פאָדעם, צום פאַרנייען אַלערליי בייטלען און אַמוניציע־זעקלעך. האָבן שוין אַנדערע געוווּסט ווי אַזוי צו ברענגען פון דאָרט גאַנצע טוצן... און אַזוי האָט איינער געגעבן אַ שטיקל ברויט דעם צווייטן.

מיט איין זאַך האָט גימפּל דער שניידער באַוויזן אַלעמען צו באַזיגן: מיט זיין קול. ער האָט געדענקט הונדערטער פאָלקס־לידער אויסנווייניק און אַז ער האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט זיין נאָדל איבער די בערג שמאַטעס און דערביי זיך צעלאָזט — זענען די פענצטער פשוט באַלאַגערט געוואָרן פון צוהערער. ער האָט געקענט אַזוי וויינענדיק־באַטעמט אויסלויטערן פון זיך דאָס ליד פון די דריי בייטאָרינס — אַז מען האָט ממש דערזען זייערע געבויגענע רוקנס פאַר די אויגן. וואָס פאַר אַ יידיש פאָלקס־ליד עס איז נישט אַריינגעפאַלן צו גימפּלען אין מויל אַריין — האָט ער יעדעס פינטעלע פון דאָרט נישט געלאָזט פאַרלוירן גיין, אָן דעם געהעריקן טאָן און קנייטש, אַזוי־ווי די לידלעך וואָלטן אין זיין מויל נאָך אַמאָל איבערבאַשאַפן געוואָרן און אַרויסגעקומען פון דאָס ניי.

לאַנג בעטן אים — האָט מען אויך נישט באַדאַרפט. ווי נאָר וואָרצלאָווסקי איז מיד געוואָרן צו מחן זיך אין זיינע שטומע מחשבות און שאָקען האָט נאָר אָפּגעשטעלט זיין ים מיט זכרונות וועגן צייטלינען אָדער דעם ראַדאָמסקער רבין — האָט זיך באַלד אַ קוילער געטון גימפּלס לויטער קולכל:

— אוי קינדער יאָרן — שיינע זיסע יאָרן
אייביק בלייבט איר וואָך אין מיין זכרון...

נאָכדעם פלעגט ער כאַפּן דעם אָטעם אַביסל, צוואַרטן. פון די פריטשן האָט מען זיך שוין גענומען בעטן, וויינען פאַר אים... שאַקען האָט נישט געקענט איינרוען:

— וואָס האָסטו זיך אָפּגעשטעלט, גימפּל? איך בעט דיך...

און וורצלאַווסקי, ווי אַ באַנומענער האָט גענומען הונגעריק מאָנען:

— גימפּעלע... נאָך! נאָך!

האָט גימפּל נישט געקאַרגט... פאַר שאַקענען האָט ער אָפּגעקלאַפּט עטלעכע יידישע לידער. דערנאָך האָט ער זיך איבערגעוואָרפן צו די תפי־לות. גאַנצע שטיקער פּיוט פון די ימים נוראים און פון אַלע יום־טוב־טעג האָט ער אַרויפדערלאַנגט וורצלאַווסקין און יענער איז בלויז געלעגן מיט אויסגעקוילערטע וויסלעכצער און מיט פאַרחלשטער הנאה געשלונגען איין וואָרט נאָכן צווייטן...

גימפּל האָט ביסלעכווייז דערפילט זיין כח. אין די אָנהייב־אָוונטן, ווען דער עולם איז אַרויס פון די באַראַקן און זיך געלאָזט שפּאַצירן, האָט ער זיך אַוועקגעזעצט ביים באַראַק־טיש מיט דער נאָדל און דערביי פאַר־צויגן אַ ניגון וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן דורך די אָפענע פענצטער. באַלד האָבן זיך גענומען זאַמלען מענטשן אין דרויסן, צוהערן זיך און מיט־ברומען די מעלאָדיעס. גימפּלס מיטוווינער פון באַראַק האָבן אים מיט דער צייט אויסגעשטעלט אַ כאָר, וואָס האָט אים צוגעהאָלפן — און דער צווייטער באַראַק האָט זיך גענומען געבן זיינע אייגענע קאָנצערטן, צו וועלכע מען האָט זיך נישט געדאַרפט שפּאַרן דורך קיין בילעטן און אויף וועלכע די פּאָליציי האָט נישט געהאַט קיין שליטה. דער פאַרגליווערטער וורצלאַווסקי פלעגט ביי אַזעלכע קאָנצערטן צופליעסקען מיט די הענט און וואַרפן זיך אויף אַלע זייטן פון התפעלות.

אַזוי אַרום האָט די גרופּע קראַנקע אין יענעם באַראַק אַוועקגעשטופּט לאַנגע וואָכן און עס האָט זיך אויסגעוויזן אַז ביי זיי קען שוין קיין אַנדער בייזעס נישט געשען. ווען די סעלעקציעס האָבן זיך אָפּגעשטעלט — האָבן זיי אפילו געקענט חלומען וועגן איבערלעבן און דערנאָך... דערנאָך וועט מען זיי נעמען אין די בעסטע שפּיטעלער און מ׳וועט זיי היילן, מאַכן פון זיי געזונטע מענטשן גלייך ווי אַלע. וואָס וועט מען דען שפּעטער

נישט טון פאַר געליטענע פון די לאַגערן? אויף די הענט וועט מען זיי טראָגן! און אויך אָנטקעגן דעם האָט שאָקען באַלד געהאַט אַ לאַנגע מעשה צו דערציילן... עס האָט טאַקע פּאַסירט באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה...

— 4 —

פון וואַנעט נעמט וראָצלאַווסקי געלט צום לעבן? די שכנים אפילו, וואָס זענען געלעגן נעבן אים האָבן עס אויך נישט געקענט באַמערקן. זיי האָבן נאָר געזען ווי פרידלאַנד ברענגט אים עפּעס, פרעגט זיך אויס ביי אים אויף רמז־לשון און לויפט ווייטער. דער מענטש האָט געהאַט אַ פאַרשלאָסן מויל, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט ביי זיינע ענינים. ער האָט געקענט דערציילן, שמועסן אין פּאָליטיק — אָבער וואָס שייך זיך אַליין האָט מען ביי אים נישט געקענט קיין סך קליגער ווערן. מען האָט זיך נאָר אָנגעשטויסן אַז ער מוז נישט זיין קיין קבצן. אַז נישט וואָלט פאַר אים פרידלאַנד נישט געקענט אַזויפיל זאָרגן. ער האָט אַפילו לעצטנס גענומען שלעפּן צו אים די לאַגער־דאָקטוירים און זיי האָבן אים באַטראַכט אויפמערקזאַם פון אַלע זייטן. דאָס וועדט זיכער נישט געטון אומזיסט!

עס איז דערפאַר אויך קיין ווונדער נישט געווען וואָס אין איינעם אַ טאָג האָט זיך באַוויזן דער קאָמענדאַנט ווייזנבערג, אַוועקגעזעצט זיך אויף אַ געברענגטער שטול און גענומען זיך אַריינלאָזן מיט וראָצלאַווס־קין אין אַ פאַרזיכטיקן שמועס. וראָצלאַווסקין האָט מען קיין פינגער אין מויל אַריין נישט געדאַרפט לייגן. ער האָט שוין פאַרשטאַנען וואָס דער פסוק מיינט: ג ע ל ט ... ער ליגט דאָ אַזוי לאַנג און קיינער טרייבט אים נישט, מען לאָזט אים דאָ ליגן רואיק — דאַרף ער וויסן ווער עס טוט פון אים אָוועקנעמען דאָס אויג... און היות ווי ער קען זיך נישט באַקלאָגן אַז ער לעבט פון דעם ביסל זופּ וואָס ער באַקומט — זאָל ער וויסן אַז מען דאַרף אויך שכל האָבן און נישט איינרייסן מיט די וואָס קענען דעצידירן אַהין אָדער אַהער... און נאָך אַ זאַך מעג ער וויסן: אין ווערק צע פּאַסירן אַלערליי זאַכן... אַט קען מען אַריינפאַלן מאַכן אַ רע־וויזיע און אַט קען ער גאָר איינשלאָפן און עמעץ זאָל באַווייזן אויסצוזוכן

ביי אים וואָס מען דאַרף... לכן, איז גלייכער ווען זיינע פּאָר זלאָטעס זאָלן ליגן אויף אַ זיכער אָרט — און ווען ער וועט דאַרפן, זאָל ער שיקן וועמען און נעמען... אַזוי איז זיכערער. ווייזנבערג טוט עס נישט פאַר יעדן, אָבער אַז דאָ ליגט אַ קראַנקער מענטש — וועט ער זיך גיין אָפּזאָגן?

וואָס וואָראַצלאַווסקי האָט געענטפערט, האָבן מענטשן שפּעטער נישט געוווסט, עפּעס זאָל ער ווייזנבערגן יאָ האָבן געגעבן אַ פּעקעלע צו באַ־האַלטן — ס'איז אָבער אויף זיכער נישט געווען אַלץ וואָס ער האָט פאַר־מאָגט. אויך דער קאָמענדאַנט איז נישט געווען צופרידן. פון יענעמס שאַרפן בליק האָט ער דערקענט אַז דאָס כיטרעוועט ער אים איבער; אַז דער געלער ייִד קען זיך אויף אים... אָבער וואָראַצלאַווסקי האָט זיך ווײַ־טער געהאַלטן רואיק. ער איז בכלל קיינמאָל נישט געווען אויפגערעגט, סיידן ווען ער האָט געהערט אַז עס קומט פאַר אַ רעוויזיע אין לאַגער. דאָס האָט פאַרראַטן אַז דער מענטש פאַרמאָגט עפּעס, וואָס ער באַהאַלט אויס. דערצו האָט ער נאָך געהאַט אַ מאָדנע קאַרגע נאַטור: דאָס שטיקל ברויט האָט ער געהאַלטן אונטערן קאָפּ און עס גאָר שטרענג געהיטן, ווי אַן אויג אין קאָפּ. ווי ווייט די אַנדערע פון באַראַק זאָלן נישט האָבן קיין דרך־ארץ פאַר אים — האָבן זיי זיך דאָך נישט איין מאָל וועגן דעם געוויצלט:

— אָט אַ מענטש!... אַ קלוגער און באַרעכנטער, מיט שכל אין קאָפּ — און פאַרן שטיקל ברויט ווערט ער משוגע... ברילִיאַנטן היט מען דאָך נישט אַזוי!

טיילמאָל, אַז וואָראַצלאַווסקי האָט געהערט אַזאַ וויצלען זיך אויף זיין קאָפּ — האָט זיין פּיקריניק־געל פּנים באַקומען אַ שיין פון דערשראָקן־רויטלעכן קאָליר, אַזוי ווי מען וואָלט דאָ אַנטדעקט זיינס אַ גרויסן סוד. ער האָט אָבער געקענט פאַרשווייגן. ער איז נאָר דערביי פאַרשוווּנדן אין אַזאַ שטילקייט־תהום, ווי ער וואָלט זיך דערביי געוואָלט אויסבאַהאַלטן מיט עפּעס פאַר אַלעמענס אויגן. ווער קען אָבער צופּיל אַכט לייגן אויף אַזעלכע קליינע קרענקלעכקייטן ביי אַ מענטש, וואָס ליגט און דאַרט לע־בעדיקערהייט? טאָ זאָל ער זיך האָבן זיינע סודות און פּאַרטיק... ווער עס איז אים מקנא!

ביי די מהומות מיט די קאָנצערטן איז שוין וואָראַצלאַווסקי מערסטנס געלעגן אַליין. דער דאַרער שאָקען האָט באַקומען אַביסל כח אַרומצוקריכן

און ער האָט זיך אַרויסגעשאַרט אין דרויסן. גימפּלען האָט עמעץ געגעבן אַן עצה ער זאָל האַלטן זיינע ווונדן קעגן דער זון, וועלן זיי זיך איינציִען. האָט ער אויפגעדעקט דאָס פּנים מיט דעם אָנגעצויגענעם פּוס און געלאָזט טאַנצן אויף זיי די זונען־שטראַלן. די ערשטע פרילינגס־טעג האָבן זיך אַ וואָרף געטון און אויפגעוועקט וועמען זיי האָבן נאָר געקענט.

וואָס וואָרצלאַווסקי האָט אַזוינס געטראַכט זייענדיק אַליין — האָט ער קיינעם נישט דערציילט. ער איז נאָר געוואָרן אַנגעכמורעטער. יעדער איינער האָט מיט זיך געבּרענגט אין באַראַק אַריין די משונהדיקסטע קלאַנגען, עס איז אָבער נישט קענטיק געווען, אַז ער זאָל זיי אויסהערן. שאָקען האָט זיך געפּילט שולדיק וואָס ער האָט גענומען זיך אַרויסשאַרן פון באַראַק און איינזאַפּן אין זיך לופט מיט קלאַנגען — האָט ער דער־פאַר געוואָלט מיט עפּעס אָפּצאָלן זיין חבר און ער האָט אים גענומען מונטערן:

— איר׳ט שוין געהערט וואָס מ׳דערציילט? וואָרצלאַווסקי...

אָבער יענער האָט בלויז אַ מאַך געטון ביטולדיק מיט דער האַנט:

— באַ... געזאָגט... גערעדט... איישים־באַשיישים...

דאָס האָט צוגענומען ביי זיינע שכנים דעם חשק ווייטער צו רעדן. האָט מען אים געלאָזט זיך אויסדרייען ברוגז צו דער וואַנט. עמעצער האָט נאָר באַמערקט ווי ער איז נישט נאָר בייז, נאָר אויך צערודערט. האָט זיך נאָך ווער געפּרווט:

— וואָרצלאַווסקי... וואָס איז אייך?

קיין ענטפער איז נישט געקומען. דערפאַר האָט ער אָבער געגעבן אַ שטאַרקן שנאָרך און פאַרענדיקט מיט אַ כעסדיקן פייף. דאָס האָט גע־דאַרפט זאָגן אַז מען זאָל אים צורו לאָזן. וואָס מישט מען זיך עפּעס אין זיינע עסקים, וואָס?

האָט דער עולם גענומען רעדן פון פריילעכערע זאַכן און מער צו אים קיין בליק נישט געטון.

— 5 —

אין מיטן דער נאַכט האָט זיך געהערט אַ געשריי, וואָס האָט זיך געטראָגן פון מאיר וואָרצלאַווסקיס בעטל. איז ווער אַראָפּגעשפּרונגען

און געמאַכט ליכטיק. וואָרצלאַווסקי איז געזעסן אין מיטן בעטל און זיי־נע אויגן האָבן זיך געריסן אין די ווייטקייטן. די שמאַטעס אויף זיין לייב זענען געווען צעפליקט און עס האָבן זיך אַרויסגעזען די געלע ביינער. דער בליק זיינער איז געווען פאַרגאָסן מיט בלוט און דער שטערן האָט פון זיך אַרויסגעבאָמבלט קיילעכדיק־פאַרשטויבטע טראָפּנס. ער האָט זיך גע־ריסן די האָר פון קאָפּ און גענומען נאָך העכער געוואַלדעווען:

—ווו איז דער שופר? ווײ געשריגן, דער שופר ווו איז?! רוצחים, גיט מיר אָפּ דעם שופר!!!

דער עולם האָט זיך דערשראָקן: אַזעלכע געשרייען אין מיטן דער נאַכט? עס קען נאָך געשען אַן אומגליק... וואָס איז ער משוגע געוואָרן? וועלכער שופר?

פרידלאַנד איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט זיך דערמאָנט אין עפּעס אַ סוד. ער איז אַראָפּגעשפּרונגען דערשראָקן און זיך אַ וואָרף גע־טון צום ווילד־געוואָרענעם וואָרצלאַווסקי:

— מאיר... ווו האָסטו דאָס ברויט? מאיר...

וואָרצלאַווסקי האָט געפּאַכעט מיט די צוויי שטעקעלעך־הענט ווי מיט צוויי שווערדן, וואָס דאַרפן אים פאַרטיידיקן פאַר אומזעבאַרע גזלנים. פרידלאַנד האָט זיך אָבער באַוויזן צוצורייסן צו אים הינטערוויי־לעכץ און אַ טאַפּ טון אין דער זייט ביי אים. דערנאָך איז אויך ער אָפּ־געשפּרונגען מיט שרעק:

— געוואַלד, באַנדיטן! אויסוווּרפן! ער האָט נישט דאָס ברויט!!!

זיינע אויגן האָבן איצט אויך געפלאַקערט פון פיבערדיקער חסר־דעהדיקייט. קיינער האָט נישט געקענט פאַרשטיין מיט וואָס דאָס אומ־גליק איז אַזוי גרויס. ער איז דאָך נישט ביים לעצטן גראַשן און טאָמער אפילו מען האָט ביי אים צוגעגנבעט אַ האַלב ברויט — איז וואָס? פון פרידלאַנדס פאַרצווייפלונג איז אָבער קענטיק געווען אַז דאָ שטעקט עפּעס אַ גרעסערער סוד. דער פּיפּיקער פרידלאַנד אַליין האָט זיך באַלד גע־כאַפּט, אַז ער פאַררעט זיך דאָ צופיל. איז ער פּלוצים אַנטשוויגן געוואָרן און זיך צוריקגעלאָזט אַ בלאַסער צו זיין אָרט.

פאַקטיש איז דאָ נישט געווען לאַנג וואָס צו חקרענען. וואָרצלאַווסקי האָט געהאַט ביי זיך באַהאַלטן אַ ווערטפולע זאַך, אויף אַ שוואַרצער שעה. מסתמא איז עס געווען אַ ברילי‌אַנט. נאָר בכדי צו זיין באַוואָרנט

פאַר אַלערליי רעוויזיעס און קאָנפיסקאַטעס האָט ער עס פשוט אַרייַנ־געגנעטן שטילערהייט אין ווייכן לייב פון זיין פּאָרציע ברויט. יעדעס מאָל ווען ער האָט געגעסן — האָט ער זיך באַלד צוגעגרייט אַ צווייטע פּאָר־ציע און מיטן מויל אַרויסגענומען דעם פקדוןביים קייען און עס אַרייַנ־געטון שפּעטער אין דער צווייטער...

וואָס יענעם אָוונט איז געשען, איז נישט מעגלעך געווען צו דער־גיין: האָט עמעצער געוואָלט צוגנבענען אַ פּאָרציע ברויט און דערמיט האָט ער אויך צוגעגנבעט ווראָצלאַווסקיס לעצטע האָפענונג? אָדער האָט ער אַליין פאַרגעסן איינמאָל און אַראָפּגעשלונגען די דאָזיקע סודותדיק־טייערע זאַך? פרידלאַנד האָט זיינס אָפּגעשריגן... דאָס ברויט! אָבער דער קראַנקער האָט שוין וועגן דעם גאָרנישט געקלערט. זיינע אויגן זענען בלויז יעמערלעך אַרויסגעקראָכן פון די בעטלעך זייערע און ער אַליין האָט גענומען שרייען העכער און העכער:

— מערדער! באַנדיטן! ווו איז דער שופר? מיליאָנען און מיליאַסן טויטע וואַרטן שוין; די קברים צעעפענען זיך און באַלד דאַרף מען זיי לעבעדיק מאַכן... איך בין מ ש י ח ! משיח! איך דאַרף נאָר אַ בלאָז טון — און זיי וועלן אַלע אויפשטיין פון די קברים... שרהלע, יאַנקעלע און בערעלע... בע־רע־לע!!! און דער שופר איז נישטאָ! צוגעגנבעט! גזלגים! רויבער!!!

אין איין מינוט איז קלאָר געוואָרן אַז דער מענטש איז משוגע גע־וואָרן... ווי קומט עס צו אַזאַ איבערגערעכנטן מענטש? האָט ער טיף אין זיך געדריקט די זאָרג, דעם צער פונעם שאָדן — ביז דאָרט איגעווייניק האָבן די נערוון געפּלאַצט? די באַראַק איינוווינער האָבן נישט געהאַט קיין עצה און דערפאַר נישט געקענט אַרייַנקלערן. זיי האָבן אים נאָר גע־מוזט פעסט אַרומבינדן דאָס מויל מיט שמאַטעס, אַז דאָס געשריי אין מיטן נאַכט זאָל נישט אָנטראָגן קיין אומגליק אויך פאַר אים.

אין דער פרי האָט זיך עס אָבער ווידער אָנגעהויבן. ער האָט זיך געריסן מיט אַלע כוחות פון בעט און נישט געקענט. פון זיין מויל האָט געזעצט אַ ווייסער שוים און ער האָט געהאַלטן אין איין וואַרפן זיך, שרייען און זאָגן נביאות:

— טויבע! בלינדע! וואָס זעט איר נישט? איך בין משיח — און די קייטן זענען נאָך אַלץ נישט צעריסן אויף מיר! איר לאַכט? באַלד

וועט אַ פייערזייל אַ זעץ טון פון דער ערד ביז צום הימל און אַלע מלאַכים וועלן קומען זאָגן שירה איבער מיין קאָפּ... איר וועט שוין מער נישט לאַכן!... אַט קומען אָן רבוא רבבות סאָלדאַטן אויף פייערדיקע רייטוועגן און זיי גייען מאַכן אַ משפט איבער היטלערן און זיינע חיילות... טויזנט לאַנגע פּיפּערנאָטערס וועלן זיך איינשטעכן אין וואַלטערס בויך און מיט אים צוזאַמען וועלן אַלע רשעים שרייען ביז צום שאול תחתיה... אַ גרויסער קעמל מיט צוועלף פליגל וועט אָנקומען צו רייטן אויף דר. ראָסטס אַקסל און ברומען איבער ווערק צע... פון זיין מויל וועט אַרויספליען אַ שטאַרקער דונער און אַלע האַלעס וועלן זיך אָנצינדן און איבערדרייען דעם ווערק צע מיטן קאָפּ אַראָפּ און די פיס אַרויף... בלויז איך וועל אַ טרומייטער טון מיטן שופר און אַ גרויסע הייל וועט זיך עפענען — און איך וועל אייך דורך איר פירן ביז צום כסא הכבוד — —

ווען מ׳האָט מעכעלען דערציילט פון וורצלאַווסקיס משוגעת איז ער אַריינגעלאָפן צו אים אין באַראַק. וורצלאַווסקי איז געזעסן אויף זיין בעטל. די מלבושים זענען אויף אים געווען צעריסן און פון זיין מויל האָבן זיך געריסן בהלהדיקע קולות. אָבער טיף אין אים האָט נאָך ווייטער וויברירט יענער געזונטער, איבערגערעכנטער אָדער, וואָס האָט זיך נישט געלאָזט אָפּווישן אין גאַנצן. דערפאַר האָט ער נאָך אין מיטן משוגעת אַריינגעפלאָנטערט אין זיינע האַלוציניאַציעס ברעקלעך פון דער וועלט וואָס ער האָט דערקענט. זיין לעצט ביסל ווידערשטאַנד קעגן שגעון האָט נאָך דערקענט מענטשן, געזען זיי... ווען ער האָט באַמערקט מעכעלען האָט ער אויפגעהויבן אַ קוויטשיק געשריי:

— מעכעניו! קום אַהער! אַ גרויסע פרייד איז געקומען אויף אונדז... נישטאָ מער שבתי צבי! נישטאָ מער יעקב פראַנק! איצט איז שוין משיח זיכער פאַראַן — איך האָב אים געפּאַקט! ער ליגט דערווייל ביי מיר דאָ, איינגעשלאָסן אין האַרץ — קיינער זאָל אים נישט פאַרכאַפּן... קום אַהער! ד י ר וועל איך אים וויזן... אָט גייט וואַלטער מיטן אייזערנעם שטעקן! ער וויל אים שלאָגן — און איך וועל נישט לאָזן! וואָס דרייט זיך דאָ ראָסט אַרום? ער וויל אים פאַנגען? טויזנט גיפטיקע שלאַנגען מיט פייערדיקע עקן וועל אויף איך אויף אים אָנשיקן... זיי וועלן אים ברענען דעם מח, אַרויסציען פון דאָרט אַלע פּיקרין־באָמבעס און זיי וואָרפן איבער דייטשלאַנד... דם ואש ותמרות עשן... טראַ־לאַ־לאַ... האָב

גישט קיין מורא פאַר מיר, מעכעלע, קום אַהער! כ׳וועל דיר גאָרנישט טון...

מעכעלע האָט אים געוואָלט באַרואיקן און אַרויפגעקראָכן נעבן זיין פּריטשע. דער דאַרער שאָקען האָט זיך ערגעץ באַהאַלטן און וואָרצלאַווסקי האָט אויסגעצויגן די פּיס איבערן צווייטן בעטל:

— מעכעניו, דיך וועל איך נישט נאַרן... די גראָבע יונגען זאָג איך אַז כ׳בין משיח... וואָס פאַרשטייען זיי? משיחן האָב איך אָבער באַהאַלטן אָט־דאָ! זעסט מיין האַרץ? אָט דאָ היט איך אים אויס... ווען איך וועל וועלן — לאָז איך אים אַרויס... איך בין אליהו הנביא! לאָמיר זיך צעקושן, מעכעניו, אַז מיר האָבן דאָס דערלעבט... גיי, ווייס אַז איך יצחק מאיר פון דער גזשיבאָווסקע גאַס בין גאָר אליהו התשבי!... ווען איך ווייס — ממית איך זיי דאָך שוין פון לאַנג! איך נעם אַ שטעקן און מאַך פון אים אַ לאַנגע שלאַנג וואָס זאָל רעגענען מיט גיפט און מיט קופּערנע ווערעמלעך איבער זייער אַלעמענס קעפּ... לאָמיר זיך צעקושן!...

מעכעלע האָט זיך פון אים אָפּגערוקט, פּונקט דאַן ווען ער האָט זיך אַ וואָרף געטון צו אים... וואָרצלאַווסקי האָט זיך אויף אים צעקאָכט:

— ד ו גלויבסט מיר אויך נישט? דו אויך? אַפּיקורס! יוחנן כהן גדול און אלישע בן אבויה האָבן דיך אָנגערייצט אויף מיר! דו מאַכסט חוזק? חוזק? אָט בלאָז איך באַלד אויף דיר אַ מזרח־ווינט און דיינע ביינער וועלן זיך צעשיטן איבער אַלע וועלטן... געוואַלד, אָט האָב איך דאָך דעם שופר! פאַרוואָס זוך איך אים? פאַרוואָס שריי איך? אַלע טויטע זאָלן דאָ שוין אַרויס פון די קברים! איך באַפעל! און וואַלטערן דעם באַנדיט זאָל מען מיר שוין ברענגען געשמידט אין קייטן — איך באַפעל! און אייזערנע רייטוועגן זאָל מען אַרויסשיקן אויף מזרח און אויף מערב און זאָלן זיי איינזאַמלען אַלע דייטשן פון אַלע עקן וועלט און איך וועל זיי שמייסן מיט געווייקטע ריטער און זיי אַראָפּלאָזן אין טאָל פון הינם, אַז זייערע ביינער זאָלן זיך מאָלן אייגס אינעם צווייטן... וואָס שטייט איר? איך באַפעל דאָך!...

אַ סך זענען איבערראַשט געוואָרן און אַנטלאָפן פאַר שרעק. אפילו ניכטערנע מענטשן האָבן עס נישט געקענט פאַרשטיין:

— פון וואַנעט נעמט זיך ביי אַזאַ זעקל ביינער אַזעלכע כוחות צו שרייען? געהערט אַ קול? געהערט דיבורים? אַ פחד נעמט דאָך אַרום...

ווראַצלאַווסקי איז שוין אָבער צוריק פאַרזונקען אין זיין אייגענער שקיעה אַריין. ער האָט שוין ווידער קיינעם נישט געזען. ער האָט צוזאַמענגעדרייט די פויסט ווי אַ שופר און געהאַלטן אין איין בלאָזן תקיעות דורכן שמאָלן רערל פון זיינע פינגער... דערנאָך האָט ער זיך גענומען אַרומדרייען אויף זיין געזעס ווי אין אַ זיצנדיקן טאַנץ. דערביי האָט ער מיט זיין איבערגעשפּאָלטן קול נישט אויפגעהערט צו זינגען:

— דערלעבט נקמה אין די שונאים... טראַלאַלאַ! יאָך בין משיח און לייז זיך אַליין אויס צוערשט! איך יצחק מאיר בין עס ווערט! זכאי! צינדט אָן אַלע ליכט און זאָגט הלל! באָם בים באָם — — —

## קאַפּיטל אַכטאונצוואַנציק

— 1 —

אין ווערק צע איז דער משוגענער משיח באַלד געוואָרן אויס ווילדע נייעס און פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ געלעכטער. אויפן צווייטן טאָג פון ווראַצלאַווסקיס נביאות־זאָגן איז אַהין געקומען ווייזנבערג, פעלא און די גאַנצע שליאַכטע זיך ווײלן אַביסל. ווייזנבערג האָט ביי דער געלעגנהייט אויך געוואָלט דערגרייכן פּראַקטישע צילן. אין מיטן ווראַצלאַווסקיס שוין־הייזעריקלעכן שרייען איז ער צוגעגאַנגען צו אים נאָענט, אַ געשטעלט אויף אים זיין גומענעם שטעקן און שטרענג אַ וואָרן געטון:

— דו, וועמען האַלטסטו דאָ פאַר יאָלדן? זאָג בעסער אויס ווו דו האָסט דיין געלט, דיינע בריליאַנטן? שוין זאָלסטו זאָגן, ווייל איך מאַך פון דיר אַש...

ווראַצלאַווסקי האָט אָבער באַוויזן אויפצוהיטן זיין שאַרפזיניקייט ביז אין זיין שגעון אַריין. ער האָט זיך שאַרף אויפגעזעצט, אָנגעקוקט ווייזנבערגן מיט זיין גרעסער־פאַרהויבן אויג און צעברילט זיך:

— ווייזנבערגל גנבֿ! וועמען שרעקסטו עס מיט אַ שטעקן? ווייניק געלט האָסטו גענומען ביי מיר און ביי טויט און לעבעדיק? וואָס ווילסטו נאָך? אויף די פּאָר טעג וואָס דו דאַרפסט צו לעבן — האָסטו איבערגענוג... און דערנאָך — וועט מען סיי ווי צעפּערטלען דיין לייב און די

שטיקער וועט מען צעהענגען איבער אַלע עקן וועלט... דערנאָך וועלן אַלע יידן זיך אָננעמען אין אַ ראָד און זיי וועלן טאַנצן אַרום דיין נבלה זיבן טעג און זיבן נעכט... אַזוי האָב איך באַפוילן! און דאָרט נעבן דיר שטייט דיין שוועגערין, די יאַשניע פּאַני קאָמענדאַנטאָווא — טאָ זאָג איר, דער זונה: זי וועט אַ סוף האָבן ווי אזבל... איר גוף וועט זיך וואַל־גערן און די הינט וועלן לעקן איר בלוט... זאָג עס איר אויף פּויליש ווייל איר פּאַסט נישט צו פאַרשטיין קיין יידיש וואָרט... געדענק, אַז אַזוי האָט געזאָגט משיח בן חיים יחיאל פון גזשיבאָווסקע גאַס אין וואַרשע...

מער האָט זיך ווייזנבערגן נישט געגלוסט צו טרייבן קיין שפּאַסן מיטן משוגענעם. ער איז אַרויס — ווי אָפּגעשאָסן מיט פייער און דערביי האָט ער נאָך באַוויזן צוצוגעבן:

— ער איז משוגע, האַ? אָבער ער שפּילט מער די קאָמעדיע, בכדי אַלעמען אַריינצוזאָגן ביז אין דער זיבעטער ריפּ אַריין... אַ געפּערלעכע קאַליקע, זאָג איך אייך...

וואָרצלאַווסקי אַליין האָט אָפּגעשריגן עטלעכע טעג, געגעבן אַלע באַפעלן זיינע און שוין באַוויזן אַ תל צו מאַכן פון אַלע שונאים און אויסלייזן דאָס גאַנצע יידישע פאָלק פון גלות אדום... ער איז אָבער ווייטער געבליבן ליגן אויף דער זעלבער פּריטשע און פון מידקייט האָט ער פאַרלוירן דאָס לשון. אויך די אברים האָבן מער נישט געהאַט קיין כח צו וואַרפן זיך. איז ער געבליבן ליגן שטיל, מיט אויפגעריסענע אויגן צום באַלקן און אַזויווי פון שטאַרקן פּראָטעסט — האָט ער עטלעכע מעת לעת נישט געוואָלט נעמען גאָרנישט אין מויל אַריין. ערשט ווען ער האָט שוין קיין כח נישט געהאַט זיך צו ווערן — האָט מען אין אים באַוויזן אַריינצוגיסן עטלעכע טראָפּנס זופּ. ער האָט אָבער גענומען אָפּטון אַלעמען און געשוויגן. ער האָט יעדן באַזונדער אַרומגענומען מיט זיין קאַלטן, שטעכיקן בליק — אָנגעשטאָכן אין אַלעמען זיין צערודערטן חשד און בלויז מיט דער האַנט אָנגעוויזן, מען זאָל זיך צו אים נישט דערנענטערן.

דאָס לאַנגע פאַסטן און דאָס שווייגן האָבן געהאַט זייער פּעולה. די צעהיצטקייט האָט זיך גענומען איינלעשן און די געזונט־געבליבענע טיילן פון זיין פאַרשטאַנד האָבן גענומען פאַרכאַפּן איין חרוב־געוואָרן ברעקל מח נאָכן צווייטן... ווען מעכעלע איז איינמאָל אַריינגעקומען מאַכן אָר־דענונג אין באַראַק, האָט אים וואָרצלאַווסקי צוגערופן און אַזויווי ער

וואָלט זיך אויפגעוועקט פון אַ גאַר־לאַנגן שלאָף — האָט ער אים אַ פרעג געטון:

— זאָג מיר... איז דאָס אַלץ טאַקע געווען אַ ליגנט? איז טאַקע ווערק צע ווייטער געבליבן ווערק צע און איך בין ווידער די וויסטע קאַליקע? זאָג דעם אמת...

וואָס האָט מעכעלע געקענט זאָגן? ער האָט זיך געמאַכט נישט־וויסנדיק, געוואָלט שאַפן דעם איינדרוק אַז ער געדענקט גאָרנישט. אָבער וורצלאַווסקי האָט אים שוין אַ דערבייזערטער אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט:

— הע, ביי מיר שפּילט מען נישט קיין קאָמעדיעס! איך געדענק גענוי יעדעס וואָרט וואָס איך האָב געשריגן. איך קען דיר נאָך איצט זאָגן אות ביי אות... כ׳קען דיר אויך איבערחזרן יעדעס וואָרט וואָס כ׳האָב געזאָגט ווייזנבערגן און דער וואַרקאָוויטשן. עס מוז זיי נאָך איצט שטעכן אין דער זיבעטער ריפּ. נאָר גלויבט מיר: אַלץ האָט זיך מיר אַזוי קלאָר אויסגעדוכט — אַז כ׳האָב עס אָנגענומען פאַר הונדערט פּראָצענט אמת... איך האָב דאָך דיך געזען און גערעדט צו דיר אויך — וואָסזשע לייקנסטו? איך האָב אָבער אויך געזען ווי אַזוי פייערדיקע מלאכים טאַנצן אַרום מיר, זאָגן מיר אַז די גאַנצע וועלט ווערט מיר איבערגעגעבן אין די הענט אַריין... געוואַלד, ווי קלאָר איך האָב דאָס געזען און געהערט! נאָך איצט זע איך עס. וואָסזשע איז דאָ געווען, האַ? איך האָב נאָך גע־האָט אַ פּאָר גילדן ביי זיך — האָב איך זיך געכאַפּט און זיי צעריסן אויף פּיץ־פּיצלעך! איך האָב מער נישט געוואָלט האַלטן אין דער האַנט אַזעל־כע פּאַפּירלעך, וואָס די מערדער ימח שמם האָבן אַרויסגעגעבן... און איצט, אויב דאָס אַלץ איז בלויזער ליגנט — האָב איך דאָך עובר געווען אויף בעל תשחית; האָב איך דאָך ניט מער אויף קיין שטיקל ברויט... און אויב מיינע אַלע חזיונות זענען נאָר געווען אַזאַ פאַרבלענדעניש — איז דאָך אַלץ ווי געווען: נישטאָ קיין נסים! דערפאַר איז אָבער ווייטער דאָ אַ שיס־פּלאַץ... וואלטער בלייבט ווייטער ד ע ר וואלטער — און ווייזנ־בערג בלייבט ווידער דאָס זעלבע ווי געווען...

עס איז קלאָר געווען אַז מעכעלע קען דאָ מער נישט רעדן קיין נאַ־רישקייטן. אָט האָט זיך וורצלאַווסקי צעוויינט, געגאָסן מיט טרערן:

— דערצייל מיר נישט... איך זע דאָך: אַלץ איז געווען אַ פאַרבלענ־

דעניש! כ׳ווייס אַליין נישט וואָס מיט מיר איז געשען... נאָר איצט שעם איך זיך פאַר אַלעמען דאָס פנים צו ווייזן, אַ וואָרט פון זיך אַרויסצו־ברענגען! איצט בין איך אויסגעליידיקט — וועט אויך מיין נשמה הונ־גערן... וועל איך שרייען לית דין ולית דיין — און אָט דאָס וויל איך נישט! כ׳ווייס נישט, אויב דו וועסט עס פאַרשטיין אָבער איך מוז דיר עס זאָגן: געוואַלד, ווי מיר בענקט זיך צוריק צו די טעג פון מיין משו־געת! פאַרוואָס בין איך אויסגעניכטערט געוואָרן? ווען דו זאָלסט וויסן וו אָ ס איך האָב אַזוינס געזען!... איך בין דאָך געווען עטלעכע טעג אין גן־עדן! וואָס גייט מיך דען אָן, אויב דאָס איז נאָר געווען הוילע פאַר־בלענדעניש? אָבי איך האָב עס געזען, געלעבט דערמיט... און איצט — וואָס טוט מען מיט מיין מיושבדיקייט? אַז איך האָב שוין פאַרזוכט דעם ליכטיקן טעם פון שגעון... און מאַכן זיך נאָך אַמאָל משוגע מיט געוואלד קען איך נישט און האָב עס נישט בכח. טאָ וואָס טוט מען, פאָרט, מעכע־גיו!?

קיין עצות געבן וואָרצלאַווסקין איז שוין קיין מענטש אין וועלט צו נישט געווען אימשטאַנד. ער איז פאַרשליידערט געוואָרן אויף עטלעכע טעג אין אַ גאָרטן — און ווי איז דעם וואָס ווערט דערנאָך צוריק אַרויס־געטריבן אין דער נאַקעטקייט אריין. האָט ער אים פאַרשטאַנען אין זיין שווייגעוודיקן כעס: פאַרוואָס האָט מען אים אַריינגעגאָסן אַביסל זופ אין מויל, ווען ער האָט געהאַלטן ביים אויסגיין אין זיין זיסער חלשות? ווי אַזוי קענען אַ פּאָר שמוציקע טראָפּנס קלעפּיקע זופּ פאַרטרייבן אַ משיח פון וואָרצלאַווסקיס האַרץ אויף שטענדיק, אויף אייביק? מעג מען טון אַזוי?

מעג מען? ווער נעמט זיך דאָס אונטער צו פסקענען?

— 2 —

ניין, פאַר קיין הונגער וועט וואָרצלאַווסקי נישט אויסגיין. פאָרט פאַראַן אַ כח, וואָס האָט אים אין זינען. אפשר וועט ער אויך צושיקן שפּייז פאַר זיין אויסגעהונגערטער נשמה? אַז עס קען אַזוינס פאַסירן — קען מען אַלץ שוין גלויבן!

נאָך זיין משוגעת האָט וויינזנבערג געוואָרפן אַן אויג אויף יענעם

גאַנצן באַראַק. ביי אים איז עס קלאָר: די קאַליקעס ליגן און טוען גאָר־נישט — טראַכטן זיי אַזוי לאַנג ביז זיי גייען אַראָפּ פון זינען. מוז מען זיי אַרויסשלעפּן. זאָלן זיי עפּעס טון, האָרעווען! צוערשט דאַרף מען זיך נעמען צום שניידערל און לידלעך־זינגער. גימפּל קען גיין, ווען זיין קאַליקער פוס איז איינגעבונדן אין שמאַטעס. אויך די מכות פון האַלדז און פנים האָבן זיך גענומען צוטריקענען. וועט מען אים דאַרפן משלח זיין אין פאַבריק. נאָר דערווייל — זאָל ער רייניקן דעם הויף גלייך ווי אַלע און דער עיקר — זאָל ער זען צו האַלטן ריין דעם ריזיקן קלאָזעט אין וואַלד. פון דאָרט זאָגט מען שטאַמען אַלע עפּידעמיעס. האָט גימפּל אַ נעם געטון אַ לאַנגן בעזעם און גענומען רייניקן דאָס געברויכט־אָרט מיט דער גרעסטער געדולד. אַבי אין דער פאַבריק אַריין נישט צו גיין — איז אַלץ כדאי... ער אַרבעט זיך אָפּ זיינע פּאָר שעה — און דערנאָך זיצט ער צוריק ביי זיינע אַלטע אנצוגן און נייט אויס אויף ברויט...

ביים רייניקן דעם וואַלד — קלויבט ער אויף יעדע שמאַטע. עס קען צונוץ קומען. איז ער אַזוי געשטאַנען אין וואַלד און גערייניקט אַ שטיקל טראָטואַר. אַ מציאה האָט אים אָבער נישט געלאָזט ווייטער שאַרן מיטן בעזעם. אַ קישעלע פון וואַטע איז געלעגן נעבן אים — און עס בעט זיך ממש מען זאָל עס אַריינלייגן אונטער אַ לויזן אַקסל... ווי אַזוי זשע זאָלן זיינע שניידערישע בלוטן רוען? האָט ער זיך איינגעבויגן, עס אויפגעהויבן און אַ טאַפּ געטון מיט די פינגער...

אָבער די וואַטע איז אויך מאָדנע. נישט אומזיסט האָט עמעצער זי אַוועקגעוואָרפן. אין וועלכע צע וואַרפט מען זיך נישט מיט קיין זאַכן וואָס קענען צונוץ קומען! דוכט זיך ווייך, האַ? און דאָך איז דאָרט אונטערן פאַרנייעכץ האַרט, גאָר האַרט! האָט ער זיך אַוועקגעשאַרט עטוואָס ווייטער, דאָרט ווו מעכעלע האָט געהאַקט האָלץ און אויפגעריסן די נעט, צעדריוולט די וואַטע און געוואָלט דערגיין דעם סוד. דאָס וואָס ער האָט דאָרט דערזען, האָט אים אָבער אונטערגעהאַקט די פוס פון שרעק. ער איז צוגעלאָפן צו מעכעלען און באַוויזן די מציאה:

— איז דאָס עכט? איז דאָס עפּעס ווערט? איר זענט דאָך אַן אָרנט־לעכער מענטש... טאָ זאָגט מיר...

מעכעלע איז נישט קיין מבין אויף אַזעלכע זאַכן. ער זעט בלויז אַזאַ שטיק צעשמאָלצנס, אַזוי ווי גאָלד... אין מיטן זיצט אַ גלאַנציק גלעזע־

לע, וואָס ווערט אַרומגעקרייזט פון זיבן אַנדערע. ברילִיאַנטן? ווער ווייסט? אָבער דאָס שטאַמט פון אַ מיידאַנעק־מלבוש... און קיין סתם־גלעזעלעך האָט מען נישט געדאַרפט באַהאַלטן אין דער וואַטע פון אונ־טערן אַקסל. דערפאַר טאַקע פסקנט עס מעכעלע מיט אַזאַ זיכערקייט:

— ברילִיאַנטן... דאָס איז ווערט אַ פאַרמעגן...

אויף גימפּלס פּנים האָבן זיך גענומען אַרומיאָגן אַלערליי קאָלירן:

— וואָס הייסט? איר מאַכט חוזק פון מיר! ווי קען דאָס זיין? איך שאַר אַ שמאַטקעלע, הויב זי אויף... אַלע טרעטן דערויף, עמעצער האָט עס שוין אַוועקגעוואָרפן — און איר זאָגט: אַ פאַרמעגן... דאָס זענען פאַר־טשערקעס! נאָר אַז איר מיינט ערנסט — האָב איך פאַר אייך אַ פאָר־שלאָג: גיט מיר 500 זלאָטעס — און נעמט אייך עס! איך פאַרגין אייך מיטן גאַנצן האַרץ אייער פאַרמעגן... איך דאַרף האָבן צו עסן אַ שטיקל צייט... גיט מיר הונדערט!

מעכעלע איז שוין געוואָרן שטרענג און געוואָלט אָפּטרייבן דעם בחור:

— וואָס בין איך, אַ ברילִיאַנטן־סוחר? ווו זאָל איך נעמען געלט אייך צו באַצאָלן? יאָ, איך ווייס: איר וועט מיר טרויען און איך קען דער־וויל גיין און פאַרקויפן, אָפּצאָלן אייך און לאַכן. די מציאה איז אָבער אייערע... איך קען זיך נישט, נאָר מיין שכל זאָגט מיר אַז דאָס מוז ווערט זיין אַ שלל געלט, אפשר פופציק טויזנט! איר זענט בלינד — מוז איך אייך זאָגן מ יי ן מיינונג. וואָסזשע נאָך ווילט איר? כ׳זאָל אייך אויסנאַרן?

גימפּל איז שוין געשטאַנען און געציטערט:

— ווער רעדט פון אויסנאַרן? איך גלויב אייך... באַליידיקט זיך נישט! נעמט עס און טוט דערמיט וואָס איר ווילט. אַז איר וועט באַ־קומען עפּעס דערפאַר — גיט מיר אַ פאָר הונדערט זלאָטעס און לאָזט מיך... איך האָב מורא... זייט אַ גוטער...

מעכעלען האָט אַרומגענומען אַ מיטגעפיל צו דעם שטילן בחור. האָט ער אים נאָר באַרואיקט:

— נאַרישער מענטש. איר וועט זיך איצט קענען היילן דעם פּוס, עסן בעסער... אָבער — מיט שכל! מאַכט נישט קיין רעש. ס׳איז אייער גליק וואָס איר האָט עס געפונען. וואָס ווילט איר נאָך? באַראָט אייך

מיט עמעצן, אַ פּאַרטרוילעכן... היט זיך פאַר דער פּאָליציי — און פאַר־טיק!

ווען מעכעלע האָט זיך געלאָזט אַוועקגיין איז אים גימפּל נאָכגע־לאָפן:

— מעכעלע, איר האָט דאָך עס געפונען גלייך מיט מיר... איר זענט אַ שותף, איר מוזט זיין אַ שותף! אַליין בין איך אַ פאַרלוירענער...

זיין נישט אָפּלאָזן האָט מעכעלען אַ רייץ געטון: פאַרוואָס טאַקע נישט פאַרדינען עפּעס דערביי? אָט, ווען ער האָט געלט! ער וואָלט אַליין געגומען עסן, צובאַקומען אַביסל כח... עס קען זיין אַז מען וועט דאַרפן בקרוב לויפן, אויסהונגערן זיך טעג... אפשר האָט דער צופאַל אויך צו אים אַ שמייכל געטון? הײנט האָט ער דאָך אַ פּאָר חברים אויך! זיין גע־פיל לאָזט אים אָבער נישט ווערן קיין שותף צו יענעמס גליק. גימפּל איז טאַקע גערעכט: ווען ער זעט נישט מעכעלען — גיט ער עס אַוועק אַ צווייטן פאַר איין פאַרציע ברויט... נאָר פאַר אַ פּאָר ווערטער זיינע זאָל ער נעמען אַ טייל? דאָס איז נישט פאַר מעכעלען! יאָ, ער קען אַ מעקל טון, פרעגן פאַרזיכטיק מבינים. פאַר דער טרחה קען אים גימפּל שפּעטער געבן וואָס ער וויל. נאָר וואָס איז זיך דאָ איצט צו שפּאַרן? מען וועט פרעגן...

און מעכעלע איז געוואָרן אַ ברילִיאַנטן־סוחר. ביי יעדן פאַרטרוילעכן מענטש באַזונדער האָט ער געפרעגט. יעדער איינער האָט עס באַזונדער געשאַצט און יעדער באַזונדער האָט געזאָגט: דאָס זענען טאַקע עכטע, נאָר מען מוז זען אונטער דער לופּע... דאָס קען מען נאָר אין שטאָט. דאַרף מען עס שיקן מיט אַ פּאַליאַק, וואַרטן און הערן די רעזולטאַטן... גימפּל איז פאַרצווייפלט: וואָס קומט אַרויס? ווערט, אָדער נישט ווערט? יעדן טאָג דאַרף מען עסן — און וואָס וועט אַרויסקומען פון האַלטן? די ראַ־פינירטע סוחרים זאָגן יעדן טאָג אַ קלענערן פּרייז. זיי זעען מיט ווען־מען זיי האָבן צו טון, ווילן זיי האָבן דעם עיקר פון דער מציאה און גימפּל וויל דערווייל פון הונגער נישט שטאַרבן. עלעהיי ער האָט עס געפונען מיט נאָך פינף שותפים צוזאַמען — דאַן וואָלט ער שוין יאָ צופרידן גע־ווען מיט זיין חלק? דאַרף מען זיך נישט שפּילן... נעמען וואָס מען גיט און אַ סוף! שוין דריי וואָכן אַז ביידע זענען רייך — און היטן זיך מיט אַ גרעסערן ביסן... ענדיקן!

דאָס ערשטע מאָל פאַרדרייט זיך ביי מעכעלען אַזוי שטאַרק דער קאָפּ: ג ע ל ט ! ציפּערן פון טויזנטער שווימען אָן אויף אים אין די נעכט, נעמען אים אַריין אין קלאַמערן, שרעקן אים און לאָזן ציטערן אין אים אַזאַ שרעקלעך־גליקלעכן רויש... באַלד וועט ער האָבן, האָבן... די בילדער פון זיין גאַנצער שפלות, פון זיין נעמען פריער געשענקטע ביס־לעך זופּ און ברעקלעך ברויט, וואַקסן איצט צוריק אַרויס פון אַלע ווינק־לען, דראָען אים און דרייען זיך אין קאַראַהאָד: ווילסט ווייטער שנאָרען? ווייטער גראַבלען זיך אין מיסטן נאָך אַ קנעפּל? ווילסט ווייטער שלעפּן אָפּגעלעגענע כאָדאָקעס פון אונטער פאַרלאָזטע בעטן און זיי זוכן אָפּ־צוריייניקן, פאַרקויפן פאַר אַ מאָסל אויסגעשפּיגענע זופּ?...

גימפּל איז שוין מיד פון וואַרטן. אַ גרופּע הענדלער האָט שוין גע־נומען די זאַך אין דער האַנט אַריין. וויפל זיי וועלן געבן — מוז מען שוין נעמען. אָבער מען דאַרף האָבן אַ קלוגן מענטש וואָס זאָל מיט זיי פאַרהאַנדלען. אין דער לאַגער־וועשעריי זיצט שוין פאַנטשל מיט עטלע־כע שותפים — מוז מען אַריינגיין, זיך נישט לאָזן אַראָפּדרייען דעם קאָפּ... מוז ער, מעכעלע זיין דערביי... אָנגעהויבן — טאָ זאָל ער שוין אויך צוענדיקן!

— 3 —

זינט מעכעלע איז אין לאַגערן — האָט ער נאָך אַזאַ בילד נישט גע־זען. באַלד אין דער פרי, ביי אַ צוגעריגלטער טיר זענען געזעסן אַ גרופּע מענטשן ביי אַ טישל און צוגעהערט זיך וואָס עפּעס אַ מבין האָט דער־ציילט וועגן בריליאַנטן. דאָס איז דער ספּעציעל־פּאַרטרוילעכער לאַגער־שאַצער פאַר אַזעלכע מסחרים און מציאות... ער דאַרף דאָ איצט באַקו־מען זיין מעקל־סומע פון ביידע צדדים — און דערפאַר דאַרף ער באַ־ווייזן אַז ער אַרבעט אויף זיין סומע און ער וויל חלילה נישט אומזיסט. צוליב דעם מוז ער האַלטן אַ לאַנגע לעקציע וועגן „מאָדערנע" בריליאַנטן און אַלטמאָדישע... ער טאַפּט אויך גימפּלס מציאה פון אַלע זייטן, שלעפּט אַרויס אַ קליין שפּאַקטיוול און שטופּט עס יעדן איינעם באַזונדער צום אויג...

מיט אַ סוחרישער הנאה און מיט קענטשאַפט אויף דער אייגענער מבינות הערט עו' נישט אויף פאַרשטיין צו געבן:

— און אַז איר קוקט דאָרט — וואָס זעט איר דען? אָט למשל אין יענער זייט... איר האָט באַמערקט דאָס שפריצעלע? אוי, ווען נישט אָט דאָס פגימהלע — איז די כלי ווערט אַ פאַרמעגן... נאָר אַזוי, עט... איצט קוקט אייך איין אין דעם שליף... איר זענט אַ מבין, ווי אַזוי מען האָט אַמאָל צוגעפיילט אַ ברילִיאַנטל? דאָס גאַנצע וואַסערל פאַלט אַוועק אין דער קרום, קוים־קוים וואָס מען דערזעט עס — און אַ מאָדערנער סוחר מוז דערביי אַראָפּדרייען די פופציק פראָצענט... די קאַליקע וואָס האָט זיך דערביי געפּאָרעט — האָט מיט איין שניט אַוועקגעקוילעט אַ פאַר־מעגן...

דאָס מאַכט ער אַזאַ לאַנגע הקדמה לטובת דעם קויפערס זייט... זאָל ער' וויסן אַז אויף אַזאַ מעקלער קען מען זיך פאַרלאָזן! ער באַווייזט די נישטיקייט פון דער סחורה אויף דער האַנט... אדרבה, זאָל אים עמעץ באַווייזן אַז דאָס איז נישט קיין אַלטע, אָפּגעלעגענע סחורה? וואָס ווייסן דען אַזעלכע בטלנים?

ער שפירט גימפּלס דערשראָקנקייט, וויל ער אים נאָך מער שפילן אויף דער נידערגעשלאָגנקייט און באַגעגנט זיך אָן מיט מעכעלעס גע־פרוּירענעם בליק... כאַפּט ער זיך באַלד צוריקדרייען, פאַרגלעטן אַביסל דעם צווייטן צד:

— נאָר... וואָס אמת איז אמת: די סחורה איז ע כ ט ... אַזאַ יאָר אויף מיר! מען דאַרף נאָר קריגן דערויף דעם בעלן! אָט וואָס... אויף אַזעלכע צירונגען קענען נאָר זיין אַ בעלן יידישע קונים — און מען דאַרף לאַנג וואַרטן ביז מען וועט זיי קריגן... אפילו ווען עס זאָל ווער באַצאָלן אַ צענטל פון דער ווערט — וועט ער לאַנג דאַרפן וואַרטן ביז ער וועט האָבן זיינע גאַנצע ניינציק פראָצענט פאַרדינסט... נישט מער: פאַר אַזאַ כלי — מיט אַלע אירע הסרונות — לוינט זיך...

פאַנטשלען איז שוין נמאס געוואָרן די לאַנגע שמועסן... ס'איז ווערק צע! און מען קען נישט וויסן, ווער עס וועט דאַ אַריינפאַלן אין עטלעכע מינוט אַרום... אויך מעכעלע וויל וואָס שנעלער אַרויס פון דעם עסק. פאַנטשל נעמט ציען אַ פּאַק געלט און לייגט עס אַוועק אויפן טיש... מיט אַזאַ באַרג געלט קענען הונדערטער מענטשן לעבן לאַנגע חדשים

אין לאַגער און נישט וויסן פון הונגער. ער ווייסט וואָס אַזאַ אַוועקלייגן באַדייט, בעת עס זיצן דאָ אַנטקעגנאיבער צוויי געבראָטענע אָרעמעלייט... ער גיט דערפאַר בלויז אַ מידן געגעץ און האַקט אָפּ:

— איך גיב צען טויזנט — און אַ סוף זאָל עס נעמען! טאָמער הער איך איין וואָרט קעגן, פּאַק איך זיך איין און גיי אַוועק... קאַרג מסחרים דאָ?

מעכעלע וויל שוין אויך אָפּהאַקן — גיט ער אַ שאָקל מיטן קאָפּ און גימפּל נעמט ווערן ווייכער:

— דערלייג עפּעס, פאַנטשל... און... זאָל עס בלייבן אַ סוד...

פאַנטשל איז אָבער רואיק:

— שפּרינג נישט... ביי אונדז מוז מען פריער אויסטרינקען — איי־דער מען באַשליסט צו האַלטן סודות... איידער מען גיט זיך די הענט און מען שלמט פאַר דער קניה...

אויפן טיש האָבן זיך באַוויזן צוויי ליטער שנאַפּס. פאַנטשל האָט שנעל אָנגעגאָסן אין עטלעכע טיי־גלעזער וואָס האָבן זיך באַוויזן פון אונטער דער ערד. דער ערשטער מוז טרינקען מעכעלע... ער איז אַ יאָלד און קען זיך אַרויסכאַפּן פאַר וועמען. אַז ער וועט אויסטרינקען אַ כוסה — וועט ער שוין זיין פאַרבונדן מיט אַ חטא... וועט ער זיך שוין היטן און ער וועט דערמיט ווערן אַן אייגענער אין דער קאָנספּיראַטיווער גע־זעלשאַפט פון הענדלער. אָט, זאָל ער איצט וועלן אַרויסגיין! די טיר איז צוגעמאַכט... טרינקען זאָל ער גלייך ווי אַלע!

מעכעלע שטויסט צוריק און קען נישט. דאָ איז ערנסט געמיינט. ער מוז טרינקען מיט זיי... איין גלאָז און נאָך איינס... אָט אַזוי! איצט איז ער אַריינגעצויגן אינעם עסק! נו, נאָך דעם קען מען שוין טרינקען לחיים און אויסציילן דאָס געלט... גימפּל מעג איבערציילן און דערנאָך — זאָלן אַלע זיך דערלאַנגען נאָך אַמאָל די הענט, אויסטרינקען נאָך אַמאָל און פאַרטיק! די זאַך איז געשטאָרבן און קיינער געדענקט נישט מער קיין וואָרט דערפון... אָפּגעווישט!...

מעכעלע האָט אויסגעטרינקען מער פאַר אַלע. ענדיקט ער שנעל און לאָזט זיך אַרויסלויפן צו דער אַרבעט. דער קאָפּ דרייט אים שטאַרק און די פיס זעצן זיך אים... שכור? ניין, נאָר גלאָט מיט אים איז נישט...

בלויז אַזאַ טיפער ווייטיק האָלט אים אין צוים. ער שעמט זיך אַזוי פאַר זיך אַליין: ווי מיאוס ער איז! ווי נידעריק!... ער, דער פּרעדיקער און מוסר־זאָגער האָט איצט אויסגעזויפט אַזויפיל שנאַפּס... ד אָ, א י ן וו ע ר ק צ ע !...

ער האָט זיך געוואָלט אַ לאָז טון צו זיך אין באַראַק, אַוועקלייגן זיך... נאָר ביים אָפּלויפן עטלעכע קרומע טריט איז פאַר אים אויסגע־וואַקסן אַ באַקאַנט געשטאַלט. דורך די פאַרשווימענע אויגן האָט אים מעכעלע קוים דערקענט: ש ו ל צ ע ! דער וואַכפירער האָט נישט באַ־וויזן צו דערקענען אין מעכעלען די צעטומלטקייט. ער האָט זיך גע־איילט:

— מאָרגן פרי קומט אַהער אַ גרויסע קאָמיסיע... כאַפּ תיכף אַ לייטער און ציען דעם פענדזל, אַז די קניען ברעכן זיך און די הענט זענען שמוציק... דערביי דאַרף מען אויך מאַכן אַ גרויסע אויפשריפט מיט עט־לעכע פאַרבן צוליב זייער קומען... אַלזאָ: היינט דאַרף נאָך זיין געשריבן אויף דער פראָנט־וואַנט די לאָזונג „אַרבעט מאַכט דאָס לעבן זיס...“

די תיכּפדיקע שטראָף! ווי אַזוי קען מעכעלע איינשטיין אויף אַ לייטער און ציען דעם פענדזל? אַז די קניען ברעכן זיך און די הענט זענען ווי מאַכטלאָז פון איבערדריסיקן שנאַפּס? שולצעס פאַרשנדיק אויג מאַכט אים שנעל ניכטער. באַלד וואַקסט אויס אַ לייטער נעבן אָנגעוויזענעם באַראַק און מעכעלע קלעטערט אויף אים הויך, העכער... ווי עס קענען געשען נסים! מעכעלע נעמט ציקלען די גאָטיש־בייכיקע שריפט מיט איר גאַנצער, שפּיזיקער פאַרריסנקייט! די שריפט וואַקסט אַרויס פון אירע שאַרף־געשניטענע קאַנטן און מעכעלעס צווייטע האַנט האָלט זיך פעסט אָן אין די ברעטלעך פון דער לייטער, וווּ עס קלעפּן עטלעכע קעסעלעך פאַרב. ער האָלט קאָפּ — און דאָך דוכט זיך אים אַז די לייטער שטייט נישט איין אויפן אָרט, זי וויגט זיך, בייגט זיך און ציט אים אַוועק אין דער פרייער געפאַלנקייט. ער באַווייזט קוים צו זען אַז דאָס פראַוועט בלויז שולצע שפּאַס: ער שלעפּט אַוועק די לייטער, פּרוווט אויס זיין כח און וויל דערביי זען אויב דער מאָלער וועט באַווייזן די קונץ צו מאָלן אויף דער וואַנט, ווען שולצעס איינציק־געזונטע פויסט טרייסלט מיט דער לייטער ווי מיט אַ קונציקער שפּילצייג...

מעכעלע ווייסט וואָס אים קען דערוואַרטן, אויב ער פאַלט אַראָפּ

און טאָמער עס וועט זיך אַראָפּטריפן אַ טראָפּן פאַרב אויף שולצעס יום־טובדיקן מונדיר... און דאָ האַקט עס אין די שלייפן, עס ווילט זיך אַזוי אַראָפּפאַלן און איינדרימלען, איינשלאָפן אויף דער קילבלעכער ערד!... נאָר די שגעונדיקע איבערגעררעכנטקייט גיט כח זיין האַנט זיך איינצוקלאַמערן, אויסצוהאַלטן שולצעס ווילדע טרייסלעניש... ער הערט אפילו יענעמס ברייליק קול:

— ס'איז דיין גליק, מאַלער, וואָס דו ביזט נישט אָנגעזויפּט... וואָלסטו געטרונקען אַמאָל אַ שנאַפּס — מוזטו ביי מיר פליען... און איך האָב ליב צו שיסן פייגל...

ער לאַכט אַליין גאַר שטאַרק פון זיין וויץ און לויפט אַוועק ווייטער מיט צעפּלאַטערטע הענט, מעכעלע אָטעמט פרייער אָפּ, ווען זיין לייטער שטייט ווידער פעסט צוגעדריקט צו דער וואַנט. ער דריקט שאַרף צו זיין הייסן קאָפּ צו דער קילער וואַנט, קראַצט אַרום די צעטרייסלטע צויטן פון דער פאַרב אַרום די אותיות און קען אַליין נישט פאַרשטיין, ווי אַזוי דאָס האָט געקענט זיין:

— ער האָט זיך אַזוי קונציק דערהאַלטן אין דער לופט!...

— 4 —

איבערן הויף האָט זיך צעטראָגן אַ מוראַדיק געפילדער. דאָס האָט שולצע גענומען מאַכן די גרויסע רעוויזיע איבער די באַראַקן מיט דער הילף פון צוויי ווערקשוצן. פון זיין לייטער אַראָפּ הערט מעכעלע ווי פלאַטערדיקע לאַגערניקעס דערציילן איינער דעם צווייטן פונעם חורבן וואָס ער מאַכט אָן... ביי איינעם פון די קראָקעווער קרעמער האָט ער אַריינגעשאָטן אין דער קאַלוזשע אַריין עטלעכע קילאָ רייז און דאָס גאַנצע קרעמל זיינס אַרויסגעשמיסן דורכן פענצטער... אַ המון פיקרינער האָבן דערנאָך אַרומגעלעקט די בלאָטע נעבן יענעמס באַראַק... ביים רבין אין צימער האָט ער אַנטדעקט אַ גאַנצן מאַגאַזין פון ברויט־לאַבנס... ער גייט אומעטום מיט אַזאַ זיכערקייט און טרעפט אָן ביים ערשטן שריט אויף אַלע מאַסקירטע באַהעלטענישן, אַזוי ווי ער וואָלט געהאַלטן אַן אומגעזעענע מאַפּע אין האַנט...

זיין הויפּט־צאָרן האָט ער אָבער אויסגעגאָסן אויף דעם געהיימען

קלוב פון די לאַגער־גבירים, וואָס געפינט זיך אין דער וועשעריי... ער האָט דאָרט אַדורכגענישטערט אַלע לעכער און אומעטום עפּעס אָנגעטראָפן. זיין שאַרפע נאָז האָט אָבער דערשפּירט עפּעס אַזוינס אין דער לופט, צוליב וועלכן ער האָט אָפּגעשטעלט דאָס גאַנצע זוכעניש:

— דאָ האָט מען היינט געזויפט שנאַפּס!

די וועשערין האָט געלייקנט, אָבער שולצע האָט באַלד געהאַלטן עטלעכע גרויסע פלעשער אין האַנט און פון זייער ליידיקייט אויסגענויגט עטלעכע טראָפּנס אויף די פינגער:

— אָט דאָס וואָס איז, האַ?

די פּאָליציי האָט באַלד געפירט די וועשערין מיט איר געליבטן אין בונקער אַריין פון וועלכן עס האָבן זיך תיכף געטראָגן אירע געשרייען. מעכעלע האָט שוין געוואָלט ענדיקן זיינע צאַצקערייען, ווען ער האָט געזען ווי מען פירט פּאַנטשלען, דעם מעקלער, גימפּלען... פאַר שרעק איז ער געבליבן שטיין אין זיין הויף — גלייך ווי דאָרט וואָלט ער מער געשיצט געווען. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז ווי נאָר ער וועט אַראָפּקריכן אויף דער ערד וועט ער פאַלן אַ טויטער... די ערד וועט ברענען אונטער זיינע פיס...

אַ געדאַנק טרייבט אים: באַהאַלטן זיך! פאַרשווינדן!... נאָר ער בלייבט צוגעבונדן צום אָרט. פּאָליציי פליט שוין אַרום איבערן הויף, מורמלט עפּעס וועגן נייע תליות וואָס מען מוז צוגרייטן... שנאַפּס... אַ מסירה... געשלעג... אַ ל ע מ ע ן פאַרשאָטן!... און מעכעלע האָט דאָרט געטרונקען צוזאַמען מיט אַלע אַרעסטירטע... און זייערע קולות לעכערן די לופט!

מער האָט ער קיין בליק נישט געוואָלט וואַרפן אַראָפּצו. ער האָט בלויז זינלאָז געקראַצט די שטיקער ווענט, אויף וועלכע ער דאַרף אַרויפמינטלען די ווייטערדיקע דייטשע אותיות, וואָס שטעלן אָן אַזעלכע דיקע בייכער ווי די פעסער — אויסצוזויגן די רויטע פאַרב פון אונטער זיינע פענדזלען. זיין געדאַנק האָט אָבער גענומען וואַרטן ביז די לייטער וועט זיך ווידער אַ טרייסל טון, עמעצער וועט אים אַ רוף טון און דאַן וועט ער מ ו ז ן גיין... יאָ, עס וועט ווידער עפּעס געשען... עס וועט זיכער אַזוי זיין!

די האַנט, וואָס האָט אַ צי געטון די לייטער איז געווען מוראָדיק ביין:

— זעסט? איך זוך אים אַרום איבערן גאַנצן לאַגער און ער שטייט גאָר דאָ! מען וואַרט שוין אויף דיר אין בונקער... פעלסט צום מנין!... מאַרש!

אין גרעסערן צימער פון דער תפיסה זענען שוין געשטאַנען עטלעכע מענטשן מיטן פּנים צו דער וואַנט. די הענט זייערע זענען געווען פאַר־הויבן צו דער הויך און בלויז די פּרוי צווישן זיי האָט זיך אַ טרייסל גע־טון און אויסגעדרייט זיך, ווען מעכעלע האָט זיך באַוויזן. איר גאַנץ פּנים איז איצט געווען איין געוועב פון שוואַרץ־גרינע בלאָטערן. בלויז די אויגן אירע האָבן געקוקט אויף מעכעלען אזוי אימהדיק־שולדיק און בעטנדיק — אַז ער האָט אַלץ פאַרשטאַנען: זי האָט נישט געקענט אויסהאַלטן די קלעפּ און געמסרט, אויסגעגעבן אַלעמען... איצט ווייזט זי אים דאָס צע־קאַטעוועטע פּנים, די בלוטיקע געוועבן — און זאָל ער אַליין פאַרשטיין... זאָל ער מוחל זיין פאַר דער גרויסער צונג... האָט זי דען געקענט אַנ־דערש? שולצעס צעקאָכטע רציחה לאָזט אים אָבער נישט באַטראַכטן לאַנג דאָס בילד פון אַרום. ער איז איצט שרעקלעך אַנטוישט. ער האָט גע־וואַרט אויף אַ נייעם קרבן, וועלכן ער זאָל אָנהייבן פאַרשן פונדאָסניי... האָט ער פון צעקאָכטקייט נישט געקענט הערן דעם נאָמען זיינעם — איצט זעט ער זיין מאלער! ווי קען עס זיין? די אומזיכערקייט ציט ביי אים אַרויס די געלאָדענע מערדערישקייט:

— האָסטו היינט בייטאָג געטרונקען אַזויפיל שנאַפּס? אַ גאַנצער לייטער זאָלסטו האָבן אַריינגעגאָסן...

מעכעלע קנייטשט מיט די אַקסל:

— איר שפּאַסט, הער קאָמענדאַנט... ווען האָט דאָס געזאָלט פאַר־קומען?

שולצע פאַרלירט אַלץ מער פון זיין זיכערקייט. אָט מוז ער אַ פרעג טון די צעשלאָגענע:

— ווען האָט דאָס פּאַסירט?

די וועשעריי־פירערין האָט אויסגעגלאָצט אַ פּאָר רויטע אויגן:

— אין דער פרי איז עס געווען... און ער איז דאָרט געווען... איך האָב נישט גענאַרט, הער וואַכפירער...

אָבער שולצע האָט זיך עפּעס דערמאָנט:

— דו האָסט דאָך גאַנץ פרי מיך אָנגעטראָפן... און דו האָסט באַלד גענומען אַרבעטן... מעכעלע האָט צוגעהאָלפן אים ענדיקן זיין צעחושטן געדאַנק:

— יאָ, און דער וואַכפירער האָט מיך אַביסל געטרייסלט, בכדי צו איבן מיך אין דערהאַלטן די גלייכגעוויכט... ווען איך האָב מיט איין האַנט געאַרבעט...

שולצעס אָנגעגאָסן פּנים האָט זיך צעשמייכלט:

— אָט אַזוי! און מיך נאַרט מען נישט! דו האָסט דאַן קיין טראָפּן אַלקאָהאָל נישט געקענט האָבן אין זיך!... מיך קען מען נישט נאַרן...

אַ צופרידענער פון זיין זיכערקייט אין זיך — האָט ער געהייסן מע־כעלען אַרויסגיין פון דער תפיסה און ער אַליין האָט זיך אויך דערמאָנט, אַז נעמען אַ גלעזל וואָלט פאַר אים איצט זיכער נישט שלעכט געווען. האָט ער פאַרלאָזט דעם בונקער און זיך אַ לאָז געטון צום קאָמענדאַנטן־באַראַק... דאָרט האָט מען שוין געוואַרט אויף אים. די אַרעסטירטע און צעשלאָגענע האָבן געהאַט אַ נאָענטן שייכות צום „הויף" און עס האָבן זיך אָנגעהויבן די אונטערהאַנדלונגען. נאָכן באַקומען זיינס האָט ער באַ־שטימט דעם צווייטן טאָג זיי אַרויסצולאָזן. דערפון האָט שוין אויך דער אָרעמער גימפּל געגאָסן. איין מעכעלע איז געווען צופרידן, וואָס ער האָט אויסגעמיטן זיינע הענט און די שתדלנות פון ווייסן הויז.

גימפּל האָט אָבער מיטן ביסל געלט געוואָלט באַווייזן וואונדערלעכע זאַכן. קודם האָט ער גענומען אונטערהאַלטן דעם באַראַק־משיח וואַצ־לאַווסקין. דערנאָך האָט ער גענומען אַריינקלערן מיט וועמען ער דאַרף זיך אַלץ פאַראינטערעסירן: אַז עס טרעפן שוין יאָ מיט אים אַזעלכע נסים — איינער נאָכן צווייטן, טאָ פאַרוואָס זאָלן נאָך אַנדערע נישט הנאה האָבן דערפון? האָט ער זיך געהאַלטן אין איין מיישב זיין מיט מע־כעלען, גלייך ווי ער וואָלט דאָ געוואָרן אַ ריזיקער מיליאָנער... ער האָט זיך גענומען דרייען צווישן די פּיקרינער, קוקן אויף זיי מיט אַ בליק וועלכער האָט זיי געדאַרפט זאָגן אַז ער זוכט עפּעס אויפצוטון. דערנאָך האָט ער אַרויסגערופן איינעם, אַ צווייטן און אַריינגערוקט אַ שטיק ברויט אָדער אַ חפץ... זאָלן זיי וויסן פון אַ לעבן! דערביי האָט ער עס געמאַכט אַזוי — אַז אַלע זאָלן באַלד פאַרשטיין אַז מיט דעם גימפּלען

איז עפּעס... מסתמא באַגליקט געוואָרן! דער חשק צו שפּילן די ראָל פון אַ גביר כאָטש איין מאָל אין לעבן האָט באַקומען די גאַנצע הערשאַפט איבער אים — ביז צום פאַרגעסן אַז ער איז צו שוואַך דאָס צו זיין אפילו אין ווערק צע...

ער האָט געהאַט נאָך אַ געדאַנק: זיינס אַ ברודער האָט זיך געפונען אין לאַגער... אַליין איז יענער קוים געווען אַ פּיקריינער. אָבער אַ יינגל וואָס האָט זיך אַלעמאָל אַן עצה געגעבן — האָט ער זיך דערשלאָגן צו אַ שטיקל פאָראַרבעטערשאַפט אין אַ האַלע. דאָס האָט אים שטאָלץ געמאַכט און ער האָט אָנגעהויבן אויסמיידן דעם שלימזלדיקן ברודער, וואָס זיצט און זינגט נאָר לידלעך. ווען גימפּל איז געוואָרן אַ קאַליקע — האָט ער זיך געמאַכט נישט־וויסנדיק און אים נישט געקומען זען, נישט געוואָלט אויסהערן די יינגלעך וואָס גימפּל האָט אונטערגעשיקט. איז איצט גימפּלס צייט פאַר נקמה געקומען. זאָל ער הערן אַז זיין ברודער איז שוין געוואָרן אַ מענטש, דערשלאָגן זיך צו עפּעס און העלפט אַנדערע... ד אָ ס וועט יענעם זיכער אַ צי טון!... ער וועט זיכער קומען... און דאַן — וועט גימפּל רעדן דיבורים! פאַר דער גאַנצער צייט פון זיין מאַכן זיך פרעמד וועט ער זיך אויסטענהן...

נאָר ווערק צע האָט געהאַט עמעצן אַנדערש, ווען אָפּצוטראָגן וועגן גימפּלס רייך ווערן. באַלד איז ער פאַרבעטן געוואָרן אין לאַגער־בונקער דורך אַ פּאָליציאַנט, אַ צווייטן. נאָכן זיין דאָרט אַ נאַכט — האָט ער געמוזט געבן אויף אַ פלעשל שנאַפּס... מער האָט מען נישט געדאַרפט וויסן. פון אַלע זייטן האָט מען ביי אים געצויגן! דאָס גוטמוטיקע שניידער־יינגל האָט זיך אָבער נישט געמאַכט דערויס, אַליין גענומען עסן וויפל ער קען און אויך נישט דערלאָזט אַז אַנדערע זאָלן אויף אים קוקן אין באַראַק מיט הונגעריקע אויגן. דער מרה־שחורהדיקער וואַצלאַווסקי — אוודאי נישט...

# קאַפּיטל ניינאונצוואַנציק

— 1 —

וואָס מער די אַנאַרכיע האָט זיך פאַרשטאַרקט אַרום — אַלץ מער האָט מען געמוזט אויסזוכן פּאָליציי־לייט, וואָס זאָלן שטעקן אין יעדן ווינקל. דערביי זענען געשען מאָדנע זאַכן. אָט האָט מעכעלע געקענט אַ דין, איידל בחורל פון דער האַלע 53. אויף איינעם פון די קאָנצערטן האָט ער אָנטיילגענומען מיט געזאַנג. אַ שטילער און צניעותדיקער, מיט אַ זיידן פּנימל און געלאַסענע, אינטעליגענטע רייד. בלויז זיין ווייבל, וואָס ער האָט זיך אויסגעקליבן אין ווערק צע האָט זיך געקענט מיט פעלאַן פון פריערדיקע יאָרן. טאַקע זי האָט פעלאַן געגומען פייניקן אַז ער זאָל „עפּעס" ווערן... ווי לאַנג וועט ער אויסשפּייען די לונגען ביים טראָטיל? זיי זענען שוין ביי אים סייווי געשעדיקט!

פעלא איז די ערשטע צייט געווען האַרט און שטרענג: נישט אַזעל־כע באַנק־קוועטשער זוכט זי! אַז יענער רעדט גאָר כסדר וועגן ביכער, ליטעראַטור... און ווייַנט ביים זינגען אַ יידיש ליד — ווי קען מען אים טרויען אַ פּאָליציי־שטעקן? אָבער שטעקנפעלדס קוזינקע האָט זיך נישט געלאָזט בייגן:

— ס'איז נישט קיין תורת לאָקש... ער וועט זיך שוין אויסלערנען!

און פעלאַן איז געפעלן דער עקספּערימענט מיט אַזאַ פרום־פּנימדיק בחורל: ווי אַזוי וועט ער פּאָליצייעווען? האָט זי אים בלויז אָנגעזאָגט איין מאָל און נאָך אַמאָל: דאָס איז דיר נישט קיין המוציא מיט האָניק... מען דאַרף קענען קאַטעווען!

און ווי שנעל דאָס דאַרע יינגל האָט עס זיך באַוויזן אויסצולער־נען! אוי, איז זי אַ גוטע לערערין, די פעלאַ! ערשט מיט עטלעכע טעג פריער איז אַלטערל געזעסן נעבן מעכעלען און געשמועסט פון הויכע זאַכן. די אויגן האָבן ביי אים פייכט געגלאַנצט פון בענקשאַפט — און פלוצים...

מעכעלע האָט זיינע אייגענע אויגן נישט געגלויבט, ווען ער האָט דערזען אין אַ פרימאָרגן ווי אַלטערל פאַלט אַריין צו פרידלאַנדן אין באַ־

ראַק. דאָס פרישע פּאָליציי־היטל איז יענעם אַראָפּגעפּאַלן איבער די אויגן און אים געריבן די בלייכע, שווינדזיכטיקע בעקלעך. בלויז די איי־געלעך האָבן איצט ביי יענעם געבליצט מיט אַ צוגעשאַרפטע הנאה, ווי ביים דערגרייכן אַ לאַנג־אויסגעחלומטע זאַך. דאָס איז ער איצט געקומען אַרויסשלעפּן דעם דאַרן שאָקען צו דער אַרבעט... שאָקען איז ווי דורך אַ נס געקומען צו זיך. דאָס געשווילעכץ איז ביי אים אַוועק און ער האָט אפילו גאַנץ לעבעדיק זיך גענומען שאַרן איבערן הויף — האָט אַלטערל געדאַרפט באַווייזן דאָס ערשטע שטיקל ענערגישע אַרבעט. ווי אַ צעיור־שעט הענדל האָט ער זיך אַ וואָרף געטון אויפן דאַרן זעקל ביינער, נישט געוווסט וואָס פריער צו טון פאַר שמחה און ער האָט ענדלעך באַשלאָסן אָנצוהייבן מיטן גומענעם שטעקן. דער דאַרער שאָקען האָט נישט נאָכגע־געבן. ער האָט זיך נאָר איינגעקורטשעט, באַהאַלטן זיין קאָפּ צווישן די דאַרע אָרעמס און געלאָזט איבער זיך האָגלען די קלעפּ מיט שטומער שווייגעניש.

אַלטערל איז שנעל אַראָפּגעשפּרונגען פון דער פריטשע און געכאַפּט אַ שווערע, אייזערנע כלי, וואָס איז געשטאַנען אַ פּאַרגעסענע אין באַ־ראַק. ער האָט מיט איר גענומען זעצן איבער שאָקענס פיסלעך מיט אַזאַ ווילדקייט אַז יענער האָט זיך געמוזט אויפשטעלן, אַראָפּגיין ווי אַן אונ־טערגעשאָסענער... אַלטערל האָט טריאומפירט — כאָטש די רציחה האָט ביי אים געזעצט פון די ליפּן מיט אַ פּאַרמאַטערטן שוים. באַלד איז זיין גרופּע געוואָרן אַ שם־דבר. מענטשן האָבן גענומען צאָלן געלט — בכדי נישט אַריינצופאַלן צו אַלטערן אין די הענט. מיט טרויער האָט מען כעלע צוגעזען, ווי אַזוי דאָס בחורל אין וועלכן ער האָט אַריינגעאַרבעט די גאַנ־צע צייט שפּרינגט איבער די קעפּ און צעבלוטיקט, פּייניקט... זאָל דאָס אַלץ זיין דער כח פון דעם רויטן היטל? ווי ווייניק מען דאַרף עס האָבן צו ווערן אַ רוצח!

און אַלטערל איז נישט דער איינציקער, וואָס וויל באַווייזן פּעלאַן אַז ער איז ווערט צו זיין אירס אַ דינער... פון דער זעלבער האלע האָט פּעלאַ אַרויסגענומען נאָך אַ קליינגעוויקסיק, שטיל מענטשעלע און גע־מאַכט פאַר פּאָליציאַנט. ווער האָט פריער דען באַמערקט דעם קליינעם בוגייסקי? דערפאַר אָבער האָט ער שוין געמאַכט ציטערן דעם גאַנצן הויף — סך־הכל איין טאָג נאָכן אָנטון דאָס פּאָליציייאישע היטל. ער האָט

איבערגענומען די קאָמענדע איבער די רוימערס און רוימערינס פון לאַגער. איין פרוי האָט געהאַט דאָס שלימזל נישט צו רייניקן איר באַראַק ווי עס געהער צו זיין. מיט איין שליידער האָט זי בוגייסקי אַנידערגעוואָרפן. דערנאָך האָט ער זיך ווילד אַ שטעל געטון מיטן שטיוול אויף איר האַלדז. מיט צוויי טעג שפּעטער איז זי שוין געלעגן אינעםביידל פון די טויטע. איז שוין פאַר אים נישט געווען קיין וועג צוריק. ער האָט זיך אָנגעהערט מיט פאַרשידענע דייטשע שטיק און זיי געגומען נאָכקאָפירן מיט אַ משונהדיקער מעכאַנישקייט, אפילו באַנוצט די זעלבע קללות זייערע...

אַליין אַן אייגוווינער פון מעכעלעס באַראַק — האָט ער אים נישט צורו געלאָזט, אַכטונג געגעבן ער זאָל קיין מינוט נישט האָבן פריי און אויסגעקלערט פאַרשידענע ווילדע אַרבעטן, פאַר וועלכע די מענטשן זאָלן ציטערן. ער האָט גענומען אָנווענדן זיין באַליבטקייט ביי פעלאַן בכדי אַרויסצונעמען ביי די מענטשן דאָס לעצטע אויף בראָנפן. גימפּל און אַנדערע, וועמען דער מזל האָט צוגעדינט האָבן זיך מיט אים געמוזט טיילן מיט יעדן פּאָדעם. יעדן טאָג האָבן זיך גענומען טראָגן קולות פון צעשלאַגענע פרויען, וואָס בוגייסקי האָט אָפּגעוואַרט אין די פּאַרטאָגן און שוין אויסגעפונען ביי זיי עפּעס אַ חטא.

וואָס מער די דייטשן האָבן צורו געלאָזט — אַלץ מער האָט בוגייסקי גענומען זאָרגן איבערצונעמען זייערע פונקציעס. די פּאָליציי האָט זיך לעצטנס אויסגעלערנט זיין אַביסל צוריקגעהאַלטענער, זעלטן ווען באַנוצט זיך מיט די שטעקנס — דערפאַר אָבער האָט בוגייסקי זיך געוואָלט אָפּנעמען פאַר דער גאַנצער צייט וואָס ז יי האָבן געהערשט און ער איז געלעגן אין דער האלע... ער האָט אויסגעזוכט די שווערסטע דרענגער' צו קלאַפּן און אַלעמאָל האָט זיך אים אויסגעוויזן אַז אייגנטלעך וואָלט ער געקענט געפינען נאָך דיקערע...

דאָס איז ביי אים נישט געווען בלויז סאַדיזם. פאַר שרעק האָט מען אים אויך געצאָלט מיט פאַרשידענע זאַכן. שוסטערס האָבן אים גענומען מאַכן די שענסטע שטיוול — ער זאָל זיי צורו לאָזן. גימפּל און נאָך עטלעכע שניידער האָבן אים געהאַלטן אין איין אויספּערטיקן אנצוגן — אַז ער זאָל זיי נישט שלעפּן אין וואַלד צו די פאַרשידנסטע אַרבעטן, וואָס זיין צעווילדעוועטער מח האָט אויסגעקלערט. דאָס האָט אים געמאַכט רייכער, אָנגעגעסענער און דערפאַר האָבן זיינע פאַרבלוטיקטע אייגעלעך

געהאַלטן אין איין נאָכפּאָרשן איבערן לאַגער, וואָס נאָך ער קען דאָ פּראָ־פּיטירן פון זיין באַקומענער מאַכט. אַרום אים האָבן זיך געגומען אָנ־קלייבן אַ קליינע גרופּקע שלעגער מיט וועלכע ער האָט געשלאָסן אַ שות־פות.

דערביי האָט ער געקענט אַרויסווייזן אַזויפיל הכנעהדיקייט צו פּע־לאַן און ווייזנבערגן — פאַר וועלכע זיי האָבן נישט געלאָזט אויף אים פאַלן אַ שטויבעלע. אַ משונהדיקע לוסט האָט זיך אָנגעצונדן אין דעם מענטשעלע אויסצוראָטן אַלע „יאָלדן" פון לאַגער. און אין דעם חשבון זענען ביי אים אַריינגעגאַנגען אַלע שטילע און שוואַכע. טיילווייז איז עס אים געלונגען. צענדליקער פּיקרינער און צוריקגעצויגענע האָט ער ביסלעכווייז אָפּגעשלאָגן די אברים — ביז זיי זענען מער נישט אויפגע־שטאַנען. בוגייסקיס חלק צום מאַסן־קבר האָט געגומען וואַקסן. אין די דערשטיקטע באַראַקן האָט מען געגומען רעדן מיט שרעק, אַז מען מוז זיך אפשר גאָר ווענדן צו די דייטשן — אַז זיי זאָלן זען אַביסל צו באַשיצן פאַר בוגייסקיס רציחות. קיינער האָט עס אָבער נישט געטון. צו אים זענען באַלד צוגעקומען נאָך עטלעכע נייע פּאָליציאַנטן, וואָס האָבן זייער גאַנצע נישט־אויסגענוצטע מאַכט באַטראַכט ווי אַ מיטל נאָכצוקאָפּירן דעם ראַדאָמסקער קליינעם טייוול.

די וואָס האָבן אים געקענט פון פריער — זענען געוועזן ווי צע־טומלט:

— ווער וואָלט זיך עס געקענט אויף אים גלויבן? אַז יענער האָט קיין צוויי נישט געקענט ציילן מיט אַ הויך קול!...

אָבער אויך אויף אַלטערלען, אויף מאירן האָט מען זיך עס נישט גע־קענט גלויבן...

נאָר דער ווערק צע געפינט שטענדיק איין תירוץ פאַר אַלע מכות: דאָס ווייסע הויז...

— 2 —

גימפּל האָט באַקומען געלט... מיט דעם קען מען ביסלעכווייז איינ־שטילן בוגייסקין — וועלכער איז געוואָרן דער האַר איבער אַלע מענטשן, וואָס דרייען זיך איבערן לאַגער... וואָס טוט מען דערנאָך? האָט זיך געפּר־

נען אַ מיידל מיט פּאַרנאַשטע, פּעטע ליפּעלעך און פול מיט חנעוודיקע קנייטשעלעך. וויפל מאָל מעכעלע האָט אים נישט געוואָרנט: זי גייט מיט דעם און מיט יענעם... ווי קומסטו אַהין? דער בחור האָט איצט געוואָלט אַריינכאַפּן אַלע וועלטן מיטאַמאָל. האָט ער זיך אַוועקגעשטעלט יעדן פאַר־נאַכט ביים טויער, געוואַרט אויף איר מיט מתנות, נישט געציילט די אויסגאַבן. זי האָט שוין געפונען צייט אויך פאַר אים, מסכים געווען אַריינצושפּאַצירן מיט אים אין צעזומערטן וועלדל און ער פלעגט דער־נאָך קומען שפּעט ביינאַכט מיט גליקלעכע אויגן אין באַראַק אַריין. עס איז אומעטיקער געוואָרן ביי פרידלאַנדן אין באַראַקל אָן גימפּלס ביינאַכ־טיקן זינגען...

נאָר גימפּל האָט געריישט, געפּלאַטערט. דאָס מיידל האָט אַמאָל זיך געדרייט מיט זיין ברודער, דעם פּאַראַרבעטער. יענער האָט געחלשט נאָך איר — דערפאַר איז ער איר נאָכגעגאַנגען, גליקלעך געווען פון דעם שפּיל... זאָל יענער וויסן, ווי אַזוי זיך פרעמד צו האַלטן, ווען אַן אייגע־נעם ברודער טרעפט אַן אומגליק! כאָטש שטילערהייט האָט ער יענעם צו־געשיקט אַ פּעקעלע געלט...

מעכעלעס רייד זענען געווען אַרויסגעוואָרפן. דאָס פּוכקע מיידעלע מיט דעם קאַפּריזנעם פּנימל האָט גימפּלען אין גאַנצן איינגעשלונגען. האָט אים מעכעלע אָפּגעלאָזט פון אויג. זאָל ער גיין... אָבער גימפּלס גרויסע גליק האָט אָנגעצויגן גאָר וויניק טעג. ווען מעכעלע איז אַמאָל פאַרקראָכן מיט זיין תנ״כל צווישן דיביימער איז גימפּל פּאַר אים אויס־געוואָקסן. זיין אויפגעלעבט פּנים האָט איצט געהאַט אַן אַש־קאָליר... אַזויוויי עס וואָלט מיט אים פּאַסירט דאָס ערגסטע. מעכעלע האָט אים שטרענג אָנגעקוקט:

— נו, וואָס?

גימפּל האָט זיך אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד ווי אַן איבערגעבראָ־כענע צווייג און זיך צעיאָמערט:

— איך וויל זיך נאָר געזעגענען מיט אייך... נאָך היינט וויל איך אַ סוף מאַכן צו זיך!

אַ סוף מאַכן? פאַרוואָס? מעכעלע זעט ווי איבערן גרויסן יינגלס באַקן ציען זיך די נאַסע שטרעמלעך און ער ווערט ווייכער:

— וואָס הייסט אַ סוף? ערשט פריער ביזטו אַרומגעלאָפן מיט... נו,

נישט קיין אונטערשיד! אָבער דו האָסט אַזוי הויך געלאַכט, געקוואָלן...

גימפּל קען אָבער מער נישט הערן קיין זכרונות פון אַ פּאָר שעה פריער. איצט איז ער אַ פאַרפאַלענער. זיין מויל שיט אַלץ אַרויס פון זיך — און מעכעלע זעט אַז ער באַהאַלט פאַר אים דאָס וויכטיקסטע. אָבער עס האָט מיט אים דאָך פּאַסירט אַ שרעקלעכע זאַך:

זיין גאַנצן אוצר האָט ער געהאַלטן אינעם שמוציקן באַנדאַזש אַרום זיין צעווונדיקטן פוס. ס'איז נאָך דאָרט געווען אַ היפּשע סומע, וועלכע ער האָט געהיטן ווי אַן אויג אין קאָפּ... עס האָט כמעט קיינער נישט געוווסט, ווו ער האָט זיין אוצר. ווּעמען זאָל דאָס איינפאַלן? נאָר פריער האָט ער זיך אַביסל פאַרגעסן, אויסגעטרינקען מיט עמעצן און דערנאָך... יאָ, דערנאָך איז ער זיך אַוועק אָפּוואַשן דעם פוס. דעם באַנדאַזש האָט ער נאָר אַראָפּגענומען אויף אַ רגע — און ביים אַרומוויקלען צוריק האָט ער אַנטדעקט דעם סוד: ער איז געווען ליידיק ... נאָך פאַרנאַכט האָט ער פון דאָרט אַרויסגענומען אַ סומע... ווייסט ער? דוכט זיך אַז אַ געוויסע פּערזאָן האָט געזען, ווי אַזוי ער האָט פון דאָרט געצויגן אַ באַנקנאָט. אָט וואָס עס האָט פּאַסירט!

גימפּל רייסט זיך די האָר פון קאָפּ, וויינט... ער איז נאָך דעם צוריק־געלאָפן צו זיין מיידל, געוויינט פאַר איר. אָבער זי האָט שוין געקוקט אויף אים אַזוי בייז און פרעמד — אים פּשוט אָפּגעטריבן! עס האָט שוין אויף איר געוואַרט עפּעס אַ יונג פון עלפטן באַראַק. מילא — ער איז ווערט דעם שטעקן! ווו זענען זיינע אויגן געווען?... אויך זי — גייט זי צו אַלדע... דאָס געלט איז אויך מיטן זעלבן — עלעהיי ער האָט קיינ־מ'אָל נישט געפינען! אַ פּאָר טעג גוטע האָט ער געהאַט? וועט ער איצט ווייטער שטעכן מיט דער נאָדל... אַבי ער האָט זיך דערכאַפּט דאָס געזונט אַביסל! וואָס איז דאָ ווייטער צו זאָרגן? נאָר ער האָט זיך גאָר פאַרשול־דיקט גרויסע סומעס געלט... און די מענטשן וועלכע ער איז שולדיק וועלן אים דעם קאָפּ אַראָפּנעמען! ער וויל גאָר דעם מאָרגנדיקן טאָג נישט דער־לעבן... ניין! נאָך היינט וועט ער זיך אַ מעשה אָנטון...

אין איין מינוט פאַרשטייט מעכעלע אַלץ: אַ יונגער, צעוואַקסענער בחור... האָט ער אַזוי געשימלט חדשים־לאַנגע אין זיינע קרעץ. קיינער האָט אויף אים נישט געוואָלט קוקן — און צוזאַמען מיט די פאַרבענקטע לידלעך וואָס ער האָט געזונגען האָט ער אויך אַרויסגעצויגן פון זיך אַזאַ

באַגראָבענע רייצעניש, אַ טויבע בענקשאַפט וואָס האָט באַקומען מויל, אויערן און אויגן... ביים באַקומען געלט אין האַנט — האָט ער זי אָנ־געהאַנגען אין יענעם מיידל וואָס האָט צו אים די ערשטע אַזוי שיין אַ שמייכל געטון. וואָס וואָלט ער דען נישט אָפּגעגעבן פאַר אַזאַ זיסן גלעט מיט אַ פליישיק־וואַרעם הענטל איבער זיין צערויטיקט־ווונדיקן גוף? האָט ער געזען פאַר איר צו קויפן וואָס מער טייערע מתנות, געבאַרגט און פאַרשולדיקט זיך אָן צו פירן אַ חשבון... און זי האָט שוין געהאַט ווער עס זאָל איר געבן אַזעלכע געראָטענע עצות. דערנאָך זענען די אויגן געווענדעט געווען צו יענעם פעקל שמאַטעס אַרום זיין וווּנד...

פון וואַנעט זאָל אַזאַ אָפּגעשטויסענער בחור וויסן צו נעמען די גליק לעכע מתנה מיט אָפענע אויגן? וויל איצט מעכעלע אויף אים שרייען, זידלען — אָבער גימפּל לאָזט נישט:

— ניין... זאָגט גאָרנישט... מעכעלע! איך בין ווערט דעם טויט... סײַווי האָב איך קיין שכל נישט צום לעבן... איך בין עס אויך נישט ווערט... פאַרברענט זאָל איך ווערן!...

ווערט שוין מעכעלע ווייך, צעקראָכן... איין וואָרט בלויז דאַרף ער פרעגן גימפּלען:

— טאָקע זי?

און גימפּל האָט אַראָפּגעלאָזט פאַרשעמט דעם קאָפּ.

— 3 —

נאָכן פאַרקויפן דעם בריליאַנט האָט מעכעלע באַקומען פיר טויזנט זלאָטעס. צום ווײַפלטן מאָל האָט גימפּל פאַרזיכערט אַז מעכעלע איז אַ גלייכער שותף — אָבער מעכעלע האָט מער נישט געוואָלט נעמען. דאָס הייסט: ער וועט טאָקע אויפּמאָנען זיין חלק ביז אַ גראָשן — נאָר צו־ערשט מוז ער פאַרלעבן דאָס באַקומענע... דערנאָך וועט ער נעמען ביי גימפּלען די רעשט — וואָס ברענט דען? פאַר קיין הונגער וועט ער נישט שטאַרבן און גימפּלען מעג מען טרויען...

נאָר ביים נעמען דאָס פעקל באַנקנאָטן האָט מעכעלעס האַרץ נישט געלאָזט אים רירן זיי. ער האָט גענומען און געפּרוווט זיך אַליין איינ־רעדן אַז ער האָט נישט וואָס צו טראָגן מיט זיך קיין שולד־געפיל. ער

באַהאַלט עס נאָר, ווייל מיט גימפּלען קען מען נישט וויסן. אפשר וועט ער נאָך דאַרפן — און דאַן וועט ער עס אים אָפּגעבן מיט אַ שמייכל. אַזוי האָט ער געטראַכט, מעכעלע, שטיל אין זיך בעתן נעמען. דאָס זעלבע האָט ער אויך געטראַכט, בעת ער האָט פון זיי אַראָפּגעצויגן אַביסל געלט, בכדי „אויסצובאָרגן" מענדלען און נאָך אַ פּאָר אויף צו האַנדלען. נאָר איצט, ווען גימפּל ליגט ביי זיינע פיס — וואַרפט זיך עפּעס אין אים... ניין, ער וויל איצט נישט געדענקען וואָס ער האָט ד ע מ אָ ל ט געטראַכט בעתן נעמען! עס איז דאָך ג ז י ל ה, אַזוי כשרדיק־זיינס! ווער איז שולדיק, וואָס אָט־דעם בחור האָט זיך פאַרוואָלט זיך איינקויפן ליבע־גליקן אין ווערק צע?

די גיריקייט צעוואקסט זיך בליצשנעל אין מעכעלען: גיב נישט! דערמאָן זיך אפילו נישט! יענער האָט זיינס אָפּגעלעבט און דו? און דו? ער האָט עס פאַרהוליעט... וואָס בין איך שולדיק?

דער גאַנצער מעכעלע פון ב י ז א י צ ט ווייסט אַז מען דאַרף זיך שעמען מיט אַזעלכע געדאַנקען און ער קען זיך נישט העלפן. ער מוז נאָר קעגן זיך אַליין באַנוצן כח... דערפאַר איילט ער זיך אַרויסצו־שטויסן פון זיך יענע געפּערלעכע ווערטער, בכדי ער זאָל תיכף ומיד נישט קענען חרטה האָבן:

— דו ווייסט, גימפּל... ס'איז נישט געפערלעך... וויפל ביזטו פאַר־שולדיקט? נו, איך וויל נישט וויסן... איך האָב דעמאָלט נאָר גענומען ביי דיר געלט אויף צו באַהאַלטן. געטראַכט אַז עס בלייבט ווייטער ד י נ ס. דאָס האַרץ האָט מיר געזאָגט אַז וועסט נאָך דאַרפן. נאָר איצט איז ערשט געקומען די צייט דערויף, עס דיר צו זאָגן — וועלן מיר זיך איצט ווידער טיילן. דו האָסט מיך דאַן געוואָלט פאַרזאָרגן — ווי אַזוישע קענסטו איצט הונגערן, ווען ביי מיר וועט ליגן דאָס פּעקל? דאָ האָסטו...

איידער גימפּל איז געקומען צו זיך פון איבערראַשונג האָט שוין מעכעלע אַרויסגעצויגן זיינע צוויי טויזנטער פון אַ באַהעלטעניש און יע־נעם געשפּאַרט אין האַנט אַריין... גימפּל האָט גענומען וואַרפן פון זיך ווערטער ווי פון הייך:

— איך טאָר נישט נעמען... און איר... אַז דאָס קען גאָר ביי מענטשן נישט מעגלעך זיין... איר זענט... אָבער איך וועל אייך צוריקגעבן... אַ חוב בלייב איך שולדיק... גיט מיר די האַנט, מעכעלע...

מעכעלע איז אָבער געוואָרן צוריק שטרענג:

— וואָס איז זיך דאָ צו שפּילן אין נאַרישע דאַנקערייען? באַהאַלט בעסער איצט דאָס געלט אין אַ צווייטן אָרט — און פּאָרזיכטיק... נישט יעדער דאַרף איצט קוקן אין דייבע באַנדאַזשן!

מעכעלע האָט זיך געלאָזט גיין. גימפּל האָט זיך אים נאָכגעצויגן מיט פאַרשעמטע טריט און געשוויגן. בלויז אין מעכעלען איז אויפגעגאַנגען אַ ווילדע פרייד, אַזויווי ער וואָלט דאָ ערשט איצט פּטור געוואָרן פון אַ שווערער משא. ער האָט געהאַט דאָס געפיל אַזויווי ערשט מיט אַ פּאָר מינוט פריער איז ער געשטאַנען אין אַ גרויסער סכנה און דאָך זיך געראַטעוועט. וואָלט ע ר גאָר באַדאַרפט כאַפּן גימפּלס האַנט און דאַנקען אים פאַרוואָס ער האָט אים געהאָלפן ראַטעווען דעם מענטש אין זיך — צווישן די שטעכיקע דראָטן פון ווערק צע...

— 4 —

וואָס איז ער דען, דער מעכעלע? גימפּל און נאָך אַזעלכע גימפּלס פון לאַגער נעמען דערציילן וועגן אים אַלערליי גוזמאות. און דאָך קען מעכעלע צוויי טעג נאָכן שמועס מיט גימפּלען באַווייזן דאָס פאַרקערטע:

דאָס איז געווען אין אַ פאַרנאַכט, נאָכדעם ווי מעכעלע האָט שווער געאַרבעט אין לאַגער און אין דער פאַבריק.

אָבער בוגייסקיס אויגן לאָזן אים נישט אָפּ. ער קען נישט פאַרגינען די פרייע לופט פאַר די פּאָר מענטשן, וואָס זענען אים אונטערגעוואָרפן. זיי דאַרפן יעדע מינוט שפּירן אַז ע ר איז זייער האַר, און פאַרטיק! דערפאַר האָט ער זיך גראָד אין דעם פאַרנאַכט דערמאָנט, אַז מען דאַרף אַראָפּלאָזן עטלעכע ביימער טיף אין וואַלד אויסער די דראָטן. ער האָט אַ כאַפּ געטון מעכעלען מיט נאָך אַ צענדליק און באַפוילן:

— נעמען העק — און מאַרש מיט מיר...

דאָס האָט ער געזאָגט אַזוי הויך, אַז אַלע שפּאַצירנדיקע מיידלעך פון דאַנעבן זאָלן הערן. עס איז גוט אַז זיי זאָלן זען, ווי אַזוי ער איז דאָ דער אומבאַגרענעצטער באַפעלער! מעכעלע וויל וויסן:

— איז עס טאַקע אַזוי דרינגענדיק? מען קען דאָך עס מאַכן מאָרגן, אין דער אַרבעטס־צייט... ווער טרייבט דען?

בוגייסקי האָט זיך שוין אָבער איינגעחזרט אין קאָפּ אַלע דייטשע זידלערייען:

— האַלט דעם פּרעסער! מאָרגן קענסטו ביי מיר לעקן דעם אַש אין קבר...

מעכעלע האָט שווייגנדיק גענומען די האַק און נאָכגעצויגן דער שטומער גרופּע. בוגייסקי האָט זיי ספּעציעל אַריינגעצויגן וואָס טיפער אין וואַלד אַריין און דאַן גענומען באַפעלן:

— די ערשטע פינף זאָלן אונטערזעגן די ביימער... די אַנדערע פינף זאָלן האַקן... מער קיין כלים האָבן מיר נישט — דערפאַר זאָלן די אַנדערע צען מאַכן גימנאַסטיק... ביז די וועלן מיד ווערן — און מ'וועט זיך בייטן...

ער האָט ספּעציעל געכאַפּט מער מענטשן, וויפל אַרבעטס־מכשירים דער הויף האָט פאַרמאָגט... איצט האָט ער געקענט אַוועקשטעלן עטלעכע מאַן ביי די ביימער און קאָמאַנדעווען מיט די אַנדערע:

—אויפשטיין!... ווידער פאַלן!... אויסציען זיך אויפן בויך!... די הענט אַרונטער!...

עס האָט זיך אים פאַרוואָלט אין אַ זומערדיקן פאַרנאַכט דערמאָנען זיך אין אַמאָליקע מיליטערישע איבונגען, אין זיין חלום צו ווערן אונטעראָפיציר אין פוילישן מיליטער... האָט ער דאָ אַוועקגעפירט אַ בינטל ייִנגלעך וואָס שרעקן זיך פאַר אים און אָפּגעגעבן קאָמענדעס. וואָס מער זיי האָבן אים געפאָלגט — אַלץ מער איז ער געררייצט געוואָרן, זיך פאַרשיכורט מיט דער באַפעל־הנאה. אין וואַלד איז קיינער נישט געווען — האָט ער זיך אָפּגעבראָכן אַ לאַנגע צווייג מיט אַ דיגעם שאַרף ביים שפּיץ און גענומען פּאָכען איבער די קעפּ, שמייסן ביי יעדן נישט־געלונגענעם בויג מיט אַ פאַרכליניעטן פאַרגעניגן. באַלד האָט ער זיך דערמאָנט אין די פּאָר מאַן, וואָס האָבן געהאַקט די ביימער מיטן גאַנצן כח און זיך צו זיי אַ לאָז געטון מיט אימפּעט:

— און איר, מנוולים נוצט דערוייל אויס די געלעגנהייט און פוילענצט אונטער... אַ בראָך וועט אייך באַלד טרעפן...

די פּוסטע ליידיקייט פון אַרום און דאָס בשותפותדיקע שווייגן פון מענטש און בוים האָבן אין אים עפּעס געצונדן, וואָס נאָך ער איינער האָט פאַרשטאַנען. אפשר איז עס געווען די איינציקע געלעגנהייט אין זיין לעבן

ווען ער קען פולשטענדיק אומבאַגרענעצט הערשן איבער די מענטשן און טון מיט זיי וואָס ער וויל? האָט ער דאָס געוואָלט אויסזויגן מיט דער גאַנצער, גאָוועררדיקער הנאה, נאָכמאַכן די דייטשן, ווייזנבערגן, פעלאַן — אַלע מעכטיקע וועלכע ער האָט נאָר געקענט און געהערט פון זיי. די טיפע קרעכצן פון די צעהאַקטעביימער האָבן אויף אים אָנגעוואָרפן אַן אימהדיקע שכרות, וואָס האָט זיך געפּעלדלט אין זיינע בלוט־אָדערלעך פון די אויגן און ער האָט זיך אַזש געגומען וואַקלען פון צופרידענער שרייעוודיקייט... אָט איז ער הערשער! ער וויל — פאַלן ביימער... און אַז ער וויל — וויגן זיך די פאָר יונגע קערפּערס נאָך שטאַרקער, צאַפּלען זיך פאַר שרעק און אָנשטרענגונג... און ער וויל! איצט וויל ער אפילו אַז אָט די חברה־לייט זאָלן שפּירן זיין כח אויך אויף זייערע קערפּער... אַז אַלע זייערע אברים זאָלן דערנאָך געדענקען אַז דער ראַדאָמסקער קאַר־ליק בוגייסקי האָט איבער זיי געהערשט.

ער האָט זיך דערפאַר אַ וואָרף געטון אויף איינעם, אַ צווייטן... גע־קלאָפּט מיט אַ פייכט דרענגל איבער די פּלייצעס און גערעוועט:

— אַרבעטן זאָלט איר!!! די פאַרע זאָל פון אייך אַרויס! נאָס זאָלט איר ווערן פון שווייס, בשעת בוגייסקי שטייט נעבן אייך! איר האָט פאַר־שטאַנען?

ביי מעכעלען האָבן אויפגעקאָכט די בלוטן, אַ שפּיל געטון ביי אים אין מח ווי אין יאָגעלעך... ער האָט זיך אויפגעמאָל דערמאָנט ווי אַזוי בוגייסקי האָט אים געשטויסן, געשליידערט פריער ביים גיין; ווי אַזוי ער האָט אים שוין עטלעכע מאָל פאַר אַלעמען אין די אויגן געפּאַטשט... און איצט? ווי נבזהדיק ער מאַכט עס נאָך די דייטשן!

אַ שטעכיקער שמיר איבער מעכעלעס אַקסל האָט אים ווייטיקלעך איבערגעריסן די טראַכטעניש. מעכעלע האָט געוואָלט נאָך האַסטיקער אַריינשיסן די האַק אין ווייסן לייב פון בוים און דערמיט אויסלאָזן זיין צאָרן. זיינע הענט האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט פון זיך אַליין. דער גוף האָט זיך אויסגעגלייכט און ער האָט נישט געוווּסט וואָס ער זאָל ווייטער טון. בלויז זיינע פינגער האָבן פעסטער אַרומגענומען דאָס הענטל פון דער שאַרפער האַק...

בוגייסקי איז איבערראַשט געוואָרן. זיינע ליפּן האָבן גענומען שווי־מען מיט ווייסער גאַל און מעכעלען האָט זיך אויסגעוויזן אַז יעדעס

וואָרט זיינס וואָס פליט אַרויס פון אים — מוז זיך פריער אָפּטינקען אין דעם שוימיקן שמוץ אויף זיינע ליפּן:

— אַזוי? דו שטעלסט זיך? מיינסט ס׳איז דאָרט ערגעץ ביי אַ שרייב־טיש אין ביוראָ? אָט באַלד וועל איך דיר אַ לערן טון וואָס דו דאַרפסט טון... פּגרן וועסטו היינט ביי מיר! דאָס וואָס די דייטשן האָבן נישט פאַרשטאַנען צו מאַכן — וועל איך פאַרענדיקן... איך דאַרף נישט קיין יאַלדן אויף דער וועלט!

ביי מעכעלען האָבן זיך שוין אַלע אברים באַזונדער געקאָכט אין כעסדיקן סם. ווי אין יעדן מאָמענט ווען זיין כעס איז אַריבער די ברעגן — איז ער קאַלט געוואָרן, רואיק — און געלאָזט דעם פיבער זיינעם זידן וואָס טיפער אין זיך... ער האָט אַ שפּרייז געטון נענטער צו בוגייסקין, אים אָנגעקוקט און באַפוילן:

— מער זאָל איך קיין וואָרט נישט הערן! קיין פּיפּס נישט, דו קרעציק נפשל!

בוגייסקין איז די איבעררויבונג אַזוי געפאַלן אין קאָפּ אַריין, אַז ער האָט בלויז באַוויזן צו הויבן אַ האַנט... מעכעלע האָט זי באַלד אָפּגעשליי־ דערט און צוגערוקט אים די בלאַנקע האַק נאָענט צו די אויגן:

— דו זעסט? האָסט אַריינגעצויגן טיף אין וואַלד אַריין... האָסט געוואָלט זיך לאָזן וווילגיין לויט דייטשע מוסטערן — דערפאַר וועסטו באַלד דאָ ליגן מיט אַ צעשמעטערטן שאַרבן און קיינער וועט דיר אפילו נישט געקענט העלפן. וועסט איצט באַצאָלן פאַר אַלע וואָס דו האָסט דער־ הרגעט...

מעכעלע האָט עס אַרויסגעזאָגט אַזוי קיל און ערנסט, אַז בוגייסקי איז בלאַס געוואָרן, זיך געגומען אָפּרוקן אין שרעק... מעכעלע האָט זיך אים נאָכגערוקט און ביי זיין גאַנצער באַרעכנטקייט האָט ער דאָך גע־ שפּירט אין זיך אַזאַ מין זיסע תאווה ט אַ ק ע אויף אַן אמת אַראָפּצו־ לאָזן די גלאַנציקע האַק איבער דעם לאַגער־געשפּענסטס קאָפּ... ער וואָלט עס געטון אָן דעם מינדסטן ציטער. אָט, זאָל ער נאָר אַרויסרעדן נאָך איין וואָרט... איין וואָרט...

אין מיטן זיין צעקאָכטקייט פאַרלירט אָבער מעכעלע נישט די נוי־ גונג צו אָבסערווירן, צו טראַכטן און אַרויסציען דערפון זיינע מסקנות. ווי נישטיק די דאָזיקע באַשעפעניש קענען זיין! דאָס נישט באַרעכענען,

אַז א י ם קען מען זיך ווידערשטעלן האָט איצט בוגייסקין קליין געמאַכט, אַראָפּגעוואָקסן... ער האָט מורא געהאַט אַרויסצוברענגען אַ שאָרך פון די ליפּן. ער האָט זיך נאָר איינגעבויגן, קוים־קוים געגומען מאַכן מיט די ליפּן — ווי איינער וואָס וויל עפּעס זאָגן, גאָר־גאָר הכנעהדיקס און אויך דאָס שרעקט ער זיך צו טון...

עס האָבן געדויערט מינוטן ביז ער האָט געפונען אַביסל לשון:

— דערבאַרעמט אייך... איר זענט דאָך אַזוי אינטעליגענט, איידל... וואָס ווילט איר פון מיר?

מעכעלע איז שוין שוואַכער געוואָרן אין זיין כעס, דערפאַר האָט ער זיך געקענט צעקאָכן:

— וואָס? דו רעדסט פון איידלקייט? דו ווערסט קומען מאַכן געשטאַפּאָ־גימנאַסטיק מיט יידן אין וואַלד? אַזאַ וואָרעם דאַרף מען פון איידלקייט וועגן צעשעקען אויף פּיצלעך מיט אַ האַק — און איך וועל עס טון! ד ו ווילסט נישט קיין יאָלדן אויף דער וועלט? ווער ביסטו!?

בוגייסקי האָט זיך וויינענדיק גענומען צוריקציען:

— חטאתי... אַ מענטש באַגייט פעלערן... גיב מיר די האַק — וועל איך אַרבעטן גלייך ווי אַלע... כ׳וועל שוין נישט אָנטרייבן... וועסט זען...

מעכעלע האָט זיך צעלאַכט:

— די האַק ווילסטו? אַזעלכע ווי דו, וועסטו נישט באַקומען ביז צום לאַגער... איינמאָל לאָז איך דיך, אָבער געדענק אַז דיין לעבן וועט קיין גראָשן נישט ווערט זיין. קענסט זיך קלאָגן ביי דער קאָמענדאַנטין, אפילו ביי שולצען...

די גרופּע האָט זיך שווייגנדיק אויסגעשטעלט און געצויגן זיך דורך די פאַרפּלאָנטערטע שטעגלעך צוריק צום לאַגער. אין דער הויך האָט זיך געשיפּט אַ רויט־צעפּייערט ראָד איבערן בלויען ים און מעכעלען האָט גאָר שטאַרק פאַרדראָסן וואָס בוגייסקיס קאָפּ האָט זיך היינט נישט צעטרויטלט אָט־אַזוי... בוגייסקי איז אָבער דאָס מאָל געגאַנגען פאָראויס און די יינגלעך זענען אים נאָכגעגאַנגען פון הינטן, אָן אַ וואָרט. ערשט ביים טויער האָט ער זיך אויסגעדרייט און שטיל אַ בעט געטון:

— יאַטן... קיין וואָרט נישט אין לאַגער וועגן דעם... אָפּגעמאַכט?

קיינער האָט אויף זיין ווענדונג נישט געענטפערט...

— 5 —

אין דער לופט האָבן זיך געגומען טראָגן די ריחות פון אַ שנעלן סוף. די צייטונגען האָבן גענומען רעדן מיט פאַרשטעלטן לשון, געברענגט לאַנגע און הייזעריקע רעדעס וואָס האָבן דערציילט פון פראָנט פאַר־שידענע גייעס מיט אַלערליי באַהעלטענישן אין די שורות...

מעכעלע האָט באַקומען די צייטונגען צוגעשטעלט פון אַלע זייטן. ער האָט זיי איבערגעלייענט און צוגעשטעלט די נייעסן פאַר די ברענ־גער — וואָס האָבן נישט געהאַט קיין געדולד זיך צו ראַנגלען מיט די געדיכטע, גאָטישע פלאַכטעס פאַרב און די דייטש־אותיותדיקע ווערעם. פון די נייעסן האָבן זיך צעגליט די פאַנטאַזיעס, געפלאַקערט און געריסן זיך צום סוף... עס האָט זיך אויסגעוויזן אַזויווי די דערלייזונג וואָלט שוין לאַנג געקומען, נאָר די בייזע דייטשע פלאכטעס מיט דעפעשן לאָזן זי נישט צו נענטער צום לאַגער. דערפאַר האָבן זיך אַלע געבעטן רחמים ביי מעכעלען ער זאָל זי אויסגראָבן פון צווישן די שורות, דערנענטערן זי צו די געהערס פון ווערק צע מיט געוואַלד. אַ נאָגנדיקע דערוואַרטונג האָט אַלעמען אָנגעשטעקט און נישט איינעם פאַרוואַנדלט אין אַ קנויל נערוון.

אפילו בוגייסקי האָט גענומען פאַרגעסן זיין רוגז מיט מעכעלען און זיך צוגעשאַרט צו אים, אָדער פאַמעלעכט זיינע טריט, ווען ער האָט מע־כעלען געשלעפּט צו אַן אַרבעט:

— דו מיינסט אוודאי אַז כ׳בין פון די ערגסטע... אַז סך־הכל בין איך ערשט נישט לאַנג אַליין אויסגעריסן געוואָרן אין דער האלע! נאָר דו לייענסט דאָך די בלעטער — זאָגזשע מיר ווי לאַנג מען וועט זיך נאָך מאַטערן... וועסט שוין די וועלט נישט ענדערן מיט דער אַרבעט...

אין מעכעלען האָט געברענט. איבער דער צייט האָט שוין בוגייסקי באַוויזן נאָך עטלעכע צו ממיתן — איז ער דערפאַר געוואָרן בייסיק, צו־להכעיסדיק:

— נייעס גוטע? זיי זענען ווי פאַר איינעם... אַז דאָ זענען פאַראַן אַזעלכע וועלכע האָבן גאָרנישט וואָס צו האָפן אויפן סוף... זיי וועלן סיי־ווי דערנאָך נישט לעבן מער ווי אַ פאָר מינוט! ווערק צע מיינט איר וועט שווייגן?

בוגייסקיס פיגורל איז איינגעבויגן געוואָרן, נאָך קלענער זיך איינ־געקורטשעט:

— איז וואָסזשע? וועט מען אויך מיר עפּעס טון?

מעכעלע ספּיקהט נישט:

— אייך? דעם ערשטן! דער גאַנצער לאַגער וועט זיך אויף אייך וואַרפן... מען וועט אפשר גאָר נישט וואַרטן ביזן סוף פון די דייטשן... איר שפּירט עס נישט? כ׳וואונדער זיך. אפילו וואָס איר פרעגט זיך אויף גייעס פון פּראָנט... כ׳ווייס נישט אויף וואָס איר וואַרט!

נאָך אַזעלכע רייד האָט בוגייסקי פאַרלוירן דאָס לשון, געשוויגן אַ ווייל און דערנאָך זיך אַ ריס געטון:

— יאָ, זיי וועלן הרגענען, די בליאַדעס! כ׳ווייס עס... וועל איך כאָטש אַוועקממיתן נאָך עטלעכע! זאָלן זיי מיך כאָטש געדענקען!

דאָס מאָל האָט שוין מעכעלע געשוויגן, חרטה געהאַט אויף זייגע רייד. בוגייסקי איז טאַקע צעווילדעוועט געוואָרן, געשלאָגן מיט מער היץ און פאַרביסנקייט — אָבער פאַרנאַכט איז ער ווידער צוגעקומען מיטן זעלבן דערשראָקענעם נייגער אין די אויגן:

— איז וואָס הערט מען פאָרט? איך האָב געזען אַז דער אינזשע־ניער' קורץ האָט שוין ווידער באַקומען אַ צייטונג...

דער שאָטן פון ערב־סוף האָט זיך צעלייגט איבער אַלעמענס פּני־מער'. אפילו ביי פּעלאַן אין באַראַק האָט מען זיך גענומען אַרומטראָגן מיט פאַרבאָרגענישן אויף די פּנימער, ערנסטער געוואָרן. די פּאָליציי האָט גענומען אויסזען אַזויווי צוגעגרייטע צום לעצטן פייף, וואָס זיי וועלן באַלד געבן מיט זייערע פּאָליצייאישע פייפלעך... אפילו די ניכ־טערנסטע האָט עס אָנגעהויבן וואַרפן אין אַ מוראָדיקער היציקייט. מען האָט געזוכט איבער די הימלען, נאָכגעקוקט יעדן מייסטער און געהיטן אין דער מחשבה יעדעס ברעקל וואָרט וואָס איז אַראָפּגעפאַלן פון זייע־רע ליפּן.

אין קאָמענדאַנטן־באַראַק האָט מען גענומען אַריינציען וואָס אָפטער דעם צעדרייטן שולצע אויף אַ היימישער כוסה. ער האָט זיך אָנגעשיכורט, געוואַלדעוועט וואָס מען האָט נישט אַריינגערופן די צוויי באַדינערלעך זיינע און גערעדט פאַר פייער און פאַר וואַסער. אָבער ווי נאָר מען האָט ביי אים גענומען ציען רייד וועגן דער מלחמה־לאַגע און וועגן די פּראָנטן — האָבן זיך זיינע גרינע אויגן גענומען אָנשטעלן אין שכורער ניכ־טערנקייט, פול מיט פאַרשערישן חשד:

— וועמען גייט עס אָן? דערויף זענען פאַראַן גענעראַלן! קיין זייטיקער מענטש האָט זיך נישט וואָס צו מישן — סיידן ש פ י אָ נ ע ן...

האָבן זיך שוין אַלע אָפּגעביסן די צינגער און באַשלאָסן צו הערן וואָס מעכעלע מיט קורצן, די צוויי לאַגער־פּאָליטיקער ציען אַרויס פון די דייטשע בלעטער — ווי קאָרטן־לייגער פון די קאָרטן.

אין די פאַרנאַכטן האָבן לאַגערניקעס געברענגט צו טראָגן פאַרשיידענע רמזים פון אַלע זייטן. אַלע האָבן געדאַרפט אָנזאָגן דעם סוף. דאָס האָט אַריינגעוואָרפן אין משוגענער שרעק, גלוסטעניש און פאַרטייעטקייט. אַזעלכע קלאַנגען האָבן זיך נישט געלאָזט איינשליסן אין די ענגע ווענטלעך. זיי האָבן ווי ברענענדיקע פינקען זיך איינגעגעסן אין די הערצער פון די באַפעלער, זיי טרויעריק געמאַכט און ווילדער... עפּעס האָבן זיך אַ סך פּלוצים אַרומגעזען אַז זיי האָבן דאָ קעגן זיך אַ גאַנצע מחנה פון ע ד ו ת, מענטשן וואָס האָבן זיך וועגן זיי אַזויפיל אָנגעזען און אָנגעהערט. איצט איז יעדער פון די דאָזיקע באַשעפענישן אַ שטער פאַר זיי, אַ לעבעדיקער טאָוול אויף וועלכן עס זענען איינגעקריצט זייערע מעשים פאַר דער שפּעטערדיקער צייט — און אַלע וועלן עס קענען פון זיי אַראָפּלייענען. האָבן זיי גענומען שלאָגן אין אומבאַרעכנטן געאייל, אַזויווי זיי וואָלטן געקענט דערשלאָגן עטלעכע טויזנט נפשות מיט עטלעכע גומענע שטעקעלעך אין געציילטע טעג... דערנאָך איז זיי פּלוצים באַפאַלן אַ פאַרצווייפלונג און זיי האָבן זיך גענומען טוליען דערשראָקן צום ערשטן־בעסטן און פאָרשן מער מיט די בליקן ווי מיט די רייד:

— ווי ווייט האַלט עס שוין? און טאָמער קומט שוין טאַקע דער נאָענטער סוף — צי וועלן טאַקע אָט די אַרומדרייענדיקע ווערעם האָבן אַזאַ שטאַרקע דעה שפּעטער?

איבערהויפּט האָבן זיך געקאָכט די פריש־געמאַכטע פּאָליציאַנטלעך פון אַלטערלס שניט. זיי זענען צו שפּעט אַרויפגעקראָכן אויפן וואָגן, אין די לעצטע מינוטן. זיי האָבן נישט גענאָסן פון דער גאַנצער צייט פּאָליצייאישקייט — און שטראָפן וועט מען זיי גלייך ווי אַלע. אפשר וועט מען זיי גאָר לינטשן די ערשטע? מוזן זיי אַריינכאַפּן וואָס מער, הנאה האָבן פון יעדער מינוט מאַכט! אַלע מיידלעך וואָלטן זיי כאָטש געוואָלט האָבן, אַלע לייבער זאָלן זיי דרעשן און אַלע געלטער פון לאַגער זאָלן זיי צונעמען! אויסגלייכן די חלקים ווילן זיי!

די לופט האָט אָבער אָנגעזאָגט ש ק י ע ה ... און קיין סך קען מען שוין נישט באַוויַיזן. פון גרויס איילעניש פאַרלירן זיי אפילו דעם אימפּעט — און אַ גאַנצן לאַגער קענען זיי נישט אויסהרגענען — ס'איז נישט פאַר זייער כח!

דערביי האָבן זיי געפילט ווי עס וואַקסט קעגן זיי אַ מוראָדיקער האַס, וואָס גלאַנצט אַרויס פון אַזויפיל אויגן — און קיינער קען גאָר נישט טון קעגן דעם. די דייטשן האָבן זיך גענומען צוריקציען וואָס מער צום פאַבריקס־שטח, אַזויווי צו פאַרגעסן אין דער קללהדיקער וועלט פון די יידן. האָבן זיך אַלע כעסן גענומען טראָגן צו די פרישע שלעגער. באַלד וועלן ציין זיך איינבייסן, נעגל וועלן זיך צעשליידערן איבער אַלעמען און דער סוף וועט זיך צעברילן פון צופרידנקייט, וואָס ער איז אויסגעבראָכן ווי אַ שריפה פון אינעווייניק...

## קאַפּיטל דרייסיק

וווערק צע איז אַ לאַגער — דער ערגסטער פון אַלע!
דאָ האָבן שוין טויזנטער געפונען דעם טויט...
וויפל מענטשן — גבורים! ס'זענען דאָ שוין געפאַלן —
אויסגעברענט זיך שנעלער, ווי פון אַ ליכטל דער קנויט...

דאָס געוויינינקע זינגען מיטן ניגון פון גאָלדפאַדנס „קומען וועט אַ צייט...‟ האָט זיך גענומען רייסן פון אַלע באַראַקענע פענצטערלעך אין דער נאַכטס טיפענישן אַריין. גלייך ווי ווערק צע וואָלט איצט געפרווט אַרויסשיקן זיינע לעצטע אַלאַרמען צו דער איינגעטויבטער וועלט. עמעץ האָט עס פאַרצויגן, אַרויסגעוואָרפן פון זיך — און הונדערטער מיילער האָבן דאָס ליד איבערגעכאַפּט, איינגעזויגן אין זיך און עס איבערגעגעבן ווייטער... דעם גאַנצן לאַגער האָט עס אַ כאַפּ געטון! באַלד נאָכן ערשטן פערז איז געקומען אַ רעפריין וואָס האָט אַזוי רעזיגנירט:

די אַרבעט — זי גייט ביי זון און ביי רעגן
יידישע אַרבעטער — זיי האָבן קיין רו!
און ס'איז נישטאָ — ביי וועמען צו פרעגן
ווען, אוי, נעמט — אַ סוף שוין דערצו? — — — —

דאָס ליד ווערט געשריבן פון צענדליקער הענט. יעדער באַזונדער

האַלט עס נעבן זיך, חזרט די ווערטער שטילערהייט פאַר זיך און די פּשו־טע, פּרימיטיווע ווערטער פּאַסן זיך אַזוי אַריין אינעם קלאַג־געמיט פון ערב־סופדיקן ווערק־צעניק, אַז דאָס איז געוואָרן זיין ציטערדיקע תפילה. איינער ברומט פאַר זיך אָפּ אַ סטראָפע און באַלד הערט עס ווער דורכן ווענטל און פון דער צווייטער זייט וואַנט צעוויינט זיך שוין אַ גאַנצער כאָר מיט שטימען:

— ביינאַכט קומט מען מיט צעבראָכענע ביינער
פון שלעפן גראַנאַטן, פון גיסן טראָטיל...
נאָר מיטפילן, העלפן — דאָס קען נישט קיינער!
מ'לעבט און מ'שטאַרבט — פאַר זיך אין דער שטיל...

ווילן אויך די פיקרינער נישט פאַרגעסן ווערן אין דער קינה און זיי היטן די ווערטער פון ליד, וואָס יאָמערן אַרויס ז יי ע ר יאָמער:

מען אַרבעט ביי פיקרין — אַ סם אַ געלער!
וואָס פאַרבט אָפּ אינגאַנצן — קאָפּ ביז די פיס...
עס סמט אָפּ די לונגען, מאַכט אַ האַרץ־פעלער
און ס'מוז דערביי פאַלן דער גרעסטער ריז.

נאָר אַ באַזונדער עוולה האָבן נאָך די פיקרינער צו דערמאָנען, די עוולה פאַר וועלכער אפילו ווערקצעניקעס דאַרפן אַראָפּלאָזן פאַרשעמט די קעפּ:

נאָר דערצו טרייבט זיי — פון זיך נאָך אַיעדער:
גיי אַוועק פיקרינער! — שרייט מען צו זיי
מ'שלאָגט און מ'טרייבט, מ'שינדט זיי די לעדער —
גלייך ווי די הערצער וואָלטן געווען פון שטיין...

...מעכעלע איז געזעסן ביינאַכט ביי פרידלאַנדן אין באַראַק. דאָרט האָבן זיך אומגעקערט פון דער אַרבעט צעשלאָגענע, מידע און אַוועקגע־זעצט זיך ביים טיש. צייכנס פון קלעפּ האָבן זיך ווידער גענומען באַ־וויזן. דאָס מאָל פון די פּאָליציאַנטן, וואָס שלאָגן צוליב דער אימה פאַרן סוף. עמעץ האָט געוואָלט לינדערן דעם ווייטיק און אָפּגעצויגן דעם עולם צו אַ שפּיל, צום אַרויסוואַרפן פון זיך דעם צאָרן אין גראַמען. באַלד האָט גענומען אַרויפוואַקסן איין שורה אויף דער צווייטער. נאָך די זעלבע נאַכט האָבן עטלעכע פיקרינער אַוועקגעשלעפּט דאָס ווערק־צע־ליד אין אַ צווייטן באַראַק... אויפן צווייטן פאַרנאַכט האָט זיך עס שוין געריסן פאַר־ווייִנט פון אַ סך פענצטערלעך:

װערק צע איז אַ לאַגער — דער ערגסטער פון אַלע!
אָבער אַזױפיל קרבנות — געפאַלן אומזיסט —
אַ דאַנק דער קאָמענדע — מענטשן ברוטאַלע!
װאָס פעסער מיט בראַנפן — האָט זיך זײ געגלוסט...

אין די שערענגעס צו דער אַרבעט האָט מען זיך גענומען אונטער־פײפן, אונטערברומען און איבערגעבן די װערטער װי פאַראַלן פון רײ צו רײ:

קומען װעט אַ צײט — װען מ׳װעט מעגן דערצײלן...
די קינדער דערמאָנען אין אונדזער געװײן
װעלן הערצער צעגײן און פויסטן — זיך בײלן —
קעגן די װאָס פאַרקױפן זײערע ברידער אַלײן...

און די מחנה האָט מער נישט געקענט שטיקן אין זיך דעם ברום... אַלע טענער האָבן אױפגעבראַכן, געריסן זיך צום װעג, צו די מױערן און צו די קעפּ פון דער באַהיטלטער פּאָליצײ:

די אַרבעט, זי גײט בײ זון און בײ רעגן
יידישע אַרבעטער — זײ האָבן קײן רו...

און אפילו דער כמורנער, אַכזריותדיקער װאַלד האָט איצט מיטגע־זונגען מיטן כאָר:

און ס׳איז מער נישטאָ — בײ װעמען צו פרעגן
װען, אױ נעמט — אַ סוף שױן דערצו...

— 2 —

עס איז גענוג געװוען אַז גימפּל זאָל אַ נעם טון אַזאַ לידל מיט זײן שטימעלע... מען האָט גענומען שטײן אונטער די פענצטער, אַרײנפאַלן און בעטן זיך בײ אים רחמים:

— אױ, גימפּעלע... אײן מאָל נאָך... מיר װילן נאָר הערן װי אַזױ דו זינגסט עס... אפילו װראַצלאַװסקי האָט זיך אױפגעכאַפּט פון זײן לאַנ־גער אײנגעשװיגענער פאַרגאַפטקײט און גענומען ברומען... האָט זיך די צעזונגענע טראַציקײט גענומען צעװאַקסן, אױסשפּרײטן זיך און א יי ך ליד האָט שױן מער נישט געקענט אױסטראָגן דעם גאַנצן שטורעם װאָס האָט אַרײנגעריסן זיך אין די װערטער. דערפאַר האָבן זיך גענומען שאַפן

מיט אַ בליציקער שנעלקייט איין ליד נאָכן צווייטן, וואָס מיילער האָבן באַהאַלטענערהייט צעטראָגן ווי פּראָקלאַמאַציעס איבער אַלע געלע און ברוינע לעכער...

דער צאָרן גיסט זיך אויך איבער אין חוזק. עס איז געגוג אַז עמעץ זאָל זיך דערמאָנען אַן אַלטן מאָטיוו פון דער אַמאַליקער היים, טרויע־ריק אָדער פרייליך — און באַלד זאָלן נעמען אָנוואַקסן אַרום אים ווער־טער, ווערק־צעדיקע ווערטער.

מעכעלע כאַפּט נאָר אַרויס יענעמס רייד פון די מיילער און זינגט באַלד צוזאַמען מיט אַלעמען די ווערטער, וואָס האָבן זיך אָקאָרשט צוגע־קלעפּט צו עפּעס אַן אַלטן רעפריין:

מיר זענען אין סקארזשיסקער „האסאג" געקומען
העי, דונאי... דונאי...
ווען אַלע פון שטוב האָט'ן צוגענומען
בלויז אונדז, די געזונטסטע יאָטן
האָט מען געברענגט שלעפּן גראַנאַטן...
העי, דונאי... דונאי...

פון די צוזינגעכצער נאָך יעדער שורה האָבן גענומען אַרויסוואַקסן אַלע באַהאַלטענע כעסן וואָס האָבן דערציילט, אויסגעקלאָגט זיך און גע־דראָט אַלעמען:

מ'זוכט מיט געלט און אַלע מיטלען
צו כאַפּן ביי „איר" די רויטע היטלען
מ'ווערט דערביי מערדעריש־קאַלט
און מ'שלאָגט צום טויט יונג און אַלט...
העי, דונאי... דונאי...
...די מענטשן פאַלן דאָ ווי די פליגן
שטאַרבן ביים מאַשין און אויף די שטיגן
און ווער עס האָט נישט פאַרנייט קיין קלינגערס
מוז קראַפּירן שנעל פאַר הונגער...

אָבער ווערק צע מאַכט נישט שלום מיטן גורל! איצט מעג שוין הערן פּעלא, מעג שוין וויסן ווייזנבערג וואָס ווערק צע זינגט... די געלע באַ־ראַקן האָבן נישט געגוג די גרימפּלדיקע מוזיק ביים טאַנץ־פּאַרקעט! דער סוף פויזעט שוין צו גאָר נאָענט און מען דאַרף אים געבן לשון אין

מויל! און דאָס דאָזיקע לשון דאַרף אַרויסשרייען פון אַלע ווענט, פון אַלע רייען:

נאָר דאָס אַרט נישט אונדזערע זאַטע
העי, דונאי...
זיי שטאָפּן די אויערן פול מיט וואַטע,
עסן קישקע און טרינקען פלעשלעך
און זאַמלען די האַרטע אין די טעשלעך...

און איינער, אַ מחוצף האָט אפילו ביינאַכט צוגעענדיקט די לעצטע סטראָפע אויפן קול — נעבן פּאָליציי־באַראַק:

זיי פאַרשטייען נישט אַז מיר — װעלן געדענקען,
קיינעם פון זיי דאָס נישט צו שענקען
און אויב פון האסאג וועט בלייבן אַ זכר
וועט׳ן הענגען פּאָליציי און די גראָבע בייכער

העי, דונאי... דונאי!

די אומשולדיקע לידל־שפּילעריי האָט זיך איינגעגעסן אין די מוחות, צעלאָפן זיך איבערן לאַגער און ווערק־צעניקעס האָבן זיך גענומען מאַכן אייגענע קאָנצערטן. ס׳איז געגנוג געוועו אַז גימפּל זאָל זיך צושאַרן ביז צום וואַלד און בלויז אַ פּאַרצי טון חזניש:

העי, דונאי־דונאי־דונאי...

זענען באַלד אָנגעוואַקסן מחנות מיט די ווערטער אויף דער צונג... עס איז געקומען אָנצולויפן פּרעדזשע מיט אַ כאַפּטע מיידלעך און אָרגאַ־ניזירט אַן אייגענעם כאָר, אַוועקגעשלעפּט די לידלעך אין די פרויען־באַ־ראַקן און פון דאָרט האָבן זיי אַוועקגעמאַרשירט אין די האַלעס, אַרויסגע־שטויסן די ליבע־לידלעך און געקוויקט די הערצער מיטן ריח פון סוף... עס האָבן גענומען ביסלעכוויז אונטערברומען אַזעלכע לידלעך אויך די פּאָליציי, וואָס האָבן זיך ווייניקער געחברט מיטן שטעקן — און טאַקע פון זיי האָבן אַזעלכע לידלעך אַוועקגעוואָגלט צו ווייזנבערגס אויער.

קיינעם קען מען גאָרנישט טון. מען ווייסט אויך נישט ווער עס האָט געוואָרפן איבער די קעפּ אַזעלכע דראָענדיקע ווערטער:

וועט׳ן הענגען די פּאָליציי און די גראָבע בייכער...

אָבער ווייזנבערג דערשרעקט זיך. ביינאַכט קריכט ער אַרום ווי אַ שאָטן און דערהערט ווי אַ באַראַק לאָזט זיך ווילגיין. אַ גאַנצער באַרג

מיט שטימען פּלעכט זיך צונויף און די צוגעמאַכטע לאָדנס וואַרפן אים נאָר צו ברעקלעך פון געזאַנג, אַנזאָגן אַזעלכע, אַז באַלד... יאָ, עס וועט באַלד קומען אַ סוף!

די טיר האָט ער שוין אויפגעריסן אָן באַרעכנטקייט. נישט אַנדערש נאָ׳ ער מוז דאָ עטלעכע זיגגער לאָזן טויט אויפן אָרט! אַזאַ הפקרות!... אָבער ביים אַריינקומען האָט ער דערזען אַזאַ איבערראַשונג אויף אַלע־מענס פּנימער אַז ער האָט ווי פאַרלוירן דעם געשריי זיינעם. ביים טיש איז געזעסן מעכעלע, פרידלאַנד, גימפּל... אַרום זיי זענען אויסגעזעצט געווען אַ מחנה באַראַק־מענטשן. איינער האָט פאַרגעזונגען און די גאַנצע גרופּע האָט אָפּגעענטפערט אינעם כאָר דעם רעפריין...

ביי זיין אַריינקום זענען אַלע שטיל געוואָרן. בלויז וואָראָצלאַווסקיס גרעסער אויג האָט זיך צו אים שרייעוודיק געריסן, אַזויווי ער וואָלט זיך געוווּנדערט:

— ווי קומסטו אַהער? ווער דאַרף גאָר דעם קאָמענדאַנט, ווען מען וויינט אַרויס דורך אַ ליד די אייגענע יסורים?

דער דאָזיקער בליק האָט אים נישט געלאָזט צעפירן די הענט מיטן שטעקן. ער האָט נאָר געזוכט אין וועמען זיך אָנהענגען — פּונקט ווי ער וואָלט געזוכט אַ תירוץ פאַרוואָס ער איז דאָ בכלל אַריינגעקומען. ער האָט דערזען מעכעלען און אָנגעהויבן ביי אים:

— דו... ווי אַזוי קומסטו אַהער ביינאַכט, ווען דו ווױנסט אין אַ צווייטן באַראַק? וואָן פון דאַנעט!

מעכעלע האָט זיך אויפגעשטעלט, שפּאָטיש אַ בליק געטון אויף אים און געוואָלט זיך לאָזן צו דער טיר. וויזנבערג איז שוין געשטאַרקט געוואָרן פון ערשטן נצחון. דערפאַר האָט ער זיך שוין ווידער צעחוזקט:

— העי, ער לויפט טאַקע!... וועסט נאָך צוואַרטן... א י ך דאַרף דיך אַרויספירן... לאָמיר קודם וויסן, וואָס דו האָסט דאָ געטון... וואָס אַלע טוען דאָ... וואָס פאַר אַ געזאַנג אין מיטן דערין?

איצט שווייגן שוין אַלע דערשראָקן. בלויז מעכעלע האָט זיך צוגע־גרייט אָפּצוענטפערן:

— אַז מען האָרעוועט אַ גאַנצן טאָג — פאַרוואָס נישט כאַפּן אַ זינג ביינאַכט? עס ווערט אַביסל פריילעכער דערפון...

וויזנבערג איז שוין אַריינגעפאַלן אין צאָרן:

— זינגען!... פריילעכער!... כ׳וועל אייך באַלד דאָ פריילעכער מאַכן, אַז איר וועט מיך האָבן צו געדענקען... ווער האָט עס געמאַכט אָט די אַלע לידלעך? דאָס איינע וויל איך נאָר וויסן!

ביים טיש האָבן אַלע אַראָפּגעלאָזט די קעפּ. מעכעלע האָט שוין נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן:

— דאָס האָב איך זיי צוגעקלערט... זיי זינגען די לידלעך פונקט ווי אַ האַלבער לאַגער... מען האָט זיי נישט פאַרבאָטן צו זינגען...

ווי שטענדיק, ווען ווייזנבערג ווערט איבערראַשט ווייסט ער נישט וואָס פריער צו טון. ער האָט אפילו פאַרגעסן וו אָ ס די לידלעך זאָגן דאָרט... הא, ער האָט דאָך טאַקע נאָך גאָרנישט פאַרבאָטן — פון וואַנעט זאָלן זיי וויסן? גיט ער בלויז אַ געשריי:

— קיינער רירט זיך נישט פון אָרט! אַלע באַזאַמען מוזט איר מיר דאָ אויפזינגען די לידלעך... מיר וועלן באַלד זען וואָס דאָרט שטעקט אין זיי... הורנזין! נו, אַ סוף! קיינער זאָל זיך דערפון נישט אַרויסדרייען! אַרויס מיט לשון!

מעכעלע גיט דער ערשטער דעם סיגנאַל:

— ווערק צע איז אַ לאַגער — דער ערגסטער פון אַלע...

פון דער אויבערשטער פּריטשע האָט דער דאַרער וואָצלאַווסקי אַראָפּגעשאָסן מיט זיין צעסקריפּעטן קול:

דאָ האָבן שוין טויזנטער געפונען דעם טויט...

ווי אַ לאַווע האָט זיך דאָס קול ביי אַלעמען אַרויסגעריסן, געשלעפּט די וויטערדיקע שורות. דער סקעלעטישער „משיח" פון באַראַק האָט זיך אַזש אונטערגעהויבן אויף זיינע קרומע, שטעקלדיקע פיס און אַריינגע־שריגן אין ווייזנבערגן מיט אויסגעביינערטער, טרוקענער התלהבות:

— קענגן די וואָס פאַרקויפן זייערע ברידער אַליין...

אין איין מינוט האָט זיך ווייזנבערגן אויסגעוויזן אַז דאָ האָט זיך אַ מחנה אַרויסגעריסן פון די קברים... ער האָט זיי אַליין אַרויסגערופן — איצט רייסן זיי זיך צו אים, ווייַנען צו אים מיט וועלפישן יאָמער... באַלד וועלן זיך אָבער אַלע ביינערדיקע הענט אַ שטרעק טון, אַ צי טון זיך אים צו דערשטיקן...

— גענוג!!!

קיינער האָט אים שוין אָבער מער נישט געהערט. דאָס געזאַנג וואָס

ער האָט אַרויסגעצויגן אונטער דער דראָאונג פון זיין שטעקן, איז שוין איצט געלאָפן פון זיך אַליין און קיין אָפּהאַלט איז מער נישט מעגלעך געווען. ער אַליין האָט זיך נישט געקענט גלויבן אַז ער וועט עס אָפּהאַלטן מיט זיין איצטיקן, אָפּגעהאַקטן געשריי... ער האָט זיך דערפאַר אַ צי געטון און צוגעפאַלן צו דער טיר, ווי איינער וואָס אַנטלויפט פון אַ ברע־נענדיקן הויז.

— 3 —

ס׳איז מער נישט מעגלעך געווען צו שפּילן זיך מיט אַזעלכע כעסן. די פּאָליציי אַליין האָט שוין געפּיפן די לידלעך די ביים שטיין נעבן טויער און ביי די דראָטן. האָט שוין ווייזנבערג געמוזט צוהעלפן און אפילו אונ־טערשמייכלען. ביי איינעם פון די וואַלד־קאָנצערטן האָט פעלא אפילו באַ־פוילן מען זאָל ברענגען גימפּלען מיט זיין קאָפּעליע און זיי זאָלן עס אָפּ־זינגען פון דעם פּאַרקעט אַראָפּ, אַלע זאָלן עס הערן. דאָס האָט זי געוואָלט אַרויסווייזן איר גבורה און דערביי זיך אויך צוגעוויינען צו דער אימה, וואָס די פאַרשידענע לידלעך האָבן ביי איר אַרויסגערופן.

נאָר מעכעלען האָט אַ פּאָליציאַנט אַוועקגעפירט אין עטלעכע טעג אַרום אין אַ שווערער פאַבריקס־האַלע. ביים טויער איז געשטאַנען ווייזנ־בערג און צוגעשמייכלט:

— וועסט שוין דאָרט אָפּשפּילן דיינע לידלעך פאַר ראָסטן...

אָבער די פאַבריק האָט איצט שוין געאָטעמט מיט שגעון. דער פּאָ־ליציאַנט, וואָס האָט מעכעלען אַריינגעפירט אין דער האַלע האָט זיך גע־דאַרפט מעלדן צו ראָסטן. עס איז שוין מיט יענעם אָפּגעשמועסט גע־וואָרן. אָבער ווען דער גראָב־פּנימדיקער פּאָליציאַנט איז צוגעגאַנגען צום דירעקטאָר — האָט יענער פאַרגעסן אין אַלץ. עפּעס אַ הויכע קאָמיסיע האָט געזאָלט קומען. האָט ער דעם פּאָליציאַנט בלויז אַ שטויס געטון פון זיך מיט עקל:

— זאָלן דאָרט דיינע קאָמענדאַנטן מיר פאַרדרייען ווינציקער דעם קאָפּ...

דער פּאָליציאַנט טאָר נישט צוריקגיין מיט ליידיקע הענט. דערפאַר האָט ער זיך גענומען בעטן:

—אָבער דעם מאַן לאָז איך דאָ איבער... דאָס איז געווען דער מאַ־לער...

נאָר ראָסט איז שוין איצט געווען פאַרטראָגן. דערפאַר איז ער אַריינגעפאַלן אין אַ נישט־קאָנטראָלירטן צאָרן. ער האָט געכאַפּט אַ בייטש און אַ שמיר געגעבן דעם פּאָליציאַנט איבערן פּנים... דערביי האָט ער זיך ווילד צערעוועט:

— מאַרש מיט די לײדיקגייער! איך דאַרף נישט קיין מאלער! אין דער פאַבריק זאָל ער זיך נישט ווייזן!... מאַרש מיט אים! זשעלינסקי!

פון אַ ווינקל איז אויסגעוואַקסן דער פּאַיאַצישער זשעלינסקי מיט אַ ברעט אין האַנט. ער איז געקומען צוהעלפן דעם דירעקטאָר. אָן צו פרעגן אַ סך האָט ער גענומען האַקן איבער ביידנס קעפּ און געשריגן:

— ליגט אין אייערע לעכער! ווען דו ברענגסט נאָך אַמאָל דעם מאַן, וואָס דער דירעקטאָר וויל דאָ נישט — וועט אייער ווייזנבערג הענגען אויף אַ בוים...

דער פּאָליציאַנט האָט נישט געוווסט וואָס דאָ קומט פאָר און צו־ריקגעצויגן מעכעלען אין לאַגער אַריין. ביים טויער איז שוין ווידער גע־שטאַנען ווייזנבערג און זיינע אויגן זענען פול געווען מיט פאַרצווייפל־טער רציחה:

— אָט פירט ער דאָך אים צוריק... כ׳וועל דיך ממיתן, פּאָליציאַנט מיינער!...

אָבער יענער האָט זיך שיער צעוויינט:

— ד״ר ראָסט האָט מיך געוואָלט הרגענען... ער האָט געזאָגט אַז טאָמער וועט איר אים ווידער שיקן דעם מאלער אין פאַבריק — וועט ער אייך הענגען... פאַראַן עדות דערויף...

מעכעלע האָט זיך געמוזט צעשמייכלען. ווייזנבערג איז בלאָס גע־וואָרן פאַר שרעק. ער האָט נאָר באַוויזן אַ פרעג צו טון:

— האָט דער חברה־מאַן עפּעס געטענהט פריער מיטן דירעקטאָר?

דער פּאָליציאַנט איז צעטומלט געוואָרן, געשאָטן מיט ווערטער גלאַט אין דער וועלט אַריין:

— ע ר ? יאָ... ער האָט דאָרט געזאָגט... צוגעגאַנגען...

ווייזנבערג האָט שוין מער קיין געדולד נישט געהאַט:

— נו, כ׳זע שוין אַז פון ד ע ם אומגליק וועל איך נ י ש ט פּטור ווערן...

מעכעלע האָט דערשפּירט ווייזנבערגס רעזיגנאַציע. דער קונדס אין אים האָט איצט זיך געוואָלט אַרויסווייזן. האָט ער זיך בלויז שטום אַריינגעגליטשט דורכן טויער און גענומען שפּאַטיש אונטערפייפן מיט דער נאָז דאָס ליד פון ווערק צע... ווייזנבערג האָט געלאָזט אים פאַרבייגיין און ערשט שפּעטער אים נאָכגעוואָרפן אַ קנויל מיט ווערטער:

— ממזרישער יאָלד! האָסט טאַקע אַ טריפה מזל — אָבער דאָס מויל וועל איך דיר צומאַכן! וועסט זיך נאָך אויסרעכטן אַ שוואַרץ יאָר מיט דיינע לידלעך אין איינעם. ס׳איז נאָך נישט געענדיקט! פון יענער זייט טויער האָט זיך באַוויזן אַ גרופּע מענטשן, וועלכע צוויי פּאָליציאַנטן האָבן געפירט. דער ערשטער וואָס האָט אַ שטויס געטון דעם טויער האָט אפילו נישט געפילט, ווי אַזוי ער פייפט דערביי אויס מיט שטעכיקער בולטקייט איינס פון די שפּאָט־לידער:

— העי, דונאַי... דונאַי...

ווייזנבערג איז בלאַס געוואָרן און אָפּגעהאַקט אין מיטן.

— 4 —

די ערד פון ווערק צע האָט גענומען ציטערן. פון גאָר ווייט האָט זיך גענומען הערן אַ ווייט און שווער שיסן. עס האָט נישט געקענט זיין פון נאָענטן שיס־פּלאַץ... דאָס האָבן ערגעץ שווערע האַרמאַטן שטיל אַריינגעדונערט אין די הימלען אַריין און זייער ווידערקול האָט מיט שטומע טרייסלען אָנגעזאָגט דעם ווערק צע:

— מען שיסט... איר הערט ווי מען שיסט? אָט ווי מען קנוילט!

קיינער האָט נישט געקענט וויסן ווער עס קנאַלט אַזוי. זענען עס דייטשן? אויב אַזוי שיסן זיי שוין מיט האַרמאַטן אויף אַ שונא וואָס גייט אויף זיי... זענען די פראָנטן שוין אַזוי נאָענט, אַז זיי הילכן אָפּ אין געהער?

ביינאַכט האָט מען געזוכט צייכנס איבער די הימלען און ווייסלעכע ראַקעטן האָבן דערשראָקן גענומען אַרומלויפן, איבערגעלאָזט זייערע דינע שווענצלעך אין מיטן הימל און אַליין האָבן זיי אויסגעטאָפּט די בלויע

טונקלקייט מיט דערשראָקענער ציטערניש. אפילו שולצע האָט זיך געגנו־מען ווייזן ווייניקער אין לאַגער אַריין. אויף זיין אָרט האָט זיך ווידער באַוויזן דער פאַרכמורעטער שומאַן און אויסגעקליבן פעסטע יינגלעך. מעכעלע איז מיטגעצויגן געוואָרן. דאָס האָט שומאַן איבערגענומען די אַרבעט פון בויען באַפעסטיקונגען אַרום דער פאַבריק. מען האָט געטראָגן ריזיקע קלעצער, זעק מיט זאַמד און בערג מיט אַמוניציע. עס האָט געגנו־מען וואַקסן איין בונקער נאָכן צווייטן אַרום די פאַבריקס־מויערן. ווייזט אויס, אַז דאָ וועט זיין די הויפּט־שלאַכט...

שומאַן אַליין ווייסט נישט פון קיין חכמות. ער ברומט צו זיך, כאָטש מעכעלע הערט: — ז יי וועלן זיכער אונדז פאַרטרייבן... אָבער די פאַבריק וועט פריער פליען... דאָ וועלן זיי אָנטרעפן...

און צוליב עפּעס האָט ער טרויעריק אַריינגעלאַכט אין זיך.

מעכעלע העלפט ·בויען, שניידן די קלעצער, פאַרלייגן מיט זאַמד און דערביי שפּירט ער פון יעדן וועגטל דעם ריח פון די ל ע צ ט ע טעג... אַזוי פיבערן נאָר מענטשן, וואָס ציילן זייערע שעהען. אָט האָט אפילו דער ניכטערנער שומאַן געבערענגט זיך שנאַפּס פון וועלכן ער זופּט אַלע מאָל... ער דערלאַנגט אפילו די פּאָר יידן צו בעכערלעך. אַזוי טרינקען נאָר די, וואָס ווילן אַראָפּשווענקען מיטן פייערדיקן וואַסער עפּעס אַ געדאַנק, אַ טויטן פּחד.

אויפן וועג, פאַרביי די דראָטן ציען מידע און פאַרשטויבטע קאָלאָ־נעס מיט דייטשן. זיי קוקן נישט אויף קיינעם נאָר פליען ווייטער. בלויז אָפיצירן שרייען זיך אַמאָל איבער מיט שומאַנען:

— קאַמעראַד... אַ ציגאַרעט?

שומאַן גייט צו, דערלאַנגט... שמועסט אַ פּאָר מינוט... די מחנה ציט ווייטער און ער ווערט נאָך מער פאַרכמורעט. ער זופּט ווידער זיין קאָניאַק און הערט אויף צו אייפערן ביים צופּאַסן די וועגטלעך פון די בונקערס. באַלד טרייסלט ער זיך ווידער אויף פון זיין רעזיגנירטקייט און אַזויווי ער וואָלט געפּירט אַ וואָרטלאָזן שמועס מיט עמעצן — גיט ער אַ באַפעל אַרויס, ווי פון אַן אָפּגעשטיקלטן געזעץ:

— אָבער פאַרפעסטיקן דאַרף מען... און די יידן מוזן שוויצן דער־ביי...

ס'איז מעכעלען נישט מעגלעך צו וויסן, אויב די מחנות מאַרשירן

צום פראָנט אָדער זיי ציען זיך צוריק. די אָפיציעלע דייטשע קריגס־קאָמוניקאַטן דערציילן גאָר וועגן אַזוינע ווייטע שלאַכטן... טאָ פאַרוואָס ציטערט די ערד? און פאַרוואָס ציטערן שומאַנס בלויע ליפּן?

און ביינאַכט, ווען שומאַן פירט די פּאָר יידן אַרויס צום וועג אַרום דעם וואַלד טראָגן זיך די הילכן פון טויזנטער טריט. דאָס מאַרשירן גאַנצע דייטשע אַרמייען. מסתמאָ גייען זיי צום גרויסן באַן־קנופּ וואָס גיסט זיך צונויף מיט ראַדאָם. זיי זינגען נישט דורך דעם וועג מיט זייערע הוי־כע סאָלדאַטישע קולות. זיי פייפן בלויז אויס אַ סענטימענטאַלן מאָטיוו. מעכעלע זעט זיי נישט. ער הערט בלויז דעם סקריפּ פון שטיוול, וואָס שלענגלט זיך אין שטעכעדיקן, וואַלדיקן פייף פון ווינט און מישט זיך אויס צוזאַמען... ס'איז גאָרנישט דאָ אין דעם קיין באַזונדערס — און דאָך פרירן די האָר־וואָרצלען פון באַהאַלטענער אימה, וואָס מעכעלע קען פאַר זיך אַליין נישט אָפּטייטשן. דאָס טאַפּן שוין אַרויס די אברים פאַר זיך אַזאַ שרעק פון דער נאַכט־פינצטערניש. אפילו דער אכזר שומאַן שפּירט עפּעס אַרויס דערפון. ברומט ער נאָר בייז פאַר זיך:

— זיי פּייפן גאָר... עך, דאָנערוועטער!

וואָס אַרט אים, אַז זיי פייפן שוין אָן־לשונדיק דאָס געזאַנג פון אַמאָליקע, זיגרייכע מאַרשן?

פליענדיקע שטערנדלעך יאָגן זיך אַרום איבער די הימלען מיט גערויש. אפילו שומאַן ווייסט נישט צו וועמען זיי געהערן. דאָס רעגט אים אויף און ער טרייבט די פּאָר יינגלעך פון זיך:

— איר וועט שוין היינט סייווי קיין סך נישט אויפטון... טאָ טראָגט זיך אָפּ אין אייער מיסט אַריין...

לויפן די בונקער־אַרבעטער אַריין אין דער פינצטערניש און ווייסן נישט וואָס ער האָט צו זיי. וואָס זענען זיי שולדיק, אַז עס וואָגלען רוישנדיקע באָמבערס איבער די הימלען און די זעלנער פייפן אַריין צום וואַלד?

נאָר אין דער זייט, נישט ווייט פון די ערשטע האַלעס רודערט זיך נאָך. הונדערטער יידן לעכערן די לופט מיט זייערע קולות. דאָס לאָדט דער נאַכט־טראַנספּאָרט פרישע צוגן מיט געווער. אַלץ ברענט דאָרט אונטער די הענט. די קולות בלייבן הענגען איבער די ביימער, ווי פאַרמשפּעטע. פינקען צעשפּריצן זיך אין דער לופט און אַ שווער סאַפּען טראָגט זיך פון דער באַן־ליניע צו די דראָטן. דאָס האָט אַ לאַנגע קייט

וואגאָנען זיך אַדורכגעגנבעט מיט דער משאָ פון טויט... דער לאָקאָמאָ־טיוו קלאַפּט אין דער לופט מיט האַסטיקע אָטעמס — גלייך ווי אויך אין דער לופט וואָלטן געטרעטן פאַרעדיקע שטיוול. דערנאָך ווערט אים נמאס דאָס שווערע טאַרטאַרן און ער גיט פּלוצים אַ פאַרענדיק מיט אַ לאַנגן, יאושדיקן פייף — וואָס לעכערט אַדורך די געהירן.

אָ, שומאַן מוז איצט זיכער פאַרשטאַרקן די ציין־קריצעניש. און אפשר שליידערט ער גאָר נאָך דאָס אויסגעליידיקטע פלעשל דעם אַנט־לויפנדיקן צוג?...

— 5 —

פון מאָרגן אָן...

יאָ, פון מאָרגן אָן וועט ווערן שטרענגער אין לאַגער. עס וועלן זיין פאַרשטאַרקטע פּאַטרולן און אַ פעסטערע דיסציפּלין. דער קאָמענדאַנט וואָס מעלדעט עס פאַרן פאַרזאַמלטן עולם וויל דערמיט באַווייזן זיין גאַנ־צע חשיבות. עס ווערט ערנסטער אַרום דעם לאַגער און ע ר מיט זיינע געהילפן טראָגן איצט מער אַחריות. מיט זיבן אויגן וועלן זיי מוזן קוקן אויף יעדן איינעם... און שטרענג וועט ווערן! גאָר שטרענג... דעם קאָפּ וועט מען פאַרלירן ביי דעם מינדעסטן גליטש. באַלד וועלן דאָ אָנ־קומען גאַנצע אַרמייען פון ס. ס. און לופטוואַפע. זיי וועלן באַזעצן יע־דעס ברעקל וואַלד אַרום דעם לאַגער. קיין איין פּיצל אָרט וועט נישט בלייבן אָן האַרמאַטן און קאַנאָנען. דאָס דאַרף וויסן ווערק צע און זיך נישט דרייען דאָ ווו מען מוז נישט... היטן זאָל מען זיך!

אָבער קיינער וויל נישט באַנעמען דעם ערנסט דערפון. אויסגעהערט — און באַלד צעשיט מען זיך אין די באַראַקן. דאָרט איז גוט... קורץ מיט מעכעלען שפּאַרן זיך. לויט קורצן האָבן די אַמעריקאַנער שוין פאַרנומען פּאַריז און די סאָוויעטן — וואַרשע... אַלץ איז שוין געענדיקט — בלויז אַרום ווערק צע וועט מען נאָך מלחמה האַלטן. מעכעלע וויל דערווייל נאָך נישט נאָכגעבן. מען וואָלט געהערט דערפון! שרייען אַלע אויף אים אָן, בייזערן זיך — גלייך ווי ער וואָלט בכיוון פאַרהאַלטן די אויסליי־זונג... אַלע וואַרטן אָפּ מיט שפּאַנונג דעם לעצטן פייף, וואָס וועט באַלד

קומען און אָנזאָגן אַז מען קען שוין אַרויסגיין אויף דער פריי... טאָ וואָס דרייט מען אַ קאָפּ מיט דיסציפּלין?

נאָר אַרום די שטילע, פאַרטראַכטע שטיקער וואַלד נעמט זיך גאָר רודערן. אין אַלע זייטן הענגען שוואַרצע שילדן מיט ווייסער שריפט, וואָס וואָרענען נישט אַריינצוגיין אויף קיין טריט. אַרום אַלע דראָטן טראָגט זיך אַ שיסעריי, אַ ברומעריי... ריזיקע האַרמאַטן ווערן אַריינגעצויגן מיט קוראַזשדיקע הוראַ־געשרייען טיפער און טיפער פון דער גריינער געדיכטעניש. אַ גרויסע גרופּע יידן איז אַרויסגעצויגן געוואָרן פון די האַלעס און זיי דאַרפן איצט כסדר טראָגן די שווערע קעסטלעך מיט אַמוניציע פון שמיצס טיפע מאַגאַזינען. די קאַסטנס ווערן אָפּגעלאָדן ביי אַלע וואַלד־ראַנדן פון דער פאַבריק. אָבער וויפל מען זאָל נישט טראָגן — וואַקסן נישט אָן קיין בערג. פון אַלע זייטן שטרעקן זיך מונדירטע הענט, וואָס טראָגן די קאַסטנס טיפער.

זיי מוזן דאָרט זיין אין די טויזנטער. מען דערקענט עס אין דעם פאַלן פון אויסגעהאַקטע ביימער אין אַלע ווינקלען. מען הערט עס אויך פון מוראַדיקן מאַשינען־געברום און פון די קיכער־קעסלען וואָס שיטן זיך מיט שווערער זופּ־משא צו אַלע וואַלד־ראַנדן. אַרומגערינגלט! דאָס ווייסט שוין איצט יעדער... אויס מיט אַלע חלומות פון לייכטן אַנטלויפן אין דער לעצטער מינוט! ווערק צע איז איצט איינגעמויערט אין גרינע ווענט, וואָס שטייען נישט איינגעוואָרצלט אין דער ערד — נאָר קענען לויפן, זען און נאָכשיסן.

אויף די קאַנאָנען וועלן מיר זיך באַגעגענען
אונטער די קאַנאָנען וועלן מיר זיך געזעגענען...

ווידער ברומט ווערק צע דאָס פאַרגעסענע ליד. דאָס מאָל זינגען עס די מיידלעך צו זייערע ליבהאָבער מיט אַן אַנדער ערנסט — אַז עס לויפט דערביי אַדורך אַ שוידער איבערן לייב. אָט באַלד וועלן זיך די קאַנאָנען אַ שטרעק טון, אַריינשטעלן זייערע אייזערנע פּיסקעס ביז צו די אָפּגעשמירטע באַראַקלעך און...

וועט זיך כאָטש זיין צייט צו געזעגענען? עפּעס האַוועט דאָרט שולצע צופיל אַרום מיט די וואַלד־זעלנער... דערנאָך קומט ער צולויפן, מעסט אויס דעם לאַגער־שטח צום וויפלטן מאָל און קוקט דערביי אַזוי פאַרדעכטיק־פרייליך אַלעמען אין די פּנימער אַריין, וואָס טראַכט ער,

דער מטורף? ווערק צע זוכט צייכנס און געפינט זיי ביי שולצעס צוויי געליבטע־אַדיוטאַנטלעך: זיי זענען דערשראָקן, די יאַטלעך... זיי ווילן עפּעס זאָגן און האַלטן זיך צוריק, ציטערן... ווער נאָך אַזויווי זיי קען דען וויסן? נאָר פרעגן זיי האָט מען מורא. זיי קענען דערציילן שולצען, ווער עס האָט זיך ביי זיי נאָכגעפרעגט.

איז ווערק צע ווידער באַפאַלן די הפקרות... אויפעסן! אויפעסן דעם לעצטן גראָשן, וואָס מען פאַרמאָגט! אויסלעבן יעדן ברעקל לעבן וואָס ליגט אין די בלוטן! ווייל דער וואַלד איז אַדורכגעלעכערט פון גרינגע ווערעם און די לופּעס טיף אין וואַלד שטייען און מאָנען עפּעס הונגעריק ביי די פאַרשטעלטע הימלען... ווער מען מיינען זיי? אויף וועמען ווילן זיי זיך דאָ פייערדיק צעשרייען?

טוליעט זיך לייב צו לייב אין די נעכט נאָך דערשראָקענער און גי־ריקער. פרויען טוען אַלץ, אַבי נישט צו בלייבן אַ ל יי ן אין אַזעלכע טונקל־פּחדימדיקע נעכט. קוקן זיי אַלעמען אין די אויגן אַריין, בעטן זיך אויף שטומער שפּראַך, ווילן עפּעס איינרייסן אין די הימלען פון די איי־גענע הערצער... אפילו די גראָבע און מענעריש־אייזערנע חנה צפורה פון שידלאָווצע האָט זיך דערשראָקן פאַר איר אַלייניקן שפּרייזן איבער ווערק צע. גלייך ווי אַליין וואָלט די סכנה שאַרפער געווען, נענטער און דראָענדיקער... ווער האָט פאַר דער געזונטער, דיק־פלייִשיקער חנה־צפורה נישט געציטערט? און אָט, איז זי גאָר צוגעפאַלן צו אַ יונג, קוים־אויסגעוואַקסן בחורל און צעעפנט פאַר אים אַלע געלט־אוצרות וואָס זי האָט אַזוי אייפעריק געהיטן די גאַנצע צייט. זי האָט אים געקעכלט מיטן בעסטן וואָס ווערק צע קען נאָר אָנביטן צו פאַרקויפן, אים באַקליידט און אָנגעגעסן — אַבי ער זאָל ביינאַכט צו זיך אין באַראַק נישט גיין און זי זאָל אין איר מיידל־באַראַק נישט דאַרפן ליגן אונטערן אָפּגעצוימטן בעטל איינע־אַליין מיט אויפגעריסענע אויגן.

חנה צפורהס שרעק איז געוואָרן דער סיגנאַל פאַר די לעצטע, די צוריקגעשטאַנענע. דאָס איז שוין ווייט אַוועק פון פריערדיקן עראָטישן שווינדער, דער הפקר פון שעפּן פאַרגעסנקייט. איצט איז עס געווען אַ טור־ליעניש צוליבן געדענקען אינעם ל ע צ ט ן פּ יי ף און קיינער האָט נישט געוואָלט שפּרייזן איינער אַליין צום לעצטן אַפּעל, אָדער צו די אָנגעשטעלטע לופּעס וואָס קענען יעדן טאָג און יעדע נאַכט זיך אַ רוק

טון ביז צו די באַראַק־פּענצטער... דאָס דערשרעקן זיך צוזאַמען און דאָס אויפשטיין צוזאַמען מיט יענער לעצטער שרעק וואָס וועט און מוז קומען — האָט אַריינגעיאָגט אין לייב אַ פרישע כוואַליע ציטעניש צוזאַמען מיט דער דערוואַרטונג.

טאַקע בלויז אַט די ש ר ע ק האָט אַרויפגעצויגן אויף די פּני־מער אַזויפיל פּ ר יי ל ע כ ק יי ט, מיט וועלכער מען קען מאַכן די לעצטע אָנשטרענגונג געפעלן צו ווערן און צו קענען באַווייזן דעם אַנ־דערן מין, אַז דאָ קען ער אַ נ ט ר י נ ע ן, אויסבאַהאַלטן זיך דערווייל פאַר די שאָטנס וואָס קרייזן אַרום, עסן זיך איין אין געמיט. איין פּנים האָט געוואָלט געניאַרן דעם צווייטן, טרייסטן מיט דער געניאַרעניש און אַנטפלעקן זיך גלייכצייטיק ביים פאַרטרייבן אַ בשותפותדיקע שרעק דורך וואַרעמקייט און תענוגדיקער איינקלאַמערונג.

אָבער די לופעס פון וואַלד האָבן צייט. אויך די זעלנער זענען אַזוי־ווי באַגראָבן געוואָרן אינעם וואַלדס געדיכטער נאַרע. דאָס פייפל וואָס האָט ג ע מ ו ז ט אַמאָל קומען געבן דעם לעצטן פייף האָט זיך געשפּילט אין באַהעלטעניש און ווערק צע האָט געגומען שליידערן פון זיך איין טאָג נאָכן צווייטן, ביז אויך דאָס איז געוואָרן אַ געוווינשאַפט. בלויז שולצעס באַווייזן זיך האָט נאָך ווייטער אָנגעיאָגט פּחד. ער האָט לעצטנס גע־נומען קומען מיט אַ מאָדנע גרויסן פייפל, וואָס האָט זיך אים נאָכגע־באָמבלט נעבן זיין רעוואָלווער. עס האָט זיך אויסגעוויזן יעדעס מאָל אַז אָט באַלד כאַפּט ער עס צום מויל... מען האָט זיך אפילו געשראָקן דער־פאַר מער ווי פאַרן „שפּייער“, כאָטש דאָס איז נאָר זיינס אַן אַלאַרמירנ־דיקער שליח.

אָבער יעדעס מאָל ווען דאָס פייפל האָט זיך אַ טרייסל געטון אין שולצעס האַנט — האָט ער עס אָפּגעשטופּט פון זיך מיט רוגזה. אויך דעם רעוואָלווער האָט ער לעצטנס אויפגעהערט אַרויסצושלעפּן ביי יעדער געלעגנהייט, גלייך ווי ער וואָלט אויך דער כלי געוואָלט געבן צוריק דעם גאַנצן ערנסט פון איר כח און מעגלעכקייט.

האָט זיך אויסגעוויזן אַז דאָס פייפל מיטן רעוואָלווער אויף שול־צעס זייט זענען שוין לאַנג גרייט. דערפאַר שטויסן זיי זיך, וואַרפן זיך אים אין די הענט אַריין. וואָס ווייסן שטומע ברואים? נאָר ער אַליין איז נאָך געפאַנגען פון אַן אָנמאַכט וואָס הויערט איבער זיי: דאָס וואַרט ער

אויף אַ באַפעל פאַר זייערטוועגן... און דאַן וועלן אַלע באַהאַלטענע פחדים זיך אַרויסיאָגן פון לעכערדיקן רערל, דער רעוואָלווער וועט אַ בריל טון, די קאַנאָנען וועלן זיך אַ צעדונער טון — און דער גאַנצער וואַלד וועט זיך אַ טרייסל טון אין רויכיקן געלעכטער — — —

## דריטער טייל

# נישט שטענדיק ברענען ליכט אין וואַלד...

# קאַפּיטל איינאונדרייסיק

— 1 —

פון דער טונקעלער וועשערײַ האָבן זיך ווידער ביינאַכט געלאָזט הערן באַהאַלטענע קולות. דאָס האָט מען דאָרט ווידער גענומען שכורן און באַקן עסנוואַרג גאַנצע נעכט פאַר די קאָמענדאַנטן. די לופטוואַפע־כוחות האָבן זיך צעשפּרייט איבער די וועלדער אַרום און צוגעקומען ביז צום װערק צע. עס האָט נאָר אויסגעזען אַז זיי האָבן אַנדערע דאגות, ווי אָפּ־געבן זיך מיט די יידן. האָט זיך אויך די בהלה איינגעשטילט אַביסל. עס האָט אָבער אויסגעזען אַז צוזאַמען מיט די זעלנער וועט שוין אויך דער גורל פון לאַגער געמשפּט ווערן. דערפאַר האָבן די מאַכטהאָבער באַשלאָסן אויסצוהוליען די לעצטע טעג ווי אַזוי עס לאָזט זיך נאָר, און מען האָט געקענט הערן זייערע שטאַרקע קולות:

— אַלצאַיינס... אַ רוח אין דער וועלטס האַרץ אַריין...

עס האָט אָבער אויסגעזען, אַז פּאַקטיש איז זיי נישט אַלצאַיינס. דאָס זאָגן זיי נאָר אַזוי, ווייל זיי ווילן צודעקן עפּעס אַ געהיימע זאַך.

די נעכט פון אָנהייב מאַי האָבן געגומען פלאַפלען מיט זייער שכור לשון ווי אַלע יאָר. עס האָבן זיך ווידער געגאָסן שמעקעוודיקייטן און פאַרפומירט די לופט, ווי אויסגעצירטע קאָקאָטעס. עס האָט אויסגעזען ווי דער זומער איז אַליין איבערראַשט געוואָרן פון זיין יונגער אויסגע־רייפטקייט. איצט פודירט ער זיך, ווי אַ יונג קוזינקעלע פון ווערק צע, מיטן ווייסן לבנה־שטויב פון די נעכט און באַגיסט זיך די גרינע וואַלד־האָר מיט אַזעלכע שמעקעדיקע פלעשלעך וואָס פאַלן פון די הימלען, בכדי געפעלן צו ווערן די שטרענגע דייטשן און די לאַגער־קאָמענדאַנטן.

אין אַזעלכע נעכט איז נישט געווען צום פאַרשטיין פאַרוואָס די שווערע טיר פון דער וועשערײַ איז אַזוי אָפּגעשלאָסן, וואָס פעלא זיצט דאָרט אָפּ שעהען און טוט דאָרט עפּעס אָפּ מיט דער דיקער אויפזעערין. ווערק צעניקעס האָבן נאָר געקענט זען, ווי אַזוי אין די פאַרטאָגן טראָגט מען פון דאָרט גאַנצע פּעק — גלייך צום קאָמענדאַנטן־באַראַק. מעכעלע איז געווען פון די ערשטע וואָס האָט זיך עס דערוווסט ביי דער לאַנגער

צונג פון דער וועשעריי־היטערין: דאָס גרייטן זיך די קאָמענדאַנטן גאַנצע זעק מיט ווייסע סוכארעס. מען האַלט אין איין אויסבאַקן זעק מיט מעל, וואָס דאַרף קלעקן אַ לענגערע צייט. זעט אויס אַז זיי גרייטן זיך צום לעצטן שפּרונג! אפשר ווילן זיי זיך אַראָפּלאָזן אין אַן אונטערערדישן בונקער? און אפשר גרייטן זיי זיך בכלל אין אַ לאַנגן, אונטערערדישן וועג? פון זייערע מאַסקירטע פּנימער האָט מען נאָר געקענט אַרויסלייענען אַז ב יי ז יי איז שוין דער סוף גאָר נאָענט און זיי ווילן אים נישט באַגעגענען איבעראַשטערהייט.

דערפאַר האָבן זיך גענומען דרייען אַלערליי פאַרשווינען פון לאַגער אַרום דער וועשעריי, געוואָלט פון דאָרט עפּעס אויסשנאַפּן — אָבער אפילו די חשובסטע מיוחסים זענען שנעל פון דאָרט אָפּגעטריבן געוואָרן. מען האָט נאָר געזען ווי דאָס קוימענדל שפּייט אויף דער גאַנצער ליכטיק־שמעקעוודיקער נאַכט מיט קנוילן צעפלאָשעטן רויך. יעדע פּאָר מינוט זענען געלאָפן פון דאָרט צעפלאָמטע קאָמענדאַנטן־ווייבער מיט דיקע, פרייכנדיקע בייכער. אויך ווייזנבערג, דער אַלטער פעלדמאַן און דאָס בלייכע דאָקטאָרל האַנדעל האָבן זיך געצויגן אַהין אין די נעכט — און ווי די שאָטנס זיך אויסבאַהאַלטן קיינער זאָל זיי נישט זען.

און וואָס מער עס האָט זיך גערודערט אַרום דער טיף־נאַכטיקער וועשעריי — אַלץ מער איז שטיל געוואָרן אין פעלאַס הויז. מיט שטוינען האָט ווערק צע צוגעזען, ווי פעלא איז צוריק חבר געוואָרן מיט ווייזנבערגן. זיי שטייען און רעדן צווישן זיך צערטלעך און די אויגן לעקן אַרום איינס דאָס צווייטע מיט זאָרג. אפילו ווייזנבערגס פרוי קומט צו און גיט דעם מאַן אַ היימישן גלעט איבער דער פּלייצע. אין דעם דאָזיקן משפּחה־קנויל האָט זיך ווידער עפּעס באַוויזן, וואָס שנירלט זיי צוריק אַלע צוזאַמען. דערפאַר קוקן זיי קרום, וואָס עס דערנענטערט זיך צו זיי עמעץ, אפילו פון די היימישסטע, ווען זיי שטייען און שמועסן צווישן זיך מיט פאַרדעכטיקער אויגן־שפּראַך. אין אַזאַ מאָמענט האָבן זיי באַלד איבערגעריסן און געקוקט אויף יענעם מיט שטומער פאַרוווּנדערונג:

— וואָס שטופּט ע ר זיך אַהער?

האָט זיך יענער אָפּגערוקט, אַנטשולדיקט זיך און געגאַנגען זיין וועגס. בלויז צווישן זיך אין די באַראַקן האָט מען וועגן דעם זיך שטילערהייט געסודעט:

— ס'איז שוין גאָר נישט קיין גוטער סימן. אַז זיי לעבן זיך דאָרט אַלע ווי די טייבעלעך און האָבן מער נישט דעם קאָפּ זיך אַרומצוקריגן — איז טאַקע ביטער. דער דאָזיקער שלום בית איז אַן אומגליק... מען וועט עס שוין שפּעטער זען!

האָט מען עס אָפּגעוואַרט אַן דער געהעריקער געדולד צו וואַרטן.

— 2 —

אָנגעהויבן האָט זיך עס אַמאָל אַזוי:

ווען דער אויפזעער איבערן הויף, וואַרטמאַן האָט געזוכט פאַרשיידענע מענטשן צו דער צוגאָב־אַרבעט איז צו אים צוגעלאָפן אַן אָפּגעריסענע פרוי און עפּעס אַ געשריי געטון. אַרום זיי האָט זיך געטראָגן אַ שטויב פון די שטיינער און קאָקס, וואָס מען האָט אָנגעפירט און די לאַגער־מענטשן זענען באַלייגט געוואָרן מיט אַ שוואַרצער מאַסע. אין אַ זייט איז געווען אַ הוילער וואַסער־קראַן, ווו אַ לאַנגע ריי מענער מיט פרויען האָבן זיך געשטופּט בכדי אויסצוואַשן זייערע שוואַרצע שמאַטעס — אין דער פאָרם פון העמדער און קליידלעך. וואַרטמאַן האָט נאָר וואָס געהאַט באַקענט מעכעלען און פאַר אים זיך הויך באַקלאָגט:

— אָט, ווען עס זאָל מעגלעך זיין צו באַקומען אַ קעסל, ווו מען זאָל דערוואַרעמען וואַסער און עמעץ זאָל איבערוואַשן די אַלע שמאַטעס... עס וואָלטן אפשר דערפון געווען ווינציקער קראַנקייטן און שטאַרבערייען...

אין דעם מאָמענט האָט זיך צו אים אַ וואָרף געטון די פרוי. אויף איר קערפּער האָט נאָכגעהאַנגען אַ שטיק ברודיק־גרינע שמאַטע, וואָס האָט נאָר צוגעדעקט אַ טייל פון איר מוראַדיק־ברייטן גוף. עס האָבן זיך אַרויסגעזען קוועליק־שוואַרצלעכע בריסטן, אַרום וועלכע עס האָבן זיך געצויגן גרויסע אָדערן ווי גרינע, אָנגעבלאָזענע פּיאַווקעס. די האָר אירע זענען זיך צעפאַלן איבערן גרין־צעאַקערטן, פאַרשטויבטן פּנים און פון אירע אויגן האָט אַרויסגעשריגן אַ מוראַדיק־הונגעריקער שגעון. איר גאַנצער, פעסלדיקער גוף האָט זיך איצט בלויז צוגעקייקלט צו וואַרטמאַנען, שנעל אַ צוים געטון זיך און אַרויסגערעוועט:

— א י ד !

נאָך מיט שעהען פריער האָט מעכעלע די דאָזיקע פרוי באַמערקט אַרומגיין צווישן די האַלב־אָפּגעדעקטע, געזונטע ייִנגל־גופים וואָס האָבן געשלעפט שווערע וועגעלעך צו די בלאָטעס. זי האָט אויף זיי תאווהדיק־בייז געקוקט, געשאָקלט מיט די ליפּן ווי אין קללהדיקן רוגז. דערנאָך האָט זי אַלעמאָל אויסגעשאָסן מיט אַ קראַנק געלעכטער צו זיך און צום וואַלד, אַ זאָג געטון עפּעס אומקלאָרס און ווידער זיך אָנגעברוגזט מיט די דיקע, געפּלאַצט־בלויע ליפּן.

עס איז קלאָר געווען אַז אין דער פרוי ברענט אַ באַהאַלטענער הונגער נאָך עפּעס. דאָס שוימט זיך אין איר אַזוי גאַוועדיק און אומריין — ווי אומריין עס זענען די שטיקער פאַרגרינטער גוף וואָס זעצן אַרויס צווישן איר׳ע שמאַטעס — און דאָס שלאָגט ביי איר אין קאָפּ, טרייבט זי אַרום איבער די בלאָטיקע געסלקעס פון לאַגער. זי קוקט אַריין יעדן צעוואָקסן־באַשטיוולטן מאַן אין די אויגן, כיכיקעט צעלאָזט, ווינקט, רופט און פאַר־גייט זיך אין אַ דערשטיקטן יאָמער ביים נישט באַמערקט ווערן.

איצט האָט זי, ווייזט אויס, אונטערגעהערט וואַרטמאַנס זאָג וועגן עמעצן וואָס זאָל דערוואַרעמען וואַסער און נעמען זיך צום אויסוואַשן די וועש. האָט זי זיך אַ וואָרף געטון, אַ געשריי געטון מיט אַ נערוון־טרייסל וואָס האָט נאָך מער אָנגעבלאָזן איר ברייט, רוי־צעפּלאַטשט פּנים:

— א י ך, הער־לעבן... א י ך וועל עס טון! כ׳וועל וואַשן א יי ע ר ע וועש און... דעם דאָזיקן ייִנגלעס... אַלע מ ע נ ע ר ס וועש וועל איך וואַשן! די מיידאַקעס זענען נישט חולה אַליין עס צו טון — שרפּענען זאָלן זיי נאָר, די אָפּגע...טע לאַלקעס!

פון איר מויל האָט געזעצט אַזאַ אומגעזעענער, קויטיקער פלאַם, וואָס האָט געיאָגט מיט פּחד און מיט אומרו. פון איר בליק האָט איצט אַרויסגעשריגן אַזאַ איבערגעטריבענע הכנעה, גלייך ווי זי וואָלט דאָ עפּעס ג ע ב ע ט ן אַן אומגעוועגלעכע טובה און נישט פאַרגעלייגט זיך פרייוויליק צו אַ שווערער, אומריינער אַרבעט. מעכעלע מיט וואַרט־מאַנען האָבן זיך אינסטינקטיוו צוריקגעצויגן. ביים אַרויסזאָגן אירע ווער־טער פון מויל האָט זי דאָס וואָרט מ ע נ ע ר י ש ע פאַרהאַלטן אומנאַטירלעך־לענגער אין מויל און עס אַרויסגעשטויסן פון זיך מיט אַ הייזעריקן כריפּ, וואָס האָט געוועקט עקל און רחמנות. דער אומריין־שכור־לעכער גלאַנץ פון אירע אויגן, דער אַזוי נישט־מענטשלעכער, חיהשער

באַגער האָט רוי און פראָסטלעך־אָפן  געמאָנט  און געבעטלט; דאָס בלויזע אַרויסרעדן יענץ וואָרט  האָט אַ רייץ געגעבן אירע תאווהדיקע ליפּן — ביז צום גאַנצן קערפּער מיט אַזאַ שרפהדיקן ווילן, וואָס פאַר־כליניעט זי ביז צום אויסוועגסלאָזן אויסלאָז. די אַלע שוידערן און צי־טערן, וואָס פאַלן אויף איר אַן צוליב די אַלע זעעכצער אָרום איר — בייטשן זי, טרייבן זי אַרום און שטויסן זי אָן רחמנות. זי זוכט ביי וואָס זיך אָפּצושטעלן, אין וואָס זיך אָנצוכאַפּן — און קען עס נישט. ווער זי באַלד זיך צוזאַמענגיסן מיט דער ווילדער כוואַליע אין איר. ביי אַזעלכער איז ווייזט אויס דער באַגער קיינמאָל נישט געווען געהילט אין שטילער שעמעוודיקייט. דאָס ווייזט אויך איר האַרבער לשון, וואָס איז געוועבט פון בלוטיק־סעקסועלן צאַפּל און רייסט זיך ביי איר פון דער קייט, היר־זשעט — ווי אַ קראַנק־הונגעריקער וואָס האָט קיינמאָל נישט אָפּגע־טרעטן פון פולע, גראָב־אָנגעגאָסענע שיסלען.

בלויז די אָנגעשוואָלענע טראַכטעניש אין איר האָבן געוווּסט, פאַר־וואָס זי האָט זיך דאָ איצט אַזוי אַ וואָרף געטון, ווי זי וואָלט דאָ געפונען עפּעס גרויס און  גליקלעכס  פאַר זיך. דערפאַר האָבן אירע אָנ־געפּלאַצטע ליפּן זיך ווייטיקדיק צעשפּרייט, חיהש־לוסטיק אַן אָטעם גע־טון מיט די צוגעזשאַווערטע ציין:

— ווי גאָט איז מיר ליב, הער־לעבן... כ׳וועל אַלץ טון אומזיסט... גאַנצע בערג מיט וועש פון די ייִנגלעך קען מען מיר ברענגען — און איך וועל זיי וואַשן... אויסוואַשן! ווי איר זעט מיך אַ לעבעדיקע!

אירע אברים האָבן איצט מאָמענטאַל נאָך מער אויפגעיערט, זיך גע־שליידערט פון די מאָסן זייערע אַרויס, איבערגעגאָסן זיך... גלייך ווי בייע פּעסער בלוט וואָלטן זיך אין זיי אַ ראַיע געטון. איר קורץ קליידל האָט זיך נאָך מער אַ צי געטון אַרויף און די קלאָציקע, דיקע פיס האָבן מיט זייער אָנגעבלויטקייט זיך מוסקולירט, געשטייפט. דורך די קלייד־לעכער האָבן די קויטיק־פליישלעכע אברים  צוגעענדיקט זייער גראָבן געשריי, וואָס האָט זיך איבערגעריסן אויף אירע פאַרתאווהטע ליפּן. די דיקע, אָנ־געצויגענע אָדערן האָבן זיך ברוגז־באַליידיקט געבלאָזן אויף די נאַקעטע הענט און פיס, און די שטייף־גרינע ווערעמלעך אויף אירע האַלב־אָפענע, נאָכגעלאָזטע בריסטן האָבן זיך בולטדיק געהויבן און געלאָפן אין דער

קרום, ווי באַליידיקטע דערויף, וואָס קיינער האָט פאַר זיי נישט קיין ציענדיקן גלעט.

אויף איר אָנגעדראָלן־צעבלאָזן פנים איז גאָרנישט געלעגן, אויסער וואַטעדיק־גרין פלייש, וואָס לאָקט גאָרנישט, ציט נישט און זאָגט גאָר־נישט צו. איר איינציק ברעקל חן, וואָס האָט זיך בעת איר שמייכלען באַ־האַלטן צווישן דער אויבערשטער ליפּ און איר גאָלדענעם צאָן — האָט זיך שעלמיש־פאַרגנבעט צעבליצט אויף אַ רגע. עס האָט אַ שיין געגעבן און באַלד פאַרשוווּנדן ווי אַ זון אונטער דעם בערגל כמאַרע־פלייש, וואָס האָט גרוי זיך אַראָפּגעלאָזט ביז צו דער דיק־צעקנאָטענער ליפּ...

נישט ווילנדיק האָט מעכעלע אַ טראַכט געטון, אַז אין דער פרוי מוזן ליגן גאַנצע נעסטן מיט גרינע ווערעם, גיריקע און לאַנגע וואָס פרעסן זי אויף און זעצן אַרויס דורך יעדן הייזעריקן וואָרט אירן. ער האָט אפי־לו רחמנות געקריגן און באַמיט זיך זיין עקל צו איר אָפּצושטויסן, דער־דריקן אין זיך. צוזאַמען מיט דעם עקלדיקן, נישט־שפּירבאַרן ריח האָט זיך אויך פון איר געטראָגן אַזאַ געזונטער, אויסגעהאָרעוועטער כח — וואָס וואָרט נאָר מען זאָל אים איינשפּאַנען אין עפּעס, צו וועלכן ער זאָל זיך סיי־ווי ציען...

אין מיטן דעם ריזיקן שטיק אומהיימלעכקייט, וואָס איר גוף האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט האָט זיך אויך געצויגן אַזאַ דינטשיקער שטראַל פון אירע מיט אָדערן־באַציגענע אויגן — וואָס האָט זיך ליכטיק אַ פאַר־בינד געגעבן מיט יענעם שיינעם ברעקל פון איר שמייכל אויף אַ סעקונ־דע. עס האָט דאָרט אַ פלאַם געטון אַזוינס, וואָס איז גרייט צו דינען און נוצן מענטשן. דער משוגענער אומרו אירער דאַרף זיך נאָר איינגראָבן אין עפּעס, זיך נאָר דאָרט אויסלאָדן — און די אַרבעט וועט ווי אַ פּיאַווקע אויסנאָגן ביי איר די צעחושטע, אומריינע בלוטן וואָס שפּארן אַרויס פון די פודיקע פלאַכטעס פלייש.

אַנדערש האָט נישט געקענט זיין: וואַרטמאַן האָט אָן צו טראַכטן מסכים געווען. זי האָט זיך שטילשווייגנדיק געלאָזט צופירן ביז צום גרויסן, שמוציקן פּאָס וואַסער אויפן הויף. זי האָט דערביי אויסגעזען ווי אַ פּאַרקויפטע שקלאַפין וואָס שרעקט זיך פאַר איר פּאַרקויפטן גורל און דאָך איז זי נאָך מער צופרידן וואָס אויף איר האָט זיך דאָך געפונען אַ בעלן צו באַצאָלן אַ פּרייז און אָוועקצוגעבן צייט אויף צו פירן זי,

ווייזן איר... אויך דאָס איז פאַר איר אַ צייכן פון  װ ע ר ט,  אַ באַווייז אַז זי קען נאָך געפינען  אויפמערקזאַמקייט — זאָל זיין אויף דעם משונהדיקסטן אופן. האָט זי מורא געהאַט אַרויסצורעדן אַ וואָרט און מיט שווייגנדיקן תענוג אויפגענומען די סעקונדן, וואָס צוויי מענער פירן זי, קוקן אויף איר און טראַכטן זיך זייערע טראַכטענישן איבער איר.

ווי נאָר זי איז צוגעקומען צום פאַס — האָט זי זיך אַ קלאַמער געטון אין זיינע ברודיקע ראַנדן מיט די הענט, גלייך ווי ער וואָלט געווען איר גאַנצער  גורל  און ווי נאָר מיט אים און דורך זיין טיפער אויסגעהוילטקייט קען זי זיך ווידער פאַרבונדן מיט מענטשן, זיין נאָענט צו זיי און אפילו קנייטשן אין די פינגער דאָס נאָענטסטע צו זייער הויט —

— 3 —

מער איז די יונגעראָווע נישט אָפּגעטרעטן. מען האָט איר געברענגט אַלערליי שמאַטעס פון קראַנקע און דערשאָסענע. עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין וועש פון די לאַגער־חשובים און זי האָט דערביי װוּנדער באַוויזן. ווי ביי דער ווונדערלעכער עבודה, האָט זי געקענט אָפּשטיין שעהען, רייבן די שמאַטעס, אויסקאָכן זיי און אויסהענגען זיי איבער די הילצערנע שטאַכעטלעך פון אַרום. פון אונטער אירע הענט האָבן גענומען אפויערקומען ריינע שטיקער העמד, וואָס זי האָט צוזאַמענגעלאָטעט און מיט אַ באַזונדערן פאַרגעניגן אונטערגעטראָגן צו יעדנס אויג. אָט, זאָל מען זען וואָס זי קען אַלץ באַווייזן! זי האָט די ערגסטע שמוצן אָפּגעריבן מיט אַש און זאַמד; מיט דעם קלעפּיקן שטאָף פון וועלכן לאַגער־בריהס האָבן געמייסטערט און עס צוגעקלעפּט מיט געוואַלד דעם שייגעם נאָמען פון זייף...

איז נישט געווען קיין עצה, ווי ביסלעכווייז אויפצושטעלן פאַר איר אַ באַזונדער באַראַקל. באַלד האָט שוין ווער געוואָרפן אַ געדאַנק וועגן אויפשטעלן דאָרט אַ ברייטע קיך און ברענגען אייזערנע קעסלען. די יונגעראָווע האָט שוין באַוויזן אַרייַנצודרינגען ביזן ווייסן הויז און פון דאָרט באַקומען זייערע וועש אויסצוואַשן. האָט מען טאַקע באַלד גענומען אייַנמויערן ריזיקע קעסלען אין דער יונגעראָוועס באַראַקל און עס איז אויסגעוואַקסן אַ קוימען מיט אַ װעשעריי פאַר די לאַגערניקעס. פאַקטיש האָט

מען אָבער דאָרט געוואַשן פאַר די לאַגער־באַפעלער און זייערע באַענטע. פון מאַגאַזין האָט מען גענומען טראָגן אַהין די פאַרשמוצטע שטיקער קליידונג פון די אומגעקומענע און די יונגעראָווע האָט זיי שוין באַנייט און גערייניקט. דערנאָך האָט מען זיי גענייט, איבערגעאַרבעט און געשיקט אין שטאָט אַריין צום פאַרקויף. זי האָט זיך אומעטום גענומען באַווייזן, אַריינשטעקן אויף יעדן אָרט איר חוש הריח און וויסן וואָס עס קומט נאָר פאָר אין לאַגער. פאַר אַלעמען האָט זי געהאַט באַזונדערע רייד און עצות. זי האָט שנעל גענומען איינמויערן אַ באַק־אויוון אין די ווענט פון די קעסלען און באַקן פאַרשידענע געבעקסן, פון וועלכע די ריחות האָבן פאַרכאַפּט דעם לאַגער. דאָס האָט זי געוויזן אַ וועג פאַר פעלאָס קרייז, ווי אַזוי מען קען לעבן נישט נאָר אויף ווייס ברויט. דערצו האָט זי גע־שאַפן פון ערגעץ אַ ווייס־געקאַכלטע וואַנע, וועלכע איז אָנגעגאָסן גע־וואָרן אין די שפּעטע נעכט מיט הייס וואַסער, ספּעציעל פאַר דער לאַגער־שליאַכטע.

זי האָט באַוויזן אויסצוקלערן אַלערליי מינים פאַרגעניגנס און באַ־קוועמלעכקייטן, פון וועלכע מען האָט נאָר געקענט געניסן. ווען זיי האָבן זיך פאַרבייגעצויגן דורך איר פינצטער ווינקל, האָבן זיך אַלע געמוזט בייגן פאַר איר, חנפענען... און זי האָט מיט איר לאָפּעטע־האַנט געקלאַפּט איבער ברייטע מענערישע פּלייצעס, געשכורט מיט זיי צוזאַמען און אַרויסגעברענגט פון זיך אַ לשון, פון וועלכן אפילו פעלא האָט זיך אַ רויטל געטון. אַלס געהילף פון די מויערער אין דער וועשעריי האָט גע־אַרבעט אַ געוועזענער פישער פון פעלאָס שטאָט, וועלכער האָט פאַרמאָגט גאָלדענע הענט צו אַלערליי אַרבעטן. האָט אים טאַקע די שרייענדיקע יונגעראָווע גענומען שטאָפּן מיט אירע פעטע געקעכצן, קיכעלעך און מיט איר צעיוירן־באַרגיקער לייב־וואַרעמקייט — ביז ער האָט שוין מער נישט געקענט אַוועק. טאַקע ער האָט צוזאַמענגעקלאַפּט אַ בעט און אַוועקגע־שטעלט אין דער אָנגערויכערטער וועשעריי אין וועלכער זיי האָבן איצט ביידע גענומען הערשן. אַהין זענען פאָליציי־יונגען געקראָכן אין די נעכט און געלאָזט מיט זיך מאַכן וואָס זי וויל נאָר אַליין. אַהין זענען אויך גע־לאָפן מיט בעטעניש די לאַגער־מיידלעך, וואָס האָבן עמעצן געוואָלט גע־פעלן ווערן און דערפאַר זיך געמוזט צוואָגן וואָס מער די לאַנגע האָר אין קאָכעדיק וואַסער... און דאָרט זענען אויך אָפּגעשלאָסן געוואָרן אַלע

משונהדיקסטע לאַגער־מסחרים, צווישן הויפנס מיט לייזיקע שמאַטעס.

עס איז שוין נישט מעגלעך געווען עפּעס וויכטיקס צו דערליידיקן — אַז זי מיט איר געליבטן זאָלן דערפון נישט וויסן. ביסלעכווייז האָט זי דאָרט אָפּגעזונדערט אַ ווינקל מיט אַ טישל און בעטל פאַר איר דירה — און זי האָט נאָר אַהין אַריינגעלאָזט די יעניקע וואָס האָבן געהאַט ביי איר אַ באַזונדערן חן. אפילו ווייזנבערג האָט זיך געמוזט ביי איר בעטן, זי זאָל אים זען צו באַהאַלטן ביי פאַרשידענע געלעגנהייטן פון פרעמדע אויגן. אין איר באַהאַלטענעם קלוב זענען אויך געוואָרן איינגייער די באַ־פעלער פון קראַנקנהויז, די דאָקטוירים, פּאָליציי... און זי האָט אַלעמען געשאָלטן מיט אירע לאַנגע, אַליין־געשאַפענע קללות און שטום געמאַכט מיט אירע אויפרייצעריש־סעקסועלע געפלאַטערן.

די וועשעריי — דאָס איז געוואָרן דער פּונקט וואָס האָט געצויגן, געדראָט און מיטגעריסן. און נישט איינמאָל האָט זי געמוזט אַרויסלויפן אין מיטן נאַכט מיט אַ זודיקן טאָפּ וואַסער און אָפּטרייבן אַ נייגעריק־געקרענקט מיידל, וואָס האָט דווקא געוואָלט זען, ווער עס איז דאָרט שטעקן געבליבן אויף אַ פּאָר ביינאַכטיקע שעהען.

— 4 —

מיט אַ באַזונדער פאַרדאַכט האָט זי גענומען נאָכקוקן יעדן איינעם וואָס האָט נאָר געוואָלט אַריינדרינגען אין איר דאָזיקן וועלטל אַריין. מיט דער צייט איז איר דערלויבט געוואָרן אַריינצונעמען נאָך צוויי־דריי געהילפינס, וואָס האָבן פאַר איר געמאַכט די שוואַרצע אַרבעט. זי אַליין איז געוואָרן קאָמענדאַנטין און באַפעלערין. זי האָט אָנגעפירט מיט אַלערליי באַהאַלטענע אונטערנעמונגען און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז זי האָט פון ערגעצוו געבערענגט מיט זיך זייער אַ סך פּראַקטישע ידיעות, וואָס קומען שטאַרק צונוץ אין ווערק צע. זי האָט אין איין אויגנבליק גע־ווּסט, וואָס עמעצער מיינט מיטן אַרומקוקן זיך איבער דער וועשעריי און וואָס יעדן מיידלס בליק זאָגט, ווען זי קומט אַריין צו איר. האָט מען פאַר איר מורא באַקומען. זי האָט געקענט פּאַטשן — אויב עס איז איר עפּעס נישט געפעלן און זי האָט טאַקע גענומען אין די הענט אַריין אַלע פעדעם, וואָס האָבן זיך גאָר סודותדיק געצויגן איבער די באַראַקן.

מעכעלע, וואָס האָט געמוזט פאַרלייגן זיין מאָלער־וואַרשטאַט אין אַ וועשעריי־ווינקל האָט שנעל געוווּנען איר ליבשאַפט. פונקט ווי זי איז געווען שלעכט און בייז אויף דער גאַנצער וועלט — האָט זי אויך גע־קענט צעגיסן זיך פון אַ משוגענער געטריישאַפט צו עמעצן, נישט וויסנ־דיק אַליין פאַרוואָס. ווען מעכעלע איז געוואָרן באַדעקט מיט שמוץ און קריכנדיקע באַשעפענישן — האָט זי אים עטלעכע מאָל פאַרנאַרט ביי־נאַכט אין דער וועשעריי, אַראָפּגעשלעפּט פון אים די שמאַטעס און אַריינ־געשטויסן אַ נאַקעטן אין דער קאָכעדיקער וואַנע. זי אַליין מיט אַ גע־הילפס־מיידל אירס האָבן אים געזייפט, געריבן און ערשט אַרויסגעלאָזט ווען ער איז געווען ריין און אָפּגעצוואָגן. דערביי זענען זיינע שמאַטעס באַלד אַריינגעשליידערט געוואָרן אין קעסל און ער האָט געמוזט אַריינ־קריכן אין ריינערע. צוליב דעם האָט מעכעלען מעכעלען אפילו אויפגעהערט ווי צו טון אירע נבול־פּה־רייד, מיט וועלכע זי האָט ליב געהאַט צו באַשיטן אים און אַלע וואָס זענען נאָר אַריינגעקומען. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אַט די דיקע, צעיושעטע מאַסע פלייש האָט אויך נאָך אַ תאווה: צו זיין אַמאָל אויך אַ מ אַ מ ע ... דאָס מעג זיין צו דערוואַקסענע, אָפּ־געלאָזענע — אַבי זי זאָל דערביי קענען אַרויסווייזן זאָרג און געטריי־שאַפט. דאָס האָט געקענט זיין מעכעלע און דאָס האָבן אויך געקענט זיין נאָך עטלעכע יינגלעך וואָס האָבן געאַרבעט אויפן הויף. זי איז גרייט גע־ווען פאַר זיי צו קאָכן, אַראָפּקראַצן דעם שמוץ פון זייערע לייבער און זיי צוהיטן, אַז זיי זאָלן נישט פאַרפוילט ווערן פון די ווערעם. ערשט ווען זיי זענען שוין געווען ריין און גאַנץ אָנגעטון — האָט זי געמוזט אויף זיי אָנפאַלן, שעלטן און באַוואַרפן מיט אירע תאוותדיקע רייד. אין דעם דאָ־זיקן ריזיקן גוף איז געלעגן באַהאַלטן אויך אַ סך גרייטקייט, אייביקער ווילן זיך אָפּצוגעבן פאַר עמעצן מיט האַרעוואַניע.

אַליין אַ געוועזענע „פּרוי" פון וואַרשעווער אונטערגעסלעך — האָט זי שפּעטער געהאַט אַ ריזיקן מאַן, וואָס האָט געלעבט פון כח און פון קוילן־טרעגעריי. טאַקע ער האָט אין איר איבערגעלאָזט דעם לעכץ צו גע־שלאָגענער הנאה, וואָס האָט זיך ביי איר אין ווערק צע אויסגעדריקט אי־נעם האָבן פאַרגעניגן פונעם האַרעווען פאַר עמעצן און אויסשפּייען די כוחות פאַר אַ צווייטן. אין דעם האָט זי געשפּירט אַזאַ מין הנאה, אַז אין מאָמענטן וואָס זי איז געשטאַנען ליידיק — האָט זי געמוזט לויפן אויס־

זוכן אַ שווערע משא בכדי צו קוויקן זיך אונטער דער לאַסט. טיילמאָל האָט זי אפילו דערלאַנגט אומגעריכט אַ שטויס איינעם פון די פּאָליציי־אישע אַריינקומער, בכדי צו כאַפּן אַ קלאַפּ צוריק און קענען פאַרגיין זיך אין אַ געשריי — וואָס זאָל פאַרכליניען איר גאַנצן לייב מיט יענעם שאַרפן טעם פון געזונטע יסורים, וועלכע האָבן זי אויך דערמאָנט אין די דאנעבנדיקע גלעטן פון שלעגערישע הענט.

דערביי האָט זי אויך שאַרף־אָנגעשפּיצט מיטגעלעבט אַלע לאַגער־פּאַרענישן, וועלכע זי האָט מיטגעהאָלפן מיט איר מויל צוזאַמענצוּשדכע־נען. פון איר צונג זענען כסדר אַראָפּגעפאַלן אַזעלכע שילדערונגען, וואָס האָבן זיך ווי גיפטיק־ווייכע שלאַנגען איינגעגעסן און אָנגעשטעקט מיט ווילדער דערוואַרטונג צום צונויפפלעכטן זיך. אומעטום האָט זי אָנגעע־שלאָגן, אויסגעקאָכט זיך און געוואָרעמט אַרום אַלע ווייס־הויזישע אויס־געלאַסנקייטן, געקוועטשט זיך אין מיטן פון אַלע קוזינקע־פּלאָנטערן פון לאַגער — און דערביי געקענט פּלוצים אַ כאַפּ טון אַ טאַפּ געקעכץ און אַוועקטראָגן צו די קראַנקע... און ווען זי האָט נאָר געקענט — האָט זי זיך פאַרגנבעט אונטערן העלבראָמער רבינס באַראַק, צוזען פון אַ געגנ־בעט באַהעלטעניש, ווי אַזוי ער פאַרוואַרפט דעם טלית איבער די אַקסל און שאָקלט זיך איבער אַ גרויסן סידור... אויך דאָ האָט זי געהאַט איר צעפּייניקטע הנאה, פון וועלכער זי איז דערנאָך צוריקגעקומען מיט אַ קראַנקן פלאַם אויף אירע ווייך־געוואָרענע בערגלעך פליש, וואָס האָבן אַראָפּגעהאָנגען פון די באַקן.

האָבן זיך אַרום איר געדרייט די אַלע מעכטיקע פון לאַגער און אפילו דער שלעגער בוגייסקי איז געווען אַ גליקלעכער, ווען די יונגעראָווע האָט אים געלאָזט דאָס ערשטע מאָל זיך אַוועקזעצן אַ לענגערע צייט אַרום איר טישל און דערביי אים דערלאַנגען אַ זעץ איבער זיין קליין, שמאָל פּליי־צעלע. אין יענעם טאָג האָט ער געפילט ווי ער איז אַריינגעקראָכן אין אַ מיוחסדיקער הויט, וואָס נאָר מענטשן פון ווייסן הויז קענען זיך דער־לויבן צו האָבן. און ווען ער האָט אַראָפּגעצויגן זיין קויטיק העמד צו וואַרפן אין דעם וואַש־קעסל — האָט ער זיך פאַר גרויס שמחה אַ וואָרף געטון צו איר און צעקושט זיך, ווי איינער וואָס וויל זיך אַליין גראַטולירן פאַר די אָפּגעהאַלטענע נצחונות.

— 5 —

קיינמאָל האָבן די קאָמענדע־לייט נישט געקלערט וועגן תכלית, וועגן דעם וואָס עס וועט זיין  מ אָ ר ג ן.  דערפאַר האָט מעכעלען איבערראַשט, ווען ער האָט באַמערקט ווי אַזוי די יונגעראָווע קנעט אין איר אָפּגעצוימטן ווינקל ריזיקע מולטערס  און באַהאַלט זיי פאַר אַ פרעמד אויג. דערנאָך האָט ער פון איר געהערט אַז דאָס באַקט זי גאַנצע נעכט פאַר די באַפעלער. זיי גרייטן זיך צו אויף אַ לאַנגן וועג  און  דערפאַר מאַכט זי פאַר זיי געשמאַקע סוכארעס אויף איר באַזונדערן אופן, וועלכע קענען האַלטן יאָרן. זיי האָבן איר צוגעזאָגט אַז אויך זי וועט קענען גיין מיט זיי, שותפות ווערן צו דעם זאַפּאַס שפּייז — אויב זי וועט באַווייזן וואָס מער אָנצוגרייטן און... שווייגן דערביי ווי אַ פיש.

אָבער שווייגן אין גאַנצן קען זי אויך נישט. זי דאַרף וויסן עפּעס אַזוינס, וואָס נאָר מעכעלע קען איר אויפקלערן. ער לייענט צייטונגען און דערפאַר מוז ער וויסן ווי עס האַלט מיט די פראָנטן. זי דאַרף עס אויסרעכענען צוליב אַ סך זאַכן.  אויך ווייזנבערג רופט אים עטלעכע מאָל אַוועק און פּרובירט דערגיין ביי אים, ווי אַזוי עס זעט אויס די מיליטערישע לאַגע. ער האָט שוין אויפגעהערט צו האָבן צוטרוי אפילו צום אינזשינער קורץ, וואָס האָט אים צוגעשטעלט די נייעסן. ער וויל נישט פאַרשפּעטיקן, ווייזנבערג! דערפאַר האָט ער גענומען אַרויסווייזן זיין נערוועזיטעט — און מיט אים צוזאַמען האָבן זיך גענומען אויפרעגן די אַנדערע לייט פון זיין משפּחה. זיי האָבן זעט אויס צוגעגרייט אַ  פּ ל אַ ן  פאַר זיך — אָבער זיי ווילן נישט פאַרלירן קיין איינציקע מינוט קאָמענדאַנטעריי, ביז זיי וועלן עס שוין  מ ו ז ן.  וואָס זיי האָבן אַזוינס באַקלערט איז שווער געווען צו וויסן — אָבער מען האָט געזען אַז זיי האָבן דערין אַריינגעצויגן אַ שפּאָרע צאָל לאַגער־מענטשן מיט קענטשאַפט. דאָס האָבן זיי געוואָלט שאַפן אַרום זיך אַ שיצנדיקע מויער פון קלוגע קעפּ און מענטשן מיט פּראַקטיק.

אין לאַגער זענען אפילו אַרומגעגאַנגען שטילע קלאַנגען, אַז דאָס האָבן זיי אָפּגעמאַכט מיט עטלעכע דייטשן מען זאָל זיי אויפרוימען, באַהאַלטן... און דערביי האָבן זיי אפילו באַקומען אַ גאַנצן מאַגאַזין מיט געווער. עס האָט געקאָסט אוצרות! נישט אומזיסט זיצט דאָ ווייזנבערג מיט

פּעלאַן, צוזאַמען מיט ראַגנערן און שכורן אַזויפיל, זינגען הויך זעלנערי־שע לידער און פאַרגייען זיך דערנאָך אין שטילע שמועסן, ווען דער עולם ווערט פאַריאָגט אין די באַראַקן... ע פּ ע ס אַ נייעס ווערט דערפון אַרויסקומען! זיי וועלן זיכער נישט אויסזיצן אין לאַגער — ביז דער גורל וועט פאַר אַלעמען אַרויסגעטראָגן ווערן.

האָבן זיך אַ סך זייטיקע גרופּקעלעך געגומען שושקען, באַשלאָסן נאָכצופאָרשן די קאָמענדע און ווען זיי וועלן טון דעם ערשטן, פאַרדעכ־טיקן באַוועג — וועט מען זיך נאָכציען, איינקלאַמערן אין זיי און זיי־ראַטעווען אויפן זעלבן אופן... אָבער די יונגעראָווע האָט צוריק אָנגע־נומען אַ מויל מיט וואַסער: זי ווייסט נישט! און עס איז געווען אַ וווּנ־דער, ווי אַזוי דער וועשעריי־קוימען רויכערט אַזויפיל אין די נעכט, מען טראָגט פון דאָרט גאַנצע פּלאַכטעס מיט געבעקס און קיינער טראָגט עס נישט אָפּ שולצען... און אויב מען דערציילט עס אים י אָ — פאַרוואָס־זשע מאַכט ער זיך נישט־זעענדיק?

עס איז קלאָר געוואָרן אַז דאָ האָבן זיי אויסגעוועבט אַ פּלאַן, וועל־כער ציט זיך גאָר־ווייט און מיט יעדן טאָג ווערט ער פאַר זיי נאָך זיכער־רער. ווער ווייסט. וו ע ר עס איז אַלץ אַ שותּף צו זייער זיכערער רע־טונג? אַט ווער עס וועט בלייבן! די איינציקע יידן פון פוילן, וואָס וועלן דערנאָך דאַרפן דערציילן וואָס דאָ איז פאָרגעקומען — וועלן זיין די קאָ־מענדע־לייט!

אָבער די מאַי־טעג האָבן זיך אַזוי צעיאַכמערט, צעשאָטן זיך מיט גאָלד — אַז עס איז גלייכער זיך מיט זיי אָפּצוגעבן, איידער מיט די פּוסטע טראַכטענישן. ווי אויף צולהכעיס איז אַלץ אַרום רויִקער גע־וואָרן. אפילו שולצע, וועמענס אויגן עס האָבן לעצטנס געהאַלטן אין איין אַרויסשרויפן זיך פון די לעכער — איז פּלוצים געזעצטער געוואָרן, שמייכלענדיקער און רויִקער. ער איז געקומען אין לאַגער אַריין און אַרויסגענומען אַ פּאָר מענטשן אין וואַלד אַריין. דאָס וויל ער גאָר געפי־נען די ערשטע רויטע יאַגדעס און שוואָמען... זאָל עפּעס אַ נייע זיכערקייט האָבן באַפאַלן די דייטשן? אָדער דאָס שפּילן זיי די ראָל, בכדי מען זאָל אין זיי נישט דערקענען די פּאַניק? ווילן זיי אפשר ספּעציעל פאַרבלענדן די אויגן פון די יידן, אַז זיי זאָלן זיך ביז דער לעצטער מינוט נישט אָר־יענטירן וואָס עס גייט זיי פאָר?

ווערק צע האָט אַ סך שאלות צו פרעגן און האָט קיין איין אָרט נישט, ווו דעם ענטפער צו באַקומען. דערפאַר שטעלט מען אומעטום אָן די אויגן און מען זעט... און דערפאַר טאַקע האָט שוין ווער באַמערקט, ווי אַזוי שול־צע האָט געטרונקען מיט ווייזנבערגן און פעלאַן ביי זיך אין שטוב... עס איז שוין געווען שפעט ביינאַכט — און זיי האָבן זיך געדריקט פעסט די הענט, ווי ביים אָפשליסן אַ גאַר־וויכטיקע טראַנזאַקציע... דערנאָך האָט מען געברענגט פון דער יונגערעווע אַ ריזיקן, הייסן קוכן — געבאַקן אויף פוטער, אייער און צוקער... אַלע האָבן דערפון געשניטן גרויסע שטיקער, פאַרביסן און ווייטער געטרונקען... ווידער זיך געדריקט די הענט און זיך עפּעס געווונטשן צוזאַמען מיט פאַרשניאָשקעטע קולות...

האָט מען דאָס אין זינען דעם גאַנצן לאַגער? אָדער קלערט מען דאָרט, ווי אַזוי צו ראַטעווען די בלויזע, אייגענע הויט? די פעדעם האָבן געצויגן ביז צו דער וועשעריי. אָבער די יונגערעווע האָט נאָר געוווסט, אַז די הענט טוען איר שוין וויי פון קנעטן און באַקן האַלב־פודיקע קוכנס. ווייטער ווייסט זי נישט...

און ביים אַרומקריכן מיט שולצען אין וואַלד, נאָך דעם ווי דער וואַכ־פירער האָט געהאַלטן אין איין אַרומיאָגן די פּאָר יידן איבערן שטח פון וואַלד — ביז צו די בונקערס פון דער אַרמיי, וואָס האָט דאָרט איינגע־מויערט אירע שיס־כלים — האָט ער זיך פלוצים אָפגעשטעלט און שאַרף אָנגעקוקט זיינע יידן. ער האָט זיך אויך אין מעכעלען איינגעגעסן מיטן בליק, עפּעס געוואָלט פון דאָרט אַרויספאָרשן און דערנאָך זיך משונהדיק צעלאַכט:

— איר זעט דעם וואַלד? וווּנדערבאַר! איר האָט דאָ איצט זומער־וווינונג... טייערע לופט און געטרייע קאָמענדאַנטן... דערביי שטייען עט־לעכע דיוויזיעס און היטן אייך אָפּ — די באָלשעוויקעס זאָלן זיך צו אייך נישט אַריינרייסן... כאַ־כאַ־כאַ!

ווען די ייִנגלעך זענען שטיין געבליבן דערשראָקן, איז אויך דער שכורער שולצע צוריק ערנסט געוואָרן:

— אָבער שרעקט אייך נישט... קיין ענדערונג איז דערווייל נישט פאָרגעקומען. מען ווייסט נאָך גאָרנישט... איר הערט? ג אָ ר נ י ש ט! און איך וועל זיכער וויסן דער ערשטער... זייט זיכער אין דעם!

גלייך ווי אין זיין וויסן דערפון דער ערשטער וואָלט געווען אַ גרויסע טרייסט...

# קאַפּיטל צווייאוןדרייסיק

— 1 —

אַ מאָדנער מענטש געווען, דער ציגישער אינזשינער קורץ פון מעכעלעס באַראַק. קיינער האָט פּאַקטיש נישט געקענט וויסן וואָס ער איז געווען פריער און ווי אַזוי ער האָט געמאַכט זיין ווייטן וועג ביז צום ווערק צע. געווען אַזעלכע וואָס האָבן אים געקענט פון אָפּגעריסענע שטיקלעך לעבן זיינעם, אָבער זיין גאַנצן צוזאַמענשטעל האָט ער פיינט געהאַט צו שילדערן. ערשט אין אָנבליק פון די סוף־טעג האָט זיך אים צעעפנט דאָס מויל און ער האָט מעכעלען געגומען דערציילן די געשיכטע פון זיין לאַנגן ציניזם און גלייכגילטיקייט.

פּאַקטיש איז ער געבוירן געוואָרן אויף צו זיין אַ צולהכעיס עמעצן. דאָס איז געוואָרן זיין נ אַ ט ו ר און זיין אינהאַלט. אַ געבוירענער אין אַ גאַליציאַנער קליינעם שטעטל האָט ער שוין קליינערהייט זיך ספּעציאַליזירט אָפּצוטון שפּיצלעך, להכעיסן און פאַרדרייטע שטיק. דאָס האָט ער באַוויזן אין חדר און דערנאָך אין קלויז. אין יענע ערטער האָט ער געלערנט תורה דאַן, ווען מען האָט עס שוין פון אים נישט דערוואַרט. ער האָט נישט געקענט שלום מאַכן דערמיט וואָס א י ם באַטראַכט מען שוין ווי אַ נאַטירלעך שאָדן־ווינקל און בייזע צונג — האָט ער זיך אַלעמען צולהכעיס גענומען צום לערנען... און ווען אַלע האָבן שוין שלום געמאַכט דערמיט אַז ער האָט זיך געמענטשלט — האָט ער זיך אָפּגעקערט דערפון מיט אַ ווידערגעפיל, אָנגעהויבן לייענען דייטשע ליטעראַטור און גאָר געחזרט געטען מיט היינען אויסנווייניק...

ווען דער פאָטער האָט באַשלאָסן אַז עס איז שוין צייט פאַר אַ בחור פון זיבעצן יאָר צו קלערן תכלית — האָט ער אים אָנגעהויבן אַוועקשלעפּן פון קנעלן און אַריינציען אין ווייך־מסחר אַריין. די גזירה צובלייבן אין אַ געשעפט פון קליינעם קשאַנאָוו האָט אים אויפסנייי צערו־

דערט און ער איז דווקא אַוועק אין דער וועלט אַריין גלייך פון קלויז. אָבער פאַר דעם 17־יעריקן קלויזניק האָט שוין די וועלט אָנגעהויבן ענג ווערן. דערביי האָט דער בייזער להכעיסניק אין אים נישט געלאָזט איינ־רוען, געצווונגען אים צו כסדרדיקע קידער־ווידערן. האָט ער געהונגערט בשותפות מיט נאָך באַהעמען אין פּראָג, געוואַלגערט זיך אין ווין, פּאַ־ריז, בערלין.

אָנגעהויבן האָט זיך עס מיט שטודירן כעמיע... פאַרוואָס גראָד כ ע מ י ע ? ער האָט עס אַליין נישט געוווּסט. נאָר עפּעס פון אַ להכעיס איז אויך דאָס געווען. ער האָט נאָך געוואָלט אַמאָל איבערראַשן און צוריקקומען אין זיין שטעטל ווו מען האָט אים שוין געהאַלטן פאַר אַ פאַרלוירענעם. געקלערט האָט ער זיך טאַקע צו נעמען צום טאַטנס מסחרים מיט ווייִן — און דערצו קענען אַ ריי כעמישע פאָרמולן נישט פאַרשאַטן. מען קען מיט זיי אַ מיש טון אין די פעסער.

אָבער אין מיטן האָט ער עס אָפּגעשטעלט, געלאָזט זיך בעסער וואנ־דערן מיט טשעכישער באַהעמע און אַנהייב־שריפטשטעלער איבער בערג און טאָלן, נעכטיקן אונטער בריקן און אַנדערע אויסטערלישקייטן. טאַקע צוליב דעם האָט ער זיך אַ וואָרף געטון אין אומלעגאַלער פּאַרטיי־אַר־בעט. דאָס אַליין איז אויך געווען ביי אים נ ו י ג ו נ ג מער ווי איבער־ציייגונג. ער איז צוגעטרעטן צו אַ פּאַרטיי וואָס איז ק ע ג ן, וואָס איז נישט צופרידן... דערנאָך וועט מען ווייטער זען! וואָס ק ע ג ן — דאָס הייסט אויך טון פ אַ ר ק ע ר ט ... דערפון ווערט היימלעך, פון דעם ווערט מען אַנדערש און באַזונדער — איז עס פאַר אים ווי אָפּגעמאָסטן!

די אַרבעט ביי אומלעגאַלער אַנטי־מלחמה־פּרעסע און קאָמוניסטי־שער ליטעראַטור פאַרשלינגט אינגאַנצן דעם זודיקן קזשאנאָווער בחור. גגבעט ער גרענעצן, פירט פעקלעך פּאַפּיר פון איין אָרט צום צווייטן, שרייבט, אַגיטירט און פּאַלט אַריין. דערנאָך קריכט ער ווידער אַרויס און געוווינט זיך שוין צום לעבן אונטער דער ערד. ס׳איז שוין ביי אים גע־וואָרן ש פּ י ל, געוווינשאַפט — אָן וועלכער ער קען נישט אויס־קומען. צוליב דעם האָט ער זיך אַליין צוערשט גענומען הייס אַ ג י ־ ט י ר ן, איבערצייגן אין דער וויכטיקייט פון דער אַרבעט זיינער...

טעטי... איז ער געווען צווישן ד יי ט ש ע אַרבעטער, געלערנט זיי מאַרקסיזם און געוויזן זיי די ערשטע טריט צו דער וועלט־רעוואָלוציע

— און זיי האָבן געהערט, זיך איינגעהערט... דערנאָך האָט ער מיטגע־שריגן הורא אין בייערן, געלאָפן ווייטער ווען קורט אייזנערס רעוואָלוציע איז געשטאָרבן און אַריינגעפאַלן אין שלעזיען. דאָרט איז ער געוואָרן אַ פשוטער קוילן־גרעבער בכדי זיך אויסצומישן מיט אַרבעטער, אָטעמען מיט זייער אייגענעם אָטעם־שטויב און פאַרשטיין וואָס מען קען טראַכטן דערביי. דאָ האָט ער געקריגן אַ ריזיקע קאָנטשאַפט מיט די דייטשע און פוילישע קוילנגרעבער.

דאָס אויפגעוועקטע פוילן לאָזט אים צוערשט זיך אויסלאָדן. איז ער צוריק אין זיין פאַרטיי. ער קאַנדידירט אפילו צום פוילישן סיים און פאָרט אַרום האַלטן ראַדיקאַלע וואַל־רעדעס. עס דוכט זיך אים אַז דאָ וועט ער קענען אַרומרודערן מיט זיין צולהכעיסדיקייט. דאָס גיט זיך אים אויך איין אין דעם ערשטן יאָרצענדליק, אין וועלכן ער וואַנדערט אויס אַ וועלט, לערנט זיך און האַלט לעקציעס איבער קרוין־פוילן.

באַלד אָבער ווערט פאַר אים באַשטימט אַ בעסער אָרט, ווו זיין ברוזיקע נאַטור דאַרף אַביסל געצוימט ווערן. פוילישע תפיסות און פוילישע אויספאָרשער ווייסן די בעסטע מעטאָדן דערצו. צווישן איין תפיסה און דער צווייטער באַקענט ער זיך גאַנץ נאָענט מיט דער מלאכה פון גיסן קאָכעדיק וואַסער דורך די נאָזלעכער אָדער הענגען מיטן קאָפּ אַראָפּ און די פיס אַרויף. דאָס האָט אים די פוילישע געהיים־פּאָליציי געוויזן, צוליב וואָס מען האָט געוואָלט פרייהייט און זעלבסטשטענדיקייט פאַר פוילן.

פון דאָרט איז ער אַרויס מיד און צעבראָכן, מיט אונטערגעהאַקטע אברים. האָט ער געזוכט קליינמענטשלדיקע רו אין חתונה האָבן, אין אַ געעפנט אַפטייקל... דערצו האָט די פרוי אויף זיך גענומען די גאַנצע מי ביי די רפואה־פלעשלעך און ער האָט זיך אָפּגעשלאָסן אויף גאַנצע טעג און נעכט אין אַ בוידעם־שטיבל. וואָס אַן אמת האָט ער מער נישט געוואָלט קומען אין באַרירונג מיט די פוילישע שטעקנס. קיין כח מער נישט געהאַט זיי אויסצוהאַלטן... דאָס איז שוין אויסער יעדער קאַטאָוועס און אידעאָלאָגישע שקאָצעריי! איז ער געזעסן, ווי אין די קלויז־יאָרן, ביי אַ ליכטל; וואָכן גאַנצע גערויכערט, פאַרביסן מיט אַ קלעצל צוקער און געלייענט...

וואָס עס איז נאָר מעגלעך געווען צו באַקומען פון דער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור האָט ער דאַן אַדורכגעלייענט — פון דער

ערשטער ביז דער לעצטער שמה און באמת זיך דאָס געלייענטע איינצו־קריצן אין זכרון. דאָס געלייענטע וויל אָבער נישט פאַרבלייבן אין אַן ענגן מח־ווינקל. לייוויק רייסט זיך איבער אַ שטיק מחשבה מיט טשאַפּעקן און ביאַליק פאַרפירט אַ ביטערן, אומגלייכן קאַמף מיט געטען — דאַן ווען יענע האָבן זיך שוין לאַנג איינגעבירגערט אין גדאַנק אַריין.

ער איז שוין דאַן געווען איבער די פערציק. עס איז שווער געווען זיך אָפּצוזאָגן פון אַלטן וועג. האָט ער געוואָלט צוהאַלטן אין זיך דאָס אַלץ, פאַר וועלכן ער האָט אָפּגעגעבן אַזויפיל יאָרן. איז אָבער געקומען דאָס אַלט־נייע אין וועלכן ער האָט אָנגעהויבן אַריינבליקן אויס לייכטן נייגער און עס האָט געגומען בויערן, פאָדערן און דעראָבערן איין מחשבה־קע־מערל נאָכן צווייטן. האָט ער זיך ווידער געלאָזט מיטן זעלבן מין נייגער אין דער יידישער סביבה אַריין. צוערשט איז עס אפילו געווען מיט אַ באַ־שטימטער דעה, זיין אייביקער גדאַנק פון זאָגן פאַרקערט, פון לאָזן זיך צו יענע אויפווייזן אַז זיי לעבן נישט, ווייסן נישט, טויגן נישט... מיט־רייסן האָט ער זיי געוואָלט, איבערצייגן...

שפּעטער־צו האָט ער דערשפּירט אַ געוויסע מוראָ: ווען ער אַליין נישט אַמאָל מיטגעריסן ווערן? באַלד אָבער האָט די מוראָ פאַרלוירן איר שרעקלעך פּנים און ער האָט שוין געלאָזטביידע כוחות גלייכגילטיק אויסשפּילן זייער שפּיל פון פ אַ ר מ ע ס ט ן ז י ך... ווי אַ צושויער ביי אַ פרעמדן געראַנגל איז ער בלויז נ יי ג ע ר י ק געוואָרן: ווער פון זיי וועט אַרויס שטאַרקער, זיגן? א יי ן זייט אין אים האָט אָנגע־שטעלט גרויסע פּחד־אויגן בשעת ער אַליין האָט געברומט — נישט־וויסנדיק אַליין פון גאַר — עפּעס אַ העברעאישע מעלאָדיע. ער האָט נאָך געוואָלט זיין י ע נ ע ר, דער פריערדיקער און געפּרווט זיך אַליין אויסמוסרן:

— וועסט נאָך ווערן אַ נאַציאָנאַלער ייד מיט די ביינער!

נאָר ער האָט שוין געהערט א י ן זיך אַ צווייטע דרייסט־הילכי־קע שטים: ה ל וו א י !...

ביז זיין אייגענער, יחידיש־אינערלעכער געראַנגל מיט זיך און זיין אַסימילירטער פרוי האָט אים געלאָזט שטיין אין מיטן דעם גרויסן פאַר־מעסט צווישן פעלקער און וועלטן.

— 2 —

אין די לאַגער־אָוונטן, ווען אפילו קורץ איז שוין מיד געוואָרן פון פּאָליטיקירן, איז ער געזעסן מיט מעכעלען און געטראַכט פון יענער ווייטער פאַרגאַנגענהייט זיינער. ער האָט זיך צוליב עפּעס גענומען פּאראַפראזירן ביאַליקן:

אונטערן די גרינינקע ביימעלעך
ג ע ש פּ י ל ט האָבן זיך משהלעך, שלמהלעך...

און ביידע אויפאַמאָל האָבן זיך אין עפּעס דערמאָנט. מעכעלע האָט זיך דערמאָנט אין די לעצטע משהלעך און שלמהלעך פון שכנים, פון גלאַט יידן, וואָס זענען געלעגן מיט אָפענע קעפּלעך אויף די זעלבע ברוד־געסלעך, וו זיי האָבן זיך אַמאָל געשפּילט... און יאָקל קורצן איז געקומען אויפן זינען זיינס אַן אייגן משהלע, וואָס וועט שוין מער נישט קוקן אויפן סטאַשעווער הימל מיט די וואַטענע וואָלקנדלעך דורך זיינע כשרע יידישע אייגעלעך... ווי לאַנג איז עס דען אַז ער איז פון וואַרשע אַנטלאָפן מיטן ווייב און ייִנגעלע קיין סטאַשעוו? דאָ האָט ער זיך געוואָלט באַהאַלטן פאַרן דייטשן צאָרן — און ז יי האָבן געוווּסט די אַדרעסן פון מינדסטן יידישן שטעטל... און געזוכט האָבן זיי אַלע שטילע פרויען און אַלע משהלעך מיט אָנגעצונדן־בלויע פלעמעלעך אין מח...

און אין מיטן פאַרחלומטן פאַרציען זיך איז ער אויפגעשפּרונגען:

— הערסטו, מעכעלע! קיינעם דאַרף איך נישט אויספּאַטשן אַזוי שטאַרק ווי זיך אַליין... און די האָר מיינע זעסטו? ז יי דאַרף איך איינציקווייז אויסרייסן... צי ווייסטו כאָטש פאַר וו ע מ ע ן און צוליב וועמען זיי זענען גרוי געוואָרן?

אַ מינוט שווייגן האָט אים געביסן אין האַלדז ביז אויסצושרייען:

— צוליב זיי האָט מיין יעדעס ווינקל אין פּנים קנייטשן! צוליב די דאָזיקע דייטשע בעסטיעס איז יעדע האָר אין מיין קאָפּ גרוי געוואָרן! כ׳האָב פאַר ז יי געוואָלט אויסבעסערן די וועלט פון בערלין און ווין... און איצט זענען מיר די אייגענע האָר פ ר ע מ ד געוואָרן, נמאָס!

מעכעלע זעט דאָס ערשטע מאָל דעם ביטערן לץ אין אַזאַ שטימונג — לאָזט ער לויפן יענעמס רייד אָן איבעררייס. ביי קורצן האָט זיך שוין געמישט אין געדאַנק. פאַרשידענע מחשבות האָבן דאָרט געוואָלט פאַר־

האַלטן איינעם, אַ דרייסטן געדאַנק וואָס האָט זיך געזוכט צוזורייסן ביז צו די ליפּן, ביז ער האָט אַרויסגעפּלאַצט:

— וויסטו וואָס כ׳וועל דיר זאָגן? אַ קורצן סך הכל פון אַ לאַנג לעבן: מיר זענען אַליין און אין גאַנצן פרעמדע! פרעמד פאַר יענעם און פרעמד פאַר זיך. מיר ווילן יעדן איינעם הערן אויסער זיך אַליין און י ע־נ ע ם קען מען נישט דערהערן א י נ ג א נ צ ן. עפּעס ווערט פון דיר אויסבאַהאַלטן — בלייבסטו פאַר א י ם פרעמד... נישט הערנדיק זיך אַליין — ביזטו אויך נ י ש ט ד ו, ווייל אויך דיך קענסטו נישט. בלייבט אויך דיין פרוי נישט דיינע און דאָס קינד נישט דיינס... כ׳האָב קיינמאָל אין דעם נישט געוואָלט גלויבן, ביז עס איז נישט געקומען די ערשטע־בעסטע האַנט און צעשמעטערט מיין קינדס לעבן אויפן ברוק... און האָט אַוועקגעפירט מיין פרוי וואוהין זי, די האַנט, האָט געוואָלט... און איך? וואָס האָבן זיי דען מיט מיר געמאַכט? איך גיי דאָ אַרום און מיר דוכט זיך אַלץ אַז דאָס מייסטערוועון די פאַבריק יענע זעלבע דייטשן מיט וועלכע כ׳האָב אַמאָל זיך געגרייט צוזאַמען איבערצוקערן די וועלט... דאָס איז בלויז דערפאַר, ווייל מיר האָבן ז י ך א ל יי ן נישט געענו־מען אין די הענט אַריין — האָבן זיי אונדז גענומען... מן ההפקר!

אַ ווײַלע האָט ער אַריינגעשוויגן אין באַראַק־פענצטערל אַריין. מע־כעלע האָט אים געהאָלפן שווייגן. ס׳איז קיינער נישט געווען אין באַראַק מער. דערפאַר איז אויך קורצס אָפּגעהאַקטע פראַגע הענגען געבליבן אין דער ליידיקייט:

— זעסט? כ׳בין שוין אַ פּופּציקער באַלד... וואָס קען איך דען נאָך מאַכן? זאָל איך טאַקע נאָר לעבן צוליב דעם, אַז די ציפער זאָל זיך יעדעס יאָר ענדערן ביי מיר?

די ביימער אין דרויסן האָבן צעשפּרייט זייערע צווייגן־הענט, ווי זיי וואָלטן געזוכט אין אַלע זייטן די תשובה און נישט געהאַט וואָס צו געפינען...

— 3 —

קורץ האָט גענומען נ ק מ ה אויף זיין שטייגער: ער האָט פּ אָ־ל י ט י ק י ר ט. פון אונטער דער ערד האָט ער געפּאָרשט די לאַגע פון

פראַנט, געגישטערט אין יעדן באַהאַלטענער שורה פון באַרג ציַיטונגען און געווען דער פאַראוי־סלויפער מיט זיין מויל פאַר אַלע דייַטשע מפלות. ער האָט יעדן טאָג געמוזט האָבן די דייַטשע און פוילישע פרעסע און פון איר אַרויסגעצויגן דאָס חיות. ער האָט געבערענט דײַטשע דיוויזיעס, זיי געלאָזט פרירן, אויסגיין אין נאַקעטן פראָסט... דערביי האָט ער צוזאַ־מענגעשטעלט ריזיק־לאַנגע דערציילונגען וועגן די פייגען פון די דייַטשע תיילות. דאָס האָט ער עטלעכע מאָל איבערדערציילט מיט אַזויפיל לעבן — ביז ער אַליין האָט אין דעם געגלויבט. ערשט דערנאָך האָט ער זיך צעפייערט, געדונערט:

— אַהאַ! איצט וועלן זיי וויסן דעם טעם!

און שעהען גאַנצע האָט ער געקענט זיצן און שילדערן ווי אַזוי אַ כלה פון קאַסעל באַוויינט אירס אַ געליבטן וואָס איז געפאַלן... און ווי אַזוי אַן ס. ס.־מאַן האָט געחלשט הינטער ווארשע, ווען זיינע עלטערן מיט פיר שוועסטערן זענען צעריסן געוואָרן פון באָמבעס אין קעלן ביים ריין.

דאָס זענען געוואָרן פאַר אים אַזעלכע רעאַלע בילדער, וואָס האָבן פאַר אים אַוועקגעשטעלט אין שאָטן דאָס גאַנצע נאָענטע לעבן פון ווערק צע... און טאָמער האָט ער דערשנאַפּט עפּעס אַ ידיעה אויף וועלכער ער האָט געהאַט ב פ י ר ו ש ע באַווייזן — איז ער אַרומגעקראָכן פון איין פריטשע צו דער צווייטער, געשלעפּט באַקאַנטע סקעלעטן פון די פאַרשימלטע ברעטער:

— העי, וואָס פּאָפּסטו!? אַ רעוואָלוציע אין טשעכן! היידריך איז דערהרגעט געוואָרן...

ער האָט געהאַט נאָך אַ שטייגער פון זיין באַזונדערער סאָרט נקמה: ל אַ כ ן , טרייבן לצנות. אין מיטן די שווערסטע מינוטן האָט ער גע־ריסן לעבעדיקע שטיקער מיט דער צונג, געוואָלט דווקא טרויעריק־פריי־לעך מאַכן. דאָס איז געווען אַ באַזונדערער מין מ ב ט ל מאַכן די ווירקלעכקייט. דאָ ווו מען לצעוועט — איז נאָך נישט אַמערגסטן, מוז נאָך גליען אַ נישט־דערלאָשענע האָפענונג אונטער דער גאַנצער רעזיג־נאַציע. ער האָט עס געמאַכט מיט זיין נאַטירלעכן סקעפּטיציזם, וואָס האָט געקענט פ אַ ר ל יי ק ע נ ע ן, צווייפלען אפילו אין דער אויס־וועגסלאָזיקייט. בלויז נאָכן איבערקנייטשן אַן אַלט בלעטל צום וויפלטן

מאָל האָט ער פאַרלוירן זיין איראָנישע נטיה און זיך אָנגעגאָסן מיט גלוי־ביק־ערנסטן געדולד. צום ווייפלטן מאָל האָט ער געקענט נעמען פאַרלייע־גען דאָס נייעס פאַר אַ פּריש־צוגעקומענעם און נייגעריקן... און ס׳איז נישט געווען צום פאַרשטיין, וואָהין ער האָט דאַן פאַרשטעקט זיין נער־וועזע אומגעדולד. ער איז אויך נישט מיד געוואָרן איבערצוחזרן פאַר יעדן:

— שוין נישט לאַנג... איר ז ע ט דאָך אַז עס איז שוין נישט אויף לאַנג... אַז א י ך זאָג אייך — מעגט איר גלויבן...

און א י ם האָט מען געגלויבט.

די דאָזיקע נטיה זיינע האָט אים אין גאַנצן פאַרכאַפּט. צוליב איר איז ער אפילו געווען גרייט אויף סכנות. איז ער אויך נישט געווען גע־נוג פאַרזיכטיק מיטן באַרג צייטונגען, וואָס האָבן ביי אים אָנגעשטאָפּט אַלע טאַשן. האָט זיך טאָקע דאָס קעפּל פון אַזאַ צייטונג אַמאָל אַרויס־געריקט נייגעריק, אַ שמעק צו טון וואָס עס טוט זיך אויף דער וועלט. דאָס האָט גראָד דערזען דער שכורער וואַכפירער. ער איז אים באַלד נישט געפעלן, אָט דער ייד מיט דער שאַרפער נאָז און דעם פילאָזאָפישן פנים! און דאָ זעט ער ווי אַזוי אַ צייטונג שטעקט אַרויס אין דער קרום פון זיין טאַש, ווי אין ספק: יאָ אַרויספאַלן, אָדער נישט אַרויספאַלן?

האָט ער זיך צעברילט, שולצע מיטן גאַנצן כח:

— וואָס פאַר אַ פּאָליטיק פירט מען עס דאָ אין לאַגער, וואָס!?

אַ גענויע רעוויזיע אין קורצס טאַש־לאַבירינטן האָט אַנטדעקט אַ גאַנצן אוצר — אַ קאָלעקציע צייטונגען פון אַ פּאָר וואָכן צוריק ביז דער לעצטער. איז דעם שכור שוין אויך באַפאַלן אַזאַ מין אויפגערעגטער ניי־גער: אויף וואָס דאַרף ער דאָס אַלץ? געהיימע פּאָליטיק? שפּיאָנאַזש? אָבער די קאַלטע, שטאָלערנע אויגן פונעם ייד האָבן אויף אים געקוקט גלייך און זיכער:

— טואַלעט־פּאַפּיר, הערן וואַכפירער!

עס האָט געדאַרפט הייסן, אַז דאָס האַלט ער ספּעציעל אַזויפיל פּאַ־פּיר, ווייל ער וויל מהנה זיין דעם גאַנצן לאַגער מיטן גלאַטן אשר־יצר... גראָד שולצע האָט געהאַט אַ ספּעציעלע פאַרשטענדעניש פאַר פאַרשי־דענע מאַניעס. אַ מענטש מיט עפּעס אַ משוגעת אין קאָפּ איז פאַר אים געווען גאָר ליב — האָט ער בלויז נישט געקענט פאַרשטיין, ווי אַזוי איין

ציַיטונג קען זײַן פון דער נעכטיקער דאַטע... אפשר טרײַבט ער ד אָ ך פּאָליטיק, דער „שלויער יודע״?

די קאַלטע אויגן פון דעם מאָדנעם ייִד, וואָס קען קוקן אַ דײַטש גלײַך אין די אויגן אַרײַן, קראַצן אים אין פּרצוף אַרײַן — ענטפערן אים אָבער מיט אַ רואיקער זיכערקייט:

— איך קען נישט לייענען קיין דײַטש... און אויף דאַטומס פאַרשטיי איך זיך נישט, הערן וואַכפירער...

איז ער בלויז אָפּגעקומען מיט עטלעכע לײַכטע קלעפּ פאַרן „פרעכן בליקן״ און באַלד פון הינטער יענעמס הענט איז ער אַרײַנגעפאַלן אין אַ נאָענטן באַראַק אַרײַן און אַרויסגעפלאַצט ביים ערשטן בעטל:

— דו! איטאַליען האָט קאַפּיטולירט!... שלאָפסטו גאָר?...

— 4 —

אַ מענטש וואָס לצעוועט צולהכעיס עמעצן, עסט ווי אויף צולהכעיס און פּאָליטיקעוועט ווי אָפּצוטון דער גאַנצער וועלט — האָט ער זיך פאַר מעכלעלען אויך מודה געווען:

— דער גאַנצער קאַמף פאַר זײַן לעבן איז ביי אים נאָר אַזאַ שפּיל פון דערווידערן די דײַטשן! וואָס הייסט? ז יי האָבן זיך אָפּגעפּסקנט אַז ער, יאָקל קורץ מ ו ז אומקומען? דאָס באַלעבאַטעווען איבער זײַן לעבן געפעלט אים נישט! טאַקע דערפאַר האָט ער באַשלאָסן צו לעבן און באַווייזן, אַז ע ר וו י ל י אָ ... כל זמן ער אָטעמט נאָך — האָט ע ר איבער זיך צו זאָגן... דאָס אַלץ! ער איז פון אייביק אָן קעגן אַן אָפּגעפּסקנטער מיינונג. דערפאַר ראַנגלט ער זיך אויס זײַן לעבן מיט אַלע מיטלען. ער דערציילט נײַעס דעם גראָבן פעלדמאַן און יענער גיט אים דערפאַר אַ מעסטל מאַרמעלאַדע מיט ברויט. דערנאָך זוכט ער זיך אויס אַנדערע חברה פאַר וועלכע ער דערציילט נײַעס פאַר ציגאַרעטן. און אַזוי שטיקעוועט ער צונויף זײַן עקזיסטענץ. שפּעטער ווען ער האָט באַקומען געלט פון אַ זײַטיק אָרט — האָט ער דערציילט זײַנע נײַעסן סתם אַזוי, ווײַל עס האָט זיך אים געוואָלט... מער גאָרנישט!

ער האָט זיך אַ גאַנץ לעבן געשפּילט מיטן טויט אין יאַגעלעך און שטענדיק אויסגעשטעלט דער סכנה־לויער אַ פײַג: מען וויל אים כאַפּן?

וועט ער דווקא אָפּטון אַזעלכעס, צוליב וועלכן מען זאָל אים נאָך מער יאָגן... און דאַן ערשט וועט ער זיך אויסבאַהאַלטן, פאַרשטעלן זיך... וואָס הייסט דאָס: י ע נ ע זאָלן וועלן אַז ע ר זאָל זיצן? מיט זיין גאַנצן קאָמוניזם פון אַמאָל איז ער געווען מער אַנאַרכיסט ווי עפּעס אַנדערש. אָרדענונג האָט ער נאָר געזוכט בנוגע זיין רעכט אויף זיך אַליין...

טאַקע דערפאַר האָט ער גראָד אין די צעפּייערטע שטימונגען פון ערב־סוף אַראָפּגעלאָזט דעם טאָן, להכעיסדיק־טרויעריק געוואָרן. מעכע־לען האָט ער דערביי געגעבן צו פאַרשטיין זיין טרויער:

— ווייסט זען, טאָמער ווער איך טאַקע באַפרייט — וועל איך שטאַרבן באַלד נאָך דעם... עס לעבט אין מיר סייווי נאָר דער ווילן פון גיין ק ע ג ן עמעצן, קעגן די דייטשן... איצט איז יעדע מינוט מיינע אַן אויסגעשטעלטע פייג ז יי אין פּנים אַריין... זיי שרייען צו מיר יע־דע סעקונדע פון בערלין אויס: ש ט אַ ר ב ! האָב איך אַ באַזונדער הנאה זיי דאָס נישט צוליב צו טון. איך ווייס ווי אַזוי זיי יאָגן זיך אַלע נאָך מיין שטיקל אָפּגעמאָגערט לעבן — עס איך ברויט מיט אַזאַ תענוג וואָס זיי קענען עס נישט שפּירן; רייס איך יעדער סעקונדע שלאָף און לופט! איך בין שוין פּשוט אַליין נ יי ג ע ר י ק געוואָרן: ווער וועט דאָ אויספירן זיינס? און איך בין אַן עקשן אין געוועטן! נאָך אַ זאַך: איצט, אונטערן יאָך, האָב איך אַ געוואַלדיקן חשק צו זען די וועלט אַ מי־נוט ד ע ר נ אָ ך. דאָס וועקט אין מיר די פאַרשידנסטע חלומות, פאַב־ריצירט אין מיר פאַרשידענע פאַנטאַזיעס... איך האָב אַזוי ליב צו זען עפּעס נייעס! דאָס גיסט מיך אָן מיט לעבנס־חשק און טרייבט מיך אונ־טער, ווייטער צו טראָגן דעם דאָזיקן לעבנס־פּאַק — ד ו ק אָ ווייל איך בין אין ווערק צע... דערפאַר אָבער האָב איך מער גאָרנישט פּ אַ ר ן ל ע ב ן אַ ל יי ן, פאַר יענעם לעבן וואָס גייט קיינעם מער נישט אָן... אַז אפילו קיין פאַסטקע איז דערויף נישט אויסגעשטעלט...

ער קען זיך. דערפאַר איז ער אויך אַזוי זיכער, אַז ווען אַלץ וועט זיין געענדיקט — וועט אויך זיין נייגער אין אים אָפּשטאַרבן. דערנאָך וועט שוין קיין כח נישט זיין, וואָס זאָל אים טרייבן אין לעבנס־ראָד. אַ סך גיבן זיך דערפון קיין חשבון נישט אָפּ. אויך ער האָט דערפון נישט גע־טראַכט. נאָר איצט, ווען ער דערשפּירט שוין באמת מיט זיין שאַרפן חוש הריח, אַז באַלד וועט זיך דאָ ענדערן די גאַנצע וועלט — ווייסט ער אויך:

ער איז נאָר מסוגל צו לעבן אין אומגעוועגלעכע צייטן, אין סכנות... דער אינסטינקט בלויז איז געבליבן און ער איז אַזוי שוואַך אַז נאָר  מ ש ו־ ג ע ־ צ ע ר יי צ ט ע  מ י ט ל ע ן  קענען אים כסדר וועקן, אָנרעגן זיך ווייטער צו דערהאַלטן... ווי נאָר עס וועט אַריינקומען אַ שטילקייט און קיינער וועט מער אים נישט זוכן צו באַפאַלן, צו דערשטיקן — איז אויס! ער קען מער נישט לעבן אָן דעם באַהאַלטענעם  א ו ר ט יי ל איבער זיך. ווען פון אַלע ווינקעלעך וועט עס צו אים שרייען: לעב! — ווייל קיינער זוכט דיך נישט מער צו טויטן... דאַן ערשט וועט ער זיך פילן פוסט, אָפּגעגנאַרט... עס וועט מער נישט זיין דער  ו י נ ט ,  וואָס זאָל דאָס פלעמל צעבלאָזן...

וויפל מעכעלע זאָל נישט וועלן פאַרשטיין אים — קען ער נישט. נאָר אַז יענער פאַלט גאָר אַריין אין יאוש דווקאָ ביי די געדאַנקען  פון באַפרייאונג, מוז ער אים טרייסטן, אויסרעדן... אָבער קורץ זעט נאָר  אין מעכעלען אַ קלוג יינגל, וואָס קען אָבער נישט אויסמיידן קיין פלאַפּלע־רייען. דערפאַר רייסט ער אים איבער:

— ד ו  ג יי ס ט  מיך טרייסטן? אַז איך שפיר מיין אורטייל דאָרטן טיף, אינעווייניק אין מיר — וואָסזשע מאַכסטו זיך נאַריש? מיינסט אַז ווערטער קענען אַנדערש מאַכן דאָס וואָס די צייט האָט שוין לאַנג אויסגעלאָשן? דאָ קענען אפילו קיין ווערטער  ד י ר  נישט אויפ־קלערן וואָס איך פיל... ווילסטו באַווייזן קונצן מיטן רעדן? נאָר אָט וועל איך דיר זאָגן: איך האָב מער נישט קיינעם. אפילו מיין גלויבן ליגט שוין לאַנג באַגראָבן אין יעדן דייטשן פעלד־מונדיר... איז אַזוי: אין לאַגער האָט מען אונדז צוזאַמענגעקוועטשט — זענען מיר צוזאַמען, אַ שטיק משפחה געוואָרן!  ד ע ר נ אָ ך  אָבער... דאַן וועט יעדער, וואָס האָט נאָר אַ פּאָר פלינקע פיס, אַוועקפליען ווו די וועלט האָט נאָר אַן עק... מען וועט אויסנוצן אַלע כוחות בכדי אַלע וועגנט צו צעשפּאַרן, זיך אַ שטויס טון איבער דער וועלט... עפּעס אַ קלייניקייט? אַזויפיל יאָרן האָבן די כוחות געדרימלט אונטער דראָטן!... און איך? די אַסטמע וועט מיך צוריק באַפאַלן, דער מאָגן וועט צוריק ברוגז ווערן און קיינער וועט נישט האָבן קיין צייט אויף מיר אַ קוק צו טון... שוין אַזוי אויך צופיל צייט פאַרלוירן ווען מ׳האָט  ג ע מ ו ז ט ...  און באַזונדערס — וועל איך אָפּשר דערמאָנען עמעצן, וואָס יעדער וועט זוכן צו פאַרגעסן. אויף מיין

פנים וועט דער ווערק צע־שטעמפל ב ל יי ב ן. קומסטו צו גיין און זאָגסט...

דער הוסט זיינער האָט אים פּלוצים אַ כאַפּ געטון און ער האָט גע־מוזט איבעררייסן — האָט זיין באַאַדערטע האַנט צוגעענדיקט דעם שמועס מיט אַ רעזיגנירטן שאָקל...

מעכעלע האָט ערשט פאַרשטאַנען קורצן אַ סך שפּעטער, שוין אַ פּאָר וואָכן נאָכדעם ווי מעכעלע אַליין איז פריי געווען און זיך געטראָגן איבער פאַרשידענע גרענעצן... דאָרט אַהין האָט אים עמעץ אַריבערגע־וואָרפן אַ קליין בריוול מיט אַ קורצן גרוס. דאָס בריוול האָט זיך אָנגע־הויבן מיט פאַרשידענע נייעסן. האָט מעכעלע אַ לייען געטון און זיך דער־מאָנט:

— געשטאָרבן יעקב קורץ...

# קאַפּיטל דרייאונדרייסיק

— 1 —

ווען מעכעלע האָט דאָס ערשטע מאָל דערזען דעם מקובל איז ער אים אויסגעקומען עטוואָס קענטלעך. ער האָט געהאָט איינס פון יענע פּנימער, וועלכע קומען אויף אין זכרון פון אַזאַ ווייטקייט און דאָך ד ע ר־ק ע נ ט מען זיי, כאָטש דער זכרון קען זיך נישט דערמאָנען ווו מען האָט אַזעלכן געזען דאָס ערשטע מאָל. דעם מענטשס געדענק־כח קען נאָר גרייכן ביז די יינגסטע יאָרן זיינע — און דערפאַר האָבן זיי אַ גרענעץ. ביים ערשטן בליק אויף אַזאַ געשטאַלט פאַרלירט מען זיך אָבער און עס ווייזט זיך אויס אַז דער זכרון קען זיך פאַרטראָגן ביז מיט הונדערטער יאָרן צוריק... עפּעס פאַרנורטעוועט ער אין אַזעלכע ווייטקייטן פון וועל־כע מען ווערט אַליין דערשראָקן.

— א י ם האָב איך דאָך שוין אַמאָל געזען! אַזאַ פעסטשטעלונג איז מעכעלען געקומען תיכף אויפן זינען. דער זכרון זיינער האָט זיך נאָר אַרויסגעוויזן פאַר אַן עקשן און דערצו אַ בעל־סוד. האָט ער געשוויגן און נישט געוואָלט אויסזאָגן וו ו דאָס איז געשען און וו ע ן... ער האָט

נאָר געקוקט און יענעמס דירעקטער בליק אין זיינע אויגן אַריין האָט אַזויווי אָפּגעלאַכט פון אים:

— דו קענסט דאָך מיך, האַ? ס'איז דאָך זיכער... און דאָך האָבן מיר זיך נישט באַגעגנט אין דיינע פּאָר יאָר וואָס דו לעבסט... וואָסזשע וועסטו זאָגן, חכם איינער!?

האָט אים מעכעלע יאָ דערקענט און נישט דערקענט. ערשט ביים פונאַנדערגלידערן מיטן אויג יענעמס באַזונדערע שטריכן האָט ער געוווסט, אַז זיין סודותדיקן שמייכל אין די מויל־ווינקלען, ביים פאַרשטעק פון זיינע בלייכע ליפּן קען ער אויף זיכער. קען זיין אַז דאָס איז שוין זינט יאָרן... און אפשר שוין — גאַנצע דורות... אַזוי האָבן מסתמא געשמייכלט די מענטשן, וואָס סודות האָבן פאַר זיי זיך שטענדיק אויס־געטון נאַקעט, בשעת די יאָרן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט ווי דונערן איבער די קעפּ. זיי האָבן אַזוי געשמייכלט — ווייל זיי האָבן געפונען אינעם שויס פון זייערע געפילן די היילונג פאַר אַלע קלעפּ וואָס די צייט האָט זיי צוגעטיילט — דערפאַר האָבן זיי געקענט אַזוי דין אויסשמייכלען דעם טרויער פון לעבן און טויט...

אין ערשטן אויגנבליק: אַ בלאַסער יינגלינג, מיט טרויעריקע און בלאַנקענדיקע אויגן. דער קוק זיינער איז ווי אויסגעווייקט אין געפילן און קען זיך אפילו נישט דערהאַלטן אין דעם מאָגערן שטיקל אויסגע־צויגענעם גוף — דערפאַר רייסט ער זיך אַוועק... דערפאַר זוכט ער אַזוי אַרום זיין וועג. האָט מען זיך אָבער איינגעקוקט אין אים דאָס צווייטע און דאָס דריטע מאָל — איז שוין דער ערשטער איינדרוק מער קיין גייער נישט געווען. האָט זיך דערפאַר שוין געקענט אַנטפּלעקן זיין צווייטער בליק, וואָס האָט זיך נאָר באַהאַלטן אונטערן ערשטן און אויבערפלעכלעכן — פונקט ווי זיין ווייס־דיגער גוף האָט זיך פאַרשטעקט אונטער די צעריסענע שמאַטעס. מען האָט זיך אפילו נאָכדעם גענומען וווּנדערן: ווו איז זיין פריערדיקער, פאַרצווייפלט־גלייכגילטיקער און טעמפּלעכער בליק?

מען האָט ביסלעכווייז געקענט דערזען ווי פון אונטער זיין פאַר־פרוירענעם אויג שיילט זיך אויס אַ צווייטס, וואָס אַנטפּלעקט זיך מיט געלאַסענעם בליץ. דאָס נייע גלענצל האָט זיך באַוויזן און ווידער זיך פאַרבאָרגן — ביז עס האָט זיך אָנטשלאָסן אָפּגעשטעלט קעגנאיבער דעם

שטייענדיקן און אים אזויווי פלוצים אנגעזאגט: אט אזא בין איך!

ער האט קיין סך נישט געוואלט רעדן. פונוואנעט? פון וואַרשע. וואָס געטון פאַרן קריג? געווען אַ מאמין. אין וועמען? אין דעם וואָס איך גלויב ביז איצט... ער האט קיין סך נישט געוואלט רעדן און אוודאי זיך געהיטן פון פירן וויכו־חים — הגם אַ סך האבן זיך דערמיט אויסגעלעבט און אויסגערוישט. וואָס איז דען פאַראַן צו דיסקוטירן? יאָ, עס מאַטערן טאַקע אַ סך ספי־קות, זיי לעכערן דעם מח און קיין ענטפער איז נישט מעגלעך צו געפי־נען. זענען טאַקע פאַראַן פרומע ייִנגלעך וואָס רייסן זיך פון מויל, ווי קראַנקע ציין, דעם געשריי פון „לית דין ולית דיין!" — און קענען אים פון קעל נישט אַרויסרייסן...

וויפל זיי רעדן זיך נישט אויס דאָס האַרץ — איז פאַראַן אַזאַ באַ־האַלטן געפיל אין זיי, וואָס שטעלט זיך קעגן דער פאַרלייקענונג. איז טאַקע אויך קיין כח נישטאָ זיך איינצורייסן מיטן עקשנותדיקן שוויי־גער... ער גלויבט? זאָל ער גלויבן! און הלוואי זאָלן אים די שטרויכל־שטיינער פון פרעסנדיקן ספק נישט צעשמעטערן זיין אמונה און זאָל זי נאָר בלייבן ביי אים גאַנץ, אָן דעם גיפט וואָס סמט די נשמה און אָן די מוראָדיקע ווייטיקן וואָס לאָזן זיך נישט לעשן. עפּעס איז אַלע־מען אַ שאַד, וואָס עס איז נאָר איינער אַזעלכער פאַראַן... גלייך ווי עס וואָלט זיי געשראָקן דער געדאַנק אַז די וועלט וועט בלייבן אָן איין מאמין... און דערפאַר האָט נישט איינער מתפלל געווען אין זיין גאָטלאָז האַרץ, אַז אָט דער איינער זאָל זיך כאָטש אָפּשטעלן און טאַקע גלויבן אויף אָן אמת. הלוואי זאָל ער נאָר ווייטער לעבן אין זיין וועלט פון טראַכטענישן, וואָס קענען אַזוי שטאַרק אָפּ־שטויסן דאָס געזעענע און געהערטע.

ווען מעכעלע האָט אים אָנגעטראָפן — האָט ער אים מקנא געווען. יענער האָט מער געפילט ווי פאַרשטאַנען. ניין! ער האָט טאַקע געזען מיט יענעם טאָפּלטן אויג זיינעם וואָס האָט זיך אַרויסגעריסן פון אונטערן פאַרנעפּלטן בליק... געזען אַ סך זאַכן וואָס אַנדערע האָבן נישט געזען, אָדער זיי קוים אָפּגעפּילט, ווי אַ ווינטל אין אַ לייכטן חלום.

עֶר איז געוועֶן אָן עֶרלעכעֶר — און עֶר וואָלט נישט געוועֶן געגלויבט

אין זאַכן וואָס ער זעט נ י ש ט, אין דעם וואָס ער שפּירט יאָ און ד ע ר ש פּ י ר ט עס דאָך נישט. נישט מער: ער האָט געהאַט אַזעלכע צווייטע אויגן וואָס האָבן טאַקע געזען און אפילו געהערט אַזאַ מין גאָט־קול וואָס זאָגט טאַקע גאָרנישט — אָבער ער הערט עס שטענדיק אַרום זיך... טאָ וואָסזשע וועט ער דאָ גיין דיסקוטירן, וויכוחים האָבן מיט ב ל י נ ד ע, וואָס זעען נישט אפילו דאָס, וואָס רוקט זיך זיי אונטער ביז הינטערן אויג? אַז יענע קען מען אפילו נישט פיינט האָבן! זיי האָבן אויערן — אָבער דערהערן נישט די טיפקייט פונעם רעש וואָס טראָגט זיך איבער דער וועלט, הערן נישט אַרויס דאָס שטילע קול וואָס זאָגט זיך זיינס אין מיטן משוגענעם געווירבל... און זיי זעען אויך נישט, ווי אַזוי עס פלאַטערן הענט אַרום דער צייט פון האַק — און נישט אייגמאָל פאַרהאַלטן זיי דעם שאַרף פון רציחה...

ער האָט נישט וואָס צו טענהן מיט די אַנדערע — ווייל זייגע חור־שים נעמען אויף דאָס גאַנצע דורך אַנדערע צינורות. דאָס קען ער קיין צווייטן נישט באַווייזן אפילו ער זאָל וועלן — איז גלייכער צו שווייגן, אַריינצושווייגן די אמונה וואָס טיפער אין זיך... זאָל זיך שוין אַזוי ציען די וועלט — ביז זי וועט אָננעמען יענץ צווייטע פּנים, ווען וועלכן משה מקובל חלומט אַזויפיל בחקיץ...

— 2 —

געבערענגט האָט מען אים פון מאַידאַנעק. ווי אַזוי האָט ער זיך פון דאָרט געראַטעוועט? אויך דאָ שווייגט ער אויס זיין ענטפער. פונקט ווי מעכעלע, האָט אויך ער געפירט זיין קאַמף פאַרן לעבנבלייבן. מעכעלע האָט עס געטון מיט זיין צאַפּל, מיטן אַריבערלויפן פון האַלע צו האַלע, מיטן אַרומפלאַטערן איבערן הויף און מיטן אַרויסדרייען זיך פון די גרויסע, עלעקטרישע קעסלען... ער האָט געזוכט זיין ברויט פון מיסט אַרויס און דורך אַלע מינים איינפאַלן...

און דאָך האָט משה מקובל געלעבט גלייך ווי ער. אויך ער האָט זיך אויסגעראַנגלט זיין עקזיסטענץ ביז איצט. ער האָט עס אָבער געמאַכט אָן טומל, אָן איילעניש און אפילו אָן דעם קלענסטן באַוועג מיט דער האַנט. ער איז זיך געשטאַנען אין אַ ווינקל, זייטיק זיך אָפּגערוקט און נישט

אַרויסגעלאָזט קיין פּיפּס פון מויל. בלויז זײַנע בעטנדיק־ווייך־געוואָרענע אויגן האָבן זיך געטוליעט צום גאַנצן אַרום, געבעטן זיך און זיי האָבן אַזויווי געשריגן פאַר זײַנעטוועגן. דאָס האָבן די אויגן איבערגענומען די שוץ איבער זײַן גאַנצן שטילן גוף און געוועקט אַלעמען, געריסן שטיקער מען זאָל אים אָפּהיטן, נישט דערלאָזן קיין רעה טון אים... און זיי זענען געוואָרן דאָס מויל פון זײַן שטאַרקן ווילן: צו לעבן! איבער־צולעבן!

און איינס פון די אומפאַרשטענדלעכסטע ווונדער איז טאַקע געווען, ווי אַזוי ער האָט עס באַוויזן אויסצוהאַלטן אַלע געטאָ־גרענעצן אין וואַרשע, די סעלעקציעס אין מאַידאַנעק און דאָס איבערטראָגן אַ גאַנץ יאָר וועֶרק צע...

נאָך יעדער סעלעקציע האָט זיך מעכעלע ליב געהאַט אַוועקצולאָזן אין משהס באַראַק אַרײַן און נאָכזען, אויב די בייזע הענט האָבן נישט מיטגעשלעפּט זײַן דאַרן גוף... דאָס האָט ער געטון מיט שטאַרקן אומרו און דערבײַ איז אים געשטאַנען פאַר די אויגן יענעמס ווייס־ווייסע פּנים, זײַן קרומלעכער אַקסל און די גרויסע, שרײַעוודיקע אויגן אין מיטן דער איינגעצויגענער הויט... ער האָט קײנעם גאָרנישט געוואָלט פרעגן, מע־כעלע — ביז ער האָט יענעם נישט געזען שפּרייזן מיט זײַן גלאַסן־אײַנגעשוויגענעם גאַנג צווישן די ביימער, גיין און טראַכטן.

און מעכעלע האָט ווידער געהאַט זײַן באַוויז אַז יענעמס גרויסע, אומגעווײַנלעכע אויגן האָבן אים אויפסניי באַוויזן צו באַשיצן. טײַלמאָל איז אפילו מעכעלע זיכער געווען, אַז אָט דעם משהן וועט שוין דאָ גאָר־נישט פּאַסירן און מעכעלע איז אפילו געווען גענויגט צו זען יענעם אומגעזעענעם, וואָס שטייט און שפּרייט אויס זײַנע פליגל איבער משהן, ווען עס מאַכט זיך אַ שאַרפע געפאַר.

איז אַלץ געווען צופאַל? זײַן אַרויס פון וואַרשעווער געטאָ, דאָס איבערטראָגן מאַידאַנעק און דאָס אויסמײַדן אַזוי לײַכט יעדע סע־לעקציע? אויב דאָס זענען געווען צופעליקייטן — האָט דער זעלבער צו־פאַל אויך געמאַכט מען זאָל משהן פלוצים אַוועקנעמען פון די שווערע גראַנאַטן און שיקן צו די לײַכטסטע אָפּטיילונגען ביי שמיצן — כאָטש קיינער האָט פאַר אים זיך נישט אײַנגעשטעלט. ווו זאָל ער נעמען פּראָ־טעקציע? און דערנאָך, אַז ער האָט זיך פאָרט געפילט שוואַך — איז ער

גאַנצע וואָכן געלעגן אין באַראַק און געטראַכט, געלערנט פון אויסנווייניק... פאַרוואָס האָט די פּאָליציי א י ם נישט געטריבן צו־שטאַרק, נישט געשלעפּט מיט יענעם שטעקן־געוואַלד וואָס אַנדערע?

אַז ער האָט אַזויפיל געשוויגן — האָט ער אויך חנפענען נישט געקענט, נישט לייגן זיך ביי אַלעמען צופוסנס. אויסער דעם האָט זיין גאַנצע פיגור, צוזאַמען מיטן לענגלעך־בלייכן פּנים אויסגעזען ווי באַשאַפן ש ט אָ ל ץ צו זיין, צו גיין אויסגעגלייכט. האָט ער זיך קיינמאָל נישט געשטויסן נאָך אַן איבעריק ביסל זופּ צו דער פּאָליציי און דאָך — האָבן שוין אַנדערע אים דערקענט. יאָסל מיט פייווישן, די צוויי ברידער פון זשאָרקי, האָבן שוין געוווסט ווו אַוועקצולייגן פאַר אים אַ פּאָרציע ברויט און ער אַליין האָט שוין געוווסט, ווי אַזוי טיילמאָל אַוועקצוגיין פריער פון דער אַרבעט. ער האָט זיך דאָן שטילערהייט אָ לאָז געטון צווישן די ביימער און דאָרט זיך מיט עמעצן מתייחד געווען. מיט וועמען? קיינעם האָט זיך נישט געגלוסט זיך אַריינצומישן אין זיינע געשעפטן. אפילו ווייזנבערג האָט אים אַמאָל געוואָלט פאַרהאַלטן ביים טויער, אויספרעגן... ער איז אָבער תיכף צעטומלט געוואָרן פון יענעמס בליק און צעשריגן זיך:

— הע, דו! אַ רוח אין דיין... טראָג זיך!

פאַר אַ פּאָליציאַנט האָט ער זיך ערשט דערנאָך גענומען קלאָגן:

— האָסטו געזען אויגן? פון וואַנעט האָט מען עס אים געבערענגט אַהער? פון מאַידאַנעק גאָר? און דערצו — אַ פרומער? נו, גוט... כ׳האָב אַזויפיל חשבונות מיט גאָט — אַז כ׳וויל מער מיט אים נישט האָבן צו טון...

און ער האָט אים אויסגעמיטן, אַפילו דאַן, ווען משה איז לאַנגע וואָכן אָפּגעלעגן ביי זיך אין באַראַק.

— 3 —

עמעצער האָט מעכעלען אַ זאָג געטון:

— ער איז נעבעך קראַנק, דער מקובל... ער ליגט די גאַנצע צייט מיט צעהיצטע אויגן אין באַראַק... ער רעדט מיט קיינעם נישט אַרויס קיין וואָרט — נאָר דאַוונט שטילערהייט אַ גאַנצן טאָג, דאַוונט און

לערנט... גאַנצע פּרקים זוהר באַווייזט ער אויסצופּרעפּלען פון אויסנווייניק!

מעכעלע האָט זיך אַהין אַוועקגעלאָזט; נישט געזאָגט, אַז דאָס קומט ער ספּעציעל צו אים. מיט זיין קעסעלע פאַרב האָט ער זיך אַ דריי געטון נעבן זיין בעט, געפּרווּט אַ שמיר טון מיט זיין פּענדזל און ווי צופעליק אים אַ פרעג געטון:

— דו, וואָס איז דיר אַזעלכעס?

דער מקובל האָט זיך אַ דריי געגעבן, די ליפּן האָבן נאָך צוגעאיילט די לעצטע ברעקלעך פון זיין שטיל זאָגעניש. דערפאַר האָט ער אַ ווייל געקוקט און געשוויגן. דערנאָך האָט ער קורץ אָפּגעהאַקט:

— מיר? וואָס זאָל מיר זיין? גאָרנישט... און וואָס איז ד י ר ?

מעכעלע שמייכלט:

— מ י ר ? זעסט דאָך אַז מיר איז גאָרנישט! איך בין געזונט און לויף אַרום! דו אָבער ליגסט שוין אַזוי לאַנג אין בעט, גייסט נישט צו דער אַרבעט... אָט פאַרוואָס איך פרעג!

זיין בלייך פּנים האָט זיך אַ רויטל געטון, צעפלאַמט:

— פאַר מיר איז דאָ ווער עס זאָל זאָרגן. איך בין קראַנק — דאַרף ע ר עס מסתמא. ווען ער וועט נאָר וועלן — וועט ער אויסהיילן... אָבער דו ביזט עלנט. אַמאָל טוט דיר עפּעס וויי, דו שרעקסט זיך — צו וועמען קענסטו שרייען? וועמענס האַנט פילסטו אויף זיך?

מעכעלע וויל אים נישט איבעררייסן, דערפאַר צעקאָכט זיך יענער נאָך שטאַרקער:

— מיר איז גוט. איך האָב אַ גאָט — און זע אים אומעטום. טייל־מאָל באַהאַלט ער זיך אונטער די שאָטנס פון די ביימער אין וואַלד — אָבער איך געפין אים. איך גיי צו אים צו גאָר־נאָענט — און ער הערט מיך. הויב איך אויף מיינע אויגן צום באַראַק־סופיט — קוקט ער צו מיר דאָ אַראָפּ. ער גלעט מיך מיט זיין ווינטל וואָס לויפט דאָ אַרום — און נעמט מיר צו די שרעק... וואָס האָסטו אָבער אין דיינע אומגליקלעכע שעהען?

זעט אויס, אַז ער איז טאַקע פאַרטראָגן אין זיין היץ, כאָטש ער רעדט אַזוי רואיק, שטיל... ווייל די אויגן צעפלאַקערן זיך אין אים, שפּרינגען איבער מעכעלעס אַלע אברים און זוכן ביי אים עפּעס אַרויסצוטאַפּן;

— דו האָסט געלערנט אַמאָל — פּאַרוואָסזשע האָסטו עס גראָד אין אַזעלכע טעג אַוועקגעוואָרפן? נישט צו פאַרשטיין... אוי, וואָס אַ מענטש קען זיך אַליין אָפּטון! דיין נישט־גלויבן איז דאָך אויך נישט זיכער — דו שעמסט זיך נאָר צו זיין אין ספק, דערפאַר מאַכסטו זיך אַ שטאַרקער האַרץ ווי דו האָסט. בעט איך דיך: גלויב! עס וועט דיר גוט זיין... וועסט זען...

ער האָט זיך פאַרקייכט און אָפּגעהאַקט. אָבער מעכעלע האָט אים גע־גלויבט, אַז עס מוז אים גוט זיין, גאָר גוט זיין אין זיין אַוועקגעטראָגע־נער אמונה. ער איז אים אפילו מקנא: אָט דער דארער בחור האָט באַ־וויזן אָנצוקלייבן אַרום זיך אַ גרופּקע יונגע בחורים. זיי האָבן זיך אַריינ־געשלייכט צו אים אין די פאַרנאַכטן, ווען ער איז געלעגן אויפן רוקן. זיינע פלאַקער־אויגן האָבן זיך געריסן צום דאַך, ווי ער וואָלט פון דאָרט אַרויסגעלייענט עפּעס אַ באַהאַלטענע שריפט, וואָס עמעץ האָט פאַר אים דאָרט איינגעגראָבן. די צוהערער זיינע זענען דערביי געשטאַנען און איינ־געהערט זיך צו זיינע וווּנדערלעכע מויל־זאַגונגען. גאַנצע וועלטן האָט ער דאָ אָנגעטריבן — און זיי זענען געקומען אונטערטעניקע און געהאָרכ־זאַמע...

אפילו דער הינקעדיקער זעלדין, וואָס האָט קיין וואָרט יידיש נישט פאַרשטאַנען, האָט זיך אויך צוגערוקט נענטער צו אים. ווען ער האָט גע־טראָפן מעכעלען האָט ער זיך גאָרנישט געקענט באַפרייען פון אונטער יענעמס איינדרוק:

— אַ מיסטעריע! אַ וווּנדער פון באַשאַף! בלייך, דאַר — און אַזאַ עקסטאַז! ווו נעמט ער פייער, אָנצוצינדן די אַנדערע הערצער?

דאָס האָט זיך דער גוישער זעלדין נאָך אַלץ נישט געוואָלט מודה זיין, אַז אויך ער איז מיטגעריסן געוואָרן מיט יענעם אומגעווייגלעכן כח וואָס האָט זיך צעשוועבט איבער זיין באַראַק.

אין די שבתים, ביינאַכט נאָך דער אַרבעט האָבן זיך אַרומגעשטעלט נעבן מקובלס בעטל אַ מחנה פרומע יינגלעך און שווייגנדיק זיך איינ־געהערט... בלויז ער האָט מיט זיין שוואַכער שטימע זיי דערציילט וועגן די ליידן פון מענטש, פון ייד — וואָס גייט געפּאָרט מיט דער שכינהס יסורים. די שכינה איז צוזאַמען מיט יידן אין זייערע צרות. אויך זי איז געפאַנגען און זי וואַרט אויף אויסלייזונג צוזאַמען מיט אַלעמען. גאָטס

ליכט — איז די מענטשלעכע נשמה. וויבאַלד אַז דאָס דאָזיקע ליכט גאָטס ווערט איינגעטונקלט, פאַרשקלאָפט — מוז אויך די שכינה זיך וואַרפן אין די קייטן, וויינען איבער זיך... און טאָמער דער לאַגער־מענטש באַמיט זיך צו פאַרגעסן אין זייןווירקלעכקייט, פאַרגעסט אין זיינע קערפּערלעכע יסורים — ווערט די נשמה זיינע אין אַזעלכע רגעס אויס שקלאַף! און ווען די נשמה ווערט אויף אַ ווײַלע באַפרייט — באַפרייט מען אַ ווײַלע אויך די שכינה פון איר קנעכטשאַפט, פון איר געפאַנגענשאַפט... אָט פאַרוואָס מען טאָר דאָ נישט טרויערן! מען דאַרף ד ע ר ה יי ב ן דאָס חלק געטלעכקייט, וואָס ליגט צוגעשמידט צו יעדן אייגעמס יסורים — — —

די יינגלעך האָבן דערנאָך שטילערהייט געזונגען שבתדיקע געזאַנגען און זייער ציטער האָט אָנגעשטאָפּט דעם גאַנצן חלל מיט קעמפנדיקע שאָטנס. זיי האָבן אין אַזעלכע אָוונטן גאַר שפּעט אָנגעצונדן ליכט און עס האָט זיך אויסגעוויזן אַז אויך די צוזאַמענגעגאָסענע שאָטנס טוען זיך דאָ אָן אַ כח, אויסצוראַנגלען דאָס ביסעלע באַפרייטקייט פון דעם גורלס נעגל.

אין אַזעלכע מינוטן האָט זיך מעכעלען געוואָלט פאַרוואַרפן אַ גרויסן צודעק, וואָס זאָל באַהאַלטן משהן פאַר אַלע בייזע בליקן, אויסהיטן אים און זיין גלייכע תמימות, וואָס צעוואָרפט דאָ אַרום זיך אַלע מויערן... ער האָט קיינמאָל נישט ליב געהאַט דאָס בלינדע גלויבן, מעכעלע. ער האָט זיך שטענדיק געוואָלט צושלאָגן ביז צו די וואָרצלען פון געדאַנק... און זיי וואַקסן שטענדיק אין דער טיף, ליגן באַהאַלטן אונטער אַ דיקן שיכט ערד — און דאָס פרייע ווינטל פון הימל באַווייזט זיי נישט אויסצוגלעטן. איז אים גוט וואָס עס איז דאָ אַזאַ משה, וועלכער שפּאַצירט אַרום איבער אַלע וועלטן, נעמט פון זיי אַלע סודות און שפּרייט זיי אונטער אויף זיין ברעטערדיק געלעגער.

אָט זיי זענען נאָך די איינציקע, וואָס האָבן זיך אויסגעזוכט אַזאַ ריין באַהעלטעניש פאַרן גאַנצן ווערק צע — און ווען עס קומט נאָר פאַר אַ סעלעקציע אָדער אַ צווייטע בהלה אין לאַגער, לויפן זיי צו משהן אין באַראַק אַריין, טוליען זיך אַרום זיין בעטל און וואַרטן... וואַרטן אַזוי רויִק און זיכער! אפילו סטאַשעק משומד, וואָס קומט אַריין צו זעלדינען ווערט דאָ אויך אַרומגענומען פון זייער זיכערקייט און ער קוקט אויפן

מקובל מיט אַזאַ בענקשאַפט... גיי ווייס, ווער עס קען אַלץ ווערן זיין חסיד! זעלדין אַליין זוכט אַמאָל אָפּ מעכעלען אין אַ ווינקל און קען נישט צוימען זיין התפעלות:

— דו ווייסט? שולצע איז נעכטן פאַרבייגעגאַנגען דעם באַראַק און אַרייַנגעוואָרפן אַ בליק... דיין ראַבין איז געלעגן מיט אַן אויסגעשטרעקטן בליק און אַרייַנגעטראָפן שולצען אין אויג אַריין... איז יענער געבליבן שטיין אַ צעטומלטער, אַ וואָרף געטון מיטן קאַליקן הענטל, געוואָלט עפּעס זאָגן — און פאַרשטומט געוואָרן. דערנאָך האָט ער זיך אַ לאָז געטון מיט אימפּעט ביז צום טויער... איך האָב ספּעציעל נאָכגעקוקט! דו ווייסט? עס האָט מיר אויסגעזען אַזוי ווי די אומרייַנקייט מיט דער הייליקייט וואָלטן זיך צוזאַמענגעטראָפן אויף איין ברעט — און די העכערקייט האָט געזיגט! ווי הייסט עס דאָרט אויף דיין מיסטישן ראַבינס שפּראַך? קעדושאַה און טומאה! וועסט מיר אפשר זאָגן, אַז עס איז נישט אַזוי?

מעכעלע האָט אים איצט נישט געקענט ענטפערן צו דער זאַך. וואָס גייט אים אָן זעלדינס מיסטישע פּלאָנטערן? אַז אים האָט גאָר אַ שרעק געטון אַן אַנדער זאַך, וואָס ער האָט געוואָלט וויסן קלאָרער ביי זעלדינען:

— זאָגסטו, אַז שולצע האָט זיך אין אים איינגעקוקט? געוואָלט עפּעס זאָגן און אַנטלאָפן:

זעלדין האָט זיך אָבער נישט געוואָלט טיילן מיט מעכעלעס דערשרעק. ער איז לעצטנס גאָר אַרייַנגעזונקען אין זיין עקזאַלטירטער גלויביקייט און ער האָט שוין געשריגן:

— יאָ! געזען — און אָפּגעטראָגן זיך! דאָ וועלן זיך נאָך וואונדער באַווייזן! מייַנסטו אַז דער מעסיאַש וועט אַזוי לאַנג אויסהאַלטן? אַז ער איז ביז איצט געהאַלטן געוואָרן מיט קייטן אין רוים — און איצט שטייען דאָרט די אליאירטע ביי די טויערן... עך, דו טרוקענער סקעפּטיקער! דאַרפסט הערן, וואָס דער משה דערציילט פון אַלטע שריפטן אַרויס...

מעכעלע האָט אים איבערגעלאָזט אין מיטן די רייד. ער איז אַוועק איבערן הויף און געזען שולצען שטיין ביים טויער און פּרוּוון די דראָטן, אויב זיי טרייסלען זיך נישט. דערנאָך האָט ער זיך פאַרגנבעט צו משהס באַראַק און געוואָלט זען, אויב עס האָט זיך עפּעס נישט געענדערט. ער

האָט אָבער משהן נישט געטראָפן. שוין עטלעכע טעג, אַז ער האָט ווי־דער גענומען גיין צו דער אַרבעט. דאָס אַלץ האָט אָבער נישט פאַרטריבן פון מעכעלען יענעם משונהדיקן פחד:

— וואָס האָט שולצע אַ טראַכט געטון נאָכן אַנטלויפן פון מקובלס בריענדיקן בליק?

# קאַפּיטל פיראונדרייסיק

— 1 —

די זון אין ווערק צע פּילט זיך היימיש און באַקוועם. זי האָט זיך נישט פאַר וועמען דאָ אויסצובאַהאַלטן. דערפאַר האָט זי זיך צעלייגט אומעטום און אַרויסגעצויגן די אָפּגעלעגנסטע מענטשן צום ווענדל צו. דאָס שיסן פון די ווייטקייטן מעג זיך איצט הערן אין די פאַרנאַכטן נאָך שאַרפער — און מעג אפילו פאַרנאַכט די ערד ציטערן, ווען מען ליגט ביי איר אויף דער גרינער שויס. זעט אָבער אויס, אַז דאָס אַלץ איז גאָר־נישט. גראָד אין יוני פון 1944 איז די דייטשן איינגעפאַלן צו בויען אַן אמת שפּיטאָל פאַר די קראַנקע פון ווערק צע! איז דען נישט קיין סימן, אַז די אַלע נאַרישע קלאַנגען האָבן נישט קיין האָפט?

דאָס מאָל ווערט געשטעלט אַ פעסטע געביידע פון געהילץ. זי וואַקסט אַרויס העכער פאַר אַלע באַראַקן און זי וועט אויסזען ווי איינס פון די שטאָטישע הייזער. די ווענט ווערן דאָרט אויסגעמאָלט מיט אייל־פאַרב. שולצע האָט אפילו פאַרזיכערט אַז מען וועט ברענגען אייזערנע בעטן מיט מאַטראַצן פאַר די קראַנקע... אַ פּאַלאַץ וועט דאָס זיין! אין סאַמע מיטן וואַלד וועט מען אַריינטראָגן די קראַנקע און די בעסטע עסנס וועט מען זיי דערלאַנגען... זיי מוזן געזונט ווערן! פיר מאָלער אַרבעטן גאַנצע טעג ביים אויספּוצן די הויכע געביידע און ביים מאַכן די שענסטע דעקאָראַציעס מיט אויפשריפטן איבער די אויסנדיקע ווענט... ניין, אַזעל־כעס טוט מען נישט פאַרן סוף!

נאָך איידער די פאַרב האָט באַוויזן אויסצוטריקענען — האָט מען שוין דאָרט איינגעשטעלט אַן אַמבולאַטאָריום און די קראַנקע האָט מען

גענומען האַסטיק איבערטראָגן פון דעם איינגעשמירטן באַראַק צו די שניי־ווייסע בעטלעך מיטן ריינעם בעטצייג. דערביי האָט אַ גרויסער, מי־ליטערישער קעסל געקאָכט פאַר זיי פאַרשידענע עסנס. ווען האָבן קראַנ־קע פון ווערק צע געחלומט פון ספּעציעלער דיעטע? און איצט קומט שול־צע, פאַרזוכט די ווייסע קאַשע, וואָס איז געקאָכט אויף מילך און צוקער — און דאָך קרומט ער זיך:

— צו ווייניק פעטס... זאָל מען פאָרן אין שטאָט אַריין און ברענ־גען...

און די קעסלען קאָכן אַזויפיל, אַז די קראַנקע קענען עס גאָרנישט אויפעסן. איבער אַלע באַראַקן טראָגט מען זיך אַרום מיט גרויסע שיסלען געצוקערטע רייז מיט מילך. און אויך די געזונטע זענען שוין נישט אַזוי זשעדנע דערנאָך... פון דעם נייעם שפּיטאָל טראָגט זיך אַ ריח פון זויי־בערקייט און מעדיקאַמענטן. איצט היילט מען די קראַנקע מיט די בעסטע מעדיצינישע מיטלען און אַ גאַנצע כאָפּטע דאָקטוירים אין ווייסע פאַר־טוכער דרייען זיך אַרום אויפן שפּיטאָל־גאַנעקל, אַזויווי עס וואָלט געווען אין אַ וויטער, וואָלדיקער ווילע...

די קראַנקע קעמפן פאַרן אַריינבאַקומען זיך אַהין, שלאָגן אָפּ די שוועלן. זיי ווערן נאָר אויפגענומען מיט גרויס פּראָטעקציע. דאָרט ליגן זיי מיט ליכטיקע באַנדאַזשן אויף די ווונדן און מיידלעך גייען אַרום זיי, דערלאַנגען ספּעציעלע כלים צום געברויך, וואָס שולצע האָט באַקומען פון אַ מיליטערישן שפּיטאָל. זיי באַקומען דאָרט פולע, רויטע באַקן און נישט איין געזונטער איז זיי מקנא מיט דער דאָזיקער רו.

עס האָט זיך זיכער געענדערט אין יענע מקומות, פון וואַנעט די שיס־באַפעלן זענען געקומען פריערדיקע צייטן! דערפאַר געפינט יעדער צווייטער פיקרינער אַ באַהאַלטענע מחלה, וואָס פירט אים איצט אַוועק גלייך אין דעם הויכן בנין אַריין, קיינער צווינגט זיי אפילו נישט צו ליגן אַ גאַנצן טאָג אויף די ווייכע געלעגערס. זיי דאַרפן זיך נאָר אָנטון די ספּעציעלע, בלאַנק־ריינע פּיזשאַמעס און ווער עס קען — מעג זיך אַרויס־גיין צום וועלדל און צוזעצן זיך. מען האָט אפילו פאַר זיי געמאַכט ספּע־ציעלע בענק אונטערן שאָטן פון צעבלעטערטע ביימער...

ווען טרעפט דען מעכעלע דאָרט נישט? ער קען אַלע קראַנקע, ווען זיי זענען נאָך געלעגן און האַלב־געגוססט אין די באַראַקן. איצט זיצן

זיי צעשטראלטע, מיט ריינע פנימער און זיי דערציילן זיך מעשהס פון אַמאָליקע צייטן, ווען קראַנקע זענען אַוועק אין זיבעטן באַראַק... ווי שיין דאָ איז אַרום! אַ לייכט ווינטל טרייבט אַוועק די שטיקער צעגליטע היץ, וואָס ווילן זיך דווקא צורייסן צו די חולאים. דיביימער אַרום ווינקען איינער צום צווייטן מיט די צווייגנדיקע פינגער, אַזויווי זיי וואָלטן געוואָלט דערגיין ביי די אַנדערע וואָס דאָ איז פלוצים געשען... נאָר די קראַנקע איז איצט גוט אויפן האַרץ און זיי קלערן אפילו מער נישט אַריין דערין.

דאָ אַהער האָט עס פאַרטראָגן דעם אויסגעדאַרטן מקובל. מעכעלע דערקענט דאָ אויך דעם דיקן בחור וואָס האָט אים פאַרקויפט דאָס תנ״כל. נישט ווייט פון זיי זיצט אין אַ פיזשאַמע יענער קראָקעווער פיקרינער, וואָס געדענקט גאַנץ איוב פון אויסנווייניק... איצט האָט ער טאַקע די אמתע געלעגנהייט צו חזרן הויך, אויפן קול, גאַנצע קאַפּיטלען און זיי געמיטלעך אָפּטייטשן פאַר אַ פּאָר טשיקאַווע צוהערער אין שפּיטאָל־כאַלאַטן:

...און איוב האָט געענטפערט און געזאָגט: זאָל פאַרלוירן גיין דער טאָג אין וועלכן כ׳בין געבוירן און די נאַכט וואָס אין איר איז געזאָגט געוואָרן: אַ מאַן איז אויסגעטראָגן! דער דאָזיקער טאָג זאָל זיין פינצטער, ס׳זאָל גאָט פון דער הויך נישט וועלן וויסן פון אים און קיין ליכט זאָל איבער אים נישט שיינען... די דאָזיקע נאַכט זאָל צונעמען די פינצטערניש, זאָל זי נישט אַרייגערעכנט ווערן צווישן די טעג פון יאָר און צווישן דער צאָל פון חדשים זאָל מען זי נישט אַריינלאָזן... זאָלן פינצטער זיין די שטערן פון זיין אָוונט, האָפן זאָל ער צו ליכט — און זי זאָל נישט זיין און נישט זען זאָל ער די שוואַרצאַפּלען פון מאָרגנשטערן. ווייל ער האָט נישט געשלאָסן די טירן פון מיין מוטער־בויך און נישט פאַרמיטן די מידקייט פון מיין אויג...

די קראַנקע דערשרעקן זיך פאַר דעם צעפייניקטן צאַרן וואָס רעדט אַרויס פון דעם אַלטן איוב דורכן פיקרינערס מויל — שאַרן זיי זיך פון אים איינציקווייז אַוועק. ער זעט עס אָבער נישט און ציט ווייטער זיינע פסוקים מיט פאַרזשמורעטע אויגן. בלויז די ביימער מיט די אָפּגעגילדעטע קעפּ קענען נישט אַנטלויפן און מוזן זיך ווייטער איינהערן:

...ווייל פאַר מיין ברויט איז געקומען מיין זיפץ און ווי וואַסער האָבן

זיך מיינע געשרייען צעגאַסן... ווייל אַ שרעק האָב איך זיך געשראָקן — און זי האָט מיך געכאַפּט און פּאַרוואָס איך האָב געפּאָרכט — דאָס איז צו מיר געקומען...

איצט איז שוין טאַקע נישט מעגלעך געווען ווייטער. פון אַ זייט האָט זיך שוין צוגערוקט אַ דערשראָקענער כאַלאַט און אים גענומען בעטן:

— דו... וועסט נאָך ברענגען אַן אומגליק מיט די רייד! זעסטו נישט ווי שטיל דאָ איז? קענסטו זיך נישט דערמאָנען קיין פריילעכערע פּסוקים?

דער פּיקרינער האָט זיך אויפגעכאַפּט און אָפּגעהאַקט פאַרשעמט אין מיטן...

— 2 —

עס האָט אויסגעזען, אַז מען מעג שוין קראַנק זיין, מען קען אפילו נאָך מער געזונט ווערן, אויב מען מאַכט זיך קראַנק. בלויז אַזעלכע משו־געים ווי ווראָצלאַווסקי האָבן זיך נישט געלאָזט איינרעדן אַז עס איז אַזוי. ער איז ווייטער געלעגן אויף זיין האַרטער פּריטשע און נישט גע־וואָלט הערן פון אַריבערטראָגן זיך אין וואָלדיקן גן־עדן: ע ר איז זיי שוין מוחל איצט דאָס ריינקייט מיט די זיסע עסנס! זאָלן זיי אים נישט טון קיין טובות, די וואַלטערס מיט די ווייזנבערגס... דאָס זעלבע האָט אויך געטון ה ע ג ע ד ...

אייגנטלעך האָט אים מעכעלע געזען מיט עטלעכע טעג צוריק. ער איז דאַן געווען געזונט, פריילעך... עס איז אין אים גאָר נישט געווען מער צו דערקענען, דעם העגעכן פון פריער! ער האָט אָנגעהויבן באַקומען געלט פון געהיימע ערטער, לעבן בעסער און אַרבעטן לייכט. דאָס האָט אים צו־ריק אויסגעפּילט די לעכער אין די באַקן און זיין בליק האָט זיך פריי צע־שמייכלט פון צופרידנקייט. ווען ער האָט אָנגעטראָפן מעכעלען, האָט ער אים אַוועקגעצויגן אין אַ זייט און אים פאַרטרויט אַ סוד:

— איר שרייבט דאָך נאָך אוודאי — טאָ וואָס וועט איר טון דער־מיט? איר זעט דען נישט, אַז דאָס זענען די לעצטע טעג? ווילט איר עס נישט ראַטעווען?

מעכעלע האָט אים אָנגעקוקט צעחושט: און אַז ער וויל — איז וואָס?

הענעך איז אָבער געוואָרן צוטרוילעכער:

— הערט... אין צוויי טעג אַרום ברענגט מיר אַריין אַ פּאָר געשרי־בענע זאַכן. דאָס וועט אַוועק אין אַ זיכער אָרט. אויב איר וועט זיך ראַ־טעווען — וועט איר עס צוריקבאַקומען. סיי ווי אָבער מעגט איר ריזיקירן. דאָס וועט אפשר באַלד געלייענט ווערן און גיין ווייטער...

וווהין דאָס וועט „ווייטער גיין" האָט ער נישט דערזאָגט. מעכעלע האָט אויך נישט געפרעגט. ער האָט אים נאָר געברענגט אַ פּעקל באַ־שריבן פּאַפּיר און אָן איין וואָרט עס הענעכן אַריינגערוקט אין האַנט. ערשט אין אַ פּאָר טעג אַרום האָט ער זיך דערמאָנט אַז מען דאַרף גיין הענעכן אַ פרעג טון, וואָס מיטן פּעקעלע שריפטן איז געוואָרן.

אין די לעצטע טעג האָט זיך שוין געשפּירט אין דער לופט אַ שרעק פאַר נאַכשפּירער. מעכעלע האָט זיך דערפאַר אַריינגעשאַרט פּאַרזיכטיק צו הענעכן אין באַראַק אַריין, וועלכער איז געווען אויסגעליידיקט. ער האָט זיך געוואָלט דערנענטערן צו הענעכס בעטל. אָבער ער האָט דער־זען דאָרט אַזאַ מין בייעס פּנים וועלכן ער איז אָפּגעשפּרונגען אויף צו־ריק. הענעכס קאָפּ איז געלעגן איינגעבעט אין זיין שוואַרצן שויבער האָר און די אויגן זענען ביי אים געווען צוגעמאַכט, ווי אין פּאַרטראַגענעם שלאָף. נעבן אים איז געלעגן צוגעטוליעט אַ מיידלערישער קאָפּ, וואָס האָט איינגעגנורעט דאָס פּנים ביי הענעכס זייט. זי איז געלעגן אַרומגענו־מען פון דער זעלבער קאָלדרע וואָס דער שלאָפנדיקער הענעך. מעכעלע האָט זיך געוואָלט צוריקציען פאַרשעמט, אָבער דאָס מיידל האָט זיך פּלו־צים אויסגעדרייט און מעכעלע איז געבליבן שטיין אויפן אָרט פון אי־בעררַאַשונג. אויף אים האָט געקוקט פרעדזשאַ מיט רויט־אָנגעצונדענע אויגן־לעפּלען.

זי האָט דערזען מעכעלען און אים שווייגנדיק געוויזן מיט דער האַנט, אַז ער זאָל קיין וואָרט נישט אַרויסברענגען. מעכעלע האָט עס סיי ווי נישט געקענט — אפילו ווען ער זאָל עס געוואָלט וועלן: פ ר ע ד ז ש ע? וואָס טוט זי נעבן אים? וואָס טוליעט זי זיך? ווי שטענדיק, ווען זי וויל אויסמיידן רייד וועגן אומבאַקוועמע פראַגן — ענטפערט זי אויך דאָס מאָל מיט אַ קער, מיט אַ באַוועג. דערזעענדיק מעכעלען שטיין אַזוי פאַר־גליווערט האָט זי זיך אויסגעדרייט און גאָר שטיל אַ גלעט געטון הענעכס צעשויבערטע האָר. איר גלעט איז אָבער אַרויסגעקומען טרוקן, ווי דאָס

איינציקע וואָס זי קען און מוז טון, בכדי צו פאַרטרייבן אַביסל די אויפגע־ריסענע שטילקייט אין מעכעלעס אויג.

הענעך האָט זיך פון איר באַריר קראַנק איבערגעוועקט, אויסגע־שטרעקט אַ האַנט און פאַרחלשט אַ בעט געטון:

— וואַסער...

פרעדזשע האָט זיך איבערגעאיילט אַ וואָרף געטון צו אַ זייטיק טי־שעלע און אַ שלעפּ געטון אַן איבערגעגאָסן טעפּעלע. הענעך האָט גע־שלונגען דערפון מיט אָפענע אויגן, וואָס האָבן גאָרנישט געזען. זיינע ליפּן האָבן געוואָלט זאָגן עפּעס ווייטס און צעהיצטס. אָבער פרעדזשע האָט אין מיטן איר געאייל אים אַרויפגעלייגט דאָס ווייכע, פעטע הענטל אויפן צעפּיבערטן מויל. ער האָט דערפאַר נאָך שטאַרקער אַ שלעפּ גע־טון דאָס געפּאַרבטע וואַסער פון טעפּעלע און צוריקגעפאַלן אויף די ברע־טער. די פּאָר מינוט האָט פרעדזשע גענוג געהאַט אויף צו באַרואיקן זיך. זי האָט נאָך פעסטער איינגעדעקט הענעכן און דערנאָך אַראָפּגעשטעלט זיך מיט די שפּיץ פינגער פון די פיס אויפן באָדן. זי האָט אַ צי געטון מעכעלען פאַר אַ האַנט ביז צום פענצטער. איר אָטעם האָט זיך געוואָרפן מיט אַ צעגליטער שולד אויף מעכעלען:

— איר האָט נישט געוווסט? טאָקע נישט? שוין צוויי טעג אַז ער האָט אַ שרעקלעכן פיבער. ער איז גאָר קראַנק. אָבער איך ווייס צוליב וואָס איר זענט אַריינגעקומען. איך האָב נאָר־וואָס אַוועקגעשיקט אייערע זאַכן... זיי זענען אין גוטע הענט. הלוואי וואָלטן מיר דאָרטן געווען...

מעכעלע האָט נאָך אַלץ נישט געקענט קומען צו זיך פון איבערראַ־שונג: אַזוי גאָר? האָט זי שוין דאָס געוווסט? געהערט עס פון הענעכן? ער האָט אויף איר געקוקט פאַרשנדיק און שטייף. זי האָט אָבער אַזויווי מוראָ געהאַט אַז מעכעלע זאָל נישט אָנהייבן צו רעדן. דערפאַר האָט זי אים אַרויסגעשלעפּט פון יענער זייט שוועל און דערביי קיין סעקונדע נישט אויפגעהערט צו פאַרשטאָפּן אים דאָס מויל און דעם געדאַנק מיט אירע רייד:

— אַז איר זענט אַלעמאָל אַזאַ מאָדנער! איר קוקט, קוקט... שטענ־דיק קוקט איר נאָר אַזוי! איצט ז ע איך אפילו וואָס איר טראַכט... אָבער עס איז גאָרנישט! איר וועט טאָקע באַלד זען ווי איך גיי אַוועק צו־

ריק צו יאָסלען. ער וועט דאָ אפילו באַלד קומען... הענעך איז נאָר גאָר־שטאַרק קראַנק געוואָרן — און איך מוז שטיין נעבן אים, דערהאַלטן אים! ביים לעבן! זעט נאָר וואָס איך האָב אַלץ איינגעקויפט פאַר אים... אַ האַלבע קראָם! עס האָט מיר נאָר געשניטן ביים האַרץ אין וואָס פאַר אַ מעמד ער געפינט זיך — וויל איך אים איינשלעפערן, איינוויגן... אוי, ווען ער זאָל איצט נישט געוועזן אַוועקפאַלן!

מעכעלע האָט נישט געבראָכן די שטילקייט. נאָר אַז זי האָט אַזוי־פיל גענומען רעדן — האָט ער שוין אויך צו פרעגן זיינע שאלות:

— אָבער פרעדזשאַ... ער איז דאָך קראַנק... און דאָרט איז איצט אַזאַ מחיהדיקער, פרישער שפּיטאָל־באַראַק? דאָקטוירים קומען דאָרט, מען היט די קראַנקע ווי אַן אויג אין קאָפּ... טאָ פאַרוואָס האַלט איר אים דאָ, אין פאַרדומפּיקטן באַראַק?

פרעדזשאַ האָט אָנגעברוגזט די ליפּן, געוואָלט עפּעס אַרויסבייזערן פון זיך. איר געהער האָט אָבער אויפגעכאַפּט אַ כריפּ פון אינעווייניק אַרויס און זי איז בלייך געוואָרן. דאָס האָט דער קראַנקער אינעווייניק דערשפּירט אַז זי פּעלט ביי זיין זייט און ער האָט דערפאַר געמאָנט היי־ציק און שטרענג:

— פרעדזשאַ!...

זי האָט דערפאַר אַ צעפּאַך געטון מיט די אָרעמס און אַריינגעפלויגן אין באַראַק אַריין אָן אַן ענטפער. מעכעלע האָט געוואָלט נאָכגיין און שטיין געבליבן ביי דער טיר. זי האָט אים שוין אָבער מער נישט געזען. זי האָט זיך אַ וואָרף געטון אויפן בעטל און מיט טרוקענער טריישאַפּט גענומען איינוויגן הענעכס צעפייערטן שטערן אין אירע הענט. מעכעלע איז נאָך געשטאַנען אַ ווײַלע און אויפאַמאָל זיך געלאָזט לויפן, נישט ווויסנדיק אייגנטלעך וווהין ער לויפט.

— 3 —

שוין אַ צייט אַז הענעכס פּנים איז אויסגעפּולט געוואָרן. די אויגן האָבן צוריק באַקומען זייער צעפייערטן גלאַנץ און די באַקן האָבן זיך אָפּ־געגעבן מיט אַ ברוינלעכן קאָליר. אין דער אויסגעליידיקטער וועלט האָט זיך נאָך געפונען אַזעלכער, וואָס האָט אין אים נישט פאַרגעסן. די אויס־

געקוילעטע פּאַרטיי, די לעצטע יידן מיט אַביסל געוואַגט בלוט אין זיך אויף דער אַרישער זייט האָבן געטאַפּט, געטאַפּט איבער אַלע פינצטער־נישן פון די יידנריינע שטעט — און זיי האָבן אויסגעפונען יעדע גרופּ־קע יידן באַזונדער... יעדן ייד וואָס לעבט נאָך ערגעצווו און אָטעמט נאָך מיט לופט. האָבן זיך שטילערהייט גענומען אַריינשלייכן מענטשן אין דער גרויסער פאַבריק און אַ פרעג געטון, אַזוי גלאַט אין דער וועלט אַריין ביי אײנעם פון די האַלע־מענטשן:

— הער גאָר, זשידקו... געווען ביי אייך אַ סטאַראָבינסקי — ווו איז ער? מען זעט אים דאָך עפּעס נישט? און איינער שאַפּיראָ? אַזוי, הייסט עס...ביידע געשטאָרבן? נישט קיין נאַרישע זשידקעס געווען און אָט... און איינער הענאָך גלאָז מיט אַ קאָביטקע? זיי לעבן נאָך? אינטערעסאַנט! געזען אים אַמאָל — האָט ער אויסגעזען ווי אַ צעבראָכענער שאַרבן... אָט אַ וועלטעלע!

דערנאָך האָט געגומען אָנקומען בסוד איין סומע געלט נאָך דער צווייטער. הענעך האָט שוין געקענט זיך פאַרגינען בעסער צו עסן. ער האָט שוין אפילו גענומען אינטערעסירן זיך מיט פּאָליטיק. די פּאָר מענטשן, וואָס זענען שותפות געווען צום דרויסנדיקן קאָנטאַקט און צו די אַריינגעקומענע געלטער, האָבן ביסלעכווייז גענומען איינזען אַז פון דעם הענעכן ווייסט מען דאָרט ערגעץ... און אַז צוליב אים קען מען נאָך געדענקען אויך אין אַנדערע... און מ׳קען גאָרנישט וויסן: אין דער לעצ־טער מינוט קען מען גאָר קומען אים באַפרייען מיט געווער אין האַנט? איז גלייכער מיט אים צו חברן זיך און טאָקע זיך צוהערן צו דעם וואָס ער זאָגט אויך... אַזעלכער איז נאָך נישט אויסגעמעקט פון דער גרויסער וועלט!

האָבן זיך אַ גאַנצע גרופּע לאַגער־חשובים גענומען דרייען אַרום הע־נעכן, צוגעהערט זיך וואָס ער זאָגט און שטאָלץ זיך מיט אים אַרומגעפירט איבערן לאַגער. אין יעדן ריר זייערן האָט מען געשפּירט דעם ריח פון די לעצטע טעג... דאָס קלאַמערן זיי זיך אין אים אַזוי, ווייל דורך אים קען מען האָבן אַן אילוזיע פון נישט־פאַרלוירנקייט! הענעך אַליין האָט עס אויך אַזוי פאַרשטאַנען. דערפאַר איז ער געגאַנגען צווישן זיי אַן אויסגע־גלייכטער, אַן ערנסטער און לאַנג געטראַכט איבער יעדן וואָרט וואָס ער

האָט אַרויסגעזאָגט. דערנאָך איז אַוועק אַ פּרעפּלעריי איבער די באַראַקן צווישן די פּאָליציי־קרייזן און פאַראַרבעטער:

— ס׳איז נישט גלאַט געפּלאַפּלט... דאָס האָט איבערגעגעבן הע־נען'... און ער', אַז ער זאָגט — קומט עס נישט פון קיין הוילן פּאַס...

ער האָט עס געמאַכט פּאַרזיכטיק, נישט געשמועסט מיט יעדן — אָבער די פּאָר מענטשן וואָס ער האָט געהאַט אויפן אויג האָט ער גע־מוזט ווייזן די אַנדערשקייט זיינע, די ווידעראויפוואַכונג פון אַמאָליקן הענעך... איבערהויפּט האָט ער אויסגעזוכט אַזעלכע וואָס האָבן אים דאָ געזען פריער, אָבסערווירט זיין אומגאַנג מיט פרעדזשען, זיין אַוועקגע־וואָרפנקייט...

צוליב דעם האָט ער אַזוי פּאָרזיכטיק־באַרעכנט געציילט זיינע ווער־טער פון מויל, ווען כעניעק רעדלמאַן איז געשטאַנען נישט ווייט פון אים און דערפאַר טאַקע האָט ער אויסגעזוכט מעכעלען און ביי אים געבעטן זיינע שריפטן, וועלכע ער וויל באַזאָרגן אויף אַ זיכער אָרט. זיינע אויגן האָבן דערביי געפלעמלט מיט אַ שטאָלץ, וואָס רייסט זיך כסדר פון אונ־טער אַ געדיכטער פאַרשעמטקייט. ווען ער איז געגאַנגען מיט זיינע פריינט פון די לעצטע צייטן, האָט ער זיי דווקא געצויגן אין דער זייט ווו דער היציקער פרידלאַנד איז געשטאַנען... און גראָד ווען יענער האָט גע־הערט — האָט הענעך איבערנאַטירלעך געהעכערט זיין שטים צו די אַנ־געזעענע באַגלייטער זיינע:

— נאָר איך זאָג אייך, אַז דאָס מוז מען פאַרשטיין אַביסל טיפער... איר געדענקט וואָס איך האָב אייך געזאָגט? טאָ געדענקט וואָס איך זאָג אייך ווייטער... איר וועט זען...

ער האָט געהאַט וואָס אָפּצוגעפינען אין ווערק צו, הענעך. איצט האָט ער געקריגן די געלעגנהייט דערצו — כאָטש ס׳איז שוין שפּעט גע־ווען. דערפאַר האָט ער זיך געיאָגט נאָך שאַרפער, געאיילט זיך אָפּצוכאַפּן פון זיין צעטראָטענער ווירדע — וויפל עס קען זיך נאָר לאָזן. דאָס האָט אים נישט איינמאָל אַרויסגעפירט פון זיינע גרענעצן, געצויגן אים אין זייטן ווו היין ער וואָלט גלאַט אַזוי נישט געגאַנגען און דער דראַנג זיינער האָט פון אים אַזיוויי בגוואַלד אַרויסגעריסן שטיקער אָפּגעריסענע באַריי־מעריי — וואָס האָבן אויסגעזען ווי צוגעקלעפּט צו די איינגעשלאָסענע ליפּן. עטלעכע מאָל, ווען ער האָט זיך אָנגעטראָפן מיט מעכעלען, האָט

זיך אים געוואָלט שווייגן, צוימען זיינע רייד — אָבער מעכעלע האָט באַ־מערקט ווי עפּעס שטויסט פון אים אַרויס גאַנצע פּעק מיט ווערטער אָן זיין ווילן; אַז ער אַליין איז געפאַנגען פון יענעם פיבער, וואָס בושע־וועט אַרויס פון זיינע האַרץ־באַהעלטענישן.

מעכעלע האָט אים אפילו גענומען מיטפילן דערפאַר. ער איז אים נענטער געוואָרן צוליב זיין אַוועקשטעלן זיך נעבן אים און דערציילן מיט אַן איינגעטרוקנט קול:

— אַז איר ווייסט נישט דאָס וואָס איך ווייס! דערפאַר גייט איר דאָ אַרום ווי אַ בלינדער און טראַכט פון פאַרשידענע קלייניקייטן... איר וועט אַמאָל הערן, ווער עס איז געווען דער וואָס רעדט מיט אייך אַצינד...

ער האָט זיך געוואָלט בייזערן, מעכעלע, באַליידיקן... און דאָך האָט ער געשפּירט ווי הינטער הענעכס גערייצטע רייד אייטערט נאָך אַ צוגע־דעקטע ווונד. ער דערקענט ממש פון זיינע געצויגענע ווערטער, ווער עס ליגט הינטער זיי פאַרבאָרגן: פ ר ע ד ז ש ע ! נאָך אַלץ די זעלבע... זי! און ער' האָט הענעכן געוואָלט דערביי אַ טרייסט טון, זאָגן אים מיט אַ וואַרעמער שטילקייט:

— מען דאַרף עס נישט, הענעך... פאַר מיר דאַרפט איר עס נישט...

עס איז אים אָבער קיינמאָל נישט אויסגעקומען דאָס צו זאָגן.

— 4 —

זינט עס האָבן זיך גענומען אַזוי שטאַרק עקשנען אין דער לופט אַלערליי קלאַנגען וועגן סוף, האָט פרעדזשאַ גענומען ווערן בלאַסער, איינ־געצויגענער... זי איז נאָך יעדן פאַרנאַכט אַרומגעלאָפן איבערן וועלדל, גע־גלעט זיך מיט ווענען עס האָט זיך איר פאַרוואָלט. דערנאָך האָט זי ווי־דער' אַוועקגעצויגן מיט זיך דעם רויט־באַקיקן יאָסל ביז צו איר אָפּגעגרע־נעצט ווינקל. זי האָט זיך אין אים געקלאַמערט נישט צוליב אים, נאָר דערפאַר ווייל אָן אים וואָלט זי פאַרלוירן איר אייגענע פאַרליבעניש. ער איז געוואָרן דער מלבוש וואָס דאַרף צודעקן איר נאַקעטקייט, איר תהום. דערפאַר האָט זי אים עטלעכע פאַרנאַכטן געלאָזט דערשראָקן נאָכשלעפּן זיך ביי אירע אָרעמס און זי אַליין איז דערביי געגאַנגען שווער, גלייכ־גילטיק און פאַרטראָגן. דערנאָך האָט זי אים פלוצים אַ כאַפּ געטון, גע־

צויגן צו זיך ווי אַ קינד אירס, וואָס איז אויסגעוואקסן און זי האָט אים קוים דערקענט...

ווערק צע איז אַוועק ווייטער, ווי זי האָט פריער געטראַכט. זי איז אַריין אין דער געוועזענער ריי פון מיידלעך, וואָס האָבן געוועזענע „קוזינען" און מיט דעם ענדיקט זיך עס. ווער קען זי מער אין זינען האָבן? דאָס אַלץ, מיט וועלכן זי האָט געקענט וועקן אינטערעס דאָ, איז שוין באַקאַנט. יעדער איינער ווייסט שוין אַלצדינג וועגן איר און אויף די פּאַר־שידענע קאָנצערטן און טאַנץ־אָוונטן פון וועלדל טרעטן שוין אַרויס אַנ־דערע, אַלעמאָל אַנדערע... זי איז נאָר געבליבן מיט יאָסלען. ער איז אַ ווויל ייִנגל, אַ שטילס און קוקט איר אין מויל אַריין וואָס זי זאָגט. ער האָט אויך געלט. זי דאַרף נישט הונגערן. נאָר, מער ווי זיין גלאָט פּנימל און די שטילע רייד האָט ער נישט. אפילו די גלעטנדיקע אונטער־טעניקייט זיינע איז ביי איר מער נישט קיין יום־טוב. ער איז גוט געווען נאָך איר וואַרפן זיך אין אַלע זייטן, נאָך די פאַרשידענע יסורים, נאָך רעדלמאַנס באַזונדערן צימערל און נאָכן אָנזעטיקן זיך מיט בליקן אויף הענעכס איינגעלאָשענעם סקעלעטן־פּנים... ער איז דאַן אויך געווען ניי: מיטן ערשטן יונגן בליק פון נייגעריק־פאַרליבטע אויגן. דעמאָלט איז ווערק צע געווען אַריינגעזונקען אין זיך אַריין. ד אָ ס איז געווען די וועלט! און אין ד ע ר וועלט איז יאָסל געווען גרויס, זאַט און אויס־געוואַקסן. ער האָט געהאַט ברויט און אַ רויט, שיין סוועטערל... דערפאַר האָט ער געהאַט — אַ ל ץ ! צו אים האָבן זיך געריסן אַזויפיל אויגן און זי, פרעדזשע האָט דאַן ב אַ ז י ג ט , דערוואָרבן...

איצט אָבער האָט ווערק צע פאַרלוירן די גרענעצן. די לופט האָט אָנ־געהויבן אויסגעקנעטן צו ווערן מיט רייד וועגן סוף. אָט באַלד וועלן אַלע גרענעצן איינגעזינקען ווערן און ווערק צע וועט זיך צוריק צוזאַמענ־גיסן מיט דער גרויסער טונקעלער וועלט... ווערק צע וועט ווערן אַ קליין, צעשאָסן פינטעלע און די מענטשן, ווי מוראַשקעס, וועלן זיך צעשיטן אין אַלע זייטן אַריין... שוין איצט האָט זיך די שפּעטערדיקע וועלט אַראָפּ־געלאָזט אַהער און געמאַכט פון גאַנצן לאַגער אַ ברעקלדיק שטויבעלע אין די הענט פון אומקלאָרן גורל. די מענטשן אין ווערק צע זענען פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין קליינע פלעשעלעך אָנגעזאָטענעם פּחד, וואָס דאַרפן האָבן נעבן זיך גרויסע ווענט, באַשיצער... וואָס האָט אין אַזאַ צייט פאַר

אַ ווערט דאָס חנעוודיקע סוועטערל אויף אַ געטאָקט יינגליש לייב?

אָט באַלד וועט זיך אַלץ צעדונערן. מען וועט דאַרפן לויפן, אַדורכ־זעצן די גאַנצע וועלט מיטן מה... מען וועט דאַרפן פלינק זיין, האָבן אור־מעטום אַ האַנט וואָס נעמט אויף, וואָס גלעט און זוכט צו ראַטעווען... וואָס קען מען דאָן טון — איין טריט אויסער די דראָטן — מיט אַזאַ אומדערפאַרן־פאַרליבט יינגעלע? ווער קען אים דאָרט? ווער האָט פון אים געהערט? און וואָס קען ער אַליין דען באַווייזן, אויסער אָט־דעם אָפּגע־קעסטלטן שטח פון דער פאַבריק?

אין די אָוונטן האָט פרעדזשע ליב באַקומען זיך אונטערצוהערן וואָס מען שמועסט צווישן זיך. זי האָט איינגעזאַפּט אין זיך אַלערליי רייד און פאַראויסזעאונגען. דערנאָך איז זי צוריקגעקומען צו זיך אין באַראַק, פאַרלייגט אַ האַנט אויף יאָסלס האַלדז און דערביי געטראַכט, געטראַכט — ביז זי האָט אַרויסגעשאָסן:

— שוין... באַלד וועט מען דאַרפן נעמען דאָס פעקל אָדער...

יאָסל האָט זי אָבער נישט געהאַט מיט וואָס צו באַרואיקן. אירע רייד האָבן אים בלויז נאָך מער אַנגעשראָקן און ער האָט זיך מיט נאָך מער אימה גענומען קלאַמערן אין איר. די אויגן זיינע, מיטן בלויען, פינקל־דיקן גלענצל זענען נאָך מער אויפגעריסן געוואָרן און ער האָט שטיל אַריינגעשטאַמלט אין איר אַריין:

— איז דאָך שלעכט... אַן אימה! וואָסזשע טוט מען? דו ביזט דאָך אַ קלוגע... דו הערסט דאָך און ווייסט אַלץ... זאָג זשע: ווי אַזוי ראַ־טעוועט מען זיך? ווי אַזוי...

זי האָט אפילו אויפגעהערט צו האָבן געדולד צו זיין קינדערישער שרעק. אירע געדאַנקען האָבן זיך שוין איצט געצאַפּלט אויף אַ האָקן, געטרייסלט זיך ווי געשפּענסטער אין איר צעקנוידערטן אומרו. עפּעס אַ פוסטקייט איז אַריין אין איר און האָט פון דאָרט אַרויסגעטריבן אַלע זאַטקייטן וואָס זי האָט דאָ אָנגעזאַמלט... אַ מחשבה איז געקומען און האָט ווי אַ גלאָק אָפּגעהילכט אין איר: נ ק מ ה ! די צייט פאַר נקמה איז געקומען!

יעדן פאַרנאַכט זעט זי פאַרבייגיין העניכן. ווי זיכער ער איז דאָס געוואָרן אין זיך! ער רעדט איצט אַזוי באַזאַכט און אַרום אים וואַקסן די צוהערער, בייגן צו אַן אויער... אוי, וואָס פאַר אַ פאַרגעסענע צייטן עס

דערמאָנט זי׳! הענעך — און ווידער אין צענטער... ווי די צייט האָט ליב זיך אומצוקערן צום פריער אירן! אָט קלייזלען זיך אירע באַקאַנטע גרופּ־קעס און לאָזן קוים פאַרביי שטילע סודות דורך די ציין. די דאָזיקע סו־דות קומען פון אַ באַראַק. אין יענעם באַראַק קען נאָר איין מענטש די דאָזיקע סודות אַרויספּלעטן פון זיך. ער, דער איינער הייסט ה ע־נ ע ך. ער האָט בריוועלעך פון דרויסן, געלט... און ער מוז זיכער האָבן אַ גאָלדענעם שליסל פאַר דאָרט. זאָל מען נאָר דאַרפן, אָדער מוזן אַרויס איין שריט פון די דאָזיקע דראָטן — וועלן אַלע שטיין בלייבן בלינד און טויב... אַרום זיי וועט פייפן דער טויט, זוכן אַלעמען מיט זיינע פייערדיקע פיילן — בלויז ע ר איינער וועט גיין ווייטער מיט זיכע־רע טריט. ער׳, הענעך וועט נישט דאַרפן ווייט גיין. ווי נאָר ער וועט אָפּשפּרייזן עטלעכע טריט — וועט פון הינטער יעדן בוים אָפּער זיך באַ־ווייזן אַן איינגעהילט געשטאַלט... הענט וועלן זיך אויסשטרעקן און אים אַ כאַפּ טון, לויפן מיט אים, איינדעקן אים מיט הונדערטער קערפּערס און דאַך וועט ער אַרויסשווימען איבער זיי... פאַרשווינדן אין די ווייטע זי־כערקייטן אַריין — — — און זי, פרעדזשע, וועט דערביי שטיין מיט אויסגעשטרעקטע הענט, אים עפּעס נאָכשרייען, וועלן אים דערמאָנען עפּעס... זי וועט זיך רייסן די האָר און וואַרפן איר צעשריגן האַרץ נאָך זיינע פליענדיקע טריט... דער ווינט און די פייפנדיקע קוילן וועלן אָבער פאַרטויבן אירע געשרייען. ער וועט זיך אפילו נישט אויסדרייען, נישט וו ע ל ן הערן וואָס זי שרייט, וואָס זי וויינט אַרויס פון זיך. בלויז זיין שאָטן פון הינטער דיביימער וועט איר נאָכקרימען:

— אַוועק! אַוועק! — — — —

נאָך אַזעלכע טראַכטענישן אין דער הוילער אויסגעטיפטקייט פון שוואַרצע נעכט איז זי געבליבן ליגן אין שווייסיקע טייכן אַנגסטן. עס האָט זיך איר פאַרוואָלט אויפשטיין אין מיטן דער שפּעטער חשכות און אַרויסלויפן אין בלויזן העמד צו הענעכס באַראַק, צופאַלן צו זיין בעטל און אים אַ ריס טון פון זיין זיכערן שלאָף אַרויס... בלויז אַנידער־קניען וועט זי, אַראָפּבייגן זיך און אַריינשרייען ביז אין סאַמע טיף פון זיין האַרץ... איין וואָרט בלויז וויל זי דאָרט אַריינשטעקן, ווי אַ שליסל אין אַ צוגעמאַכטן טויער, וואָס זאָל דאָרט בויערן אין אים, בעטן פאַר איר

יונג לעבן... פּאָר אירע געזונטע יאָרן מיטן רויטן, קאָכעדיקן בלוט אין איר:

— הענעך! הענעך!

אָבער אין גאַנצן באַראַק איז שטיל. מען הערט נאָר דאָס פאַרשלאָ־פענע צערטלען זיך פון אייגעגוויגטע פאַרלעך. אויך נעבן איר געפינט זיך יאָסל. ער ליגט אַביסל אין אַ זייט — און דאָך קלאַמערט ער זי צו זיך מיטן פאַרחלומטן אָטעמען זיינעם... וווּזשע וועט זי גיין? האָט זי זיך ווייטער געלאָזט פרעגלען אויף די פייערפאַנען פון איר פאַנטאַזיע, ביז זי האָט געפילט אויף זיך דעם ייִנגלס צעגליטע האַנט — ווי אַ פייערדי־קע בייטש איבער זיך.

ערגעץ ווייטלעך האָבן זיך עטלעכע וואָך־זעלנער איבערגעשריגן צווישן זיך מיט רויע קולות. די אָפּהילכן האָבן זיך בלינד אַ טראָג גע־געבן איבערן באַראַק און מיד אַ פאַל געטון אויף פרעדזשעס אָנגעשראָקן האַרץ. זיי האָבן גאָרנישט געזאָגט און פרעדזשע האָט פון זיי דאָך געהערט אַ ווילדן טריאומף אַרויסשרייען פאַר עמעצן, אַ צעסקעלעטיקטן און וואַרטנדיקן:

— נקמה!...

— 5 —

זי האָט אים קוים דערקענט, הענעכן. פון אַלערליי ווינקלען האָט זי אים גענומען נאָכקוקן פאַרנאַכט נאָך דער אַרבעט. ער איז צוריק אויס־געוואָקסן, גלייך געוואָרן. זיינע אויגן האָבן ווידער קלוג געפלעמלט ווי ליכטלעך אין אַ פינצטערער נאַכט — וואָס נאָר זיי אַליין טראָגן אין זיך דעם געבענטשטן סוד פון רו — אין אַ וויסטן, נע־ונדיקן וואָגל... עט־לעכע מאָל האָט זי שוין געוואָלט צוגיין, רעדן עפּעס צו אים און טאָקע אויך אַ גלעט טון די צוריק־אָנגעוואָקסענע טשופּרינע, וואָס האָט ווידער גענומען טרייסלען זיך אין ווינט. זיין פּנים האָט צוריק אַרויסגעשמיסן פון זיך די זקניש־צעקנייטשטע פאַלדן און די צוגעברוינטקייט פון דער אַרבעט האָט אים צוגעגעבן בייע האַרטקייט, געפעסטיקטקייט... אין אַזעל־כע מינוטן, ווען זי איז געלעגן אַ געשפּאַנטע אין אַ ווינקל און אים נאָכ־געקוקט, האָט זיך איר אויסגעוויזן אַז ער האָט זיך פּלוצים אַ צעוויג גע־

טון, אויסגעוואָקסן... אַ מאַן געוואָרן! זי האָט אים געקענט אָפּהיטן דאָס שטיקל צייט פון פּרעמדקייט, וואָכן איבער אים... וואָלט זי איצט געוועזן איין שטיק מיט אַלע זיינע ווייסענישן, מיט אַלע זיינע שטילע און פעס־טע פעדעם וואָס ציען צו אַלע זיכערע לעכער איבער דער וועלט... פאַר־וואָס האָט זי דאָס פריער נישט געדענקט? פאַרוואָס האָט זי אַזוי לייכט אַלץ אָפּגעלאָזט? איצט שפּרייזט ער אַזוי ווייט, אַזוי זיכער און אַזוי פרעמד! ער וועט זי דאָך אפילו נישט וועלן דערקענען, ווען זי וועט צוגיין צו אים!...

זי הערט אַלץ, דערפאַר ווייסט זי אויך: ער האָט איצט גענוג געלט. ער לעבט גוט. זי איז אים דערפאַר נישט מקנא, כאָטש יאָסלס רעזער־ווארן שעפּן זיך אויס. ער וויל זיך באַוואָרענען פאַר יענער אומבאַ־קאַנטער מינוט — און ס'איז שוין ווייניק געבליבן... קען מען דאָ שוין מער נישט פּראַווען די שמחות ווי אין די ערשטע וואָכן פון זייער צוזאַ־מענזיין. אַ חשבון מוז מען פירן! איז ברויט מיט אַ שטיקל כאַלווע אויך גענוג!

זי ווייסט גענוי, אַז ביי הענעכן אין שענקעלע שטייען אין די פאַר־נאַכטן טעפּעלעך מיט געקילט פלייש... עס פעלן אים נישט קיין פרוכטן... אפילו מ י ל ך טרינקט ער! זי ווייסט שוין פון יעדן שריט זיינעם — אָבער דאָס אַרט זי נישט. זאָל ער! אוודאי ווילט זיך איר אַזוי פאַר־זוכן אָט די אַלע זאַכן... נאָר איר האַרץ באַשווערט עפּעס אַנדערש:

— מיט וועמען שטייט ער דען אין קאָנטאַקט? פון וואַנעט באַ־קומט ער דען זיינע בריוולעך און דאָס אַלץ, וואָס ער שליסט איין מיט אַ שמייכל צווישן זיינע ליפּן? דאָס קומט נישט פון הימל! דאָס לאָזן זיכער פון זיך וויסן מ ע נ ט ש ן, נאָענטע מענטשן וואָס ז י קען אַזוי גוט ווי ער... זיי דאַרפן נאָר וויסן אַז זי איז אויך דאָ, אַז זי לעבט! זיי וואָלטן זיכער אויך פאַר איר געטראַכט, אויך איר איבערגעשיקט איב־פאָרמאַציעס און אויך פאַר איר געזאָרגט ביז צו דער לעצטער מינוט. זיי וואָלטן אפילו געמעגט וויסן, אַז זי איז ברוגז מיט אים, אַז זי האַסט אים! אויב עס זענען גאָר נאָענטע מענטשן — געדענקען זיי סייווי פאַר־שידענע זאַכן פון אַמאָל...

איר האַרץ קאָכט אפילו אויף מיט פאַרבענקטער ציעניש: ווער קען וויסן? אַז יענע ליגן באַהאַלטן אונטער טויזנט נעפּלען. מען זעט נישט

קיין פנים, קיין נאָמען... קען זיין אַז דאָרט געפינט זיך גאָר אירס אַן אייגענע', איינער פון יענע וואָס איז איר אַזוי באַענט געווען ווי העגעך — און אפשר נאָך מער... זיי זענען דאָך אַזויפיל געווען פאַרליבט אין איר! קען זיין, אַז ווען עמעצער פון זיי ווייסט — וואָלט ער דאָס לעבן אַוועקגעגעבן, אַבי צו שטיין אין די שעהען פון סוף נעבן די דראָטן און געוואָרט אויף איר, געגומען זי מיט זיך און אַוועקגעפלויגן... טאַקע אַזוי, ווי זי האָט זיך עס פאָרגעשטעלט אין די צעהיצטע, שלאָפלאָזע נעכט וועגן העגעכן...

צוזאַמען מיט דער חרטה איז ביי איר אויך געבוירן געוואָרן אַ וויל־דער כעס צו דעם גאַנצן העגעך: וואָס באַהאַלט ער נאָר פאַר זיך די קאָנ־טאַקטן?! ניין, זי דאַרף גאָר נישט פאַלן אים צו די פיס, בעטן זיך ביי אים... זי דאַרף גאָר צוטרעטן שאַרף צו אים, אַ כאַפּ טון אים פאַרן האַלדז און פ אָ ד ע ר ן, פאַרלאַנגען:

— גיב אַהער מ יי נ ס ! די מענטשן זענען פאַר מיר געגוי דאָס זעלבע ווי פאַר דיר! קען זיין אַז זיי זענען פאַר מיר נאָך מער ווי פאַר דיר'... דו ווייסט נאָך נישט אַלץ! איך בין אַ שותפטע און דו קענסט עס ביי מיר נישט צורויבן!...

פון אַזעלכע בייזע מחשבות ווערט זי אָבער גאָר שנעל מיד און ני־דערגעשלאָגן. וואָס קען זי אים טון? ער קען זיך דערביי נאָר פונאַנדער־לאַכן, הויך לאַכן פון איר אַז דער גאַנצער ווערק צע זאָל זיך מיטטרייס־לען פאַר געלעכטער. די גאַנצע אָנגעזאַמלטע פיין און נקמה־גיריקייט וועט ער פון זיך אַרויסלאַכן! ער וואָרט נאָר דערויף. ער וועט גאָרנישט טון, נאָר קוקן אויף איר און לאַכן... ווער קען וויסן? אפשר האָט ער שוין לאַנג אַרויסגעשריבן וועגן איר... דערציילט דאָרט אַזוינס, וואָס די האָר שטעלן זיך אויך ביי יענע קאַפּויער פאַר שרעק... ווי טייוולדיק־קלוג ער איז! פריער האָט ער געשוויגן, געשטיקט אין זיך... ער האָט איר קיין שווערע קלעפּ נישט געקענט צוריקגעבן — דערפאַר איז ער געוואָרן דער צדיק, דער דערהויבענער ליידער... ער האָט געוואָרט ביז דאַן, ווען ער קען איר געבן די שווערסטע מוראַדיקסטע קלעפּ — און זי זאָל אפילו נישט וויסן אַז זיי פאַלן אויף איר... די קלעפּ פאַלן שטיל און פאַרהוילן אויף איר איין מאָל, נאָך אַמאָל... זיי זעצן זי אַראָפּ, מאַכן זי קליין — און זי ווייסט נישט, זי שפּירט נישט... זי וועט עס ערשט דערזען, ווען

זי וועט פון לעצטן קלאַפּ ווערן שטויב און נישט אַריינגעשטויסן ווערן אומבאַמערקט אין דעם צעעפנטן אָפּגרונט אַריין — — —

זי וויל שרייען — און קען נישט. אַזעלכע מחשבות רעגן אויף אַלצ־דינג אין איר און זי קען דאָך נישט זיכער זיין, אַז דאָס טוט ער טאַקע; אַז ער גראָבט שטילערהייט אַרום איר דעם גרויסן קבר, נעמט אפער דאָס לעצטע גרודקעלע ערד פון אירע טריט — און זאָל זי גאָר פון זיך אַליין אַריינפאַלן דאָרט! ער וויל זי אפילו מיט דער האַנט נישט קיין שטויס טון... זי ווייסט נישט... און דאָס איז נאָך שרעקלעכער! ווייל ער ד אַ ר ף אַזוי טון. דאָס איז ביי איר זיכער. ווען נישט איר ציטערניש, וואָלט זי אים געהאַסט דערפאַר וואָס ער האָט אַזאַ געלעגנהייט אין דער האַנט און לאָזט זי אַדורך. ווען עס טרעפט ביי אַ צווייטער און זי זאָל עס צוקוקן — אוי, וואָלט זי דאַן אים צוגעגעבן מוט! זי האָט פיינט אַ צעקראָכן האַרץ...

נאָר אַז דאָס איז העגעך און זי — פּרעדזשע... וועט זי זיך איינבייסן מיט די ציין, נישט דערלאָזן... די וועלט וועט זי איבערקערן!

נאָר ווי אַזוי מען מאַכט דאָס, ווייסט זי נאָך אַלץ נישט. יעדעס מאָל ווען זי לאָזט זיך שוין צוגיין צו אים — האַלט זי זיך אָפּ אין דער לעצ־טער רגע. ווען ער זעט זי — ציט ער אַרויף דעם האַלדז נאָך העכער, מיידט זי אויס צו זען און איר דאַכט זיך אַלץ אויס, אַז ווי נאָר זי וועט זיך דערנענטערן וועט ער אויף איר געבן אַזאַ מין בליק, וואָס איז נאָך ערגער ווי אַ שפּיי. האָבן זיך אַזוי געצויגן לאַנגע טעג, אין וועלכע עס האָט זיך נאָך מער צוזאַמענגעקנוידערט אין איר די בענקשאַפט צו אים, די חרטה צוזאַמען מיט אַזאַ מאַכטלאָזן כעס, וואָס האָט נאָר אין געצייל־טע סעקונדן אַ פינק געטון מיט משוגענעם כח און באַלד זיך צוריקגע־צויגן אין זיין דערשרעק אַריין...

און דאָס וויסטע ציטערניש האָט דערווייל אַלץ מער און מער אַריינ־גענומען דעם גאַנצן לאַגער אין זיינע אָרעמס אַריין.

— 6 —

ווי שטענדיק דאַרף פּרעדזשע נאָר געניי באַשליסן אין זיך וואָס צו טון. דערנאָך גיט זי אַ זוך אויס אין זיך אַ משוגענע מינוט, אין וועלכער

זי פֿאַרלירט אומישנע איר גאַנצע איבערגערעכנטקייט. איז עס טאַקע געשען ראַפּטום. זי איז צוגעגאַנגען, אָנגענומען הענטכן ביי דער האַנט און אַזויווי באַפֿוילן:

— הענעך...

זיינע אויגן האָבן זיך אַ סעקונדע געצאַפּלט אין אויפֿרעגונג. זיין צוגעבערענט פּנים האָט זיך געצונדן, געראויטלט און געבלויט... אָט באַלד וועט ער זיך צעקאָכן און אַרויסשיסן פֿון זיך דאָס גאַנצע ביטערניש פֿון דער גאַנצער ווערק־צע־צייט! אָבער פּרעדזשע האָט שוין גערעדט אָן אַ מאָס, נישט געהערט אפילו וואָס אירע ווערטער זאָגן דאָרט... זי האָט נאָר אַרויפֿגעלייגט עטלעכע פֿינגער אויף זיינע ליפּן, בכדי צו פֿאַרהאַלטן זיינע רייד. דערנאָך האָט זי פֿאַרוואָרפֿן איין האַנט אירע איבער זיין האַלדז און דערשפּירט ווי ער ווערט אָנגעגאָסן מיט אַזאַ בייזן און גליקלעכן פֿיבער׳, וואָס נעמט ביי אים סייווי צו דעם לעצטן ווילן צו רייד. ער איז מיטאַמאָל קליין געוואָרן, פֿאַרלוירן־קינדיש און ווי אָן זיין וויסן האָט ער זיך ענגער צוגעטוליעט צו איר, געוואָלט דערטאַפּן מיט אַלע זיינע אברים איר נאָענטקייט, אַז דאָס איז טאַקע אמת...

אין אַזעלכע סעקונדן ווערט פּרעדזשע באַטראַכט, אויסגערעכנט:

— הענעך... דו ביזט שלעכט! פֿאַרשטייסט אַזויפֿיל און פֿאַרשטייסט גאָרנישט... דו ווייסט אַז מיר האָבן עפּעס געהאַט אַמאָל צוזאַמען, אַ וועלט אַ גאַנצע! איצט האַלטסטו אין האַנט אירע לעצטע פֿעדעם, שרייבסט צו זיי און זיי שרייבן צו דיר... דאַרף איך שוין גאָרנישט וויסן פֿון זיי? עקזיסטירן זיי נישט פֿאַר מיר? ווילן זיי עס אַזוי, אָדער דאָס האָסטו אַליין נאָר אַזוי באַשלאָסן פֿאַר זייערטוועגן? זאָג מיר, ווען וועסטו צונעמען ביי מיר די מעגלעכקייטן, אַז איך זאָל עס ביי זיי אָנפֿרעגן? דו האָסט שוין דיין משפּט אַרויסגעטראָגן?

זי האָט עס אַרויסגעזאָגט מיט געווייניקע ליפּן. איר שטימע האָט זיך איינגעבראָכן, געבויגן זיך אונטער דער משא פֿון די ווערטער און די אויגן זענען גרעסער געוואָרן ביי איר, אָפּענער... אירע פֿינגער האָבן מיט היציקער צעחושטקייט געבלאָנקעט איבער זיין האַלדז, ביי די האָר זיינע און ער האָט דערביי עפּעס אָנגעהויבן שטאַמלען און נישט געקענט ענדיקן... די איבערראַשונג איז געקומען אַזוי האַסטיק, אַז ער האָט זיין גאַנצן געדאַנק געמוזט אָנשטרענגען אויף איין פּונקט: איז עס זי? פּרעד־

דזשע? וואָס עס קומט נאָך דעם, האָט ער שוין מער נישט געקענט קלערן, נישט געקענט באַשליסן. דערצו האָט ער געדאַרפט נאָך אַ שטיק צייט און זי האָט דערווייל אַלץ גענומען אָן ווידערשטאַנד.

נאָך אין יענעם טאָג האָט זי ביי אים אַרויסגעצויגן מיט וועמען מען דאַרף זיך זען; וואָס מען דאַרף טון און פון וועמען מען דאַרף אָפּוואָרטן דעם ענטפער. אַ שטיק אַמאָליק לעבן איז פרעדזשען געפאַלן אין די אָרעמס אַריין — און זיי ביידע צוריק פאַרבונדן מיט אַ דינעם פאָדעם... נאָר הענעך איז דערביי צעטרייסלט געוואָרן. צופיל אויף איין מאָל! אויף זיינע אויגן האָט זיך אַראָפּגעזעצט אַזאַ גוטער, פייכטער נעפּל וואָס האָט אים געוויגט, געצויגן ערגעץ... ער האָט אַליין נישט געוווסט, ווי אַזוי די היץ איז אים באַפאַלן. דער מח האָט נישט געקענט אויסטראָגן דאָס אַלץ — און ער האָט זיך געוואַקלט, געוואַקלט און געפילט ווי איר געזונט, אויסגעקייַלעכט לייב האַלט אים אונטער... טראָגט אים ערגעץ...

אַלע געדאַנקען האָבן זיך אין דער מינוט אַנגעשיכורט ביי אים און זיי זענען געלעגן מאַכטלאָזע אין יעדן ווינקל פון זיין מח. ער האָט נאָר געקענט לאָזן זיינע אברים שפּירן די אומגעריכטע ווייכקייט איבער זיך, וואָס איז זיך צעלאָפן מיט ווילד־געוואָרענעם אַנזאָג איבער אַלע קעמער־לעך זיינע. עס איז אים אַזוי גוט געוואָרן איצט צו זיין קראַנק, מאַכטלאָז און נאָר די וואַרעמע הענט אויף זיין האַלדז זאָלן טון, דאָס וואָס זיי האָבן אָנגעהויבן צו טון. ווייטער גאָרנישט...

ווען הענעכס אַנדערע פריינט זענען אָנגעלאָפן איז ער שוין געלעגן איינגעדעקט מיט אַ קאָלדרע אויף אַ בעטל. ס'איז נישט געווען קיין בלוי־זע חלשות. ער איז טאַקע קראַנק געוואָרן. זיי האָבן אויך מער נישט גע־האַט וואָס צו פרעגן. ביים צוקומען האָבן זיי שוין געטראָפן שטיין פרע־דזשען אָן אַריבערגעבויגענע איבער אים, מיט צוגעגרייטער און צוגע־שניטענער זאָרג. ער איז שוין דאָן געלעגן מיט די צעגליטע אויגן און זיינע פאַרברענטע ליפּן האָבן מיט אַ שטרענגער ליבשאַפט געהאַלטן אין איין איבערחזרן פאַרבענקט:

— גיי נישט אַוועק, פרעדזשע... גיי נישט!

דער גאַנצער באַנד פון עקשנות איז צעשמאָלצן געוואָרן אין זיין היץ. האָבן זיך געקענט אַרויסבאַקומען פון אים אַלע באַהאַלטענע רייד און מיט אָפענער חוצפה אַרומשפּאַצירן אויף זיין מויל, אויף זיינע צעקרומטע

באקן — אַזויווי זיי וואָלטן קיינמאָל נישט געווען קיין תפיסהניקעס אין זיין אָפּגעשטעלט האַרץ...

אפילו די פון הענעכס פריינט, וואָס האָבן פרעדזשען געהאַסט, האָבן איצט נישט געקענט אַרויסברענגען קיין וואָרט פון מויל. זיי זענען געשטאַנען איינגעזונקענע אין זיך, נישט געלאָזט זייער אויג־פייכטקייט זיך צעגיסן איבער די פּנימער — האָבן זיי זיך אָפּגערוקט פון בעטל און געוואָרט אויף עפּעס, וואָס זאָל געשען פון זיך אַליין. דער גאַנצער, איינגעשלאָסענער הענעך האָט איצט אויפגעפלאַצט, אויפגעשפּאָלטן זיך... אַלע אינעווייניקסטן זיינע קריכן איצט אַרויס אין דרויסן — און קיינער פון זיי האָט נישט מיט וואָס דעם פאַרשעמטן ריס צוצונייען, צוצודעקן... האָבן זיי נאָר צוגעזען מיט כעסדיקער גערירטקייט ווי פרעדזשע בויגט זיך אַראָפּ איבער אים, גלעט זיין צעגליטן שטערן מיט די נאַסע האַרשפּיצעלעך, וואָס קלעפּן זיך צו זיינע באַהאָרטע ברעמען און זי שעפּטשעט דערביי מיט אַ קינסטלעך־פייכטער שטים:

— ווו גיי איך דען אַוועק? קוק מיך אָן, הענעך... איך שטיי נעבן דיר... זעסט מיך? קיינער פון די אַנגעלאָפענע האָט זיי מער נישט געוואָלט שטערן. האָבן זיי זיך איינציקווייז אַרויסגעשאַרט פון באַראַק און אפילו נישט געזען ווי פרעדזשע זעצט זיך אַוועק מיט פאַרזאָרגטקייט איבערן קראַנץ פון הענעכס בעטל, כאָטש זי האָט אַזוי געוואָלט אַז זיי זאָלן עס זען...

זי האָט זיך ערשט אויפגעכאַפּט ווען מעכעלע איז אַריינגעקומען און געבליבן שטיין מיט אַן אויפגעריסן, איבערראַשט מויל.

# קאַפּיטל פינפאונדרייסיק

— 1 —

ערשט איצט האָט פרעדזשע געפונען אויפסניי דאָס לעבן. זי האָט אפילו איר יאָסלען צוריק ליב באַקומען. נאָכן אָפּליגן נעבן קראַנקן הענעך אַ פּאָר שעה, גלעטן אים און דערלאַנגען אַלץ וואָס ער וויל — האָט זי זיך געפילט לייכטער, גאַנצער... פון אים האָט זי אָנגענומען אַלץ, וואָס

איר האָט געפעלט אין די פּוסט־געוואָרענע טעג, מיטן אויסגעגלעטן קינד אין רויטן סוועטערל... נאָר נאָכן זיצן אַרום הענעכן לאַנגע שעהען, אייַנ־הערן זיך אין זייַנע אָפּגעהאַקטע קרעכצן — איז ביי איר אויסגעוואַקסן די בענקשאַפט אַ כאַפּ צו טון אַ שטיק געזונט לעבן אין דער האַנט אַרייַן און טאַנצן דערמיט, זיך אַרייַנגיסן דערין מיט דער גאַנצער פאַרגעסנ־קייט... האָט שוין אויף איר יאָסל געוואַרט אין איר אָפּגעצוימט ווינקל און זי איז צו אים געלאָפן, געריסן אים צו זיך, געשטיקט אים מיט שכורן פלאַט...

ערשט איצט ווייסט זי, ווי אַזוי עס וואָלט פאַר איר גוט געווען. זי וואָלט געדאַרפט אַז הענעך זאָל געזונט ווערן, אויפשטיין פון בעט און דאַן... דאַן זאָלן יאָסל און הענעך זיך צוזאַמענגיסן אינאייינעם, נישט אָפּ־לאָזן זיך, נאָר אומעטום גיין צוזאַמען... עפּעס אַזאַ מענטש מיט צוויי קעפּ און פיר הענט! אפילו ווען מ'וועט דאַרפן לויפן — זאָל אָט דער טאָפּל־טער מענטש לויפן צוזאַמען — און זי זאָל אים האַלטן אָנגענומען ביי דער האַנט. ווען עס וועט זיך איר ווען — זאָל פון אים אַרויסקוקן הע־נעכס שאַרפער בליק, זיין צעקרייזלטער שויבער — און ער זאָל רעדן, דערציילן איר און זאָגן אַזויפיל גוטע רייד... און דערנאָך, ווען זי וועט שוין מיד זיין פון רעדן און הערן — זאָל זי קענען אויסשטרעקן די הענט און אַרומנעמען אים... זי זאָל דערביי זען אַז דאָס וויקלט זי זיך אַרום יאָסלען און דערביי זאָל זי וויסן אויף קלאָר, אַז דאָס נעמט זי אויך אַרום הענעכן; אַז ער ווייסט דערפון און פילט עס אויך... און זי זאָל וויסן אַז ער איז גאָרנישט בייז דערפאַר, אַז אויך ער איז איצט גלאַטיק פון יאָסלס גלאַטקייט און ער שמייכלט גאָר אַזוי גליקלעך און אייַנגע־שטומט — — —

נאָר אַז עס איז נישט מעגלעך — רייסט זי זיך אָפּ גאָר שפּעט פאַר־נאַכט פון הענעכס בעטל און לויפט צו יאָסלען. דערנאָך רייסט זי זיך אָפּ אין מיטן נאַכט פון יאָסלען און לויפט זען וואָס מיט הענעכן איז... זיי זענען צעטיילט — און אויך זי מוז זיך טיילן אין צווייען — דערנאָך וועט זי זען!

ווי גוט זי פאַרשטייט עס! אָבער ווען מעכעלע הערט עס — קוקט ער זי אָן עפּעס אַזוי פאַרדראָסיק־נאַריש... ער קען זיך אפילו נישט באַ־הערשן:

— פרעדזשע... איר דאַרפט זיך מעסטן די היץ... איר זענט אָנגע־שטרענגט און אויך אינערלעך לעבט איר איבער אַ געראַנגל וואָס קען אייך ווייט פאַרפירן... געדענקט!

פרעדזשע איז אָבער רואיק. וואָס ווייסט אַזאַ יינגלטשינע פון אַזעל־כע זאַכן? זי שמייכלט נאָר מיט אַ קראַנקן פינקל אין די אויגן:

— אַז דאָס איז גאָרנישט... כ׳ווייס דען נישט?

זי מיינט נאָר, אַז ווען אויף דער וועלט וואָלט אַנדערש געווען — וואָלט עס זי נישט געאַרט... אין דעם גייט עס! די ערשטע וואָלט זי גע־ווען וואָס וואָלט אַזאַ מין שטייגער לעבן געטראָגן מיט אַ שמייכל אויף זיך... און אפשר דאַרף מען טאָקע געבן דעם ערשטן ביישפּיל? עס וואָלט זיכער אַזויפיל אומגליקן איינגעשפּאַרט אויף דער וועלט! אַזויפיל ליידן וואָלטן אָפּגעווישט געוואָרן... די מענטשן דאַרפן זיך נאָר צוגעווינען צום געדאַנק אַז מען קען אַזוי. זי האָט לאַנג אין דעם אַריינגעטראַכט. עס איז איר שלעכט געווען כל זמן זי האָט זיך נישט דערטראַכט דערצו. איצט ווייסט זי אויף זיכער אַז זי וואָלט אין זיך געפונען די גרענעץ אָפּ־צוטיילן פאַר יעדן איינעם דאָס זייניקע. מעכעלע קען עס באַמערקן שוין איצט... ער וועט זען ווי אַזוי זי גייט ווייטער מיט יאַסלען, פירט זיך מיט אים אין די פאַרנאַכטן און... אָבער וואָס איז דאָס וויכטיק? יאָ, איצט האָט זי אים נאָך מער ליב. דאָך קומט זי צו הענעכן און זי היט אים צו מיט אַלע מיטלען...

מעכעלען שטעכן אירע רייד, וואַרפן אים אַריין אין אַ קלעפּיקער היץ אַריין — ווייל ער זי אַריבערפירן אויף אַ צווייטן שמועס. דאָס וויל ער וויסן פאַרוואָס זאָל מען טאָקע נישט אַריבערטראָגן הענעכן אין שפּי־טאָל־באַראַק אַריין... ער האָט זי שוין איינמאָל געפרעגט. דאָס האָבן שוין געפּרוווט טון הענעכס חברים אויך. פרעדזשע לאָזט זיך אָבער נישט. אָוועקטראָגן אים? איבערגעבן אין די הענט פון די ווייס־כאַלאַטיקע מייד־לעך, צווישן אַ מחנה יידן פון בלויז ביינער און קרעכצעלעך? זי וועט נישט לאָזן! נאָר זי וועט אים צוהיטן, נישט אַרויסלאָזן פון די הענט! זי וועט נישט לאָזן מען זאָל אים ביי איר צונעמען. ער איז אירער...

זי האָט איצט אין הענעכן געפונען עפּעס אַזוינס וואָס דאַרף איר פאַרענטפערן די וועלט, לייכטער מאַכן אַלע אירע גענג. זי וויל שוין מער נישט פיבערן אין די נעכט, זען די שאָטנס טאַנצן איבער איר... און זי

וויל מער נישט פילן יאָסלס פינגער אויף זיך, אַזיווי קליינע נקמה־וועד רעמלעך וואָס זויגן פון איר אויס דאָס גאַנצע ביסל חלום... זי וויל נישט!

האָט טאַקע מעכעלע צוגעזען מיט טרויעריקע אויגן, ווי אַזוי הענעך קומט ביסלעכווייז צו זיך אונטער פרעדזשעס הענט. ער האָט זיך שוין אפילו גענומען אויפזעצן, אַראָפּגיין אַ פּאָר טריט פון בעטל און דערבײַ זיך צוהאַלטן מיט דער צוריק־אויסגעדאַרטער האַנט ביי אירע אַקסל. מעכעלע האָט אפילו געזען ווי יאָסל קומט אַמאָל צו אַ פאַרשעמטער צו הענעכס באַראַק, שטעלט זיך אַוועק שטום און וואַרט ביז ער וועט קענען פון זיך אַרויסברענגען:

— ווי אַזויזשע גייט עס אייך, פּאַניע הענעך? בעסער אַביסל? אוי, ווי איך פריי זיך!

הענעך בייזערט זיך שוין אפילו נישט. ער זעט אויס ווי אַ קראַנקער, וואָס קען דעם באַרג מיט עסן נעבן זיך נישט פאַרדייען — דערפאַר אַרט אים נישט וואָס יעדער איינער שטעקט אויס אַ האַנט און נעמט דערפון וואָס ער וויל, כאָטש דאָס געהער צו אים. ווען הענעך וויל אַרויסגיין אין דרויסן כאַפּן לופט און פרעדזשען אַליין איז שווער אויסצוטראָגן זיין לאַסט — פאַרלייגט אפילו הענעך די צווייטע האַנט אויף יאָסלס ווייכע אַקסלען און יאָסל מיט פרעדזשען פירן אים ווי אַ קראַנק, בשותּפותדיק קינד. זיי נעמען זיך נאָר ביידע אָן הינטערווײַלעכץ פעסט פאַר די הענט, שאַפן פאַר הענעכן אַ הינטערשטן אָנשפּאַר און ביידנס בלוטן ווינקען זיך דערבײַ פריילעך איינס צום צווייטן דורך די פעסטע פינגערקלאַמערן...

— 2 —

זי האָט אירס אויסגעפירט, פרעדזשע. הענעך איז אין שפּיטאָל אַריין נישט געגאַנגען. זי האָט אויך ביסלעכווייז אָפּגעשטויסן די אַלע פריינט און חברטעס, וואָס האָבן זיך גענומען צוטוליען צום נייעם הענעך, וואָס האָט געלט און קאָנטאַקטן. ווי נאָר עס איז ווער פון זיי געקומען אַ בליק טון וואָס ער מאַכט און אויב מען דאַרף אים עפּעס אַריינברענגען — האָט זי זיך אַראָפּגעבויגן טיפער איבער אים... זי האָט אים געגלעט די האָר, געשפּילט זיך מיט זיי און אפילו צולהכעיסדיק אים גע־

קושט דעם שטערן, אַז יענע זאָלן זען. איז ער שוין מיט איר געגאַנגען ווען ער האָט זיך אויסגעגלייכט, געזונטער געוואָרן.

זי האָט שוין געוווסט ווי אַזוי איינצוטיילן איר צייט און באַוויזן איינצוהאַלטן יאָסלען אין זיין אונטערטעניקער הויט. הענעך האָט באַלד נישט פאַרלאַנגט קיין סך. ער האָט מער גאָרנישט געזאָגט. ווען זי איז אַריינגעקומען — האָט ער זי אויפגענומען מיט אָפענער פרייד און אָנגענומען וואָס זי האָט אים געגעבן. זי האָט אפילו ווידער גענומען אָנטייל אין זיינע פאַרבאָרגענע שמועסן, וואָס ער האָט געפירט מיט עטלעכע מענטשן פון לאַגער. זי האָט צוריק גענומען אַריינמישן זיך, געבן עצות און מיטהעלפן אויסאַרבעטן פלענער — פונקט ווי אין די אַמאָליקע וואַרשעווער צייטן. דאָס בעסטע אָרט זיך צוזאַמענצוקומען איז געווען דאָס שטיקל וואַלד אַרום דעם נייעם שפּיטאָל. דאָרט נישט ווייט איז געווען דער טאַנץ־פּאַרקעט און דאַנעבן זענען געווען פרישע בענק פאַר די קראַנקע. הענעך האָט סייווי געדאַרפט לופט — איז דאָרט שוין צוגעקומען די גרופּקע פון הענעכס חברים סודען זיך.

דער הויפּט־רעדנער פון דעם קרייזל איז געווען דער אַלטער בונדיסט און פיקרינער אהרן טשאַק. ער איז געווען אַ געבוירענער אין שידלאָוויעץ, נישט ווייט פון ווערק צע און ער האָט דערפאַר געקענט אַלע שטעגלעך און וואַלד־קנייטשלעך פון דער גאַנצער געגנט. טאַקע ער אַליין האָט געדאַרפט איינשטעלן קאָנטאַקט מיט די געבליבענע פּוילישע סאָציאַליסטן פון דער נאָענט. ער האָט אָנגעגעבן אין „דרויסן" זייערע נעמען און אַדרעסן. דערנאָך האָט זיך שוין ווער געוועגדעט צו זיי און פאַר געלט צוגעגרייט באַהעלטענישן פאַר די לעצטע טעג, ווען די גרופּע וועט זיך אַרויסרייסן פון לאַגער...

ערשט נישט לאַנג איז טשאַק שוין געווען געשוואָלן. דאָס פּנים איז געווען אַדורכגעברענט פון געלקייט און ער האָט שוין קיין קול מער פון זיך נישט געקענט אַרויסברענגען. איצט האָט ער אויך באַקומען געלט פון הענעכס קאָנטאַקטן — און ער איז ווידער געוואָרן רירעוודיק, פול מיט האָפענונג... האָט ער געהאַלטן אין איין באַווייזן, אַז מיט זיינע מקורות זענען זיי די זיכערסטע אין לאַגער.

צווישן זיך האָבן זיי שטאַרק געקליבן, ווען מען מיט זיך מיטצונעמען. דאָס האָט געדאַרפט זיין אַ סוד נאָר פאַר געציילטע. דערפאַר האָט

מען זיך שטיל אַרומגעקליבן נעבן הענעכן און געהאַלטן אין איין בראָ־קירן די גרופּע. אַלע האָבן זיי גערעדט שטיל, קוים געברענגט די ווער־טער איבער די ליפּן. בלויז פרעדזשע האָט זיך געהיצט, געקאָכט זיך און דווקא געוואָלט באַפעלן איבער אַלעמען.

צווישן די ערשטע פאַר די באַהעלטענישן זענען געווען דער צוויי־טער פּאָליציי־קאָמענדאַנט פעלדמאַן מיט בלומטשען. דערנאָך זענען גע־קומען הענעך מיט פרעדזשען און אהרן טשאַק אַלס וועג־פירער. וועגן די אַנדערע חברים האָט מען זיך געאַמפּערט. פרעדזשע האָט דווקאָ גע־וואָלט באַהאַלטן אַ פּלאַץ פאַר נאָך איינעם, אירס אַ מענטש וואָס זי האָט ביים נאָמען נישט געוואָלט אָנרופן. די אַנדערע האָבן געוווּסט וועמען זי מיינט און געבּליצט כעסדיק מיט די אויגן, זיך קעגנגעשטעלט... זיי האָבן זיך נאָר געוווּנדערט וואָס הענעך זיצט דערביי און שווייגט. זינט זיין איבערבעטן זיך מיט פרעדזשען איז ער צוריק געוואָרן איינגעצויגן אין זיך, אויסגעמאַטערט... ער האָט אויף איר נאָר געהאַלטן אין איין קוקן און געשראָקן זיך צו זיין דעצידירט. אַלעמאָל האָט ער נאָר צוגעענדיקט מיט רעזיגנאַציע אירע רייד:

— נו, מילא... זאָל זיין אַזוי!

בלויז דער קאָמענדאַנטישער פעלדמאַן האָט נישט געוואָלט נאָכ־געבן, אפילו ווען פרעדזשע האָט אים נצחונדיק אַריינגעשמייכלט אין די אויגן אַריין. זי האָט געהאַט אַ באַזונדערן כעס צו הענעכס נאָענטע פריינט, וואָס האָבן זיך מיט אים אָפּגעגעבן די גאַנצע צייט וואָס זי איז געווען פון דערווייטנס. ווען עס איז געקומען צו רייד וועגן דעם אַלטן לאָדזשער בונדיסט, וואָס האָט לעצטנס געפירט מיט הענעכן אַלע סוד־דות און קאָנטאַקטן — האָט זיך פרעדזשע געקאָכט, פאַרביסן מיט די ציין:

— ניין!

און וויפל מען האָט זיך מיט איר נישט געדונגען, האָבן אַלע גע־שפּירט אַז יענעמס גורל איז שוין אַ געחתמעטער. מען האָט זיך נאָר גע־מוזט איינבעטן ביי איר, אַז זי זאָל דעם באַשלוס כאָטש האַלטן בסוד פאַר יענעם, ווייל פרעדזשען האָט זיך דווקא געגלוסט איבער יענעם צו טריאומ־פירן באַצייטנס. דאָס האָט זי געוואָלט אָפּמאָנען ביי אים אַ חוב, אַ כעס

פאַרן טיילן זיך מיט אַזעלכע סודות וואָס האָבן געהערט צו איר — אָן איר וויסן. דערפאַר אָבער האָט זיך איר איצט געוואָלט ווייזן איר הער־שאַפט פאַר אַזעלכע, אין וועמענס אויגן זי האָט זיך נאָך אַלץ געפילט שולדיק און געפאַלן. וויפל מאָל מען זאָל נישט האָבן אָנגעזאָגט, אַז די פּלענער מוזן געהאַלטן ווערן שטרענג בסוד — האָט זי זיך נישט גע־קענט איינהאַלטן ביים אָנטרעפן מעכעלען:

— איר וועט גיין מיט אונדז?

מעכעלע האָט נישט געוווסט וואָס זי מיינט. אָבער פרעדזשע האָט פריילעך אונטערגעוווּנקען מיט אַן אויג:

— מיר וועלן זיך יאָקאָש שוין ראַטעווען... אַ פּלאַן האָבן מיר — געזונט־אייזן! נאָר עס ווילט זיך נישט בלייבן אַליין אויף דער וועלט... און דאָ האָב איך נאָך עפּעס צו זאָגן דערביי! איך נעם מיט יאָסעלען מיט זיך. איר וועט זען. נאָר איר זענט מיר אויך אַ שאָד. עס וועט מיר זיין פריילעכער ווען איר וועט מיטקומען. נאָר פריער מוז איך נאָך איבער־רעדן מיט הענעכן. זאָל ער אויך וויסן. אָבער איר דאַרפט זיך נישט האַלטן אַזוי אָפּגעזונדערט. דאָס האָט אַ סך צו זאָגן. וואָס אַרט אייך אַז איר וועט צוקומען צו מיר פאַרנאַכט... צו הענעכן... אַזוי ווילט זיך אייך אַלץ באַטראַכטן ווי אַ פרעמדן... פאַרשטייט מיך... אַלזאָ, לאָמיר זיך אָפּטער זען און איר וועט עס נישט באַדויערן...

מעכעלען איז טרויעריק געוואָרן. עפּעס רעדט זי אַזוי, גלייך ווי אַלעמענס לעבנס און גורלות ליגן ביי איר אין די הענט. זי דאַרף נאָר וועלן — און זי קען ראַטעווען! ער האָט געוואָלט שמייכלען צו איר, גע־פעלן ווערן און באַוואָרענען זיך אויף דעם לעצטן פאַל — נאָר זיין שטאָלץ האָט אים נאָך מער אָנגעכמורעט. איר דערמאָנען וועגן רעדן מיט הענעכן האָט אים אַריינגעטריבן אין אַזאַ משונהדיקער בייזקייט אויף איר. דער־פאַר האָט ער אויסגעהערט אַלץ און אָן איין וואָרט זיך אַוועקגעלאָזט ווייטער. ער האָט זיך אפילו נישט אומגעקוקט, ווען איר שטיפעריש פינ־גערל האָט אים געדראָט:

— אָבער געדענקט... ווייזט זיך צו אונדז און דערביי זאָל קיינער, אפילו פון אונדזער גרופּע נישט וויסן אַז איר ווייסט עפּעס דערפון...

מעכעלע האָט באַשלאָסן די גאַנצע גרופּע נאָך מער אויסצומיידן. אָבער אַ טיפער געפיל האָט אים נישט געלאָזט זיי אויסמיידן אין גאַנצן.

עס האָט אים גענומען ציען צו די ביימער פון וועלדל נעבן שפּיטאָל. ער האָט זיך אַוועקגעזעצט צווישן די קראַנקע פּיקרינער, געפּרווט פאַרציען אַ שמועס מיטן מקובל, מיטן קראַנקן איובניק, מיט אַלע אַנדערע מענטשן וואָס האָבן זיך דאָ אַרומגעדרייט... דאָס האָט ער פאַר זיך אַליין געוואָלט אויסבאַהאַלטן, אַז ער שפּאַנירט דאָ עמעצן נאָך. ער האָט גאָר געוואָלט זען פון ווייטנס ווי דער געלער אהרן מיט דער חברה פירן די אונטער־האַנדלונגען צווישן זיך, מאַכן פּלענער... פון ווייטנס האָט אים פרעדזשע אַמאָל פריילעך אַ ווונק געטון מיט אַ האַנט. דאָס האָט אים געדאַרפט זאָגן, אַז עס האַלט שוין אויף אַ דרך און אַז זיי האָבן שוין אַלץ געגרייט. אַ ווייטיק האָט מעכעלען אַרומגענומען: די מחנה קראַנקע וואַקסט פון טאָג צו טאָג... אויך דער סוף רוקט זיך נענטער און נענטער! דער סוף? ניין, נישט בלויז פון דער מלחמה! באַלד וועט מען אַלעמען אַרומרינגלען און... יאָ, אַלע וועלן ליגן שטייף און אויסגעצויגן... בלויז יענץ גרופּקעלע, מיט וועלכן פרעדזשע קאָמאַנדעוועט איצט אַזוי, האָט אַ פּלאַן... אַן אויסוועג! זיי וועלן נאָך שפּעטער אַרומגיין אויף דער ברייטער וועלט, לאַכן און אָטעמען... און דערנאָך וועלן זיי זיצן אין וואַרעמע שטובן און דערציילן זיך וועגן ווערק צע, ווי אַזוי זיי האָבן זיך אַרויסגעראַטעוועט... עמעצער פון זיי וועט זיך דערמאָנען ווי אין חלום ווער עס האָט אַלץ גע־לעבט דאָרט אַמאָל; פרעדזשע וועט אפשר מיט אַ לייכטן זיפץ אָנרופן זיין נאָמען אויך — און דערנאָך זיך ווידער צעלאַכן... און ער וועט שוין דאָן ליגן און פוילן... פאַרוואָס?

מעכעלען ווילט זיך פּלוצים אויפשטיין, צורייסן זיך צו יענעם קריי־זעלע און מאַכן אַ געוואַלד, זידלען זיי:

— אַלעמען דראָט דאָ דער טויט און איר אַליין האָט דעם שליסל אַרויסצוגיין! זיצט איר דאָ אַזוי און קוקט אויף אונדז אַלעמען ווי אויף דערשאָסענע... בלויז איר אַליין האָט זיך אָפּגעקליבן אַ פאַרציע לעבן, וואָס איר האַלט פאַרשטעקט ביי אַ פּויער אין דאָרף פאַר זיך אַליין! איר קוקט און אייך לאַכט זיך פון די אַנדערע, ס'איז אייך פריילעך, האַ? אָבער ביי מיר וועט איר באַלד אַרויסלייגן די פּלענער אויפן טיש... אָבער שוין!

דער דאָזיקער אויפגערייצטער ווילן אין מעכעלען ווערט אַזוי בולט,

אַז ער מוז זיך אויפשטעלן, אַוועקלויפן ווייטער... אַז נישט, וועט ער מוזן זיין גאַנצן שטורעם וואַרפן איבער יענעמס קעפּ.

— 3 —

ס'איז אייגנטלעך נישטאָ וואָס בייז צו זיין. אין יעדן ווינקל טשעפּען זיך צונויף עטלעכע מענטשן, וואָס מאַכן צווישן זיך פּלענער צום אַנטלויפן אין דער לעצטער מינוט. מעכעלע ווייסט עס און קען נישט צוגיין אייגבעטן זיך ביי קיינעם. זיין באַקאַנטער פּאָליציאַנט מאַניעק האָט אויך אַ פּלאַן. נעבן צווימער געפינט זיך זיין ווייב אין אַ דאָרפישן קעלער מיט נאָך אַ פּאָר יידן. דאָס איז נעבן דער ווייסל. האָט ער שוין געשריבן עטלעכע בריוו און צוזאַמען מיט נאָך עטלעכע היימישע פּלאַנט ער צו מאַכן אַ שפּאַציר אַהין, ווען עס וועט שוין קיין עצה נישט זיין. אָבער דאָרט זענען די פּלעצער באַגרענעצט און מען דאַרף האָבן אַ סך געלט דערצו. ער באַדויערט מעכעלען און האָפט נאָך אין דער לעצטער מינוט צו געפינען אַ שטיקל עצה אויך פאַר אים... אויך זיין גרופּע טרעפט זיך אין אַ וואַלד־ווינקל, מען זאַמלט צווישן זיך טויזנטערס און מען פּאַטשט זיך צופרידן אין די הענט אַריין...

אומעטום שטייען אַזעלכע קופּקעלעך, היטן זיך פאַר יעדן און פאַר קיינעם נישט. מען דאַרף זיך ראַטעווען! און אומעטום שטייט מעכעלע אַביסל ווייטער. אַלע זעען אים, האַלטן עס נישט פאַר קיין סוד און זענען זיך מיט אים אפילו מיישב — אָבער יעדער איינער דאַרף ערשט נאָכזען, אויב עס וועט זיך לאָזן אויך אים אַרייננגנבענען. עס דאַרף קאָסטן... און קיינער האָט אַליין נישט גענוג. צי פון די אַלע טראַכטענישן וועט עפּעס ווערן, ווייסט נישט מעכעלע. עס איז אים נאָר באַנגיק פאַרוואָס ער קען אפילו פון דעם נישט טראַכטן. ער האָט נישט קיין באַקאַנטע אין דרויסן, דעם וועג ווייסט ער אויך נישט און אפילו קיין שטיקל געווער קען ער פאַר זיך נישט קריגן.

אָבער בעטן זיין לעבן פון אַזעלכע גרופּקעלעך וועט ער נישט. דאָס מאַכט זיי נאָר שווער און מען וועט אים נאָך מער אויסמיידן. אפילו פרעדזשען וויל ער מיט קיין וואָרט נישט בעטן. זאָל געשען וואָס עס וויל! נאָר דאָס ביסל געוויינטשאַפט צום לעבן לאָזט פאָרט נישט וואַרטן ביז

צום סוף, די הויפּט־פּאַליציאַנטן פון לאַגער גייען אַרום כּסדר פריילעך און שכּור. אויך זיי מוזן האָבן זיך באַזאָרגט מיט אַ זיכערן אויסוועג. אַפילו דער הויכער שמעון שאַפּיראָ מיט זיין פלימעניקל האַלטן אין איין לויפן אַהין און צוריק מיט אַ פאַרגליווערטער שמחה אויף די פּנימער. הונדערטער מענטשן פון לאַגער טראָגן מיט זיך אַזאַ פאַרבאָרגענע קמיע און מעכעלען דוכט זיך אַז נאָר ער איינער איז פאַרשלאָפן די לעצטע צייט פון צוגרייטן זיך. ער האָט גאָר געחלומט, פילאָזאָפירט בשעת אַנ־דערע האָבן זיך אָנגעגרייט אַ לעבנס־העמדל... דערפאַר טאַקע איז ער אַרויסגעשטויסן געוואָרן און קיינער וועט מיט זיך נישט וועלן פירן אַזאַ שלימזל, וואָס דערמאָנט אַפילו נישט קיין וואָרט וועגן ראַטעווען זיך.

אייגנטלעך פירט זיך אין לאַגער אַלץ אַזויווי געוועזן. נישט מער: קיינעם ליגט שוין נישט צופיל אין קאָפּ דאָס מאָלן און אויסווייסן די בעטן מיט די צימערן. מעכעלע איז געוואָרן אַזויווי הפקר. ווער עס וויל — שלעפּט אים צו אַנדערע אַרבעטן, סיי בייטאָג און סיי ביינאַכט. די קאָמענדאַנטן זינקען אַלץ מער אַריין אין זייערע סודות, דערפאַר אָבער האָבן די פאַבריקס־פּאָליציאַנטן זייערע צרות. די מייסטער פון די האַלעס דונערן, פאַרוואָס די קראַנקע מערן זיך פון טאָג צו טאָג און זיי מוזן אַרויסשלעפּן יעדן געזונטן צו פאַרשידענע אַרבעטן.

אויך מעכעלע מיידט נישט אויס קיין טאָג, אין וועלכן ער זאָל נישט אַרבעטן פאַר דער פאַבריק. הויפּטזעכלעך מוז ער העלפן די טראַנספּאָרט־אַרבעטער וואָס האַלטן אין איין לאָדן די צוגן מיט געווער. וווהין גייען זיי? קיינער טאָר עס נישט וויסן. די פּראַכט־צעטלען ווערן דאָ נישט אַרויפגעקלעפּט. דאָס טוט מען ערשט ווייטער. אַלע זעען אָבער, אַז דאָ ציט מען אַרויס אַלצדינג און מען שיקט עס אַוועק. די מאַגאַזינען ווערן אַלץ ליידיקער און ליידיקער. די ערד נעמט נאָך שאַרפער ציטערן און וואַרפן זיך פון דער דונערנדיקער אימה... טאָ וואָס וועט דאָ זיין?

צו די יידן האָט מען אויפגעהערט צו האָבן צוטרוי. אַפילו די לאָ־קאָמאָטיוון הערן ביסלעכווייז אויף אַריינצוקומען אין ווערק אַריין. מע־כעלע מיט זיינע חברים מוזן שלעפּן די וואַגאָנעס ביז צו יענער זייט דראָטן. ערשט דאָרט קומט אַ לאָקאָמאָטיוו און איז זיך מזווג מיט די אָנגעפּראָפּטע וואַגאָנעס. עס זעט אויס אַז באַלד וועט אין ווערק צו קיין איין גראַנאַט נישט בלייבן. מען האָט אַפילו אויפגעהערט רעדן וועגן דער

גרויסער אינטענסיוויטעט, וואָס ווערק צע ווערט מוזן אַרויסווייזן. אויס מיט די פּלענער פון פאַרגרעסערן די פאַבריק, פון שיטן מיט טויזנטער גראַנאַטן אַ שעה! אויך די מייסטער דרייען זיך אַרום ווי פאַרשעמטע, צו־ליב זייערע חלומות זיך אויסצוצייכענען, וויכטיק ווערן...

פון זייערע אויגן קוקט אַרויס אַ פאַרדראָסיקער צער, וואָס מען טראָגט דאָ אַרויס דאָס לעצטע און באַלד וועלן דאָ בלייבן שטיין די פוס־טע האַלעס מיט די קרעכצנדיקע מאַשינען. נאָך יעדן צוג וואָס גייט אָפּ, פּירט שוין מיט זיך נישט בלויז די פּראָדוקציע פון טאָג נאָר אויך די רעזערוון פון די קעלערן און בונקערס — ווערט זייער פּנים פינצטער, אַשיק. אויך זיי קלייבן זיך אין די ווינקעלעך און סודען זיך דאָרט מיט דראָבנע, שטילע רייד. מעכעלען דוכט זיך אַז אויך זיי שמועסן צווישן זיך וועגן בונקערס און באַהעלטענישן. דאָס ווילן זיי זיך אויך ראַטעווען פּונקט ווי די יידן פון ווערק צע... אויף זייערע פּנימער זעט מען אָן דאָס זעלבע שמייכעלע פון דערשראָקענער האָפענונג, ווי ביי אַלע גרופּ־קעלעך וואָס קומען זיך צונויף אין וועלדל.

— 4 —

טאָקע ביים שטופּן אַ שווערן וואַגאָן טיף אין וואַלד אַריין האָט מע־כעלע זיך אָנגעשטויסן אויף דעם לאַנגן פּיקרינער מיט די לענגלעכע אויגן און אויסגעצויגענעם פּנים. ביי דער פּיקרין איז לעצטנס געווען ווייניקער אַרבעט — האָט מען טייל פון זיי גענומען צום שלעפּן די וואַגאָנעס. אַכט מאַן האָבן געדאַרפט מיט אייגענע כוחות ציען דעם פולן וואַגאָן איבער די רעלסן, ביז צו זיין באַשטימטן אָרט. האָט טאָקע איינער נישט געזען דעם צווייטן, נאָר שווער זיך איינגעגראָבן מיט די הענט אין די אייזערנע ווינקלען און אַרויסגעשטויסן פון זיך די כוחות, אַבי דעם וואָגן אַ רוק צו טון עטוואָס וויטער.

ווען עס איז נאָר מעגלעך געווען, האָבן זיך צוזאַמענגענומען אַ גרופּ־קע היימישע און זיי האָבן זיך געהיטן איינער דעם צווייטן נישט אָפּצו־נאַרן, נאָר שטופּן דעם וואַגאָן מיט גלייכע כוחות. ערגער איז אָבער גע־ווען, ווען עס זענען געשטאַנען צופעליקע מענטשן, וואָס האָבן איינער דעם צווייטן נישט געקענט. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שטויסעריי וואָס האָט

נאָך מער צערייצט די געמיטער. ווען מעכעלע האָט געהערט אַ געשריי אויף זיין אַדרעס האָט ער זיך אויסגעדרייט און דערזען דעם לאַנגן פּיק־רינער. אַ מינוט האָט יענער געוואָלט נאָך מער זיך צעשרייען, נאָר ער איז פּלוצים שטיין געבליבן מיט אַן אָפן מויל. ער איז אויסגעקומען מע־כעלען עטוואָס קענטלעך. נאָכן צושלעפּן דעם וואַגאָן צו זיין באַשטימטן אָרט איז יענער צוגעפאַלן צו מעכעלען:

— און דו האָסט מיך נישט דערקענט?!

פאַר מעכעלען איז אויפגעשווומען אַ לאַנג־פאַרגעסן געשטאַלט. דאָס איז נאָך געווען מיט אַ זיבן יאָר צוריק, אין איינער פון די גרעסטע ליט־ווישע ישיבות. דאָרט אַהין האָט זיך מיט אַמאָל באַוויזן אַ הויכער, חסי־דישער בחור לערנען תורה ביי די ליטוואַקעס. ווער עס האָט אָנגעוויזן דעם גאַליציאַנער בחור דעם וועג ביז דער ווייטער ליטע, איז פאַר קיי־נעם נישט קלאָר געוואָרן. ער איז געווען אַ שטילער און אַ מתמיד. מען האָט אפילו געשמועסט אַז דער בחור האָט אַ שאַרפן קאָפּ אויף די אַקסל. ער האָט אָבער זעלטן־ווען מיט עמעצן געשמועסט און געהאַלטן זיך אין זיין ווינקל. ער האָט אויסגעזען אַ פרומער און איבערגעגעבענער. אַלע מאָל האָט מען אים געזען גיין צום משגיח זיך אויסשמועסן וועגן פרומע ענינים. בלויז געציילטע האָבן געוווּסט, אַז דער גאַליציאַנער טרעפט זיך בסוד מיט דער גרופּקע אַפּיקורסישע בחורים אין ישיבה וואָס האָבן אַ ניי־גונג צום קאָמוניזם. נייגעריקע בחורים, וואָס האָבן ליב אַלעמען נאָכצו־קוקן — הגם זיי טראָגן עס נישט אָפּ קיינעם — האָבן זיך אפילו גע־שווירן אַז דער שטילער מתמיד האָט נאָך כמעט זיינע תפילין נישט אָנ־געמאָסטן... קיינער האָט אים אָבער נישט געטשעפּעט און פּונקט ווי ער איז געקומען שטילערהייט אין ישיבה אַריין, אַזוי איז ער נאָך שטילער פאַרשוווּנדן פון דאָרט...

איצט איז ער אויסגעוואָקסן נעבן מעכעלען ביים שווערן וואַגאָן. זענען זיי שוין געגאַנגען צוזאַמען אין דער ריי און געשמועסט. וועלוול האָט דערציילט מעכעלען וועגן זיין לאַנגיאָריקער טעטיקייט אין דער פּוי־לישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, זיינע אַרעסטן, תפיסות... דערנאָך האָבן זיך זיינע אויגן אָנגעגאָסן:

— דו ווייסט כאָטש וווהין מען שיקט די אָנגעלאָדענע וואַגאָנען? איך האָב עס נאָכגעפאָרשט. זיי גייען ביז צום פראָנט... זיי בלייבן שטיין

גאַר נאָענט פון די קאַמפּס־ערטער און עס קען גאָר מעגלעך זיין, אַז ביז דער צוג וועט אַהין אָנקומען — וועט דאָס געוועזער שוין אַריינפאַלן צו די סאָוויעטן אין דער האַנט אַריין. פאַרשטייסט? איצט, קען זיין, טוען מיר גאָר אַ גוטע זאַך. מיר ליפערן געווער דעם ראַטנפאַרבאַנד...

זיי זענען נישט געווען די איינציקע אין דער ריי. פון דער אַרבעט איז מען געגאַנגען צו פינף און מעכעלע האָט געוואָלט מיט אַ ווונק אָפּ־שטעלן זיין געפונענעם חבר. יענער האָט זיך שוין אָבער גאָר פאַרגעסן און גענומען פאַנטאַזירן מיט זיין שטילן קול:

— דו זעסט, מעכל... אַלע פּלאַנען, ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען און קיינעם פאַלט נישט איין דאָס פּשוטסטע: מען וואַרפט זיך ביינאַכט אַריין אין אַ וואַגאָן, צווישן די קעסטלעך געווער... דערנאָך קומען די דייטשן און פאַרמאַכן אים... פאָרסטו זיך צו ביז צום פראָנט ווי אַ קייזער און דערנאָך, ווען זיי עפענען — שפּרינגסטו אַרויס און גנבעסט זיך צו ביז דאָרט ווו דו דאַרפסט... גלויב מיר, אַז עס איז ווייניקער ריזיקאַליש ווי זיצן אין ווערק צע און וואַרטן...

מעכעלע האָט געוואָלט איבעררייסן וועלוולען. ס׳איז צו געפערלעך דערפון צו רעדן דאָ און בכלל דאַרף מען וויסן, אויב עס גייט טאַקע ביז צום פראָנט... מען דאַרף נאָכטראַכטן! אָבער פּלוצים האָט מעכעלע דער־הערט אַ דאַר, שטעכיק געלעכטער. דאָס האָט אַזוי געלאַכט דער קליינער פּיקרינער, וואָס איז געגאַנגען אין זיין ריי בשכנות מיט אים:

— לאַנגער לאָקש! דו מיינסט אַז ווי באַלד דו ביזט אַן אָנגעלערנ־טער — ביזטו שוין דער איינציקער חכם? די דייטשן האָבן שוין נישט מער וואָס צו טון, נאָר אַריינשיקן צוגן מיט געווער גלייך צו די סאָוויעטן אין די הענט אַריין... ביזט שוין איינמאָל אַ חכם עתיק!

דער שטילער וועלוול האָט זיך אויפגעקאָכט, געוואָלט יענעם אַריינ־זידלען פאַרן אונטערהערן זיך צו אַ געשפּרעך און פאַרן אַריינמישן זיך מיט אַזאַ שרייעוודיק קול צו אַ שמועס פון אַנדערע. ווען ער האָט אָבער דערזען דאָס איינגעטריקנטע פּנים מיט די צעפּליקטע צוויטן אויף זיך — איז אים פאַרגאַנגען דער חשק מיט יענעם אָנצוהייבן. זענען זיי שוין אַלע געגאַנגען דעם ווייטערדיקן וועג און שטיל געשוויגן צווישן זיך. ערשט

אין לאַגער, ווען זיי האָבן זיך געטראָפן אין וועלדל, האָט וועלוול זיך אויפסניי צעקאָכט:

— א י ך וועל עס טון, מעכעלע! איך וועל זיך אַריינוואַרפן אין אַ וואַגאָן און שוין! איך האָב אַ פוילישע מיידל אויף דער פריי... אין דער באַוועגונג קען מען מיך זייער גוט. אומעטום וועל איך אָנטרעפן מיינע מענטשן. מען וואַרט אויף מיר! אויב דו ווילסט — קום מיט מיר... וועסט זען ווי אַזוי דו וועסט זיך ראַטעווען. דו ווייסט נישט וואָס פאַר אַ ראָל איך האָב געשפּילט... נישטאָ קיין אָרט, ווו מיט מיין פּאַראָל זאָל איך נישט עפענען די געהיימסטע טירן... קום!

מעכעלע קוקט אויף דעם פיקרינער און קען זיך קוים פאָרשטעלן אַז יענער רעדט נישט פון היץ. ער איז אָבער אַזוי רואיק און קלאָר, אַז מעכעלע מוז אים גלויבן. ער מוז זיך נאָר וואונדערן:

— מיט דיין אַרישן אויסזען און פוילישער שפּראַך — פאַרוואָס ביזטו ביז איצט דאָ געזעסן און פאַרגעלט געוואָרן? וואָס האָסטו גע־וואַרט?

וועלוול האָט אָבער אַ קלאָרן ענטפער:

— מיין פאָטער מיטן ברודער געפינען זיך דאָ... כ'האָב געמיינט אַז כ'וועל זיי קענען שיצן, העלפן... אָבער אַלס פיקרינער? נאָר איצט דאַרף קיינער נישט וויסן דערפון, אַז זיי זענען מיינע נאָענטע. זיי קענען נאָך ליידן דערפון. מאָרגן טו איך עס! ביזט גרייט?

ווי קען מעכעלע אויף אַזאַ אופן גרייט זיין? איז טאַקע וועלוול אַביסל צעטומלט געוואָרן:

— ווייסטו גאָר וואָס? איך וועל נאָכאַמאָל אַ שנאַפּ טון... דער סוף איז סיי ווי נאָענט. מיין פאָטער און ברודער קען איך מער העלפן פון דאָרט, ווי זייענדיק דאָ. איך דאַרף נאָר אַ הער טון ווי עס זעט אויס ביי מיינע חברה... איך וועל שוין הערן!

— 5 —

דאָס האָט שוין זייער אַ לאַנגע צייט נישט פּאַסירט: ביים אָפּציילן די טראַנספּאָרט־גרופּע האָט איינער געפעלט. דווקא איז עס געווען אַ דאַו, קליין פיקרינערל. דער זעלבער וואָס האָט נעכטן אויסגעלאַכט וועל־

וולען ביי מעכעלעס זייט... די פּאָליציי איז געשפּרונגען פון דער הויט. גראָד איצט האָט מען זיך געדאַרפט באַמיען נישט צו לאָזן הערן פון זיך, אַז די דייטשן זאָלן פאַרגעסן אין דער עקזיסטענץ פון יידן אין לאַגער — צום סוף גאָר גייט אַזאַ יינגל און רודערט אויף דעם גאַנצן עסק! עס האָט אָבער נישט געהאָלפן אַלע זוכענישן און געשרייען. דער דאַרער פּיקרינער איז פאַרפאַלן געוואָרן! דאָס מאָל האָט שולצע זיך צופרידנ־געשטעלט מיט אַ גרויסן אַפּעל, וואָס האָט געדויערט שעהען... דערנאָך האָט מען גענישטערט איבער אַלע וועגן מיט שמעק־הינט, דעם גאַנצן וואַלד אַדורכגעאַקערט — עס איז אָבער געווען אומזיסט! ער האָט גע־ווּסט, זעט אויס, אויף וואָס ער גייט...

ווידער האָט דער גאַנצער לאַגער אויפגעקאָכט: אַלע ברעכן זיך דעם מח ווי אַזוי צו ראַטעווען זיך, לויפן... מען האַלט אין איין קלערן פּלע־נער — און דאָ האָט זיך אַרומגעדרייט אַן אָפּגעריסענער סקעלעט וואָס האָט צוגעטראַכט אַזאַ זיכערן וועג און קיינער האָט פון אים נישט גע־ווּסט! דאָס האָט נאָך מער געצונדן די בלוטן, גערייצט און ווי געטון. אויך די וואַך אין דער פאַבריק איז שטאַרקער געוואָרן: אויב אַ ייד קען אַזוי לייכט באַוויזן נעלם צו ווערן — איז אַ סימן אַז דאָ אַרבעט אַ פאַרצווייגטע אָרגאַניזאַציע... דאַרף מען פאָרזיכטיק זיין! מען האָט אפילו אויפגעהערט צו נעמען די יידן אַז זיי זאָלן שטופּן די וואַגאָנעס...

אין יענע טעג האָבן די זעלנער אין וואַלד געדאַרפט האָבן אַ גרופּע יידן. שולצע אַליין איז מיטגעקומען זיי באַוואַכן. ער האָט יעדן איינעם באַזונדער געגומען באַשמעקן פון אַלע זייטן און באַין־אופן נישט געקענט באַהאַלטן זיין צאָרן, צוזאַמען מיט דער באַוואונדערונג:

—דער חבר אייערער, וואָס איז דאַן אַנטלאָפן, לעבט נאָך זיכער... מיר ווייסן. נאָר אַז ער וועט צו אונדז אַריינפאַלן אין די הענט אַריין — וועט איר האָבן דעם בעסטן ביישפּיל אַז מען דאַרף נישט לויפן... מיר זוכן אים אַרום איבער עטלעכע לענדער. מיר ווייסן אַז איר האָט דאָ אָר־גאַניזירט אַן אונטערערדישן וועג... אַנדערש קען גאָרנישט מעגלעך זיין. אָבער מיר' וועלן אים אַנטדעקן! זייט אויסגעזאָרגט...

עס האָט נישט געהאָלפן דאָס פאַרענטפערן זיך פון פעלאָן מיט ווייזנבערגן. שולצען איז נישט מעגלעך געווען איבערצושפּאַרן. די חברה האָט זיכער אַ געהיימען אויסוועג פון דער פאַבריק. אים וועט מען נישט

נאָרן. אומעטום האָט ער געשמעקט, געזוכט אויב דאָרט איז נישט פאַראַן דער אונטערערדישער גאַנג: אין דער וועשעריי, אונטער די באַראַקן, ביי די בונקערס אין וועלדל און אונטער יעדן אויסגעהאַקטן שטאַם. מען האָט פון אים און זיינע נאָכשפּירעווודיקע אויגן נישט געקענט אויסהאַלטן. אויב יענער פּיקרינער איז אַזוי לייכט פאַרשוווּנדן — מוזן די יידן דאָ האָבן אַן אונטערערדישע הייל! מען האָט שוין מורא געהאַט צו רעדן צווישן זיך וועגן אַנטלויפן, טאָמער הערט עמעץ אונטער און אַלע האָבן געשאָלטן דעם ממזרישן פּיקרינער און אים דערביי מקנא געווען:

— אַז יענץ האָט געמוזט זיין אַ מיניסטער־קאָפּ, נישט קיין מוזול־מאַן! די ערד זאָל אים נאָר איינשלינגען! אַ יאָט ווייסט פון אַזאַ מין דרך און דערציילט קיינעם נישט, באַהאַלט עס בלויז פאַר זיך... פּיקריי־נער גנב, לאָז פאַר נאָך עמעצן אַ שטיקל וועג צום לעבן!

אַלע האָבן טאַקע געהאַלטן מיט שולצען, אַז דער חברה־מאַן האָט געהאַט אַ לאָך דורך וועלכן מען קען זיך אַרויסבאַקומען אויף יענער זייט וואַלד, אָדער אפשר גאָר אויף דער צווייטער זייט שטאָט... אַנדערש איז נישט מעגלעך געווען, אַז ער זאָל זיך אַרויסבאַקומען אומבאַמערקט. ווען מעכעלע איז צוריקגעקומען פון דער אַרבעט אין וואַלד, האָט ער עס גע־קענט באַמערקן. די פאַרשידענע גרופּן, וואָס האָבן זיך מיישב געווען וועגן נאָכטון דעם דאָרן יינגל און געהאַלטן אין איין זוכן אַן עצה ביי מעכע־לען — האָט מעכעלע נישט געלאָזט קומען מער צום וואָרט נעבן זיך:

— שוטים! ווען איך האָב אייך אַגיטירט, געבעטן — האָט איר צייט געהאַט... איצט? גייט נאָר אין וואַלד אַריין און זעט ווי געדיכט ער איז באַזעצט מיט עס־עס־פאַרמאַציעס און דער לופט־אַפּוער! אפילו קיין שפּילקע קען נישט אַדורכקריכן דעם וואַלד אומבאַמערקט... צו שפּעט שוין צו שמועסן דערפון!

די אימה פון דער אַרומרינגלונג האָט נאָך מער געצויגן צו וויסן דעם סוד פון פאַרשוווּנדענעם. עס זענען אָבער אַוועק טעג נאָך טעג און קיינער האָט זיך נישט געכאַפּט אויף זיינע שפּורן. מען וואָלט שוין געווען אפילו פאַרגעסן אין אים — ווען שולצע זאָל נישט געווען איינמאָל קו־מען צולויפן אין לאַגער אַריין מיט אַ פאַרקוועטשטער פויסט, אין וועל־כער עס איז געלעגן אַ צעקנייטשט פּאַפּירל אין דער האַנט:

— ער איז דאָ! אַ ספּעציעלע דעפּעשע געקומען!

ער איז אָבער צוליב עפּעס נישט געווען אין כעס, שולצע. אדרבה עס איז אים גאָר פריילעך געווען אויפן האַרץ און ער האָט מיט אַ גליק־לעך פּנים געהאַלטן אין איין איבערחזרן:

— אָבער מיר דייטשן קענען אויפזוכן אַנטלאָפענע, יאַ־יאָ... אויף טויזנטער קילאָמעטער וועט פון אונדז אַזאַ פויגל נישט אַנטרינען...

דאָס האָט אים געשמייכלט, וואָס פון זיין ווערק צע קען קיינער נישט פאַרפאַלן ווערן קיין לעבעדיקער.

# קאַפּיטל זעקסאונדרייסיק

## — 1 —

אין עטלעכע טעג אַרום האָט מען געברענגט צו פירן דעם אַנטלאָ־פענעם פּיקרינער. עטלעכע ווערקשוץ האָבן אים געהיטן דעם גאַנצן וועג ביז צו דער לאַגער־תפיסה. ווערק צע האָט זיך גערירט אויף אַ תליה און אויף אַ גאַנצן פּאַראַד. מען האָט געשמועסט אַז דער בחור האָט געהאַט הינטער זיך אַ גאַנצע אָרגאַניזאַציע און אַז גאַנצע טעג האָבן זיך מיט אים אָפּגעגעבן הויכע דייטשע אָפּיצירן און אים געפּאַרשט... איצט האָט מען אים געברענגט אין לאַגער אַריין. דאָ וועלן אַלע מוזן צוזען, ווי אַזוי דייטשלאַנד טריאומפירט איבערן קאָפּ פון דעם אָפּגעריסענעם יינגל. דאָס וועט אַלעמען אָנלערנען, אַז אפילו מען איז מיט טויזנט קעפּ — וועט מען נישט אויסקלערן אַ פּלאַן ווי אַזוי זיך אַרויסצורייסן פון זייערע הענט. דאָס דאַרף זיין אַ וואָרענונג פאַר אַלעמען.

רייכערע לאַגער־חברה האָבן זיך געלאָזט קאָסטן, אַבי מען זאָל זיי אַריינלאָזן אין בונקער אַריין און זיי זאָלן כאָטש אויף אַ סעקונדע אַ בליק טון אויף דעם חברה־מאַן, הערן פון אים אַ וואָרט... אַלע האָבן געמיינט אַז ער זיצט דאָרט און האַקט זיך קאָפּ אין וואַנט פאַר שרעק פון די לעצ־טע מינוטן, איידער מען ציט אים אַרויף אויפן בוים... ער מוז דאָך אוודאי איצט זיין דערשלאָגן! אַ מענטש האָט שוין געהאַט די פריי גאַנ־צע צען טעג — און איז דאָך אַריינגעפאַלן! אַזעלכן מוז דאָס לעבן אַ שאָד זיין...

אָבער אַלע, וואָס האָבן אים באַוויזן צו זען אַ מינוט, זענען אַרויס

אַנטוישטע. דער פּיקרינער איז זיך געזעסן רואיק אין זיין קעמערל, גע־שמייכלט צו זיך און געזונגען פריילעכע לידלעך — אַזויווי ער וואָלט געוווסט עפּעס אַ סוד, וואָס קיינער אויסער אים ווייסט נישט. ווי נאָר מען האָט אים אַריינדערלאַנגט אַ שטיק ברויט — האָט ער עס פאַרשלונ־גען מיט היציקן אַפּעטיט און געבעטן מיט אַ באַפעלעריש קול נאָך אַ שטיקל. בשעת מען האָט אים עטלעכע מאָל אַרויסגעפירט באַוואַכטער־הייט אין קלאָזעט אַריין — האָט ער זיך נישט געאיילט, געשטעלט גליי־כע טריט און די וואָס האָבן צוגעקוקט פון דערווייטנס האָבן געזען אַז ער טראָגט גוטע שיך און אַ גאַנצן אַנצוג, אויף וועלכן מען זעט נישט קיין שפּור פון פּיקרין. אויך דאָס פּנים איז געוואָרן פולער, אויסגעגלייכ־טער. ער איז געגאַנגען און געשמייכלט צו יעדן באַראַק און צו יעדן בוים, אַזויווי ער וואָלט פאַר זיי געהאַט אַ פריילעכע נייעס נאָר ער מוז נאָך וואַרטן מיטן דערציילן.

די ווערק־צעניקעס האָט עס אַזש גענומען פאַרדריסן:

— אַזאַ מין ממזר! ער גייט — אַזויווי די גאַנצע וועלט וואָלט אים געלעגן אין דער לינקער פּאה... אַז בסך הכל איז אַ גרויסע קלאָג צו זיין קאָפּ! ער ווייסט דען וועלכער בוים עס וועט אים טראָגן אויף זיך? גייט און לאַכט, דער משומד, אַזויווי עס וואָלט זיין וועלט געווען... און דער־ביי שווייגט עס ווי די נאַכט! ער זאָל כאָטש עמעצן דערציילן פאַרן טויט וואָס און ווען...

נאָר יעדן פרימאָרגן האָט מען אים געפירט אויפן ווערק א׳ און גע־האַט מיט אים לאַנגע שמועסן. עס האָט שוין פון אים געוווסט ד״ר ראָסט און זאַנדער, די וואַכפירער און די פאַרשידענע מייסטערס פון דער פאַבריק — אָבער קיין באַפעל מיט אים צו ענדיקן איז נאָך אַלץ נישט געקומען... ווי יעדעס מאָל ווען ווערק צע איז געשטעלט געוואָרן פאַר אַ רעטעניש, האָט מען זיך אויך דאָס מאָל גענומען שושקען מיט באַהאַל־טענעם פּחד. ס׳איז שוין אַזאַ כלל געווען אין לאַגער: אויב עס דאַרף שוין סייווי געשען דאָ עפּעס שרעקלעכס — זאָל עס געשען וואָס פריער. דאַן וועט מען ווייסן, אַז מען איז שוין אַלץ איבערגעקומען. טאָמער דויערט עס צו לאַנג, איז אַ סימן...

און אויף אויסגעפינען שלעכטע סימנים זענען ווערק־צע־מענטשן די לעצטע צייטן געוואָרן גאָר שטאַרקע ספּעציאַליסטן. עס האָט געדאַרפט

הייסן, אַז דאָס יינגל אַליין איז פּאַר זיי גאָרנישט. זיי ווילן פון יעדן וואָרט זיינעם מאַכן אַ האַק, וואָס זאָל מיטציען צענדליקער אַנדערע. מען דאַרף פאַרוואַנדלען זיין מויל אין אַ תהום וואָס מוז פאַרשלינגען גאַנצע האלעס מיט יידן... אַנדערע האָבן גאָר פאַרשטאַנען, אַז מען וויל שוין מיט אים נישט מאַכן קיין באַזונדערע צערעמאָניעס. מען האַלט אים ביז מען וועט קענען זיך נעמען צום גאַנצן לאַגער אויף איין מאָל. דאָס האָט מען אים נאָר איינגעשלאָסן, בכדי ער זאָל דערווייל נישט דערציילן פאַר די אַנדערע, ווי אַזוי מען קען זיך פון דאַנעט אַרויסבאַקומען די לעצטע מינוטן. טייל פון די קליגערע לאַגערניקעס האָבן אפילו גאָר צוגעטראַכט אַז די גאַנצע געשיכטע איז אַן אויסגעקלערטע. דאָס האָבן די דייטשן אַליין גענומען דעם פאַרשוין און באַהאַלטן אויף אַ פּאָר טעג. דערנאָך האָבן זיי אים באַשלאָסן צו האַלטן אַרעסטירט אַ שטיקל צייט און שפּע־טער וועלן זיי אים אַרויסלאָזן אויף דער פריי... יידן זענען דאָך נייגעריק — וועט יעדער איינער וועלן ביי אים דערגיין ווי אַזוי מען קען אַנטלויפן און וואָס מען דאַרף אַלץ האָבן אין אַזאַ וועג... וועט זיך דערנאָך אָנהייבן אַ חתונה! זיי האָבן דערפאַר גענומען וואָרענען, אַז מען זאָל זיין פאַר־זיכטיק. געהיטנקייט קען קיינמאָל נישט פאַרשאַטן, בפרט ביי דער חיה אין מויל.

טאָקע זיי, די איבערגערעכנטע האָבן באַלד געקענט טריאומפירן. זיי האָבן אויף זיך אַליין פריער נישט געגלויבט, אַז זיי זענען אַזעלכע חכמים. דאָס האָט זיי ערשט שולצע געדאַרפט קומען באַווייזן. און ער האָט עס געמאַכט גאַנץ פשוט: נאָך איינער פון די געווענלעכע פאַרשונ־גען, צו וועלכע מען האָט געפירט דעם פיקרינער, האָט ער אָנגעזאָגט די צוויי פאָליציאַנטן:

— איר דאַרפט אים מער נישט פירן אין בונקער... ער קען זיך אומ־קערן גלייך אין לאַגער אַריין...

און ווען דער פיקרינער האָט זיך אַריינגעריסן מיט זיכערקייט אין אַ באַראַק אַריין זיך אויסקלויבן אַ געלעגער — האָבן זיך אַלע אָפּגערוקט מיט דערשראָקענעם דרך־ארץ אין אַ זייט און אים געלאָזט פאַרנעמען וועלכן פלאַץ ער וויל נאָר אַליין. עמעץ האָט אים נאָך צוגעטראָגן הכנעה־דיק אַ שטיק ברויט מיט פוטער און אַזוי אַרום געוואָלט זיך איינקויפן ביי אים אין די אויגן. דער אַנטלאָפענער האָט עס צוגענומען אָן איין

וואָרט, זיך איינגעביסן דערין מיט זשעדנע ציין און נאָך מער זיך צע־שמייכלט מיט שטומער סודותדיקייט.

— 2 —

מיט דעם גאַנצן זעליק האָט אָבער פאַסירט נישט מער ווי אַ גע־ווייגלעכע זאַך: ער האָט געוואָלט אַנטלויפן... קיין געלטער האָט ער ביי זיך נישט געהאַט און קיינער האָט אפילו מיט אים נישט געוואָלט רעדן וועגן אַזעלכע זאַכן — האָט ער זיך בליצשנעל דערטראַכט צו דעם בעסטן וועג. יעדן טאָג גייען אָפּ לאַנגע צוגן מיט געווער פון ווערק צע. ווהין קענען זיי דען גיין, אויב נישט אויפן מזרח־פראָנט? דאַרף מען זיך בלויז צושאַרן צו דער גרופּע, וואָס לאָדט איין אין די וואַגאָנען. ווען די ערשטע שיכטן מיט גראַנאַטן אָדער קעסטלעך וועלן אָנגעלייגט ווערן וועט ער זיך פאַרשטעקן צווישן זיי און וואַרטן. דערנאָך וועט דער וואַגאָן פול ווערן, די מייסטער וועלן אָפּשליסן דעם וואַגאָן — און ער וועט אָפּפאָרן אין די ווייטקייטן אַריין... ערשט שפּעטער, ווען דער צוג וועט בלייבן שטיין אויף דער ערשטער סטאַציע פאַרן פראָנט, וועט ער זיך שטיל אַרויסגנבענען, באַהאַלטן זיך אין אַ לאָך אָדער גאָר אין אַ וואַלד ביז דער פראָנט וועט זיך אַ רוק טון און ער וועט פריי ווערן — — —

אין יענער נאַכט האָט ער זיך פאַרן לעצטן געלט געקויפט אַ גאַנץ ברייטל, אָנגעגאָסן אַ גרויסע פלאַש וואַסער און מיטגענומען אַ שאַרף שטיק אייזן... דאָס איז גענוג געווען צום אַריינוואַרפן זיך צווישן די משונהדיקע געווער־קעסטלעך אין מיטן דער פינצטערער נאַכט. ער ווונ־דערט זיך אַליין פאַרוואָס קיינער האָט נישט געהערט זיין משונהדיקן אויסגעשריי ווען דער צוג האָט זיך אַ ריר געטון און ער האָט געשפּירט אַז ער פאָרט, אַז ער פליט... אַז די דייטשן אַליין טרייבן דעם לאָקאָמאָ־טיוו, וואָס העלפט אים זיין באַפרייען...

נאָר דער וועג צום פראָנט איז, זעט אויס, לאַנג געווען. ער האָט עס נישט געקענט פאַרשטיין. אין לאַגער האָבן אַלע פּאָליטיקער געוווּסט אויף זיכער, אַז די סאָוויעטן שטייען שוין נישט ווייט פון דער ווייסל, ביי צווזמער... טאָ ווי לאַנג דאַרף עס דויערן אַזאַ שטיקל וועג? ער האָט אָבער כסדר געהערט, ווי נעבן צוג שרייען כסדר רואיקע דייטשע קולות

— אַזויווי עס וואָלט גאָר פאַר זיי קיין קריג נישט געווען. דער צוג איז געפלויגן שנעל, געפייפט, געדעוועט — און אים האָט זיך אויסגע־וויזן, אַז דאָס פליט ער שוין גאַנצע וואָכן אַזוי. ער האָט די צייט באַ־וויזן צו דערקענען לויט דעם שאַרפן הונגער זיינעם, גיכער ווי דורך די קאַרגע שיין־שפּאַלטן אין וואַגאָן. עטלעכע טעג האָט עס זיכער געמוזט דויערן. דער צוג האָט זיך געשטעלט, געלאָפן, געטרייסלט זיך און ווייַ־טער געפלויגן זיין משונהדיקן וועג — נאָר וואָס ווייטער ער איז געלאָפן אַלץ שטילער איז געוואָרן. נישט מען הערט אַ שאָס פון אַ האַרמאַט און נישט עס דונערט אַרום אים, ווי ער האָט עס געהערט פון די דערציי־לונגען וועגן פראָנט...

שפּעטערצו האָט ער אַלץ פאַרנומען ווי אין חלום. ער האָט געוואָלט הייבן אַ האַנט און נישט געקענט, געוואָלט עפּעס טראַכטן, נאָר די מחשבות האָבן אים אַרומגעזוכט ערגעץ ווייט און נישט באַוויזן זיך אַנצוקלעפּן אין זיין מח... ער האָט מסתמא לאַנג אַזוי געחלשט פאַר הונגער און פאַר דורשט. אויפגעוועקט האָט ער זיך אַביסל ערשט דאַן, ווען די ערד אונ־טערן צוג האָט זיך געוואָרפן פאַר יסורים און אַרום אים האָט אַלץ גע־דונערט, געדעוועט און געשאָסן מיט רויך, וואָס האָט זיך אַריינבאַקומען ביז צו אים אין האַלדז אַריין. אָן געדאַנקען האָט אַ פאַרפלויגענער פּי־בער אין אים געטראַכט: דאָס איז עס... דער פראָנט...

דערנאָך איז ווידער שטיל געוואָרן אין אים און אויך אין דרויסן. אַ סנאָפּ ליכט האָט זיך בייז אַ וואָרף געטון אויף אים, אַ גערויש האָט זיך אָנגעזעצט אויף זיין קאָפּ און געצויגן עפּעס פון הינטער זיין געלע־גער. דערנאָך האָט זיין שוואַכער פינק וואַכקייט אויפגענומען אַ שטאַרקן געשריי און ער האָט געפילט ווי עפּעס טראָגט אים, הייבט אים און ער פליט, ער פליט אַוועק אין דער הויך...

אויפגעכאַפּט האָט ער זיך אין אַ גרויסער, באַלויכטענער האַלע. אַרום אים זענען געשטאַנען אָנגעשטעלט אַ גאַנצע מחנה זעלנער מיט געווער און איינער האָט אים געריסן דאָס צוגעהאַקטע מויל מיט אַ רערל. ער האָט שוין אַלץ פאַרגעסן פון פריער — דערפאַר איז אַלץ געווען פאַר אים ווי עס באַדאַרף צו זיין: געשטאָפּאָ...

ערשט ווען ער האָט זיך אויפגעזעצט און געשפּירט, ווי אין זיין האַלדז בלעזלט זיך אַזאַ מין קלעפּיק־זיסע און שאַרפע משקה — האָט ער

אַלץ פֿאַרשטאַנען: זיי האָבן אים אַנטדעקט. ער האָט עס געזען פֿון די בייזע, פֿאַרשערישע בליקן און פֿון די ריזיקע, רויכערנדיקע הייזער וואָס ווינקען צו אים דורך די גרויסע, אויפֿגעריסענע שויבן. ער האָט שוין דאַן קלאָר געהערט ווי אַ גאָרגלדיק קול באַפֿעלט, מען זאָל אים אָפּטראָגן אין אַ שפּיטאָל אויף עפּעס אַ שטראָסע. יענץ קול הייסט אויך פֿאַרשטאַרקן די וואַך ביי זיין בעט. איז ער איינגעשלאָפֿן אויפֿן טראָג־בעטל און זיך ווידער אויפֿגעכאַפּט, בעת מען האָט אים געשלעפּט פֿון אַן אויטאָ צו אַ גרויסער געביידע, אויף וועלכער ער האָט געזען אַ ריזיקע שילד. ערשט דאַן האָט ער געוווּסט ווו ער געפֿינט זיך:

— לייפּציק!

דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן די אויספֿאָרשונגען: פֿאַרוואָס איז ער אַנטלאָפֿן? וואָס האָט ער געהאַט זיך צו באַהאַלטן אין אַן אַמוניציע־צוג? שפּיאָנאַזש? ווער איז ער? וואָס האָט ער צו זוכן אין דייטשלאַנד? האָבן אים די רוסן געשיקט? וועמען דאַרף ער דאָ זען אין לייפּציק פֿון דער רו־סישער באַנדע? זאָל ער אַלץ זאָגן מיט גוטן. עס וועט אים גאָרנישט גע־שען. נאָר מיט גוטן! וואָס איז ער, אַ פּאָלע אָדער אַ רוסע?

וואָס האָט ער געהאַט צו זאָגן? יאָ, ער איז אַ פּאָליאַק... און די מעשה איז פּשוט: ער איז מיד געוואָרן און איינגעשלאָפֿן ביי דער אַרבעט, אין דער פֿינצטער. ביי דער אַרבעט האָט מען שטאַרק געאיילט און דאָס חושך האָט מען געקענט אָנטאַפּן מיט דער האַנט — האָבן די אַנדערע אַרבעטער עס נישט באַמערקט. אַזוי איז ער אָפּגעפֿאָרן. ווען ער האָט זיך שפּעטער אויפֿגעכאַפּט און געשריגן — האָט שוין קיינער נישט געהערט... דאָס איז אַלץ וואָס ער האָט צו זאָגן. פֿון וואַנעט קען ער דען וויסן, אַז דאָס געפֿינט ער זיך איצט אין לייפּציק?

דער דייטשער איבערזעצער, וואָס האָט קוים געכאַפּט זיין פּויליש איז געוואָרן רויק. ער איז אפֿילו געוואָרן זיין מליץ יושר. עס טרעפֿן זיך אַזעלכע זאַכן. נאָר ער האָט נישט געקענט פּטור ווערן פֿון אַ שיעור נייגעריקע בליקן. אַלע האָבן שוין געוווּסט ווי אַזוי ער קומט אַהער און מען האָט אויף אים געקוקט ווי אויף אַ בייז ווונדער. עס האָט אים אויס־געזען אַז גאַנץ לייפּציק ווייסט פֿון אים. דערנאָך האָט מען אים פֿלור־צים צורו געלאָזט. פֿון אַלע זייטן האָט מען אים דערלאַנגט עסן, אויס־געבאָדן און צוגענומען זיינע פֿאַרגעלטע שטויב־בגדים. וווּהין איז נעלם

געוואָרן די געשטאַפּאָ? ער האָט דערפון נישט געוואָלט קלערן. ער האָט יעדע מינוט געצויגן נחת פון ווייסן געלעגער און פון דער געשמאַקער זופּ. ווייטער איז אים גאָרנישט אָנגעגאַנגען. זאָלן זיי טון מיט אים וואָס זיי ווילן דערנאָך! נאָר לאַנג אויסרוען אים האָבן זיי אויך נישט געלאָזט. באַלד האָבן זיך באַוויזן ציווילע לייט, וואָס האָבן אים געהייסן זיך אָנטון און גיין מיט זיי. עס האָט זיך ווידער אָנגעהויבן אַ פרעגעניש: ביי וואָס האָט ער געאַרבעט? פאַרוואָס איז ער אַזוי געל? גיט מען נישט קיין מאַס־קעס פאַר די פּיקרינער? ווער האָט עס אים געהייסן אַריינלייגן זיך אין וואַגאָן? וויל ער נישט דערמיט אויפהעצן די דייטשע אַרבעטער, וואָס האָבן אים געזען ביים אַרויסציען פון וואַגאָן? זאָל ער זאָגן!

יעדעס וואָרט וואָס ער האָט נאָר אַרויסגעבראָנגט פון זיך איז פאַר־שריבן געוואָרן פון עטלעכע הענט אויפאַמאָל. ער האָט גאָר קיינמאָל נישט געוווסט אַז זיינע רייד קענען אַמאָל זיין אַזוי וויכטיק... דעם מינדסטן ברום זיינעם האָבן זיי נישט אַדורכגעלאָזט! דערנאָך האָט ער נאָר גע־הערט, ווי איין ציווילער האָט אַ זאָג געטון, אַז דער מאַן געהערט צום „האסאג" און ער מוז דערפאַר דעם גאַנצן פאַל מעלדן דער דירעקציע... דאָס קען נישט אָפּגעווישט ווערן מיט אַ קויל. האסאג מוז אינפאָרמירט זיין; אָנפרעגן זיך און ענטפערן... עפּעס אַ צעווילדעטער אוניפאָרם האָט דערביי בייז אַ ברום געטון און זיך צוריקגעצויגן אַ רעזיגנירטער אין אַ זייט:

— ס'איז פאָרט אין דייטשלאַנד גופא און דערצו האָט מען צו טון מיט דייטשע אייגנטימער פון דעם מאָגערן שטיקל סקעלעטיקן גוף...

— 3 —

יעדן טאָג האָט מען אים געפירט אין אַ צווייטער תפיסה. אומע־טום האָט מען אים געגעבן ברויט און הייסע זופּ, אַלס צוגאָב צו די אויס־פרעגענישן. נאָר פריילעך איז אים פאָרט געווען. אין די קאַמערן האָט ער זיך אָנגעטראָפן מיט משונהדיקע אַרעסטאַנטן, וואָס האָבן גאָר ביי אים געוואָלט דערגיין וואָס מען הערט אויף דער וועלט.

ער איז שוין געווען אין אַ צווייטער שטאָט, וואָס ער האָט נישט געוווסט איר נאָמען. דאָרט טאַקע האָט מען אים געזאָגט אַז זיין ענין

גייט אַריבער צו אַ ציווילן ריכטער. אים איז עס אפילו נישט אָנגעגאַנ־גען — ווייל יעדער דייטש איז ביי אים אַלצאַיינס. נאָר די פּאָר אַרעס־טאַנטן ביי זיין נאָרע האָבן אים געטרייסט, אַז דאָס איז אַ גליק פאַר אים. ער וועט כאַפּן אַ פּאָר יאָר תפיסה און וועט זיך שוין דערוואַרטן דאָ ביזן סוף פון קריג. ער דאַרף אפילו נישט זאָרגן פאַרוואָס מען באַמ־באַרדירט פון אַלע זייטן און די הימלען באַלעקן זיך יעדע נאַכט מיט די רויטע צונגען. די תפיסות ווערן גיכער געשוינט פון דער הויך און נישט איינער פון דער פריי איז מקנא די אַרעסטאַנטן. דערצו איז אַזוי — טאָ־מער פאַלט טאַקע אַ באָמבע און צעהאַקט די געביידע, איז עס נישט מער ווי אַ מזל־זאַך: הרגעט עס אַוועק — איז פאַרפאַלן. טאָמער איז מען אָבער לעבנגעבליבן — וועט די מאַכט גיכער באַזאָרגן אירע תפיסה־ניקעס מיט אַ דאַך איבערן קאָפּ, איידער אַ סך ציווילע און כשרע לייט... אַזוי איז עס שוין אין צעבאָמבטן דייטשלאַנד.

אויך די אַרעסטאַנטן איז אָבער נישט באַשערט געווען קיין לאַנגע רו. אין איינעם אַ פאַרטאָג האָט עס זיי אַלעמען פלוצים אויפגעטרייסלט. ווי פון אונטער דער ערד האָבן אַלע אויפאַמאָל זיך דערוווסט:

— מען האָט דערהרגעט היטלערן! אין בערלין איז אַ רעוואָלוציע און די גענעראַלן האָבן אים אַוועקגעלייגט מיט אַ באָמבע... נישט יעדער פון זיי איז דערפון געווען צופרידן. טייל פון די אַרעסטירטע דייטשן האָבן עס נאָך איצט באַדויערט. דאָך האָבן זיי נישט באַהאַלטן די האָ־פענונג איצט באַפרייט צו ווערן און זען די אייגענע... דאָס האָט איבער־געוויגן. אַז די גאַנצע מעשה איז נישט קיין ליגנט — האָט זעליק אַליין באַלד געהאַט די געלעגנהייט זיך איבערצוצייגן.

אַ שופאָ איז געקומען נאָך אים און געפירט אים דורך לאַנגע גאַסן צום צוג. אַלץ האָט אויסגעזען ווי אויסגעשטאָרבן. מענטשן האָבן זיך גע־שלייכט נעבן די ווענט און פאַרשידענע מונדירן מיט געלאָדן געווער האָבן געטריבן, געשלאָגן... און אפילו אין אַרעסטאַנטן־צוג האָט ער געהערט ווי די וועכטער קוקן זיך אָן און ציען קוים אַרויס דורך די ליפּן אַ פראַ־גע: לעבט ער נאָך... דער פירער? ער האָט שוין אָבער מער נישט באַ־וויזן צו זען אויף די דייטשע גאַסן, ווייל אין עפּעס אַן אָרט האָט מען געפּסקנט, אַז מ׳דאַרף אים צוריק אָפּפירן אין ווערק צו אַריין... נישט מער און נישט ווייניקער! ער האָט נאָר דערוווסט זיך, אַז עס איז פּאַ־

ראַן אַ באַפעל מען זאָל אים גאָרנישט טון. דאָס איז אַלץ. ער איז אָבער זיכער, אַז מען האָט דאָרט דעם פירער אַוועקגעלייגט און אַז אין דייטשלאַנד איז אַ רעוואָלוציע... דאָ אין ווערק צע ווייסט מען נאָך נישט דערפון. די באַנדע וויל עס נאָך אויסבאַהאַלטן, כל זמן מען שלאָגט זיך נאָך דאָרטן אין די גאַסן... באַלד אָבער וועלן עס אַלע זען. מען וועט מוזן קומען און אַלע באַפרייען! ער ווייסט עס זיכער. גאַנץ דייטשלאַנד איז אויפגעטרייסלט פון דעם. דערצו דונערט עס פון דער הויך, אַז די געדערים פאַלן אַרויס...

קיינער האָט נישט געוואָלט גלייבן. אַ סך האָבן סתם מורא געהאַט זיך איינצוהערן אין די רייד וואָס עס דערציילט אַ בחור וועלכער איז אַנטלאָפן, אַזויפיל מאָל אויסגעפּאָרשט געוואָרן און דאָך האָט מען אים באַפרייט... צוליב וואָס דערציילט ער אַזעלכע געשיכטעס וועגן דעם אַז מען האָט היטלערן אָפּגערוימט? מיינט ער נישט אַמאָל צו כאַפּן עמעצן ביי דער צונג? די נייגעריקייט איז אָבער שטאַרקער ביי ווערק־צעמענטשן פאַר דער גאַנצער שרעק. ציטערט מען און מען הערט ווייטער פון דער ווייטנס, כאָטש מען מאַכט זיך נישט הערנדיק. דערביי צאַפּלט אַזוי דאָס האַרץ!

דער בחור אַליין האָט באַקומען אַזאַ שטומפּיק געלעכטער, וואָס האָט אים גאָרנישט אָפּגעלאָזט. עס האָט גאָר קיין סוף נישט גענומען צו זיינע באַרימערייען, ווי קלוג ער האָט זיך דאָ אויסגעטענהט מיט זיינע אויספאָרשער. זיי האָבן געוואָלט ביי אים דערגיין, וואָס ער האָט דאָרט אַזוינס געזען אין דייטשלאַנד, וואָס האָט מען אים דאָרט געזאָגט און פאַרוואָס איז פון דאָרט געקומען אַזאַ מין באַפעל מען זאָל אים באַפרייען? ווען האָט ער דאָרט פאַר אַ באַקאַנטן?

ער האָט זיי דערביי געצויגן די גאַל. יאָ, עס האָבן זיך מיט אים אָפּגעגעבן גאָר גרויסע אָפיצירן. זיי האָבן אים געפרעגט פאַרוואָס ער איז אַזוי בלאַס, אָפּגעריסן און געל... דאָס געלקייט פון דער פּיקרין האָט זיי געשטאָכן די אויגן. זיי האָבן אים געפרעגט וועגן מאַסקעס וואָס מען דאַרף אָנטון ביי דער אַרבעט און עפּעס פאַרצייכנט ביי זיך מיט אַן ערנסטער מינע. ווייטער ווייסט ער גאָרנישט. זיי וועלן נאָך קומען אַהער, האָבן זיי געזאָגט — און ער וועט זיי דאַרפן אַלצדינג ווייזן, אויפקלערן. דערזיף דאַרפן זיי אים האָבן...

און געזען האָט ער גאַרנישט... פון תפיסה איז ער אַוועק אין שפּי־טאָל און פון שפּיטאָל צוריק אין תפיסה. בלויז פון צוג אַרויס האָט ער געזען אַ ווייטן, פעטן רויך זעצן צו די הימלען. מער גאַרנישט. יאָ, נאָך עפּעס האָט ער זיך דערמאָנט: די פּאָליציי האָט עפּעס געהאַלטן אין איין לויפן, זוכן איבער די גאַסן. טיילמאָל זענען פאַרבייגעגאַנגען זעלנער און נישט סאַלוטירט די אָפיצירן. ער ווייסט נישט פאַרוואָס. ער האָט אויך געהערט בייַנאַכט שיסערייען. ווען מען האָט געמיינט דערמיט ווייסט ער נישט. ער איז בלויז געווען אַרעסטאַנט. נאָר איין זעלנערל אין דער פינצטערניש פון וואַגאָן האָט עפּעס אַ זאָג געטון, אַז עס איז אַנדערש געוואָרן אין לאַנד. ווייטער האָט ער נישט געהערט און ווייסט נישט פון וואָס צו זאָגן...

די גאַנצע צייט וואָס ער האָט דערציילט און געענטפערט — זענען די וואכפירער געזעסן בלייך און אויפגערעגט. דערביי האָבן זיי איינס דאָס צווייטע אָנגעקוקט און עפּעס שטום זיך דערזאָגט מיט די אויגן... זיי ווייסן שוין זיכער פון אַלצדינג און דערפאַר גרימט עס זיי גענוג אי־נעווייניק.

מיט זיין דערציילן האָט ער אָנגעשטעקט אַ סך פון ווערק צו. עפּעס האָט געגומען אַרומכאַפּן אַ שטילע, פאַרצווייפלטע האָפענונג: אפשר רעדט ער דאָך נישט פון וועג? ער דערציילט עס מיט אַזאַ זיכערקייט און הערט נישט אויף דערביי צו שמייכלען צו זיך און אונטערפייפן, ווי ער וואָלט הונדערט פּראָצענט זיכער געווען אין דער באַלדיקער באַפרייאונג. וואָס קען מען דען ריזיקירן, אויב מען וועט אים גלויבן אַ פּאָר טעג שטי־לערהייט, ביי זיך אין האַרץ?...

נאָר די דייטשע קריגס־קאָמוניקאַטן אין די סוכאָטנע, פּוילישע בלעטלעך זענען ווידער געווען דאָס זעלבע ווי אַלעמאָל. אויך די דייטשע פּרעסע, וואָס קורץ האָט געבערענגט צו שלעפּן, האָט זיך געהאַלטן אין זעלבן טאָן ווי אַלעמאָל — טאָ ווי אַזוי קען מען זיך פאַרלאָזן אויף די פּלאַפּלערייען פון באַפרייטן פּיקרינער? זיי גלעטן טאַקע דאָס האַרץ אַזוי מחיהדיק — אָבער דאָס גאַנצע ביסל שפּיזיקע אותיות פון די דייטשע בלעטער אַראָפּ דערציילן דאָס זעלבע ווי אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר. זיי שעלטן, שרייען און באַרימען זיך אַזויווי עס וואָלט גאַרנישט געשען — טאָ ווען זאָל מען גלויבן פריער: דעם גאַנצן פּאַפּירענעם וואָלד, אָדער

דעם בלאָסן פּיקרינער וואָס האָט באַוויזן צו זען אַ שטיק וועלט דורך די שפּאַלטן פון אַ צערייצטן צוג?

אויף אַזעלכע פראַגן האָבן אפילו די מיושבדיקסטע קעפּ אין לאַגער נישט געקענט ענטפערן.

— 4 —

מען וואָלט אים נאָך לאַנג געוווען חושד געווען, דעם צוריקגעקו־מענעם זעליק, אין אַלדאָס בייז. וואָס עס איז נאָר איבערגעלאָפן אַ טאָג אָן שום ספּעציעלע נייעס אין די צייטונגען — אַלץ מער האָט מען גע־נומען גלויבן, אַז ער איז ספּעציעל אונטערגעשיקט געוואָרן צו פּרובירן די מענטשן פון לאַגער און דערוויסן זיך וואָס פאַר אַ שטימונג זיי האָבן. כאָטש קיינער האָט נאָך אַלץ נישט געקענט דערקלערן פאַרוואָס די דייטשן מוזן עס האָבן אַ ספּעציעלע פּראָוואָקאַציע.

נאָר אין מיטן דערין איז געשען עפּעס אַזעלכעס וואָס האָט געמאַכט פאַרגעסן אין דעם גאַנצן פּיקרינער, הגם מען האָט זיך נאָך מער דער־מאָנט אין זיינע משונהדיקע מעשהס פון דייטשלאַנד. אין איינעם פון די מיטאָג־איבעררייסן האָט דער ראַדיאָ־הילכער, נעבן דער האַלע 58 זיך פלוצים צערעוועט מיט אַ זאָנדער־מעלדונג:

— אַכטונג! אַכטונג!

יעדער האָט געמיינט אַז דאָס האָבן שוין די דייטשן ווידער אַ וויכ־טיקן נצחון, ווי אין די גרויסע טעג אויף די פראָנטן. צוליב אַנדערע צוועקן האָבן די אוידיציעס אין פּויליש נישט גערופן צו ספּעציעלער אויפ־מערקזאַמקייט. אָבער די לופט האָט דאָס מאָל געציטערט פון איבעראַשונג. נישט אַלץ איז מעגלעך געווען צו דערהערן אין די אַרומיקע, איינגעשטיל־טע האַלעס. נישט יעדער האָט שוין אויך געקענט הערן דאָס ווייטערדיקע. די געציילטע יידן, וואָס האָבן זיך איינגעהערט האָבן זיך גענומען וואַק־לען אויף די פיס און די אויגן האָבן זיך גענומען אויסמישן מיט אַזאַ זיס־דערשראָקענעם נעפּל, וואָס האָט זיך אַריינגעצויגן ביז אין מח אַריין... געוואַלד, ווי איז דאָס מעגלעך?! אַן אַטענטאַט אויף היטלערן? דערשאָסן געוואָרן? ער איז ניצול געוואָרן? און אפשר איז אַלץ אמת? און אפשר איז בלויז דאָס לעצטע אַ ליגנט? אפשר מאַרשירן שוין רעוואָלטירנדיקע

ארמייען איבער די בערלינער גאַסן און קיינער אין פוילן ווייסט נאָך גישט דערפון?

אין יענעם טאָג האָבן די פּאָליאַקן געאַרבעט אָן חשק. די יידן האָבן שוין געוואָרט אויף דער מינוט, אַז זיי זאָלן זיך קענען אַריינכאַפּן אין לאַגער אַריין און זיי זאָלן קענען אויפּרודערן דעם גאַנצן ווערק צע מיט דער נייעס. אָבער צווישן די באַראַקן האָט מען נישט געדאַרפט וואַרטן אַזוי לאַנג. דער אינזשינער קורץ האָט שוין געהאַט די דייטשע צייטונג פון קראָקע אין דער האַנט און ער האָט געשפּריזט פון איין באַראַק אינעם צווייטן אַריין מיט דער גרויסער בשורה:

— זיינע אייגענע לייט האָבן אים געוואָלט אַוועקלייגן! און אַז די גענעראַלן זיינע ווילן אים שוין זען אויף יענער וועלט — איז אַ בראָך צו דער גאַנצער אַרמיי זיינער! ער וועט שוין לאַנג נישט אַנטרייבן... די בעסטע גענעראַלן וועט ער אויסשיסן, עס וועט נאָך אָבער גענוג בלייבן פון אַזעלכע, וואָס וועלן באַהאַלטן אַ באָמבע פאַר זיינעטוועגן... די מל־חמה איז געענדיקט! ער האָט פאַרשפּילט!

איצט האָט מען אים געגלויבט, קורצן. קען זיין אַז נאָך מאָרגן וועט מען קענען אויפרייסן די דראָטן און אַרויס אויף דער פריי. די דייטשן אַליין וועלן אפשר קומען און שליסן אַ שלום מיט די לעצטע יידן. מען קען דען איצט וויסן, ווער עס איז אַ שונא פון היטלערן? אַז די מייסטער אַליין האָבן פּלוצים אַראָפּגעלאָזט פון טאָן, קומען ווייניק אין פאַבריק און האָבן מורא איינער דעם צווייטן צו קוקן אין פּנים אַריין... זיי היטן זיך מיט עפּעס איינער פאַרן צווייטן און דאָך גנבענען זיי זיך אַריין אין די אָפּגעזונדערטע האַלע־קאָרידאָרן און רעדן צווישן זיך מיט אַזאַ פאַרדומפּן־שטיל קול, ווי זיי וואָלטן געציטערט אַז דער אייגענער שאָטן זאָל עס נישט דערהערן.

זיי האָבן אויפגעהערט צו טרייבן ביי דער אַרבעט. זיי מעסטן די לאַנגע גראַנאַטן מיט פאַרחלשטע פינגער, אַזוי ווי זיי אַליין וואָלטן נישט געוווסט וואָס זיי טוען און צוליב וואָס דאָס איז נאָך נויטיק... קען דען דאָס נאָך לאַנג אָנהאַלטן? אָט באַלד וועלן זיי דוכט זיך אַליין זיך צע־פליען אין אַלע זייטן, איבערלאָזן די פאַבריק אויף הפקר און קיינער וועט מער נישט היטן די וועגן... מען וועט קענען גיין וווהין מען וויל און קיין ביקס וועט נישט וואַרטן מער. מען וועט זיך נישט דאַרפן גנבענען דורך

ביינאַכטיקע וועלדער און נישט דאַרפֿן ציטערן פֿאַרן שאָרך פֿון אַן אי־בערגעשראָקן בלעטל אינעם ווינט...

די ניכטערנערע פֿון לאַגער האָבן אַפֿילו גענומען באַצייטנס טריאומ־פֿירן: נו, וואָס האָבן זיי געזאָגט? אין אַזעלכע טעג איז נישט כדאַי צו לויפֿן, ריזיקירן און אויסשטעלן זיך אויף אַ זיכערן טויט. סיִיווי וועט זיך באַלד אַלץ צוזאַמענפֿאַלן און די צייט אַליין וועט ראַטעווען. אויב מען האָט געוואָרפֿן די ערשטע באָמבע — וועט קומען די צווייטע... אויך די זעלנער אויפֿן פּראָנט ווילן זיך מער נישט שלאָגן: פֿאַר וועמען זאָלן זיי עס טון? פֿאַר דעם פֿירער וואָס קען זיי מער נישט געבן ווי מפּלות? פֿאַר אַזעלכן, וואָס די אייגענע גענעראַלן ווילן שוין אַראָפּרוימען פֿון וועג?

יעדער איינער האָט שוין די מעגלעכקייט צו וויסן גאָר וויכטיקע נייעס, וואָס ער האָט געהערט פֿון אַ וויכטיקער קוועלע: די גענעראַלן אויפֿן פּראָנט האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו פֿירן ווייטער די דיוויזיעס. מיליאָ־נען גיבן זיך איבער אין געפֿאַנגענשאַפֿט. איבער דער קאַנצעלאַריע פֿון רייכסטאַג האָט אַ געהיימע האַנט אויפֿגעהאַנגען אַ ווייסע פֿאָן... און ווי נאָר אַ האַנט האָט זי געוואָלט אַראָפּנעמען — איז געפֿאַלן אַ קויל און יענעם אַראָפּגעשליידערט. גאַנץ בערלין גרייט זיך צו קאַפּיטולירן. קיי־נער וויל מער נישט פֿאָלגן די באַפֿעלן, בלויז די עס־עס מיט מאַשין־גע־ווער גייט אַרום פֿון שטוב צו שטוב און שיסט, דערשיסט אַלעמען — —

אַפֿילו גוססים אין שפּיטאָל האָבן זיך גענומען גרייטן צום אַרויס־מאַרש אויף דער פֿריי.

## קאַפּיטל זיבנאונדרייסיק

— 1 —

די סאָוויעטישע חיילות האָבן זיך אַ רוק געטון. אויף אייניקע ערטער זאָלן זיי שוין האָבן אַריבער די ווייסל. יעדן טאָג קענען זיי צוקומען נעג־טער און פֿאַרכאַפּן דעם וואַלד אַרום דעם לאַגער. פֿויערים האָבן זיך דער־ציילט בסוד, אַז די ערשטע סאָוויעטישע טאַנקן האָבן זיך אַריינגעריסן קיין קיעלץ און קיין ראַדאָם, אָן שום ווידערשטאַנד. זיי האָבן זיך אָבער

אַליין אַרויסגעצויגן — און קיינער ווייסט נישט פאַרוואָס. זייערע מענטשן זענען אָבער פאַראַן אין יעדן ווינקל. אַלע וועלדער זענען פול מיט זיי. עס דאַרף נאָר קומען איין באַפעל — און זיי וועלן אַלץ איבערנע־מען. דערווייל זיצט די פוילישע רעגירונג אין אַ וואַלד היגטער כעלעם און באַשטימט גובערנאַטאָרן פאַר וורָאצלאַוו און בערלין... אַ גרויסע פוילישע מדינה וועט איצט זיין. אוך, ווי גרויס!

די פוילישע יונגען זענען געשטאַנען אָנגעהיצטע ביי די מאַשינען, געביסן זיך די ליפּן און אויפן צווייטן טאָג מער נישט געקומען צו דער אַרבעט. די גרעסטע שלעגער זענען אַנטלאָפן אין וואַלד אַריין זען מיט די אייגענע אויגן די פוילישע רעגירונג, וואָס שיקט אַלע טאָג אירע מענטשן קיין קיעלץ, טיילן פּעק מיט געלט די אָרעמע פויערים... די לופט האָט געגליט מער ווי שטענדיק און זיך געקורטשעט אונטער דער משא פון אַזויפיל שווערע קלאַנגען.

אפילו דער דייטשער קריגס־קאָמוניקאַט האָט שוין אָפּן דערמאָנט דאָס שטעטעלע צויזמער, ביי דער ווייסל... טאָ ווי לאַנג דאַרף עס ביי דער רויטער אַרמיי געדויערן ביז זי וועט אַדורכשפּרייזן די הונדערט קי־לאָמעטער ביז סקאַרזשיסקאָ? אָבער די דייטשן, זעט אויס, קענען נישט די פוילישע געאָגראַפיע. גראַד אין די אָנהייב־אויגוסט טעג האָבן זיי זיך פּלוצים אויפגעכאַפּט ווי פון אַ לאַנגן דרימל און ווידער גענומען רודערן מיט אַלע האַלעס, גלייך ווי זיי וואָלטן די אַלע קלאַנגען גאָרנישט גע־הערט און אפילו דעם אייגענעם קריגס־קאָמוניקאַט נישט געטרויט. די ערד האָט שוין גענומען ציטערן אין די נעכט ווי אין שאַרפער עפּילעפּסיע, נאָר זיי מאַכן זיך נישט דערפון. זיי האָבן זיך גאָר דערמאָנט צו שלעפּן די לעצטע יידן פון לאַגער און זיי האַלטן ביז שפּעט ביינאַכט אין די האַלעס. ווידער האָט זיך די פאַבריק צעפיבערט און די האַלעס האָבן גי־ריק צעעפנט די טויערן און געצויגן, געשלונגען די ריזיקע פּאַרציעס הענט, ווי אין משוגענעם הונגער...

בלויז דער וואַכפירער שולצע איז געוואָרן בלייכער פון טאָג צו טאָג. ער האָט זיך גענומען דרייען איבערן לאַגער מיט פאַרטראַגענע אויגן און יעדן איינעם אַריינגעקוקט צעחושט אין פּנים אַריין, גלייך ווי ער וואָלט פון יענעם דערוואַרט דאָ אַ טיפע עצה אויף אַ פראַגע, וואָס ער וויל פאַרן מויל נישט ברענגען. אים איז נישט אָנגעגאַנגען וואָס די האַלעס האָבן

ווידער אַ רודער געטון דאָס לעצטע מאָל, ווי פאַר דער גסיסה. ער האָט גאָר געזוכט עפּעס אַרויסצולייענען פון די פּנימער וואָס דרייען זיך אַרום אין ווערק צע.

ערשט אין עטלעכע טעג אַרום איז ער געקומען מיט דער בשורה, אַז ער מאַכט זיך דאָ אַ ביורא אויף עטלעכע טעג. מען דאַרף אים אויס־ריינען אַ צימערל פון דער לאַגער־תפיסה און דאָרט וועט ער אָנהייבן אויפנעמען יעדן מענטש פון לאַגער באַזונדער... קיין איין מענטש פון ווערק צע טאָר זיך נישט אַרויסדרייען דערפון! פון דער לאַגער־ביורא האָט מען אַהין אַריינגעטראָגן די לאַנגע ליסטע מיט נעמען, ביכער גאַנ־צע — און שולצע האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי זיין טישל און גענומען אַרויסרופן איין גרופּע נאָך דער צווייטער. ער האָט נאָר געקוקט, גע־קוקט אויף יעדן באַזונדער און שפּעטער האָט ער זיך דאָרט אין זיינע פּאַפּירן געמאַכט אַ געהיים צייכנדל...

יעדן טאָג זענען הונדערטער פאַרבייגעגאַנגען זיין אויג, מענער און פרויען. קיינעם האָט ער קיין וואָרט נישט געזאָגט נאָר געצייכנט, גע־צייכנט...

ווערק צע האָט זיך געוואָלט טרייסטן. געווען אַזעלכע וואָס האָבן געטענהט אַז דער וואַכפירער ווערט משוגע פון ליידיקגיין, דערפאַר האָט ער זיך אויסגעזוכט אַן אַרבעט וועלכע זאָל ביי אים צונעמען אַביסל טעג... דערנאָך וועט מען ווייטער זען. שטילערהייט האָבן אָבער די הער־צער נישט געוואָלט אָננעמען אַזעלכע טרייסטענישן. עפּעס האָט דאָרט אינעווייניק געשראָקן און געוואָרנט.

ער איז נישט געגאַנגען אין ערגעץ, שולצע. נאָר צו מיטאָג האָט ער זיך צוגעכאַפּט ערגעץ און באַלד צוריקגעקומען, אַזוי ווי עס וואָלט אים עמעצער צוגעבונדן צו זיין טישל. דערביי האָט ער זיך גאָר אויפגערעגט ווען דער עולם פון די האַלעס האָט זיך גענומען אַרויסדרייען פון זיין אויג, נישט צושטעלן זיך אַזוי שנעל צו זיין ביורקע. ער האָט זיך פּלו־צים צעקאָכט, געשריגן, אַז ווער עס וועט זיך אין פאַרלויף פון צוויי טעג נישט שטעלן אונטער זיין בליק וועט זייער שלעכט ענדיקן. ער וואָרנט בלויז פריער... דאָס האָט געוויזן אַז ער מיינט דאָ נישט קיין קאַטאָוועסן. מען האָט אפילו געזען עטלעכע מאָל, ווי אַזוי עטלעכע הויכע אָפיצירן זענען צוגעפאָרן צו שולצעס צימערל, דאָרט עפּעס הויך געשריגן און

ווידער אַוועקגעפּאָרן מיט צעקאָכטן רעש... נאָך דעם איז שולצע נאָך צערייצטער געוואָרן. ער האָט גענומען טרייבן אַלעמען, געוואָלט אַז אפילו די פּאָליציי מיט די קאָמענדאַנטן זאָלן זיך פּאַר אים ווייזן, אויסציען זיך אין דער גאַנצער לענג און זיך לאָזן פון אים באַטראַכטן אויף אַלע זייטן.

אין קאָמענדאַנטן־הויז איז געוואָרן גאָר שטיל, אַזויווי מען וואָלט דאָרט פלוצים גענומען גיין אויף די שפּיץ־פינגער. דער אַלטער ברויט־קאָמענדאַנט פעלדמאַן האָט גענומען אַרומגיין ברוגז איבערן לאַגער און זוכן יעדן פרימאָרגן אַ מנין צום דאַוונען, כאָטש עס איז געווען ערשט אָנהייב פון חודש אָב און ביז צו די פּראַקטיקע טעג איז נאָך געווען ווייט. עמעץ האָט אים אפילו געפּאַקט זיצן ביי זיך אין שטוב זאָגן תהלים, אין דער צייט וואָס ער כאַפּט זיין געווייינטלעך קערטל מיט גוטע ברידער...

אַזאַ מין זאַך האָט געשמעקט מיט גרויסן סוד, מיט סכנה און דער פּחד פון דעם האָט מער געשטאָכן דאָס האַרץ ווי די געוועגלעכע שיסערייען אין די פריערדיקע צייטן... דער אַלטער פעלדמאַן זאָגט תהלים! דאָס האָט מער געוואָרנט און געשטעלט די האָר אויפן קאָפּ, ווי עס וואָלטן פלוצים אַריינגעפאַלן אַ מחנה ווערקשוצן אין ווערק צע אַריין. אפילו פעלא אַליין האָט זיך גענומען דערשראָקן דרייען אַרום דעם באַראַק פון העלבראָמער רבין און דאָרט אַהין אַריינגעבליקט מיט דערשטיקטע בעטענישן אין אויג. זי האָט אים אַריינגעטראָגן אַ שיסל מאַרמעלאַד מיט עטלעכע ברויטן און שטיל אַ זאָג געטון:

— צעטיילט עס צווישן אייערע רבנים דאָ... און זאָל מען בעטן רחמים!

העי, רחמים... פון וואַנעט זאָל מען אים נעמען? אַז שולצעס משוגענע צייכנס ביי די נעמען פון די ווערקצעניקעס ווייסן נישט פון קיין רחמנות; קיינער קען צו זיי קיין וואָרט נישט אַרויסרעדן און די הימלען אַרום ציינדן זיך אַן אַזוי ברוגזדיק־רויט, ווען מען גיט נאָר אַ קוק אויף זיי, גלייך ווי מען וואָלט זיי דאָ געפּערלעך באַליידיקט... מוזן ווערק צעניקעס בלויז קרעכצן צו זיך אַליין, פרעגן איינער ביים צווייטן:

— איז טאַקע ביטער, האַ?

און קיינער וויל אפילו אויף קיין ענטפער נישט וואַרטן, פּונקט ווי ער וואָלט מורא געהאַט טאַקע גראָד דערפאַר...

— 2 —

מעכעלע איז געווען פון די לעצטע, וואָס זענען אַריינגעגאַנגען זיך ווייזן פאַר שולצען. שוין אַ לאַנגע צייט ווי ער האָט זיך פאַר אים נישט געוויזן, נאָר בעסער זיך געלאָזט שלעפּן צו די אַרבעטן אין פאַבריק, אָדער צו די שווערע אַרבעטן אין הויף. ווי שטענדיק זענען דאָ געשטאַנען לאַנגע רייען, בכדי זיך צו באַווייזן פאַר שולצעס אויג וואָס שנעלער און קענען באַלד פּטור ווערן פון זיין משוגענער רעגיסטראַציע.

שולצע אַליין האָט שוין אויסגעזען מיד, נישט אויסגעשלאָפן. ווען מעכעלע איז צוגעקומען נענטער צום טישל האָט שולצע געמאַכט איינעם פון זיינע מעכאַנישע צייכנס אויפן פּאַפּיר און געוואָלט ווייטער פאַרגראָבן זיינע אויגן אין דער צימערדיקער ליידיקייט. באַלד אָבער האָט ער זיך אין עפּעס דערמאָנט און זיך קראַנק צעשמייכלט:

— און דו מאלער, לעבסט נאָך אַלץ, האַ? אַלעמאָל, ווען איך זע דיך — לעבסטו נאָך אַלץ! מעכעלע האָט אים געוואָלט עפּעס ענטפערן, אַבי ער זאָל נישט בלייבן שטיין נעבן דעם דייטש — וואָס קען דאָ דעצידירן איבער אַלעמענס לעבן — מיט אַ שטומער צונג. ער האָט אָבער נישט געקענט געפינען אַזוי שנעל וואָס צו זאָגן. שולצע אַליין האָט זיך צעלאַכט, צופרידן דערפון וואָס אין זיין צעחושטער מידקייט איז אים דאָך געלונגען צו זאָגן אַ וויץ. עס האָט מעכעלען אויסגעזען אַז די לאַנגע טעג פון זיצן איבער דער לאַגער־ליסטע שווייגנדיק, האָבן אין אים גערייצט אַזאַ ווילן עפּעס צו זאָגן, אַרויסצורעדן זיך... זאָל עס זיין דורך אַ וויץ, דורך אַ משונהדיק געלעכטערל — אַבי אין דעם צימער זאָל פאַרקומען אַן ענדערונג, אַזאַ מין אַנדערשדיקייט...

שולצע האָט אויך לאַנג נישט געלאָזט וואַרטן. ער האָט מעכעלען ווידעראַמאָל אַדורכגענומען מיט זיין גרין־וואַסערדיקן בליק און זיך פּלור־צים ווידער צעלאַכט מיט קאַלטער גרויזאַמקייט:

— דו קענסט גיין... לויפן... געדענקסט ווי דו ביזט געלאָפן מיט מיר אין אַ געוועט? נאָר איצט וועסטו ערשט דאַרפן באַווייזן דיינס! דאָס איז מער נישט קיין שפּיל, דו הייליקער פּאַאול! אין עטלעכע טעג אַרום וועסטו דאַרפן שפּרייזן טויזנטער קילאָמעטערס... געדענק וועגן דעם! די לייט מיינען אַז איך מאַך דאָ אַ שפּיל. אָבער איך וויל נישט

האָבן דאָ קיין גרויסע סעלעקציע, דערפאַר מאַך איך זיך אַליין אָן אָפּ־קלייב. די געזונטע וועלן מוזן מאַרשירן צופוס ביז דייטשלאַנד און די קראַנקע וועט מען פירן אויף לאַסט־אויטאָס. מיר האָבן נישט אַזויפיל באַן־צוגן פאַר אַלעמען. אָבער דו ווײסט, האָף איך, קענען דערגיין ביז אין דייטשלאַנד, וואָס? אין צוויי טעג אַרום הויבט זיך אָן די עוואַקואַציע, האָסט פאַרשטאַנען? און איצט — מאַרש!

מעכעלע איז אַרויסגעלאָפן ווי אַ צעטומלטער, נישט געוווּסט אויב ער מעג עמעצן דערציילן דאָס געהערטע אָדער נישט. איצט ווייסט ער קלאָר דעם גורל פון לאַגער! קלאָר? מעג ער גלויבן דעם צעדרייטן שיל־צע? אפשר איז דאָס אויך ביי אים געווען אַ וויץ? צוליב וואָס מאַכן אַ פּאַניק איבערן לאַגער?

ער איז שנעל אַריינגעלאָפן צו זיך אין באַראַק אַריין. דאָרט איז געווען רואיק ווי שטענדיק. אינזשינער קורץ איז געזעסן און געשפּילט אין קאָרטן מיטן זייגערמאַכער און ברילי־אַנטן־שאַצער אוישער. אַרום זיי זע־נען געזעסן די דאָקטוירים פון לאַגער און אונטערגעקיבעצט די שפּילער. אָנשטאָט דעם שטענדיקן מנהג זיינעם פון שטעכעלירן דעם פּאַרטנער מיט שפּיציקע רייד, האָט קורץ דאָס מאָל אונטערגעהאַלטן זיין געזעל־שאַפט מיט די נייסטע ידיעות:

— האָסט יעצט געצויגן אַ קאָרט, מיסטער אוישער — פּונקט ווי היטלער ביי דער ווייסל... און דו וועסט געווינען די פּאַרטיע — גענוי ווי ער די מלחמה... ס'איז באַשיינפּערלעך. נישט אומזיסט קומסטו פון ליצמאַנשטאָטער רייך... נאָר ע ר וועט די מפּלה האָבן נאָך פריער פאַר דיר! יעדע מינוט וועט די אַרמיי זיינע קאַפּיטולירן...

מעכעלע האָט זיך שטיל צוגעשאַרט צו זיין געלעגער, אַוועקגעצויגן דאָס בעטל און עס גענומען פאַרזיכטיק אָפּרוקן. ער האָט געוואָלט אויפ־הייבן דאָס ברעט פון דיל, אונטער וועלכן ער האָט געהאַט באַהאַלטן זיין פּעקל שריפטן. אין מח האָט אים געקלאַפּט אַ געדאַנק, וואָס צו טון מיט זיי: מיטנעמען מיט זיך? מען וועט זיכער רעווידירן, געפינען... פאַרברע־נען זיי? אויך דאָס קען ער נישט טון. באין אופן נישט. איז אפשר גליי־כער זיי צו לאָזן דאָ, אויפן זעלבן אָרט און דערביי צושרייבן אַ קליין צעטעלע אויף דער וואַנט, אַז ווער עס וועט דאָ קומען פון דער פריי, זאָל וויסן וווּ צו זוכן? ער האָט שוין געוואָלט אָנשרייבן די פּאָר ווערטער

אינעם ווינקל פון דער וואַנט, אָבער פלוצים האָט ער זיך דערמאָנט אין שומאַנס ווערטער מיט עטלעכע טעג צוריק:

— מיר וועלן זיי נישט איבערלאָזן... רויך און פייער קענען מיר נאָך אין דער לעצטער מינוט פאַרשאַפן...

און מעכעלען ווערט אַ שאָד פלוצים וואָס זיין באַראַק וועט פאַר־ברענט ווערן און מיט אים צוזאַמען וועלן אַלע שריפטן אַוועק מיט רויך... טאָ וואָס טוט מען פאַרט?

ווי אַן זיין אייגענעם געדאַנק רייסן זיינע הענט די צוגעקלאַפטע ברעטלעך און נעמען שלעפן איין פאַרשריבענעם העפט נאָכן צווייטן... מיטנעמען!!! אין גאַנצן מח ביי אים צעברילט זיך אַזאַ פריי־געוואָרענע הפקרות, אַ ווילן זיך צוזאַמענצובינדן מיט זיינע געשריבענע זאַכן — און זאָלן זיי מיט אים צוזאַמען אַוועקוואַנדערן... זאָל מען אים צוזאַמען מיט זיי דערנאָך דערשיסן און באַגראָבן! אפשר וועט מען אַמאָל עפענען די קברים און ווען ער אַליין וועט שוין זיין שטום און צעפוילט — וועט זיין לשון נאָך צאַנקען פון די שורות אַרויס און דערציילן אַט־דאָס, וואָס אים אַליין וועט שוין מער נישט מעגלעך זיין...

אַ סקריפּ פון בעטל האָט פלוצים אַלע ביים טיש אָפּגעצויגן אין זיין זייט אַריין. עס איז גאָר שטיל געוואָרן. עמעצער האָט זיך דאָרט גענומען בייזערן:

— וואָס מאַכט ער דאָרט פאַר אַ גערודער אין מיטן טאָג? מען קען מיינען אַז די וועלט גייט אונטער. עס האָט אַ ריס געטון, גלייך ווי אַ באָמבע וואָלט דאָ אַריינגעפאַלן... זיי דאָרט אַביסל רואיקער!

מעכעלע האָט זיך געוואָלט פאַרענטפערן און איז דערפאַר אַרויסגע־קראָכן פון בעטל מיט אַ פעקל פאַפירן אין האַנט. זיינע אויגן האָבן ווייזט אויס דערציילט די אַרומזיצנדיקע אַזעלכעס פון וועלכן זיי האָבן זיך דערשראָקן:

— וואָס זעסטו עפעס אויס אַזוי... אַזויווי פון קבר אַרויסגעשלעפּט?!

מעכעלע האָט אַרויסגעשטאַמלט:

— איך פאַק זיך אין וועג אַריין...

דער הויכער סאַניטאַר האָט זיך צעלאַכט:

— נו, דאַנקען גאָט! מיר האָבן שוין דעם ערשטן משוגענעם צו־ליבן פסיכאָז...

קיינעם האָט זיך נישט געגלוסט מיטצולאַכן. מעכעלע האָט זיך גע־וואָלט באַהערשן און נישט געקענט:

— קען זיין, אַלעק... מיר זענען אַלע משוגע דאָ. דאָס זיצן איצטביים טיש איז די זעלבע משוגעת. מען דאַרף זיך פּאַקן! הערט וואָס איך זאָג אייך... צי עס וועט העלפן ווייס איך נישט, אָבער עס איז בעסער גרייט צו זיין... דער סוף קומט אָן...

מער האָט ער נישט געוואָלט זאָגן. קיינער האָט עס אויך נישט באַדאַרפט. דאָס דאַרע דאָקטאָרל אין אַ זייט האָט נאָך געפּרוווט אַ לאַכל טון מיט זיין זאַלציק געלעכטערל, קיינער האָט עס אָבער נישט אויפגע־כאַפּט און ער האָט דערפאַר אָפּגעהאַקט אין מיטן. ער טוט סיי־ווי קיינ־מאָל גאָרנישט, אויב עס געפעלט נישט די אַנדערע.. דערפאַר האָט ער בלויז געפּרוווט איבערגיין אויף אַן אַנדער פּונקט:

— אָבער פּאַניע מעכעלע... וואָס טראַכט איר... כ'מיין, ווי קומט איר דערויף?... אין אַזאַ גאָלדענעם, רואיקן פאַרנאַכט?...

מעכעלע האָט אים שוין מער קיין כוח נישט געהאַט צו ענטפערן. אַזאַ מין פּוסטע און שוואַכע שטומקייט איז אים באַפאַלן, פאַרשטאָפּט אים מויל און האַלדז. אין איין מינוט האָט ער געגומען פאַרשטיין אויף קלאָר אַז ער זעט איצט אַזאַ מין זאַך, וואָס די אַלע זעען נישט. דערפאַר קען ער מער צו זיי נישט רעדן. יעדעס וואָרט צו זיי דאָ איצט וועט זיין נאַריש, אידיאָטיש, מען טאָר נישט רעדן איצט! מען דאַרף נאָר קוקן אויף זיי, אויף די בעטלעך, אויף די ביימער פון וואַלד און אויף דעם גאָלדענעם ראָד, וואָס גליטשט זיך טרויעריק־שטיפעריש אויפן קאַלט־פאַרפרוירענעם הימל, אַזויווי אויף אַ גליטש...

ער האָט דערזען איצט דעם טויט. דערפאַר טאָר מען נעבן אים גאָר־נישט רעדן, גאָרנישט זאָגן. מען דאַרף זיך נאָר שטום געזעגענען מיט די פלאָקערדיקע ביימער און שוין. זיי אָבער זעען נאָך גאָרנישט און ווייסן פון גאָרנישט, דערפאַר רייסן זיך נאָך ביי זיי די צינגער און זיי ווערן באַלד אָפּגעשטעלט פון דער וואַרגנדיקער שטילקייט אין באַראַק. בלויז קורץ שטעלט זיך אויף פון טיש און רוקט זיך נענטער צו מעכעלען. אויך ער זאָגט גאָרנישט. ער גייט נאָר צו צו מעכעלען און לייגט אַרויף זיין האַנט אויף מעכעלעס אַקסל. ער קוקט זיך איין עטלעכע מינוט אין מע־כעלעס קאַלך־ווייסן פּנים און זויגט פון דאָרט אַרויס אַלץ וואָס ער וויל

נאָר און דאַרף נאָר וויסן. דערנאָך גיט ער נאָר איין דערשטיקטן ברום אַרויס:

— יאָ!

גלייך ווי עס וואָלט אים מיט איין וואָרט אַלצדינג קלאָר געוואָרן. ערשט ווען אַלע האָבן זיך אַ טרייסל געטון האָט ער אָוועקגענומען זיין האַנט פון מעכעלעס אַקסל און מיט רואיקע, אָבער וואַקלדיקע טריט צו־געגאַנגען צום טיש. מיט דער זעלבער רואיקייט האָט ער אַ נעם געטון דאָס פּעקל קאָרטן, אין וועלכע ער האָט אַריינגעלייגט אַזויפיל חדשים און זיי גענומען איינציקווייז צעפליקן אויף פּיצלעך. דאָס צעפלאָשעטע ווינטל ביים פענצטער האָט גיריק אַ כאַפּ געטון די ברעקלעך און מיט זיי אַנטלאָפן אין וואַלד אַריין ווי מיט דער גרעסטער דערגרייכונג. דערנאָך האָט זיך דאָס זעלבע ווינטל מיישב געווען און צוריקגעברענגט עטלעכע איינצלנע ברעקלעך, וואָס זענען צוריק אַריינגעפאַלן אין באַראַק אַריין ווי אָפּגעגנאַרטע.

— 3 —

אַכט טאָג אין חודש אָב פון יאָר 1944 אַרבעט נאָך די פאַבריק פון סקאַרזשיסקער ווערק צע מיטן גאַנצן ברען. מייסטערס טרייבן אָן מיט די יידישע מאַשיניסטן, בויערער, טראַנספּאָרטלער און אַלע אַנדערע ספּע־ציאַליסטן און שוואַרצאַרבעטער... די פאַבריק קרעכצט און מאָנט. זי איז איצט אַריינגעטון אין דער תאווה פון פּראָדוצירן וואָס מער גראַ־נאַטן. זי ווייסט, אַז זי האָט שוין נישט קיין סך צו לעבן — וויל זי זיך אויסרודערן. דערפאַר דאַרף זי האָבן וואָס מער הענט, וואָס מער הענט!

מיטאָג־צייט שרייען נאָך די דייטשע מייסטער אויף אַלע כלים. פאַרוואָס אַזויפיל קראַנקע זיצן אין די באַראַקן — און זיי דראָען: מאָרגן פרי וועלן זיי קומען אין לאַגער און אַלעמען אַרויסציען מיט געוואַלד! די פאַבריק דאַרף יידן! מען וועט זיי ברענגען פון די ווייטע געגנטן, מען וועט שלעפּן פון ווערק א׳ און מען וועט אויך ווערק צע נישט שוינען! יעדע האַנט איז אַ שטיק געווער און יעדער גוף איז אַ קאַנאָן פאַרן פראָנט! אויס מיטן פוילענצן!...

אַכט טעג אין אָב בייטאָג... מעג דאָרט מעכעלע אין דער זעלבער

מינוט שוין רייסן די פּאָר בלעטלעך הינטער זיין געלעגער און גרייטן זיך צום לעצטן מאַרש... און מעג דאָרט אין דער זעלבער מינוט דער אינ־זשינער קורץ צעררייסן זיין טאַליע קאָרטן, אַזוי ווי מען צעררייסט רעזיג־נירט אַ גאַנץ, אָפּגעלעבט לעבן...

אין די האַלעס ווייסט מען נאָך נישט דערפֿון און דערפֿאַר טרייבן די פֿאָראַרבעטער זייערע אונטערטעניקע און ווילן די נאָרמע ענדיקן מיט אַ שעה פֿריער... מיט אַ גאַנצער שעה! אַ סך פּאָליאַקן פֿון די אויפֿ־זעער שטעקן שוין אין די וועלדער און דערפֿאַר איז ווידער געקומען די צייט פֿאַר די יידישע פֿאָראַרבעטער... ווי גנעדיק די דייטשע מייסטער זענען צו זיי געוואָרן! זיי נעמען רעדן צו די יידישע פּאָליציי און האַל־בע פֿאָראַרבעטער ווי צו אייגענע:

— די אַרבעט טאָר זיך נישט אָפּשטעלן! זי מוז זיך נאָך מער אַנטוויקלען און אויסברייטערן. עס מאַכט נישט וואָס די פּוילישע חזרים סאַבאָטירן, אַנטלויפֿן איצט — אַ יידישער קאָפּ פֿאַרשטייט מער פֿאַר זיי. מען קען האָבן יידישע אויפֿזעער און אפֿילו יידישע אונטערמייס־טער. עס איז שוין צייט אַז זיי זאָלן אַליין קענען די מלאכה. עס איז בכלל נישט אַזאַ גרויסע זאַך...

און די הערצער ווערן רואיק, פֿאַרגאָסן מיט אַ כוואַליע בלינדקייט... אוי, ווי מען קען זיך איצט דערשלאָגן צו אַ לייכטערער שטעלע! אויך פֿאַר די יידן וועט דאָך עס בעסער זיין... מען וועט קענען מיט די דייטשע מייסטער דירעקט אָפּמאַכן פֿאַרשידנס וועגן דער נאָרמע און וועגן אַנ־דערע זאַכן... אפֿשר וועט מען מיט זיי קענען אויך אַ שמועס טון, ווי אַזוי צו האַנדלען אין די לעצטע מינוטן... ס'איז אפֿשר גלייכער וואָס די באַנ־דיטישע פּאָליאַקן זענען זיך דאָ וואָס ווייניקער?

קריצן די גרויסע רעדער און די שלעפּ־וועגעלעך פֿליען מיט דער־פֿרישטן אימפּעט. עס וועט זיך מאַכן לייכטער! און וואָס־נאָך דאַרף איצט אַ יידישער רוקן וועלכער איז איינגעבויגן אין ווערק צע? אַ שאָד וואָס זיי האָבן אַזוי שפּעט געגומען אָנווענדן אַזעלכע ווייכע רייד צו די פֿאַ־בריקס־יידן! פֿאַרוואָס האָבן זיי פֿריער נישט געזאָגט אַז בלויז די אַר־בעט ווילן זיי? וואָלט מען זיי אָפּגעגעבן זייערס און פּטור! צוליב וואָס אויסהונגערן, דערשיסן? פֿאַרוואָס האָבן זיי נישט געלאָזט רעדן צו זיך?

ס'איז אַכט טאָג אין אָב. זייער אַ סך גרייטן זיך היינט צו דער

נאַכט. אַ טרויעריקער יום־טוב היינט און דווקא דערפאַר ווילן אים היינט אַלע דערשפּירן. מען וועט זיך אַוועקזעצן אויף אַן איבערגעקערטער באַנק און זיך לאָזן אַוועקטראָגן מיט דער מחשבה ביז צו יענע טעג ווען די טאַטעס האָבן געלאָזט אויסטריפן די חלבנע ליכט צוזאַמען מיט די אויגן איבער די פאַרגעלטע ספרימלעך...

טאַקע דערפאַר האָבן זיך די מייסטער אַליין נישט געקענט אָפּוואונ־דערן, פאַרוואָס די נאָרמע איז היינט געמאַכט געוואָרן אין אַזאַ איילעניש און איידער דאָס פאַבריקס־פייפל האָט אָנגעזאָגט דעם סוף פון אַרבעטס־טאָג, האָבן שוין די לעצטע וואַגאָנעטקעס אָפּגעשטעלט די גראַנאַטן־צאָל אין דער אָפּנעמעריי. ווי פלייסיק זיי ווערן דאָס, די יידן! זיי בעטן אפילו מען זאָל זיי געבן די צוגאָב־אַרבעט וואָס פריער. זיי וועלן עס מאַכן! באַלד וועלן זיי אַלץ מאַכן...

אָבער פאַרוואָס די פּאָר דייטשע מייסטערס שמייכלען אַזוי דער־פון איז אויך נישט מעגלעך צו פאַרשטיין... זיכער זענען זיי צופרידן, וואָס גראָד היינט האָט זיך אין די יידן אַזוי צעברענט די אַרבעט — אָבער אַז מען איז צופרידן שמייכלט מען גאַנץ אַנדערש. דאָס שמייכעלע קען דאָן נישט בלייבן אַזוי חוזקדיק־אַריינגעקנייטשט אין די ליפּן־ווינקלען און דאָס גאַנצע פּנים ציט זיך דאָן נישט איין אין אַ שלעכט־געמאַכטער מאַסקע, פון באַהאַלטענעם שפּאָט...

נאָך מער וווּנדער איז פאַר זיי דאָס, וואָס מען זעט נישט אָנקומען די נאַכט־שיכט צו דער אַרבעט. וואָס איז דאָרט געשען אין לאַגער? יעדן טאָג אין דער צייט מאַרשירן שוין די לאַנגע קאָלאָנעס פון דער צווייטער שיכט און נעמען איבער די מאַשינען מיט די האַלעס פון די פריערדיקע... עס טומלט זיך איבער דער פאַבריק און מען הערט די קו־לות פון ווי־ווייט. איצט אָבער איז עפּעס אַזוי דערדריקנדיק־שטיל איבער די האַלעס, אַז עס מוז אָנכאַפּן אַן אימה.

די מייסטערס האָבן היינט נישט קיין צוגאָב־אַרבעטן. זיי איילן גאָר צו מיט ווילדע פּנימער די רייען, אַז זיי זאָלן שנעלער זיך אויסשטעלן און אָפּמאַרשירן. קיינער פון זיי קאָנטראָלירט אפילו נישט די ליסטעס, וואָס די פּאָליציאַנטן דערלאַנגען זיי. עס זעט אויס, אַזויווי זיי ווילן דאָ שוין וואָס שנעלער פּטור ווערן פון די יידן, בכדי דער יידישער גורל זאָל זיך אין זיי נישט אָנקלעפּן דורכן בלויזן אָטעם זייערן...

די לופט אַליין הויבט שוין אָן וואַרגן מיט היץ און דערשרעק. אפילו די צעפּריילעכטע פּאָליציי צעשפּרייטן די נאָזלעכער און ווילן עפּעס אַרויסשמעקן. די דייטשע מייסטערס נעמען זיך שנעל אָוועקאיילן און עס איז נישטאָ אפילו ביי וועמען עפּעס אָנצופרעגן. מוזן די קאָמענדעס גאָר איילעוודיק אָפּגעגעבן ווערן:

— האַלע 58 — מאַרש!

— האַלע 54!

— האַלע 12!

באַלד קלעפּן זיך צונויף לאַנגע רייען מיט מענטשן, שטעלן זיך אויס און מאַרשירן מיט ציטערדיקע טריט. הינטער זיי זעצט זיך אָפּ אַ שטויביקע ליידיקייט, וואָס פּויזעט אַריין דערשראָקן אין די ליידיק־צע־עפּנטע פּיסקעס פון די האַלעס. קיינער גייט נישט הינטער זיי און יעדער טריט וואָס שאַרט זיך אָוועק בלייבט פאַרפאַלן ווי אין אַן איינגעזונקע־נעם בית־עולם. עמעץ פּרוווט אַ שושקע טון שטילערהייט צו זיין ריי:

— עס איז נישט גלאַט... מען זעט נישט קיינעם! די פאַבריק בלייבט פּוסט... ווו איז די צווייטע שיכט?

יעדן איינעם שטיקט אָבער די אימה אין האַלדז און קיינער קען אפילו קיין וואָרט נישט ענטפערן. אויך דער גאַנצער וועג פון פאַבריק צום לאַגער איז טויט, איינגעשלאָפן... קיינער גייט נישט מער דאָ, גלייך ווי די גאַנצע פאַבריק וואָלט אַריינגעפאַלן אין אַ באַגראָבענעם, אונטער־ערדישן תשעה באב... בלויז אויפן הימל דרייט זיך אַרום אַן אויסגעפּאַ־שעטע, בלוט־אָנגעגאָסענע זון און שטעכט דאָרט עמעצן אין דער לופט מיט אירע אָנגעגליטע שפּיזן. אַ דין, ייִנגלעריש קול קען מער נישט אויס־האַלטן און צעשרייט זיך:

— געוואַלד, מען דאַרף זיך ראַטעווען! מען האָט שוין אַלעמען אויסגעשאָסן, דערפאַר קען שוין קיינער נישט קומען צו דער אַרבעט... מען וואַרט נאָר אויף אונדז!

אַלע טוען זיך אַ טרייסל, אַ שטומען צעוויג... אויגן קוקן צעבלוטיקט אין די ווייטקייטן, ווילן זיך אַ ריס טון... די שטילקייט פון אַרום שפּירט זיך אַנטדעקט און זי האָט שוין מער נישט צוליב וואָס צו שפּילן אירע אומשולדיקע קאָמעדיעס. דערפאַר ברענגט זי פון ערגעץ צוטראָגן אַ ווילד־צערעוועט געלעכטער און זי שליידערט עס אויף די צעטומלטע

קעפּ. אַלע ווייסן אויפּאַמאָל אַז דאָס קינדעריש־ייִנגלדיקע קולכל איז געב־רעכט... מען דאַרף זיך ראַטעווען, לויפן, באַהאַלטן זיך!... די מאַסע וויל זיך אַ צעוויג טון, ווערן אויס געפּאַרמטע און געבונדענע מאַסע... איצט וואַרפט זיך שוין יעדעס האַרץ באַזונדער און וויל באַהאַלטן דעם אייגע־נעם טרייסל פאַרן צווייטן. באַזונדער! נאָר גיין באַזונדער! אָבער די פיס צאַפּלען זיך ווייטער אין דער ריי, ווי טיילן פון לעבעדיקע מאַשינען. די פּאָליציי פאַרהאַלט זיך אַ ווייל און נעמט אויפסניי טרייבן דעם המון מיט טעמפּע באַפעלן:

— רירן זיך! לעבעדיקער!

כאָטש זיי קוקן זיך אַליין אום אין אַלע זייטן און קענען די שרעק זייערע נישט באַהאַלטן. מען זעט נישט אויפן וועג קיין ווערקשטן, קיין דייטש... אַלץ איז איינגעזונקען אין זיך, אויסגעשטאָרבן. בלויז די ביי־מער צעשאָרכן פאַרגנבעט מיט די בלעטער, אַזויווי זיי וואָלטן געזוכט צו וואָרענען פאַר עפּעס; נאָר זיי האָבן נישט קיין קול און קיין לשון. אַ שטאַרקער כח שטויסט די מחנה פאַראויס, פאַראויס! און יעדער האָט מורא זיך אומצוקוקן אויף דער געוואָרענער לײדיקייט. עס דוכט זיך אַלעמען אַז דאָ איז נאָר פאַראַן איין רעטונג פאַר דער אָראָפּגעפאַלענער פּוסטקייט: דער לאַגער! דאָרט זענען פאַראַן אַלע... דאָרט זענען נאָר דאָ די געבליבענע יידן... לעבעדיק אָדער טויט — זענען זיי דאָרט דאָ! ציען זיך אַלע בלינדערהייט וואָס נענטער צום טויער. יעדער טריט שפּירט אַז ער שפּרייזט צום טויט, וואָס איז דאָרט ענג פאַרבונדן מיט דער הייב־טיקער פּוסטקייט אויף די וועגן — און דאָך גייט ער, לויפט און וויל וואָס שנעלער אַריינגעווירבלט ווערן אין דעם סוד וואָס איז איצט באַ־פאַלן דעם ווערק צע. עס ווילט זיך קיינעם נישט אויסן בלייבן! נישט אָפּגעשטויסן ווערן אין אַ זייט... אין האַרץ נעמט אפילו נאָגן אַ ציטער־ניש, טאָמער וועט מען זיי שוין נישט אַריינלאָזן אַהין זיך אַוועקלייגן נעבן אַלעמען... קיינער גיט זיך שוין נישט אָפּ קיין חשבון פאַרוואָס מען טרייבט זיי אונטער, פאַרוואָס מען רייבט איינער דעם צווייטנס טריט...

די נאָענטע ווייט לאָקט און רופט, ציט מיט טויזנט סודות. דער גאַנצער וואַלד וואַקלט זיך שוין אַ שכורער פאַר די אויגן, וואַרגט זיי מיט זיין בלעטער־געבעט:

— ש... ש... ש...

און אַלע גייען מיט שטילע איינגעזונקענע טריט. בלויז נישט ווייט פון טויער צעיאָמערן זיך אַלע אויפגעריסענע אויגן אויפאַמאָל:

— דער לאַגער איז אַרומגערינגלט!

און דאָך מאַרשירן אַלע אַריין אין דעם איינגעשטומטן געשריי אַריין.

— 4 —

פון אַלע זייטן וואַלד האָבן זיך גענומען שאַרן שאָטנס, שוואַרצע און גרינע. זיי האָבן זיך אָפּגעריסן פון די דראָטן פּאַמעלעך, קוים־קוים און אַ צי געטון די לאַנגע ביקסן אין די הענט אַריין. די מחנה פון זיבעצן־הונדערט מענטשן האָט זיך אַ וואַקל געטון און שטיין געבליבן. פון לאַ־גער, וואָס האָט געשרפּעט מיט שקיעה, האָבן זיך געטראָגן ווייטע און אָפּגעזונקטע קולות. אויפן פּאָן פון וואַלדיקן טונקל־גרין האָבן זיך גע־שאָטנט גאַנצע כוואַליעס פון אַנטבלויזטע קעפּ, איבער וועלכע עס האָט זיך געקייקלט אַ גערויש. עס איז אָבער נישט מעגלעך געווען אַהין צו וואַרפן די בליקן.

דורך די וואַלד־ריטשקעלעך האָבן גענומען אויסוואַקסן שוואַרצע ס. ס.־מונדירן און צעשטעלט זיך נעבן דער מחנה. איבער זיי זענען אויסגעוואַקסן אַזויפיל גרינע זעלנער און ווערקשוצן, אַז עס איז מער נישט מעגלעך געווען צו זען וואָס עס טוט זיך ווייטער מיט אַ שפּאַן. די זעלנער האָבן גאַרנישט געזאָגט נאָר אויסגעצויגן די קאָלבעס און מיט שטומער פאַרביסנקייט גענומען קלאַפּן איבער די קעפּ. אויך דאָס האָט לאַנג נישט געדויערט. די שטומקייט האָט סייווי פּאַראַליזירט דאָס גע־שריי, וואָס האָט זיך נאָך געפּרווט אַ ריס טון און שוין אַזוי שטעקן גע־בליבן אין מיטן וועג, צווישן וואַלד און דער ליידיקייט פון שליאַך. טייל פּרויען האָבן געפּרווט אָפּגעהאַקט אַ וויין טון, זיי האָבן אָבער באַלד אויפגעהערט און געלאָזט זיך איינגעמען פון דער פאַרגליווערטקייט.

די פּאָר פּאָליציאַנטן האָבן געוואָלט ראַטעווען זייער סיטואַציע מיטן צוהעלפן אַ געשריי געבן אויף דער לאַנגער מחנה. די שוואַרצע מונדירן האָבן זיי אָבער שנעל איינגעשטילט און מיט עטלעכע פּאַמעלעכע קלעפּ

זיי אַריינגעשטויסן אין די רייען אַריין. די פּאָליציאַנטן האָבן דערביי
נידערגעשלאָגן זיך אַריינגעשטעלט מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ.

דאָס האָט נאָך מער אָפּגעשטומפּט דעם געוויין אין די רייען. ווי
פיינט די האַלע־מענטשן האָבן געהאַט דעם יידישן פּאָליציאַנט — האָבן
זיי דאָך אין יענעמס מאַכט געזען זייער אייגן ביסל רעכט. כל זמן אַ
יידישער פּאָליציאַנט האָט נאָך געהאַלטן דאָס שטעקעלע אין דער האַנט,
האָט זיך נישט אייגעם אויסגעוויזן אַז דאָ גיט מען נאָך אַביסל רעכט די
יידן און אַז צווישן דעם געשלאָגענעם און דער מאַכט איבער אים — ווי
נידעריק און נישט־אָנגעזען די דאָזיקע מאַכט זאָל נאָר נישט זיין — זע־
נען נאָך פאַראַן געוויסע פעדעם בשותפות. דאָס האָט געקילט אין אים
אַזאַ זייטיק געפיל, איבער וועלכן ער איז אַליין געווען אין כעס. ער
האָט געוווסט, אַז צו יעדער צייט קען ער נאָך טענהן מיטן אייגענעם פּאָ־
ליציאַנט און האָבן פאַר אים גאָר באַזונדערע ווערטער, וואָס צו קיין
צווייטן קען ער זיי באין־אופן נישט באַנוצן. כל זמן ער האָט נאָך געזען
אַ רויט היטל אויף אַ יידישן קאָפּ, וועלכן ער קען נאָך טייטלמאָל זאָגן אַ
האַרב וואָרט אָדער אַ בעט טון אויף יידיש — האָט אויך דאָס האַרץ זיך
געקענט דערלויבן אויף אַ קליינעם אילוזיע־דרימל...

איצט אָבער האָט יעדער געפילט אַזאַ באַזונדערס־באַהאַלטענע באַ־
ליידיקונג. די אייגענע ווערטלאָזיקייט איז נאָך בולטער אונטערגע־
שטראָכן געוואָרן. ווי שטום און פאַרלוירן די זעלבע פּאָליציי האָט זיך
אַריינגעשטעלט, געוואָלט קלענער ווערן, נישט אָנגעזעענער — כאָטש זיי
האָבן ערשט מיט אַ שעה צוריק אַזוי זיכער און געזונט געלאַכט פון אַלע־
מען און אַזוי הנאה געהאַט פון זיך אַליין.

די ווערקשוץ האָט איבערגענומען די רייען און אַרומגערינגלט זיי
מיט אַן אייזערנעם, באַוואָפנטן רינג. די ביקסן זענען אַריינגעקראָכן יעדן
איינעם ביז אין פנים אַריין און געצויגן זיך העכער פאַר אַלעמענס קעפּ.
די רייען האָבן זיך אויסגעגלייכט, שטייף געוואָרן. עס האָט אויסגעזען
אַז אַלץ איז שוין גרייט צו דער געשעעניש, וואָס דאַרף און מוז פּאָרקער־
מען; מען קען שוין נעמען דאָס מעסער און אַלעמען איינשניידן די העל־
דזער! די מעסערס זענען שוין פאַראַן און קיין קרבן איז נישט גרייט צו
שטעלן קיין ווידערשטאַנד... זאָל מען נאָר אַ בלאַנק טון מיט די משחי־
תים פאַרן אויג — און די ריי וועט נאָך שטילער ווערן. בלויז אַ קליי־

נער רעש וועט זיך מאַכן ביי זיי, ווער עס זאָל זיך פריער אונטערדרוקן אונטערן שחיטה־מעסער... דאָס אַלץ.

אויך די קוילער זענען דאָ. זייערע שוואַרצע און גרינע טויט־מלבו־שים מיט די סקעלעטן־שאַרבנס אויף די היטלען קנייטשן זיך פון אומ־געדולד, ציען זיך און מאַכן בולטער די קוילן־זאַפּאַסן און רעוואָלווערן אין זייער זייט... אַלץ איז גרייט — נאָר זיי האָבן צייט. נישט שטענדיק האָבן זיי אַזאַ גרויסן מאָרד־גליק... שוין לאַנג נישט געשטאַנען פּנים אל פּנים מיט אַזאַ גרויסע צאָל מענטשן, וואָס וואַרטן מיט געשטאַרבע־נעם גלייכגעוויכט אויפן טויט פון זייערע הענט. זיי קוקן מיט אַזאַ בליק, גלייך ווי זיי וואָלטן געוואַרט מען זאָל זיי אויסטיילן די פּאַרציעס מלאך המות וואָס שנעלער... דערפאַר מוז מען ציען, שפּילן זיך מיט דער דאָ־זיקער רעכט זייערער און שכורן דעם פאַרלוירענעם שוידער פון אַלעמענס ביינער אַרויס — ביז עס וועט נמאס ווערן...

דערפאַר ציילן זיי צום ווײפלטן מאָל די מענטשן, מעסטן די רייען, ברומען עפּעס שטיל און צופרידן אין זיך אַריין ביז זיי גיבן דעם לעצטן קרעכץ מיט דער מידקייט פון אַ זקן. ביים טויער שטייט נישט מער קיין יידישער פּאָליציאַנט. אויף זיין אָרט אין ביידל שטייט איצט אַ צעוואַק־סענער דייטש מיט שוואַרצע בגדים און ציט אַריין די מחנה וואָס טיפער אין תהום אַריין. פון גאָר ווייט שויבערן זיך לאַנגע כוואַליעס צעשויבער־טע קעפּ און פאַרגיסן דעם גאַנצן אַפּעל־פּלאַץ. בלויז די אַריינשפּרייזנדי־קע מחנה קען זיי נישט זען. עס פאַרכאַפּט זיי פּלוצים אַ דין־צעפלויגן געשריי, נאָך איינס... אַ דריטס... עטלעכע שאָסן צעברענען די אָנגעגלי־טע לופט און אַ קליין, בייסיק רויכל עסט זיך איין אין די נאָזלעכער...

עס איז ווידער גאָרנישט. אַ קליין, דין־געשניצט מיידעלע האָט נישט אויסגעהאַלטן די לאָקנדיקע ציעניש פון ביידע זייטן וואַלד. זי האָט אַ בליק געטון און געזען ווי די היטער טרייבן די מאַרשירנדיקע — האָט זי זיך אַ וואָרף געטון אויף דער ערד, אַ קריך געטון און אַריין אין דער ביי־מערדיקער געדיכטעניש... נאָך איר האָט זיך אַ לאָז געטון אַ צווייט מע־נער־געשטאַלט. זעט אויס, אַז דאָס איז איר געליבטער... באַלד האָבן זיך אַ וואָרף געטון אויף דער ערד נאָך עטלעכע, ווי אין אַ קניענדיק־באַוועג־לעכער תפילה... אָן באַטראַכט האָבן זיי עס געטון, בלויז דער ווילן נאָכ־צוטון עמעצן אין די לעצטע מינוטן האָט זיי באַוועלטיקט. אפשר איז

ד אָ ס די רעטונג? אַ געדיכטע זיפּ פון בלייערן־צעפּייערטע קייקעלעך איז זיי נאָכגעלאָפן, איינגעגעסן זיך אין די אברים מיט חוזק און זיי אָפּ־געשטעלט אין מיטן דער קריכעריי אויף אַלע פיר פאַר דעם שוואַרץ־צע־גרינטן מאַנטל פון משוגע־געוואָרענעם לעבן... צו שפּעט דאָס לעבן צו חנפענען מיטן בוקן זיך דערפאַר! האָט בלויז זייער לעצטער געשריי אַ וואָרן געטון די אַנדערע מיט די גסיסה־כאָרכלען, וואָס דער לאַגער־טויער האָט אַזוי גנעדיק אַריינגעלאָזט אינעווייניק אַריין...

האָבן זיך זעבעצן הונדערט לייבער אַ וואָרף געטון פאָראויס, ווי דער גסיסה־געשריי וואָלט זיי אַ בייטש געטון איבער די קעפּ און געטריבן ווייטער. ערשט דאָ האָבן זיי זיך אַ צעשיט געטון און איינגעשלינגען גע־וואָרן פון דעם מענטשלעכן ים מיט לייבער וואָס איז געשטאַנען צע־שטעלט איבערן גאַנצן הויף און קוים זיך געקענט אויף זיי דערוואַרטן...

פון דער זייט, נעבן קאָמענדאַנטן־באַראַק האָט אַ דיק, געשוואָלן קול זיך געטראָגן ביז צום טויער מיט אַ דייטשער אָנגעזויפּנקייט:

— זענען שוין אַלע פאַראַן?

אַ קול פון דער טויער־זייט האָט אַריבערגעשריגן:

— שוין אַלע... אויסער דריי, וואָס ליגן אין וואַלד, דאַנעבן...

דאָס ערשטע, דיקע קול האָט באַפוילן:

— רופן אַלע מייסטערס און שליסן דעם טויער!

אַ שאַרפער גרילץ האָט צוגעפּראַלט דעם טויער און אַלעמען האָט זיך אויסגעוויזן אַז דאָס האָט מען נאָר־וואָס אָפּגעשלאָסן יעדן איינעמס אָטעם באַזונדער...

# קאַפּיטל אַכטאונדרייסיק

— 1 —

ערב תשעה באב פאַרנאַכט, ווען אַ האַלבער ווערק צע האָט זיך גע־גרייט צו לאָזן זיך צו דער פאַבריק — האָט זיך באַוויזן אַ ווערקשוץ אויף אַ מאָטאָציקל. ער האָט זיך שנעל אַ לאָז געטון צו שולצען אין דער קליי־נער ביוראָ און פון דאָרט איז ער אַריין צו די קאָמענדאַנטין, די לאַגער־

מענטשן האָבן שוין, ווי יעדן טאָג, געטראָגן זייערע פּאָרציעס ברויט מיט צעשמירטע לעפל מאַרמעלאַד. אַנדערע זענען געשטאַנען אין דרויסן און צולהכעיס דער שרפענדיקער זון האָבן זיי געשניטן דינע פּענעצלעך ברויט און פאַרפאַסט. דאָס האָבן זיי זיך געגרייט צום תענית אין ווערק צע.

דאָס שטאָפּעטעווען פון איינציקן ווערק צע איז זיי ווייניק וואָס אָנגעגאַנגען. זיי האָבן געוואָלט וואָס שנעלער אַראָפּשלינגען די ברויט־ביסנס און נאָך באַווייזן אַריינצוכאַפּן אַביסל קינות ביים העלבראַמער רב אין באַראַקל, פאַרן גיין צו דער אַרבעט. עפּעס אַ גרופּע איז געווען צופרידן מיט זיך — איז זי געזעסן צוזאַמענגעקוועטשט נעבן די הינטערשטע באַראַקן און געזינגען אויפן קול. ביים דערזען פאַרביילויפן אַ פּאָליציאַנט, האָבן זיי געמיינט אַז מען גייט שוין טרייבן צו דער אַרבעט — און זיי האָבן זיך אויפגעשטעלט. דאָס פּאָליציאַנטל האָט אָבער געהאַט פאַר זיי אַ פריילעכע בשורה:

— איילט זיך נישט... מען וועט היינט דוכט זיך נישט גיין צו דער אַרבעט... שולצע האָט באַפוילן נישט צו מאַכן קיין אַפּעל. אויך דער ווערקשוץ, וואָס איז געקומען צולויפן, האָט אָנגעזאָגט אַז מען זאָל היינט נישט פייפן ווי שטענדיק. עס דאַרף היינט קומען אַ גאָר וויכטיקע קאָמיסיע פון פראָנט, וועלכע וויל מאַכן אַ קאָנטראָל איבער דער גאַנצער פאַבריק. וואָס זיי ווילן דאָרט טון ווייסט קיינער נישט. אַפילו די מייסטערס אויך נישט. מען ווייסט נאָר, אַז די קאָמיסיע וויל נישט האָבן אין דער פאַבריק קיין שום פרעמד אויג, בשעת זיי וועלן זיך דאָרט אַרומפאָרען. עס קען זיין אַז זיי וועלן זיך זוימען אַ גאַנצע נאַכט דאָ — דערפאַר וועט מען אָפּשליסן דעם לאַגער און קיינעם נישט אַרויסלאָזן, מען וואַרט נאָר אויף דער טאָג־שיכט...

ווערק צע קען נאָר זיין צופרידן פון אַזאַ געלעגנהייט. שוין לאַנג נישט געכאַפּט דעם אָטעם. עטלעכע פריילעכע חברה־לייט האָבן זיך אַפילו לוסטיק געמאַכט:

— הלוואי קומען אַזעלכע קאָמיסיעס יעדן טאָג... נישקשה, מען וועט שוין היינטיקן אָוונט אַ לעב טון אַביסל...

די בשורה איז זיך אָבער צעלאָפן איבערן גאַנצן לאַגער און וואָס מער באַראַקן זי האָט איינגענומען, אַלץ מרה־שחורהדיקער איז זי געוואָרן:

— וואָס איז דאָס פאַר אַ קאָמיסיע? און ווי אַזוי קען מען אָפּשטעלן די אַרבעט אויף אַ גאַנצע נאַכט, בשעת מען טרייבט יעדעס מאָל אַרויס די כוחות? און פאַרוואָס האָט מען קיינמאָל נישט אָפּגעהאַלטן די אַרבעט? אמעו׳, יעדעס מאָל ווען עס קומען אָפּיצירן פון פראָנט — מאַכן די פאַבריקס־דייטשן נאָך אַ גרעסערן גערודער, בכדי צו באַווייזן די געקומענע אַז מען אַרבעט אויף דער פולער פאַרע?

די פרויען האָבן ווי שטענדיק בלויז געבראָכן מיט די הענט:

—אַזוי, עס זאָל נאָר גלאַטיק אָפּגיין!

דערנאָך האָבן זיי זיך אַוועקגעלאָזט אין די באַראַקן זיך אויסצוזוכן וואָס צו טון אין דעם פרייען אָוונט וואָס איז אַזוי פּלוצים אַראָפּגעפאַלן אויף די קעפּ. מעכעלע איז גראָד דאַן געזעסן ביי פרידלאַנדן אין באַראַק און געשמועסט מיטן לאַגער־משיח ווראָצלאַווסקי. יענער האָט שוין געהאַט געפינען זיין גלייכגעוויכט. דאָך האָט ער אין אַזאַ צעפייערטן פאַרנאַכט פון ערב תשעה באב זיך ווידער אָנגעגאָסן מיט ווילדער בענקעניש. שוין לאַנג האָט מעכעלע אים נישט געוואָלט אויסהערן, אָבער איצט האָט אים עפּעס געצויגן צו יענעם. אונטער מעכעלעס דיקן אנצוג איז שוין געווען אַרומגעשנירלט אַ פּעקל כתבים און דאָס קלאַפּנדיקע האַרץ האָט געזוכט ביי עמעצן צו דערגיין דעם סוד פון אַ מינוט שפּעטער. אין מיטן אַזעלכע אָנגעצונדענע מינוטן, וואָס מעכעלע האָט שוין געשנאַפּט אין דער לופט, איז ער גרייט געווען צו דערהערן גאָטס אַ ברום פון וועלכער זייט ער זאָל נישט קומען. מסתמא האָט ער איצט אַליין פאַרלוירן זיין שכלדיקע רואיקייט, דערפאַר איז זיין גאַנצער גוף אָנגעזאַפּט מיט יענעם שוידער איבער וועלכן מען קען פאַרזייען אַלערליי משוגענע פאַנטאַזיעס און דערוואַרטעניש.

אין פרידלאַנדס באַראַק זענען היינטיקן פאַרנאַכט זיך צוזאַמענגעקומען אַלערליי מאָדנע פאַרשוינען פון לאַגער. עס האָט אַהער פאַרבלאָנקעט דער קראַנקער מקובל משה און דער פרומער ייד פון סטאַשעוו מיט די פעך־שוואַרצע וואָנסעס. דאָ געפינט זיך דער פראָסטער אָבער גאָר־פרומער משה אפטער — און ער האָט צוגעזאָגט צו ברענגען געקאָכט׳ן אַייער, וועלכע מען וועט דאָ טובלען אין אַש... האָבן זיי זיך אַריינגעשאַרט און דערביי שטיין געבליבן נעבן ווראָצלאַווסקיס בעטל און אַריינגעשלינגען אין זיך זיינע אבלותדיק־צערוישטע רייד:

— ער וועט מאַרגן מוזן קומען! איך שווער אייך! מנחם הייסט ער און אין תשעה באב איז ער געבוירן געוואָרן! דערפאַר וועט ער זיך אַ לאָז טון פון רוים גלייך אַהער... דאָ איז איצט זיין מקום... דאָס בית המקדש האָט זיך צערעוועט און אָנגעזאָגט אַז משיח איז דאַן געבוירן געוואָרן... דאָס בית המקדש האָט נאָך געדרויכערט און די קעפּ זענען נאָך געלעגן איינגעגראָבן אין אַש... אָבער משיח האָט ליב געפאַנגענע לייבער, וואָס זענען צוגעבונדן צו די קייטן — און אומעטום ווו יסורים גאַרטלען אַרום אַ יידיש לייב — דאָרט ברומט משיחס אָקס וואָס זאָגט אָן אַז ער קומט, אַז ער ווערט געבוירן פון דאָסניי... און איך בין איצט דער אָקס וואָס שפּיר זיין קומען... ער גייט, ער קומט מיט זיין שווערד!...

מעכעלע האָט זיך פּלוצים געוואָלט אַ הייב טון, פאַרלאָזן דאָס באַראַקל וואָס איז אָנגעהיצט געוואָרן פון וורצלאַווסקיס מטורפע רייד... דעם מקובלס אויגן האָבן אָבער אויף אים געקוקט מיט פייכטן געבעט, אַזוי ווי אויך יענער וואָלט דאָ נישט געוואָלט בלייבן אַליין. עס האָט זיך מעכעלען אויסגעוויזן אַז דאָס ווילן אַלע זיך פאַרשפּילן מיט צעטומלקייט און זיי האָבן מורא, אַז דער ערשטער זאָל זיך דאָ נישט אַרויסרייסן פון צעחושטן רינג. מיט דעם וועט זיך די גאַנצע איינגעוויגטקייט צערייסן און אַלע וועלן דאַן מוזן אַנטלויפן, לאָזן אַלץ אויף הפקר...

איז ער געבליבן, מעכעלע, און בגוואַלד זיך געוואָלט איינהערן אין דעם וואָס דער מקובל וויל אָפּענטפערן וורצלאַווסקין. דער שוואַרצער סטאַשעווער האָט געצויגן מיט זיינע שוואַרצע שפּיזן וואָס האָבן אים אַראָפּגעהאנגען פון מויל און זיך פרום איינגעביסן אין יעדן וואָרט וואָס איז פון דאָרטיקן ווינקל געפאַלן, אָבער מעכעלע האָט עס באַין אופן נישט געקענט אויפכאַפּן. פון דרויסן האָט זיך געקייקלט אַ ווייט גערויש, געזוכט אַ וועג צוצוקומען ביז צו זייער באַראַק און נישט געקענט... האָט זיך עס געבלעזלט ווייט־ווייט און מעכעלעס געהער האָט בלויז אויפגענומען די אָפּגעריבענע ברעקלעך וואָס האָבן אימהדיק זיך געלאָשן הינטער די צוגעהאַקטע פענצטערלעך. פון דער טויער־זייט האָט זיך געצויגן אַ דין, אָפּגעהאַקט פייפן פון אַלערליי פייפלעך. מעכעלע האָט געוווסט. אַז היינט וועט מען צו דער אַרבעט נישט אַרויסגיין און דאָך איז עס פאַר אים נישט געווען קיין ווונדער.

דער ערשטער האָט זיך אַ ריס געגעבן גראָד דער פּאַרטראָגענער מקובל אין מיטן רעדן זיינעם:

— הערט נאָר... מען פּייפט גאָר! ווען מען רופט מען דען, אַז סיי־ווי גייט מען נישט צו דער אַרבעט?

עטלעכע פאַרגליווערט־מידע שאָטנס אויף די בעטן האָבן זיך אַ צאַפּל געטון: — מען רופט! מען שרייט עפּעס!

אַלע האָבן זיך אַ וואָרף געטון צום פענצטערל. עס איז אָבער שוין נישט ביימיק געווען. דאָס פייפנדיקע געשריי איז שוין צוגעקומען נעע־טער און אַריינגעוואָרפן די פון אימה־פאַרסמטע פיילן:

— אין צען מינוט אַרום מוזן אַלע זיין אויפן פּלאַץ!... איז צען מינוט!!!

דאָס פּאָליצייאישע אויסשרייען האָט זיך אַוועקגעלאָזט ווייטער. דערפאַר איז עס געוואָרן שטילער, געדעמפטער. ביי יעדן אין מוח זענען אָבער די ווערטער שטעקן געבליבן ווי גליענדיקע שפּיזלען... קיינער האָט נישט געוווסט וואָס פריער צו טון: לויפן אָדער בלייבן דאָ ביז די לעצטע מינוטן? איז טויט־שטיל געוואָרן. מעכעלע האָט זיך בלייך אַראָפּגעלאָזט אויף אַן אומגעפאַלענער באַנק. דער מקובל האָט שטאַר געבליקט צום סו־פּיט און דער סטאַשעווער ייד האָט זיך אָנגעצויגן די וואָנסעס אַזוי ווי ער וואָלט זיך געגרייט מיט זיי עמעצן צו דערשטעכן. עס איז מוראדיק שטיל געוואָרן. דער צעוואקסענער משה אפטער האָט זיך צוגעשאַרט צום פענצ־טער און געוואָלט זען וואָס אין דרויסן קומט פאָר. עטלעכע ליגנדיקע אויף די געלעגערס האָבן מיט ציטערדיקע הענט גענומען אַרויפציען אויף זיך די שמאַטעס אין שטומען געאייל. בלויז דער געלער וואַרשאַוסקי האָט זיך אויפגעשטעלט, אַראָפּגעריסן פון זיך די לעצטע פּאָר צויטן און זיי אַ שליידער געטון אויפן דיל. קיינער האָט אים גאָרנישט געזאָגט. דערפאַר האָט ער זיך אַ הייב געטון, גענומען טאַנצן מיט די אויסגע־דאַרטע פיס און צוריקגעפאַלן אויפן געלעגער. האָט ער זיך דערפאַר הויך צעשריגן צום פאַרהאַקטן פענצטערל:

— זאָגט אים אַז כ'בין דאָ!!! ער פייפט אַזוי ווייל ער זוכט מיך... און איך קען נישט אַרויסגיין! זאָגט אים ווו איך בין, גזלנים! זאָל ער מיך דאָ נישט איבערלאָזן... איך וועל זיך טראָגן אַהין אויף אַלע פיר! לאָזט אים נישט אַוועק...

אַ דיקע, פּאַליציייאישע פּאַלקע האָט אַ קלאַפּ געטון אויף דער שויב און פון דער אַנטשטאַנענער שטילקייט האָט זיך אַ טראַג געגעבן אַזאַ שטורעם וואָס האָט איינגעשלינגען וורצלאַווסקיס געשרייען.

— 2 —

אויפן אַפּעל־פּלאַץ האָבן זיך אויסגעשטעלט איין ריי נאָך דער צווייטער. די דראָטן זענען אַרומגעשטעלט געוואָרן מיט גרויסע אַפּטיילונגען שוואַרצע. זיי האָבן אויך אַרומגענומען די אינעווייניקסטע טויערן. צו די רייען האָבן זיי זיך אָבער נישט דערנענטערט. בלויז שולצע אַליין האָט געשפּרייזט פון ריי צו ריי און אויסגעגלייכט די פאָרמען. עס איז שוין נישט געבליבן קיין איין מענטש אין די באַראַקן. די יידישע פּאָליציי האָט אַרויסגעטריבן ביז דעם לעצטן. אויך די מענטשן אַליין האָבן זיך באַמת נישט אַנצומאַכן קיין גרויסן טומל און קיין שום שוועריקייטן. אַלע האָבן זיך רואיק אויסגעשטעלט און געוואַרט אויף דעם וואָס ווייטער וועט זיין. שולצע אַליין האָט זיך נישט צוגעלייבט אַז עס וועט אַזוי לייכט צוגיין. ער האָט זיך דערפאַר געטראָגן פון ריי צו ריי און מיט דענערווירטער צופרידנקייט געשמייכלט אין זיך אַריין.

ער האָט מיט צייכנס געוויזן די שוואַרצע דייטשן אַז זיי זאָלן נישט צוקומען נענטער. אויך דער יידישער פּאָליציי האָט ער געוויזן, אַז זי זאָל זיך אויסשטעלן אין אַ באַזונדערער ריי, נעבן דעם גאַנצן עולם. די מונדירטע פּאָליציי האָט מיט אַ ציטער זיך אויסגעצויגן מיליטעריש און נישט פאַרשטאַנען וואָס ער וויל פון זיי: דאַרף מען שוין נישט מער זייער הילף, אָדער וואָס? שולצע האָט ווייניק וואָס געקוקט אין זייער זייט אַריין. ער האָט נאָר באַטראַכט אַלעמאָל מיט געשפּאַנטקייט זיין קליין האַנט־זייגערל און געלאָפן צום טויער. דערנאָך איז ער צוריקגעקומען אַ גערייצטער און ווייטער אַכטונג געגעבן אַז די רייען זאָלן זיך נישט צעשיטן. דאָס האָט ער געוואַרט אויף דער טאָג־שיכט וואָס האָט תיכף געזאָלט אָנקומען.

ווייזנבערג מיט פעלאַן זענען געווען די איינציקע וואָס האָבן זיך באַוועגט אין דער זייט מיט אויסגעלאָשענע פּנימער. פעלאַ האָט עפּעס געפּרוווט איינרוימען שולצען. דאָס האָט זי אים ווייזט אויס געבעטן וועגן

עטלעכע היימישע, זיי זאָלן דערוויַיל אַרויס פון די געפּרעסטע רייען. אָבער שולצע האָט זיך אויף איר צעדונערט:

— נישטאָ מער קיין בעסערע לייט פאַר מיר! אַלע וועלן טיילן דעם זעלבן גורל! דו אויך!

איז זי שוין שטיל געוואָרן, פּעלאָ. בלויז אין די רייען האָט זיך אַדורכגעטראָגן אַ דערשטיקטער, שטומער געמורמל מיט די אויגן:

— אָט דאָס איז עס... דער סוף...

קיין געשריי איז אָבער פון דער דערקענטעניש נישט אַרויסגעקו־מען. די רייען זענען ווידער געשטאַנען איינע קעגן דער צווייטער ווי אַריינגעוואַקסן אין דער ערד. די אַנטבלויזטע קעפּ האָבן זיך געבויגן אונ־טער דער פאַרבלוטיקטער זון און די מיילער האָבן נאָר פאַר זיך גע־פּרעפּלט מיט ווייכע, דערשראָקענע ליפּן. ווי רואיק ווערק צו קען זיין! ווער האָט זיך עס געקענט גלייבן? אָט ערשט מיט איין האַלבער שעה צוריק האָט דאָ געררוישט אין אַלע באַראַקן און יעדער איינער, פון די וואָס שטייען דאָ, האָט מיט זיך געטראָגן אַ באַרג מיט טומל, מיט גע־שרייען; און איצט... שטייען צוויי טויזנט מענטשן איינגעקלאַמערט איי־נער אינעם צווייטנס שווייגעניש און עס דוכט זיך אַז זיי האָבן קיינמאָל נישט געקענט רעדן און אויך אויף ווייטער וועלן זיי שוין שווייגן, אויף אייביק אַזוי שטיין מיט אַנטבלויזטע קעפּ און שווייגן!

אַפילו שולצען איז איבערדריסיק געוואָרן דאָס דאָזיקע שטילעניש. העי, ער איז דאָ איצט דער א י נ צ י ק ע ר, וואָס מעג אַרויסברענ־גען אַ קול פון זיך צווישן צוויי טויזנט איינגעשוויגענע... האָט ער מורא באַקומען פאַר דער דאָזיקער רעכט זיינער און געוואָלט איבערשרייען זיין דאָזיקן פּחד. ער האָט דערפאַר זיך גענומען אַוועקרוקן אין אַ זייט, פאַר־שווינדן צו זיך אין דער ביוראָ אַריין און דערנאָך איז ער צוריקגעקומען מיט אַ גרויסן בוך אין דער האַנט. אַלע האָבן דערקענט דאָס בוך אין וועלכן שולצע האָט געהאַט פאַרשריבן די נעמען פון אַלע ווערק צע־ני־קעס, וועלכע ער האָט באַצייכנט מיט זיינע משוגענע קיילעכלעך און פּאַ־סעקלעך. האָבן זיך די קעפּ נאָך טיפער געבויגן אונטער דער שווערער שטילקייט און געגרייט זיך אויפצונעמען די גורלות, וואָס שולצע וועט אַרויסציען פאַר יעדן פון זיין בוך אַרויס.

שולצען איז ווידער אומהיימלעך געוואָרן. דערביי האָט ער געזוכט

וואָס צו טון און די אויגן זיינע האָבן אויסגעמיטן זיך צו באַגעגענען מיט עמעצנס בליק פון דער ריי. ער האָט דעריבער געבראַכט צו טראָגן אַ קליין טישל, אַוועקגעשטעלט עס ווייטער פון די רייען און דערויף אַרויפגע־שפּרונגען. זיין קול האָט אים אַ ציטער געטון, דאָך האָט ער געפינען אין געציילטע סעקונדן די גאַנצע ווילדקייט פון זיין רעווען. דאָס האָט ער בלויז געוואָלט האַלטן אַ קורצע רעדע:

— צוליב אייער גוטס זאָלט איר זיך באַמיען איינצוהאַלטן דיסצי־פּלין! איר זאָלט שטיין אין געהעריקער אָרדענונג און צופּאַסן זיך צו אַלע באַפעלן — אַזוי ווי אין די צייטן וואָס ווערק צע האָט נאָך עקזיסטירט. ביז דער לעצטער מינוט פאַרבלייב איך אייער קאָמענדאַנט און איר מוזט מיך פאָלגן. נאָר אין דעם ליגט אייער רעטונג...

קיינער האָט זיך מער נישט געוואונדערט וואָס ער רעדט אַזוי. פאַר קיינעם איז מער קיין נייעס נישט געווען אַז ווערק צע איז שוין פּאַקטיש מער נישטאָ, כאָטש מען האָט עס ערשט די סעקונדע געהערט. שולצע אַליין האָט עס נישט דערציילט, נאָר שוין גערעדט וואָס עס דאַרף זיין נאָך דעם. ווערק צע האָט אויפגעהערט צו עקזיסטירן באַלד ביים ערשטן קלאַפּ פון דער פּאָליציי אין די פענצטערלעך און ביים אַרויסטרייבן פון די באַראַקן... שולצע האָט נאָך דאָרט געהאַלטן אין איין דרשענען, אַריינ־וואַרפן זיינע רייד אין דער שטילקייט אַריין. ער האָט אָבער נישט געזען, דער מטורף, ווי אַזוי דאָ שטייען פאַר אים צוויי טויזנט שטילע שטור־רעמס... עס שטייען צוויי טויזנט איינגעשוויגענע — אָבער אין יעדנס מוח רודערט זיך איצט, שרייט עס און עס זוכט אַן אויסוועג... ווער הערט אים דען? אָבער טייל ווערטער זיינע הילכן דאָך אָפּ אין די אויערן:

— ...און אַז אַלץ וועט צוגיין מיט דער בעסטער דיסציפּלין — וועל איך זיך באַמיען אַז איר זאָלט נאָך קענען אַריינגיין אין אייערע באַראַקן אויף אַ פּאָר מינוט... איך וועל עס אויפקלערן מיינע קאָמעראַדן...

אַרויס פון די באַראַקן אויף שטענדיק? קיינער וויל זיך עס נישט צוגלייבן און דאָך רייסן זיך פלוצים אַלעמענס אויגן צו די שטומע איינ־געהויקערטע דעכער... יעדער וויל זיי נאָך איין מאָל זען, אַרומנעמען מיטן בליק... דוכט זיך, דייטשע באַראַקן, האָ? וויפל טויטן האָבן זיי צו־

געזען? און וויפל יסורים האָט דאָ יעדער אין זיי געליטן? דאָך וויל דאָ איצט יעדער צופאַלן צו זיי, אויסקושן די ווענט צום לעצטן מאָל... קיי־נער האָט גאָרנישט געוווסט אַז דאָס זענען די לעצטע רעשטלעך היים פון זיין האַרץ... אַלע זענען גרייט שולצען צו פאָלגן, וואָס ער זאָל נאָר נישט הייסן, אַבי ער זאָל נאָך איין מאָל לאָזן צוגיין צו אַ קויקע, צו די באַראַק־ווענט, צו די היימישע שייבלעך... איין סעקונדע בלויז! דאָס וויסן אַז ע ר האָט די מאַכט איבער דעם — מאַכט אונטערטעניק, הכנעה־דיק. מען שרעקט זיך נישט פאַר זיין כוח צו טויטן — נאָר דאָס וויל מען ביי אים אויספועלן דורך אונטערגיביקייט, אַז ער זאָל לאָזן נאָך איין בליק טון אויפן וואַלד, אויפן שטיק האַרטן ברעט — אויף וועלכן מען איז אויסגעשלאָפן אַזויפיל נעכט דאָ... דאָס אַלץ!

שולצע האָט אָבער געמוזט איבעררייסן זיין רעדע. פונעם טויער האָט זיך געגומען טראָגן אַ געוויש. עס האָט אָפּגעהילכט אַ שאָס... נאָך איינער... איז ער אַרונטערגעשפּרונגען און זיך געלאָזט לויפן צום טויער. דאָרט האָט אים שוין פאַרכאַפּט די אַריינשטראָמענדיקע מחנה פון דער טאָג־שיכט. מען האָט נאָך געקענט הערן זיינע ווילדע קולות אויף די וואַכמענער:

— ווער האָט באַפוילן פריציייטיק צו שיסן?!

דאָרט איז מען אָבער פאַר זיין געשריי נישט נתפּעל געוואָרן. עמעץ האָט אים דאָרט עפּעס געזאָגט מיט אַ געלעכטערדיקן טאָן. אַלע האָבן זיך פונאַנדערגעלאָכט און אויך ער האָט געמוזט מיטלאַכן. די עדה האָט זיך דערווייל אַריינגעלאָזט טיפער אין הויף, שטיין געבליבן אַביסל ווייטער פון דער געפאַרמטער ריי, אַזוי ווי זיי וואָלטן נאָך געוואָלט אַ מי־נוט אָפּהאַלטן און אויסטיילן זייער פּסק־דין פאַר די וואָס שטייען דאָ פון פריער. באַלד האָט זיך אָבער די גאַנצע מחנה אַ וואַקל געטון, אַ צי גע־טון זיך פאָראויס און אַריינגעפאַלן אין דער גרויסער ריי פריערדיקע. זיי האָבן עס געטון מיט אַזאַ התלהבות, אַזוי־ווי זיי וואָלטן זיך געשראָקן נישט צו פאַרשפּעטיקן; נישט אויסן צו בלייבן פון יענע אפילו ביים גאַנג צום טויט. לייב אין לייב האָט זיך אַ קלאַמער געטון, ריי אין ריי האָט זיך אַ שליס געטון און טאָג מיט נאַכט פון ווערק צע האָבן זיך צוזאַמענ־געגאָסן.

— 3 —

וואָס איין מינוט קען מאַכן! מעכעלע קען איצט זיך נישט ווונדערן אויף קיינעם, פונקט ווי ער קען זיך נישט ווונדערן אויף זיך אַליין. גיי ווייס אַז ער איז אַזוי טעמפּ געוואָרן! די ערשטע מינוט, ווען ער האָט גע־הערט דעם געשריי — האָט זיך עפּעס אַ ריס געטון ביי אים אין האַרץ און אָפּגעריסן געוואָרן. אַזויווי דאָס צינגל פון אַ הויכן גלאָק וואָס גיט זיך אַ ריס און פאַלט אַוועק... דערנאָך רייסט מען, ציט מען ביי אַלע שטריק... דער ריזיקער גלאָק וואַרפט זיך אין אַלע זייטן — אָבער קיין קלאַנג וועט ער שוין פון זיך נישט אַרויסגעבן...

ער האָט געפילט, מעכעלע, ווי אַזאַ שאַרפער שניט זעגט אָפּ ביי אים עפּעס אינעווייניק. דערנאָך האָט זיך עפּעס געקייקלט אין ווייען ביי אים אין מח, אין די געדערעם... שפּעטער האָט זיך אַלץ געריסן צו אַלאַרמירן אין אים, צו צאַפּלען, צו וואַרפן זיך — עס איז אָבער צו שפּעט געווען. ער האָט זיך בלויז טעמפּ געשטויסן צו די ערשטע רייען און אַוועקגע־שטעלט זיך מיט אַלע פאָדערשטע. אים האָט שוין מער גאָרנישט געאַרט און גאָרנישט געשראָקן. בלויז צו איין זאַך האָט ער נאָך געגלוסט. ער האָט נאָך געוואָלט האָבן די ה נ א ה פון צוזען אַלצדינג, צוקוקן זיך צו יעדער ריר וואָס דאָ קומט פאָר... פון דעם וויל ער זיך נישט אָפּזאָגן און דאָס קען מען נאָר דערגרייכן מיטן שטויסן זיך, מיטן אַרויסשטופּן זיך פאָראויס — דערפאַר שטייט ער איצט אין דער ערשטער ריי און קוקט אויף אַלעמען, אויפן הויף, אויף שולצען...

ווען עס זאָל מעגלעך זיין אַז מען זאָל אים אַליין דאָ נעמען צו דער וואַנט און דערשיסן, אָבער דערביי זאָל ער אויך קענען שטיין אַביסל ווייטער פון זיך און האָבן די מעגלעכקייט צו אָבסערווירן די גאַנצע סצענע — וואָלט ער אויך אַזוי געשטאַנען, גאָרנישט מער ווי אַ נייגעריקער און צוגעזען, געשטויסן זיך צוצוזען אַלצדינג... אפילו אין אַזעלכע מינוטן האָט מען אויך אַזאַ באַגראָבענע הנאה פון שטיין אין דער ערשטער ריי און אַלץ זען מיט די אויגן, איידער צו שטיין אַריינגעשטיקט אין די מיטלסטע רייען און מער גאָרנישט זען ווי די פּאָר פאַרצווייפלטע שכנים. עס איז אָבער לאַנג נישט אויסגעקומען צו האַלטן די רייען. שולצע האָט געעפנט זיין מרה־שחורהדיקע ליסטע און גענומען אַרויסלייענען פאַרשי־

דענע נעמען. די, וואָס זענען נישט אַרויסגערופן געוואָרן האָבן געמוזט בלייבן שטיין אויפן אָרט. די וואָס ער האָט אָנגערופןביים נאָמען — האָבן געמוזט אָפּגיין צען שריט פאָראויס, צום טויער און שטיין בלייבן.

מעכעלע האָט צוגעזען מיט אַן אָפּגעשטאָרבן האַרץ ווי אַזוי פיל באַקאַנטע פנימער וואַקלען זיך אַרויס פון דער ריי, זיי גייען מיט טריט וואָס ווילן זיך באַלד קעגנשטעלן, אָפּזאָגן זיך צו פאָלגן... אָבער דאָך דערגייען זיי ביז צום אָפּגעשטימטן פּלאַץ און שטעלן זיך דאָרט ווו דער באַפעל איז געגעבן געוואָרן. קיין זאַך באַפעלט שוין מער נישט אינע־ווייניק, אין זיי, וואָס צו טון. אַלץ איז שוין צוגעפּאַסט צום גרילצנדיקן קול פון שולצען און נאָר צו אים. דאָס איז געוואָרן זייער נשמה, זייער אָטעם. ער טראַכט פאַר זיי, באַפעלט פאַר זיי און ער קלייבט פאַר זיי צו דאָס אָרט צו שטיין און צום גיין... בלויז די שרעק וואָס רייסט זיך נאָך אַזוי מוראָדיק און געצוימט פון זייער אויג — איז זייער אייגנס... מער גאָרנישט. מעכעלע פילט אַז טאָמער וועט דאָס קול אויך אים הייסן גיין דאָרט — וועט ער גיין גלייך ווי זיי, זיך שטעלן דאָרטן און וואַרטן...

אייגנטלעך ווייסט ער אַליין נישט וואָס מען מיינט ד אָ ר ט ן און וואָס איז ד אָ . אויך די, וואָס בלייבן שטיין, וו אַ ר ט ן דאָך אויף עפּעס. אויך מיט זיי דאַרף דאָך געשען עפּעס — פּונקט ווי מיט די וואָס מען רופט אַרויס. ס׳איז קיין חילוק נישט — און דאָך שפּירן אַלע אַז די וואָס ווערן באַפוילן צו גיין אַ פּאָר טריט, צו שטעלן זיך באַזונדער — דערוואַרט גאָר אַן אַנדער גורל. קיינער וויל נאָר נישט טראַכטן פון גאָר, ווייל עס איז גוט צו לאָזן אַלץ הענגען און אַרונטערפאַלן אונטער בלויזע באַפעלן. אפילו דעם בלויזן געדאַנק האָט מען מורא צו לאָזן פריי זיך באַוועגן, אָן דעם באַפעל וואָס רודערט אַרום אויפן גאַנצן הויף.

איין סעקונדע בלויז גיט זיך אין מעכעלען נאָך אַ צאַפּל אַזאַ כעס־דיקער געדאַנק:

— א יי ן שולצע בלויז... און זיי גייען... און מיר וואַרטן...

ער אַליין האָט אָבער שוין נישט מער קיין כח זיך אָנצוכאַפּן אין דעם דאַזיקן געדאַנקעלע. אויך דאָס מחשבהלע פאַלט אַרונטער אין אַ תהום איידער עס באַווייזט זיך איינצוקלאַמערן אין אים. דאָס יאושדיקע האָט זיך צונויפגעקלאַמערט מיט די פינקעלעך האָפענונג, וואָס זענען נאָך קלעפּן געבליבן אין געמיט פון שולצעס רייד — און אַלע לאָזן זיך ציען,

שלעפן... דערביי האָבן די פּאָר איינזאַמע שאָסן אויך געטון זייערס. די צענדליקער שוואַרצע וועכטער מיט די ביקסן וואָרענען פון דער ווייטנס מיט די אויסגעשטרעקטע געווערן, און מער דאַרף מען דאָ גאָרנישט. נישט קיין רייד און נישט קיין געשרייען. בלויז דאָס אַליין טוט נאָך אַ לייכטן שטאָך אין מעכעלעס האַרץ: אָט שטייט ער, דער שרייער, דער העצער, דער רופער צו ווידערשטאַנד... חכם איינער, ווו זענען די רייד? דאָס שטעלן זיך אַנטקעגן? נאָר אויך דעם ווייטיק קען ער שטאַרק נישט אויפנעמען און איז אפילו נישט בכח לאַנג מיט אים זיך אָפּצוגעבן. פליט ער נאָר פאַרביי און לאָזט אים ווייטער צוזען ווי אַזוי איין ריי נאָך דער צווייטער פון היימישע פנימער שפרייזן אַריבער אין דער צווייטער זייט אויף שולצעס רוף... דאָס איז אייגנטלעך נישט אַזוי שרעקלעך! וואָס איז דען? פריער זענען זיי געשטאַנען אויף דער זייט און איצט שטייען זיי אויף יענער זייט, מיט עטלעכע טריט ווייטער. זיי לעבן ווייטער, זיי אָטעמען און קוקן אויף דיר, פונקט ווי דו אויף זיי... צוליב וואָס דאַרף מען דען שרייען, זיך רעוואָלטירן? אָט באַלד וועט ער זיי ווידער הייסן זיך צונויפמישן און שוין...

ער ווייסט אפילו נישט פאַרוואָס אים נאָגט אַזאַ פוילער טרויער אויף יעדן איינעם, וואָס שטעלט זיך אַריבער אויף דער צווייטער זייט. וואָס איז דען? יעדער פון זיי האָט ווידער זיין גאַנצן קערפּער, אַלע אבֿרים... זיי גייען, שושקען זיך און האָבן מורא גלייך ווי אַלע — טאָ וואָס איז דאָ פאַראַן צו קלאָגן? מעכעלע זעט אָבער ווען מען שולצע שיקט אַריבער אַהין. קודם האָט ער אויסגעקליבן אַלע פיקרינער מיט די אָפּגעגעלטע פנימער... זיי שטייען איצט נעבן די דראָטן און עס זעט אויס ווי דער גרינער וואַלד פון יענער זייט דראָטן וואָלט נאָר־וואָס באַקומען אַ לאַנגע געלע לאַטע אויף די קנעכל. נאָך די פיקרינער זענען אַרויסגעצויגן געוואָרן אַ גרופּע אויסגעדאַרטע פנימער, קראַנקע און וואַקלדיקע...

אויף איין מינוט האָט דער מח בלויז אַ געשריי געטון: זיי גייען צום טויט! אַזעלכע מענטשן קלייבט מען נישט צו קיין צווייטער אַרבעט... און שולצע אַליין האָט זיך געהאָט פריער געפרעגט אויב נאָכן אַרבעטן אַ פּאָר שעה ביי דער פיקרין פילט מען זיך גוט און אויב נאָך אַ פּאָר חדשים אַרבעטן דערביי האָט מען נאָך כח צו שטיין אויף די פיס... זעט

אויס אַז ער האַלט נישט גאָר שטאַרק פון די׳ פּיקרינגערס אַרבעטס־פעאי־קייט. טאָ צו וואָס קען ער זיי באַדאַרפן?

באַלד אָבער זעט מעכעלע ווי אויף דער צווייטער זייט נעמען אַרי־בערשפּרייזן הויכע, ריזיקע יונגען מיט זיכערע טריט. ווי אַזוי קען מען זיי צונויפּפּאָרן מיט די אויסגעדאַרטע סקעלעטן? אויב דאָ האַנדלט זיך אין טויט — ווי אַזויזשע קען מען מיטשיקן אַזעלכע געזונטע יונגען? און טאָמער שיקט מען ז יי צום טויט — ווען זשע קלערט מען צו לאָזן לעבעדיק?

עס איז שווער צו פאַרשטיין דעם גאַנצן אויסמיש און דער מח איז נישט מסוגל זיך צו געבן אַן עצה מיט די פאַרשידענע טראַכטענישן. אויף יענעו׳ זייט איז שוין שטיין געבליבן אַ מחנה פון טויזנט מאַן און אפשר מער? עס איז דען מעגלעך צו ציילן? שולצע האָט זיך אָפּגערוט אַ ווײַלע. דער גאַנצער עולם איז נאָך אַלץ געשטאַנען אין דער זעלבער שטילקייט. די רואיקייט איז נישט צעשטערט געוואָרן אפילו ווען שולצע האָט הויך אַ זאָג געטון:

— אַ טייל פון אייך וועט מוזן גיין צופוס לאַנגע הונדערטער קילאָ־מעטער׳... איך זאָלט געדענקען אַז דאָס איז זייער שווער... ווער עס וויל — קען זיך פרייוויליק שטעלן צו יענער גרופּע. מיר האָבן ווייניק באַן־וואַגאָנעס און בלויז אַ טייל וועט קענען אָפּטראַנספּאָרטירט ווערן טיף אין דייטשלאַנד. איך מוז דערפאַר אויסקלייבן צום פאָרן בלויז די שוואַכע־רע...

אין עטלעכע אייביק־אומצופרידענע האָט זיך שנעל אַ וועק געטון דער פּראָטעסט:

— וואָס הייסט? אויב דאָרטן זענען די שוואַכערע, וועלכע דאַרפן פאָרן מיט די וואַגאָנעס — טאָ פאַרוואָס שטייען דאָרט עטלעכע יונגען פון טראַנספּאָרט, וועלכע קענען מיט די בלויזע הענט אָוועקשלעפּן אַ גע־פּאַקטן צוג ביז בערלין? און פאַרוואָס זאָלן מיר זיך מוזן שלעפּן צופוס און נישט קענען אויסהאַלטן? מען וועט אונדז סיי ווי דערשיסן אויפן וועג...

קיינער פון זיי האָט אָבער נישט געוואַגט אַרויסצוגיין אויסער דער ריי. אין איין סעקונדע איז ווערק צע איינגעטיילט געוואָרן אין צוויי וועלטן, וואָס וועלן זיך שוין מער קיינמאָל נישט צוזאַמענקומען.

— 4 —

אַז דאָ איז אַלץ אָפּגעריסן געוואָרן אויף שטענדיק האָט מען ערשט געקענט דערזען ווען שולצע האָט גענומען אויסטיילן די פּרויען. ביי די מענער איז אַלץ צוגעגאַנגען טויט־שווייגנדיק. דערפאַר אָבער האָבן זיך באַלד גענומען טראָגן געוויינען פון די פרויען־רייען. עס האָבן אָנגעהויבן אַרויסהינקען פון דאָרט צעקנייטשטע געשטאַלטן, מיט אָפּגעריבענע פּני־מער וועלכע האָבן באַוויזן אין געציילטע סעקונדן אַלט צו ווערן. ביי זיי האָבן זיך נאָך געהאַלטן מוטערס מיט טעכטער, שוועסטערן און סתם נאָענטע... איצט האָט זיי שולצע פונאַנדערגעטיילט און דערביי האָט ער זיי, פון גרויס איילעניש, נישט געלאָזט געזעגענען איינס מיט דאָס צווייטע. האָבן זיך גענומען אויפהייבן די ערשטע געוויינען און רייסענישן.

צוערשט האָבן זיך אויך די פרויען נישט אָפּגעגעבן קיין ׳חשבון אין וואָס דאָ גייט אייגנטלעך. זיי האָבן נאָר געפילט אַז מען האָט פונאַנ־דערגעשיידט זייערע גורלות און אַז יעדע גרופּע באַזונדער וועט אַוועק אין אַן אַנדער זייט אַריין... וועלכע וועט בעסער מאַכן? דאָס האָבן זיי זיך נאָך אין דער בהלה נישט געקענט קלאָר מאַכן. עס איז נאָר גענוג געווען דאָס דערוויילעקע פאַרלירן זיך, אַז דאָס געשריי זאָל זיך אַרויס־רייסן פון דער ברוסט... דאָך האָבן זיי זיך שנעל גענומען באַרואיקן און בלויז אַריבערשאָקלען מיט די הענט צו יענע רייען.

דאָרט, נעבן די דראָטן האָט זיך אָבער באַלד אויסגעפּולט די צאָל. אַ מחנה פון דרייצן הונדערט מענטשן איז דאָרטן געשטאַנען און אַרי־בערגעקוקט מיט פאַרמשפּטע פּנימער. זייער אָנבליק האָט פּלוצים אָנגע־נומען די מראה פון טויט. מעכעלע האָט דערזען אַזויפיל מענער פון זיינע האַלעס, פון די באַראַקן — און אַלע שטייען אַזוי גרייט, אַזוי נאָכגיביק... האָבן זיינע אויגן גענומען פייכט ווערן, אָנגעלאָפן... נאָר שולצע איז שוין מיד געוואָרן פון דעם לאַנגן אויסלייענען און איבערקלייבן. האָט ער זיך אַ וויש געטון דעם שטערן, פאַרמאַכט זיין בוך מיט די צייכנס און אויסגעשריגן:

— פאַרטיק!

דאָס איז געווען דער סיגנאַל. די גרופּע וואַכמענער אין שוואַרצע מונדירן האָט זיך אַ רוק געגעבן פון טויער, צוגעשאַרט זיך צו דער מחנה אָפּגעקליבענע און זי אַרומגערינגלט פון אַלע זייטן. צו דער זייט האָט

שוין שולצע מער קיין באַפעלן נישט געגעבן. ער האָט זיי אַרויסגעוואָרפן פון זיין רשות און איבערגעגעבן אין די שוואַרצע הענט אַריין. ער גע־הערט זיך שוין מער מיט זיי גאָרנישט אָן. זאָל מען טון מיט זיי וואָס מען וויל! אים אינטערעסירט עס מער נישט. ער שאַרט זיך בלויז אַוועק און אַלע פון דער געבליבענער זייט פאַרשטייען, אַז זיי קענען זיך שוין באַ־וועגן, צעגיין זיך אין אַלע זייטן... קיינער וויל זיך אָבער נישט רירן פון אָרט — אַזויווי אויף ד ע ם אָרט, אין דער דאָזיקער מחנה איז די מויער פון אייביקן לעבן און איין טריט ווייטער טרעפט דער טויט. קלאַ־מערט זיך איינער אינעם צווייטן, גראָבט זיך איין מיטן טריט אין דעם ברעקל אָרט אויף וועלכן מען איז געשטאַנען און מען האָט אפילו מורא צו וואַרפן אַ בליק צו דער צווייטער זייט...

די שוואַרצע היטער זענען דערווייל צופרידן פון דעם טייל רויב וואָס מען האָט זיי צוגעטיילט. זיי האָבן דערפאַר אַ הויב געטון העכער די ביקסן און הויך אויסגעשריגן פאַר שמחה. זייער געשריי האָט זיך איינ־געשניטן אין אַלעמענס לייבער און איבערביידע מחנות איז אַדורך דער זעלבער שוידער. מעכעלע האָט געוואָלט נאָכטראַכטן איבער די נאָענטע וואָס ער האָט דאָ געהאַט אין לאַגער... ער האָט געוואָלט נאָכזוכן מיטן בליק ווער עס געפינט זיך אויף איין זייט מיט אים און ווער עס גע־פינט זיך אויף דער צווייטער זייט. פון זיין זכרון איז אָבער אַלץ אַרויסגע־פלויגן. ער האָט געוואָלט אין דער פאַנטאַזיע צוריק אויפשטעלן ביי זיך פנימער, געשטאַלטן, נעמען... אָבער אַלץ איז ערגעצוו פאַרפלויגן, אַוועק־געגומען געוואָרן און ער האָט מער גאָרנישט געדענקט... ער האָט זיך קוים געקענט דערמאָנען וואָס עס איז פאַראַן אינעם פעקל פאַפירן וואָס איז געווען אַרומגעבונדן אַרום זיין בויך...

פלוצים האָט ער דערשפירט ווי עמעצער כאַפּט אים אַרום, קושט אים... אוי, געוואַלד דאָס איז דאָך מענדל מושלי! ער האָט גאָר פאַרגעסן אַז זיין חבר זינט פיר יאָר, וואָס האָט זיך צוזאַמען מיט אים אויסגע־וואַלגערט אין אַלע לאַגערן, געפינט זיך לעצטנס ביי דער פיקרין! ווי אַזוי איז ער דאָ געבליבן מיט ד ע ר זייט? דער התלהבותדיקער מענדל איז שוין איצט נישט אינעם רשות פון זיינע אייגענע געדאַנקען... ער איז געווען פאַרשריבן ביי שולצען גלייך ווי אַלע פיקרינער... מען האָט אים אויסגערופן — אָבער ער האָט געפרוווט זיין מזל און איז נישט אַרויס־

געגאַנגען... שולצע איז געווען צעטומלט און אפילו נישט צופיל נאָכגע־קוקט אויב יעדער גערופענער איז אַריבערגעגאַנגען אויף דער צווייטער זייט. ער האָט באַלד גערופן אַ צווייטן נאָמען.

אַצינד ווען יענע ריי איז שוין אָפּגעשלאָסן געוואָרן מיט שוואַרצע וועכטער האָט מענדל מער נישט געקענט באַהערשן זיך. ער האָט זיך אַ שפּאַר־געטון צו מעכעלען, אַרומגעכאַפּט אים ביים קאָפּ און קושנדיק געהאַלטן אין איין אַרויסשרייען פון זיך:

— וואָס זאָגסטו צו דעם נס!? איך בין געראַטעוועט!!! איך וועל לעבן! מעכעניו...

די נערוון האָבן מער נישט אויסגעהאַלטן די געשפּאַנטקייט פון שרעק און פרייד צוזאַמען. מעכעלע האָט אים דערשראָקן צוגעהאַלטן דאָס מויל מיט די הענט. נאָך עטלעכע האָבן מורא באַקומען פאַרן אַנטשטאַנענעם טומל און געהאָלפן דערשטיקן מענדלס קולות — אָבער דאָס געשריי האָט שוין ביי מענדלען אַרויסגעפּליצט פון גאָרגל, פון די ציין און פון אַלע אברים. ער האָט זיך נישט געוואָלט אָפּרייסן פון מעכעלען און דערביי האָט זיין הויכע פיגור מיטן געלן קאָפּ זיך געהויבן איבער אַלעמענס אַקסלען... דער אינסטינקט פון לעבן האָט אים פאַרראַטן און געלאָזט אים הפקרן.

מעכעלע האָט זיך פאַרצווייפלט געבעטן ביי אים:

— מענדל... זעץ זיך אַראָפּ נידעריקער... זאָל מען דיך נישט זען...

די סכנה איז נאָך דאָ נישט פאַרביי... ראַטעווע זיך!

אָבער מענדל איז שוין אַריינגעפאַלן אין זיין התפעלות. זיין קאָפּ האָט זיך נאָך העכער אויפגעצויגן ווי אין חסידישן טאַנץ פון אַמאָליקע יאָרן... זיין זעקס און צוואַנציק יעריקער גוף האָט זיך געוואָרפן, און ער האָט געהאַלטן אין איין יאָמערן שנעל און פריידיק:

— וואָס פרעג איך נאָך זיי? איך בין שוין אַרויס פון זייערע הענט! איצט לאָמיר זיך קושן, מעכעלע, צוליבן גרויסן נס...

זיינע אויגן האָבן דערביי אַ פלייץ געטון איבער מעכעלעס אַקסלען און מעכעלע האָט נישט מער געקענט ווי מיטווייינען מיט טרוקענע טרערן... ערגעץ ווייטער אין דער ריי האָט זיך אויך געטומלט אין אַן ענלעך געזעמל, אָבער מעכעלע האָט שוין מער נישט געקענט זען ווער נאָך

עס איז דאָרט געראַטעוועט געוואָרן... אויך דאָרט האָט מען זיך שטיל און דערשטיקט געפרייט און געוויינט, כאָטש מיט צען טריט ווייטער איז נאָך געשטאַנען די גאַנצע מחנה אַרויסגענומענע און מיט פאַרגלאָצ־טע אויגן אַריבערגעקוקט צו דער גרופּע...

די שוואַרצע אוקראַינער און פאָלקס־דייטשן האָבן בלויז פאַר שמחה געגנומען שיסן אין דער הויך, איבער אַלעמענס קעפּ און יענע האָבן באַלד פאַרשטאַנען אַז זיי געפינען זיך שוין אין די הענט פון הפקרות. האָבן זיי זיך נאָך מער צוזאַמענגעטוליעט צווישן זיך און באַלד האָט זיך פון דאָרט אַריבערגעוואָרפן אַ קנויל פון דערשטיקטן יאָמער, אין וועלכן ווייַ־בערישע געוויינען מיט מענערישע קולות האָבן זיך צוזאַמענגעקנאָטן.

## קאַפּיטל נייַנאונדרייסיק

— 1 —

ווי לאַנג מען איז אַזוי געשטאַנען מחנה קעגן מחנה, געווייַן אַנטקעגן גליוועך האָט מעכעלע שפּעטער נישט געקענט געדענקען. עס האָט זיכער נישט געדויערט לאַנג, ווייל די זון האָט שוין נאָך אַלעמען אויך געבלו־טיקט איבער די קעפּ. אַלץ איז געטון געוואָרן שנעל, איילעוודיק און פּאַ־סירט האָט אַזויפיל אויף איין מאָל — אַז מעכעלען איז נישט מעגלעך געווען זיך פאָרצושטעלן אַז דאָס האָט פּאַסירט אין איינציקע דריי־פערטל שעה.

אָנגעהויבן האָט זיך עס אַזוי: דער מיד־געוואָרענער שולצע, וואָס האָט זיך אַ מינוט אָפּגענויגט אין אַ זייט, איז פּלוצים אויפגעוואַכט גע־וואָרן. מיט זיינע אָנגעשפּיזטע נאָזלעכער האָט ער עפּעס דערשנאַפּט. צי האָט אים דער שטילער גערודער אַ צי געטון? אָדער אפשר האָט דאָס אַדורכגעשאָסענע געוויין פון דער זייט אים ווילד געמאַכט? ער האָט בלויז באַמערקט ווי זיין שטיין־געבליבענע ריי באַוועגט זיך אינעווייניק, אין זיך — כאָטש פון דרויסן איז די מענטשלעכע וואַנט ווידער געבליבן אויסגעגלייכט... האָט ער אַ הויכן געשריי געטון:

— שטיין בלייבן! נישט רירן זיך!

די רייען בלייבן ווידער שטיין. מענדל מושל שטייט מיט אַן אויס־געצויגענעם קאָפּ, גלייך און פעסט — גלייך ווי ער וואָלט דאָ געווען איי־נער פון אַלע... אַן איבערגעלאָזטער. ווי שנעל ער האָט זיך באַוויזן צו באַרואיקן נאָך שולצעס געשריי! בלויז זיינע פינגער שטייפן זיך איין אין מעכעלעס, רייסן דאָרט שטיקער מיט די נעגל — כאָטש ער פילט עס נישט... ער שטייט אַזוי דער קינדיש־גוטער און פרום־צעקאָכטער מענדל און זיין גאַנץ פּנים איז אויסגעשטרעקט דעם גזלן אַנטקעגן, צו דער גאַנ־צער גזלנישער לופט אַרום, צו דער גאַנצער ווילדער וועלט... ביי מעכעלען טוט אויפאַמאָל דאָס האַרץ אַ העמער: ער גייט, שולצע! ער ציט מענד־לען פאַר די פינגער:

— בייג זיך... מאַך זיך נישט אַנזעעוודיק...

פאַר וועמען זאָל זיך אָבער מענדל שעמען מיט זיין אָפּגעגעלט פּנים? וועמען האָט ער דען שלעכטס געטון? פאַרוואָס זאָל ער עס באַ־האַלטן? ער הערט אפילו נישט מעכעלעס טראַכטענישן אַז דאָס פּנים זיינס... אוי, עס זאָל נאָר נישט ווערן זיין מערדער!... אָט דווקא וועט ער עס נאָך מער אויסציען, דאָס פרום־פאַרדבקהטע פּנים! צולהכעיס דער גאַנצער וועלט... אַלעמען צולהכעיס! פאַרוואָס טויג נישט דאָס פּנים פון אַן אַמאָליקן ישיבה־בחור? — — —

שולצע גייט געלאָסן איבער די שטיין־געבליבענע רייען. ער קען נישט אַלעמען באַמערקן גענוי, דערפאַר גיט ער אַ באַפעל:

יעדעס פינפטל זאָל זיך פאַר זיינע אויגן אויסציען, און זיי זאָלן פאַר אים פאַרביימאַרשירן איינציקווייז... אָט אַזוי וועט ער יעדן איי־נעם זען באַזונדער... דערנאָך זאָלן זיי זיך צוריק פאָרמירן אין פינפט־לעך אויף דער צווייטער זייט און ווייטער וואַרטן...

האָבן זיך גענומען ציען לאַנגע, אויסגעאיינצלטע און געבויגענע שו־רות. נישט ווייט פון שולצען זענען געשטאַנען צוויי וואַכלייט. אַלעמאָל האָט שולצען אַ ציטער געטון די האַנט. דאָס האָט ער אַרויסגעשלעפּט אַ מענטש פון דער ריי און אים איבערגעגעבן די צוויי שוואַרצע יונגען, וועלכע האָבן אַ כאַפּ געטון דעם קרבן און אַ שטויס געטון ווייטער. ביי מעכעלעס ריי האָט זיך מענדל אַ ריס געטון פאַראויס, אויסגעצויגן זיך אין דער גאַנצער לענג און דאָס פּנים אַוועקגעבויגן פון שולצען צו דער זייט פון וואַלד. זיין גאַנג איז געוואָרן יונג, לייכט און שוועבנדיק. ער

האָט זיך שנעל אַ ריס געטון צו שולצען נענטער, נענטער... מעכעלעס האַרץ הינטער אים האָט געשריגן, געגוואַלדעוועט צו די הימלען, צו די כמאַרעס:

— היט אים! שיצט אים! ראַטעוועט אים!

מענדל האָט זיך אַדורכגעריסן די שווערע מויער פון שולצעס אויג... אַט איז ער שוין אין דער פאַרמירטער ריי... שולצע לאָזט שוין פאַרביי ווייטערדיקע... אַט איז שוין מעכעלע אויך פאַרביי און גייט זיך שוין אָנ־שליסן אין די צוריק־פאַרמירטע רייען. ער זעט שוין ווי מענדל זעט אים און וויל זיך אויף אים אַ וואָרף טון מיט אַ נייעם קנויל פון פריידיקער בהלה... אָבער שולצע האַקט איבער דאָס קלייבן אין מיטן. ער גיט זיך אַ ריס פון אָרט און פאַרלויפט מעכעלען דעם וועג. מיט זיין איינער, גע־זונטער פויסט האָט ער אַזוי שנעל באַוויזן אַ כאַפּ צו טון מענדלען פאַרן קאָפּ, אַז יענער האָט ערשט באַוויזן אויסצושרייען ביי די צוויי שוואַרצע אין די הענט — — —

מעכעלע איז אַריינגעפאַלן ווי אַ פאַרחלשטער אין דער ריי. צוויי יונגען האָבן אים שוין אַריינגעשטעלט אין אַ גלייכער שורה, אָבער ער האָט עס נישט געשפּירט. ער האָט זיך אַ שטויס געטון פאָראויס און שטיין געבליבן דער לעצטער פונעם פינפטל. מענדל איז שוין געשטאַנען איינ־געפּרעסט אין יענער זייט. פון זיין נאָז האָט זיך געצויגן אַ שנירל בלוט, אָבער ער איז שוין געווען רואיק. ער האָט אפילו דער ערשטער דערקענט מעכעלען און צו אים אַריבערגעשריגן:

— מעכעלע... זעסט דאָך וואָס דאָ קומט פאָר... די לעצטע מינוטן שוין — געדענקזשע אין מיר... און אויך מיין ווייב זאָלסטו געדענקען: פייגע בת דוד פון פּראַמפּאָל... און מיין יינגעלע משולם זושאַ פאַרגעס אויך נישט! אַזוי האָב איך עס אין זינען געהאַט, דער איינציקער נאָך — איצט גיב איך עס דיר איבער... מעכעניו, האָב אין זינען...

די רייען האָבן זיך נאָך אַלץ געצויגן פאַר שולצעס אויג. איינציק־ווייז... איינער נאָכן אַנדערן... די אַדורכגעלאָזטע זענען צוגעפאַלן ווי שכור צו די ווידער־אויסגעפאַרמירטע רייען און נישט געוווסט ווו פריער זיך צו שטעלן. שולצעס קול האָט אָבער ווידער אַריינגעבּרענגט שטיל־קייט. דאָס האָט ער גראָד געשריגן אויף זיך מער ווי אויף עמעצן:

— ווי אַזוי האָב איך אים געקענט פאַרגעסן!? איך האָב אָבער גע־וווסט אַז ער איז דאָ און איך האָב אים געפּאַקט! אַט איז ער...

פון די רייען נעבן מעכעלען האָט אַ הויכער, באַוואָנסעטער ייִד פּלוצים זיך גענומען האַקן מיט די פויסטן אין קאָפּ:

— און ווי איז מיר... ער האָט דאָך געפּאַקט מ ש ה ן ... משהן! אַ קלאָג צו מיינע יאָרן! משהן! מעכעלעס אויגן האָבן זיך אויף אַ סעקונדע אָפּגעריסן פון מענדלען און ער האָט געזען:

פון דער גענדזן־ריי האָט זיך אויסגעשיילט אַ בלייכע פיגור וואָס איז געשטאַנען ווי אַן אויסגעגאָסענע. שולצע האָט זיך אָפּגעשטעלט אַ מינוט און זיך איינגעקוקט אין יענעמס פּנים מיט אַ דערשראָקענער הנאה, וואָס האָט אַריבערגערינען אין אַ גאַווערדיק געלעכטערל. דאָס האָט ער זיך אַליין געוואָלט איבערצייגן אַז ער האָט טאַקע געפונען דעם וואָס ער זוכט. דערנאָך האָט ער אים האַסטיק אַ שלעפּ געטון מיט דער פויסט. יענער האָט זיך אַ דריי געטון און מעכעלע האָט אים אין זיין צעטומלטקייט דאָך דערקענט: דער מקובל! ער האָט זיך אַ לאָז געטון פאָראויס און שולצע האָט אים נישט געגעבן אין די הענט פון די שוואַרצע. ער אַליין האָט אים צוגעפירט ביז צו דער אַנדערער ריי און משה האָט געשפּרייזט שטאָלץ און זיכער, אָן אַ ברעקל געוויין און אָן אַ פּיפּס... אפילו די האַנט האָט זיך נישט אַ הויב געטון צו בעטן רחמים אָדער צום געזעגענען. שולצע האָט אים בלויז אַ שטויס געטון אין דער ריי אַריין נעבן מענדלען און באַלד צוריקגעלאָפן מיט בולטער שרעק אויפן פּנים.

דער מקובל האָט אָבער מער נישט אויפגעטויכט. ער איז באַלד אַריין אין דער געדיכטער מאַסע און דאָרט שוין פאַרפאַלן געוואָרן. אפילו מענדל האָט זיך אים נאָכגעצויגן אין דער געדיכטעניש אַריין. וואָס דאַרף ער מער מעכעלען? יענער איז שוין איצט אין אַ צווייטער וועלט, אַ לעבעדיקער — און די פעדעם דאַרפן באַצייטנס אָפּגעריסן ווערן... מעכעלע האָט מיט אַזאַ קנאהדיקער ווייטיק צוגעזען ווי מענדל גיט זיך אַ קלאַמער אינעם מקובל, ציט זיך אים נאָך און ביידע ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ גרויס קיילעכדיק רעדל מענטשן, וואָס האָבן זיך אין זיי אָנגעקלעפּט און מיט זיי איינס געוואָרן...

די פאַראיינציקטע רייען האָט זיך נאָך געצויגן, געצויגן... שולצע האָט שוין מער כמעט ווי נישט געקליבן. מעכעלע האָט אים געזען טרייסלען מיטן קאַליקן הענטל און ער האָט זיך ווידער דערמאָנט אין משהס

שטאָלצע, אויסגעגלייכטע טריט. דערנאָך האָט זיך אים אין געדאַנק אַ וויג געטון דאָס געשריי איבער די עשרה הרוגי מלכות וואָס האָבן זיך נאָר וואָס געוויגט אין משהס איינגעזונגענע טריט... האָט ער בלויז אַ וואָרף געטון דעם בליק אויף שולצעס רויט־געוואָרן פּנים און פּלוצים דערקענט יענעם רשעס גלגול פון אַמאָליקע צייטן איבער וועמען דורות מיט ימים יידן האָבן געשטורעמט די הימלען אין יום־כּפּורדיקע פאַרנאַכטן... אָט איז ער, דער וואָס האָט געצויגן די הויט פון דעם כּהן גדולס זיידענעם פּנים! — — —

— 2 —

איז ווער האָט דען נישט געקענט דעם „שטומען" פּאַליציאַנט פון ווערק צע, הענעכן? געוואָרן פּאַליציאַנט איז ער גאָר שפּעט, ערשט אַ צוויי־דריי חדשים פאַרן תשעה באבדיקן טאָג. נאָר אָפּגעטון זיינס האָט ער גלייך ווי איינער וואָלט געוועזן דאָרט הונדערט יאָר ביי דער אַרבעט. צוזאַמען מיט בוגייסקין איז ער געוואָרן פּאַליציאַנט און צוזאַמען מיט אים האָט ער איבערגענומען דעם הויף מיט אַ צולאָג פון די פרויען־באַראַקן... און שטום איז ער אויך נישט געווען. אדרבה, ער האָט גערעדט הוין', שרייעוודיק און שנעל. איין וואָרט האָט איבערגעיאָגט דאָס צווייטע, בלויז איין חסרון איז אים קלעפּן געבליבן אויף דער צונג און האָט זיך שוין פון אים נישט געוואָלט אָפּרייסן. אַ פּעלער פון די קינדער־יאָרן אָן. ווי נאָר די קאָמענדאַנטין האָט אים עפּעס אַ באַפעל געטון מיט אַ שטרענגער מינע — האָט ער געוואָלט אָפּענטפערן מיטן זעלבן, שטרענגן ערנסט. נאָך די ערשטע ווערטער זיינע האָט אָבער געמוזט אויסברעכן אַ געלעכטער. עטלעכע ווערטער האָט ער בלויז געזאָגט:

— איך דיי שוין, פאַני טאָמענדאַנטין...

נאָר מיט זיין הויכער, פולער וווקס און זיינע איינאונצוואַנציק יאָר איז ער פאָרט געפעלן געוואָרן פעלאַן. זיינע ריזיקע אויגן ווי שוואַרצע באַלן אין מיטן פון זיין פולן פּנים האָבן זיך געקענט אָנשטעלן מיט אַזאַ רציחה, אַז פרויען זאָלן אַ געשריי טון פון זיין הוילן בליק. טאַקע ער האָט פון איר באַקומען דעם באַפעל צו האַלטן שטרענג די פרויען־באַראַקן, אַז זיי זאָלן ציטערן. הענעך האָט עס אויסגעפירט מיט דער גאַנצער קנעכ־טישער ערנסט. אַלע פּאַליציאַנטן האָבן שוין דאַן קוים געגוצט דאָס גו־

מענע שטעקעלע — אָבער הענעך האָט עס ערשט גענומען לאָזן אין גאַנג. ווי נאָר ער האָט זיך באַוויזן אין אַ פּרויען־באַראַק — האָבן זיך באַלד גענומען טראָגן קולות פון געשלאָגענע, צעטרעטענע... און פעלא איז צו־פרידן געווען וואָס הענעך שוינט נישט קיינעם, אפילו די שענסטע יחסנ־טעס...

איז ער גרויס געוואָרן אין לאַגער, הענעך. ער האָט נאָר געוואָלט טון איינס: געפעלן ווערן דער קאָמענדאַנטין... און אַז איר געפעלט זיין שלאָגן אַזוי מערדערלעך — דאַרף מען עס טון וואָס מער. אַז נישט — וועט בוגייסקי פאַרנעמען דעם ערשטן פלאַץ. איז ער געוואָרן ראַגנערס באַגלייטער און ווייזנבערג האָט זיך אָן אים קיין ריר נישט געטון. בפרט ווען אויך פעלא האָט ליב אַלע מאָל אַ גלעט צו טון זיין רויטן קאַרק, נאָך דעם ווי ער קומט אַ דערהיצטער פונעם אַרומרודערן ביי די פרויען... טאָ וואָס דאַרף ער נאָך וועמען געפעלן? אויף וואָס טויג עס?

די גאַנצע יונגע רואיקייט זיינע האָט ער געלייגט דער קאָמענדאַנ־טין צופוסנס און ווי אַ געטרייער הונט מוז ער איר קוקן אין מויל אַריין, פאַרשטיין זיך אויף איר מינדסטן ווונק. דאָס איז אַלץ. דערפאַר וועט ער האָבן ברויט און מאַרמעלאַד, פּוטער און מילך... און דערפאַר וועלן אַלע מורא האָבן און קוקן אויף אים מיט בעטנדיקע, צעשראָקענע בליקן ווי אויף אַ קייסער. ווען וואָלט זיך הענעך דערשלאָגן דערצו? פיר טויזנט מענטשן ציטערן פאַר אים — און ער קען צו יעדן איינעם פון זיי צוגיין און שלאָגן... און באַפעלן!..

האָט אפילו די פּאָליציי גענומען מורא האָבן פאַר אים, לעבן מיט אים בשלום. נישט איינע פון די געשלאָגענע פרויען און מיידלעך האָבן אים געוואָלט ווייכער מאַכן מיט אַ גלעט, מיט אַנטקעגנטראָגן אים אַ צערטל — אָבער הענעכס רויקייט האָט דאָס נישט געקענט צוימען. ער מוז בלויז הערן שבחים פאַר זיין שלאָגן! דאָס קען אים גרעסער מאַכן, דערהויבן אין אַלעמענס אויגן. ער חלומט צו זיין אַ צווייטער ווייזנבערג. ער האָט זיך אפילו געלאָזט מאַכן אַזאַ פּאָר שטיוול ווי יענער און זיי געפוצט אויפן זעלבן אופן. נאָך יעדן גרויס געשלעג וואָס ער האָט אַדורכ־געפירט — איז ער געקומען צולויפן און טעמפּ זיך נאָכגעפרעגט ביי די פּאָר באַקאַנטע זיינע: נו, וואָס? ס'איז דוט דעוועןְ? וואָלט איך דען נישט דעטעגט זיין טאָמענדאַנט ווי ווייזנבערד?

וויפל מאָל די פּאָליציי האָבן אים געוואָלט באַקענען מיט אַ מיידל

— האָט ער זיך נישט געלאָזט. ווי טעמפּ ער איז נישט געווען האָט זיין מח באַוויזן כיטרע אַריינצוקלערן אין זיינע עסקים און באַמיען זיך צו פאַרשטיין זייערע כוונות:

— איך ווייס וואָס איר מיינט... איר ווילט אַז אַ נטבה זאָל מיר בינדן די הענט — וועל איך מער נישט טאַנטורירן מיט אייך... אַ מטה וועט איר אָבער אויספירן... כ'דאַרף נישט טיין טוזינטעס...

און ער האָט טאַקע נישט געוואָלט דאַרפן. בלויז איין מאָל איז עס געשען. ווען ער האָט אין אַ באַראַק געכאַפּט אַ פּרוי פון אַ יאָר 40 מיט אַ שמוציק טעפּל — האָט ער זיך געוואָרפן אויף איר, אומגעשליידערט זי און אָנגעהויבן שלאָגן מיט זיין גומען שטעקעלע. פּלוצים האָט זיך אָבער אַ ריס געטון פון אַן אויבערשטן גאָרן אַ מיידעלע מיט צוויי לאַנגע, ליכטיקע צעפּלעך. ווי אַ יונג חיהלע איז עס אַ שפּרונג געטון פון עט־לעכע פּריטשן מיטאַמאָל און זיך אַ וואָרף געטון צו אים מיט געבעט. זי האָט אים אַ כאַפּ געטון ביים גומענעם רערל און נישט געוווּסט וואָס פריער צו טון: שרייען? איינבייסן זיך אין אים מיט די ווייסע, שאַרפע ציינדלעך אָדער גאָר קושן אים די הענט און בעטן?

וואָס קען דען טון אַזאַ יונג קינדעלע? זי האָט נאָר אַנידערגעקניט פאַר דער ריזיקער שטיק צעיושעטקייט און געגלעט אים די האַנט, גע־בעטן זיך:

— שלאָגט נישט... ס'איז מיין מאַמעשי... איך בעט אייך...

און ער האָט דאָס מאָל נישט געשלאָגן. די בלויע, ווייכע אויגן פונעם מיידעלע האָבן עס נישט געלאָזט. אויך די לאַנגע, געפלאָכטענע צעפּ האָבן זיך אַ צאַפּל געטון אויף זיינע הענט און אים געליימט. פון דאָרט איז ער אַרויס אַ צעטראָגענער. ער האָט שוין אפילו אויפגעהערט צו חכמהנען זיך פאַר די אַנדערע פּאָליציאַנטן מיט דער איינער און דער זעלבער חכמה זיינער:

— איך דאַרף נישט טיין טוזינטעס... כ'וויל אפילו דאָ נישט קיין טלה...

אין יענעם פאַרנאַכט האָט ער זיך אַרומגעדרייט ווי אַ טויטער. דער־נאָך האָט ער זיך אַריינגעשאַרט אין יענעם פרויען־באַראַק, מכלומרשט ווידער אַ בליק טון אויב אַלץ איז דאָרט אין אָרדענונג. אָבער ווי נאָר ער האָט דערזען די צעזוגענע צוויי בליצן וואָס האָבן געגליט צו אים פון וויס־לבנהדיקן פּנימל אַרויס — האָט ער ווייטער נישט געקענט גיין. ער

האָט זיך שוין אַראָפּגעזעצט אויפן בעט־ראַנד און אַזוי געבליבן זיצן ביז שפּעט אין דער נאַכט. דערנאָך איז שוין אַלץ צוגעגאַנגען ווי געוויינ־לעך. דאָס מיידעלע האָט זיך נישט געוואָלט שיידן מיט דער מוטער און די מוטער איז אַלעמאָל קראַנק געוואָרן, נישט געפילט זיך גוט. הענעך איז געווען דער איינציקער וואָס האָט געקענט לאָזן אַז זי זאָל צוריק־בלייבן אַ טאָג און דאָס טעכטערל אויך. ער האָט אויך געקענט באַזאָרגן אַן איבעריק ביסל עסן... און בכלל האָט ער געקענט צוגעבן די גאַנצע זיכערקייט, אַז גאָרנישט וועט מיט איר געשען דאָ. ווער וועט עס גיין איינרייסן מיט העניכן?

האָט מען אים אָנגעהויבן צו זען שפּאַצירן מיטן מיידעלע אין די פאַרנאַכטן. ער — אַ ברייטפּלייציקער, אַ דיקער מיט אַ קיילעכדיק־אויס־געגעסן פּנים. און זי — אַ קוים פּופצן־יעריק מיידעלע מיט אַ געשניצט גופל וואָס האָט זיך געריסן צום וואקסן. זי האָט געהאַט אַ בלאסלעך־ראָז פּנימל, טונקל־בלויע אויגן און נייגעריק־רויטע ליפּן. דערביי האָבן איר די בלאָנדע צעפּ אַראָפּגעהאנגען גאָר ווייט אַריבער די שמאָל־קינדישע אַקס־לען. פאַר איר אַליין איז עס געווען אַזאַ שפּילצייג מיט וועלכן מען קען זיך דאָ באַווייזן, באַרימען... אַלע האָבן אַזוי מורא, זיי ציטערן אַזוי פאַר דעם העניך... די פרויען קענען גאָרנישט רעדן וועגן אים אָן שרעק — און זיי רעדן פון אים אַ סך. אויך זי האָט אַזוי מורא געהאַט, געציטערט און באַהאַלטן זיך פאַר אים... אַלעמאָל איז זי אפילו נייגעריק געווען: וואָס וואָלט געווען ווען זי גייט צו און גיט אָט־דער שרייענדיקער חיה אַ גלעט? וואָלט ער זי געביסן אָדער ער וואָלט אונטערטעניק געוואָרן? טאַקע דאָס זעלבע וואָס קינדער האָבן אַמאָל געטון, ווען זיי האָבן געוואָלט באַ־צווינגען אַ בייסנדיק הינטל אָדער אַ שרייענדיק קעצל...

דערנאָך, אַז ער איז געקומען — איז זי בלויז קינדיש שמאָלץ גע־ווען: אָט גייט זי מיט דעם העניך וואָס אַלע אַנטלויפן פון אים... זי האָט גישט קיין מורא! זי קען אים אפילו דריקן דעם האלדז, קיצלען איבערן פּנים, אָנהענגען זיך אויף אים ווי אויף אַ הוידלקע — און ער טוט גאָר־נישט... אָט טוט זי עס פאַר אַלעמענס אויגן — און זאָל מען זען!

און ווערק צו האָט טאַקע געזען. מען האָט נאָכגעקוקט און נישט גע־קענט פאַרגינען העניכן אַזאַ מין גליק: אַ מבין וואָס פאַר אַן איידעלע שיינקייט דאָס קינד פאַרמאָגט אין זיך? בלויז בילדער דערפון צו מאָלן! דאָס איז דען באַשאַפן געוואָרן פאַר אַזעלכע רויע הענט ווי העניכס?

אָבער דאָס ציידן־גופיקע קינד האָט זיך אַלץ מער אָנגעקניפּט אין דעם גראָבן שלעגער און ער אַליין האָט זיך מער אָן איר קיין ריר נישט געטון. אויך די מוטער האָט טרויעריק־צופרידן געשמייכלט: ער וועט זי באַשיצן... ער וועט דאָס קינד באַשיצן... דאָס האַרץ ביי אים איז גאָר־נישט אַזוי שלעכט ווי פאַרגרעבט! מענטשן ווייסן דען וואָס זיי זעען? וואָס פאַרשטייען זיי דען?

איז דאָס מיידעלע אויך צופרידן געווען, וואָס זי פאַרמאָגט אַזאַ שטאַרקן הענעך. ער וועט נישט לאָזן טשעפּען די מוטער... ער קען אַלץ באַווייזן און אויך די קאָמענדאַנטין האָט איר איינמאָל געגעבן אַ גלעט איבערן קאָפּ, געשפּילט זיך מיט אירע לאַנגע צעפּ... און אַלץ נאָר צוליב אים! עס איז איר אַזוי גוט דערמיט וואָס זי איז זיכער אַז איר מאַמען וועט מען נישט שלאָגן, נישט שלעפּן ביי די האָר צו דער אַרבעט און יע־דעס מאָל ווען עס מאַכט זיך נאָר אַביסל אומרואיק — וואַקסט הענעך אויס און פאַרשטעלט זי מיט די ברייטע אַקסלען... ער וועט זי אַלעמאָל אַזוי פאַרשטעלן... און ווער וועט זיך וואַגן אַנטקעגנצושטעלן הענעכן? האָט זי אים ליב דערפאַר! זאָל ער נאָר זיין אַ גוטער צו דער מאַמען... און צום ווייפלטן מאָל ווערט זי נישט מיד אים צו פרעגן:

— וועסט אָפּהיטן מיין מאַמעשי, הענעך?

און ער מוז צום ווייפלטאָן מאָל איר אָפּענטפערן:

— וואָס דען? אוודאי וועל איך זי אָפּהיטן!

דערפאַר איז איר גוט וואָס ער נעמט זי נאָך דעם אַרום, טראָגט זי אויף די הענט. אַז ער קושט זי — האָט ער זי ליב... און אַז ער האָט זי ליב — וועט ער נישט לאָזן קיין שלעכטס טון איר מאַמען... אוי, ווי גוט דאָס איז וואָס עס איז אַזוי! אַלע האָבן מוראָ פאַר אים און זי האָט נישט קיין מוראָ. צו אַלעמען איז ער אַזוי שלעכט און צו איר איז ער גוט, מ ו ז ער גוט זיין... און די מאַמע אַליין קושט זי אויך דער־פאַר. זי האָט אַזוי זיך געשראָקן פריער, די מוטער אירע! איצט איז זי געוואָרן פולער אויפן פּנים און זי גייט אַרום אַזוי געמיטלעך, אַזוי אויס־גערוט... ער וועט זי זיכער שיצן, הענעך. די מאַמע ווייסט עס און דאָס מלאכל אירס ווייסט עס אויך...

— 3 —

הענעך איז געווען פון די ערשטע פּאַליציאַנטן וואָס האָבן געהאָלפן אַרויסטרייבן דעם עולם אויפן אַפּעל־פּלאַץ. ער האָט געשריגן העכער ווי אַנדערע, געפּילדערט און אַרויסגעשלעפּט די אַלע וואָס האָבן זיך נאָך גע־וואָלט אַנוואַרעמען אַ סעקונדע מיט דער היימישקייט פון נאָענט־געוואָ־רענעם באַראַק. ער האָט אפילו נישט געקאַרגט קיין קלעפּ, ווען שולצע האָט עס צוגעזען. דאָס האָט ער אים געוואָלט ווייזן געטריישאַפט און זיך מער איינקריצן אין זיין זכרון ווי די אַנדערע. ערשט ביי די לעצטע מי־נוטן איז ער אַריינגעקומען אין א י ר באַראַק און איילנדיק אַ זאָג גע־טון צו איר:

— קום!

איז זי מיט דער מוטער אַרויסגעגאַנגען און זיך אָנגעהאַלטן ביי אים איןביידע זייטן. זיי זענען זיכער געווען ווי אַנדערע. דאָך האָט הע־נעך געהאַלטן אין איין איבערחזרן אַז ווי נאָר זיי וועלן אַרויסקומען אויפן פּלאַץ — וועט ער זיי ביידע פאָרשטעלן שולצען. ער וועט אים זאָגן אַז דאָס זענען ז יי נ ע צוויי... דאָס וועט גענוג זיין!

אָבער אויפן פּלאַץ האָט מען זיי געשטעלט באַזונדער. די פרויען האָט מען אָפּגערוקט ווייטער אַביסל פון די מענער און די פּאָליציי האָט מען געשטעלט שוין נאָך די מענער. ווען הענעך האָט געוואָלט צוגיין צו שולצען זאָגן עפּעס, אָנווייזן — האָט אים יענער אומגעדולדיק אָפּגע־טריבן פון זיך. ער האָט זיך געמוזט צוזאַמען אָוועקשטעלן מיט אַלע פּאָ־ליציאַנטן, הענעך, ווען דאָס געיעג איבער די מענטשן איז שוין מער נישט נויטיק געווען. קיין רייד העלפן נישט און געפעלן ווערן שולצען מיט עפּעס דאַרף מען דאָך פּאַרט — האָט הענעך זיך אויסגעצויגן מיליטעריש אין דער ריי, זיך אויסגעשטייפט און סאַלוטירט מיט דער האַנט — אַזוי־ווי אויף אַ דעפילאַדע. ער איז אַזוי שטיין געבליבן מיט דער צוגעשטעל־טער האַנט צום היטל און מער זיך נישט גערירט.

שולצען איז דאָס אָבער ווייניק אָנגעגאַנגען. ער האָט בלויז אַדורכ־געשפּרייזט די פּאָליציאַנטן־ריי און צעחושט זיי צוגעוואָרפן:

— איר זאָלט מיר נאָר קיין טומל נישט מאַכן, נישט שטערן... שטייט אַזוי ביז איך וועל אייך ווידער דאַרפן...

זענען זיי געשטאַנען, אויסגעצויגן זיך און געוואָרן איין שטיק שטר־

מע גרייטקייט. אָט זאָל ער נאָר ווידער אַ רוף טון! שולצע האָט זיך דער־וויל צוגעלאָזט צו דער פּרויען־גרופּע און פון דאָרט געקליבן די וואָס ער האָט געזוכט. די עלטערע פרוי האָט זיך אים באַזונדערס געוואָרפן אין אויג. נישט דערפאַר ווייל זי איז אַזוי אַלט געווען, נאָר דערפאַר ווייל זי איז געשטאַנען אָנגעלענט אין אַזאַ יונג און בליענדיק מיידעלע — נעבן וועלכער זי האָט אויסגעזען אַזוי צעקנייטשט, צעבראָכן... וואָס האַלטן זיי זיך אַזויביידע? ווי ענלעך זיי זענען צו זיך! און ווי ליב זיי האָבן זיך... דאָס דאַרף מען נישט ספּעציעל זוכן צו זען. דאָס קען מען אָנטאָפּן מיטן ערשטן בליק. אַהאַ, אַ מוטער מיט אַ טאָכטער! דאָנערוועטער! ווי קען ער עס? ווי אַזוי האָט ער דאָ געמעגט האַלטן מוטערס פון אַזעלכע דערוואקסענע טעכטער!? ווי מעג ער גאָר דערלאָזן אַז דאָס זאָל מען אויך אין דייטשלאַנד דערזען...

— אררראויס!

זיין שטים האָט אַזאַ דונער געטון, אַז די גאַנצע ריי האָט אויפגע־ציטערט. דאָס מיידעלע האָט זיך אַ ריס געטון אויפן אָרט און געוואָלט גיין. שולצע האָט זי אָבער צוריקגעשטויסן מיט זיין שפּיץ־רוטקע אין דער ריי אַריין. דאָס מיידל האָט אפילו נישט באַוויזן צו זען ווי די מוטער רוקט זיך אַרויס עטלעכע טריט און שולצע נעמט זי פעסט ביי דער האַנט. זי האָט זי ערשט דערקענט, ווען זי האָט קראַנק און טרויעריק געשמייכלט ביי די שוואַרצע אונטערפּירער און מיטן בליק זיך געזעגנט מיט איר... האָט זי אַ געשריי געטון, דאָס מיידעלע:

— מאַמע!

אָבער שולצע האָט זיך נעבן איר פאַרהאַלטן:

— שריי נישט. דאָס איז נישט אויף לאַנג... מען דאַרף נאָר אָפּציילן. איר וועט זיך באַלד ווידער טרעפן... האָב געדולד...

אָבער אינעם מיידעלע האָט זיך שוין עפּעס געוואָרפן, גערודערט... זי האָט זיך געצויגן פון דער ריי און בלויז געזוכט אין קאָפּ אַזאַ שטאַרק וואָרט וואָס זאָל איר קענען העלפן, וואָס זאָל איר מוזן העלפן... זי האָט זיך טאַקע באַלד דערמאָנט אין דעם און אויסגעשריגן:

— הענעך!!!

איר דין, זינגענדיק קולעכל האָט זיך אַ ריס געטון איבער אַלעמענס קעפּ, געזוכט עמעצן, געצויגן זיך צו אים... אָבער הענעך איז ווייטער גע־שטאַנען שטייף ווי אַ סטרונע און בלויז זיינע אַרויסגעשטאַרצטע אויגן

האָבן זיך געריסן, געוואָלט אַ פּלי טון ערגעץ... עטלעכע גוטע הענט האָבן אָבער סייווי שוין געהאַט צוגעהאַלטן דאָס ווײַנענדיקע מיידעלע. שולצע האָט באַפוילן זי אײַנצוהאַלטן, באַרואיקן — האָבן זי הענט געהאַלטן פון אַלע זייטן, באַרואיקט זי מיט אַלערליי רייד. שולצע האָט זיך דערווייל צוריק געלאָזט צו די מענער־רייען. ער האָט נאָך דאָרט געדאַרפט עמעצן אַרויספישן. די פּאָליציי האָט זיך אַ טרייסל געטון — אָבער שולצע האָט זיי אַ ווייז געטון מיט אַ פינגער:

— שטיין בלייבן רואיק...

פון יענער זייט האָבן זיך אַריבערגעטראָגן די קולות פון די שוואַרצע ריטעו׳. דאָס האָבן זיי זיך לוסטיק געמאַכט איבער דער פּאַרטיע, וואָס איז שוין גאָר איבערגעגעבן געוואָרן אין זייערע הענט. די פרויען האָבן זיי אויסגעשטעלט באַזונדער, באַטראַכט זיי, געשושקעט זיך און אַלעמאָל הויך אַרויסגעלאַכט. זייער טומל האָט אָבער באַלד איבערגעריסן אַ הויכער אויסגעשריי:

— מאַמע!

איבער דעם שטיקל ליידיקן פּלאַץ האָט זיך לויפנדיק אַ שליידער געטון אַ הויך־געוויקסיק, ליכטיק מיידעלע און אירע צוויי לאַנגע צעפּ האָבן זיך ווי צוויי גאָלדענע פליגל אַ צעפּאָך געטון... זי איז געלאָפן מיט אויסגעשטרעקטע הענט פאָראויס און זיך צוגעריסן צו דער אָפּגעקליבע־נער ריי. די שוואַרצע האָבן איבערגעריסן זייער לאַכן און צעטומלט גע־וואָרן. איינער פון זיי האָט גאָר שנעל אָנגעשטעלט זיין ביקס קעגן מיידלס האַרץ, אָבער אויך ער האָט נישט געקענט פועלן ביי זיך אַרייַנצושיסן אַ קויל אין אַזאַ יונגיטשקער ברוסט אַריין. ער האָט איר נאָר פאַרשטעלט דעם וועג און זי נישט געלאָזט זיך אַריינמישן אין דער מחנה אַריין.

דאָס מיידל האָט אים אָפּגעשטויסן פון זיך, אַ וואָרף געטון זיך ווייַ־טער און דעם צווייטן, וואָס האָט זיך געשטעלט אין וועג האָט זי מיט די נעגל אַ ריס געטון די האָריקע האַנט. עטלעכע וועכטער־הענט האָבן זי שוין געהאַלטן, אָבער זי האָט זיך געשליידערט מיט די פיס, געביסן מיט די געטאָקטע ציינדלעך... ווען שולצע איז אָנגעלאָפן האָט זי זיך שוין געוואָרפן אויף דער ערד, געוויינט, געשריגן און מיט אַלע כוחות אויפגעש־טעלט אַ האַלבן גוף צום אַנידערקניען פאַר אים:

— איך וויל זיין מיט דער מאַמען... לאָזט מיך... זייט אַ גוטער...

שולצעס פּנים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בלוט. ער האָט אַ כאַפּ געטון

זיין רעוואָלווער, אָבער דעם מיידעלעס אויגן האָבן אים אָפּגעשטעלט...
מיט בייזער איבערראַשונג האָט ער קוים געקענט אַרויסברומען:

— ווי שיין זי איז... איך קען נישט... אַ ז ע ל כ ע מוז מען אַוועקשלעפּן פון דאָ!

דאָס מיידעלע האָט זיך נאָך אַלץ אַ קלאַמער געטון אין דער ערד און שולצען איז עפּעס איינגעפאַלן:

— גאָלדבערג! אַלעק! קומט זאָפאָרט אַהער!

דאָס האָט ער גערופן די צוויי שפּיטאָל־אויפזעער זיי זאָלן איינגע־מען דאָס מיידעלע. ביידע האָבן זיך שנעל באַוויזן און זיך אַ לאָז געטון צו דער ריי ביים טויער. נאָך זיי האָט זיך באַוויזן הענעך. זיינע האָר זענען צעפּאַטלט און שווייסיק געהאַנגען אים איבער די אויגן. ער האָט אויס־געזען ווי נאָר־וואָס מטורף געוואָרן. שולצע האָט אים דערקענט און אַ גע־שריי געגעבן:

— שטיין בלייבן אויפן פּלאַץ!

און הענעך איז שטיין געבליבן אין מיטן פּלאַץ. אַ סעקונדע בלויז. דערנאָך האָט ער אַ צי געגעבן די האַנט און סאַלוטירט. אַזוי איז ער אויך שטיין געבליבן אין מיטן דעם שטיק ליידיקייט ווי אַ פאַרגליווערטע סטאַ־טוע. בלויז זיינע אויגן האָבן זיך ווילד געדרייט אין די לעכער. געקווי־לערט זיך צום פּלאַץ ווו דאָס מיידל האָט זיך נאָך אַלץ געראַנגלט מיט די באַצווינגער אירע. אויך אַלעק מיט מלכלען זענען שוין מיד געוואָרן. זי האָט זיי געשפּיגן אין פּנים, געריסן די הויט און אויך פון איר יונג, זיג־געוודיק לייב איז שוין אַלץ געוועזן אַראָפּגעריסן. צוויי שוואַרצע האָבן זי געצויגן ביי די לאַנגע צעפּ און זי האָט נאָך אַלץ געשריגן, געקעמפט, גע־שלאָגן און געלאָזט פון זיך רייסן שטיקער.

דער גאַנצער פּלאַץ מיט מענטשן האָט שוין איצט פאַרגעסן אין זיך. אַלע האָבן דאָ שוין פון פריער אויפגעגעבן אַלץ אין זיך. קיינער האָט זיך מער אינעווייניק נישט באַוועגט, נישט אַקטיוו געוועזן. דער גאַנצער פּלאַץ איז געוועזן איין שטיק געשטאָרבענע פאַרגליווערטקייט און אַז איצט האָט זיך איין מיידעלע געוואָרפן, אַקטיוו געקעמפט פאַר עפּעס אַזעלכעס וואָס זי וויל דערגרייכן קעגן דעם אָנגעוואָרפענעם ווילן — האָבן אַלע הערצער מיט איר מיטגעצאַפּלט און אַריינגעצויגן געוואָרן דערין: וועט זי אויספירן אירס אָדער נישט? אפילו די צוויי סאַניטאַרן זענען אָפּגעשטאַ־נען און מער נישט באַמיט זיך מיט אַלע כוחות זי צו שלעפּן.

אין דער מאַסע האָט זיך אַ באַוועג געטון עפּעס אַזוינס, וואָס איז טאַקע געשטאַנען אויף איין אָרט — אָבער עס האָט זיך יעדע סעקונדע געקענט צעוואָרפן מיט הונדערטער לייבער און זיך אָנהעגנגען אין דעם צאַפּלדיקן גוף פונעם ווידערשפּעניקן מיידל... נאָך אַ מינוט און די גרויסע מחנה וועט זי אַ כאַפּ טון ווי אַ הייליקע פאָן איבער זייערע קעפּ און זיי וועלן נעמען גיין, אַדורכשפּרייזן די מויער פון שוואַרצע ביקסן... מיט די ציין וועלן זיי זיך אַדורכשלאָגן דעם וועג, מיט די בלויזע פויסטן... און איבער זיי וועט דאָס אַנטבלויזטע מיידעלע אַרומשווימען און געבן דעם לעצטן סיגנאַל מיט איר נאָך אַלץ נישט־אויסגעלאָשענעם מאַמע־געשריי — — —

זעט אויס אַז דער באַפעלער פון די שוואַרצע האָט עס פאַרשטאַנען, אַרויסגעלייענט עס פון די אָנגעגליטע אויגן וואָס האָבן נאָך אַלץ געשטעקט אין דער שטייענדיקער מחנה גופים. ער האָט דערפאַר אַווינק געגעבן און אַ גאַנצע ריי פון קאָלבעס האָבן גענומען שטויסן, טרייבן די עדה אָפּגעקליבענע פאַראויס, פאָראויס צום טויער... אַ הויכע לעצטע יללה האָט זיך אַ ריס געגעבן פון דרייצנהונדערט העלדזער, אָבער דאָך האָבן די לייבער זיך געשפּאַרט פאָראויס, אונטער דער לאַסט פון קלעפּ. אין דער בהלה איז די ווייסע, פּופּצניעריקע נאַקעטקייט צוגעדעקט געוואָרן, איינגעשלונגען געוואָרן פון דער שטראָמיק־געטריבענער מחנה גרויקייט. באַלד האָט עס זיך אַרויסגעהויבן דורך אַ ניי, קלאָמערנדיק געשריי. האַרט ביים טויער האָבן זיך לייבער צוריקגעצויגן אין אַ זייט. כאָטש דער דראַנג איז נאָך שאַרפער געוואָרן. פאַר די אויגן פון די איבערגעלאָזטע האָט ווידער אַ בלענד געטון די פלאַטערנדיקע ריינקייט פון קינדיש־צוגערייפטן קערפּער וועלכער האָט זיך איינגעפעסטיקט מיט די ווייסע אָרעמס אין אַ געהילט, איינגעבויגן געשטאַלט... אַ פורכטיקע שטילקייט האָט איינגעשוויגן אפילו די שרייענדיקע וואָס זענען אַרויסגעשפּאַרט געוואָרן פון טויער. אַ סעקונדע האָט בלויז אויפגעהילכט אַ צעווייטיקטער פיין־געשריי פון יונג־מיידלישער פרייד. דערנאָך האָט די לופט זיך אַ צאַפּל געטון אונטער דער משא פון אַ שווערן שאָס, וואָס האָט איינגעהילט די צוויי לאַנגע צעפּ און דעם צעשויבערטן מאַמע־קאָפּ מיט רויך... דערנאָך איז געקומען אַ צווייטער שאָס, אַ דריטער... קיינער האָט נישט אָפּגענטפערט. צוויי העלדזער האָבן אָפּגעגעבן זייער לעצט גע־

שרײַ דעם הימל און פיר טויזנט אַנדערע העלדזער האָבן זיך געשטיקט מיט דער אײגענער, דערוואָרגענער שטילקייט — — —

עמעץ האָט שנעל אַרויפגעלייגט די צוויי צוזאַמענגעפלאָכטענע קער־פּערס אויף פיר געבויגענע אַקסלען. די מחנה האָט ווייטער אַרויסגע־שטראָמט צו דער צווייטער זייט דראָטן. דער רויטער פלעק ביים טויער האָט גענומען פלייצן, ווײַנען און צושאַרן זיך נענטער צום אינעווײַ־ניקסטן פלאַץ. שולצע האָט זיך טיפער אַראָפּגעבויגן איבערן בלוטיקן ריטשקעלע און געפּרווט אײַנאָטעמען מיט דער נאָז דעם ריח. עטלעכע פייגל האָבן געכאַפּט ברעקלעך מיט יללה און זיי אַוועקגעטראָגן מיט די פּיסקלעך צום וואַלד. די געבליבענע שרענגע טויטע, מענטשלעכע סלו־פּעס האָט זיך נאָך מער׳ אויסגעצויגן און נאָכגעקוקט פאַרתמט די פליען־דיקע קלאָגערלעך. נאָר אין מיטן פלאַץ איז נאָך אַלץ געשטאַנען הענעך. זיינע אויגן האָבן זיך נאָך אַלץ בייז און אַרויסגעקוילערט געבלעזלט אַנט־קעגן דעם טויער. בלויז זיין גוף האָט ווייטער געשטאַרט אונטער דעם פּאָליצייאישן מונדיר און זיין האַנט האָט זיך נאָך אַלץ געשטרעקט פאַר־גאַפט צום אונטערטעניקן סאַלוט.

# קאַפּיטל פערציק

— 1 —

די מענטשן פון יענער גרופּע האָט מען ווייט נישט אַוועקגעפירט. זיי זענען נאָר אַריבערגעטריבן געוואָרן אויף יענער זייט דראָטן, אין וועלדל וואָס איז באוואַכט געוואָרן פון די אַריבערגעגאַנגענע וועכטער. אין צען מינוט אַרום איז שוין דאָרט שטיל געוואָרן. די טויטע זענען גע־לעגן אין אַ זייט און די לעבעדיקע איז באַפוילן געוואָרן זיך אויסצוזעצן אויפן גראָז. אויך די אינעווייניקסטע פון הויף האָט מען דערלויבט דאָס זעלבע צו טון. ער האָט געקענט זיינע מענטשן, שולצע. די שטייענדיקע געשפּאַנטקייט פון דער גאַנצער צייט האָט זיך אָנגעגאָסן מיט פאַרצווייפ־לונג, מיט דראַאונג... ער האָט אָבער נאָך געמוזט וואַרטן אויף עפּעס, נישט געטאָרט צוויילן. דערפאַר אָבער האָט די מינדסטע פאַרלייכטערונג אין דער אָנגעצויגענער לופט געמוזט אַלץ ענדערן. יעדער איז פאַרנומען

געווען מיטן ענדערן זיין פּאָזיציע אויף אַ לייכטערער. קיינער האָט זיך אין דער סעקונדע נישט געקענט אָפּזאָגן פונעם תענוג צו פילן אַ שטיקל ערד אונטער זיין געזעס... דאָס מוז קומען אַזוי אינסטינקטיוו, אָן באַרעכנטקייט אַז עס איז נישט מעגלעך עמעצער זאָל זיך אָפּהאַלטן. דערווייל האָט זיך די שטימונג איינגעבראָכן, געקילט זיך און פאַרגעסן אין דעם וואָס עס איז נאָרוואָס פאַרגעקומען.

מער האָט שולצע נישט געדאַרפט. פון דער פאַרצווייפלטער מויער איז געוואָרן אַ זיצנדיקע סטאַדע, וואָס האָט מחיהדיק אויסגעצויגן די מידע פיס און די דאַזיקע וואונדערלעכע רגע האָט קיינער נישט געקענט אָפּגעבן פאַרן טראַכטן, פאַרן שמועסן — וואָס לאָזט דערווייל די אָפּרומינוט נישט אָנשפּירן אויך מיט די געדאַנקלעכע חושים. שולצע האָט אַ ווינק געגעבן און די יידישע פּאָליציי האָט זיך ווידער גענומען באַוועגן, ווי אַ כשופמאַכער וואָלט זיי אויפגעוועקט פון שלאָף. ווער עס האָט געוואָלט, האָט זיך אַפילו געקענט אויפשטעלן און גיין אַ פּאָר טריט. דער עיקר האָט ער נאָר נישט געטאָרט אַרויסגיין פונעם מענטשן־קרייז. מעכעלע האָט זיך אויפגעשטעלט, אַרומגעקראָכן צווישן די מענטשן און געוואָלט זען ווער פון זיינע באַקאַנטע ס'איז נאָך געבליבן אויף דער זייט. ער האָט דערזען זיין ישיבה־חבר, וועלוול דעם קאָמוניסט. ער איז געווען אַ פּיקרינער און איז אויסגערופן געוואָרן צו יענער זייט. ער האָט אָבער איינגעבויגן דעם קאָפּ זיינעם און נישט אַרויסגעגאַנגען. איז ער איצט געזעסן איינגעדעקט מיט שכנישע קערפּערס און געהיטן דאָס געראַטעוועטע לעבן פאַר שולצעס אויג.

מעכעלע האָט אים קיין וואָרט נישט געזאָגט און ווייטער געפּויזעט צווישן די זיצנדיקע. די מחיצה צווישן די מענער און פרויען איז דערווייל אַוועקגעפאַלן. די מיידלעך און פרויען האָבן זיך ביסלעכווייז צוגערוקט צו די מענער־רייען און דאָרט געוואָלט געפינען טרייסט, הערן עפּעס אַזוינס וואָס זאָל זיי געבן רו. אַנדערע האָבן נאָר איצט איבערגעיאָמערט די איבערגעלעבטע שרעק אויף זייער געליבטנס האַלדז. קיינער האָט זיי דאָס נישט געשטערט. זענען זיי געזעסן מיט אויסגעצויגענע קניען און איינגעזאַפּט אין זיך די גוטע ווערטער וואָס מען האָט זיי שטילערהייט אַריינדערלאַנגט אין מויל ווי אַ רעצעפּט. אין מיטן עולם האָט מעכעלע אויך דערזען העניעך גלאָז. ער איז נאָך בלייך געווען פון דער קרענק, אָבער זיינע אויגן זענען געוואָרן איצט שאַרף, שפּירעווידיק און

פול מיט אַ מין אויסגערעכנטער זיכערקייט. אים צופוסנס איז געלעגן פרעדזשאַ און ער האָט זי פאַרטראַגן געהאַלטן אַרומגענומען מיט די הענט. זי אַליין איז געלעגן אַזוי ווי פאַרחלשט, איינגעפּרעסט צווישן הענעכס קני און איין האַנט אירע איז געווען אויסגעצויגן פאָראויס. נעבן איר איז געזעסן דאָס קינדישע בחורל, איר געליבטער יאָסל און געגלעט די אים אויסגעשטרעקטע האַנט. מעכעלע האָט זיך נישט געוואָלט נענטער צושאַרן צו זיי, נישט קוקן — כאָטש גראָד אין דער מינוט איז אים באַפאַלן אַזאַ שגעונדיקער, שפּאָטישער כעס, וועלכער האָט זיך ביי אים געריסן צו ווערטער:

— גו, וואָס? איר האָט זיך צוגעגרייט אַ זיכער באַהעלטעניש? געזאָלט לויפן? געקליבן ביי אייך אויף די פינגער וועמען מיטצונעמען אין לעבן אַריין און וועמען נישט... טאָ וואָס האָט איר געוואַרט? פאַרוואָס זיצט איר' דאָ און וואַרט?

ער האָט אָבער גאָרנישט געזאָגט. זיין כעס איז דערשטיקט געוואָרן פון אַ דינעם קוק דורך אַ צעעפנטן אויגן־שפּעלטל וואָס פרעדזשע האָט אים צוגעוואָרפן. עס איז אים איצט באַנגיק געוואָרן אויף איר, באַדויערט זי און נאָך מער האָט ער באַדויערט זיך אַליין. אָט האָבן זיי איצט אין וועמען זיך איינצוטוליען, וועמען אַ שאָד צו זיין... און ער האָט דאָ געדרייט זיך מיט אַלעמען, געקענט אַלעמען און אַלע האָבן אים אויסגעהערט — אָבער איצט איז די שעה פון קלערן וועגן זיך. יעדער איז פאַרזונקען אין זיין פאַרצווייפלונג און קען נאָר זען דעם וואָס איז אַ טייל פון אים און מעכעלע איז דאָ איצט קיינעמס נישט. עמעצער פאַרהאַלט אים נאָך, וויל אים פרעגן אַן עצה און רעזיגנירט באַלד. די גאַנצע וועלט פון ווערק צע האָט זיך איצט צעשיט אין קליינע וועלטעלעך, אין באַזונדערע שטויבעלעך און ס'איז נישטאָ מער דער פאָדעם וואָס זאָל זיי צוזאַמענציען... נישט אפילו די סכנה פון טויט. זיי צאַפּלען זיך אין איר' נעץ יעדער באַזונדער און אין דער דאָזיקער באַזונדערקייט גייט מעכעלע אויפסניי אַרום אַן אָפּגעשלאָסענער, אַ זינלאָזער...

אַ פּאָר מיידלעך, וואָס ווערק צע האָט נאָך ביז איצט געלאָזט אַליין, דערזעען מעכעלען און דערמאָנען זיך אין עפּעס. מען דאַרף איצט זיך לאָזן אין אַ ווייטער וועלט אַריין. אפשר אפילו צום נאָענטן טויט — און דאָס איז זיי שווער אַ ל יי ן. קען זיין אַז דאָ וועט די קאַנטשאַפט נאָר פאַרנעמען מינוטן, ביז שולצע וועט ווידער אַ פייף געבן, אַ געשריי טון...

עס וועט אָבער אַלץ נאָך בעסער זיין ווי אַזוי, בעת זיי זיצן אָפּגעלאָזענע, פאַרגעסענע... און דאָ דרייט זיך אַרום דער מעכעלע...

גיבן אַ בליץ אויף פון עטלעכע זייטן אַזעלכע קראַנקע שמייכלען... זיי בעטן זיך, זיי רופן און לייגן זיך אים צופוסנס. וואָס ווילן זיי? בלויז נעמען אַ קליינעם געשאַנק פון אַ געמאַכטער נאָענטקייט, פון היימישקייט... אַ געשאַנק וואָס זאָל אים אויך לייכטער מאַכן. אָבער מעכעלע דערזעט פּלוצים אַ פּאָר צעפּייערטע אויגן אויף זיך. דאָס קוקט אויף אים די פרוי פליישער און טוליעט זיך נאָך שטאַרקער צו איר הויכגעוואוקסיקן באַשיצער... און פרעדזשע קוקט שוין נישט מער אַזוי פאַרוויינט. זי לאַכט גאָר פון אים! אירע ליפּן קרומען זיך שפּאָטיש ביי זיין פאַרגנבעטן בליק... און די דיקלעכע סאַרא וויל אים איצט אַרויסשטעקן איר געפּאַקט ציינגל נאָר זי האַלט זיך איין, ווייל דאָ קען מען עס נישט אין אַנבליק פון טויט... ווי בייז זיי זענען דאָ אַלע אויף אים! וואָס האָט ער זיי דען געטון? פון אַלע זייטן שרייען אויף אים אויגן און הערצער. זיי האָבן דאָ געהאַט אַ קורצן אָטעם, אַביסל צייט געהאַט צו האַלטן דאָס לעבן אין די ציין. עמעצער האָט עס זיי נאָר געדאַרפט דערלאַנגען. אויך ער, מעכעלע האָט עס געהאַט פאַר זיי. ביי עמעצן אַנדערש אין דער וועלט האָבן זיי עס נישט געקענט מאָנען, נישט פאַרלאַנגען. אָבער ער האָט זיך איינגעשלאָסן אין זיין יונגער עקשנות, כאָטש ער איז דאָ געוועזן. ער האָט דערמיט ביי זיי צוגערויבט ז יי ע ר ס ! אַ ווערק־צעניק איז ער געוועזן און ער האָט זיך געדאַרפט טיילן מיט אַנדערע מיט זיין יונגקייט, מיט זיין וואַרעמקייט, מיט אַלץ וואָס זיי האָבן נאָר ביי אים געקענט געפינען... טאָ וואָס דרייט ער זיך נאָך דאָ אַרום צווישן זיי!?

גיין, ער קען זיך צו קיינעם פון זיי איצט נישט צוזעצן. ער מוז גיין. פאַרשטויסן איז ער און ער דאַרף פאַרשטויסן זיין. מיט קיין סעקונדן פאַרריכט מען נישט קיין עוולות. זאָל ער זיך נישט אויסקויפן! זעט ער דען נישט ווי דער חלף בליצט שוין איבער די קעפּ? זעט ער דען נישט ווי דער טרויער פאַרוויגט שוין דאָ אַלעמען? זיי שטעלן אָן די קעפּ צו אים, ווילן נאָך עפּעס גלייך מאַכן, צוציען... אָבער מעכעלעס קניען בייגן זיך שוין איין אונטער אים. ער לאָזט זיך אַראָפּ אויפן זעלבן אָרט ווו ער דערפילט די שוואַכקייט אין זיך. נעבן אים איז פאַראַן אַ קליינע גרופּע פרויען מיט אָפּגעוויינטע פּנימער. זיי קוקן איצט אין מויל יעדן איינעם וואָס וועט זיי נאָר זאָגן אַז מען דאַרף נישט וויינען, עס איז נישט

נויטיק. איינע לענט אפילו אָן איר מידן קאָפּ אין זיין אַקסל נישט פּרעגנ־דיק ביי אים. מעכעלע קוקט זי אפילו נישט אָן, ווייל זי בכיוון נישט זען און נישט דערקענען. בלויז ווען איר אַנגעשווייסט־הייסע האַנט לייגט זיך מיד אַוועק אויף זיינע פינגער — גלעט ער זי און פאַרמאַכט די אויגן. דאָס ווייל ער באַצאָלן זיין חוב דער אומבאַקאַנטער פאַר אַלע אַזעלכע ווי זי. טאָ זאָל זי בלייבן דאָ אַזוי פאַרהוילן, ווען זיינע אויגן קענען אויף איין סעקונדע זי דערזען. ער דריקט אפילו צו די אויגן פעסטער און זעט... אַלעמען זעט ער צו וועלכע ער האָט זיך נאָר אַמאָל געצויגן דורך אַלע הינטערקעמערלעך פון געדאַנק — — —

ער שפּירט זאַלציק־בריענדיקע טראָפּנס אויף זיך און דאָך פאַר־קלאָמערט ער זיך נאָך מער אין דער גליקלעכער, אַליין־געמאַכטער בלינד־קייט. עס איז גוט אַזוי, כאָטש ער האָט מורא צו טראַכטן וועגן דעם אַז עס איז אים גוט אַזוי. מיט די אויערן זיינע הערט ער נאָר אַ באַקאַנט און זיכער קול. דאָס רעדט דאָרט דער פעטער רעדלמאַן צו עמעצן מיט אַ דיק, געפּאַשעט קול:

— אַז דאָס איז אַלץ גאָרנישט... יעדן זאָל אַזוי לעבן, ווי גאָרנישט. זיי האָבן אונדז נאָר איבערגעשראָקן. איר וועט זען אַז איך ווייס וואָס כ'זאָג... באַלד וועלן קומען אָנצולויפן די אַלע מייסטערס פון דער פאַב־ריק און יעדער איינער וועט זיך צוריק נעמען זיינע מענטשן. עס קען דאָך נישט זיין אַז מיין מייסטער זאָל נאָך מיר נישט קומען...

עס איז געוואָרן שטיל אַרום און אַרום. אין מעכעלעס געהירן האָט די שטילקייט זיך נאָך מער צעלייגט ווי אומעטום. ער האָט געשפּירט נעבן זיך אַ מענטש, וועלכן ער טאָר נישט איבערשרעקן. איז ער געזעסן אומבאַוועגלעך, בכדי זי נישט אַ טרייסל צו טון. שאַ, ער האָט איר איצט געגעבן שוץ, חלום... טאָ זאָל זי רוען! ער איז שוין נישט אַליין! קען ער זיך מער נישט וואַרפן, לויפן... איר וואַרעמקייט האָט אים געבענדיקט, איינגענומען — טאָ זאָל ער זיצן, וואַרטן זאָל ער ביז עס וועט זיך אויפ־רייסן פון אַנדערע הענט, פון אַן אַנדערנס געשריי... נאָר לאַנג צוהאַלטן דעם בליק קען ער נישט. ער וואָלט זיך אַזוי געוואָלט אויפשטעלן אין דער לעצטער מינוט און אַוועקגיין הינטערווייַלעכץ, אויסמישן זיך און קיינמאָל מער זאָל ער נישט וויסן ווער עס איז געזעסן אָנגעלענט אין אים... שפּעטער וועט ער קיינער פון זיי גאָרנישט שולדיק זיין און אויך ביי קיינער פון זיי וועט ער גאָרנישט קענען מאָנען. אין געדאַנק וועט ער

דערבײַ אויך קענען האָבן געזען אין איר ווען ער וועט נאָר וועלן אַליין...

נאָר וואָס איז דען דער שפּעטער? צי קען ער דען נאָך זײַן? און די אויגן זענען שוין אַזוי מיד, ביז און רײַסן זיך צום זען צוריק די וועלט. עפּענען זיי זיך אַליין. מעכעלע וויל נאָר זען מיט זיי די אַנדערע מענטשן אויפן פּלאַץ, די ביימעו', די באַראַקן... אָבער זיי גיבן זיך אַ גליטש אויס אין דער זײַט און ציטערן אויף ביים זען דאָס מידע מיידל וואָס האָט זיך אַזוי אָנגעשפּאַרט אויף אים. אירע האָר זענען געווען צעוואָרפן איבערן פּנים, די הענט האָבן נאָך אַלץ וואַרעם גערוט אויף זײַנע פינגער בשעת ז' אַליין האָט זיך קיין ריר נישט געטון. בלויז מעכעלע האָט אַ ציטער געטון פון אַ גאָר־ווײַטער דערמאָנונג, וואָס איז פאַר אים פּלוצים לעבע־דיק געוואָרן:

ס'איז געווען יענע היץ־קראַנקע, פאַר וועלכער ער איז אַמאָל אַנטלאָפן פון איו' באַראַק.

— 2 —

דעם הויכן, ריזיקן משה פון אפט האָבן אַלע באַוווּנדערט. ער האָט זיך געהאַלטן אין ווערק צע פון דער ערשטער מינוט אָן. דערבײַ האָט ער קוים אַ פּאָר געציילטע חדשים געאַרבעט ביים לייכטן „באַאו״. דער־נאָך' האָט מען אים געהאַלטן אין איין איבערוואַרפן פון איין שווערער אַר־בעט צו דער צווייטער. ער האָט מיטגעמאַכט די פּיקרין אַ פּאָר חדשים. דערנאָך איז ער איבערגעשיקט געוואָרן אין אַ שווערער גראַנאַטן־האַלע ווו ער' האָט פון זיך אַרויסגעיאָגט די כוחות. דערנאָך האָט מען אים גאָר צו־געטיילט צום שווערן טראַנספּאָרט, ווו ער האָט זיך געהאַלטן ביז דער לעצטער' מינוט. ער איז אָבער קיינמאָל קיין סקעלעט נישט געוואָרן. אדרבא, זײַן פּנים איז נאָך פולער' געוואָרן און די הענט זענען געוואָרן נאָך' אייזערנער ווי אין זײַן אַמאָליקן שטעטל.

עו' האָט געפירט אַ שווערן קאַמף פאַרן לעבן, דער הויכער משה אפּ־טער', אויף זײַן באַזונדערן שטייגער. ער האָט ליב געהאַט צו עסן. בעיקר האָט ער' געהאַט אַ חשק צו טרוקענעם ברויט מיט זופּ. דאָס האָט ער יעדן טאָג געמוזט האָבן צו דער זעט — און בכדי צו זעטיקן זײַנע ריזיק־צע־וואַקסענע אברים האָט מען געדאַרפט גאָר אַ סך. אָבער משה האָט עס

דערגרייכט מיט זיינע אייגענע כוחות. נאָך אַ לאַנגער נאַכט פון אַרבעט האָט משה געטון וואָס מען האָט נאָר געדאַרפט פאַר אַ שטיק ברויט. ער האָט געטראָגן שווערע בענק מיט טישן און געשלעפּט ריזיקע באַלקעס האָלץ מיט קוילן פאַר די ווייבער וואָס האָבן געקאָכט פאַר זייערע קוזי־נען. ווען ער איז געקומען צו די ערשטע קליינע געלטער, האָט ער אָנגע־הויבן די ריזיקאַלישסטע מסחרים. ער האָט געברענגט לאבנס ברויט, גרויפּן, ציבעלעס... און וואָס עס האָט זיך נאָר געמאַכט. ער האָט שוין געהאַט אַזאַ הצלחה: איבער דער גאַנצער צייט האָט ער כמעט נישט געהונגערט.

וואָס ער איז געווען אין דער היים? נישט קיין מרא דאתרא. ער האָט געהאַט אַ געוועלבל, געטריבן אַ פערד, געטראָגן זעק — אַבי פרנסה פון די אייגענע הענט. אויף קיינעמס קאַרק איז ער נישט געלעגן. דעם ווייב מיט די צוויי קינדער האָט ער אויך געברענגט וואָס גאָט האָט נאָר באַשערט. דאָס אַלץ איז געווען דער אינהאַלט פון זיין לעבן ביז קנאַפּע דרייסיק יאָר. אוודאי, קיין גרויסער למדן איז ער נישט געווען. מער ווי ביז עלף יאָר האָט מען זיך נישט געקענט דערלויבן אים צו האַלטן אין שטוב. די תלמוד תורה ווייטער האָט אים מער ווי מיט עברי נישט גע־קענט באַזאָרגן. ס'איז נישט געווען זיין שולד און אויך נישט זייערע. אַזוי איז עס שוין געווען. קיין גרויסער מפונק האָט ער אויך נישט באַ־וויזן צו ווערן. אַז די אברים זענען זיך צעוואַקסן און די פרנסה איז גע־ווען שווער — האָט נישט געקענט זיין קיין רייד וועגן קיין איידל לשון און אפילו נישט פון אָפּהאַלטן די האַנט, ווען דאָס בלוט איז געקומען אין שלייף אַריין. עפּעס אַ קלייניקייט? פרנסה פון אייגענע הענט פאַר זיך און פאַר צוויי פּיצעלעך שוואַלבן!

נאָר אַז דאָס איז נישט אַלץ — האָט משה אפטער שטענדיק גע־ווסט. דערפאַר האָט ער זיך געזוכט אָפּצוואַשן פון די קללות, זידלע־רייען און חרמות פון אַ גאַנצן טאָג... דאָס האָט ער געמאַכט אויף אַ פשוטן אופן:

יעדן פרײַטאָג איז ער געקומען דער ערשטער אין בית המדרש אַריין. אַ טלית האָט ער געהאַט מיט אַ זילבערנער עטרה. דערצו איז אים גע־בליבן אַ פּאָר אַלטע תפילין נאָך פון אַן עלטער־זיידן... און אַז איינמאָל איז פאַרבייגעפאָרן אַ מוכר־ספרים האָט ביי אים משה איינגעהאַנדלט אַ סידורל מיט פערלדיקע אותיותלעך פון פשעמישלער דרוק — אַז זיי

האָבן מחיה געווען דאָס אויג. האָט ער זיך אַוועקגעזעצט גאַנץ פרי און אָפּגעזאָגט אַ האַלבן תהילים — איז אים דער טעם פון די ווייכע ווערטער געלעגן אַ גאַנצן טאָג אויף דער צונג. דערנאָך האָט ער זיך איינגעהילט אינעם טלית, איינגעשטיפּט די מג שמע ידיו מיט די אַלטע, אויסגעווײנטע רצועות און אָפּגעדאַווענט וואָרט ביי וואָרט דאָס גאַנצע דאַווענען — טאַקע פון זעלביקן מחיהדיקן סידורל... ביינאַכט איז ער ווידער געווען פון די ערשטע. ער האָט אָפּגעדאַוונט מנחה, זיך איינגעהערט צו אַ מגיד אָדער צו אַ לערנער וואָס האָט פאַרגעזאָגט „עין יעקב" פאַר אַזעלכע, ווי ער און דערנאָך האָט ער ווידער געהאַט אַ גאַנצן מעריב פאַר זיך. האָט ער טאַקע געוווסט אַז ער לעבט! די ווערטער האָבן זיך ביסלעכווייז אַראָפּגעלאָזט טיף אין אים, זיך דאָרט באַזעצט ווי אין אַ נעסט און היימיש געוואָרן מיט אים. האָט זיך אין אים מיט דער צייט אַנטוויקלט אַזאַ מין גלוסטעניש, ממש אַזאַ ת א ו ה צו דאַווענען.

עס זענען געווען צייטן ווען ער האָט זיך פשוט צוגעריסן צום עמוד, אַבי צו האַלטן דעם גרויסן שול־סידור פאַר די אויגן און אָנקוויקן דאָס אויג מיט די אותיות וואָס האָבן זיך אַזוי באַקאַנט און נאָענט געוואָרפן צו אים, אַ שפּרינג געטון אויף זיינע ליפּן... אָבער אפילו פאַר זיך איז עס אויך געווען אַ פאַרגעניגן וואָס לאָזט זיך גאָרנישט אָפּשאַצן... וואָס ווייסט דען עשיו־בהמה פון אַזאַ טעם? און אפילו בייטאָג ווען דער האַלדז איז טרוקן געוואָרן פון אַרומשטעלן זיך מיט טרעגערס און בעלי עגלות — האָט ער אַרויסגענומען דערנאָך דאָס קליינע סידורל און זיך אָפּגעפרישט מיט אַ קאַפּיטל תהילים... ער איז דען אַזוי פרום געווען? נאָר אַז דאָס האָט פשוט אים אויפגעלעבט, אַראָפּגענומען דעם גאַנצן שוים וואָס איז געבליבן אין מויל פון די ווילדע קריגערייען! כל הטעמים אין דער וועלט האָט ער געשפּירט אין אַזאַ זאָגעניש! האָט ער זיך נאָכגעגעבן דעם תענוג וויפל ס'האָט זיך געלאָזט. דערביי איז אַזוי גוט געווען צו פילן אַז דער מח איז נישט פוסט, דאָס האַרץ איז נישט ליידיק — אומעטום איז ביי אים אָנגעשטאָפּט מיט פסוקים און מיט שטיקער דאַווענען, פונקט ווי דער שטאָט־נגיד האָט די שטוב זיינע אָנגעשטאָפּט מיט ברילִיאַנטן און גאָלד.

און געערעכט איז ע ר געווען. ד אָ ס האָבן ביי אים אויך די דייטשן נישט געקענט צונעמען. אין אַלע ערגסטע וועגן האָט דאָס אים געוואַרעמט. אַליין איז ביי אים געלעגן אינעווייניק און קיינער האָט עס

ביי אים נישט געקענט אַרויסשניידן. דאָס האָט אים באַגלייט ווו ער איז געגאַנגען און געשטאַנען. דאָס ווייב מיט די קינדער האָט מען טאַקע צו־גענומען ביי אים. אַ לאַנגע מעשה צו דערציילן ווי אַזוי. אויך דאָ האָט אים אַ פּסוק דערציילט פּ אַ ר וו אָ ס : ה׳ נתן וה׳ לקח. נאָר אין ווערק צע אַריין האָט ער זיך געמאָלדן פרייוויליק, באין ברירה. האָט ער באַוויזן מיטצונעמען אַהער דעם זיידנס תפילין און דאָס קליינע סידורל מיט די פּערל־שריפט. דאָס איז פאַר אים געבליבן פון דער גאַנצער היים און ביי משה אפשר איז עס געווען גאָר אַ סך. פון אַלע רעוויזיעס האָט ער זיי אויסגעהיטן און יעדן פאַרטאָג האָט ער זיך דאָס ערשטע צוגע־כאַפּט צו די תפילין. דערנאָך ערשט האָט ער גוטהאַרציק זיי געבאָרגט וועמען ער האָט נאָר געוואָלט פון זיינע שכנים אין פרידלאַנדס באַראַק.

איצט האָט דאָס גאַנצע דאַווענען געהאַט גאָר אַן אַנדער טעם. עס איז שוין געווען דער לעצטער צובונד צו דער היים און צו אַלץ וואָס עס איז געווען. דאָס האָבן נאָך פעסטער צוגעבונדן צו לייב און נשמה די אָפּגעריבענע רצועות פון די תפילין. דאָס סידורל האָט ער געטראָגן כסדר מיט זיך. ער האָט אפילו געהאַט אַ ספּעציעל אָרט דערפאַר צווישן זיינע בגדים, וואָס אַ דייטש מיט טויזנט קעפּ וואָלט עס נישט געווען גע־פונען. האָט ער נישט אויפגעהערט צו זאָגן פון דאָרט, ווען עס האָט זיך נאָר געמאַכט אַ געלעגנהייט. ביסלעכווייז האָט זיך אים גענומען אויס־דוכטן אַז זיין נשמה ליגט גאָר ערגעץ אַנדערש ווי ביי אַלעמען. ביי אים איז זי מגולגל געוואָרן אין עטלעכע הונדערט קליינטשיקע בלעטלעך און ער טראָגט זיי גאָר גאַנץ אונטן, ביים מאַנקעט פון זיינע פאַרשמירטע. שוואַרצע הויזן. איבער צען יאָר האָט ער זי שוין אַזוי — און טאָמער נעמט עמעצער ביי אים צו דאָס סידורל — מעג ער זיך באַלד אויסציען און שטאַרבן. וואָס האָט דען פאַר אַ ווערט אַ לעבן אין ווערק צע, אָן דעם סידורדיקן נשמהלע וואָס גלעט אַזוי דאָס האַרץ מיט די טויזנטער קליינע אברימלעך אירע? האָט ער טאַקע אויך גליק געהאַט וואָס מען האָט ביי אים קיינמאָל דאָס סידורל נישט אַנטדעקט.

— 3 —

צום שווערן גורל פון אַרבעטן ביים נאַכט־טראַנספּאָרט דאַרף מען אויך האָבן מזל. משה אַליין האָט די ערשטע צייטן געקרעכצט צוזאַמען

מיט אַלע טראַנספּאָרטלער, כאָטש די ריזיקע משאות זענען פֿאַר אים לייכטעו' געוועזן. דאָס נישט קענען שלאָפֿן קיין א יי ן נאַכט האָט שטאַרק געמאַטערט. קיינער האָט נישט געקענט קלוג זיין צו וויסן, ווער עס האָט אויסגעקלערט אַז דאָ זאָלן זיך נישט בייטן די טאָג־שיכט מיט דער נאַכט־שיכט. דער נאַכט־טראַנספּאָרט איז געבליבן סטאַביל ביי דער נאַכט־אַרבעט און דערפֿאַר האָבן ביי אים נאָר געקענט אויסהאַלטן די גבורים פֿון לאַגעו'. נאָר ביסלעכווייז האָט מען אויך זיי אָנגעהויבן מקנא צו זיין. זיי האָבן באַוויזן צוצודרעמלען צוביסלעך ביי דער אַרבעט. צווישן זיך האָבן זיי פֿאַרטיילט די שיכטן: איין העלפֿט האָט זיך צוגעשפּארט אין די וואַגאָנעס אויף אַ פּאָר שעה און די אַנדערע העלפֿט האָט געמאַכט איין טייל פֿון דער נאָרמע. דערנאָך האָט מען אויפֿגעוועקט די שלאָפֿנדיקע און זיי האָבן צוגעענדיקט די צווייטע העלפֿט בעת די פֿריערדיקע אַרבעטער האָבן געכאַפּט אַ דרעמל אויף אַ פּאָר שעה. ביי אַזעלכע אייזערנע יונגען, וואָס האָבן זיך צוגעפּאַסט אויך צו אַזאַ אַרבעט, האָט דאָס געקענט מעגלעך זיין. זענען זיי שוין געקומען אין לאַגער אַריין אויסגערוט אַביסל און זיי האָבן זיך געקענט בייטאָג אַביסל פֿאַרנעמען מיט שניידעריי, מיט אַנדערע מלאכות אָדער מיט האַנדל און זיי האָבן געקענט צופֿאַרדינען אויף ברויט.

נאָך מער האָט מען זיי גענומען מקנא זיין ווען זיי האָבן באַקומען אַ נייעם מייסטער. אַ לאַנגע צייט האָט איבערן טראַנספּאָרט אויפֿגעזען דער מערדערישער, איין און אַכציק יעריקער ה ע כ ט. ער האָט געהאַט זיינע אויגן אומעטום און זיין גאַנצער געדאַנק איז נאָר געווען פֿאַרנומען ווי אַזוי צוצוקלערן נייע יסורים פֿאַר זיינע אַרבעטער. האָט מען אים פּלוצים איבערגעטראָגן אויף אַן אַנדער אַרבעט, אַ העכערע און פֿאַראַנטוואָרטלעכע. יעדן טאָג האָט מען אים נאָר געזען פֿאַרבייפֿליען אויף זיין ראָווער און ער האָט זיך אפֿילו קיין צייט נישט געהאַט אָפּצושטעלן ביי די יידישע וואַגאָנעס. אויף זיין אָרט איז באַשטימט געוואָרן דער אַלטער ד"ר האָפֿמאַן. תיכף מיט זיין קומען האָבן די טראַנספּאָרטלער דערפֿילט אַז ער איז גענצלעך אַנדערש פֿאַר העכטן און אַלע אַנדערע מייסטער.

אַ טיפּישער דייטשער אינטעליגענט פֿון אַלטן דור, מיט אַ בלייך און צוגעלאָזן פּנים — האָט דער אַמט פֿון מייסטער פֿאַר אים נישט געפּאַסט. ער האָט די ערשטע צייטן גענומען שרייען, וואַרפֿן זיך מיט זידל־

ווערטער און דראַאונגען גלייך ווי אַלע קאַלעגן זיינע. דאָס איז אים אָבער באַלד נמאס געוואָרן. עס האָט אים נישט געקליידט קיין כעס צו זיין שטיל, איידל פּנים און צו זיין דין, עניוותדיק קול. זיינע זויבערע, אָנ־ראמעדיקע ברילן האָבן זיך דערביי געטרייסלט אויף זיינע פאַרחלומטע אויגן ווי פאַרשעמטע — האָט ער עס אויפגעגעבן. נישט אַזוי לייכט איז עס אים אָנגעקומען. ער האָט נאָך געפּרוווט אַריינפאַלן אין אַנדערע האַ־לעס, שלאָגן די יידן, וואָס געהערן נישט צו אים, מיט אַ שטעקן און בכלל נאָכמאַכן דעם גאַנג פון אַלע אַנדערע, אויסגעפּרוווטע מייסטער. ער האָט זיך געוואָלט האַרט מאַכן, אַכזריותדיק ווערן — און דאָך האָט ער זיך ביסלעכווייז גענומען איינהערן צו די טענות וואָס זיינע אַרבע־טער האָבן אים געלאָזן, פאַרזיכטיק גענומען צוואָרפן.

ד״ר האָפמאַן האָט זיך פּלוצים דערוווסט אַז זיינע דייטשן האָבן אויסגעקוילעט אַלעמענס משפחות, דערהרגעט אַזויפיל קליינע קינדער און פאַרגאזט יונג און אַלט. אויך די וואָס זענען אַהער געבערענגט גע־וואָרן צו אַרבעט צאָלט מען גאָרנישט; מען גיט זיי נישט קיין עסן, קיין קליידונג און ביי דער מינדסטער קרענק — שיסט מען זיי מאַסנווייז. די געזונטע הייסט מען שלעפּן צענדליקער טויזנטער קילאָ אַ טאָג מיט אַ הונגעריקן מאָגן, אָן שלאָף און אָן רעכט. וואָס מער ער האָט זיך גענו־מען איינהערן, דער ביכערדיקער ד״ר האָפמאַן, אַלץ מער האָט מען אים דערציילט... און וואָס מער די יידן האָבן אים דערציילט, האָט ער, דער פאָרשטייער פון דער דייטשער אינטעליגענץ זיי גענומען גלויבן. דאָס האָבן אגב באַשטעטיקט זיינע חברים און ער אַליין האָט עס אויך גענוג צוגעזען.

ד״ר האָפמאַן איז געווען אַ גלויביקער, טראָץ זיין אָנגעהעריקייט צום נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם. ער האָט באַלד איינגעזען אַז דאָ געשעט אַ גרויסע עוולה. ער האָט אָבער דאָס אומרעכט געוואָלט אויסגלייכן פאַר־זיכטיק, לאַנגזאַם... מען האָט זיך מיט אים שטאַרק גערעכנט. אפילו דער ד״ר ראָסט האָט זיך צו אים באַציוגן מיט שטייפן דרך־ארץ. האָט ער שנעל אַרויסבאַקומען אַ באַפעל אַז זיינע טראַנספּאָרטלער זאָלן באַקומען אַ צולאָג פון ברויט און אַ שטיקל בלוט־וווּרשט טעגלעך. דאָס האָבן שוין די יידישע קאָמענדאַנטן געמוזט באַזאָרגן. אויך אין דער פאַבריק האָט ער פאַר זיי געפונען פאַרשידענע פּריווילעגיעס. ער האָט אויך אַוועקגענומען פון אויג ווען ער האָט געזען ווי זיינע יידן זוימען זיך טיילמאָל אַביסל

צופיל אין די מאַגאַזינען און קומען פון דאָרט אַרויס אַ היפּשלעך ביסל אַנגעשוואָלן. אויפן וווּנק האָט ער זיי אפילו דערמוטיקט, אַז זיי זאָלן קיין נאַראָנים נישט זיין און וויבאַלד מען קען אָנטרעפן אַ פּעקל לייוונט פאַר די פּולוווער־זעקלעך אָדער אַנדערע זעלטענע סחורות — זאָלן זיי האָבן דערנאָך צו עסן... ער אַליין האָט אויך נישט פאַרגעסן מיטצוברענגען יעדן טאָג עטלעכע פּעקעלעך מיט ברויט, צוגעפּגעלייגט מיט וווּרשט, פּוטער און קעז אָדער אייער. יעדן טאָג האָט ער דערמיט מכבד געווען עטלעכע יידן זיינע לויט דער ריי... האָבן זיך די טראַנספּאָרטלער ביס־לעכווייז צוגעוווינט צו זען אין אים אַן אייגענעם, אַ מענטש פאַר וועלכן מען דאַרף זיך נישט צופיל היטן מיט קיין וואָרט און אפילו מיט אַ שטיקל אַרבעט פאַר וועלכן מען ריזיקירט מיטן קאָפּ...

טאָמער האָט זיך שוין געטראָפן אַ משוגענער וואָס האָט געוואָרנט אַז „אַ דייטש בלייבט אַ דייטש" — האָבן אים אַלע געוואָלט אויפעסן אַ לעבעדיקן. וואָס זענען דאָס פאַר אַ דיבורים? אַז דאָס איז אַ מלאך, נישט קיין מייסטער! ס'איז דען אויסצודערציילן וואָס דער גוטער אַל־טיטשקער טוט אַלץ פאַר זיינע יידישע אַרבעטער? עס איז דאָך אַ פאַר־געניגן, נישט קיין אַרבעט! און ד"ר האָפמאַן האָט געלאָזט זיינע טראַנספּאָרטלער אַליין רעגולירן זייער אַרבעט. פון זיינעטוועגן קענען איין העלפט שלאָפן און די צווייטע זאָל אַרבעטן און דערנאָך זאָלן זיי זיך בייטן. דער עיקר וויל ער נאָר אַז די נאָרמע זאָל געמאַכט ווערן און ווען עס איז דאָ צופיל אַרבעט — זאָלן זיי האָרעווען מער וויפל די נאָר־מאַלע צאָל איז געווען באַשטימט. ווייטער איז נישט זיין עסק. ער וויל נאָר' קיין צרות פון זיין גוטסקייט נישט האָבן. נאָך אַ זאַך בעט ער: אויב זיי ווילן שוין טיילווייז אַריינכאַפּן אַביסל שלאָף — זאָלן זיי עס מאַכן אויף אַזאַ אָרט וווּ קיינער זאָל זיי נישט אַנטדעקן, אַז נישט — וועט ער טראָגן די פאַראַנטוואָרטלעכקייט. דאָס טויג נישט פאַר אים און נאָך מער טויג עס נישט פאַר זיי. עס וועט קומען אַ צווייטער און שטרענגערער מייסטער — טאָ וואָס דאַרף מען עס?

איז גוט געוואָרן אויף אַ סך געביטן. וואָס עמעץ האָט געהאַט אויפן האַרץ — האָט ער זיך געקלאָגט פאַר האָפמאַנען. עס איז גענוג געווען אַז האָפמאַן זאָל איינעם אויסהערן און שוין זאָל ער אינטערווענירן ביי וויינזנבערגן, ביי פּעלאַן און נישט איינמאָל האָט ער אויסגעפּירט זיינס.

— 4 —

זינט עס האָבן זיך באַוויזן די לייט וואָס האָבן געברענט מענטשן הינטערן שטרויענעם ווענטל איז דער אַלטער האָפמאַן געוואָרן אויס מענטש. צום ערשט האָט ער רואיק אָרויסגעקוקט פון זיינע האַלעס און געזען ווי אַזוי עס פאָרן די שוואַרצע קאַרעטעס געפּראָפּט מיט געהיימע שאָטנס. ער האָט צוגעזען און געשוויגן. מען האָט נאָר געזען ווי ער טראַכט אַריין גאָר אַ סך אין זיך. קיינער האָט נישט געהאַט צופיל געדולד אַריינצוקלערן וואָס אַזאַ אַלטיטשקער דייטשער מייסטער טראַכט דערביי. עטלעכע יונגען, וואָס זענען געוואָרן מיט אים היימיש, האָבן זיך אַפילו דערנענטערט צו אים און אַ פרעג געטון פון דער זייט, וואָס ער האַלט פון די דאָזיקע זאַכן. אָבער האָפמאַן האָט בלויז פאַרצווייפלט אַ מאַך געטון מיט זיין אויסגעדאַרטער, אַלטער האַנט און ווייטער געשוויגן.

אויפגעבראָכן האָט עס אין אים ערשט דאַן ווען דער רויך פון מענטשלעך לייב האָט זיך אַראָפּגעזעצט איבערן גאַנצן ווערק צע. אין ד״ר האָפמאַן האָט זיך עפּעס גאָר שטאַרק אַ רודער געטון. מען האָט זיך דערציילט בסוד אַז ער האָט זיך איינמאָל אַוועקגעלאָזט טיפער אין וואַלד אַריין און געוואָלט צוקומען אַהין, וווּ די גרינע שדים זענען געשטאַנען. אָבער איינער פון די זשאַנדאַרמען האָט אַן אַ וואָרט אָנגעשטעלט אויף אים אַ ביקס — און האָפמאַן האָט זיך שנעל צוריקגעצויגן און אַוועק צו זיך אין האַלע. נאָר אַ שטיק פון יענער אָנגעשטעלטער ביקס איז געבליבן זשאַווערן אין אים. ער האָט גענומען רעדן מיט אַן אַנדער טאָן, טראָגן מיט זיך אַ קליינע ביבל־אויסגאַבע אין דייטש און פון דאָרט האַלטן אין איין אַרויסלייענען...

פאַר די יידן האָט ער גענומען רעדן מיט אַן אַנדער שטים, אַ שטילע און הכנעהדיקע ווי צו הייליקע. ער האָט צום ווּפלטן מאָל גענומען איבערחזרן אַז ער פילט זיך שולדיק פאַר אַלע דייטשן זיינע און אַז די יידן וועט נאָך טרעפן אַ גרויס גליק, ווייל זיי טראָגן אויס אַזויפיל אומגליקן אויף זיך. ער האָט נישט אַרויסגעלאָזט גאָט און די הייליקע פון זיין מויל און געהאַלטן אין איין ציטירן פּסוקים פון דער עוואַנגעליע.

די יידן האָט עס גענומען טרייסטן, צופרידנשטעלן — אָבער האָפמאַנס רייד האָבן אויף זיי געווירקט אַזוי אומהיימלעך־פרעמד, אַז זיי

האָבן געמוזט אָנהייבן ביטער חוזקן פון אים. עס איז זיך נישט געווען פאַרצושטעלן אַ דייטשן מייסטער מיט אַזעלכע שטילע, שולדיקע רייד צו יידן. ווי קומט עס צו אַ מ י י ס ט ע ר פון טראַנספּאָרט אין ווערק צע? און מיט אַזאַ ציטערדיקן, שטילן טאָן? נישט אַנדערש, נאָר ער איז גע־רירט אויפן מחשבה־קעסטל! האָט מען זיך גענומען נאָכדערציילן וועגן אים איין קאָמישע מעשה נאָך דער צווייטער. אַלץ וואָס ער האָט נאָר גערעדט אָדער באַפוילן איז שוין געווען לעכערלעך און נישט אויפן אָרט, אַז די חברה האָט געמוזט רעדן צווישן זיך:

— דאָס איז דען אַ דייטש? אַן אַלטע צעקראָכענע באָבעשי, וואָס מ׳האָט אָנגעטון אַ מונדיר! עס וועט שוין פון אים קיין גענעראַל נישט ווערן...

און פון האָפמאַנען האָט טאַקע קיין גענעראַל נישט געקענט ווערן. איין שוואַרצע ידיעה נאָך דער צווייטער האָבן צו אים דערלאַנגט און ער האָט די קלעפּ נישט געקענט אויסטראָגן אַזוי רואיק ווי די אַנ־דערע חברים זיינע. איין טאָג האָט ער באַקומען אַ מעלדונג אַז זיינס אַ זון איז געפאַלן אַלס עס־עס־מאַיאָר... דערנאָך האָט דאָס ווייב זיינס אַוועק־געלייגט זיך אין איינער פון די דייטשע שטעט און מער נישט אויפגע־שטאַנען פון דער קרענק. דערנאָך איז געקומען אַ געוועלדיקע באָמבע און צעריסן זיין הויז, וואָס איז אַזוי שיין געווען און אויך זיין געזאַמלטע ביבליאָטעק איז אַוועק מיטן פייער... האָט האָפמאַן מער נישט געקענט — און אַלע זיינע מיטאַרבעטער האָבן געזען ווי דער אַלטער דרייט זיך אַרום איבער דער האַלע און וויינט... אַ דייטש וויינט! קיינער האָט ביז איצט נאָך נישט געזען, ווי אַזוי עס זעט אויס אַ דייטשע טרער.

וואָס אין דעם אַלטנס מוח האָט זיך אָפּגעטון האָט קיינער נישט גע־קענט אַדורכזען. ער איז אַזוי צעקראָכן געוואָרן! די שרעק פאַרן גורל האָט אין אים אויפגעוועקט אַזאַ מין טעמפּן פחד פאַר אַזאַ גרויסן כוח וואָס האָט זיך ערשט איצט דערמאָנט צו קומען מאָנען זיינס, נקמה צו נעמען! און האָפמאַן שרעקט זיך פאַר יענעם געהיימען פינגער. ע ר האָט שוין זיינע ערשטע קלעפּ באַקומען פון אים און מען דאַרף דערגיין אַ טאָלק: וואָס וויל ער? פאַר ווער נעמט ער דאָס נקמה? האָפמאַן האָט נישט געוווסט... קען זיין אַז דאָס האָט זיך דער צאָרניקער גאָט פון ישראל אויפגעכאַפּט פון די אַלטע ביבל־בלעטער אַרויס און ער איז גע־קומען, באַוויזן זיך און אָנגעטראָפן אויף האָפמאַנס הויזגעזינט — שיקט

ער אויף אים זיינע פייערבליצן! א י ם האָט ער געכאַפּט און וועט אים שוין נישט אָפּלאָזן... דאַרף מען בעטן אים, פאַלן אים צו די קני און מחילה בעטן... ניין, אַזוי גלאַט איז עס נישט!

און מיט טעג שפּעטער האָט מען באַמערקט פון אַ נאָענטער האַלע ווי אַזוי האָפמאַן האָט זיך צוגעשאַרט צו די מאַסן־קברים פון די יידן אין וועלדל און דאָרט אַנידערגעקניט, געמאַכט דערביי אַזעלכע ווילד־שגעונ־דיקע העוויות, אַז ביי אַלעמען האָט זיך אָפּגעשטעלט דאָס האַרץ פאַר דערשרעק. ווען דאָס נאַכטיקע וואַלד־בילד האָט זיך איבערגעחזרט עט־לעכע מאָל — האָבן אויך די דייטשע מייסטערס זיך גענומען וועגן דעם דערציילן מיט פאַרשעמטע פּנימער... האָבן זיי אים גענומען צוביסלעך אויסמיידן און אויך האָפמאַן אַליין האָט זיך אַלץ מער און מער גענומען זוכן באַהאַלטענע ווינקלען, ווו ער זאָל זיך מיט קיינעם נישט דאַרפן אָנ־טרעפן. די יונגען פון נאַכט־טראַנספּאָרט האָבן צווישן זיך גענומען חוזקן:

— אַ בעל תשובה נעבעך... אויף דער עלטער איז ער געוואָרן פרום און בעט מחילה... דער אַלטער...

אָבער אויך זיי האָבן זיך געשראָקן פאַר האָפמאַנס מיט טרויער־פאַר־צויגענעם בליק און ווען ער האָט זיך נעבן זיי פאַרבייגעשאַרט צו זיינע באַהאַלטענע ערטער — האָט זיי אַרומגעכאַפּט אַזאַ באַהאַלטענער ציטער, פאַר וועלכן זיי האָבן מורא געהאַט צו געפינען ווערטער. נאָר דער אַלטער מייסטער האָט כסדר אַרויסגעגעבן זיינע באַפעלן וועגן אַר־בעט מיט אַ דרויקן, באַדאַכטן טאָן. עס איז גאָרנישט געווען צו מערקן אין אים. בלויז ווען ער האָט גענומען רעדן וועגן די יידן, וועגן דעם וואָס אין דער מלחמה ווערט אָפּגעטון — האָט זיין קול אויפסניי אָנגענומען אַזאַ פאַרטרערט־מטורפדיקן קלאַנג, וואָס האָט אַרויסגערופן אַ גרויל איי־בערן גאַנצן לייב.

— 5 —

איינמאָל, ווען האָפמאַן איז פאַרקראָכן טיף צווישן די לאַנגע שערענ־געס מיט פּוסטע קאַסטנס פון זיין מאַגאַזין, האָט ער עפּעס דערהערט אַ שטילן גערויש. אין גאַנצן מאַגאַזין איז געלעגן איין באַרג שאָטנס אויפן צווייטן. קיין לעבעדיקן מענטש האָט מען נישט געזען און עס האָט דאָ אויך קיינער נישט געדאַרפט צו זיין. די יידן זענען געווען ווייט פון דער דאָזיקער לייידיקער האַלע און האָפמאַן איז דאָ בלויז פאַרקראָכן בכדי

צו ברומען אַביסל צו די טונקעלע שאָטנס וואָס באַגלייטן אים. צווישן די ריזן־לאַנגע שורות מיט קאַסטנס, ווען די נאַכט נעמט צופאַלן, פילט ער זיך גוט ווייל עס איז אים טרויעריק. דערפאַר האָט ער זיך געזוקט וואָס טיפער און טיפער און עפּעס געמורמלט צו דער דאָזיקער שטילקייט, איבער וועלכער ער איז דאָ באַפעלער... אָבער וויפל האָפמאַן זאָל נישט וועלן קאָנטראָלירן זיינע צעשויבערטע געדאַנקען — דוכט זיך אים אַלץ אַז די קאַסטנס אַרום זענען לגמרי נישט אַזעלכע שטומקייטן ווי ער האָט עס ביז איצט באַטראַכט... ווער ווייסט? אפשר ליגט אין טייל פון זיי באַהאַלטן לעבעדיקע וועזנס, וואָס וואַרטן דאָ נאָר אויף אַזאַ איינזאַם־פאַרקראָכענעם דייטש? און אפשר וואַלגערן זיך דאָ טויטע, וואָס מען האָט דערשאָסן און איצט קען אַזאַ טויבע שטילקייט זיי לעבעדיק מאַכן? וועלן זיי זיך אויף אים אַ וואָרף טאָן, אָנכאַפּן ביים מונדיר, ביים האַלדז און שטיקן?

ער האָט זיך געוואָלט אַרויסשלאָגן פון קאָפּ אַזעלכע צעדרייטע געדאַנקען. דערפאַר האָט ער גענומען שטעלן פעסטערע טריט וואָס האָבן אָפּגעהילכט איבערן מאַגאַזין ווי פויקן־זעץ. זיין פּחד האָט אים געשלעפּט צוריק — דערפאַר איז ער געגאַנגען פאָראויס, כאָטש דער הילצערנער מאַגאַזין האָט זיך פאַרצויגן גאָר ווייט און זיין צווייטער עק האָט זיך פאַרלוירן אין דער וואַלדיקער געדיכטעניש... אָבער וואָס ווייטער ער האָט געשטעלט אַ טריט — אַלץ קלאָרער האָט זיך אים גענומען אויסדוכטן אַז די קאַסטנס זינגען; די לופט זינגט דאָ מיט דערוואָרגענע קולות און דער וואַלד פון דער צווייטער זייט העלפט אונטערברומען... ער האָט אָנגעטאַפּט ממש אין דער לופט אַזאַ דין, אונטערנאָזיק געוויין וואָס האָט אַזוי זינגעוודיק זיך געשלענגט צווישן די קאַסטנס... געצויגן זיך ערגעץ צו די הייכן און דערביי אַזוי שטיל זיך איינגעקנעטן צווישן די ליידיקייטן.

אַ מינוט איז האָפמאַן שטיין געבליבן אַ פאַרגליווערטער אויפן אָרט און נישט געקענט ווייטער גיין. די נאַכטיקע בלויקייט האָט שוין בנעימות גענומען אַראָפּטריפן פון די וייטלעכע ביימער און האָפמאַנען האָט זיך אויסגעוויזן אַז ער שפּרייזט דאָ איצט אויף אַזאַ שוואַרצן, צעפלאָסענעם טעפּיך. עס איז שוין פינצטער געוואָרן אין מאַגאַזין און אים האָט זיך געוואָלט אויסשרייען פאַר שרעק. ער האָט געשפּירט אַז טאָמער שרייט ער נישט אויף — וועט אים פּלאַצן דאָס האַרץ, וועט ער דאָ

בלייבן אַ פֿאַרשטייפֿטער אויף שטענדיק... זיין דייטשער שטאָלץ און דער מונדיר אויף אים האָבן אים נישט געלאָזט אַרויסווייזן קיין פּחדנות. דאָס קול, וואָס האָט שוין איצט אַזוי דייטלעך זיך אָפּגעגעבן, זעט נישט אויס קיין מענטשלעכס. עס קומט אַרויס אַזוי פֿרעמד, אַזוי אונטערערדיק, אַז בלויז באַגראָבענע קענען פֿון זיך אַרויסגעבן אַזעלכע קולות. נאָר עס קען דאָך אויך זיין אַז דאָ אַרום אים קוקן אויף אים באַהאַלטענע אויגן... זיי טאַפּן אויס יעדע באַוועגונג זיינע און ווי נאָר ער וועט צעשרייען זיך ווי אַ נאַריש יינגל — וועט פֿון אַלע זייטן זיך צעדונערן אַ יאָמערדיק געלעכטער׳ און אויך דאָס קול וועט זיך פּלוצים אַ באַווייז טון פֿאַר אים... און אפשר וועלן אַרויסקריכן די אַלע וואַלדיקע באַשעפֿענישן, וואָס ברענען די מענטשלעכע לייבער נישט ווייט פֿון דאַנעט און אָנשטעלן אויף אים זייערע ביקסן... ער האָט שוין לאַנג אַ חשד אַז דאָס מוזן זיין עפּעס אַזעלכע טייוולאָנים, און איצט... איצט שניידט נאָך אַלץ דאָס ברומענדיקע קול די פֿינצטערע לופֿט פֿון מאַגאַזין ווי מיט אָנגעגליטע נאָדלען.

האָט ער זיך אויפֿגעוועקט, האָפּמאַן... ער האָט שנעל אַ צי געטון דעם רעוואָלוועך און אַ משונהדיקן געשריי געטון:

— ווער איז דאָרט!? באַווייזן זיך! איך שיס!!!

זיין האַנט האָט אַליין אַ קוועטש געטון דאָס צינגל און אַ שאָס האָט זיך צעפּייערט איבער האָפּמאַנס אייגענעם קאָפּ. ער האָט זיך דערפֿון נאָך מער געשראָקן און נאָך מער שטיל געוואָרן. דאָס זינגעוודיקע קול האָט זיך שוין אָבער מער נישט געצאָפּלט. אַן אָפּגעהאַקטע לופֿט האָט זיך שטיל פֿאַרבייגעשאָרכט נעבן האָפּמאַנס אויער, ווי זי וואָלט זיך געוואָלט פֿון אים אָוועקגנבענען... האָפּמאַנען האָט זיך געדוכט אַז מיט זיין שאָס האָט ער אַדורכגעלעכערט אַ באַהאַלטן האַרץ, וואָס האָט זיך דאָ פֿאַרקליבן אויסצוזינגען אַזאַ באַהאַלטענעם ניגון — וואָס נאָר דאָ קען ער נאָך געהערט ווערן...

קיין צוריק איז שוין מער נישט מעגלעך... דאָס וואָס געפֿינט זיך איצט אין מאַגאַזין וועט אים שוין נאָכיאָגן, טויט אָדער לעבעדיק. ער טאָר זיך דערצו נישט אויסדרייען מיטן רוקן. ער מוז איצט נאָך גיין פֿאָראויס, מיטן פּנים אַנטקעגן. אויך זיינע געדאַנקען טרייבן אים שוין מיט ווילדער רוגזה: העי, ווער איז עס דאָרט! זיין האַנט קראַמפּט נאָך פֿעסטער דעם רעוואָלוועך און די צווייטע דריקט אויפֿן קנעפּל פֿון זיין שטאַרקן בליץ־לעמפּל... פֿאָראויס! נאָר פֿאָראויס! אַ לאַנגע, ליכטיקע

שלאַנג ציט זיך פון זיין האַנט... זי קריכט, קלעטערט איבער די קאַסטנס, איבער די לעכער, איבער דער ליידיקייט... זי לויפט דאָרט אַהין, גאָר ווייט און דאָך איז זי אַנגעבינדן אין אים, ציט זיך צו זיין האַנט צוריק און ער דריקט נאָך פעסטער דאָס קנעפּל פון זיין עלעקטריש לעמפּל... גישט אָפּלאָזן אויף קיין רגע!

עס איז אים אַפילו לייכטער געוואָרן דערפון, וואָס ער קען דאָ באַ־ווארפן דעם מאַגאַזין מיט ליכט־סנאָפּעס. זיי ליגן ביי אים אין האַנט ווי אַ מעכטיקער שטעקן, מיט וועלכן ער קען שלאָגן, טרייבן און צודריקן די פינצטערניש צו וועלכן ווינקל ער וויל... בלויז זיינע טריט האָבן אים נאָך ווייטער געטראָגן מיט אַ ציטערנדיקער וואַרפעניש צו יענער זייט, פון וואַנעט זיין געהער האָט אויפגענומען דאָס צישענדיקע זינגעניש... יאָ, אָט דאָרט אין אַ זייט געפינען זיך צוויי גרויסע פענצטער. זיי קוקן אַריבער צו אַ זייטיקער האַלע וואָס וואַרפט אַריבער אין מאַגאַזין אַריין ברעקלעך אָפּגעריבן ליכט, ווי אַ נדבה וואָס עס קומט אַן אָרעמען קרוב...

דאָס ליכט פון זיין לעמפּל האָט זיך גענומען ציען אין יענער זייט אַריין. עס האָט אויסגעמיטן די האַרבן מיט קאַסטנס פון אַלע זייטן און זיך צוגעריסן ביז צו דעם ליידיקן שפּאַלט, צווישן דער באַראַק־וואַנט און די קאַסטנס. פלוצים האָט זיך עס אָפּגעשטעלט. אין מיטן דעם מעכטיקן ליכט־אויסציִענישׂ האָט זיך אַרויסגעהויבן אַ לאַנגע, שוואַרץ־שטייענדיקע מאַסע, וואָס איז אַרומגענומען געוואָרן פון דער ליכטיקער ווייסקייט איןביידע זייטן... אַ שוואַרצער הויכער פלעק אין מיטן דער ליכטיקער ראַם... אַ מענטש!

האָפמאַן האָט קוים באַוויזן צו זען ווי דאָס געשטאַלט שטייט אָנגע־בויגן צו די פענצטער, שטייט און טוט זיך בלויז אַלעמאָל אַ שמאָלן, לייכטן שאָקל... דאָס געוואָרפענע ליכט האָט דעם סוד־מענטש אַ שליי־דער געטון און ער האָט זיך אומגעדרייט. איצט האָט שוין האָפמאַן גע־פילט ווי אַ פּאָר גרויסע, שטעכיקע אויגן קוקן אויף אים מיט געשטאָר־בענער שרעק. אַלץ אין יענעם וואַרפט זיך שוין. די הענט זיינע זענען אַזוי ווי צונויפגעלייגט איינע צו דער צווייטער. נאָר עס ליגט דאָך עפּעס צווישן זיי, אַזאַ קליינס און שוואַרצס און ביידע הענט קלאַמערן זיך דעריין פון ביידע זייטן... אַהאַ, איצט האָט דאָס צעוואָקסענע באַשעפע־ניש גאָר מורא! די איבעררשונג האָט עס פּאַראַליזירט... דאַרף עס דאָס אויסנוצן. האָט ער צוריקגעפינען דאָס גלייכגעוויכט, רואיק געוואָרן און

געגומען גיין מיט זיינע אָנגעלאָדענע הענט אויף דער ריזיקער באַשע־פעניש וואָס קוקט אויף אים. פון זיין מויל האָבן זיך געגומען רייסן קו־לות, וואָס זענען צוזאַמענגעמישט געווען פון פחד מיט נישט קלאָר־גע־וואָרענעם טריאומף:

— נישט רירן זיך... שטיין... נישט באַוועגן זיך ביז איך קום צו!

יענער האָט סייווי נישט געהאַט בדעה זיך צו רירן. ער האָט עס אויך נישט געקענט. בלויז זיינע אַרויסגעשטאַרצטע אויגן, פאַרגאָסן מיט ברענענדיקער ליכט, האָבן זיך געריסן צום לויפן, צום אַוועקפליען... ערשט ביים אָנרירן יענעמס געשטאַלט האָט זיך דער מרה־שחורהדיקער האַפמאַן צעלאַכט... אָך, ווי לאַנג האָט ער שוין נישט געלאַכט אַזוי שווי־דערדיק און ווילד? עס איז דאָך גראָד אַ ייד פון זיין גרופּע... אַ ייד! און ער האָט געציטערט, געוואָרפן זיך... עס איז נאָך גוט וואָס קיינער האָט עס נישט געזען...

אָבער דער ייד האָט שוין אויך דערזען ווער עס שטייט פאַר אים. דערפאַר האָט ער צוריק באַקומען זיין לשון. די ציין האָבן ביי אים נאָך געקלאַפּט איינס אינעם צווייטן, אָבער ער האָט שוין געקענט אַרויסברענ־גען פון זיך ווערטער, צעשאָטענע ווערטער:

— הערן מייסטער... איך... אַ פרומער... איך... דאָס אָוונט־געבעט... דאָ איז ליכט פון דעם האַלע־פענצטער...

אַ ווײַלע איז דער אַלטער האַפמאַן געווירט געוואָרן פון דעם יונגס דערשראָקנקייט און פון זיין שטאַמלען. עס איז דאָך אַזאַ אומשולדיקע זאַך! נאָר באַלד האָט זיך אַ צאָרן אַ וואָרף געטון אויף דעם דאָזיקן גע־פיל זיינעם און עס נישט געלאָזט שטאַרקער ווערן. עס האָט אים גאָר פאַרדראָסן וואָס פון זיין גאַנצער שווערער דערוואַרטעניש האָט זיך אַ זוי אויסגעלאָזט. ער איז שוין גרייט געווען צו אַזאַ שרעקלעכס, אַן אומגעאַנטס... ער האָט שוין דאָ געוואָלט זיך אַ ראַנגל טון, אויפנעמען די שרעקלעכקייט וואָס די ברומענדיקע פינצטערניש וועט אים אַנטקעגנ־טראָגן און עס איז אים אפילו באַנגיק־זיס געוואָרן פון דער דאָזיקער דער־וואַרטעניש: ער וועט זיך דאָ אָנטרעפן מיט יענעם כח פון באַהעלטענישן, נאָך וועלכן אַזויפיל מיליאָנען יאָגן זיך איבער טויזנטער יאָרן! ער, דער אַלטער האַפמאַן... איז וואָס, אַז דערנאָך וועט עפּעס פּאַסירן? ער וויל! ער וויל אויפנעמען און איינגענומען ווערן... ער וועט זיך ראַנגלען אָדער ער וועט כאָרכלען אונטער נעגל — נאָר אַן אַנטפּלעקונג וועט עס זיין

וואָס נאָר ער איינער, דער מייסטער פון מרה־שחורה אין ווערק צע ווערט עס וויסן... צום סוף גאָר קערט זיך אַלץ איבער אַזוי אידיאָטיש־נאַריש: אַ יי ד — און שוין! נאַדיר פאַר דער שרעק, פאַרן שאָס, פאַרן געלאָ־דענעם רעוואָלווער, פאַר די ציטערניש־טריט אינעם חושך, פאַרן אָנגע־צונדענעם לאָמפּ — — —

ער האָט דערפאַר יענעם אַראָפּגעלאָזט אַ פּאַטש. ווען יענער האָט זיך גישט גערירט האָט שוין דער גאַנצער איבערגעעלטערטער צאָרן זיך אַ ריס געטון אין אים. ער האָט דעם ריזיקן יונג אַ כאַפּ געטון, גענומען טרייסלען, טרייסלען מיט די אַלטע הענט אין אַלע זייטן. בלויז די אָדערן האָבן זיך אָנגעצויגן אין די הענט, אַ צי געטון אין די עלנבויגנס מיט שלאַנגיקן ווייטיק ביז די אַקסלען... האָט ער זיי אַרונטערגעלאָזט. דער־נאָך האָט ער זיך צוגערוקט נענטער, אָנגעשטעלט אויף יענעם זיינע דינ־באַרעמטע ברילן און שטיל געוואָרן.

— 6 —

דערנאָך איז געשען דאָס פּשוטסטע:

האָפמאַן האָט פּלוצים דערזען אינעם יונגס האַנט דאָס קליינע און שוואַרצע, אין וועלכן דעם יונגס הענט האָבן זיך נאָך אַלץ געקלאַמערט. האָפמאַן איז שוין איצט בלויז נייגעריק געווען: — וואָס האַלטסטו דאָ אין די הענט?

דעם יונג האָט הנאה געטון וואָס דער מייסטער נעמט רעדן, פרעגן... ער איז דערפאַר געוואָרן לעבעדיקער:

— דאָס איז אַ געבעט־בוך... איך בעט דערפון אַרויס צום הימל... אַ ביבל...

האָפמאַן האָט זיך אַראָפּגעבויגן נענטער און מיט זיינע קורצזיכטי־קע אויגן געוואָלט דערזען, ביי וועלכער שטעלע פון דער ביבל אָט דער פאַרוואָרפענער שאָטן האַלט איצט. ביים ערשטן בליק איז ער אָבער צוריק אַריינגעפאַלן אין זיין כעס אַריין. עס האָבן צו אים פון דאָרט גאָר אַרויס־געווינקען אַזעלכע קליין־בייכיקע און געהויקערטע אותיותלעך, וועלכע ער האָט קיינמאָל נישט געקענט... וואָס רעדן זיי דאָרט? וואָס זאָגן זיי? און וואָס נעמט פון דאָרט דער יונג גאָר אַרויס און שיקט אַריבער אין די הימלען דורך אָט דעם פענצטער פון אָפּגעלעגענעם מאַגאַזין?

אין זיינע מחשבות האָט זיך ווידער עפּעס אַ רודער געטון:

— דאָס גאָר! דו האָסט דאָ אַזאַ קליין ביכעלע, וואָס אַן אויג קען קוים אַנזען... און די שריפט איז אַזעלכע וואָס קיינער קען נישט לייע־נען אויסער דיר... דו באַהאַלטסט זיך אויס דערמיט און דאָ נעמסטו אַרויס דערפון אַלערליי קללות, מיט וועלכע דו פאַרשעלסט אונדז אַלע־מען! דו בעטסט אויף אונדזער טויט! מיט אַזעלכע באַהאַלטענע ווערטער קען מען אַראָפּברענגען דאָס אומגליק אויף אונדז אַלעמען... טוסטו דאָס, האַ?

קעגן אַזעלכע רייד איז שוין משה אפטער גאָרנישט מסוגל צו קעמפן. ער הייבט בלויז אָן צו ציען ווערטער פון מויל:

—אָבער הער מייסטער... איך בעט שוין אַזוי פון דעם ערשטן טאָג קריג און די דייטשן האָט עס נישט געשאַדט... זיי זענען געווען געזונט און... און זיי האָבן אַלע יידן... אויך די יידן וואָס האָבן געבעטן ווי איך... אַז איך וויל נאָר געזונט און כח... זעען זי אַליין!

אין האָפמאַנען האָט זיך שוין אָבער צעבערענט די רציחה:

— שווייג! נישט געשאַדט זאָגסטו? און אַז מיין זון איז געפאַלן אויפן פראָנט — האָסטו עס דען נישט אויסגעבעטן? און ד ו האָסט אפשר נישט אויסגעבעטן אַז מיין פרוי זאָל דאָרט פלוצים קראַנק ווערן און שטאַרבן? און די באָמבעס פון די הימלען ווער האָט געלענקט אויף מיין הויז, האַ? דו בעטסט דאָ יעדן טאָג... און יעדן טאָג פאַלן אונדזע־רע סאָלדאַטן, ברענען אונדזערע שטעט... דו ווייסט שוין ווי אַזוי מען מאַכט עס... פון דער שריפט אַרויס באַפעלסטו עס אַרויס... צו דיין גאָט שרייסטו דערפון... נישט אַזוי?

וואָס קען משה אפטער ענטפערן דערויף? זאָל ער אָפּלייקענען פאַר האָפמאַנען דעם כח פון ז יי ן סידורל? זאָל ער פאַרלייקענען גאָטס כח? שווייגט ער... כאָטש ער פילט אַז ער דאַרף דאָ עפּעס זאָגן, אויסגלייכן עפּעס צווישן אים און האָפמאַנען — איידער די דאָאיקע שטילקייט לאָזט זיך אַראָפּ ווי אַ פאַרציק־פויגל איבער זיין לעבן... נאָר די אַלע רייד, וואָס ער וואָלט דאָ געדאַרפט זאָגן, לייגן זיך נישט צו־נויף אויף דער צונג, צעטומלען זיך דאָרט אין מיטן — בעת ער אַליין קען נישט מער ווי איבערחזרן:

— הער מייסטער... וואָס רעדן זי... וואָס רעדן זי... גאָט באַהיט... האָפמאַן אַליין האָט אים אָבער מער נישט געוואָלט אויסהערן. אַ

צווייטער געדאַנק איז אים פֿלוצים באַפֿאַלן. ער האָט בלויז אויסגענוצט דעם יונגס פאַרצווייפלטן טומל און אַ ריס געטון דאָס קליינע סידורל פון זיין האַנט. ווי נאָר ער האָט עס באַקומען, האָט ער עס שנעל אַ שלייַ־דער' געטון צו זיך אין טאַש ווי אַ שטיק בריענדיק פייער. דערנאָך האָט ער אַ שפּרייז געטון עטלעכע טריט פאַראויס און זיך געוווּנדערט, וואָס דער' יונג לאָזט אַזוי לייכט צונעמען ביי זיך אַזאַ מין וויכטיקע זאַך, מיט וועלכן מען קען אַזויפיל געהיימע, יידישע זאַכן אָפּטון... דערנאָך האָט ער' מיטאַמאָל געגומען אַוועקשפּרייזן וואָס שנעלער, גלייך ווי ער וואָלט דאָ אויסגענוצט געציילטע מינוטן צום אַנטלויפן פון אַ דראָענדיקער גע־פאַר...

משה אפּטער איז דערפון געקומען צו זיך און אויפאַמאָל באַגריפן אַז דאָס האָט מען אים צוגענומען דאָס סידורל, זיין סידורל! ער האָט זיך נישט געקענט איינהאַלטן און געפּרוווט נאָכלויפן. זיינע טריט האָבן זיך אָבער געבראָכן הינטער אים פאַר שרעק נאָכצוגיין האַפּמאַנען. האָט ער אים דערפאַר בלויז געגומען נאָכשרייען יאָמערדיק:

— הערן מייסטער... דערבאַרעמען זי זיך... שענקען זי מיר דאָס איינע מאָל... גיבן זי מיר צוריק...

אָבער האַפּמאַן האָט זיך אפילו נישט אומגעקוקט. משה אפּטערס געבעטן האָט אים נאָך מער געטריבן, געשטויסן אים צו לויפן וואָס שנע־לער מיטן דעראָבערטן... ער האָט דאָ זיכער געכאַפּט אַזעלכעס, וואָס ערשט מיט יאָרן שפּעטער וועט מען אַנטדעקן וואָס דאָרט שטעקט. איז ער דערפאַר' וואָס שנעלער אַרויס, אַריבערגעשפּרונגען עטלעכע קאָסטנס און פאַרשוווּנדן אין איינער פון די באַלויכטענע האַלעס.

אין לאַגער האָט משה נישט געקענט באַהערשן זיין דערשראָקנקייט און זיין צער. ער האָט פשוט געבענקט נאָכן סידורל. אָבער חברה האָט אים אויסגערעדט:

— פאַרפאַלן... קיין גרעסער אומגליק זאָל נישט געשען! עס פעלן סידורים אין לאַגער? אַז דו וועסט זוכן — וועסטו געפינען... און דער אַלטער' איז בלויז פאַרנאַרט. ער איז פרום געוואָרן — מיינט ער אַז אַ סידור' וועט אים נאָך מער צוגעבן גלויביקייט. אויף אַ צעדרייטן קען מען קיין קשיות נישט פרעגן. טאָ מאַך זיך בעסער נישט־ווּיסנדיק!

נאָך עטלעכע טעג האָט אויך משה אפּטער אָנגעהויבן פאַרגעסן אין דער גאַנצער געשיכטע. וואָס קען מען טון? וועט ער אַריינגיין צו די באַ־

בעווער חסידים אין באַראַק און זיך באַרגן אַ סידור, ווען אים וועט זיך ווילן... דערויף איז מען דאָך אין ווערק צע! וואָס פּלאַטערט ער טאַקע אַזוי? אויך האָפמאַן האָט אַזויווי פאַרגעסן אין דער גאַנצער געשיכטע. ער איז ווייטער געווען צוגעלאָזט צו זיינע יידן און אפילו משהן האָט ער, ביים זען אים, קיין איין וואָרט מער נישט געזאָגט דערפון. אדרבא, איינ־מאָל האָט ער אים אפילו צוגעברענגט אַ פּעקל מיט ברויט, גוט באַשמירט — פּונקט ווי עס וואָלט קיינמאָל גאָרנישט פאָרגעקומען. האָט טאַקע משה, ווען דער חשק צום סידורל האָט זיך ווידער אין אים צעברענט, געהאַט אויך זיין טרייסט:

— עט, נאַרישקייטן... האָפמאַן וועט גאָרנישט טון דעם סידורל... ער וועט זיך נאָר אָנשפּילן דערמיט אַביסל — דערנאָך וועט ער עס מיר צוריקגעבן... איר וועט זען ווי איך וועל עס האָבן צוריק! איך בין זיכער דערין...

עס זענען אָבער אַוועק לאַנגע וואָכן און משה האָט דאָס קליינע פּערל־סידורל נישט צוריקבאַקומען. ער האָט אפילו גענומען פאַרגעסן, אַז ער האָט נאָך געהאַט אַ האָפענונג דערויף.

## קאַפּיטל איינאונפערציק

— 1 —

ווען אַלע זענען אַרויס אויפן פּלאַץ האָט זיך משה אפטער געשטעלט אין דער ערשטער ריי. ביי יעדער סעלעקציע האָבן זיך אַ סך שוואַכע און איינגעדאַרטע געזוכט צו באַהאַלטן וואָס טיפער אין דער מאַסע. דערפאַר אָבער האָבן זיך אַזעלכע ריזיקע יונגען ווי משה געשטופּט צו שטיין אין פּאָדערן. זיי זענען געווען זיכער אין זיך און מיט זייערע אַקסלען האָבן זיי אויך צוגעדעקט די, וואָס זענען הינטער זיי געשטאַנען. משה האָט אויך מיטגעמאַכט די גאַנצע סעלעקציע מיט אַ לייכט געמיט. וואָס האָט ער מורא? דערביי האָט ער נישט געגלויבט אַז דאָ וועט עפּעס געשען בכלל. מען האָט אָפּגעקליבן מענטשן? זאָל מען קלייבן! עס וועט גאָרנישט זיין דערפון.

ווען אפילו די ערשטע שאָסן זענען געפאַלן און מען האָט אַריבער־

געפירט די אויסגעקליבענע מחנה אויף יענער זייט דראָטן האָט ער זיך אויך נישט אונטערגעגעבן. מיט זיין שכל האָט משה אפטער פאַרשטאַנען אַז דאָ ווענדט זיך אַלץ אין די פּאָר מייסטער מיט שולצען. אַז זיי זאָלן נאָר ווען — איז דער גאַנצער עסק נישט מער ווי אַ שפּיל... און יעדער איינער פון זיי וויל דאָך אָנהאַלטן דעם לאַגער וואָס לענגער. זיי דאַרפן אַרבעטער, יידן וואָס קענען אָפּהאַרעווען אַ טאָג און גאַרנישט באַקומען דערפאַר. ווען זיי אַליין קומען און פאַרהיטן פון אַלדאָס שלעכטס! ווו דען ווען זיי נעמען אַנדערע מענטשן?

ווען דאָס שטיין אין דער ריי איז געוואָרן לויזער און די מענטשן האָבן זיך אפילו גענומען צוזעצן אויף דער ערד — האָט משה אָנגעהויבן אַרומקריכן פון איין באַקאַנטן זיינעם צום צווייטן און דווקאָ געוואָלט אַלעמען טרייסטן. ער האָט זיך אָנגעכאַפּט אין דיקן רעדלמאַנס זאָג, אַז די מייסטערס ווען באַלד קומען און ער האָט אַזש צוגעוווּנקען מיט די אויגן פאַר גרויס געריכטקייט:

—עס מאַכט נישט... דער רוח וועט זיי באַלד אַלעמען אָנטראָגן און זיי ווען ווידער נעמען יאָגן צו דער אַרבעט. אַזעלכע הענט מיט אַזעלכע פּלייצעס ווי אונדזערע ווען זיי נישט אַריינוואַרפן גלאַט אַזוי אין קבר אַריין... ס'איז נישט יענע פריערדיקע צייטן!

עס האָט אויסגעזען אַז רעדלמאַן האָט טאַקע געוווּסט וואָס ער רעדט. אַ פייף האָט פלוצים געשטעלט אַלעמען צוריק אויף די פיס. שול־צע האָט זיך ווידער גענומען איילן, טרייבן און ער האָט באַפוילן זיך ווידער אויסצושטעלן אין רייען. ביים טויער האָט זיך עפּעס שטאַרק גע־נומען רודערן. די פאָדערשטע רייען האָבן באַוויזן צו זען דאָס ערשטע פנים און באַלד האָט זיך גענומען טראָגן אַ פליסטערניש פון ליפּ צו ליפּ:

— די מייסטערס זענען געקומען... די מייסטערס!

אַרום דער ריי האָבן גענומען אויסוואַקסן איין באַקאַנטע פיגור נאָך דער צווייטער. שולצע האָט זיי אָן אַ וואָרט געוויזן די מענטשן פון יענער זייט דראָטן. דאָס האָט געדאַרפט הייסן אַז ער האָט שוין די וויכטיקסטע טייל אַרבעט אָפּגעטון, נאָר טאָמער ווילן זיי נאָך צוענדיקן — ביטע זייער!

דער עולם האָט פלוצים דערזען ראָסטן, העכטן, קרעבסן, קאָראַס־מען, וואַלטערן... די פאַבריק מייסטערס האָבן זיך דאָ געדרייט איבער דעם געפראָפּטן הויף און געזוכט עמעצן מיט די אַרויסגעשטאַרצטע, מיד־

רציחהדיקע אויגן. די אויסגעשטעלטע האָבן געמיינט אַז דאָ גייט יעדער אויסקלייבן פּאַר זיך מענטשן צו דער אַרבעט. בלויז די ווילן לעבן בלייבן. האָט זיך יעדער איינער געצויגן צו זיי, דערמאָנט זיין יחוס:

— הער מייסטער... איך האָב ביי אינען געאַרבעט די גאַנצע צייט...

די דייטשן האָבן זיך אָבער ווייניק צוגעהערט צו די ווענדונגען. פון צייט צו צייט איז נאָר איינער אַריין אין די געדיכטענישן פון די רייען און פון דאָרט אַרויסגעצויגן אַ דערשראָקענעם בחור... דאָס האָט יעדער פון זיי געוואָלט באַווייזן אַז ער העלפט מיט אין דער סעלעקציע. אַלע־מאָל האָט זיך אַן אַנדער מייסטער דערמאָנט אַז ער האָט אַמאָל געזען אַ ייד פוילענצן. מוז ער אים איצט אויסגעפינען! אַזעלכער טאָר דאָ מער נישט שטיין נאָר אַריבערגעשיקט ווערן צו יענער זייט דראָטן! די אַרויס־געזוכטע האָבן זיי געצויגן פון די רייען מיט אַ באַזונדערער הנאה. עס האָט געמעגט זיין דער זעלבער וואָס זיי האָבן געזוכט אָדער נישט — סיי־ווי האָבן זיי עפּעס אָפּגעטון ווען אַלע האָבן געזען — כאָטש דער שולצע האָט זיך געאיילט און געמאַכט אַז זיי זאָלן פאַרשפּעטיקן... אפילו דער אינזשינער שמיק האָט די דאָזיקע הנאה נישט געוואָלט אָפּלאָזן. איז ער אויך געקומען און זיך אַרויסגעצויגן די פּאָר יידן וואָס אים האָט זיך פאַר־וואָלט. די געשרייען פון די פּאָר פאַראייינצלטע מענטשן האָט זיך געטראָגן איבערן גאַנצן הויף. זיי זענען שוין געווען זיכער אין זיך. זיי זענען שוין אַלץ איבערגעקומען צוזאַמען מיט די אַלע וואָס שטייען דאָ. דערפאַר איז די שפּעטע צוגאָב־סעלעקציע איבער זיי געקומען אַזוי איבערראַשנדיק, אַז זיי האָבן נישט געוווּסט וואָס פריער צו טון. עס איז אָבער סיווי גאָר־נישט מעגלעך געווען. מען האָט זיי באַלד אַ שלעפּ געטון פאַראויס און דערנאָך זיי אַ שטויס געטון איבער דער שוועל פון טויער. דאָרט האָבן זיי אַ כאַפּ געטון עטלעכע שוואַרצע הענט און זיי אַוועקגעצויגן צו דער גאַנצער געמשפּטער מחנה וואָס איז געלעגן צעלייגט אויפן גראָז.

— 2 —

אָפּגעטון זייערס — האָבן זיך די מייסטערס געווישט פאַרזיכטיק די הענט מיט בלאַסע טיכלעך, אַזויווי זיי וואָלטן געהאַלטן עפּעס שמוציקס אין די הענט. דערנאָך האָבן זיי אויפסניי גענומען איינטענהן מיט שול־צען. די רייען האָבן באַלד געוווּסט אין וואָס עס גייט: מען דאַרף איבער־

לאָזן אין ווערק צע 150 מענטשן. דאָס אַלץ. מיט די אַנדערע ווייסט קיי־נער נישט וואָס עס וועט זיין. אין דער ערשטער ריי גייען די יידן וואָס אַרבעטן אין האַלע 12. די רעשט וועט מען קלייבן.

די גרופע פון 12טל זענען טאַקע באַלד אַרויסגענומען געוואָרן. מע־כעלע האָט דערקענט עטלעכע חברים זיינע. מיט אַ צייט צוריק האָבן זיי אים געוואָלט אריינדרייען אין יענער האַלע. זיי האָבן געוווסט אַז דאָרט איז אַמזיכערסטן. ער האָט אָבער נישט געוואָלט. עס איז דאָרט צו לייכט געוועז, צו רואיק... איצט זעט ער ווי זיי בלייבן דאָ. אַ נייער שאַנס ווערט זיי געגעבן. אין אַ קורצער צייט אַרום קענען דאָ שוין זיין די רויט־אַרמייער און זיי קענען זיך אַמאָל ראַטעווען. אויך ער האָט איצט גע־קענט זיין צווישן די וואָס אַ באַפעל הייסט זיי איבערלאָזן. גיי ווייס, אַז מען קען אַזוי לייכט פאַרשפילן דאָס לעבן! ער איז זיי אָבער נישט מקנא. ער וואָלט נאָר צוגעגאַנגען צו די פּאָר נאָענטע זיינע און זיי עפּעס אָנגעזאָגט. זיי זענען דאָך זיכערער! דערפאַר אָבער איז אים איצט פריילעכער וואָס די פּאָר גוטע פּנימער וועלן נאָך מאָרגן אין דער צייט און אפשר אין אַ וואָך אַרום אויך אָטעמען מיט פרישער לופט. אָט שטייט דאָך דאָרט יחיאל צינאַמאָן וואָס האָט אים ביינאַכט אונטערגערוקט אַ העמד מיט אַ שטיק ברויט, ווען ער האָט בלויז געהאַט אַ שטיק פּאַפּיר אויף זיך...

די פּאָר ייִנגלעך ווינקען צו אים, ווייזן אים אַז זיי וועלן נאָך טון עפּעס... זוכן אַן עצה פאַר אים... מעכעלע קען אָבער זייערע צייכנס לאַנג נישט זען. די נייע סעלעקציע האָט זיך ווידער אָנגעהויבן. דאָס מאָל איז עס צום ב ל יי ב ן ... אָט שוין איז די צאָל דערגרייכט. בלויז מע־נער. הונדערט מיט פופציק! די מייסטערס דרייען זיך אַרום די אויסגע־קליבענע, זאָגן זיי עפּעס אָן מיט אַ האַרב קול... די איבערגעבליבענע רייען ווערן שיטערער, צעפלאָסענער... מעכעלע שאַרט זיך אַריין טיפער צווישן די געבליבענע. ער וויל זען, ווער עס איז נאָך אַלץ דאָ מיט אים. די פּרויען האָבן זיך שוין צוגעשאַרט נעענטער צו די געבליבענע מענער. קיי־נער שטערט זיי נישט. ווערן זיי נאָך דרייסטער, ווײנענדיקער... זיי טור־ליען זיך צו די נאָענטע, צו באַקאַנטע. איצט זעען זיי אַז זיי האָבן דאָ ווינציקער ווערט. מען דאַרף זיי נישט... דאַרף מען זיי טאַקע נישט? זיי ווילן עס אַרויסלייענען פון די מענערס בליקן, כאָטש יענע קוקן איצט גאָר מיט אַ פאַרפרוירענער קנאה צו יענער זייט, ווו די 150 שטייען... פון

קיין אַנדער זאַך טראַכטן זיי נישט איצט. ל ע ב ן! וואָס נאָך קען מען דאַרפן?

מעכעלע האָט אַליין נישט געוווסט אויב דאָס איז געווען אַ צופאַל אָדער ער האָט עס געזוכט ספּעציעל און ער האָט עס נישט אָדורכגעטראַכט. ער האָט זיך גאָר פּלוצים געפונען נישט ווייט פון פּרעדזשאַן. זי איז געשטאַנען אָנגעלענט אין הענעכס אַקסל און נעבן איר איז געשטאַנען איר געליבטער יאָסל. אירע אויגן זענען געווען רויט, דערשראָקן און דאָך האָט זי נאָך איצט נישט געוווסט וואָס זי האָט צו טון, מיט וועמען זי זאָל זיך לאָזן אין לעצטן וועג אַריין. אירע האָר האָבן זיך געפּלאָנטערט אויף הענעכס קאָפּ, איין האַנט אירע האָט זיך געגליטשט איבער הענעכס האַנט און די צווייטע האָט זי נאָך אַלץ געהאַלטן אין יאָסלס גלאַטע הענטלעך.

מעכעלע האָט זיי נישט געוואָלט שטערן, כאָטש עס האָט זיך אים שטאַרק געוואָלט צוגיין זיך געזעגענען. עס האָט אים געשטערט הענעכס פאַרטראָגענער בליק און יאָסלס פאַרבענקטע צוגעשמידקייט צו דעם פּאָרל. ער האָט שוין געוואָלט זיך אַוועקשאַרן ווייטער, אָבער באַלד איז געשען עפּעס אַזוינס, וואָס האָט אים פאַרשטאַרט אויפן אָרט:

צווישן די הונדערט מיט פופציק אויסגעקליבענע האָבן זיך באַוויזן אַריינצובאַקומען עטלעכע מענטשן פון דער זייט. ווי אַזוי זיי האָבן געקענט אויסנוצן די בהלה — איז שוין געווען זייער סוד. די מייסטערס האָבן אָבער עטלעכע מאָל איבערמושטירט די גרופּקע און זיי האָבן דערזען עטלעכע פּנימער וואָס האָבן זיי געוווּנדערט: ווי אַזוי האָבן זיי געקענט אויסקלייבן די דאָזיקע מענטשן? באַלד האָבן זיי טאַקע גענומען אַרויסציען די פריש־צוגעקומענע. נאָכן איבערציילן אויפסניי די גרופּע האָט זיי צוגעפּעלט איינער צו דער צאָל. די צייט איז געווען קורץ און זיי האָבן שוין אַליין געוואָלט אַ סוף מאַכן צום שפּיל. דער הויכער שמיץ האָט זיך דערפאַר אַ לאָז געטון צו דער צווייטער זייט און באַשלאָסן צו כאַפּן דאָס ערשטע פּנים וואָס אים וועט זיך וואַרפן אין אויג.

ביים אָנהויב פון די רייען האָט צו אים שטום אַרויסגעשריגן אַ קיילעכדיק, גלאַט פּנימל מיט גרויס־אָפענע גרינע אויגן. ער האָט זיך צו אים אַ לאָז געטון און אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט:

— אַרויס!

דאָס יינגל האָט פאַר איבערראַשונג אַרויסגעלאָזט דעם מיידלש

האַנט אין וועלכער ער האָט זיך געקלאַמערט. הענעך און פּרעדזשאַ האָבן זיך אויך אויפגעכאַפּט. יאַסל האָט עטלעכע סעקונדן נישט געוווּסט וואָס צו טון: אַרויסגיין? איבערבלייבן? זיינע אויגן האָבן געזוכט אין פּרעדזשעס בליק אַן ענטפער. ער האָט זיך געוואָלט איינקלאַמערן אין איר, נישט אָפּטרעטן... אָבער די ריי פון די 149 אויסגעקליבענע האָט גערופן, געלאָקט... איבער זיי האָט נאָך געשוועבט אַ גאַנץ לעבן און ביי זיי פריי־לעך געמאַכט די קעפּ — און ער איז נאָך אַזוי יונג... 23 יאָר סך הכל... און דערצו טרייבט שמיץ אַזוי, לאָזט נישט דעם אָטעם כאַפּן...

פּרעדזשאַ איז אין איין סעקונדע אַזוי וואַך געוואָרן, אַז זי האָט באַלד פאַרשטאַנען אין וואָס דאָ גייט. זי האָט געוואָלט צוהאַלטן נאָך שטאַרקער דאָס ייִנגל מיט וועלכן זי האָט זיך צוזאַמענגעהעפט די גאַנצע צייט. ווי אַזוי וועט זי לעבן אָן אים? ווי אַזוי וועט זי אויסהאַלטן די פּאָר שעה ביז...?

האָט זי אַ כאַפּ געטון יאַסלען ביי דער האַנט, אַ ריס געטון... אָבער ער האָט זיך שוין אין די פּאָר סעקונדן פאַרלוירן. איר האַנט האָט זיך פאַרלייגט איבער אים ווי אַ זיסער טויט, וואָס לאָזט נישט אַנטרינען — און פאַר אים האָט זיך איצט אויף געציילטע מינוטן צעעפנט אַ טיר... ער דאַרף נאָר נאָכגעבן אַ סעקונדע — און שוין קייקלט ער זיך צוזאַמען מיט איר אין דער אומבאַקאַנטקייט אַריין... עס איז זיך שווער אָפּצוטיילן פון איר קלאַמער, נאָר ער מוז; אָט באַלד מוז ער עס טון! האָט ער דער־פאַר אַוועקגעדרייט פאַרשעמט דעם קאָפּ, ער זאָל איר אין די אויגן נישט קוקן און אַ ריס געטון די האַנט, אַ צי געטון זיך פאַראויס... ערשט פון די פּאָר טריט ווייטער האָט ער שנעל אַ צי געטון פון זיך אַ פּאָר ווער־טער:

— זיי געזונט... פּרעדזשאַ!

זיין קערפּער האָט זיך איינגעבויגן ווי פאַר אַ נידעריק, ענג טירל און מיט עטלעכע געציילטע שפּרינג האָט ער זיך אַריינגעוואָרפן אין דער צווייטער גרופּע. עס האָט אויסגעזען אַז דאָס ייִנגל איז אַריינגעשפּרונ־גען אין אַ תהום אַריין... פּרעדזשאַ איז געבליבן שטיין גלייך. איר פּנים האָט זיך אָנגעגאָסן מיט בייזער, האַרטער שטרענגקייט. די אויגן האָבן נאָך געפּרוווט זוכן אַרום זיך, ווייטער פון זיך... זיי זענען נאָכגעלאָפן דעם ייִנגל, געוואָלט זיך אָנהענגען אין אים, שטערן אים... באַלד זענען זיי איבערגעלאָפן מיט פייכטקייט און זי האָט מער גאָרנישט געזען. זי

האָט אים קיין איין וואָרט נישט נאָכגעשריגן און קיין טאָן פון זיך נישט אַרויסגעבריגנט. אין דער מינוט האָט זיך מעכעלען געוואָלט פאַרגעסן אַלצדינג וועגן איר; ער זאָל קענען צוגיין און איר אויסשטרעקן אַ האַנט, זי זאָל זיך נישט אַ וואַקל טון... נישט אומפאַלן. באַלד האָט ער אָבער באַמערקט אַ צווייט בילד:

נעבן איר איז געשטאַנען הענעך. ער האָט זיך איצט אויסגעגלייכט אין דער גאַנצער לענג זיינער. דאָס פּנים איז ביי אים געוואָרן אַזוי רואיק, ווי קיינמאָל נישט — זינט ער איז געווען אין ווערק צע... די אויגן זיינע האָבן איצט געגלאַנצט שפּאָטיש און מיט צופרידענעם טריאומף. ער האָט נאָכגעקוקט דעם אַנטלויפנדיקן יאָסל מיט חוזק און מיט אַ דאַנקבאַרקייט, וואָס האָט בגוואַלד פון אים אַרויסגעשריגן... ווען יאָסל האָט שוין אונטערגעטויכט צווישן די 150 מאַן האָט הענעך זיך אויסגעדרייט, מילד אַרויפגעלייגט זיין האַנט איבער פרעדזשעס האָר און זיי שוואַך־שוואַך געגלעט מיט נקמהדיקער טרייסט...

פרעדזשע האָט זיך אויפסניי אויסגעדרייט, אַ ציטער געטון. זי האָט זיך אָנגעטראָפן מיט הענעכס נייעם בליק און זיך געפּרווט צוריקציען. זי האָט אָבער מער נישט געקענט. עפּעס אַ ווייטע נאָענטקייט האָט איצט צו איר גערעדט, זי גערופן און געשראָקן, געשלאָגן און געגלעט... זי איז אונטער דעם בליק שטאַר געוואָרן און מאַכטלאָז. דערפאַר אָבער האָט זי אויפאַמאָל דערזען אַז זי איז טאַקע נישט פאַרלאָזט. זי האָט דערפאַר אַ צעשפּרייט געטון די הענט, געוואָלט זיך אַוועקלאָזן ווייטער, אויסשטרעקן זיי מיטן לעצטן גרוס צום באַהאַלטענעם יאָסל. די הענט אירע האָבן אָבער מער נישט געוואָלט פאָלגן אירע אייגענע געדאַנקען. זיי האָבן זיך אַ טרייסל געטון, צוגערוקט זיך נענטער צו הענעכן און אים אַרומגענומען פון ביידע זייטן האַלדז. אויך הענעך איז שוואַך געוואָרן, וואַקלדיק... האָבן זיי זיך ביידע, ווי צוויי פאַרמאַטערטע קינדער אַראָפּגעזעצט אויף דער ערד מיט אַרומגענומענע אָרעמס.

פון ווייטנס האָט די זון זיך אַראָפּגעלאָזט, געקראָכן צווישן די ביימער־שטאַמען ווי אַ פאַרבלוטיקטע חיה. די נאַכט האָט זיך גענומען אַרויסרוקן פון הינטער אירע שאָטנס און די ערשטע לאָמפּן איבערן טויער האָבן זיך צעצונדן. מעכעלע האָט איצט קיינעם נישט געוואָלט דאָ שטערן און זיך אַריינגעשאַרט צווישן עטלעכע אומבאַקאַנטע פון דער ריי.

— 3 —

עס איז נישט מעגלעך, אַז עס זאָל פון ערגעץ נישט קומען די הילף! אַזויפיל זענען אין דעם זיכער געווען, אַז זיי האָבן געהאַלטן אין איין קוקן צו יענער זייט טויער — דורך וועלכן עס ציט זיך אַוועק דער שליאך ביז צו דער פאַבריק. באַלד האָט טאַקע עמעצער אָנגעזאָגט אַז אַ גע־שטאַלט באַוועגט זיך דאָרט און איילט ווי אַ ווינט צום לאַגער... איז עס נישט קיין אָנזאָגער פון אַ נייער בשורה? טראָגט ער נישט קיין רעטונג אונטער זיינע פליגל? קיינער גיט שוין מער קיין אַכטונג נישט אויף די רייען. מיט זיי האָט מען שוין אָפגעטון אַלץ וואָס מען האָט באַדאַרפט. איצט איז שוין איבעריק יעדן בליק וואָס מען שענקט זיי. האָבן זיי טאַקע געמעגט צוקוקן ווי דאָס מונדירטע געשטאַלט שטורעמט שנעל אַריין אין טויער און נעמט זיך דערנעענטערן צו די רייען...

— ד״ר האָפמאַן!

צענדליקער מיילער האָבן דעם נאָמען אַרויסגעשאָסן פון זיך מיט פריש־דערוועקטער האָפענונג. דער גוטער אַלטיטשקער איז נישט אומזיסט אַהער אַזוי געלאָפן! זעט נאָר, זעט, ווי ער ווישט זיך דעם שווייס פון שטערן... ווי ער קייכט פון לויפנדיקער אָנשטרענגונג! מסתמא האָט ער זיך שפעט דערוווסט פון דער גאַנצער געשיכטע און איצט איז ער גע־קומען אָפדינגען; צו פאַרמיידן אַ ניי, גרויס פאַרברעכן וואָס זיינע קאָ־לעגן גייען דאָ אָפטון... אָט זאָל ער נאָר אָפכאַפּן דעם אָטעם — וועט ער זיך צעדונערן, שרייען און שעלטן, אָנידערקניען און בעטן... ער וועט זי־כער נישט דערלאָזן צו אַזאַ מין שחיטה! באַלד וועט ער זיך לאָזן צווישן די רייען און אַרויסציען וואָס מער מענטשן, אַוועקפירן זיי צו זיך און נישט לאָזן זיי קרומען קיין האָר... נאָך וואָס דען אַנדערש איז האָפמאַן דאָ געקומען צו לויפן?

האָפמאַן האָט זיך אָבער שנעל אָפגעקילט און גענומען זיך דרייען איבער די צעפאַרענע גרופן. פון אַלע זייטן האָבן זיך אַרויסגערוקט טראַנספּאָרטלער, געוואָלט זיך אוורייסן צו זיין בליק און ציען אויף זיך זיין אויפמערקזאַמקייט. דערפאַר האָבן זיי באַהערשט די נערוון און זיך גענו־מען מיט אים באַגריסן:

— גוט מאָלצייט, הער מייסטער!

— שוין צייט צו דער אַרבעט צו גיין, הער מייסטער!

— מען דאַרף היינט אָנלאָדן אַ גאַנצן טראַנספּאָרט...

האָפמאַן האָט זיך אָבער אויף זיי נישט אומגעקוקט, נישט געזען זיי. דער באַברילטער בליק זיינער האָט דאָ געזוכט צווישן די רייען אַ גאָר וויכטיקע זאַך. ער האָט דאָס אין די ערשטע מינוטן נישט געפונען און דערפאַר האָט ער גענומען ווערן נערוועזער און ער איז געלאָפן ענערגיש פון איין קופּקע צו דער צווייטער. ער האָט אַזש געברומט צו זיך אויפן קול פון פאַרדרוס:

— ווו איז ער, צום טייוול!? איך מוז אים געפינען!

פּלוצים האָט ער זיך אָפּגעשטעלט נעבן די טראַנספּאָרטלער זיינע, געוואָרט אַ מינוט שטילערהייט, אַזויווי ער וואָלט זיך נאָך מיישב געווען וואָס צו טון. זיינע אויגן האָבן זיך אָבער שוין געפרייט באַצייטנס און פאַרראַטן דאָס גליקלעכע געפיל וואָס האָפמאַן לעבט איצט איבער. ער האָט זיך לאַנג נישט געקענט באַהערשן, שטייענדיק אַזוי נאָענט פון דעם אַזוי־דערוואָרטן פאַרגעניגן זיינעם. ער האָט זיך דערפאַר שטיל צוגעשלייכט און אָנגעכאַפּט משה אַפּטערן פאַר דער האַנט:

— אַט ביזטו!... ווילסטו צוריק דיין געבעט־בוך?

משה אַפּטער האָט אין דער מינוט קוים געדענקט אין דעם סידורל, וואָס האָפמאַן האָט ביי אים געהאַט צוגענומען. ער האָט דערפאַר בלויז געקוקט מיט שטאַרן חשד אויף האָפמאַנס ווילד־צעשמייכלטע אויגן און נישט געוווסט וואָס פריער צו זאָגן. ביי האָפמאַנען האָט זיך אָבער די אומגעדולד צעשפּילט מיט דער גאַנצער שאַרף. ער האָט שוין מער נישט געוואָרט אויף דעם יונגס ענטפער. זיינע הענט האָבן זיך אָנגעכאַפּט אין משהס אַקסלען און געשליידערט זיך ווי אין קראַמפּן:

— קום!!!

משה אַפּטער האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס דער אַלטער מייסטער וויל פון אים. ער האָט זיך נאָר אַרויסגערוקט אַ פּאָר טריט מחמת טויבער געהאָרכזאַמקייט. קיינער האָט זיך אויך נישט געקענט פאָרשטעלן וואָס האָפמאַן קען דאָ איצט וועלן פון משהן. מסתמא דאַרף ער ביי אים נאָר אָפּנעמען אַ פאַבריקס־זאַך אָדער וואָס אַנדערש? אפשר איז ער אים חושד אין אַ גנבה? אויף דייטשן קען מען זיך אַלץ פאָרשטעלן. אויך די אַנדערע פּאָר מייסטערס האָט עס אינטריגירט: וואָס קען דער אַלטער עובר־ובטלדיקער, פרומער מייסטער פאַרלאַנגען פון אַ ייד אין דער דאָזיקער ריי? הע־הע, זעט נאָר ווי דער אַלטער קען זיך נאָך צעקאָכן, ביילן די

פויסטן און שלעפּן דעם ייד מיט אַזאַ מין צאָרן! אינטערעסאַנט...

האָפּמאַן האָט אָבער איצט קיינעם נישט געזען. ער האָט נאָר אַרויס־געצויגן דעם רעוואָלווער און אַ באַפעל געגעבן משה אפּטערן:

— מאַרש פאָראויס!

דער הויכער, ריזיקער יונג האָט גענומען שפּרייזן... האָפּמאַן האָט אים אָנגעוויזן צום טויער און ער האָט געפאָלגט. דערנאָך האָט ער אים אָנגעוויזן אין דער ריכטונג פון יענע אויסגעקליבענע און דער יונג האָט זיך פּלוצים אויפגעטרייסלט. ער האָט גענומען הויך וויינען, בעטן ביי האָפּמאַנען דערבאַרעמונג... נאָר האָפּמאַן איז איצט געווען פאַרטראָגן אין אַ רעליגיעזער עבודה, אין אַ פרום־דערשראָקענער משוגעת. זיין גאַנצע מחנה גייט איצט אויסקוילען דאָ טויזנטער מענטשן. ער מוז אויך צו־העלפן און ער וועט צוהעלפן. אַנדערש קען נישט זיין. אָבער דאָ איז פאַר־ראַן איינער צווישן זיי וואָס האָט אַ געבעט־ביכל... ער ווייסט ווי אַזוי זיך אָוועקצושטעלן און אַרויפצושיקן צו די הימלען זיין שטילן געשריי — — —

וואָס גייט אים איצט אָן וואָס דער דאָזיקער יונג רייסט זיך, שטעלט אָן אויף אים אַזעלכע אָנגעגאָסענע אויגן? וואָס בעט ער ביי אים? וואָס וויל ער? ער וועט טאָקע נישט שטיל ווערן? האָ? ער וויל טאָקע נישט גיין? אָט וועט ער אים איינשטילן!

צוויי רעוואָלווער שאָסן האָבן מיטאַמאָל דערהרגעט דעם איינציקן גוטן דייטש וואָס האָט געלעבט אין די הערצער פון אַזויפיל ווערק צעגי־קעס. מער האָט זיך האָפּמאַן נישט אַריינגעוויזן.

— 4 —

עס האָט זיך אָנגעהויבן דער מאַרש אין דער נאַכט אַריין. די מענטשן וואָס זענען געבליבן אין לאַגער־הויף האָבן עס געמוזט צוזען אָן איין פּיפּס. פון דער אַנדערער זייט דראָטן האָט מען די מחנה פון דרייצן הונ־דערט מענטשן אויפגעשטעלט, געשלאָגן איבער די קעפּ און זיי צוגעגרייט אין וועג אַריין. קיינער האָט זיך נישט געוואָלט צוגלייבן אַז די דאָזיקע מענטשן, וואָס זענען ערשט מיט איבער אַ שעה צוריק געשטאַנען צוזאַ־מען מיט אַלעמען אין דער ריי, ווערן איצט געפירט צום טויט. די פּרויען פון דאָרט האָבן עס אָבער פאָרגעפילט און אָנגעזאָגט עס אַלעמען מיט

זייערע פאַרצווייפלטע געשרייען. ערשט איצט האָט זיך די מחנה צעיאָכ־מערט, דערווידערט מיטן איינקראַמפן זיך אין די נאָענטעביימער, אי־נעם אָרט ווו זיי שטייען. די שיסעריי אין דער לופט האָט זיי אָבער אינסטינקטיוו אַ ריס געטון פון אָרט און געשטויסן פאָראויס...

פערציק מעטער פון זיי איז געשטאַנען אַ צווייטע מחנה און צוגע־קוקט מיט פאַרשטייפטע האָר און אַ שטום מויל צו דעם אַנטקעגנאיבער־דיקן מאַרש אין אומקום אַריין. בלויז דער חניפהדיקער געדאַנק האָט גע־וואָלט אַלץ באַהאַלטן ביז דער לעצטער מינוט און ער האָט באַמיט זיך איינצורעדן דעם פריש־געקומענעם שוידער:

—עס איז גאָרנישט... מען פירט זיי נאָר צו די עוואַקוצאַיע־וואַ־גאָנעס...

יעדער איינער האָט זיך אַליין געוואָלט אָפּנאַרן און דערביי האָט מען געוווסט אַז מען טאָר זיך אַליין אין אַזעלכע מינוטן נישט גלויבן... איבער די איינגעפּינצטערטע ביימער האָבן זיך גענומען אויפצאַפּלען מיט קליינע פלאַקערלעך אַלערליי ביקס־פייערלעך וואָס האָבן אָנגעזאָגט דעם סוף. זעט אויס אַז עס איז שווער געווען צו פירן די אויסגעקליבענע ביז צום וויטן שיס־אָרט.

אין לאַגער איז אַראָפּגעפאַלן אַזאַ הפקרות וואָס קיינער האָט מער נישט געקענט צוימען. מענטשן זענען אַרויסגעפאַלן אויף זיך, געקושט זיך און געוויינט. פרויען זענען געלאָפן ווי משוגענע פון איינעם צום צווייטן, געזוכט שוץ און אויסלעבונג... די לעצטע מינוטן פון לעבן!... אַ פאַרטויבנדיקער געשריי פון ווי וויט האָט זיך אַראָפּגעזעצט אויף די מוחות, ווילד געמאַכט און אָנגעזאָגט אַז מער האָט מען דאָ אויף קיין רחמנות נישט צו וואַרטן. די מייסטער האָבן זיך אַרויסגעכאַפּט פון לאַ־גער. די שוואַרצע וואַכלייט האָבן זיך מיטגעצויגן מיט די רייען וואָס זע־נען געפירט געוואָרן אין וועלדל צום דערשיסן. קיינער איז מער נישט גע בליבן אין לאַגער אויסער דער יידישער פּאָליציי, אפילו שולצע איז נעלם געוואָרן. עס האָט אויסגעזען אַז דאָ האָט מען נאָך איבערגעלאָזט פאַר די געבליבענע יידן אַ פּאָר ביינאַכטיקע שעה און זאָלן זיי מיט די לעצטע מינוטן לעבן טון וואָס זיי ווילן נאָר אַליין... עס איז אפילו אינ־טערעסאַנט צוצוזען ווי אַזוי זיי פירן זיך אויף אין די לעצטע מינוטן זייע־רע... זעלטן ווען עס איז פאַראַן אַזאַ מעגלעכקייט צו אָבסערווירן ווי אַזוי

העכער צוויי טויזנט פֿאַרמשפּעטע גיבן פֿון זיך אַרויס די לעצטע געשרייען, די לעצטע תאוות און די לעצטע פֿריידן...

אַרום אַלע דראָטן זענען אויסגעוואַקסן באַוואָפֿנטע זעלנער וואָס האָבן נישט געלאָזט קיין פּאָר מעטער פֿריי פֿון יענער זייט. איצט האָבן דאָרט געשימערט די בלויע מונדירן פֿון דער לופֿטוואַפֿע צוזאַמען מיט די שוואַרצע קליידער פֿון די פֿאָלקס־דייטשן — און די גרינע, פֿון דער ווערקשוץ און עס־עס... קיינער פֿון זיי איז אָבער אינעווייניק נישט אַריינגעקומען. זיי האָבן זיך נאָר צוגעקוקט נייגעריק דורך די דראָטן וואָס אינעווייניק קומט פֿאָר. פֿאַר די מענטשן פֿון הויף איז דאָס נאָך געווען מוראדיקער ווי פֿריער. אין אַזעלכע מינוטן איז גוט צו שטיין איינגעפּרעסט אין אַ ריי, אונטער ביקס און דיסציפּלין. עמעץ גיט שוין די באַפֿעלן וואָס צו טון און די אימה גלייכט אַליין אויס דעם גוף, האַלט שטייף די רייען און מען מוז דערפֿאַר שטיין אויפֿן אָרט. מען קען נאָר טראַכטן איבער די אָפּגעריסענע ברעקלעך רייד פֿון דער באַפֿעלערישער זייט און יענע דעצידירן שוין אַליין, נישט בלויז איבערן גורל — נאָר אויך איבער דעם וואָס עס דאַרף מיט יעדן איינעם געשען איטלעכע מינוט און רגע... מען איז שוין איינגעפּרעסט אין אַ פֿאַרטיקער פֿאָרם און דאָס איז גענוג!

איצט אָבער האָט מען פֿריי... מען קען לויפֿן, גיין, רעדן, באַהאַלטן זיך און שרייען... קיינער ווייסט אָבער נישט וואָס ער האָט צו טון און וואָס ער זאָל טון... און דאָס ווענדעט זיך דאָך אין אים! ער האָט דאָן פֿרייע הענט, פֿרייע טריט און דער געדאַנק איז אויך נישט געפּענטעט... טאָ וואָסזשע טוט מען פֿאַרט מיט די דאָזיקע געשענקטע מינוטן?

אַ מעכטיקער שטראָם מענטשן לויפֿט גערייצט אין דער ריכטונג פֿון די יידישער קאָמענדאַנטור. אַ צווייטער שטראָם ציט שוין פֿון דאָרט אין אַ צווייטער ריכטונג, צום שפּיטאָל צו... ביידע שטראָמען שטויסן זיך אָן איינס אָנעם צווייטן, רייסן זיך איבער און פֿאַרפּלאָנטערן זיך. צווישן ביידע שטויסן זיך אַריין אָפּגעריסענע הייפֿלעך מענטשן, וואָס ווייסן נישט מיט וועמען זיך דאָ לאָזן מיטשלעפּן. מיידלעך לויפֿן מיט צעשויבערטע האָר פֿון אָרט צו אָרט, פֿון באַראַק צו באַראַק... זיי שרייען, בעטן זיך אין דער לופֿט ביי עמעצן און פֿאַלן ווייטער אַריין אין די צעשמעטערטע שטיקער טומל. ערגעצוואו צינדט אָן אַ האַנט דאָס עלעקטרישע ליכט אין אַ באַראַק. צענדליקער קולות נעמען אַריבערשרייען אַהינצו מיט

אַזאַ מין ירגזון, אַזויווי יענער וואָלט דאָ אַנגעצונדן דערמיט אַלעמענס האַפענונגען און זיי פאַרברענט. לעשט זיך דאָרט באַלד צוריק אויס דאָס לעמפל און דער לאַגער פאַרזינקט ווידער אין שטאָק־פינצטערניש... לויפן ווידעו׳ די שאָטנדיקע חיילות פון אָרט צו אָרט און ווייסן נישט וואָס צו טון פון פאַרצווייפלונג:

— מען האָט געגעבן עטלעכע שעהען אין דער האַנט אַריין און קיי־נעו׳ קען באַין אופן נישט וויסן קיין פלאַן וואָס מיט זיי צו טון... און עפּעס דאַרף מען דאָך טון! מען מוז דאָך!

נאָר דער הימל פלאַקערט אַלעמאָל אויף מיט רויט־בלייכע קאָלירן פון די שאָסן. עס זעט אויס אַזויווי מען וואָלט דאָ געשאָסן אין דער הויך און דאָס בלוטיקן די הייכענישן און נישט די אַדורכגעשאָסענע לייבער פון וועלדל... מעכעלע וויל זיך צושלאָגן צו זיין באַראַק, אָבער עס איז דאָרט פּוסט... אַלע איינוווינער שטעקן שוין איצט אין אַלגעמיינעם גע־ווירבל. ער לויפט צו פרידלאַנדן אין באַראַק — נאָר אויך דאָרט שטייען די טירן אויפגעריסן און קיין לעבעדיקע נפש איז דאָרטן נישט פאַראַנען. אַלץ טאַנצט איצט אויס אין דער לויפעניש דעם גרויסן טאַנץ פון יאוש. איינער דערקענט נישט דעם צווייטן אין דער פינצטער. פרויען רופן מיט משוגע־געוואָרענע שטימען די נעמען פון זייערע געליבטע. מענער־קולות רופן זיך איבער אין דער פינצטערניש, ווילן זיך אָפּזוכן און קענען זיך נישט געפינען, כאָטש זיי זענען אַזוי נאָענט פון זיך. יעדער איינער שפרייזט פאָראויס און קלאַפּט זיך אָן אין אַ צווייטנס אברים, אין אַ פּנים און געשרייען פון ווייטיק דערשטיקן די אַנדערע געשרייען פון דו־פעניש...

עס דוכט זיך אַז באַלד וועלן זיך אַלע נעמען איינבייסן איינער ביים צווייטן די העלדזער פון כעס, פון פאַרבלאָנדזשעניש און דערפון וואָס עפּעס אַנדערש איז סייווי נישט געבליבן צו טון, כאָטש מען דאַרף טון אַלצדינג און מען ווייסט נישט וואָס פריער... בלויז די, וואָס האָבן זיך באַצייטנס אַריינגעטון אין אַ ווינקל, קושן זיך און געזעגענען זיך הויך אויפן קול. קיינער זעט נישט ווער עס איז דאָרט און עס אינטערעסירט אויך קיינעם נישט. מעכעלע פילט נאָר ווי עטלעכע הענט ציען אים אַריין אין אַזאַ קרייזל. ער דערקענט איצט קיינעם נישט פון די מענטשן נאָר טאָפּטשעט צוזאַמען מיט זיי אויף איין אָרט אין דער פינצטער... אַ בייז קול צווישן זיי שרייט אויס מיט געוויין:

— זייט געזונט, יידן!

און אַ גאַנצער כאָר שרייט אים נאָך, מיט דאַנקבאַרקייט וואָס ער האָט געפונען ווערטער פאַר זייערטוועגן:

— זייט געזונט, יידן!

מען שרייט עס צו זיך, צום דאַנעבנדיקן שכן וואָס מ'דערקענט נישט, צו אַלעמען... נאָר דאָס ערשטע קול איז שוין הייזעריק און וויל נאָך אַלץ נישט אָפּלאָזן:

— אַ שריפה אויף די באַנדיטנס קעפּ!

און די גאַנצע טונקעלע וואַנט שרייט מיט:

— אַ שריפה אויף די באַנדיטנס קעפּ!

— ימח שמם!

— ימח שמם!

עס איז אפילו פרייליכער געוואָרן פון דעם אויסלאָדן פריי פון זיך אַלע געפּענטעטע קללות און האַסן. מען האָט אויפּאַמאָל געפונען דאָס וויכטיקסטע צו טון, נאָך דעם ווי מען האָט עס אַזוי לאַנג אַרומגעזוכט. די ערשטע אויסגעשרייען האָבן בלויז אויסגעניכטערט אַביסל און מען האָט אַראָפּגעלאָזט דעם טאָן אַלץ שטילער ביז צו אַ האַלב־פאַרלאָשענעם פּרעפּל:

— אַז אויף זייערע קעפּ זאָל עס נאָר פאַלן!

— אונטערצינדן זאָל עס זיי נאָך היינטיקע נאַכט!

מעכעלע האָט זיך פּלוצים געכאַפּט אַז דאָס שרייט ער אַריבער אַלע־מען...

## קאַפּיטל צוויי און צוואַנציק

— 1 —

פון דער זייט, ווו דאָס וועלדל רינגלט אַרום דעם קאָמענדאַנטן־באַראַק, האָבן זיך באַוויזן עטלעכע געשטאַלטן וואָס האָבן זיך געלאָזט גיין אויף דער צעפלאָשעטער מאַסע. באַלד האָבן אַלע דערקענט דעם ווייסן מאַנטל פון דער קאָמענדאַנטין, פּעלאַן... זי איז געגאַנגען אָנגע־לענט אין איר שוואָגער, ווייזנבערגן און אַרום איר האָבן זיך געהאַלטן

אַ גאַנצע מחנה פון חשובע פּאַליציאַנטן און קאָמענדאַנטלעך. זי האָט גאָרנישט פאַרלוירן פון איר שטאָלצער האַלטונג, אַזוי ווי עס וואָלט דאָ היינט גאָרנישט פאָרגעקומען. זי האָט געשפּרייזט רואיק, אומגעקוקט זיך אין אַלע זייטן און געלויכטן פאָראויס פאַר זיך, מיט אַ דין לעמפּעלע וואָס האָט געוואָרפן אַרום זיך אַ שפּילקעדיק פאַסקעלע ליכט.

ערשט ווען זי איז געקומען נענטער צו דער געדיכטעניש פון די מענטשן האָט זי אַ געשריי געטון:

— וואָס איז דאָ פאַר אַ פאַרצווייפלונג?!

אַלע האָבן אויף אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט דעם אָטעם. פעלא איז שוין געוואָרן ווייכער, איר שטים האָט גענומען גלעטן אין דער שטיל:

— פּאַנאָוויע... עס איז נאָך גאָרנישט פאַרלוירן... מיר קענען זיך אַלע ראַטעווען... מען דאַרף נאָר האָבן געלט... אַ סך געלט... און וואָס שנעלער!

הונדערטער אויערן האָבן זיך אויפגעשטעלט, וואַך געוואָרן... אָבער פעלא האָט אָפּגעהאַקט אין דער שטיל:

— מען טאָר קיין סך נישט רעדן — אָבער מיר האָבן צייט אַ האַל־בע שעה! אָנשטאָט איר זאָלט דאָ אַרומלויפן ווי פאַרסמטע — טראָגט זיך אַריין אין די באַראַקן און יעדער איינער דאַרף אַרויסנעמען וואָס ער פאַרמאָגט... מען וועט באַלד אַרומגיין צונויפנעמען, איידער די מלאכי חבלה קומען אָן. איך שיק אַרויס אַ גאַנצע גרופּע זאַמלען דאָס געלט און ווערטזאַכן... פאַר אַ באַשטימטער סומע געלט — ווערן מיר נאָך היינט באַפרייט... איך שווער אייך! אָבער דאָס מוז שוין געשען...

קיינער האָט נישט געקענט וויסן, ווי אַזוי מען קען זיך דאָ ראַטע־ווען? און וועמען וועט מען עס דאָ ראַטעווען מיטן געבן געלט? וועלן בלויז געניסן די, וואָס וועלן צושטייער געבן אַ באַשטימטע סומע אָדער מען וועט באַצאָלן פאַר אַלעמען? עס איז נישט מעגלעך געווען זי צו פרעגן. אָפּגעזאָגט אירס האָט פעלא זיך געלאָזט ווייטער שפּרייזן מיט אויסגעמאָסטענע טריט, אַזוי ווי די גאַנצע זיכערקייט וואָלט געלעגן ביי איר אין טאַש. דאָס האָט געהאַט די געהעריקע ווירקונג. זי האָט אפילו צופרידן אַ שמייכל געטון, ווען הינטער איר האָט אויפגעוואַכט אַ נייער טומל אין וועלכן עס האָט זיך אויך אַדורכגעפלאָכטן אַ האָפערדיק קול:

— וואָסזשע שטייט מען, יידן?! זאָל מען עפּעס טון... זאָל מען...

זי האָט געשפּרייזט ווייטער און אומעטום, ביי יעדער געזעמל האָט

זי אַריינגעוואָרפן אירע פּאָר קערנדלעך, וואָס זענען אויפגעגאַנגען ביי אַלעמען אין די מיילער מיט צעחושטער היציקייט:

— ראַטעווען... מ׳קען זיך ראַטעווען... געלט...

בליצשנעל זענען אַרויסגעוואַקסן, נישט ווייט פון איר, פּאָרלעך מיט געלט־זאַמלער. עס האָט גענומען געלט דער קאָמענדאַנט וויינבערג און פאַרשריבן יעדנס סומע אין אַ קליין ביכעלע. נאָך אים איז געלאָפן דער וויצע־קאָמענדאַנט פעלדמאַן מיט אַ ליסטע און ווייטער־צו האָט שניט־באַום מיט קאַנטשערן געמאַכט אַ זאַמלונג אין אַ באַזונדער ווינקל... אַלץ איז צוגעגאַנגען בליץ־שנעל און די מענטשן האָבן נישט געהאַט קיין צייט צו נעמען און צו געבן. די הענט האָבן זיך נאָר איילעוודיק געשטויסן, אַרויסגעצויגן פון די באַהעלטענישן וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט און די אַנדערע הענט האָבן שנעל צוגענומען און ווייטער געשטויסן זיך. אין דער טונקלקייט האָט קיינער נישט געקענט זען אויף קלאָר וואָס עס קומט פאָר, וואָס מען גיט און ווער עס נעמט. יעדער האָט נאָר געוואָלט באַרואיקן זיך אַז ער האָט געטון דאָס וואָס עס איז נאָר מעגלעך בכדי זיך צו ראַטעווען. האָט מען פון זיך געשליידערט די פּאַפּירלעך און זיך אָפּגע־רוקט אין אַ זייט צוליב אַנדערע.

פעלא האָט נאָר צוגעזען ווי אירע שליחים טוען די אַרבעט, ציען אַרויס געלט ביי דעם עולם. זי אַליין האָט זיך נאָר געמאַכט צוהעלפנדיק אַמאָל איינעם און אַמאָל אַ צווייטן. זי האָט גענומען די פּאַפּירלעך און גאָלד־שטיקלעך מיט אַ באַגליקנדיק שמייכעלע. אַ טייל האָבן זיך גע־שטויסן גראָד צו איר. זאָל ז י זען און געדענקען. מסתמאָ וועט זיך ווידער אַלץ וועגדן אין איר. זי האָט נאָך אַלץ איר גבורהדיקע השפעה. אַט דרייט זי זיך אַרום, רעדט הויך אויפן קול וועגן ראַטעווען, וועגן אויסקויפן אַלעמענס לעבן מיט געלט — און זי האָט נישט קיין מורא דערפאַר, וואָס אין דרויסן דרייען זיך אַזויפיל באַוואָפנטע לייט. זעט נאָר וואָס פאַר אַ טומל דאָ איז אָנגעמאַכט געוואָרן — און קיינער פון די דרויסנדיקע וואַגט נישט אַריינצוקומען, צו שטערן... אפילו קיין איינ־ציקן דייטש זעט מען נישט! דאָס אַלץ האָט זי דערליידיקט און מען קען איר פאַרטרויען! זי ווייסט וואָס זי רעדט און אַז זי זאַמלט געלט אויף צו ראַטעווען מיט אַזאַ רואיקן שמייכל — איז עס אייזן! מען דאַרף נאָר זיין פון די ערשטע און טאַקע כאַפּן אַ וואָרט וואָס זי זאָגט...

זי איז שוין געוואָרן מיד פון נעמען, פעלא. די צייט איז אויך שוין

געוואָרן שפּעטלעך. זי האָט דערפאַר אַ מאַך געטון מיט דער האַנט:

— נו, דאַנקען גאָט... די סומע איז שוין פאַראַן... עס וועט שוין גענוג זיין פאַר אַלעמען. איצט דאַרף מען גיין און וואָס פריער דערלע־דיקן. יעדע מינוט איז אַ שאָד...

זי האָט אַ פייף געטון און אַלע געלט־זאַמלער מיט פּאָליציאַנטן האָבן זיך צוריקגעצויגן פון די פאַרשידנסטע לעכער אין איר ריכטונג אַריין. זי האָט עפּעס אַ זאָג געטון און אירע נאָענטע לייט האָבן זיך איר נאָכ־געצויגן אויף אַ באַראַטונג. זיי האָבן זיך קוים צוגעשלאָגן אַ וועג צו דער קאָמענדאַנטן־נעסט. פון אַלע זייטן זענען אָנגעלאָפן פרישע מענטשן, פּרויען, פּאַרשפּעטיקטע... אַלע האָבן זיך געוואָלט דערוויסן ווען מען גייט באַפרייען און ווי אַזוי. אין דער פינצטערניש האָט יעדער געפרעגט און יעדער האָט געוואָלט ענטפערן. מעכעלע האָט אפילו אין דער פינצטער דערקענט אינזשינער קורצס שפּאָטיש קול צו עמעצן:

— וואָס דינגסטו זיך? עס געפעלט דיר נישט אַזוי — ראַטעווע זיך אַנדערש... די קאָמענדאַנטין האָט בלויז אַזאַ מין סחורה באַקומען אויפן מאַרק צו קויפן... ווילסט נישט — גיי זוך אַנדערע פאַר דיין געלט...

מעכעלע האָט זיך געוואונדערט וואָס די מאַסן־אָנגעדרענגטקייט אין די פינצטערע געסלעך רייצן גאָרנישט אויף די באַוואָפנטע וועכטער פון יענער זייט. זיי שווייגן דאָרט ביי די דראָטן, בעת דאָ שפּאַלטן די גע־שרייען דעם גאַנצן חושך און פון ווי־ווייט קען מען זיי דערהערן. עס איז אים אויך אַ וווּנדער, וואָס די זעלבע דייטשן — וועלכע האָבן דאָ גע־קליבן מענטשן צום טויט און אויסגעשאָסן אַזויפיל — ווייזן זיך איצט נישט און לאָזן דעם לאַגער מיט זיך טון וואָס אים געפעלט. אין דעם חושך האָט ער לויט אַ הוסט דערקענט קאַנטשערן, וואָס האָט געפירט זיין „קוזינע" צום קאָמענדאַנטן־באַראַק. מעכעלע האָט אים אַ צי געטון:

— זאָגט מיר... וואָס קומט דאָ אייגנטלעך פאָר?

פון קאַנטשערס מויל האָט אַ זעץ געטון שנאַפּס. זיינע שוואַרצע אויגן האָבן אָפּגעבליאַסקעט אין דער פינצטערניש:

— פּאַניע מעכעלע... האָט מורא פאַר גאָט — און שווייגט! די גאַנצע וואַך איז אָפּגעקויפט, די מייסטערס, די דייטשן און אַלץ גרייט זיך אונדז צו העלפן... אויך די לופטוואַפע פון וואַלד... אָט וואָס פאַר אַ קאָפּ די פעלאַ האָט!

אָפּגעזאָגט זיך זיינס האָט קאַנטשער אַוועקגעשפּרייזט צום קאָמענ־

דאַנטן־באַראַק נישט אומקוקנדיק זיך מער. אין דער טונקל האָט מעכעלע אויך געזען ווי עס שאַרן זיך אַריין אַלערליי פּאַראַרבעטער, קאָמענדאַנטן, פּאָליציי... יעדער זעט נישט קיינעם הינטער זיך נאָר ציט פאָראויס, אַזוי־ווי דאָרט וואָלט געווען דער איינציקער זאַמלפּונקט. מעכעלע וויל זיי נאָכשרייען, אויספרעגן זיי — אָבער קיינער וועט אים סייווי נישט ענט־פערן. דאָ מוז יעדער טון פאַר זיך, רעדן פאַר זיך. אין דעם מיש־מאַש פון דרייענדיקע שאָטנס איז אים נישט מעגלעך אפילו אָנצוזען וועמען פון זיינע באַקאַנטע. נאָר מעכעלען ווערט אַלץ מער און מער פאַרדעכטיק דאָס שטילע גערודער: וואָס גרייטן זיי צו? וואָס הייסט זיי האָבן אָפּ־געקויפט? לאָזן זיך אַלע דייטשן דען אָפּקויפן? איז די גאַנצע געגנט שוין פריי געוואָרן? עט, אין אַזאַ חושך קען מען פאַר קיין געלט נישט קריגן קיין באַפרייאונג... אָבער דאָך לויפן זיי אַלע אויף אַ געוויסן פּונקט... צי זענען זיי טאַקע אַלע משוגע געוואָרן?

ניין, זיי זענען נישט משוגע געוואָרן! זיי האָבן נאָר געוואָלט משו־גע מאַכן די אַלע פאַרבלאָנדזשעטע מעכעלעך, וואָס האָבן זיך נאָך אַלץ אַרומגעדרייט אויפן צעחושטן הויף פון ווערק צע נאָך אַלע סעלעקציעס — געננוי ווי דער קאָמענדאַנט! וואָס פאַר אַ מיוחסים זענען זיי, אָט די אומשולדיקע ווערעם? פאַרוואָס זענען זיי לעבן געבליבן ביז איצט, גלייך מיט די ווייזנבערגס, די פעלאָס און די פעלדמאַנס? זיי וועלן אפשר ווייטער נאָכיאָגן, נאָכשפּריינזן און ווידער אָננעמען די זעלבע באַהעלטע־נישן — ביז זיי וועלן קענען דערציילן וואָס דאָ איז געווען? זיי וועלן נאָך אפשר קענען אָנווייזן עמעצן מיט די פינגער:

— אָט דער האָט קאָמאַנדעוועט... און דער האָט געשלאָגן... צוגע־נומען דאָס לעבן...

העי, ווער דאַרף זיי? אויסקלייבן זאָל מען! איינס ביי איינס... אויף די פינגער... נישט איילן זיך — כאָטש עס איז שוין אַזוי שפּעט! מען גייט נישט אין לעבן אַריין מיט אַ דראָאונג פון טויט ביי דער זייט! פאַר־זיכטיק!

שאַרן זיך אַהין שאָטנס. נישט אַלע בלייבן שוין דאָרט. אַנדערע שאַרן זיך צוריק און פאַרהאַלטן זיך אויף אַ באַהאַלטן אָרט פון דער זייט. ניין, אַזוי לייכט וועט עס נישט אָפּגיין. אַז עס איז באַשערט — וועט עס אַלעמען באַשערט זיין! און אַז נישט — זאָלן אַלע...

מעכעלע זעט ווי עטלעכע שאָטנס שלייכן זיך אַרויפצו, צו די דראָטן

ביים שפיטאָל. אַ גלוסטעניש אַלץ צו זען און צו הערן שלעפּט אים מיט... מאָדנע, די מענטשן טראָגן דאָך מיט זיך רוקזעק, וואָס גיבן זיך אָפּ אין דער חשכות ווי האָרבן. וואָס האָבן זיי קיין צייט נישט צו נעמען די פּאָר שמאַטעס מיט זיך מאָרגן, ווען מ׳וועט אַ רוף טון? וואָס קריכן זיי עפּעס אַזוי נאָענט צו די דראָטן? זיי זינקען אַריין אין אַ ווינקל, הינטער אַ צעלעכערטן באַראַק? מעכעלע קריכט אויך אַריין אינעווייניק. ער מוז זען וואָס ווייטער וועט זיין.. וואָס זיי גרייטן זיך צו טון... ז יי ? און ער איז דען נישט גרייט? זעט ער דען נישט אַז דאָ זענען די לעצטע מינוטן? הע, ער וואָלט געדאַרפט נאָך אַריינגיין צו זיך אין באַראַק, אַ בליק טון צו זיינע פּאָר נאַרישע חפצים, צו די מענטשן... אַ פרעג טון עפּעס... וואָס האָט ער זיך דאָ אַוועקגעלייגט? וואָס שפּירט ער דאָ נאָך מיט אָנגעשפּיצ־טע אויגן? וואָס זעט ער דען אין דרויסן? נאַכט און נאַכט! חושך און חושך! אָבער וואָס פּאַר אַ רואיקייט אין דער דאָזיקער תשעה־באבדיקער נאַכט! מען קען דאָך מיינען אַז די גאַנצע וועלט איז איינגעשלאָפן, בלויז מעכעלע אַליין איז וואַך געבליבן און האַלט אויג אויף איר דורך אַ שפּעלטל... האַלט עס אים איינגעקלאַמערט און ער קען דערפון נישט אַנט־לויפן. אים דוכט זיך נאָר אַז די פּאָר מענטשן מיט די רוקזעק האָבן זיך איצט אַריינבאַקומען אינעם טויער פון דער וועלט און נאָר ביי זיי קען ער דערגיין דעם סוד.

— 2 —

איבערן לאַגער האָט זיך אָנגעהויבן שפּירן די נאָענטקייט פון אַ שטורעם. עטלעכע ווייטע באַפעלן האָבן אָפּגעקלונגען אין דער לופט. דערנאָך האָט מען געהערט אַ שווער לויפן פון אַלע זייטן מיט באַשטיוול־טע טריט. באַלד זענען זיי אָנגעפאַלן ווי אַ דונער איבער די אַרומלויפנ־דיקע מענטשנס קעפּ. מען האָט שוין פאַרגעסן אַז דאָ אין לאַגער עקזיס־טירן נאָך די יידישע פּאָליציי און קאָמענדאַנטן, אָבער איצט האָבן זיי זיך צוריק אַרויסגעוויזן. זיי זענען געווען אָנגעטרונקען, פול מיט קוראַזש און באַוואָפנט מיט זייערע שטעקנס, וועלכע זענען שוין אַ שטיק צייט נישט גענוצט געוואָרן.

די ערשטע מינוטן האָט זייער פרישער געפּילדער גאָר־אָנגענעם אי־בערראַשט דעם עולם. זיי האָבן טאַקע געהאַקט איבער די קעפּ מיט די

גומענע שטעקנס, אָבער דאָס האָט באַוויזן אַז עס גייט צוריק מיט דעם אַלטן... אויב די פּאָליציי האָט ווידער באַקומען קוראַזש אַרויפצופּאַלן אויף די מענטשן איז אַ סימן אַז מען בלייבט דאָ ווידער און דער גאַנצער רעש איז שוין אַריבער. מען וועט צוריקגיין צו דער אַרבעט און די סאָוויעטישע אַרמייען וועלן דערוייל זיך צורוקן נענטער, פאַרנעמען קיעלץ און ראַדאָם, אַראָפּוואַרפן אַ דעסאַנט איבער די פאַבריקן און...

עס איז אָבער נישט מעגלעך געווען לאַנג צו פאַנטאַזירן. די שטעקנס האָבן זיך צעלאָזט און די פּאָליצייאישע קולות האָבן נישט אָפּגעלאָזט. צוזאַמען מיט דער פּאָליציי זענען אויך געקומען מיטהעלפן אַ נייע גרופּע מאַכער און גוטע פריינט פון קאָמענדאַנטן־הויז. זיי זענען אַלע געווען ווילד פון איילעניש אַדורכצופירן בלויז איין באַפעל:

— אַריין אין די באַראַקן!

— קיין איין לעבעדיק נפש טאָר איצט נישט בלייבן אין דרויסן!

— די וואָס וועלן איצט זיין אין די באַראַקן וועלן לעבן בלייבן!

— מאַרש אַריין!

די וואָס זענען צופעליק געווען ווייט פון זייער באַראַק און געוואָלט גיין אַ פּאָר ווייטערדיקע טריט זענען שנעל אַריינגעשליידערט געוואָרן אין ערשטן־בעסטן באַראַק מיט פויסטן און קלעפּ. מענטשן האָבן געטרעטן איינס אויף דאָס צווייטע, אַריינגעקוועטשט זיך, געפאַלן און קיינער האָט זייער קרעכצן פון צעטרעטנקייט אפילו נישט געקענט הערן. מעכעלע האָט געוואָלט לויפן צו זיין באַראַק און נישט געקענט. אַ פּאָליציאַנט, וועלכער האָט אים גוט געקענט האָט אים דאָך אַ מוראַדיקן שמיר געגעבן מיט אַ נאַגייקע און אַריינגעשליידערט אין אַ פרויען־באַראַק. מעכעלע האָט אפילו געהערט ווי יענער פאַרבייגט מיט אַ נאָגל די טיר פון דרויסן... אינעווייניק זענען די דערשטיקטע געוויינען נישט מעגלעך געווען איינצושטילן. לייב האָט זיך געקנוידערט אין לייב פון שרעק, גערייצטקייט און ווייטיק. ס'איז נישט מעגלעך געווען צו דערקענען קיין פּנים, קיין געשטאַלט... אַלץ האָט זיך צוזאַמענגעקנעטן אין דער ענגשאַפט און נישט געוווסט וואָס ווייטער צו טון.

איבערן הויף האָט זיך גענומען טראָגן אַ משונהדיק, לאַנג־ציענדיק פייפעריי. דאָס פייפן האָט זיך אויסגעמישט מיט טריט; שווערע טריט וואָס האָבן אָפּגעהילכט אין דער פינצטערער שטילקייט. אַלע פון באַראַק האָבן מורא געהאַט צו ציען דעם אָטעם פאַר אַזאַ פּחד וואָס האָט געיאָגט

פון יענע טריט אין דרויסן. די אויסנדיקע טריט זענען געוואָרן דערוויי־טערט, שטילער, עכאָדיקער. נאָך דעם זענען געקומען אַנדערע טריט, וואָס האָבן זיך קוים געשאַרט אויף דער ערד, געשלייכט זיך ווי ביים אַפּטון אַ גנבה. אויף עטלעכע מינוט איז אין גאַנצן שטיל געוואָרן. נאָך דעם האָט זיך אָנגעהויבן אַ פאַרבאָרגן לויפן פון שאָטנס, וואָס האָבן אַלעמאָל אַ ציטער געטון פאַרביי די באַראַק־פענצטערלעך און פאַרשוווּנדן. אַלץ האָט זיך געצויגן אין דער ריכטונג פון וואַלד, צו די דראָטן... אַ גאַנצע אַרמיי פון שאָטנס האָט מאַרשירט!

די טויטע שטילקייט פון באַראַק האָט אויפגעריסן אַ האַסטיק פויקן אין דער שויב. אַ בלייכע האַנט האָט שנעל אַ זעץ געטון אין פענצטערל, אָנצוזאָגן עמעצן פון אינעווייניק די גוטע בשורה:

— לאַגיא... די סאָוויעטן שטייען נישט ווייט פון דאַנעט... די דראָטן זענען אָפן... די דייטשן זענען אַנטלאָפן... די יידישע פּאַליציי אויך... קום!!!

אין באַראַק איז אַנטשטאַנען אַ בהלה. עמעץ האָט אַ ריס געטון דאָס ליכט. אַ צווייטע האַנט האָט עס באַלד אויסגעלאָשן. אין דער איינציקער באַלויכטענער סעקונדע האָט מעכעלע געזען הונדערטער אויפגעריסענע אויגן, אַ ים צוזאַמענגעקוועטשטע קעפּ מיט צעשויבערטע האָר. דערנאָך האָט זיך אָנגעהויבן אַ קושן, אַ וויינען, אַ ספּאַזמירן... ארעמס האָבן זיך אין אים משוגע איינגעקלאַמערט, שווער געמאַכט דעם אָטעם... אַ שטיקנדיקער שווייס האָט אים געטריפט אויף די הענט, אויף די ליפּן. די געוויינען אינעווייניק זענען געוואָרן אָפּגעריסן, קייכיק און שרייענ־דיק. הונדערטער הענט האָבן זיך געשפּאַרט צו דער טיר, אָבער זי איז געווען פאַרהאַקט פון דרויסן. אַלע האָבן זיך דערביי געשטויסן צו איר אויף אַמאָל און דאָך זיך צוריקגעהאַלטן נעבן איר הילצערנער קילקייט. מעכעלע האָט מער קיין מינוט נישט געקענט בלייבן דאָרט. ער האָט אויף זיך געטראָגן אַ משא אברים, הענט, קעפּ און באַנומענע קולות. זיין געדאַנק האָט זיך נישט געקענט צוזאַמענעמען און דאָך האָט ער גע־טראַכט וועגן דער מחנה פון הונדערטער, וואָס מאַרשירט דאָ אין דרויסן און דאָך הערט מען נישט קיין שאָס פון די וועכטער, קיין ברום נישט... זענען זיי זיך טאָקע צעלאָפן? וואָס איז דאָרט פאַרט געשען?

זיינע הענט האָבן זיך צובאַקומען צו אַ פענצטערל. שווער. אין זיין האַנט האָבן זיך אָנגעהאַלטן נאָך עטלעכע הענט. אַלע צוזאַמען האָבן גע־

ריסן די ריגלען און דאָס פענצטערל האָט זיך רעזיגנירט אויפגעפּראַלט. אַ שויב האָט אַ ציטער געטון און אַרויסגעפאלן אויף דער גאַס. דאָס קלינגען פון גלאָז האָט מוראָדיק אַריינגעפּויקט אין דער דרויסנדיקער שטילקייט, קיינער האָט זיך אָבער דערויף נישט אָפּגערופן. מעכעלע האָט זיך אַ ריס געטון צום אָפענעם פענצטער און אַריבערגעפאַלן אויף דער צווייטער זייט. דער פאַל האָט אָפּגעהילכט צווישן די ביימער. ער האָט זיך געוואָלט אויפהייבן, נאָר איבער אים זענען שוין געלעגן נאָך מענטשן, אַ גאַנצער קנויל פון אַרויסגעשפּרונגענע. ווידער זענען זיי געווען די איינציקע וואָס האָבן צעשטערט די נאַכטיקע שטילקייט.

פון דעם פענצטער האָבן אויפגעהערט צו פאַלן די מענטשן. מעכעלע האָט זיך אויפגעשטעלט און אַרומגעקוקט. פון אַלע זייטן האָט ער געזען דאָס זעלביקע בילד: פענצטער רייסן זיך אויף, מענטשן שפּרינגען פון דאָרט אַרויס, פאַלן אַוועק, שטעלן זיך באַלד אויף און זיי לויפן ווייטער... אַלץ לויפט צו די דראָטן און קיינער שטערט נישט. בלויז אַ קליין ווינטל לויפט נאָך ווי אַן אומגעזעענער שפּיאָן און אַן עלנטער הונט בילט יאָמערלעך אויפן שפּיץ באַרג פון יענער זייט ווערדל.

— 3 —

הונדערטער מענטשן טאָפּטשען אין דער פינצטער צווישן די ביימער. פרויען גייען מיט צעשאָקלטע קעפּ און זייערע האָר פאַלן זיי איבער די אויגן. מענער טראָגן אויף זיך די רוקזעק און באַמיען זיך וואָס שנעלער צו דערגרייכן די דראָטן. טייל דרייסטערע צינדן אפילו אָן קליינע טאַשן־לעמפּלעך וואָס זיי האָבן זיך שוין לאַנג צוגעגרייט אין די פאַבריקס־מאַגאַזינען צו דעם צוועק... באַלד אָבער כאַפּן זיי אָן אַנדערע פויסטן ביי די קעפּ. עס פאַלן שטומע קלעפּ, די לעמפּלעך ווערן אַוועקגעשליידערט און דער שטומער מאַרש גייט ווייטער אָן... קיינער האָט נישט באַמערקט די ליכטיקע גלי־ווערעם וואָס האָבן אַ שלאָג געגעבן פון די לעמפּלעך און קיינער זעט ווייטער נישט, ווי אַזוי דער וואַלד איז אויפאַמאָל אָנגעפּראָפּט געוואָרן מיט געהויקערטע וואַנדערער... ווי אַזוי קען דאָס מעגלעך זיין?

מעכעלע איז איינער פון דער מאַסע. ער האָט בלויז אַ דין רעקל אויף זיך און אַ פּאָר שווערע שטיוול אויף די פיס. אָט באַלד וועט ער אָנטאַפּן די דראָטן! נעבן זיי איז דער וועג אַביסל שיטערער. די ביימער

אַרום די דראָטן זענען זענען שוין לאַנג אויסגעשניטן געוואָרן. ציט זיך אַ פרייער פּאַס אין וועלכן די לופט איז אָנזעעוודיקער און די אויגן קענען פריי זען דאָס פאַרוואָלקנטע פּנים פון דער לבנה. מען קען אויך זען ווער עס שלייכט זיך דאָ צוזאַמען מיט אַלעמען...

אָט זענען זיי, די טאָפּלטע דראָטן! זיי זענען איצט איבערגעשניטן אויף עטלעכע ערטער. די שטעכיקע צויטן הענגען אַראָפּ מיט מאַכטלאָזיקייט פון זייערע סלופּעס און זיי וואגן אפילו נישט צו שטערן די מאַרשירנדיקע מיט אַ טרייסל. דער צווייטער טייל וואַלד איז ווייט עטלעכע צענדליק מעטער. איבער דעם שטיקל וועג — לויט דער גאַנצער אומענדלעכער ברייט — גייען צעשאָטן הונדערטער פאַרלעך און איינזאַמע. די לבנה באַשיט זיי מיט רואיקן, בלייכן פודער... מעכעלע דערקענט דאָרט אַזויפיל היימישע, באַקאַנטע... ער וואָלט געשווירן אַז דאָרט דרייען זיך אַריין צווישן דיביימער פרעדזשע מיט הענעכן... הינטער זיי גייט געאָרעמט דער פּאָליציי־קאָמענדאַנט פעלדמאַן מיט בלומקען... אַביסל ווייטער פון זיי גייט דער פּיקרינער אהרן טשאַק... דערנאָך לויפן די פרוי פליישער מיט איר בחור... און דאָרט? די גאַנצע פּאָליציי שפּרייזט דאָך אין וואַלד אַריין! זיי פירן מיט זיך די קוזינקעס, די שטעקנס, די פּעק... ווי, ווער גייט דען נישט אַהער אין דעם אומבאַקאַנטן וועג?

מעכעלע וויל זיך אָפּהאַלטן און קען נישט. די מחנות וואָס שטראָמען הינטער אים לאָזן נישט קיין וועג. ער וויל לויפן פאָראויס און זיך אָנשליסן אין די וואָס זענען אים גענטער צווישן דער דאָזיקער פאַרפאַלנקייט — און ער קען נישט. ביז ער רייסט זיך אַרויס פון דער מענטשלעכער אַרומקלאַמערונג, זענען שוין יענע פאַרשוווּנדן אין וואַלד ווי אַ נאַכטיקער חלום און ער זעט שוין אַנדערע זיך אַרויפדראַפּען צום גערבערגלטן וואַלד. איין געשטאַלט נאָכן צווייטן וואַקסט דאָרטן אויס און צאַנקט אַריין צווישן די ביימער. אויף יענעמס אָרט וואַקסט ווידער אויס אַ צווייטס און טויכט ווידער אונטער אין דער גרינער טונקלקייט. דער שווייגנדיקער סוד פון אַרום האָט פאַרשלינגען אַלעמען... ער רופט נאָך אַנדערע מיט זיין גאַנצער רואיקייט און זיי גייען, זיי קומען אָן...

וואָס וועט דאָרט ווייטער זיין? קיינער איז דערפון נישט מסוגל צו קלערן. און ווען גייט עס דען אָן? אַבי מען קען דאָ איצט אַזוי גיין אַ פּאָר מינוט אויף דער פריי... אַבי עס איז דאָ איצט אַזוי מחיהדיק־לייַדיק... איבער דער גאַנצער דראָטן־לענג היט נישט קיין פויגל. די דאָפּלטע

שטאכל־וועגט זענען צעשטערט און דער וואַלד איז אַזוי אָפן, אַזוי אָפן! היינט פאַרנאַכט האָבן דרייצן הונדערט מענטשן אַוועקגעשפּרייזט אונ־טער דער וואַך פון ביקסן, אויסגעשאָסן געוואָרן אין מיטן געשריי... מאָרגן קען מען ווידער אַזוי שפּרייזן, די לעצטע... טאָ פאַרוואָס טאָקע נישט לויפן אַהער? אוי, ווען מען זאָל זיך נאָך געוועגן צוגרייטן אַ רעוואָלווער און א לאָבן ברויט! — — —

מעכעלע האָט שוין אַרויפגעקלעטערט אויפן באַבוימערטן בערגל וואָס פירט אַריין אין די סקאַרזשיסקער וואַלד־געדיכטעניש. אַלץ איז דאָ אַזוי פריש און שמעקעוודיק. די גרעזער זינגען און די לופט גלעט אַזוי ווייך איבערן קאָפּ, ציט עס אים אַלץ טיפער און טיפער... ער וויל זיך אַפילו אַראָפּזעצן, אויסרוען, באַטראַכטן — אָבער די שאָטנס פון דער ווייט רופן אים צו גיין, צו שפּרייזן וואָס שנעלער, וואָס ווייטער...

הינטער יעדן בוים זעט ער אַ מענטש. די רייען צעשיטן זיך צווישן די ביימעו', צעקריכן זיך און וואָגלען אַוועק אין אַלע זייטן. זיי לויפן, איילן זיך... די בלעטער רוישן שטיל הינטער זייערע טריט און מעכעלע זעט ווי אין נעפּל אַז אַ סך שטעלן זיך אָפּ אין מיטן גאַנג און ציען אַראָפּ די שטיוול פון זיך... נאָר שטילער... שטיל זאָל זיין! קיינער רעדט גאָר־נישט, קיינער זאָגט גאָרנישט... אַלץ שפּרייזט פאַרביסן און האָט מורא דעם אייגענעם אָטעם צו באַפרייען פון דער קייט. מעכעלע שטעלט זיך אָפּ. יעדער קרעכץ פון אַ צווייגל אונטער זיינע טריט רייסט ביי אים אויף שטיקער מח. דאַרף מען אַראָפּציען די שטיוול. יעדער טריט זייערער קען אויפכאַפּן אַ קויל פון דער לופט און זי צוציען ביז צום האַרץ... דאַרף מען נישט! טאָר מען נישט!

אַרום אים וואַקסן באַלד אויס עטלעכע צעוואַקסענע געשטאַלטן. זיי רוקן זיך אָן אויף אים גאָר נאָענט, קוקן אים אַריין אין די אויגן און זייער מטורפער אָטעם בריט אים די באַקן. זיי רעדן נישט, נאָר פליסטערן, באַוועגן נאָר מיט די ליפּן:

— אוי ווי גוט! מעכעלע אויך... דו גייסט און מיר גייען... קום מיט אונדז...

מעכעלע וויל זיי דערקענען פון לאַגער און עס גייט אים נישט. די קוואַלן פון זכרון זענען פאַרשטאָפּט געוואָרן. ער ווייסט נאָר אַז ער האָט די פּנימער שוין אַמאָל געזען. אין לאַגער? אין דער האלע? וואָס דאַרף עס אים אָנגיין? ער ווייסט אַליין נישט פאַרוואָס, נאָר אין זייער אָנבליק

ווערט אים אויפאַמאָל באַנגיק: ווער זענען זיי? מיט וועמען פאַרפלעכט עז׳ דאָ זיין גורל? וווהין קען ער מיט אַזעלכע דערגיין?

דער׳ געדאַנק ווערט אויפאַמאָל וואַך ביי אים, נאָכקלערעריש. ער האָלט שוין די שטיוול אין דער האַנט און קען שוין גיין אין וואַלד, אַז קיין פויגל זאָל נישט הערן... אָבער פאַר וועמען מוז ער זיך דען איצט היטן? פאַר די דייטשן? זיי זענען טאַקע נאָך דאָ אומעטום? טאָ וווּ וועט ער זיי דען אויסמיידן? ער ציטערט פאַר די פּאָליאַקן? זענען זיי דען נישט פאַראַן אָט־דאָרט, אַביסל ווייטער וווהין ער וויל איצט אַוועקשפּרייזן מיט באָרוויסע טריט? און אויב די דייטשן זענען פאַראַן אַביסל ווייטער, אַרום און אַרום — פאַרוואָס זענען זיי מער דאָ נישט פאַראַן? זענען זיי דאָך ערשט מיט איין שעה צוריק געשטאַנען אַרום דעם גאַנצן לאַגער, אַרום דער גאַנצער פאַבריק!? פאַרוואָס זענען זיי פאַרשוווּנדן? פאַרוואָס האָבן זיי אַלץ געלאָזט אויף הפקר׳, בשעת יידישע הענט מיט העק האָבן אויפגעריסן די דראָטן, פאַרפלייצט דעם גאַנצן וואַלד און זיי שפּרייזן דאָ אַוועק פראַנק און פריי?

די געדאַנקען זענען מעכעלען אויפאַמאָל באַפאַלן. פון זיי האָט גע־נומען אַרויסוואַקסן אַזאַ מין פחד, אַ משוגענע שרעק פאַרן שטעלן אַן איינ־אונאיינציקן טריט ווייטער אין וואַלד... ער קען נישט! ער וועט נישט גיין! ווו זענען דען די אַלע לופט־זעלנער וואָס האָבן געשטעקט אין די אַלע וואַלד־ווינקלען!? ווו זענען די מחנות עס־עס מיט די ווערקשוץ? נישטאָ? טאַקע נישטאָ? פאַרוואָס זענען זיי נאָר וואָס געווען?

מעכעלע ווייסט אַז דאָ איז שוין קיין וועג צוריק נישט פאַראַנען. נאָו׳ פאָראויס! ווייטער! אָבער ער איז איצט אַזוי איבערגעשראָקן... ער האָט גאָרנישט געוווּסט אַז ער איז אַזאַ פחדן... אַזויפיל הונדערטער מענטשן זענען שוין דאָרט... גאָר ווייט... די ערשטע אַנטלויפער מוזן שוין זיין געראַטעוועטע... זיי מוזן שוין איצט זיין אויף זייער באַ־שטימטן באַהעלטעניש, ווייל מען האָט ביז איצט קיין איין שאָס נישט געהערט, קיין איין געשריי... און ער ווייסט אַז נאָר דאָרט איז די רעַ־טונג... יעדע סעקונדע איז אַ שאָד! און דאָך חלשן אים די הענט, די טריט גליען פון אימה און ער ווייסט אַז ער ק ע ן נישט ווייטער גיין, כאָטש ער מוז... אָט שוין מוז ער זיך אַ ריס טון און לויפן, דעריאָגן, אָפּרייסן זיך פון די געבוירענע מחשבות וואָס האָבן זיך דאָ אויף אים פאַרלייגט... איינער פון די פיר שאָטנס וואָס שטייען איבער אים גיט אַ שטילן ברום:

— ס'איז שפעט...

אין מעכעלען איז ראפּטום געבוירן געוואָרן אַ באַשלוס. ער האָט זיך אַ ציי געגעבן, געגומען די שטיוול אין דער האַנט און אָנגעהויבן שפּרייזן צוריק... די פּאָר מענטשן פון דער זייט האָבן זיך דערשראָקן:

— מעכעלע... וואָס טוט זיך מיט דיר? קום...

אָבער מעכעלע האָט זיי שוין נישט געהערט. זיינע פיס האָבן זיך שוין געזוכט אַ וועג צו דער פרייער נידער וואָס שטייט צווישן דעם וואַלד און דעם געוועזענעם לאַגער. איינער פון די שטייענדיקע האָט זיך אַ לאָז געטון נאָך אים:

— גערענק, מיר קוקן אויף דיר... האָסט אונדז אָנגעמאַכט אַ שרעק... דאָס האַרץ האָסטו אונדז פאַרסמט... מיר קענען שוין ווייטער נישט גיין, ביז דו וועסט מיטגיין... זאָלסטו געדענקען, אַז דו וועסט אונדז האָבן אויף דיין קאָפּ... שמינטעליגענטניק!

מעכעלע האָט שוין געהאַלטן ביים אַריבערשפּרינגען צוריק דעם טיפן ראָוו. יענעמס ווערטער האָבן אים אָבער צוריקגעהאַלטן. ער האָט זיך אויסגעדרייט און דערזען ווי אַלע פיר שטייען שוין איבער אים... אָט־אָט וועלן זיי זיך אויף אים וואַרפן און דערשטיקן פון צאָרן... די לויפנדיקע טריט האָבן אָבער שוין אין מעכעלען צוריק איינגעשטילט דאָס גאַנצע משוגעת פון אינעווייניק. ער האָט זיך דערפאַר אָפּגעשטעלט און זיי אָפּגעענטפערט:

— דאָס לעבן געהערט צו יעדן איינעם און צו קיינעם נישט. דאָ איז איצט פינצטער און קיינער ווייסט נישט וואָס מיט הונדערט מעטער ווייטער טוט זיך. ווי אַזוי איינער וויל, זאָל ער באַשטימען פאַר זיך. איך וועל גאָרנישט שולדיק זיין, אויב איר וועט זיך פאַרקוקן אויף מיר. איך זאָג אייך גאָרנישט וואָס צו טון... איך פיל בלויז אַז א י ך קען זיך איצט נישט לאָזן אין דעם וועג. אַזוי זאָגט מיר מ יי ן האַרץ און דאָס האָט גאָרנישט צו זאָגן פאַר אייערטוועגן. איך ווייס נישט וואָס עס טוט זיך איצט אין לאַגער, וואָס עס וועט זיך דאָרט באַלד טון... אָבער איך גיי צוריק ווייל איך מ ו ז ... פאַרוואָס מוזט איר?

ער האָט נישט געוואַרט אויף זייער ענטפער נאָך אַריבערגעשפּרונגען דעם ברייטן ראָוו און זיך אַ לאָז געטון צו די אָפענע דראָטן. די פיר גרויסע שאָטנס האָבן אים נאָכגעטון. זיי האָבן דערביי נישט אויפגעהערט אים צו שעלטן:

— זאָלסט נאָר געהרגעט ווערן אַזויווי דו האָסט ביי אונדז אָפּגעהר־געט דעם חשק ווייטער צו גיין! מיר גייען צום טויט! מיר וועלן דאָ פאַר־פאַלן ווערן — און מיר גייען קוקנדיק אויף דיר... זאָל נאָר דאָ עפּעס פּאַסירן — וועט דיין טויט זיין... צוליב דיר האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט און דערפאַר פאַרלוירן די אַנדערע פון אויג... זיי האָבן געוווסט דעם וועג און מיר אַליין זענען פרעמד און פאַרלוירן... אַלץ צוליב דיר!

מעכעלע האָט זיי מער נישט געוואָלט ענטפערן.ביים אַריבער־שפּרייזן די דראָטן מיט באַרוויסע פיס האָט ער זיך פון אויפרעגונג אָנ־געשלאָגן אין שפּיציקן שטעכעכץ. אַ פוס האָט אָנגעהויבן וואַרעם צו בלו־טיקן. ער האָט אָבער אויף גאָרנישט געקוקט און זיך אַריינגעשליידערט אין דער פּאַראויסדיקערביימער־געדיכטעניש. ער האָט איצט גאָרנישט מער געוואָלט, ווי אַוועקלייגן זיך איינער אליין אויף אַ פינצטערער פרי־טשע און וואַרטן. גאָרנישט טון, נאָר וואַרטן אויף דעם וואָס וועט ווייי־טער קומען.

אַרום און אַרום זענען די באַראַקן געשטאַנען אָפענע, מיט צעריסענע טירן. קיינער האָט פון דאָרט נישט אַרויסגעקוקט און קיינעם האָט מען מער אין די לאַגער־געסלעך נישט געזען. בלויז די פיר יונגען האָבן מע־כעלען נישט אָפּגעלאָזט פון אויג. אינעווייניק, אין לאַגער האָבן זיי שוין אויפגעהערט צו ברומען. אַלץ איז שוין סייווי געווען אָפּגעטון, פאַר־פאַלן. מעכעלע האָט געוואָרפן דעם גורל פאַר זיך און זיי האָבן די פינצ־טערע ביינדלעך אויך געכאַפּט פאַר זיך... איצט איז נאָר פאַר זיי גע־בליבן איין עצה: ווייטער זיך אָנהאַלטן אין זיין גורל... האָבן זיי זיך אים נאָכגעשלייכט... און ווען מעכעלע האָט אַ צי געטון אַ באַראַק־טיר און דאָרט אַריינגעהינקען מיטן איינציקן, געזונטן פוס — האָבן אַלע פיר אַריינגעשטורעמט נאָך אים און גלייך ווי ער האָבן זיי זיך אַנידערגע־וואָרפן אויף אַ ליידיקער קויקע.

# קאַפּיטל דרייאונפערציק

— 1 —

נאָך מיט לאַנגע וואָכן צוריק האָבן די הויפּט־קאָמענדאַנטן געגומען גרייטן זיך פאַר דער לעצטער מינוט. זיי האָבן געוווּסט אַז דאָ וועט נישט געשען קיין נסים און דערויף זיך גענומען פאַרטראַכטן מיט לאַנגע צייטן פריער. האָבן זיי דערפאַר זיך גענומען צוגרייטן שפּייז און ידיעות. זיי האָבן אויסגעפאָרשט ביי די דייטשן וואָס עס איז נאָר מעגלעך געווען און דערביי אַרומגעגאַנגען כסדר מיט אָנגעשפּיצטע אויערן. פעלאַ מיט ווייזנבערגן, צוזאַמען מיט דער גאַנצער משפּחה האָבן גענומען איינגייען גאַנצע אוצרות אין זייערע מלבושים און אין די קנאַפּל פון די שטיוול. דערצו האָבן זיי אַרויסגעשיקט באַהאַלטענע שליחים, וואָס האָבן פאַר זיי צוגעגרייט באַהעלטענישן אין עטלעכע ערטער. לויט ווי ווערק צע האָט זיך נאָך געסודעט מיט לאַנגע צייטן פריער — האָבן זיי זיך אויך איינגעקויפט עטלעכע ברויניגגס, וואָס זענען געלעגן באַהאַלטן ביי פעלאַן.

פאַר איינצלנע פון זיי האָט מען געקענט געפינען אַ מעגלעכקייט ווי אַזוי די לעצטע מינוט צו פאַרשווונדן פון לאַגער. זיי האָבן אָבער געמוזט באַטראַכטן אַ פּלאַן ווי אַזוי אין די מינוטן פון געפאַר אויך אַרויסצופירן די עלטערע פון דער משפּחה מיט די צוויי קליינע קינדער. זיי האָבן זיך אויך נישט געוואָלט אָפּטיילן צווישן זיך און מען האָט געמוזט געפינען אַן עצה ווי אַזוי אַלע זאָלן גיין צוזאַמען. האָט דערפאַר דאָס ליכט ביי פעלאַן געברענט ביז טיף אין דער נאַכט און הינטער די פאַרמאַכטע לאָדנס זענען צוגעגאַנגען פאַרהאַנדלונגען מיט מייסטערס, מיט ווערקשוצן און טאַקע אויך מיט שולצען אַליין...

וואָס זייערע פּלענער זענען געווען, איז שפּעטער אוממעגלעך געווען צו וויסן. עס איז נאָר געווען אַ פאַקט אַז דעם טאָג פון ליקווידירן דעם לאַגער האָט שולצע געהאַלטן פאַר זיין אַמטלעכן סוד, וואָס ער טאָר קיינעם נישט אויסגעבן. איז טאַקע די סעלעקציע פאָרגעקומען אַזוי איבערראַשנדיק פאַר זיי, אַז זיי האָבן פאַרלוירן די קעפּ. צוזאַמען מיטן אַוועקפירן אַ היפּשן טייל פון לאַגער צו דערשיסן, האָט זיך שוין געמאַכט אַזאַ טומל וואָס האָט צוגעצויגן אַ געפערלעכע אויפמערקזאַמקייט

אויפן גאַנצן לאַגער. אַלע פריערדיקע פּלענער זענען זיך צעפאַלן. איין פעלאַ האָט זיך נישט פאַרלוירן. אין די לעצטע מינוטן איז זי געלאָפן, אונטערגעהאַנדלט און אויסגעפירט אירס.

מיט פאַרשידענע מיטלען איז איר געלונגען אויסצופועלן ביי שולצען אַז ער זאָל געפינען אַן אויסרייד צו פאַרשווינדן אויף אַ פאָר שעה פון דער לאַגער־געגנט. אויך אַלע אָפּטיילונגען פון וואַכלייט האָבן געמוזט אַוועק און אַפילו פון דער ווייטנס האָבן זיי גאָרנישט געטאָרט זען און הערן. דערפאַר האָבן שולצע מיט די אַנדערע קאָמענדאַנטן באַקומען זייער לוין. דאָס האָט אָבער געדאַרפט אַדורכגעפירט ווערן אַזוי פאַרזיכטיק, אַז קיינער זאָל זיך דערויף נישט כאַפּן. ביי וועמען צו נעמען געלט און ווערט־זאַכן צו דעקן די אַלע הוצאות האָט פעלאַן נישט געפעלט. אין דער לעצטער מינוט איז איר אָבער נאָך איינגעפאַלן איינצוזאַמלען אַ פרישע סומע פאַר זיך און איר גרופּע. אין אַזאַ אומבאַקאַנטן וועג ווייסט מען קיינמאָל נישט וויפל עס קען גענוג זיין — דאַרף מען אויסנוצן אַלע קוועלן. זי איז געווען אַזוי רואיק ביז דער לעצטער מינוט, אַז קיינעם האָט נישט געקענט איינפאַלן אויף איר אַז דאָס גרייט זי זיך באַלד צו פאַרלאָזן איר גאַנצע וועלט און מאַכט. בלויז די אַנדערע מיטגלידער פון דער משפּחה האָבן נישט געקענט אויסבאַהאַלטן זייער נערוועזיטעט.

באַלד האָט זיך דערפון דערוווסט דער הויכער קויפמאַן מיט זיין נייער, ריזיקער קוזינקע און ער האָט זיך געשטעלט אָפּוואַרטן ווען זיי וועלן זיך רירן אין וועג אַרייַן. דאָס האָט שוין געצויגן די אויפמערקזאַמקייט פון לאַגער־סעקרעטאַר מאַרעק מיט זיין געליבטער טענצערין, אליני. פון זייער צאַפּלען האָבן זיך שוין דערוווסט אַ גאַנצע ריי אַנדערע פּאַליציאַנטן און עס איז זיך שוין פון זיי נישט געווען אָפּצוטרייבן. זי האָט שוין מער נישט געקענט באַפעלן, פעלאַ... אויך ווייזנבערג האָט שוין מער קיין מאַכט נישט געהאַט צו שרייען. די גאַנצע גרופּע האָט איצט נאָר געוווסט איינס: אָדער אַלע וועלן זיך ראַטעווען אָדער אַלע וועלן פאַרלוירן גיין... קיין דרך ארץ קען דאָ נישט קומען אין באַטראַכט! די ראַפינירטע פעלא האָט באַלד פאַרשטאַנען אַז דאָ קען מען מער קיין אָנשטעל נישט מאַכן. מען מוז דאָ שלום מאַכן מיט אַלעמען. די מיטגייער דאַרפן נאָר זאָרגן פאַר איין זאַך: דער גאַנצער לאַגער טאָר נישט וויסן דערפון. פאַר געציילטע איז נאָך מעגלעך זיך צו ראַטעווען, טאָמער וועלן

אָבעו׳ אַלע נעמען מיטלויפן — זענען אַלע פאַרלוירן.
די פּאָליציי האָט געטון דאָס בעסטע וואָס זי האָט געקענט: מען האָט געטריבן אין די באַראַקן, מען האָט זיי צוגעהאַקט און ביז דער לעצטער מינוט פון מאַרש האָט עמעץ געהיטן אַז די המון־באַראַקן זאָלן זיין געהילט אין פינצטערניש און אין אומווויסנדיקייט... נאָר עטלעכע גרופּן האָבן דאָך געוווּסט דערפון! דער וויצע־קאָמענדאַנט פעלדמאַן האָט מיטגעטיילט זיין גרופּע בונדיסטן, מיט הענעכן און פרעדזשאַן. זיי קע־נען נויטיק זיין אין וועג... זיי האָבן באַקאַנטע אויף דער אַנדערער זייט, מען וואַרט אויף זיי... וועלן שוין די אַנדערע אויך קענען אַמאָל געהאָלפן ווערן אין זייער זייט... אָבער די דאָזיקע גרופּע איז נישט געווען קיין איינצלנע. יעדער איינער פון די ווייסער האָט שוין געהאַט וועמען צו־וויסן צו געבן. עס האָט נאָר געקלעקט אַז ס׳זאָל ווער אַריינקומען זיך שושקען מיט זיין מיידל — און שוין זאָלן אַלע מיידל־אויגן זיי נאָכפאָרשן יעדן קער און ווענד... אין געציילטע פאָר מינוטן איז זיך שווער צו אויסהיטן פון אַזויפיל פאַרצווייפלטע בליקן.
ווי נאָר די וואַכלייט זענען אַוועק פון די דראָטן און אַלץ אַרום איז געוואָרן הפקר און פאַרלאָזט, האָט זיך די ערשטע גרופּע געלאָזט אין וועג. פעלא האָט זיך אַזוי שטאַרק געאיילט, אַז ווען איר געליבטער ראַג־נער איז ערגעץ גראַד אין אַזעלכע מינוטן נעלם געוואָרן — האָט זי אויף אים נישט געוואַרט. ער איז אַוועק צו דער פרוי זיך געזעגענען? זאָל ער שוין מיט איר בלייבן! זי האָט געשפּרייזט פאָראויס, אָנגענומען איר קינד פאַר׳ אַ הענטל און צוזאַמען מיט ווייזנבערגן שטיל איבערגעריסן די דראָטן נישט ווייט פון איר באַראַק. נאָך איר איז געגאַנגען ווייזנבערג מיט זיין געליבטער פיקרינערקע. נעבן אים איז געגאַנגען זיין פרוי און אָנגעהאַלטן צוזאַמען מיט אים זייער קינד ביי אַ הענטל. נעבן דער פרוי ווייזנבערג איז געגאַנגען איר געליבטער, לאָלעק ערלעך און זי געפירט אונטערן אָרעם — אַזויווי צו אַ נאַכטיקן שפּאַציר. הינטער זיי איז גע־גאַנגען דער אַלטער ברויט־קאָמענדאַנט פעלדמאַן מיט זיין פרוי, פעלאָס דריטע שוועסטער און זייער זינדל בעניעק. עס האָט זיי אויך באַגלייט דער דאָקטאָר האַנדל מיט רעניאַן, וועלכע האָבן געפירט די אַלטע מוטער און באָבע פון דער משפּחה ביי דער האַנט. די אַלטע האָט נישט געזען ווי אַזוי צו טרעטן איבערן וואַלד — אָבער פעלא האָט נאָך באַוויזן אָנ־צושרייען אויפן דריטן שוואָגער אירן פון ערשטן מאַן, לאָלעק וואַרקאַ־

וויטשן און אויך ער האָט געהאָלפן דער אַלטער מאַכן שנעלערע טריט...

נאָך דעם גאַנצן משפחה־פּלאָנטער פון ווייסן הויז, וועלכע האָבן זיך געהאַלטן צוזאַמען, האָט זיך אַ לאָז געטון די צווייטע גרופּע פון קאָמענ־דאַנטן און פּאָליציי. זיי האָבן אויפגעריסן די דראָטן אויף אַ צווייט אָרט, אַביסל ווייטער, און זיי האָבן זיך ערשט געדאַרפט צוזאַמענטרעפן טיף אין וואַלד, ווען די הויפּט־סכנה וועט זיין אַריבער. מיט זיי איז געגאַנגען דער קאָמענדאַנט פון פּראָוויאַנט הערצקע לעדערמאַן מיט זיין גאָלד־האָריקער קוזינע, קויפמאַן מיט זיין קראַנקעווערין, מאַרעק מיט זיין וואַרשעווער טענצערין, די פּאָליציאַנטן איטשקע, מאַניעק און זייערע נאָענטע.

אַביסל ווייטער פון זיי, אויפן דריטן אויפברוך פון די דראָטן האָבן זיך אַ לאָז געטון די דריטע גרופּע מיטן וויצע־קאָמענדאַנט פעלדמאַן און אהרן טשאַק בראש. אהרן איז געווען פון זעלבן געגנט און געוווסט יעדעס שטעגעלע אין די וועלדער. ער האָט געזאָלט איינאָרדענען זיין גאַנצע פּאַרטיי־גרופּע ביי שכנותדיקע פּאָליאַקן וואָס ער האָט געקענט, ביז די רויטע אַרמיי וועט אַריינמאַרשירן...

ווי נאָר די ערשטע דריי גרופּן האָבן זיך אַ לאָז געטון אין וועג — האָבן עטלעכע באַראַקן דערשפּירט אַז די דאָזיקע נאַכט־וואַנדלונג טראָגט עפּעס אַ סוד מיט זיך. עטלעכע דרייסטערע זענען אַרויס און דערזען די מאַסן־באַוועגונג צו די דראָטן. אַזעלכע האָבן שוין נישט געוואָלט צוריק־גיין אין באַראַק נאָר זענען מיטגעשלעפּט געוואָרן אין וואַלד אַריין. דאָס האָט געווירקט אויף די אַנדערע. אין געציילטע מינוטן האָט זיך געטראָגן אַ פּורכטיק שושקעריי פון איין באַראַק צום צווייטן אַז די רויטע אַרמיי האָט אָנגעהויבן אַן אָפענסיווע אויף ראַדאָם. מען דאַרף זיך נאָר אַרי־בערבאַקומען עטלעכע דרייסיק קילאָמעטער און מען איז שוין באַפרייט. מען מוז נאָר גוט וויסן דעם וועג... סיי ווי איז קיין גרויסע סכנה נישט פאַראַן, ווייל אַלע דייטשן האָבן זיך אויסבאַהאַלטן... אפילו די דראָטן האָבן זיי געלאָזט אויף הפקר און זענען אַוועק זיך ראַטעווען די אייגענע הויט... דאַרף מען אויסנוצן די געלעגנהייט!

די וואָס זענען געווען אַביסל פּאָרזיכטיקער האָבן נאָך געוואַרט ביז מען וועט הערן די ערשטע שאָסן... אַזוי ווי די מחנות האָבן אָבער געצויגן אַן אויפהער און עס איז קיין איין שאָס נישט געקומען — זענען זיי גע־וואָרן דרייסטער, אָנגעהויבן צו גלויבן אין אַלע נסים וואָס אַ געדאַנק קען נאָר אויסטראַכטן... מיט זיי האָט זיך אויך געפונען דער קאָמענדאַנט

ראגנער. ער האָט זיך די לעצטע מינוט אויסגעהיטן פון פעלאָס אַוואַנטורע. ער איז מכלומרשט אַוועק זיך געזעגענען מיט דער פרוי. ווען ער האָט געהערט אַז אַלץ גייט צו רואיק ביי די דראָטן איז ער אַוועקגעלאָפן נאָך דער קאָמענדאַנטן־גרופּע. ער האָט טאַקע געזען אַז די דראָטן זענען פריי, דער וואַלד איז אויך נישט באַוואַכט, הפקר... האָט ער ערשט דאַן פאַרשטאַנען אַז פעלא האָט אַלץ איינגעאָרדנט ביז אַ האָר... בלויז זי מיט איר גרופּע האָט ער שוין מער נישט אָנגעטראָפן. ער איז דערפאַר שנעל געקומען צו לויפן צוריק אויסזוכן זיין פרוי, אָבער ער האָט זי נישט געקענט מער געפינען אינעם פינצטערן ווירוואַר פון לאַגער... טאַקע פון אים האָט מען זיך דערוווסט אַז ער איז שוין געווען גאָר ווייט אין וואַלד און קיינער שטערט נישט, קיינער פרעגט נישט... די קאָמענדאַנטן איז שוין אפילו געלונגען צו פאַרשווונדן...

דאָס האָט אָנגעצונדן אין באַראַק נאָכן צווייטן. מען האָט זיך אַרומגעזען אַז באמת איז שוין מער טאַקע קיינער פון דער אָנפירערשאַפט נישטאָ... דער קאָמענדאַנטן־באַראַק איז געשטאַנען אויפגעריסן און ליידיק... איז אויב זיי זענען געלאָפן — האָבן זיי געוווסט וואָס מען דאַרף טון... מוז מען זיך ראַטעווען כל זמן עס איז צייט!

האָבן טאַקע אין יענער נאַכט אַוועקגעוואַנדערט איבער אַכט הונדערט ווערק־צעניקעס דורך די אָפענע דראָטן אין וואַלד אַריין.

— 2 —

ווען מעכעלע האָט זיך אַריינבאַקומען אין דעם ערשטן באַראַק פון דער ריי האָט ער אפילו נישט באַמערקט ווי נאָענט ער שטייט צו די לאַגער־דראָטן. אַלץ איז נאָך געווען איינגעהילט אין דער זעלבער שטילקייט און עס האָט זיך געוואָלט פאַרגעסן אַז די דראָטן נוצן נאָך אויף עפּעס. ווער דאַרף דען איצט טראַכטן פון זיי, אַז סייווי זענען זיי אומעטום אויפגעריסן און ווער עס וויל גייט דורך זיי אַריין און אַרויס? זיי האָבן שוין זיכער זייער ראָל אָפּגעשפּילט. ווער נאָר עס וויל — טרעט אויף זיי, רייסט זיי איבער... נאָר ער... ער האָט נישט געוואָלט!

נאָכן אָפּליגן אַ האַלבע שעה אויף זיינע איצטיקע ברעטער האָט ערשט מעכעלע געפונען צוריק זיין גאַנצע אינערלעכע רו. ער האָט נישט געוווסט וויפל דער זייגער איז איצט. עס זענען נאָך זיכער פאַראַן אַ פּאָר

שעה צו טאָג. מען וואָלט נאָך געקענט זייער אַ סך אָפּגיין אין פאַרלויף פון דער נאַכט. שוין איצט וואָלט ער געוועזן גאָר ווייט... ווער ווייסט? אפשר איז שוין דער גאַנצער לאַגער אָט־דאָרטן?... זיי גייען מונטער און פריילעך די, וואָס האָבן זיך אַרויסבאַקומען פון דאַנעט... בלויז ער וועט דאָ ליגן ביז די דייטשן וועלן מאָרגן קומען... זיי וועלן זוכן איבער אַלע באַראַקן ביז זיי וועלן אים געפינען. דאָס וועט זיי איבערראַשן. דערנאָך אָבער וועלן זיי אַרויספלאַצן מיט אַ גרויס געלעכטער אויף אַזאַ יידישן נאַר... זיי וועלן נאָך לאַנג חוזק מאַכן איבער אים ביז זיי וועלן אים דער־שיסן... דאָס איז אַלץ!

אים אַרט אפילו נישט די דייטשנס מאָרגנדיקער שפּאַט. וואָס קען אים שוין אָנגיין? ער וועט זיי אפילו אָפּענטפערן... יאָ, וואָס אָפּצוענט־פערן האָט ער זיי נאָך נישט. וואָס זאָל ער זיי זאָגן? אַז ער איז אַ פּחדן? אַז ער׳ האָט זיך געשראָקן פאַר דער קויל? פאַר דער ביינאַכטיקער וואַלד־פינצטערניש? דערמיט וועט ער אָפּשלאָגן דעם שפּאַט זייערן? אָבער נישט דערפון קען איצט מעכעלע טראַכטן. דער געדאַנק אין אַזעלכע מי־נוטן קען נישט זען און באַטראַכטן פאַראויסדיקע סיטואַציעס. ער קען נאָר אויפנעמען דאָס וואָס קומט פאַר א י צ ט, טאַקע נישט ווייט פון דאַנעט... און דאָ איז איצט אַזוי מחיהדיק שטיל! דער וואַלד שווייגט נאָך אַלץ, די גרינע מנוחה יאָגט אַהער אַזאַ פריש ווינטעלע וואָס טו־ליעט זיך, בייגט זיך הכנעהדיק און עס לייגט זיך ביי זיי צופוסנס... מסתמאָ שפּרייזן זיי אַזוי, דער גאַנצער ווערק צע מיט די קאָמענדאַנטן צוזאַמען אויף דער פרייער לופט... זיי גייען איצט שוין גאָר טיף אין וואַלד. די ביימער פון אַלע זייטן זענען צעשטעלט אַרום זיי ווי גבורה־דיקע שומרים און אפשר... אפשר האָבן זיי זיך שוין דאָרט אָנגעטראָפן אויף פּאַרטיזאַנישע נעסטן?

אין זיין עלנטער פאַנטאַזיע זעט שוין מעכעלע ווי גאַנצע מחנות פון באַוואָפנטע לייט גייען אַרויס אַנטקעגן די אַנטלויפנדיקע... מען כאַפּט זיך מיט זיי אַרום, מען קושט זיך און מען פירט זיי אַריין אין אַזעלכע גאָר טיפע היילן... דאָרטן פלאַקערן פריילעכע פייערלעך אַרום וועלכע מען זעצט זיי אַרום, מען ציט אַרויס שטיקער געבראָטן פלייש און פלעש־ער שנאַפּס... מען דערלאַנגט עס יעדן איינעם פון זיי... און איינער, אַן עלטסטער גייט אַרום מיט אומרואיקער פרייד און צעטראָגן... ער גיט עפּעס אַ באַפעל עמעצן און באַלד נעמט מען אַריינטראָגן יעדן איי־

נעם אַ ביקס און אַ מונדיר... פון אַלע זייטן נעמט מען באַגריסן די נייע מחנה:

— גוט וואָס איר זענט געקומען!... איצט וועט מען האָבן אַ גאַנצע אַרמיי... מ׳וועט קעמפן צוזאַמען... אָט שוין מאָרגן פאַרטאָג הייבט זיך דאָ אָן דער פראָנט — — —

מעכעלע וואַרפט זיך אויפן געלעגער פאַר כעס, אַנגעהיצט פון די דאָזיקע ווערטער. ער מוז סיווי האָבן היץ... דער צעשטאָכענער פוס רייסט שטיקער. דאָס בלוט אונטערן אַרומגעוויקלטן האַרטן פּאַפּיר וויל נאָך אַלץ נישט צוטריקענען און פלייצט אַזוי... אָבער נאָך מער שטעכן די ווילדע מחשבות וואָס פאַלן אויף אים אָן... ער וואָלט זיך איצט אַליין געשלאָגן, געפייניקט, געריסן שטיקער: טאַקע אַזוי? פאַרוואָס איז ער נישט גע־לאָפן ווייטער!? פאַרוואָס איז ער צוריקגעלאָפן? איז ער דען זיכער אַז דאָס קומט איצט נישט פאַר אַזוי ווי ער זעט עס איצט מיט דער פאַנ־טאַזיע אויפן האַרטן ברעט? און וואָס איז איצט? ער איז אַליין... אַליין... אַ פאַרוואָרפענער, אַן אָפּגעריסענער... ווען האָט ער דען נאָך דאָ אין לאַגער? און ווען האָט ער דען אויף דער וועלט? ס׳איז אים אַ שאָד געוועזן... געשראָקן זיך... פאַרוואָס האָט ער געצימערט? וואָס איז אים דאָ אַ שאָד געוועזן? די פאָר מינוטן לעבן ביז פאַרטאָג? אפשר זאָל ער נאָך איצט זיך אַרויסכאַפּן פון באַראַק און גיין? זאָל ער זיך שלעפּן מיטן פאַר־שטאָכענעם פוס אין דער וואַלדיקער ליידיקייט, אַבי דאָ מער נישט צו בלייבן... ער קען נאָך באַווייזן ערגעץ אָנצוקומען. ער וועט גיין ווו די פיס וועלן אים טראָגן... ער וועט שוין אויסשמעקן... נאָר דאָרט זענען דאָך שוין אַלע גאָר ווייט... ביי וועמען וועט ער פרעגן? ווער וועט אים ווייזן? ווער וועט אים אויפנעמען אַליין?

עס דוכט זיך איצט מעכעלען אַז אַלע, ווער עס זאָל זיך נאָר איצט נישט געפינען אין וואַלד, איז איצט באַשעפטיקט מיטן אויפנעמען און טרייסטן די אַנטלאָפענע... אַלע זיצן גאָר איצט אין די באַהאַלטענע לע־כער און קעלערס און פאַרנעמען זיך מיט דער נייער אַרמיי וואָס זיי האָבן איצט צוריק ווידער באַקומען... מען גיט זיי עסן און מען לערנט זיי וואָס ווייטער צו טון... דערפאַר וועט דער וואַלד זיין פוסט לאַנגע שעהען און אפשר טעג. קיינער וועט אים מער נישט זען, נישט אויפנעמען און ער וועט זיך אַרומדרייען אַליין ביז אַ יעגער וועט אים אָנטרעפן...

עפּעס אַ ברום פון אַ צווייטער קויקע רייסט איבער מעכעלען פון די

מחשבות. זע נאָר, ער איז דאָך דאָ אויך נישט אַליין! ער האָט זיך גענו־מען איבערקוקן איבער די חושך־פאַרוויקלטע פריטשן און ער האָט אויפ־אַמאָל דערזען, מעכעלע, אַז דאָ געפינען זיך עטלעכע צענדליק נפשות. זיי ליגן נאָר איינגעוויקלט אין דער אייגענער שרעק און אין דער אייגע־נער שטומקייט, אָבער זיי זענען דאָ! קען זיין אַז נישט אַלע לעבן נאָך. אפשר זענען טייל דערשטיקט געוואָרן אָדער אָפּגעשטאָרבן פאַר שרעק. אָבער זיי זענען ד אָ און ער איז נישט דער איינציקער וואָס איז דאָ פאַראַן. שאַ, ער דערמאָנט זיך דאָך: גאַנצע פיר לעבעדיקע יונגעון זענען דאָך אפילו אַריינגעפאַלן אַהער צוזאַמען מיט אים!

די פּאָר מענטשן אויף די פריטשן דערשפּירן אויפּאַמאָל פון וואָס מעכעלע קען איצט טראַכטן. קען זיין אַז זיינע געדאַנקען האָבן זיך גאָר אַריבערטראָגן צו זיי, אָדער צום גאַנצן װערק צע. אויב דאָ זענען נאָך פאַראַן לעבעדיקע — מוז מען נ אָ ר אַזוי טראַכטן. קיין אַנדערע מחשבות קענען דאָ זיך בכלל אין דער איצטיקער לופט נישט אַרומ־דרייען... טאָקע דערפאַר מסתמא האָט איינער פון די פריערדיקע פיר זיך מער נישט געקענט איינהאַלטן. ערשט איצט האָט מעכעלע דאָס גע־דולד אים צו דערקענען אין קול. דאָס איז דאָך דער גבורהדיקער ראָדע־מער מיט די שוואַרצע וואָנצעס! מעכעלע וויל צוגיין צו אים, אַ פרעג טון עפּעס — אָבער יענער גיט שוין אַ שליידער זיין גיפט פון דער וויטנס:

— עס קרענקט דיך, האַ? עס פּיקט דיר גוט דאָס האַרץ וואָס דו ביזט נישט אַנטלאָפן, וואָס? אָבער וואַרט נאָר אויס... ביזט נאָך נישט פאַרטיק... עס וועט דיך נאָך פרעסן און פרעסן! וועסט זיך קיין אָרט נישט געפינען פאַר ווייטיק... דו וועסט שוין אומיסטן זען! האָסטו גע־הערט? ער, דער חכם עתיק, לויפט צוריק און מיר גאָר קריכן אים נאָך... גלייך אין דער פאַסטקע אַריין... אַז אַלע צוזאַמען האָבן מיר געמעגט פאַר־ברענט ווערן!

מעכעלע וויל אים גאָרנישט ענטפערן. מיינט ער עס אים? קען ער אים דען עפּעס זאָגן, טרייסטן? כאָטש גראָד איצט האָט זיך מעכעלען פאַרוואָלט זיך קריגן מיט עמעצן, אויסגיסן אויף וועמענס קאָפּ די גאַנצע פאַרצווייפלונג מיטן ווייטיק... האָבן זיך די ווערטער צונויפגעלייגט אין געדאַנק אַזוי, אַז זיי זאָלן יענעם בריען, פאַרברענען אים דאָס האַרץ...

דאָס איינציקע פאַרגעניגן וואָלט פאַר אים איצט געווען זיך צו קריגן,

זידלען זיך, רייצן זיך מיט עמעצן... דאָס וואָלט געמאַכט פאַרגעסן אין אַלץ און אפשר וואָלט ער אַזוי אַרום געקענט איבערקומען די נאַכט... און דערצו בעט זיך יענער פשוט מיט די רייד אַז מעכעלע זאָל אים אָפּ־ענטפערן... אפשר וויל יענער אויך דאָס זעלבע בלויז? דאָס האַרץ טוט וויי — וויל מען כאַטש אַז אַ צווייטער זאָל עס גריזשען, אַרויסשלעפּן — און זאָל אויך אַ צווייטער פאַרזוכן דעם טעם דערפון... אפשר וועט מען עס אַליין, ביים ערשטן באַריר, לאָזן אין יענעמס הענט.

מעכעלע באַהערשט זיך מיט אַלע כוחות נישט אַרויסצופּלאַצן אין יענעמס זייט אַריין:

— מילאָ, איך האָב כאַטש אַזוי געוואָלט... עס האָט זיך מיר גע־גלוסט — בין איך צוריקגעקומען... אָבער דו וואָס? אי געלאָפן אין וועג אַריין, אי געוואָלט — און דאָך ליגסטו דאָ... האָ?

ער האָט אָבער דערפילט אין זיך אַזאַ מידקייט ביי וועלכער יעדעס וואָרט איז אַ שאָד. ער איז דאָך דערביי שולדיק אויך! צוליב וואָסזשע זאָל ער דאָ יענעם רייצן? ער איז דען נישט גערעכט? האָט ער זיך אַי־בערגעדרייט אויף דער צווייטער זייט, מיטן פּנים צום באַראַק־פּעגצטערל און געלאָזט יענעם שיטן מיט שטילע ברומערייען, וויפל עס גלוסט זיך אים נאָר אַליין. ער האָט זיך נאָר איינגעקוקט אין די אָנטקעגנאיבערדיקע ביימעו' און געוואָלט אויפכאַפּן יעדן שאָרך פון דער דראָטן־זייט: וועט שוין דאָרט אַזוי כסדר שטיל זיין?

— 3 —

אַ שניידיק־רופנדיקער פייף האָט זיך פּלוצים אַדורכגעטראָגן ווי אַן אומגעזעענער בליץ אין דער דרויסנדיקער לופט... ער האָט זיך אַ צי גע־טון לאַנג, פאַרטראָגן און מיט אַ אַכזריותדיקער בענקשאַפט. דער פייף האָט עפּעס צוויסן געטון פון דער ווייטנס, גערופן און געוועקט... ער האָט זיך געשלענגלט אין דער לופט מיט אַ מעלאַנכאָליש־מערדערישן טריאומף און זיך באַלד אָפּגעהאַקט, ווי ער וואָלט אויסגעגאַנגען פון איי־גענעם ווייטיק. נאָך אים איז געקומען אַ צווייטער, אַ דריטער, אַ צענ־טעו'... זיי האָבן זיך אַלץ נענטער צוגערוקט צום באַראַק ווו מעכעלע איז געלעגן. באַלד האָבן זיך גענומען הערן שטיל־פאַרביישאַרכנדיקע טריט האַרט פאַר די דראָטן. מעכעלע איז געלעגן נאָענט ביי דער וואַנט. מיט

צען טריט ווייטער האָבן זיך געפונען די לעצטע דראָטן, אַרום וועלכע אַזויפיל טריט אין גראָז האָבן איצט אַזוי פלינק פאַרבייגעאיילט... טייל טריט זענען תיכף ווייטער געוואָרן, קוים־הערבאַר געוואָרן... עס האָבן זיך אָבער באַלד דערהערט אַנדערע וואָס האָבן זיך צוגערוקט נענטער און נענטער, האַרטער געוואָרן, זיכערער... מעכעלען האָט זיך אויסגעוויזן אַז דאָס טרעטן זיי אויף זיין קאָפּ...

די טריט האָבן זיך אָנגעשלאָסן איינס אין דאָס צווייטע. עס האָט אויסגעזען אַזויווי מען וואָלט דאָ פאַרלייגט איבערן גאַנצן ווערק צע אַ ריזיקע קייט פון בלויזע טריט וואָס רינגלט אַרום דעם לאַגער. אַהאַ, דאָס פאַרנעמען צוריק די וועכטער זייערע פּאָזיציעס! איצט וועט שוין ווידער קיין לעבעדיק נפש נישט אַרויס פון דאַנעט. וואָס וועלן זיי זאָגן ביים דערזען די צעשניטענע דראָטן? וועלן זיי מאַכן אַ געוואַלד, אָדער זיי וועלן זיך מאַכן נישט־וויסנדיק? וואָס טויג זיי דען די גאַנצע דראָטן, אַז נאָך היינטיקער נאַכט וועט שוין סייווי גאָרנישט זיין מער?

אָבער וועכטערס טוען זייערס. זיי שפּרייזן, רינגלען אַרום דעם לאַ־געו, אַזויווי עס וואָלט דאָ גאָרנישט פּאַסירט. אַלע אָטעמס אין באַראַקל ווערן געפּרעסטער, צוגעצוימטער. מען האָט מורא צו געבן אַ סימן פון לעבן, ווען נעבן קאָפּ גייט אָן אַזאַ גרויליקער מאַרש... וואָס וועלן זיי דען מאָרגן טון מיט די איבעריקע, אויב נישט דערשיסן אויפן אָרט? ווען זאָלן זיי פאַראַנטוואָרטלעך מאַכן פאַרן אויפברוך פון דער היינטיקער נאַכט?

אויך די טראַכטענישן קענען לאַנג נישט געדויערן. אַ שאָס רייסט נאָך מער אויף די וואַלדיקע שווייגעניש. דער שאָס קומט פון גאָר־נאָענט און ער קלעטערט אַרויף מיט חוצפּה גאָר הויך, ביז צו די הימלען. דאָס איז נאָר דער סיגנאַל. אויף אים קוקנדיק נעמט עס דונערן פון האַרבע שאָסן. איינער לויפט נאָך דעם צווייטן, באַגלייט אים און לעכערט דער־ווייל אַריין די איינגעשלאָפענע לופט. ווען שיסט מען דאָ? אָט הילכן שוין ענלעכע שאָסן פון ווייט און פון נאָך ווייטער. דערנאָך הערט זיך קוים אַ געדיכטע שיסעריי, וואָס מוז שוין קומען פון גאָר־גאָר ווייט, ממש פון דעם וואַלדס פאַרבאָרגענע טיפענישן... עטלעכע שאָטנס אויפאַמאָל גיבן זיך אַ ריס פון די בעטלעך:

— מען שיסט!!!

אויף מער רייד סטייעט נישט קיין אָטעם. מען האָט אויך מורא.

עס איז גלייכער נישט צו לאָזן אַרויסקומען פון זיך קיין ברום. פאַלן זיי צוריק צו די האַרטע ברעטער...

ערשט איצט קען מעכעלע באַקומען קלאָרע מחשבות פאַר יענעם אומהיימלעכן געפיל וואָס איז אים באַפאַלן שטייענדיק אין וואַלד. יאָ, ער האָט נישט צוגעלאָזט אַז דאָס דאָזיקע געפיל זאָל זיך ביי אים אין האַרץ אָנטון אין ווערטער... ער האָט עס דערשטיקט, אָבער דאָך האָט ער זיך אומגעקערט. איצט זעט ער עס:

זיי האָבן אָפּגעמאַכט מיט שולצען, מיט די ווערקשוץ, מיט די דייטשן... אַלץ האָט געקלאַפּט! די וועכטער האָבן זייערס באַקומען. די דראָטן זענען געווען אָפן און דער וואַלד פריי... אָבער אָפּקויפן קען מען איינעם, צוויי... קיין גאַנצע דייטשע וועלט קען מען נישט אָפּקויפן! וואָס וועלן זיי זאָגן דערנאָך, ווען עס וועט זיך אַרויסווייזן אַז אַ גאַנצער לאַ־גער איז אַרויס פון די דראָטן און באַוויזן צו פאַרשווינדן? ווי אַזוי וועלן זיי דאָס קענען פאַרענטפערן? וועלן זיי דערמיט קענען זיך אַרויסדרייען, וואָס זיי וועלן ווייזן אַ פּאָר באַנקנאָטן?

נאָך אין וואַלד האָט מעכעלע ראַפּטום דערשפּירט אַז עס טויג נישט. דער וואַלד איז שוין צופיל פריי און די דראָטן זענען צופיל הפקר... ער וואָלט אפשר געלאָפן ווען עס שטייען אַ פּאָר וואַכלייט, היטן די דראָטן נאָר לאָזן אַדורכקריכן פון אויסגעגראָבענע לעכער הינטער זיי. ער וואָלט געלאָפן, ווען אַביסל קוילן זאָלן נאָכלויפן די אַנטלויפער... זאָלן זיי שיסן אין דער לופט, איבער די קעפּ אָדער אין וואַלד אַריין... זאָלן זיי ווייזן אַז זיי טוען עפּעס! דאָס וואָלט שפּעטער געקענט זיין אַ שטיקל דעקונג... און אַז דער פראָנט איז נאָענט וואָלט מען זיי אפשר נישט צופיל פאָר־געוואָרפן... אָבער אַזוי? אַזוי איז עס נישט מעגלעך! מען טאָר נישט! עס איז אַ פאַרלייגטע פאַסטקע...

פריער האָט ער זיך עס דאָרט נישט דערזאָגט, נישט געהאַט דעם געדאַנק אַפילו דערצו. עס האָט אים געצויגן אַריינצולאָזן זיך אין וואַלד אַריין, בלויז דערפאַר ווייל דאָרטן גייען אַלע, ווייל זיי וועלן באַלד זיין דאָרטן... דאָס פריקרע געפילעכל האָט אים אָבער פאַראַליזירט דעם גאַנג, אים צוריקגעשליידערט... ערשט איצט פאַרשטייט ער וואָס עס האָט אים געוואָלט זאָגן:

— דאָס האָבן די דייטשן מיט זייערע צוהעלפער נאָר געוואָלט אַרויס־באַקומען אַזאַ ריזיקע צאָל מענטשן אין אַ הפקרדיקן שטח... דער אָפּמאַך

איז געשלאָסן געוואָרן, דער לוין איז געגעבן געוואָרן — אָבער דערביי האָבן די וועכטער געוווסט איין זאַך: די אַלע פּאָליציאַנטן, קאָמענדאַנטן, אַנטלויפערס האָבן זיכער צוגעגרייט זיך פאַר אַזאַ שעה. זיי האָבן געזאַמלט פאַרמעגנס און אָנגעקליידט זיך אין די בעסטע מלבושים און שטיוול... אין לאַגער קען מען זיי ביז דער לעצטער סעקונדע גאָרנישט טון... אַלע מעגן רויבן — אויסער זיי. מען דערשיסט און פאַרטיק! זיי זענען בלויז די תּליינים, די אויספירער פון דער בלוטיקער אַרבעט... ירשענען וועלן אָבער אַנדערע! דערפאַר אָבער זעט עס אויס גאָר אַנדערש ווען יענע געפינען זיך שוין אין וואַלד און קיין מענטש טאָר זיי מער נישט אָנזען... דאַן קען מען זיי דערשיסן, אַראָפּציען פון זיי די שטיוול און אַלץ וואָס זיי האָבן. מען קען ביי זיי צורויבן און האָבן אויף לאַנגע צייטן צו שכורן און צו הוליען. דערצו קען מען נאָך האָבן אַ באַזונדערע אויסצייכענונג פאַרן כאַפּן אַנטלויפנדיקע יידן אין וואַלד, וואָס האָבן שוין צוזאַמענגעשטעלט אייגענע פאַרטיזאַנער־באַנדעס... פאַרוואָסזשע זאָל מען נישט אַוועקגיין פון די דראָטן אויף אַ שעה? פאַרוואָס זאָל מען זיי נישט לאָזן לויפן, רודערן און איינפּאַקן דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון אַלע לעבער מיט זיך? אַז דערצו נאָך קען מען מאַכן מיט זיי אַ סוף אויף אַזאַ בכבודיקן אופן און עס זאָל נאָך זיין אַזאַ פיינער תּירוץ?

ווי קלאָר דאָס איז אים איצט געוואָרן, מעכעלען, בעת דער שיסעריי! כאָטש נאָך איצט וויל ער עס נישט צולאָזן צום גלויבן זייגעם... ער וויל נישט מפקיר זיין אַזויפיל לעבנס זיין שרעקלעך־צעהוליעטער פאַנטאַזיע... ווען האָט ער דען דאָרטן נישט? זאָל מען זיי טאַקע אַלע איצט אויסראָטן? זאָלן אַלע טאַקע האָבן זיך געלאָזט אַרויסנאַרן מיט זייער גאַנצער קלוגשאַפט דורך אַ פּאָר שכורים? האָבן זיי געשטעלט אַלצדינג אויף דער קאָרט צוליב אַ פּאָר צוזאָגן, וואָס זענען טייער באַצאָלט געוואָרן?

מעכעלע טרייבט פון זיך האַסטיק די אָנגעפאַלענע טראַכטענישן און ער ווייסט דאָך אַז דאָ קען נישט אַנדערש זיין. ערגעץ גאָר ווייט האָט צעברענט זיך אַן אָנגעצינדן פייערל און געוואָרפן בלייכע פייערשיינען ביז צום פענצטער פון דערשראָקענעם באַראַק. די שאָסן האָבן זיך גענומען איבערקרייצן איבער דער נאַכט. עס האָבן זיי באַגלייט ווייטע אויסגעשרייען פון נצחון געמישט מיט רציחה. מעכעלע איז געלעגן און איינגעהערט זיך. אויך דער ברומענדיקער ייד איז פּלוצים איינגע־

שטילט געוואָרן און מעכעלע האָט מורא געהאַט זיך אָפּצושטעלן ביי דער פּריטשע זיינער, כאָטש עס האָט זיך אים געגלוסט מיט עמעצן אַ וואָרט אַרויסצורעדן, הערן אַ מענטשלעך קול...

די שיסערייַ האָט זיך דערווייל אַלץ מער און מער צעפּלאַקערט אין דער לופט. עס האָט געגומען אויסזען אַז דער הימל ברענט און די פינ־קען וועלן זיך באַלד אַראָפּלאָזן צו אַלע באַראַקן און זיי אונטערצינדן. די קולות פון די פאַרשכורטע וועכטער האָבן זיך אָפּגעגעבן פון דער וואַלדי־קער זייט. זעט אויס אַז זיי זענען אַוועק אויף דער יאַגד נאָך די אַנט־לאָפענע וועלכע זיי האָבן אַליין אַרויסגעגנאַרט. אָבער ווען מעכעלע האָט זיך צוגעשאַרט צום פענצטערל און געוואָלט אַ בליק טון וואָס עס טוט זיך אויף יענער זייט דראָטן, האָט ער באַמערקט אַ בייז געשטאַלט אין אַ מונדיר, וואָס האָט געהאַלטן זיין ביקס אויסגעשטרעקט און ער האָט אַריבערגעבליקט אינעווייניק אַריין. מעכעלע האָט נישט געוואָלט דער־זען ווערן און ער האָט זיך צוריקגעשליידערט הינטערווייל. קיינער פון די ליגנדיקע אויף די נאַקעטע געלעגערס האָט אים גאָרנישט גע־פרעגט. אויך ער אַליין האָט נישט געוואָלט גאָרנישט זאָגן, נאָר זיך אַוועקגעלייגט אויף אַ ברעט און געשוויגן. עס האָט אויסגעזען ווי אַ גרויס קבר פון ברעטער וווהין לעבעדיקע האָבן זיך דאָ אַריינגעלייגט און זיי מאַכן זיך טויט נאָך איידער זיי שטאַרבן.

— 4 —

דאָס וואָס קיינער פון די ליגנדיקע אין באַראַק וואָלט זיך איצט נישט פאָרגעשטעלט פאַר אַ מעגלעכקייט, איז פלוצים געשען. די טיר פון באַראַק האָט זיך לאַנגזאַם גענומען עפענען ברייטער און ברייטער דורך אַ טונקעלער האַנט. אַלע זענען געלעגן פאַרשטאַרט און מורא געהאַט זיך אָנצורופן מיט אַ וואָרט. אויך דאָס געשטאַלט פון יענער זייט טיר האָט זיך געוואַקלט, אויב עס זאָל אַריינגיין אַהער אָדער נישט. באַלד האָט עס זיך דעצידירט און אַריינגעלאָפן מיט אימפעט. דאָס איז געווען אַ הויכע, עטוואָס געבויגענע פיגור, וועלכע איז אויסגעקומען מעכעלען אומבאַקאַנט. עס איז פאַר אים נישט מעגלעך געווען צו פאַרשטייז ווו דאָס דאָזיקע געשטאַלט האָט געקענט זיין ביז איצט און ווי אַזוי ער האָט געקענט צוקומען ביז אַהער. אין דער איומדיקער שטילקייט פון

באַראַק־צימערל האָט זיך געלאָזט גלויבן אַז דאָ האָט דער מלאך־המות אַליין זיך איצט אויסגעזוכט אַ באַהעלטעניש פאַרן פלאַקערדיק־צעשאָסענעם דרויסן.

ביים קאַרגן שיין וואָס די ווייטע העלקייטן האָבן אַנגעטראָגן אין חדרל האָט מעכעלע געזען אַ לאַנגן, אויסגעדאַרטן פאַרשוין, איינגעהילט אין אַ שוואַרצער קאַפּאָטע, וואָס שולצע האָט מיט אַ וואָך פריער אויסגעטיילט פון מאַגאַזין. דער מענטש האָט איצט נערוועז געפלאָטערט מיט די זיידענע קאַפּאָטע־פּליגל אין אַלע זייטן. עס האָט אויסגעזען ווי ער וואָלט געמאַכט דעם לעצטן פּרווו אַ פלי צו טון דורך דער סטעליע אין דער הויך. ער האָט זיך דערביי געצויגן מיט די הענט צום סופיט, געוואָלט נאָך העכער ווערן און פּלוצים זיך אַ וואַקל געטון פון אָנגעשטרענגטער שוואַכקייט. ער האָט זיך דערפאַר אַוועקגעזעצט אויפן ראַנד פון אַ בעטל און אַזוי געבליבן זיצן, איינגראָבנדיק זיין קאָפּ צווישן די לאַנגע הענט. מעכעלען האָט זיך אויסגעוויזן אַז די אבלות אַליין פון גאַנצן לאַגער האָט זיך צוזאַמענגעקנעטן אין איין געשטאַלט און איז געקומען אויסזיצן עטלעכע שעה שבעה מיט די לעבנגעבליבענע.

וויפל מעכעלע האָט זיך נישט געשראָקן פאַרן דאָזיקן ווילד־פרעמדן האָט ער זיך דאָך צוגעשאַרט אויף די קני צו יענעם, אָפּגעשטעלט זיך האַרט נעבן אים און אַ צי געטון: ,

— פון וואַנען קומסטו דאָס איצט?

יענער האָט אַ מינוט געשוויגן און מיט אַ מטורף קול דערנאָך אָפּגעענטפערט:

— פון אַ לאַך... געלעגן דאָרט... און — מ'שיסט!!! הערסט ווי מען שיסט? אַלעמען דערשיסט מען איצט! און אונדז אויך... אונדז אויך...

די אימה האָט צוריק מעכעלען פאַרשטאָפּט דעם האַלדז. ער האָט מער נישט געקענט פרעגן. בלויז דער ראָדעמער מיט די שוואַרצע וואָנסעס האָט געפינען מוט אין זיך אים צו פרעגן שטילערהייט מיט אַ שטרענג קול:

— ווער ביזטו? זעסט דאָך אויס ווי אַ שד... אַ שאָטן... וואָס זוכסטו ביי אונדז?

דער מענטש האָט וויזט אויס דערהערט זיין פראַגע. געענטפערט האָט ער אָבער סתם אַזוי, צו קיינעם נישט, נאָר אין חלל אַריין:

— שאָטנס זענען מיר אַלע... און שדים האַלטן ביקסן און שיסן...

פון זיינע רייד איז די אימה נאָך האַרבער געוואָרן, שטיקנדיקער. מעכעלען איז קלאָר געוואָרן אַז דאָ האָט מען צו טון מיט איינעם וואָס איז גערירט געוואָרן אויפן מוח אין דער היינטיקער נאַכט. מען דאַרף אים לאָזן רוען, נישט מאַטערן מיט קיין רייד ווייל ער קען דאָ באַלד אויסברעכן מיט געשרייען. ער האָט אים דערפאַר געלאָזט צורו. דער אומבאַקאַנטער האָט זיך אָבער לאַנג נישט געקענט האַלטן אויף זיין גע־זעס. ער האָט זיך אויפגעשטעלט, געמאַכט אַ פּאָר שפּרייז ביז אין מיטן צימער און עפּעס גענומען צוברומען מיט אַ ניגון... זיין קול איז איצט געווען לויטער, נגינהדיק און אַ ניגון האָט ער געזינגען וואָס האָט גע־טראָגן אַזויפיל שרייענדיקן טרויער אין זיך, אַז אַלע הערצער אינעם באַ־ראַקל האָבן זיך אָפּגעשטעלט. זיין שטימע האָט זיך געשטיקט, געצווימט, נישט געוואָלט אויסברעכן מיטן גאַנצן יאָמער, וואָס האָט זיך אין איר געדרענגט — דערפאַר אָבער האָט זיך אין יעדן ברום אָנגעזאַמלט אַזוי־פיל יסורימדיק געזאַנג, אַז אויך מעכעלע האָט געפילט ווי אַלץ אין אים וויינט מיט פאַר ווייטיק... דאָס ערשטע מאָל קומט מעכעלען אויס צו הערן אַזאַ מין ניגון... זעט אויס אַז דאָס האָט דער דאָזיקער שאָטן אים אַליין אויסגעקלערט ביים אַרומלויפן ווי אַ געיאָגטע חיה אין דער פינצ־טערניש.

דאָס זינגען איז ביי אים נישט העכער געוואָרן, דערפאַר האָט עס זיך אָבער געשטאַרקט אין אים, געריסן שטיקער און צעטרייסלט אים. ער' האָט מער גאָרנישט געפילט ווייל די יסודים פון דעם ניגון האָבן אים איינגעשלינגען, אַריינגעצויגן אין זייערע פאַלדן. דער פאַרפייניקטער עקסטאַז האָט אים נאָר געלאָזט אויסציען די הענט צום סופיט, שטרעקן זיך ערגעצווו און אויסזינגען די ווערטער וואָס ער האָט שוין געהאַט צוזאַמען מיטן ניגון. יעדעס וואָרט איז געווען אַן אויסגעשריי, אַ דראָאונג צו עמעצן און דערביי אויך אַ שטיל, גלויביק געבעט...*

---

באַמערקונג פון מחבר: ביים צוגרייטן דאָס בוך צום דרוק האָב איך אויסגעזוכט אין מיין אַרכיוו אַ פּאַפּירל מיט אַ נאָטיץ, וואָס כ'האָב נאָך געמאַכט אין בוכענוואַלד עטלעכע חדשים נאָך דער דאָזיקער תשעה באָב־נאַכט. צוזאַמען מיטן טעקסט פונעם דאָזיקן ליד איז אויך דאָ מיין צושריפט:

„...אין יענער נאַכט בין איך געלעגן אויף דער פּריטשע. עפּעס אַ פּרישער, אומ־באַקאַנטער „מוזולמאַן" איז אַריינגעקומען און זיך צוגעלייגט אין דער פינצטער דאַ־נעבן. ער האָט פאַר זיך עטלעכע מאָל אויסגעזונגען דאָס ליד לויטן אַלף־בית ביז תיו.

די ווערטער מיט די סטראָפן האָט ער געהאַלטן אין איין איבער־חזרן פאַר זיך און ער איז נישט מיד געוואָרן צו שטיין אַזוי אַ האַלבע שעה, אַ שעה און זיי כסדר צו זינגען. ער אַליין איז נעבן זיין געזאַנג בטל געוואָרן, אויסגעגאַנגען און נישט געוואָלט אַפילו פרוון אומקערן זיך צום לעבן פון פינצטערניש און באַראַק־אָטעם... ביסלעכווייז האָט אויך מעכעלע אויפגעהערט זיך איינצוהערן צו דער שיסעריי אין דרויסן, צו די אייגענע קלערענישן... אויך ער האָט גענומען מיטברומען, מיט־זינגען דאָס וואָס דער אומדערקענטער שאָטן האָט דאָ געוואָרפן אין דער לופט. פון אַלע פריטשן האָבן זיך אויפגעזעצט די ליגנדיקע און געטון דאָס זעלבע וואָס מעכעלע. זיי האָבן זיך איינגעהערט, איינגעהערט — ביז אויך זיי האָבן גענומען שטילערהייט מיטברומען פאַר זיך די ווער־טער' ווי אַ תפילה. דעם שוואַרצן געשטאַלט איז דאָס זעט אויס געווען צום האַרץ און ער האָט זיך נאָך מער צעפּאָכעט מיט די הענט, פאַרגאַנגען זיך אַלץ טיפער אין זיין ניגון און נאָך מער גענומען אויסציען יעדעס וואָרט, יעדעס פעלדעלע פון דעם וויינענדיקן געשריי; דאָס האָט ער גע־נומען דעם גאַנצן יידישן אלף־בית און פון אים געמאַכט אַ משונהדיקע קינה, אַזאַ אָנקלאַגע קעגן גאָט און דער וועלט...

איצט איז ער נאָך געוואָרן אַ שליח־ציבור פון אַ תפילה וואָס אַלע קענען. ער שטייט נאָר ביים עמוד און שיסט אַרויס מיטן ערשטן פסוק:

א ל ף ! אוי וויי! געוואַלד און געש־רי־גן!<br>
די גאַנצע וועלט לעבט אַזוי פריי —<br>
און מיר מוזן אָט־אָ־דאָ ליגן!?

---

איך האָב דעם טרויעריקן ניגון איינגעזאַפּט... כאָטש איצט נאָטיר איך עס נישט־אײַנגאַנצן ווי ער האָט עס געזונגען. אפשר וועט דער זכרון און געדולד מיר נאָך דינען צוזאַמענצושטעלן דאָס ליד ביזן סוף".

ליידער האָב איך זיך די ווייטערדיקע ווערטער זינט דאַן נישט געקענט דערמאָנען, נאָר דער ניגון איז ביי מיר פאַרבליבן. איצט ביים איבערגעבן דאָס בוך אין דרוק לאָז איך די ווערטער, אויפגעצייכנטע אין בוכנוואַלד, אַזוי ווי זיי זענען. למען האמת דאַרף איך נאָך אַמאָל צוגעבן אַז שוין דאַן האָב איך געמוזט, צוליבן נישט געני־יעם געדענקען, טייל ווערטער נישט איבערגעבן אַזוי פּינקטלעך ווי דער מענטש האָט זיי געזונגען. דער עיקר איז אָבער אַ געגויער, ווייל דאָס געשטאַלט פונעם זינגער צו־זאַמען מיט זיינע ווערטער האָבן מיך פאַרפאָלגט אַ לאַנגע צייט — און איך האָב דאָס צענדליקער מאָל פאַר זיך געברומט אין משך פון לאַנגע חדשים.

אַלע געלעגערס האָבן שוין איצט אים שטיל נאָכבאַגלייט מיט פאַר־בענקטן ווייטיק:

די גאַנצע וועלט לעבט אַזוי פריי — און מיר מוזן אַט־אָ־דאָ ליגן...

דער מענטש האָט שוין אָבער נישט געוווסט פון קיין אָפּרו. ער האָט איצט נישט געזונגען נאָר געוואָלט אַריינכאַפּן דאָס לעצטע מאָל זיין טענה, אויסשרייען דאָס וואָס אין אים האָט זיך אָנגעקליבן און ער האָט דערפאַר נישט אָפּגעשטעלט זיך ביים שטילן ברומען פון זיינע ענ־לעכע גורלות. ער האָט נאָך איינמאָל געוואָלט אויסווייטיקן זיין ליד ביזן סוף. דערפאַר האָט ער עס געצויגן, געגלעט יעדעס וואָרט און געצויגן עס אָן איין אָטעם־איבעררהאַק:

ב י ת ! בגדים! מיט זיי האָט׳ן טויטע זייער רעכט געטיען און היינט, אוי ווי, אוי ווי און ווי — ווער זאָל זיך ביי זיי מיען?

ג י מ ל ! גלות! שטענדיק האָבן יידן די צרות
ווען די וועלט שלאָגט זיך אַרום — זענען מיר די כפרות
ד ל ת ! די דעה האָבן דאָך שטענדיק די תקיפים
זיי פרעסן און טרינקען און לעבן אַ טאָג — און זענען בגילופין
ה א ! הימלען! פאַרוואָס שווייגט איר דאָס אַצינדערט!?
פאַרוואָס פאַלט איר אויף דר׳ערד נישט אַראָפּ — און מ׳זעט גאָרנישט אייערע וווּנדער?
וו י וו ! וועלטן! האָט גאָט באַשאַפן מיט זיין וואָרט
און בלויז פאַר אונדז, יידעלעך זיינע, האָט ער נישט קיין אָרט
ז יי ן! זע! דו שוכן במרומים!
וויפל יידן מ׳האָט אומגעבראַכט, וויפל אלמנות און יתומים
ח י ת ! חבלי לידה! האָבן מיר פון אַלע זייטן.
מענטשן זענען ווי חיות אין וואַלד, פרעסן איינער דעם צווייטן.
ט י ת ! טויטע! זיי וואַלגערן זיך איבער די גאַסן!
געוואַלד, פאַרוואָס לעבן נאָך ז יי? שינדן דאַרף מען פון זיי פאַסן...

יי ד ! יאָ! גאָט וועט אונדז נאָך אַמאָל הערן!
נעבן אים אין בעכער אַריין, זאַמלט ער די טרערן...

ביים סוף האָבן שוין אַלע מער נישט געקענט. דער ניגון איז גע־

ווערן אַזוי בלוט־פרירנדיק און שטורמיש, אַזוי פּראַטעסטדיק און פול מיט צוזאָגן, אַז די מיילער אַליין האָבן זיך אויפגעריסן. לאַנגע שעהן האָט מען זיך אַזוי געחזרט דעם צוזינג פון די ווערטער וואָס זענען דורך דעם אַריינגעפּאַסט געוואָרן אינעם ניגון אַריין. עס האָט אויסגעזען אַזוי ווי מען וואָלט דאָ מער נישט געהאַט וואָס צו טון נאָר איינצולערנען זיך דעם אומבאַקאַנטנס ווערטער און דעם ניגון וואָס זיין צעפיבערטער מוח האָט דאָ היינט באַשאַפן. האָט מען צום וויפלטן מאָל געטרייסט זיך און די איינגעשלאָפענע נאַכט:

יי די! יאָ! גאָט וועט אונדז נאָך אַמאָל הערן
נעבן אים, אין בעכער אַריין, זאַמלט ער די טרערן...
נעבן אים, אין בעכער אַריין, זאַמלט ער די טרערן!

# קאַפּיטל פיראונפערציק

— 1 —

ווייזט אויס אַז די צייט איז שוין היפּש אָפּגעלאָפן. די שיסערייען אין יענער זייט האָבן זיך ביסלעכוויז איינגעשטילט. דאָ און דאָרט האָבן זיך נאָך געהערט לייכטע אָפּקלאַנגען פון ווייטע, פאַראיינצלטע שאָסן. די היטער ביי די דראָטן זענען געשטאַנען רואיק אויף זייערע ערטער. די וואַך האָט זיך אויך איינמאָל געביטן אַזוי ווי קיינמאָל גאָרנישט. די נאַכט האָט זיך ווידער געצויגן ווי יעדעס מאָל און גאַנץ ווערק צע האָט זיך געהילט אין ווייכן, טונקעלן סאַמעט. בלויז ווען איבערן הימל האָט זיך באַוויזן דער ערשטער ראַנד־פּאַס פון בלוילעכן העל, האָבן זיך גע־נומען הערן האַסטיקע טריט איבערן הויף פון לאַגער.

אַלע זענען ווידער האַרכנדיק וואַך געוואָרן:

— עמעץ גייט אַרום איבערן לאַגער... עפּעס שרייט ער אויס... שאַ!

די שווערע טריט האָבן זיך דערנענטערט צום באַראַק, זיך אָפּגע־שטעלט אַ ווייל. דערנאָך האָט זיך געהערט אַ פעסטער קלאַפּ אין פענצ־טער און אַ כריפּנדיק, געזונט קול וואָס האָט געשריגן אויסגעצויגן און באַפעלנדיק:

— יידן! ווער עס איז געבליבן אין די באַראַקן און ווער עס איז גע־לעגן באַהאַלטן!

יידן, הערט אויס! זייט גרייט צום אַרויסגיין! מען וועט קיינעם גאָרנישט טון... איר דאַרפט נאָר אַרויסגיין אין אַ האַלבער שעה אַרום און לאָזן זיך אָפּציילן... יידן!

מעכעלע האָט דערקענט דאָס קול פונעם גראָבן אַבראַם. איצט האָט ער איבערגענומען די קאָמענדע. אַ ווייל האָבן אַלע געשוויגן און דער גראָבער אַבראַם איז דערוויל געגאַנגען ווייטער. מעכעלע האָט זיך צו־געגנבעט צום פענצטערל און נאָך באַוויזן צו זען דעם גראָבן אַבראַמס קאָפּ. ער האָט איצט געטראָגן אויף זיך אַ פּאָליצייאיש היטל און ער האָט אַריינגעקלאַפּט אין קעגנאיבערדיקן באַראַק מיט אַ לאַנגן שטעקן. מעכע־לע האָט אפילו געהערט ווי ער דערציילט דאָרט עמעצן אַריין דורך אַ פענצטער אויפן הויכן קול:

— יאַ־יאַ! מען האָט זיי אַלע דאָרט אָוועקגעלייגט ביז איינעם... אין וואַלד טאָקע! עס האָט זיך זיי געגלוסט צו לויפן... איך האָב אָבער געוואָרנט...

דער דאַרער פּאַרשוין האָט גראָד געהאַלטן אין מיטן ברומען דאָס ליד ווען אבראם האָט אָנגעקלאַפּט. איז שטום געוואָרן אין מיטן. ער האָט זיך אַ טרייסל געטון, צוגעגאַנגען צו דער טיר און זי אויפגעריסן. איידער עס האָט אים ווער באַוויזן צו זאָגן אַ וואָרט איז ער שוין געווען אין דרויסן. ער איז פאַרשוווּנדן אין דער צווייטער ריכטונג, כאָטש אבראם האָט אים געהאַלטן אין איין נאָכשרייען:

— שטיי! איך וועל דיך ממיתן! שטיין בלייבן!

ער איז אַרונטער הינטער די באַראַקן און קיינער האָט אים מער נישט אָנגעזען. מעכעלע האָט אים שוין שפּעטער אויך נישט געקענט דער־קענען צווישן עולם. קען זיין אַז דאָס איז ער נאָר געקומען איבערלעבן אַ רואיקע נאַכט און דערנאָך איז ער ווידער אַוועק צו זיינס אַ באַזונדער באַהעלטעניש וואָס קיינער האָט נישט אַנטדעקט. קיינער האָט אַ רגע דערנאָך מער נישט געקענט געדענקען אין אים. פון אַלע זייטן האָבן זיך גענומען טראָגן אומדרייסטע קולות, וואָס האָבן אָנגעפרעגט אין שאַרייענ־דיקן דרויסן:

— מעג מען אַרויסגיין, פּאַניע אַבראַם?

דער גראָבער אַבראַם האָט זיך נישט געלאָזט באַעוולהן:

— קודם בין איך איצט קאָמענדאַנט אַזויוי אַמאָל... נישטאָ מער די דאָזיקע... און צווייטנס — מעג מען אַרויסגיין. קיינער איז דאָ נישטאָ אויפן הויף. די וואכמענער וועלן ערשט קומען אין אַ שעה אָדער צוויי אַרום. דערווייל דאַרף איך מאַכן אָרדענונג און אויפשטעלן אַ פרישע פּאַ־ליציי... זיי זענען געלאָפן, די בהמות! עך האָט איר דאָס מזל געהאַט!...

אין הויף האָט זיך צוריק געמאַכט אַ באַוועגונג. נאָך דעם ווי די ערשטע פּאָר מענטשן האָבן באַוויזן דרייסטקייט און אַרויסגעקראָכן — האָבן שוין אַנדערע נאָכגעטון דאָס זעלבע. קיינער האָט סיידוי מער נישט געקענט שלאָפן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז אַ סך האָבן זיך אין מיטן דער נאַכט אַרונטערגעגנבעט ביז הינטער די באַראַק־פונדאַמענטן און זיי האָבן געהאָפט אַזוי אַרום זיך אַרויסצודרייען פון דערשאָסן ווערן. איצט האָבן זיי געהערט רעדן אויף יידיש און זיי האָבן גענומען אַרויסקריכן פון די לעכער מיט קויטיקע פּנימער. דאָס האָבן זיי געמיינט אַז די גע־פאַר איז שוין געננצלעך אַריבער. זעט אָבער אויס אַז נישט אַלע זענען שוין אַרויס פון די באַהעלטענישן. אַנדערע האָבן זיך נישט צוגעגלויבט און נאָך אַלץ געבליבן שטעקן אין די לעכער. דאָס האָט מען דערקענט אין די אַנטוישטע פּנימער פון די וואָס זענען יאָ אַרויסגעקראָכן. זיי האָבן געמאַכט אַ מינע אַזויוי צוריק צום פאַרשווינדן. אַבראַם האָט זיי אָבער געוואָרנט:

— שוטים! מען וועט יענע אויך געפינען... וואָס דאַרפט איר זיך נאָך אַמאָל אָנמאַכן די טרחה?

אין לאַגער האָט גענומען ווערן ליכטיק. אומעטום האָבן זיך געגנור־מען קליינע קרייזלעך, רעדן און עצהנען זיך. דער גאַנצער הויף האָט אויסגעזען ווי אַ באַרואיקט שלאַכטפעלד. איבער אַלע געסלעך האָבן זיך געוואַלגערט פּעק מיט קליידער און עסנוואַרג. דאָס האָבן פּרויען אין לעצטן משוגעת פאַרן לויפן צעשפּרייט זייערע קלייניקייטן, וועש און באַ־צייכנטע בלוזעס. עס האָבן זיך אויך אָנגעזען איבערן וועג אָפּגעטראָגענע הויזן, פּאַפּירן, שווערע מאַנטלען און אַנדערע זאַכן וואָס די אַנטלויפנ־דיקע האָבן פון זיך די לעצטע מינוטן אַראָפּגעוואָרפן. אַביסל ווייטער, צום וואַלד־צו האָבן זיך געוואַלגערט פּאָליצייאישע היטלען. מען האָט צווישן זיי דערקענט ווייזנבערגס היטל מיט די דריי שטערן, פעלדמאַנס היטל מיט די צוויי שטערנדלעך און איבער אַ צענדליק געוועגלעכע היטלען. דאָס האָבן די אַנטלויפנדיקע איבערגעלאָזט נאָך זיך דעם זכר פון זייער

הערשן אין לאַגער. אין וואַלד האָבן זיי עס נישט געטאָרט מיטנעמען און דערפאַר האָבן זיי עס אין דער לעצטער סעקונדע אַראָפּגעוואָרפן פון זיך.

אין דער ערשטער מינוט האָבן די אָוועקגעוואָרפענע פּאָליציי־היטלען דערמאָנט אַביסל אין דער באַפרייאונג. יעדער איינער וואָס האָט נאָך געוואַגט אַמאָל צו פאַנטאַזירן וועגן ווערן באַפרייט האָט זיך צוערשט פאָרגעשטעלט די דאָזיקע סצענע: אַ פּוסטלעכער לאַגער און די היטלען פון דער פּאָליציי וואַלגערן זיך אין מיסט... האָבן טאַקע אַ טייל פאַרגעסן אין דער אייגענער סיטואַציע. נישט קענענדיק נקמה נעמען אין די וואָס האָבן ערשט מיט אַ טאָג פריער געטראָגן די דאָזיקע צייכנס פון מאַכט — האָט זיך דער עולם אַ וואָרף געטון אויף די היטלען, געשליידערט זיי, געוואָרפן אין דער הויך און אַליין נישט געוווסט וואָס מיט זיי צו טון... עס האָט אויסגעזען אַזויווי די אָפּגעהאַקטע קעפּ פון די ווייזנבערגס מיט די פּעלאָס ליגן דאָ צו אַלעמענס פּיס..

ביסלעכווייז האָבן זיך אַרויסגערוקט עטלעכע מענטשן, וואָס האָבן אויך אין די דאָזיקע מינוטן נישט פאַרגעסן אין דער טבע צו מאַכן אַ שפּאָס. זיי האָבן געכאַפּט אַזעלכע היטלען און זיי אָנגעהויבן מעסטן אויף די קעפּ... איינער נאָכן אַנדערן האָבן געוואָלט דווקא וויסן ביי אַ צווייטן, אויב אַזאַ היטל קליידט אים צום קאָליר פון פּנים. עטלעכע האָבן זיך גאָר איבערגערעכנט און זיי זענען אָוועק אין די פּרויען־באַראַקן. דאָס האָבן זיי געוואָלט הערן די מיינונג פון זייערע געבליבענע מיידלעך, ווי אַזוי זיי זעען אויס אין דעם דאָזיקן הולך...

אין געציילטע סעקונדן זענען אַלע אָוועקגעשמיסענע פּאָליציי־היטלען פאַרשוווּנדן געוואָרן. קיינער האָט זיך מער דערויף נישט אומגעקוקט. יעדער האָט איצט געהאַט אַ סך זאַכן צו דערלעדיקן, איידער די דייטשן קומען צוריק אַריין אין לאַגער אַריין. די וואַכן אין דרויסן האָבן זיך בלויז צוגעקוקט מיט אַ שמייכל, ווי אַזוי די אינעווייניקסטע מענטשן שפּילן זיך מיט די נאַרישע היטלען. ביסלעכווייז האָבן זיך אָבער גענומען אַרויסבאַווייזן די זעלבע פּנימער, וואָס האָבן פריער געשפּאָסט. זיי האָבן איצט געטראָגן די פּאָליציי־היטלען מיט אַ שטרענג פּנים און זייערע גלידער האָבן זיך אויסגעצויגן, אַזוי ווי זיי וואָלטן אויפאַמאָל גרעסער געוואָרן... זיי האָבן שוין ערגעצוו געפינען שטעקנס מיט וועלכע זיי האָבן געפאָכעט אין דער לופט און דערביי האָבן זיי גענומען אָפּגעבן באַפעלן,

אַזױװי זײ װאָלטן טאַקע געװען געבוירענע פּאָליציאַנטן. די ערשטע מי־נוטן האָבן טאַקע טייל געמיינט אַז דאָס שפּאַסן זײ נאָך אַלץ. יענע האָבן זיך אָבער אַ װאָרף געטון, גרייט געװען צום שלאָגן איבער די קעפּ — האָט זיך דער דערשראָקענער עולם געבויגן אונטער דער לאַסט און שלום געמאַכט דערמיט.

דער גראָבער אברהם האָט שוין געפונען אין אַ באַהאַלטן אָרט דאָס קאָמענדאַנטישע פּייפל. האָט ער באַפעלעריש אַ קאָמאַנדעװע געגעבן אי־בערן גאַנצן הויף. דאָס האָט ער גערופן די געבליבענע פּאָליציאַנטן. אָבער פון אַלע זייטן האָבן זיך גענומען שיטן פּרעמדע, האַרטע פּנימער װאָס ער אַליין האָט נישט דערקאָנט. דאָס איז פאַר אים געקומען אַזוי אי־בערראַשט, אַז ער אַליין האָט קיין װאָרט נישט אַרויסגערעדט... גוט, אויב ער האָט זיך געמאַכט פאַר קאָמענדאַנט — פאַרװאָס זאָלן זײ זיך נישט מאַכן?

דער גאַנצער עולם װאָס האָט זיך געדרייט אויפן הויף האָט זיך פלו־צים אַװעקגעדרייט אין אַ זייט, פאַרשעמט און אָפּגענאַרט:

— אָט האָסטו דיר... װערק צע האָט צוריק באַקומען פּאָליציי...

— 2 —

מעכעלע איז געװען צװישן די ערשטע, װאָס האָבן זיך אַרויסגעלאָזט איבערן הויף. ער האָט אים נישט דערקענט. מענטשן זענען אַרומגעלאָפן װי צעחושט און װען ער האָט איינעם פון זיינע באַקאַנטע אָפּגעשטעלט — האָט ער זיך עס אַליין נישט געקענט צוגלייבן... יענער האָט געהאַלטן עפּעס פאַרשטעקט אונטער זיין פּאָלע. מעכעלע האָט אַ בליק געטון און דערזען אַ שפּאָגל־נײַ פּאָליציייאיש היטל... מעכעלע האָט געקוקט אויף יענעם מיט אַ פראַגע אין די אויגן... דער געטראָפּענער האָט זיך אָבער אָנגעהויבן פאַרענטפערן מיט אַ צעטומלטן בליק:

— דאָס האָט ז י מיר געמאַכט, מיין מיידל... קען זיין אַז מען װעט אַװעקשיקן ערגעץ, אויף אַ נײַ אָרט... דאָרט װעט מען זיך נעמען צו אַלעמען... אָבער אַ פּאָליציאַנט װעט מען אפשר מער שוינען... געבן בעסערע באַדינגונגען... לעבן לאָזן... אפשר איז זי טאַקע גערעכט? דו װייסט דאָך אַז קיין פּאָליציאַנט בין איך קיינמאָל נישט געװען... דאָס

טראָג איך נאָר אָ מאַסקע פאַר זיך, אָפּצונאַרן די דייטשן אויב עס וועט זיך לאָזן... פאַרוואָס זאָל איך עס נישט טון?

מעכעלע וויל אים גאָרנישט ענטפערן, כאָטש פון מויל רייסן זיך אים אַ סך ווערטער צו זאָגן. וואָס קען ער העלפן דערצו? אָט זעט ער קאָנטשערן מיט שניטבאָומען... אויך זיי זענען נישט אַנטלאָפן. קאָנ־טשער טראָגט שוין אַ פּאָליציייאיש היטל אויפן קאָפּ און קאָמאַנדעוועט און שניטבאָום האַלט עס נאָך הינטער דער פּאָלע... אפילו דער אַלטער, אינטעליגענטער העברעאיסט קאַנדעלעוויטש האָט זיך שוין אויך אַרויפ־געצויגן אַ קיילעכיק היטל אויפן קאָפּ! וואָס פאַר אַ משוגעת איז זיי דאָס באַפאַלן? נאָך איין שעה איז זיכער פאַראַן צו לעבן אַזוי — און מענטשן ווילן די איינע שעה זיך אויך ראַטעווען דורך מאַכט. וואָס איז דען גע־וואָרן פון די פריערדיקע? ווי אַזוי האָבן זיי אויסגעשפּילט?

ער קען זיי גאָרנישט פרעגן, מעכעלע. דאָ האָט זיך נאָך הייגטיקער נאַכט איבערגעקערט דאָס לעצטע ביסל נאָרמאַלקייט. פריער איז ווערק צע געווען אַ תפיסה און היינט איז עס געוואָרן אַ משוגעים־הויז. אַלע זע־נען משוגע געוואָרן נאָך הייַנטיקער נאַכט. ער אויך. גוט, וואָס ער גע־דענקט נאָך אַז היינט איז תשעה־באב אין דערפרי. מען דאַרף אַ קוק טון ווער עס איז געבליבן פון די שכנים זיינע אין די נאָענטע באַראַקן. דוכט זיך אַז עס דאַרפן בלייבן עטלעכע פון זיינע נאָענטע אין דער גרופּע פון 150. דאַרף ער זיי טאַקע זען, איבערלאָזן זיי אַביסל ידיעות וועגן זיך און זיין משפּחה. טאָמער בלייבן זיי לעבן — זאָלן זיי עמעצן צו וויסן טון. מסתמאָ וועט זיך ווער אָפּרופן. זיי וועלן אויך קענען האָבן אַ גוטן סימן פאַר דער יאָרצייט. תשעה באב...

נישט אַלע זענען אַרויס אין דרויסן. אינעם סטאַשעווער באַ־ראַק טרעפט מעכעלע עטלעכע פון די וואָס דאַרפן בלייבן. זיי זענען אָנ־געשטרענגט. יעדער פון זיי האָט אין דער נאַכט ווידער פאַרלוירן עטלעכע פון זיינע נאָענטע מענטשן. נאָר האַלטן מוז מען זיך. נאָך נעכטן פאַר־נאַכט האָט מען זיי געזאָגט אַז די 150 מאַן וועלן מער נישט נעכטיקן אין די דאָזיקע באַראַקן. דעם לאַגער וועט מען אָפּווישן, פאַרברענען... זיי דאַרפן זיך גרייטן אויף היינט צו מאַרשירן אין אַ צווייט אָרט אַריין... גייט זיי נישט אָן וואָס אין דרויסן קומט פאָר. זיי זענען נאָך דאָ פאַ־ראַן, אָבער זיי לעבן שוין נישט מיט ווערק צע. זיי געהערן שוין נישט צו דער דאָזיקער וועלט און איבער זיי האָט שוין נישט קיין שליטה דער

גראָבער אבראָם אָדער אַנדערע, אַליין־געמאַכטע פּאַליציאַנטן. זיי האַלטן זיך שוין באַזונדער, צווישן זיך און קוקן אויף די אַנדערע מיט מיטגע־פיל, מיט באַדויער... אָבער דאָך האָבן זיי שוין איינגעלעבט זיך מיטן געדאַנק אַז די אַנדערע זענען טויט, אויסגעמעקט פון דער וועלט... עס איז דאָ שוין גאָרנישט צו מאַכן! אפילו אַנטלויפן העלפט נישט...

ווען מעכעלע איז אַריינגעקומען צו אַזאַ גרופּע אין באַראַק האָבן אַלע אויף אים געקוקט מיט רחמנות. אָט איז אַ טויטער אַריינגעקומען! ער ווייסט עס נאָך נישט, זיינע אברים ווילן עס נישט אָנערקענען, פּונקט ווי די גלידער פון די נ ע כ ט י ק ע האָבן עס נאָך נעכטן אין דער פרי נישט געוווסט... דאָס העלפט אָבער גאָרנישט! עטלעכע גוטהאַרציקע יינגלעך איז אָבער דער מעכעלע דאָך אַ שאָד. זיי שלעפּן אים דערפאַר אַריין אין אַ ווינקל און האָבן פאַר אים אַ גאָר קלאָרע עצה:

— היינט וועט מען סיי־ווי נישט קענען געגוי אָפּציילן... מען ווייסט דען וויפל עס זענען אַנטלאָפן? טאָ זאָל ער זיך טאַקע באַלד אויפרוימען ערגעץ... זאָל ער פאַרקריכן אין אַ לאָך! עס ליגן שוין סייווי באַהאַלטן אין די צענדליקער... ער דאַרף זיי נאָר זאָגן וווּ ער וועט זיך ווייזן אין אַ טאָג אַרום — וועלן זיי אים שוין אויפזוכן, געבן עסן און זיי וועלן זיך שוין אויך באַמיען אַריינצושמוגלען אין זייער גרופּע... זאָל נאָר איבער־גיין דער לעצטער רעש!...

מעכעלע וויל זיי זאָגן פאַרוואָס ער קען עס נישט טון — און ווייסט נישט ווי אַזוי ער זאָל עס זיי דערקלערן. ניין, ער לויפט נישט! ער באַ־האַלט זיך נישט! זאָל געשען וואָס עס דאַרף צו זיין... היינט שוין זאָל אַ סוף נעמען צו אַלץ! וואָס שפּילן זיי זיך נאָך? פאַרוואָס לאָזן זיי נאָך די פּאָר מינוטן פריי?

אַלע פילן זיך שלעכט צוליב מעכעלעס אויפפירונג. וואָס זענען זיי שולדיק, אַז זיי האָט מען אויסגעקליבן? אַז זיי בלייבן? דאָך בייגן זיי די קעפּ ביים איינפּאַקן זייערע זאַכן אין צוגעפּעסטיקטע פּעקלעך... זיי גרייטן זיך ווייטער צו לעבן, צו טראָגן העמדער און שיך... און וואָס וועט זיין מיט אים? ער איז אַריינגעקומען — און עס מ ו ז זיך טראַכטן פון אים... זיי נעמען זיך אפילו שולדיק שושקען צווישן זיך, באַטראַכטן:

— אפשר...

מעכעלען באַפאַלט פּלוצים אַ כעס אויף זיך אַליין: וואָס איז ער דאָ אַריינגעקראָכן צו זיי? וואָס וויל ער האָבן? זיי האָבן באַקומען אַ שאַנס.

מאַ וועמען זענען זיי שולדיק עפּעס? ס׳איז זייער גליק. דאַרף ער ביי זיי גאָרנישט זוכן, נישט אַריינקומען זיי באַאומרואיקן! זיי קענען סייווי גאָרנישט טון, נישט העלפן קיינעם און זייער בלייבן איז אַן ערלעכער גורל — ווייטער נישט. ער דאַרף איצט גאָרנישט טון, נאָר אַרויסגיין, איבערלאָזן זיי! דאָס וועט זיי צוריק רואיק מאַכן. לאָזן זיי איינפּאַקן זייערע פּאָר זאַכן און וואַרטן ביז מען וועט זיי קומען אַרויסנעמען. ער טאָר דאָ קיין מינוט מער נישט שטיין!

זיין חבר, יחיאל, בלייבט שטיין ביי זיין אָפּן פּעקעלע און די הענט לייגן זיך נישט עס צוצושנירלען. ער שטייט און קען מער גאָרנישט טון. זיין געדאַנק איז איצט פאַרנומען מיט מעכעלען:

— וואָסזשע קען מען פאָרט טון פאַר דיר? עס קען דאָך אַזוי נישט גיין...

מעכעלע דערזעט פּלוצים יחיאלס פּעקל און אַ געדאַנק פאַלט אים איין:

— ווייסטו וואָס? איך וויל דיר עפּעס איבערלאָזן... אָבער זאָלסט עס היטן ווי אַן אויג אין קאָפּ... ראַטעווען זאָלסטו עס און נאָך דער מלחמה זאָלסטו עס געבן... נו, וואַרט! טאָמער וועט זיך עמעץ אָפּרופן פון מיין משפחה איז גוט און טאָמער נישט — לאָז עס קומען צו אַ סך יידנס הענט.

מעכעלע האָט זיך גענומען אָפּשפּיליען די בגדים און צו אַלעמענס וווּנדער האָט ער גענומען אַראָפּציען פון זיך זיינע באַשריבענע העפטן:

— דאָ האָסטו... זאָגסטו מיר עס צו?

ביידע האָבן זיך דערלאַנגט די הענט און געזעגנט. אַלע האָבן אים אָנגעקוקט געווירט. מעכעלע איז שוין איצט געוואָרן רואיק, פריי פון עפּעס אַ לאַסט. עס איז אים אפילו גוט געווען, וואָס אים איז איינגעפאַלן אַזאַ געדאַנק. ער האָט זיך דערפאַר רואיק אַ קער געטון צו די פּאָר היימישע:

— זייט געזונט!

ער׳ האָט זיך אַ לאָז געטון צו דער טיר און אַרויס אין דרויסן מיט אַ מינע פון איינעם וואָס האָט איצט אָפּגעאַרבעט אַ נוצלעך שטיקל אַרבעט און לאָזט זיך דערנאָך אַרויס כאַפּן אַביסל פרישע לופט.

— 3 —

אין לאַגער איז דערווייל אַלץ הפקר געוואָרן. דער גראָבער אבראַם איז טאַקע געוואָרן קאָמענדאַנט, אָבער ער האָט נאָך אַליין נישט געהאַט די גאַנצע זיכערקייט אין זיך. ער האָט עטלעכע מאַן געבראָכן די ביינער, אָבער קיינער ווייסט נישט וואָס שפּעטער וועט זיין און דערפאַר מוז אפילו ער אויך זיין פּאָרזיכטיקער. דערצו ווייסט ער אַליין נישט ווער עס איז נאָך דעם אַלץ פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּאָליציאַנט. אַחוץ אַלע מעשהס האָט זיך דאָ אויך אויסגעהיטן פעלאַס געליבטער, ראַגנער... אים קען שולצע אַלס קאָמענדאַנט און אַלע דייטשן וואָס דאַרפן באַלד אָנקומען ווייסן עס אויך... קען מען טאַקע נישט וויסן. ראגנער אַליין גייט טאַקע שוין אָנגעטון אין אַ ציוויל היטל. זיין פּאָליצייאישן צייכן האָט ער אַוועקגעוואָרפן ביים אַנטלויפן און ער ציטערט איצט מען זאָל עס אים נישט דערמאָנען. ער וועט איצט זיכער שווייגן און זיך נישט זוכן אַרויס־צורוקן... אָבער אַבראַם איז פּאָרזיכטיק. מען דאַרף נאָך וואַרטן!

איבער דער צייט האָט ער זיך דערווייל אַ לאָז געטון איבער די פּוסט־געוואָרענע באַראַקן אויסזוכן וואָס מען קען נאָך געפינען. ער ווייסט סייווי יעדעס אָרט ווו עמעצער האָט געהאַט באַהאַלטן פאַרשידע־נע זאַכן, געלט... ער האָט אויך יעדן געקענט און געוווסט ווו יעדער האָט געוווינט. דער עיקר מוז מען זוכן אין די באַראַקן פון דער פּאָליציי און די קאָמענדאַנטן! צו אים האָבן זיך באַלד צוגעטשעפּעט די פריערדיקע סאַניטאַרן און דער פריערדיקער פּאָליציאַנט בוגייסקי. זענען זיי טאַקע שטילערהייט אַריינגעקראָכן אין די דירות פון ווייסן הויז און אָנגעהויבן אַדורכצופירן אַ גרינטלעכע רעוויזיע, קיינער זאָל נישט וויסן דערפון. די מחנה מענטשן האָט אויפאַמאָל דערזען אַז די פרישע הויפּט־באַפעלער זענען נישטאָ און קיין וואַכלייט זעט מען אויך נישט — האָט מען זיך צעשפּרייט איבערן הויף, געזוכט עפּעס נייעס און דערווייל זיך דער־מאָנט אַז מען איז הונגעריק... זינט נעכטן ביי טאָג האָט קיינער גאָרנישט געהאַט אין מויל און ווער ווייסט אויב עס וועט נאָך מעגלעך זיין עפּעס צו עסן אין אַ שעה אַרום... דאַרף מען זוכן!

עפּעס אַ פּיקרינער וואָס האָט זיך באַוויזן צו ראַטעווען פון שולצעס אויג און פון די סעלעקציעס איז אַרויסגעקראָכן פאַרן עולם. זיין געלקייט האָט אַלעמען איבערראַשט. דער איינציקער וואָס דרייט זיך נאָך אַזוי

אַרום... אויף אים קוקנדיק האָבן זיך אַלע דערמאָנט אַז דאָ איז אַמאָל גע־ווען אַ ווערק צע מיט קאָמענדאַנטן און מאַגאַזינען. דעם פּיקרינערס אויגן האָבן איצט געגלאַנצט מיט אָנגעצונדענעם נצחון:

— חברה... איך האָב שטענדיק נאָכגעקוקט ווו זיי האַלטן די ברויטן... אַלעמאָל האָב איך געפּלאַנט ווי אַזוי זיך אַריינצובאַקומען אין ברויט־מאַגאַזין אַריין און קיינמאָל איז עס מיר נישט געלונגען... הערצקע לעדערמאַן מיטן אַלטן פעלדמאַן האָבן אָפּגעשראָקן... איצט האָב איך עס דערלעבט! איך גיי דער ערשטער!

טאַקע דער געלער יונג האָט דער ערשטער אויפגעבראָכן דאָס פּענצ־טערל פון פעסט־צוגעשלאָסענעם ברויט־מאַגאַזין און ער איז דאָרט אַריינ־געקראָכן אינעווייניק. עטלעכע מינוט האָט פון אים קיינער גאָרנישט גע־הערט. דערנאָך האָט ער זיך באַוויזן דורכן געמאַכטן לאָך און עס איז אים נישט מעגלעך געווען צו דערקענען. זיין נאָז איז געווען איינגעשמירט מיט שוואַרצער מאַרמעלאַד און אין מויל האָט געשטעקט אַ ריזיק שטיק ברויט. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל זינט אַ לאַנגער צייט, אַז ער איז געשטאַנען איינער אַליין פאַר גאַנצע פעסער מאַרמעלאַד, פאַר אָנגע־פולטע פאָליצעס מיט ברויט־לאַבנס — און ער זאָל קענען עסן וויפל ער וויל... דאָס האָט אים צעטומלט און ער האָט אַליין נישט געוווסט וואָס ער זאָל איצט טון... צוערשט האָט ער זיך אַליין אָנגעשטאָפּט אַ פולע טאָרבע ברויט, אָנגעשמירט גאַנצע לאַבנס מיט מאַרמעלאַד און זיי אָנ־געהאַנגען מיט שטריק אַרום זיך... ערשט דערנאָך האָט ער גענומען אַרויסוואַרפן ברויט פאַר די וואָס ער האָט גערופן מיט זיך.

די חברה האָט נאָר געוואַרט אויף דעם סיגנאַל. באַלד זענען די טירן אויפגעבראָכן געוואָרן... מענטשן זענען אַריין, געטרעטן איינער אויפן צווייטן, געכאַפּט, געריסן און נישט געוווסט וואָס פריער צו נעמען... אין די מאַגאַזינען זענען געווען טויזנטער ברויטן און סייווי האָבן די אַריינ־געריסענע נישט געקענט אַלץ פאַרנעמען. דאָך האָט די סיטואַציע ווילד געמאַכט. איינער האָט געביסן פונעם ברויט וואָס דער צווייטער האָט געהאַלטן אין דער האַנט און די גאַנצע מאַסע האָט זיך אַריינגעקנעטן און געראַנגלט צווישן זיך, נישט וויסנדיק פאַרוואָס און פאַרוועך...

דער ערשטער, הפקרדיקער נצחון האָט אָבער צערייצט, גערופן צו ווייטערדיקע. איינער האָט אַ קאָמאַנדעווע געגעבן אין דער לופטן:

— מען דאַרף גיין צו דער שגיידעריי!

— צום קליידער־מאַגאַזין!

— צו די שטיוול!

— צו די קאָמענדאַנטן אין די דירות אַריין!

— אומעטום דאַרף מען זוכן!

דאָס ברויט איז באַלד געבליבן הפקר, פאַרלאָזט, פאַרגעסן... פּעסער מאַרמעלאַד וואָס די קאָמענדע האָט געהאַט אין פּריוואַטן פאַרקויף, זע־נען איצט געלעגן איבערגעקערט אויפן דיל. עטלעכע פאַרשפּעטיקטע בלויז האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט אויפן דיל און מטורפדיקייט געלעקט פון דאָרט וויפל עס האָט זיך געלאָזט. די פּאָליצעס האָבן זיך איינגעבראָכן און די לאַנגע ברויטן האָבן זיך אַריינגעקוילערט אינעם מאַרמעלאַדענעם שמוץ. די פּאָר פאַרשפּעטיקטע האָבן געזוכט נקמה צו נעמען פאַר עפּעס און אַליין נישט געוווּסט פאַרוואָס און ווי אַזוי. זיי האָבן דערפאַר גענו־מען אָפּבייסן די נעז פון די געשמאַקע ברויטן, וואָס פעלדמאַן האָט גע־האַט צו פאַרקויפן פאַר אַ בעסערן פּרייז... אַלץ האָט זיך געוואַלגערט, איבערגעדרייט זיך...

נאָר פון שכנותדיקן באַראַק זענען שוין די לאָדנס געפלויגן אין דער לופט. דאָס האָט מען אויפגעריסן די באַקליידונגס־מאַגאַזינען אין וועלכע עס זענען געלעגן פּרויען־קליידער, לאַנגע קאַפּאָטעס, מאַנטלען, שטיוול, שיך... אַלץ איז געפלויגן דורך די פענצטער און דאָך האָט יעדער דווקא געוואָלט זיין אינעווייניק, זען אַלץ מיט די אייגענע אויגן, פילן דעם אָטעם פון הפקר אינעם שטענדיק־אָפּגעשלאָסענעם מאַגאַזין...

אַנדערע האָבן זיך אַריינגעריסן אין דעם באַראַק פון פּעלאַן און ווייזנבערגן. ביים אַריינשטורעמען אַהין האָט מען געזען אַרויסלויפן פון דאָרט עטלעכע פּאָליציאַנטן מיט אַבראַמען. הערנדיק דעם שטורעם האָבן זיי נישט געוווּסט וואָס עס געשעט און זיי האָבן גענומען שפּרינגען פון די פענצטער, נישט דערווישט צו ווערן. דער קליינער בוגייסקי האָט גראָד געהאַלטן אין מיטן אַריינקריכן אין ווייזנבערגס אַ העלן ציוויל־אַנצוג. די הויזן זענען פאַר אים צו לאַנג געווען, האָט ער זיך פאַרטשע־פּעט ביים פענצטער און אַרויסגעפאַלן. די מאַסע האָט אויסגעשאָסן מיט אַ געלעכטער, אַזוי ווי דאָ וואָלט געווען אַ פאַרוויילונג און מער גאָר־נישט.

דאָס אַריינגטון זיך אין דעם רייסן, ברעכן און שלעפּן אַלץ מיט זיך האָט זיי געמאַכט פאַרגעסן, אַז ערשט נעכטן פאַרנאַכט האָט מען אויפן

זעלבן פּלאַץ אויסגעקליבן אַזויפיל מענטשן צום טויט און אַז ערשט הייגט ביינאַכט האָט מען ווידער אומגעבראַכט אַזויפיל ווערקצעניקעס. וויפל זענען דאָ דען סך הכל איבערגעבליבן? אָבער דער אָנבליק פון ווייסן הויז האָט זיי ווידער צערייצט. אַ גאַנצע מחנה, מיטן איינציק־געבליבענעם פיקריינער בראש, זענען אַריין אינעווייניק... זיי האָבן פון דאָרט געשלעפּט סלאָיען איינגעמאַכטס, געפּרעגלט עסנוואַרג און די גאַנצע וועש מיט כלים וואָס זיי האָבן דאָרט אָנגעטראָפן. זיי האָבן גענומען עסן וואָס עס איז נאָר אונטערגעקומען. אין מיטן עסן האָבן זיי עס אַרויסגעשלייי־דערט דורך די פענצטער פאַר די אַנדערע וואָס האָבן זיך דערויף געוואָרפן. יונגען האָבן זיך אָנגעטון פאַרשידענע ספּודניצעס און זיידענע וועש אויף די קעפּ, געקוליעט זיך אויף די שיין־איבערגעצויגענע בעטלעך און קאָזעטקעס... דערנאָך האָבן זיי גענומען אַרויסוואַרפן זיידענע קליידלעך, פּיזשאַמעס, טישטעכער און וואָס עס איז זיי נאָר געקומען אונטער די הענט...

ווען מעכעלע איז געקומען אָנצולויפן האָבן זיך שוין פּעלאָס זיידענע קאַפּאָטן און וועש געוואַלגערט אין דער בלאָטע אונטער די טריט. צוזאַמען מיט זיי האָבן זיך אויך אַרומגעוואַלגערט אַלערליי שמעקעדיקע פלעשעלעך און שמירעכצער, וואָס אַלע פרויען פון הויז האָבן גענוצט. פּעלאָס אַ קלייד איז געלעגן אויסגעצויגן און אַגאַנצע מחנה איז דערויף געשפּרונגען מיט שכורער התלהבות, אַזויווי זי אַליין וואָלט דאָ געלעגן אַ צעטרעטענע אונטער אַלעמענס פּיס...

אויפן הימל האָט אויפגעוואַכט די זון און דערווייל נאָר געבלוטיקט מיט אַ גרויס, טרוקן אויג, פון וועלכן קיין איין שטראַל האָט זיך נישט געזען. ערגעץ נישט ווייט האָט אַ הונט הויך און קלאָגעדיק געבילט. ביי די דראָטן האָבן זיך געדרייט די באַוואָפנטע וועכטער. זיי האָבן אַלץ געזען און גאָרנישט געזאָגט. זיי האָבן ווייטער שפּאַצירט און עפּעס דערציילט איינער דעם צווייטן מיט אַ כיטרע שמייכל.

# קאַפּיטל פינפאונפערציק

— 1 —

ווערק צע האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן אומאויסשעפּלעכן קוואַל פון מענטשן. אָט זענען נעכטן אַוועקגעריסן געוואָרן אַזויפיל; היינטיקע נאַכט זענען ווידער אַנטלאָפן ריזיקע מחנות — און צום סוף האָבן זיך אויפן פּלאַץ נאָך אָנגעפּראָפּט אַזויפיל הונדערטער מענטשן! דער ערש־טער סיגנאַל צום גרייט מאַכן זיך האָט אַרויסגעצויגן גאַנצע מחנות פון די באַראַקן. איצט האָט זיך שוין יעדער געפּאַקט, אָנגעגרייט זיך עסן און וואָס עס קען נאָר נוצן ברענגען. דאָס וואָס עס שטעלט זיך אַזאַ פרישער, יונגער טאָג האָט אַלעמען באַרואיקט. עס האָט זיך גאָרנישט געקענט גלויבן אַז אַזאַ טאָג זאָל קענען אַרויסקומען נאָך דעם נעכטיקן צאָרן. איז עס נישט אַמאָל געווען אַ בייז פאַרבלענדעניש?

שולצע איז אָנגעריטן אויף זיין ראָוואָר און געברענגט מיט זיך אַ גאַנצע מחנה מיט די שוואַרצע וועכטער. ער אַליין איז געווען איצט רו־איק און געוווּנדערט זיך, וואָס אַלע דאָ זענען אויך באַרואיקט. ער האָט זיך נישט געמאַכט וויסנדיק דערפון וואָס היינטיקע נאַכט איז געשען. ער איז נאָר צוגעריטן צום מאַגאַזין, אַ לייכטן געשריי געטון און די דערשראָקענע פליגדערער האָבן זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט. שולצע איז אַריין אַהין, געזען וואָס פאַר אַ חורבן דאָרט איז אָנגעמאַכט און ער האָט בלויז געשמייכלט דערפון. ער האָט אַ רוף געטון עטלעכע מענער מיט פּאָליציי־היטלען און זיי געהייסן איינשטעלן די אָרדענונג... זאָלן זיי מאַכן רייען! נו, זיי ווייסן דאָך שוין ווי אַזוי...

ער אַליין האָט געכאַפּט עטלעכע אַרומשמייענדיקע און זיי געהייסן איבערציילן און אָפּרייניקן די ברויטן פון מאַגאַזין. יעדער איינער מוז באַקומען ברויט אין וועג אַריין. נאָר צוערשט מוז מען אָפּציילן וויפל ברויטן עס זענען דאָ און וויפל מענטשן. בלויז צוליב דעם דאַרף מען זען צו האַלטן זיך אין אָרדענונג. עס מוז דאָך זיין אַ גערעכטע פאַרטיילונג! ער אַליין איז אַריין אין קאָמענדאַנטן־באַראַק, דאָרט עפּעס גענישטערט לאַנג און פאַרביסן. דערנאָך איז ער אַרויסגעקומען איינגעשמירט און באַ־פּעדערט. ער איז בייז געווען;

— איר וויסטע פלינדערער!

דערביי האָט ער זיך אָבער דערמאָנט אין עפּעס אַזוינס, וואָס נאָר ער איינער האָט געוווּסט און ער האָט דערפון אָנגעהויבן צו שמייכלען. דאָס דאָזיקע שמייכעלע האָט זיך נישט געוואָלט אָפּטשעפּען פון זיין צעחושטן פּנים. ער האָט געגומען אַרומקריכן צווישן דער אויסגעשטעלטער מחנה, געקוקט יעדן אין די אויגן אַריין און צופרידן געווען. דער עולם האָט נאָך געהאַלטן אין איין ציען זיך פון די באַראַקן און אַנדערע האָבן זיך אין דער לעצטער מינוט נאָך דערמאָנט אַז זיי האָבן עפּעס פאַרגעסן און צוריקגעלאָפן זוכן. די אָפּטיילונגען פון שוואַרצע עס־עס און וועכטער זענען געשטאַנען אין אַלע זייטן, אָבער זיי האָבן איצט קיינעם נישט געשטערט. זיי האָבן אויסגעזען ווי איבעריקע דאָ. שולצע אַליין האָט עס אויך אויפגענומען גאָר לייכט, אַזויווי דאָ וואָלט זיך נאָר געגרייט אַ פריילעך שפּיל.

ווען דער טאָג איז שוין געווען פול און באַגאָסן מיט זון — האָט ער זיך ערשט דערמאָנט, אַז אייגנטלעך דאַרף ער זיך שוין נעמען צום סוף פון דער מלאכה. ער האָט אַ קוק געטון אויף זיין זייגערל און אַ זאָג געטון מיט אַ רואיק קול צו עטלעכע וואַכמענער:

— עס איז שוין שפּעט... מען דאַרף צוטיילן די באַנדע...

עטלעכע וואַכמענער האָבן גענומען אַרומלויפן איבער די באַראַקן, טרייבן דעם עולם מיט טרוקענע שטימען, אין וועלכע מען האָט נישט אָנגעזען קיין פּיצל אויפרעגונג. זיי אַליין האָבן שוין נישט באַטראַכט די גרופּע ווי קיין לעבעדיקע מענטשן, איבער וועלכער עס לוינט זיך נאָך אויפצורעגן. אַז דאָס זענען מענטשן פאַר וועלכע די דראָטן זענען אָפן געווען אַ גאַנצע נאַכט — און זיי האָבן זיך פון דאַנעט נישט גערירט — קען מען שוין מאַכן מיט זיי וואָס מען וויל! עס איז שוין פון זיי גאָרנישט פאַראַן וואָס צו דערוואַרטן... דער גאַנצער סוף האָט דאָ פאַרלוירן דאָס לעצטע ביסל טויטן ערנסט, כאָטש דאָ דאַרף מען פאַרענדיקן מיטן געבליבענעם ביסל לעבן פון ווערק צע. מען דאַרף נאָר אַרויסשאַרן, אַרויסאיילן די געבליבענע כלים, אין וועלכע דער לעבנס־שוים האָט זיך אַמאָל געבלעזלט. איצט זענען זיי הויל, אויסגעליידיקט און עס זענען דערצו נישט נויטיק קיין ספּעציעלע טרייב־קונצן...

ווען די מחנה איז אויסגעשטעלט געוואָרן אין דיסציפּלינלאָזע רייען — האָט מען זיי נאָר געהייסן איבערציילן, אָן ספּעציעלן אייפער און

רעש. די ציפער איז שנעל איבערגעפרוווט געוואָרן און שולצע האָט זי פאַרצייכנט ביי זיך אין ביכל. גענוג. וואָס טויגן מער די לאַנגע צערע־מאָניעס? נאָר אַז ער האָט געהערט וויפל עס זענען געבליבן, האָט ער מיט זיין לוסטיק שמייכעלע זיך נישט געקענט אָפּהאַלטן פון מאַכן באַמער־קונגען:

— נעכטן פאַרנאַכט זענען געווען אַ היפּש ביסל מער... גאָרנישט געוווסט אַז אַזויפיל זענען אַנטלאָפן...

דערנאָך האָט ער אַ רוף געטון עטלעכע פון זיינע שוואַרצע באַגליי־טער און מיטן זעלבן איינגעשטילט־רויִקן טאָן זיי באַפוילן:

— איר וועט איצט אָפּשליסן די רייען. איך האָב שוין אַ פּאַרטיקע ציפער און איר טאָרט מער קיינעם נישט צולאָזן, אויב אפילו עס וועט זיך נאָך איינער באַווייזן פון די באַראַקן. די געבליבענע וועלן מיר שפּע־טער אויסזוכן און זיי דערשיסן. עס האָט נישט קיין צוועק אַלעמאָל אָנ־צוהייבן פונדאָסנײַ...

אָפּגעזאָגט זיך זיינס — האָט ער זיך אַ לאָז געטון צו די ברויט־מאַגאַזינען און מיטגעשלעפּט אַ צענדליק געזונטע יידן מיט זיך. זיין חשבון איז שוין געווען אַ קלאָרער. מען וועט דאַרפן דאָס ברויט צעטיילן: אַ קילאָ ברויט פאַלט אויס אויף אַ קאָפּ! מוז מען דאָס צעשניידן און יעדן איינעם פון דער ריי דערלאַנגען זיין פּאָרציע. ער קען דאָך נישט לאָזן הונגערן די מחנה צוליב עטלעכע לומפּן!... די וועכטער האָבן זיך צעשטעלט ווי שוואַרצע ווענט אַרום די גרופּן און קיינעם נישט געלאָזט ווייטער גיין פון דעם אָפּגערינגלטן שטח. דערפאַר האָבן זיך די אויסגע־ריי׳טע געקענט אָוועקזעצן אויף דער ערד, רעדן צווישן זיך, שמועסן. אַלץ איז שוין געוואָרן אויס סוד און עס איז נישטאָ וואָס צו מאַכן קיין אָנשטעלן! ווען מען דאַרף — וועט מען דערשיסן און ווען מען וועט דאַרפן — וועט מען געבן ברויט. אַלץ איז דאָ איצט אָפן און קלאָר, ווי דער ליכטיקער טאָג אַרום די באַראַקן. עס לויגט זיך מער נישט אָנשטרענ־גען אָנצוּוואַרפן אַ פּחד אויף די יידן, מאַכן די פאַרשידענע דייטשע מער־דער־אָנשטעלן וואָס פאַראַליזירן און טויטן אָפּ דעם אינערלעכן ווידער־שטאַנד. איצט קען מען שוין האַנדלען אָן נערוון. מען קען איצט שוין צו־גיין צו יעדן איינעם פון די אַרומשטייענדיקע און שמועסן מיט אים גע־מיטלעך; מען דאַרף אים נישט אַרויפצווינגען קיין רעוואָלווער־דיסציפּ־לין נאָר מיט אַ היימיש שמייכעלע אים דערקלערן — אַז מען וועט אים

באַלד דערשיסן, מען מוז אים דערשיסן! ער וועט זיך איצט נישט דינ־גען, נישט בעטן זיך — ווייל דאָס דערקלערט מען אים נאָר אַזאַ נאַטור־זאַך קעגן וועלכער ער וועט זיך אפילו נישט באַמיען אָפּצוּווערן, אָדער צו פאַרלאַנגען עס זאָל אַנדערש זיין.

שולצע קען זיך איצט דערלויבן פריילעך צו זיין, גוטמוטיק... גייט ער טאַקע פון איינעם צום צווייטן און מאַכט זיך מיטליידיק, מיטפילנ־דיק:

— זיך גוט געשראָקן נעכטן, וואָס?

נאָר די ליידיקע באַראַקן אַנטקעגן איבער דערמאָנען אים עפּעס, פון וועלכן מען מוז אַרויפּציען אַן ערנסטע מינע. ער דערזעט אויפּאַמאָל די אויפגעריסענע פענצטער ביי די קאָמענדאַנטן און ער שפּירט אַז ער דאַרף נאָך דאָ זאָגן אַ וויכטיקע זאַך. דערפאַר בלאָזט זיך זיין פּנים צוריק אָן, ווערט פאַרכמורעט און ער פאַרענדיקט מיט אַ פילאָזאָפישן אָנשטעל:

— אַזוי איז עס... פון גורלס הענט קען מען נישט אַנטלויפן... אָט האָבן זיי געוואָלט לעבן... אַך, ווי זיי האָבן עס געוואָלט! און דאָך זענען זיי צוליב דעם געגאַנגען גלייך אין זיכערן טויט אַריין, בשעת זיי האָבן נאָך געקענט לעבן און שטיין דאָ צווישן אייך...

דאָס האָט ער אַ זאָג געגעבן צו עמעצן, אָבער דערביי האָט ער קיי־נעם נישט געקוקט אין די אויגן אַריין. ער האָט גערעדט און אַנגעשטעלט דאָס פּנים אין אַ זייט, ווי ער וואָלט דאָס געוואָלט זאָגן צו דער לופט אָדער טאַקע צו די אַנטלאָפענע פון דער היינטיקער נאַכט.

— 2 —

אויפן הויף האָט זיך ווידער געמאַכט לעבעדיק. שולצע האָט נאָך געמוזט וואַרטן אויף אַ באַפעל און דערווייל האָבן זיך די מענטשן צע־זעצט אויף דער ערד אָדער אויף די פּעקלעך. עס האָבן זיך גענומען באַ־ווייזן אַ פּאָר נייגעריקע פּאָליאַקן, וואָס האָבן זיך שוין אויסגעזוכט אַ תּי־רוץ אַריינצוקומען. די וועכטער האָבן קיינעם נישט געלאָזט גיין אין די באַראַקן אַריין, דערפאַר אָבער האָבן זיי דערלויבט אַז די געקומענע זאָלן צוּוואַרפן דעם עולם ברעקלעך מיט דער לעצטער נייעס. האָט מען זיך טאַ־קע דערוווסט, אַז די וועלדער זענען פאַרזייט מיט הרוגים. אויך די וועגן וואָס פירן פון דער שטאָט צו דער פאַבריק זענען פול מיט דערשאָסענע.

דאָס האָט מען זיי ספּעציעל געהייסן אַרויסנעמען פון די וועלדער און לייגן אויפן וועג, בכדי אַלע פאַרבייגייער זאָלן זען וואָס דער סוף איז פון די, וואָס האָבן געוואָלט זיך אַרויסרייסן פון אונטער דעם דייטשן באַפעל.

נישט אַלע אַנטלאָפענע זענען אָבער אויסגעשאָסן געוואָרן פון די דייטשן. פון זייערע קוילן זענען נאָך געפאַלן די, וואָס האָבן זיך געדרייט ביי די וואַלד־ראַנדן אָדער זיי האָבן געוואָלט אַדורכהאַקן די שאָסייען. טיף אין וואַלד האָט קיין דייטש זיי נישט געוואָלט נאָכיאָגן. דערפאַר אָבער האָבן די פּאַליאַקן זיך דערוווּסט באַצייטנס וואָס עס איז געשען און זיי האָבן זיך אַ לאָז געטון אין וואַלד אַריין כאַפּן די יידן, הרגענען זיי און באַרויבן. אויך די באַהאַלטענע פּאַרטיזאַנער האָבן געטון דאָס, וואָס זיי האָבן געהאַלטן פאַר נויטיק. טאַקע זיי האָבן געהאַט אַ באַפעל נישט צו לאָזן קיין איין לעבעדיקן ייד אין וואַלד. האָבן זיי דאָס אויסגעפירט מיט דער גאַנצער קאַטעגאָרישקייט!

שוין באַלד אין דער פרי, ווען די פּאַליאַקן פון די דערפער האָבן זיך געלאָזט צו דער אַרבעט אין וועדק צו — נישט ווייסנדיק פון גאָר — האָבן זיי זיך אָנגעטראָפן אויף די קערפּעס מיט טויטע. זיי האָבן דערקענט אַ סך יינגלעך מיט מיידלעך, וועלכע זענען נאָך נעכטן געשטאַנען צוזאַמען מיט זיי אין דער האַלע. זיי האָבן אויך געזען ליגן דאָרט מיט צעלעכערטע קערפּערס קויפמאַנען, מאַרעקן, וויינזנבערגן, פעלאַן און אַ סך האַלע־פּאַליציאַנטן. זיי זענען געלעגן האַלב־נאַקעט מיט באַרוויסע פיס. די דערציילערס האָבן אויך געוווּסט געגנוי אַז דאָס אַלץ האָבן זיי נאָך אָפּגעגעבן ביים לעבן. פריער האָט מען ביי זיי צוגענומען דאָס געלט, די בגדים, די שטיוול. מען האָט זיי צוגעזאָגט דערפאַר צו שענקען דאָס לעבן. ערשט דערנאָך האָט מען זיי געהייסן גיין עטלעכע שריט ווייטער און זיי אומגעריכט באַשאָטן מיט אַ האָגל קוילן...

פון וואַנעט זיי האָבן אַזוי געגנוי געוווּסט אַלע פּרטים פון דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען טיף אין וואַלד ביי אַ שטאַק־פינצטערניש — דאָס איז שוין זייער סוד געווען. עס האָט זיך אָבער אַלץ דערנאָך באַשטעטיקט. שפּעטערצו זענען שוין אָנגעקומען צוגאָב־ווערטער, וועלכע האָבן זיך אומגעקערט פון די אַרומיקע דערפער. זיי האָבן דערציילט וועגן אַ סך יידן וועלכע עס איז געלונגען זיך צוצושלאָגן אין די נאָענטסטע דערפער און אַריינכאַפּן זיך צו פּויערים, וועלכע זיי האָבן געגעבן גרויסע סומעס.

דאָס געלט האָט געדאַרפט זיין פאַרן פאַרשטעקן זיי אויף אַ פּאָר טעג, ביז „די סאָוויעטן וועלן אַריינקומען״... זיי האָבן זיך געבעטן, געקושט די הענט, געוואָרפן מיט פעקלעך געלט און ערשט צוגעזאָגט זיי אָפּצוגליקן ווען מען וועט פריי זיין. יעדער פון זיי האָט דערציילט וועגן באַהאַלטע־נע אוצרות, וואָס ער פאַרמאָגט ערגעצוווּ. ער דאַרף זיי נאָר קענען אויס־גראָבן. די פּויערים האָבן אָבער צוגענומען דאָס געלט און דערנאָך זיי דערשלאָגן מיט שטעקנס אָדער מיט מיסט־גאָפּלען. ווען די וואָכמענער זענען געקומען אַדורכפירן אַן אָבלאַווע, האָט מען זיי אַרומגעפירט איבער צענדליקער שטאַלן ווו די צעשטאָכענע זענען געלעגן. זיי אַליין האָבן שוין נישט געהאַט וואָס צו טון און די פּויערים האָבן צו זיי נאָר כיטרע־צו־פרידן געשמייכלט...

נאָך די דאָזיקע דערציילונגען האָט זיך שוין די גאַנצע גרופּע יידן פון הויף צוזאַמענגעדריקט און אפילו מער נישט געוואָלט אַ בליק טון צו די דראָטן. איינער דעם צווייטן האָט נאָר צוגעטראָגן די ידיעות און קלאַנ־גען וואָס זענען אַלעמאָל צוגעברענגט געוואָרן און פון זייערע טענער האָט נאָר אַרויסגעקלונגען אַ מין צופרידנקייט, וואָס מען האָט זיך שוין מייאש געווען פון אַלץ. אַט זעט מען דאָך סייווי באַשיינפּערלעך, אַז דאָ איז גאָרנישט פאַראַן וואָס אויפצוטון! מען וואָלט סייווי שוין געלעגן מיט צעשאָסענע קעפּ אָדער מיט אַדורכגעשטאָכענע גופים — איז נישטאָ וואָס צו באַדויערן און וואָס צו האָפן.

די ווערקשוץ אַליין האָבן אויך איינגעזען אַז זייער שטיין איצט ביי די דראָטן איז אַבסאָלוט נישט נויטיק. שולצע האָט עס אויך נישט פאַר־לאַנגט. קיינער וועט שוין איצט צו די דראָטן נישט לויפן. האָבן זיי זיך צונויפגעזאַמלט אַרום די שוואַרצע וועכטער און אויסגעהערט זייערע וווּנ־דערלעכע דערציילונגען פון דער היינטיקער נאַכט. דערנאָך האָבן זיי זיך גאָר צונויפגענומען און זענען אַוועק ערגעץ מאַכן אַ שנאַפּס לכבוד די געשעענישן. די דראָטן זענען ווידער שטיין געבליבן פאַרלאָזענע און הפקר־דיקע. קיינעם האָט אָבער נישט אָנגענומען קיין חשק צו זיי זיך צו דער־נענטערן.

שולצעס זייגער האָט געוויזן אַ שפּעטלעכע שעה, דערפאַר האָט ער זיך דערמאָנט אַז ער האָט נאָך דאָ צו מאַכן די לעצטע אַרבעט. ער האָט אויסגעזוכט עטלעכע געזונטע יונגען און זיי געהייסן ברענגען טראָג־בעטלעך. איבער זיי האָט ער אָוועקגעשטעלט אַלעקן מיט מלכלען, די צוויי

געוועזענע סאַניטאַרן פון שפּיטאָל און זיי באַפוילן מען זאָל גיין זוכן אי־בער די אָפּגעלאָזטע באַראַקן. יעדן איינעם וואָס זיי וועלן טרעפן, מוזן זיי צוטראָגן אין אַ באַשטימטן, ליידיקן באַראַק, ווו אַלע וועלן צונויפ־געזאַמלט ווערן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן אַז ביים נעכטיקן אַפּעל האָט מען נאָר אויסגעשטעלט די געזונטע. אַלע קראַנקע פון שפּיטאָל זענען געבליבן אויף די ערטער. אין די באַראַקן זענען אויך צוריקגעבליבן אַ סך שוואַכע, וואָס האָבן געפונען פאַר נויטיק נישט אַרויסצוגיין און אויס־שטעלן זיך אויף דער סעלעקציע. אין דער גרויסער בהלה פון נעכטן פאַר־נאַכט און פון דער בייִנאַכטיקער לויפעניש האָט מען אין זיי פולשטענ־דיק פאַרגעסן. האָט זיך שולצע אין זיי דערמאָנט...

אלעק, מלכּל און אבראם האָבן זיך באַלד אַ לאָז געטון איבער די באַראַקן. זיי האָבן שוין, אויף אייגענער האַנט, אויך אַרויסגעצויגן די אַלע וואָס זענען געלעגן באַהאַלטן אין די פאַרשידנסטע ערטער, אונטער די באַראַקן און אין לעכער פון דער פאָדלאָגע. די קולות פון די געכאַפּטע האָבן ווידער געשפּאָלטן די באַרואיקטע לופט פון ווערק צע. די אויסגע־קליבענע יונגען זענען אַלעמאָל געלאָפן פון דאָסניי מיט די טראָג־בעט־לעך, אויף וועלכע עס האָט אָפּגעגעבן זיין לעצט געשריי אַ פרישער קרבן. שולצע אַליין האָט זיך אַוועקגעלאָזט איבער די באַראַקן אויסשנאָפּן עפּעס אַזוינס, וואָס נאָר ער איינער האָט געוווסט. איז די מחנה יידן גע־בליבן אַליין און צוגעקוקט זיך ווי די פאַר הויפט־כאַפּער לויפן אַרום מיט צעיושעטע קעפּ, אַזוי ווי מען וואָלט זיי דאָ איבערגעגעבן דאָס פריילעכסטע שטיקל אַרבעט... מעכעלע האָט זיך נישט געקענט באַהערשן און ווען ער האָט געזען ווי אַזוי די סאַניטאַרן לויפן און שלאָגן די שרייענדיקע אויף די טראָג־בעטלעך, האָט ער זיך צוגעגנבעט און אַ צי געטון אלעקן:

— האָסט נאָך איצט, אין דער לעצטער מינוט, גענומען אויף זיך די ראָל פון אַ תליון? דו ביזט דאָך עפּעס אַ פּוילישער אינטעליגענט, אַן איידל־רעדנדיקער... פלאַצסטו נישט פאַר עקל צו זיך אַליין? זאָג!...

אלעק האָט זיך געפּרווט איילנדיק פאַרענטפערן:

— ער האָט מיך אויסגעקליבן... באַפעל...

מעכעלע האָט זיך איינגעקורטשעט פאַר יסורים... אָט מיט דעם מענטש איז ער לעצטנס שוין געזעסן און געשמועסט גאַנצע שעהן, גע־וואָלט פאַרגעסן וואָס ער האָט אַמאָל אָפּגעטון... האָט ער זיך געעקלט

פון זיך אַליין: אָט איז ער, דיין מיטשמועסער פון באַראַק! פון גרויס כעס אויף דעם אייגענעם ווייטיק האָט ער זיך צעשריגן אויף אלעקן:

— באַפעל! אָבער דער באַפעל איז נישט געווען, אַז דו זאָלסט אַרונטערקריכן הינטער אַלע לעכער און אַרויסציִען באַהאַלטענע — וואָס קיין פויגל וואָלט זיי קיינמאָל נישט אַנטדעקט! מסור! וויסטער באַנ־דיט!

אלעקן האָט זיך שוין מער נישט געגלוסט צו שמועסן מיט אַ ייִנגל, וואָס איז שוין איצט דאָ אַ צעטרעטענער וואָרעם — בשעת ער איז איצט אַ באַפעלער אויף לעבן און טויט... אָט קען ער ווידער דעצידירן וועמען צו נעמען און וועמען איבערצולאָזן... האָט ער זיך דערפאַר אַ צעוויג גע־געבן אויף זיינע לאַנגע פיס:

— טראָג זיך אָפּ פון מיר, דו פרומער אידיאָט! כ׳וועל דיר באַלד לעכערן דעם קאָפּ! ער האָט אָבער מעכעלען גאָרנישט געטון. דאָס לעצטע שטיקל באַהערשטקייט האָט ער אויסגענוצט אויף אָוועקצושלעפּן זיך אַליין און פאַרשווונדן אונטער די באַראַקן. באַלד האָט ער זיך ווידער באַוויזן ביים באַגלייטן צוויי טראָג־בעטלעך מיט דערשראָקענע חולאים, וואָס האָבן שוין פאַרלוירן אפילו דעם ווילן צו שרייען. פון דער צווייטער זייט איז אָנגעקומען שולצע און אַ פרעג געטון אלעקן אויפן קול:

— פאַרטיק מיט אַלע?

אַלעק האָט אונטערטעניק געענטפערט:

— פאַרטיק!

באַלד האָט ער זיך אָבער אַ כאַפּ געטון:

— נאָך איין סעקונדע, הער וואַכפירער!... הער, דאָס טראָג־בעטל — צו מיר!

ער האָט זיך ווידער איילעוודיק אַוועקגעלאָזט. נאָך אים זענען אַוועק מלכל מיט אַבראַמען. אין אַ פּאָר מינוט אַרום האָבן זיך געהערט שאַרפע געשרייען, קללות און קעגן־געשרייען פון די כאַפּער... דאָס פאַרפּייניקטע קול האָט זיי אָבער אַלעמען איבערגעשריגן. אין מעכעלען האָט זיך דאָס האַרץ אויפסנייַ אַ וואָרף געטון. דאָס קול איז אים אויסגעקומען גאָר שטאַרק קענטלעך... באַלד האָט זיך עס דערנענטערט. זעקס פּאָר הענט האָבן צוגעהאַלטן דאָס טראָג־בעטל פון אַלע זייטן און עס איז נישט מעג־לעך געווען פון ווייטנס צו זען, וועמען מען טראָגט עס דאָרט. בלויז די קללות האָבן זיך צוגעריסן צו די אויערן:

— אַ וויסטן, פינצטערן סוף אויף דיר, אַלעקל... האָסט מיך טאַקע אויסגעגעבן — אָבער דיך וועט מען אויך אויסגעבן. עס וועט אויף אייך אַלעמען קומען שלעק און קרענק, יסורים און שטעכעניש, ווייטיקן און צעבראָכנקייט... ביי אייער גוססן קערפּער וועלן זיך פרייען די הינט און דער מלאך המות וועט זיך מיאוסן אייער נשמה צו נעמען אין דער האַנט אַריין — וועט זי ביי אייך אָפּנעמען אַ שוואַרצע שלאַנג און זי גלייך אַריינוואַרפן אין צואה — — —

דאָס קול איז איבערגעריסן געוואָרן אין מיטן. עטלעכע קלעפּ האָבן ביי יענעם געמאַכט פאַרפּלייצן דאָס מויל מיט בלוט און מיט שוים... ערשט ווען דאָס בעטל איז אַדורכגעטראָגן געוואָרן נעבן דער מחנה, האָט מעכעלע דערזען אַן אויסגעדאַרטן, געלן קערפּער. דאָס פּנים איז שוין געווען הויל געביין, בלויז די אויגן האָבן נאָך אַלץ פון דאָרט אַרויסגע־בליצט מיט שוואַרצן, קנאותדיקן פייער... איינס אַ גרעסערס און איינס אַ קלענערס... דער גאַנצער קערפּער האָט זיך געשליידערט אונטער דער מאַסע פון הענט און עס איז אים קוים מעגלעך געווען איינצוהאַלטן. מלכל האָט זיך אפילו געוווּנדערט:

— ביזטו אַ מבין אויף אַ גבורה פון אַ סוכאָטניק?

און אַלעק האָט אים אָפּגענטפערט:

— אָבער אַזוי האָט ער געזדעכלעט לאַנגע חדשים אין באַראַק און נישט געקענט גיין צו דער אַרבעט...

דער מענטש איז שוין געלעגן שטום, פאַרטראָגן... אַנשטאָט די קללות האָט שוין זיין מויל עפּעס שטום געברומט פאַר זיך. עטלעכע קעפּ פון די טרעגער האָבן זיך שוין אַוועקגעבויגן אין אַ זייט, בכדי זיך אַביסל אויסצורוען פון דער אָנשטרענגונג. ערשט דאַן האָט מעכעלע געקענט אַריינשטופּן זיין בליק אין מיטן געוואָרענעם בלויז און ער האָט דאַן פּלוצים דערקענט דעם לעצטן, געכאַפּטן קרבן:

אויף אים האָט שניידיק און מיט וואָרעמער איבערראַשונג אַ בליק געטון אויף אַ סעקונדע דער משוגענער משיח פון פרידלאַנדס באַ־ראַק, יצחק מאיר וראָצלאַווסקי...

## — 3 —

ווידער איז אַוועק אַ גאַנצע שעה פון רו. מיט די געכאַפּטע האָבן זיך פאַרנומען עטלעכע וואכמענער, וועלכע האָבן שוין געזאָרגט, אַז זיי זאָלן וואָס שנעלער פאַרשווינדן. די אַנדערע האָט מען ווידער צורו געלאָזט. האָבן זיך די מענטשן אויסגעזעצט אין קופּקעס און געשמועסט, אָדער איבערגעביסן דאָס באַקומענע ברויט מיט מאַרמעלאַד... נאָר באַלד איז ווידער אַריינגעקומען אַביסל אויפרעגונג. אין לאַגער אַריין זענען געקומען עטלעכע מייסטערס אָפּנעמען די 150 אויסגעקליבענע מענער. מען האָט זיי געהייסן פאַרנעמען אַלע זאַכן, ווייל זיי וועלן שוין בלייבן וווינען אין פאַבריק און וועלן שוין מער דעם לאַגער נישט אָנזען. דערנאָך האָט מען זיי געהייסן זיך אויסשטעלן צום אפּעל און אָפּציילן. די אַנדערע טויזנט נפשות האָבן צוגעזען מיט טרוקענע אויגן און קייענדיק, ווי אַזוי מען פירט אַוועק די 150 מענטשן אין לעבן אַריין. קיינער האָט גאָרנישט געזאָגט, נישט געפרייט זיך און נישט מקנא געווען. שולצע האָט זיך נאָר אַדורכגעדרייט עטלעכע מינוט און דערנאָך צוגעקומען צו דער מחנה:

— זיי בלייבן דאָ אַרבעטן, אָבער אויך איר וועט אַרבעטן. דאָס איז אַלץ.

ער האָט אפילו אַרויסגעוויזן אַ בולטע שולדיקייט פאַר די אויפן פּלאַץ, פאַרוואָס זיי זענען אויך נישט אַוועק אין פאַבריק און דערפאַר געוואָלט מיט עפּעס גוט מאַכן דעם עולם:

— האָט עמעץ נאָך אַ בקשה צו מיר?

קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. ער האָט זיך דערפאַר אַזויווי באַליידיקט:

— אַלזאָ? גוט. אויב אַזוי וועט איר דאָ זיצן, ביז די וואַגאָנעס וועלן קומען און איך וועל דערווייל גיין זיך אויסרוען.

נאָך זיין פאַרשוווּנדן איז צוריק שטיל געוואָרן. מעכעלע האָט אָנגעשפּאַרט זיין קאָפּ אין אַ וואַנט פון אַ באַראַק און געוואָלט איינדרימלען. אַ יונג ביי זיין זייט האָט אים אָבער אַ צי געטון:

— דו! דו ביזט דאָך נישט קיין נאַרישער יאַט, ווייל איך דיך עפּעס פרעגן: האַלטסטו דען נישט, אַז איצט וואָלט געווען די בעסטע צייט צו מאַכן ויברח? קיינער וועט זיך נישט צוגלייבן אַז אַ ייד קען איצט גאָר

לויפן... זענען די דראָטן פריי, די ווערקשוץ דרימלען און אויך דער וואַלד מוז זיין אויסגעליידיקט... איך גיי פּרובירן... זאָלן נאָר די שוואַרצע אַוועקנעמען אַן אויג...

אויף דעם האָט זיך מעכעלע שוין גאָרנישט געריכט. פון איבעררא־שונג האָט ער פאַרלוירן דעם גאַנצן שלאָף פון די אויגן און אָנגעקוקט דעם יונג מיט ווונדער:

— א י צ ט ?

דער יונג האָט אָבער אויסגעזען גאָר מיושבדיק און באַרעכנט, כאָטש אין זיינע אויגן האָט געפלאַמט אַזאַ מוראדיקער אומרו, וואָס איז שוין ווייט געווען פון דער גאַנצער אַרומיקער פאַרגליווערונג. ער האָט זיך צו־געבויגן נענטער צו מעכעלען און מעכעלע האָט זיך נישט געקענט צו־גלייבן, אַז דאָ אויפן דאָזיקן פּלאַץ זאָל נאָך זיין אַ מענטש מיט אַזאַ הייסן אָטעם:

— יאָ־יאָ... דווקא איצט! און כ׳וועל דיר זאָגן פאַרוואָס: נעכטן איז עס געווען אַן אונטערגעשטעלטע מעשה. די גאַנצע באַנדע דייטשן און ווערקשוץ האָבן געוווסט צו דער מינוט, ווען דער עולם וועט לויפן... עס זענען אויך געלאָפן אין די הונדערטער אויף איין מאָל און דער רעש האָט געמוזט זיין אַ צו־גרויסער! איך וויל שוין נישט רעדן דערפון, וואָס ביינאַכט זעט מען נישט קיין צוויי טריט ווייטער פון דער אייגענער נאָז... אָבער איצט? זע נאָר ווי שטיל עס איז! זע נאָר ווי די זון שיינט! איך בין טאַקע אַ פּראָסטער יונג — אָבער איך ווייס וואָס איך רעד...

מיט זיינע היציקע רייד האָט דער יונג אויפגעריסן אין מעכעלען די גאַנצע גלייכגילטיקייט. מעכעלע האָט זיך פּלוצים גענומען איינהערן צום יונגס געדעמפטע רייד מיט אַלע חושים. יענער האָט מער נישט געדאַרפט און אָנגעהויבן ציען ווייטער זיין שמועס:

— אייגנטלעך פרעג איך אפילו ביי דיר קיין עצה נישט, נאָר אַזוי־ווי דער געדאַנק איז ביי מיר נאָר־וואָס געבוירן געוואָרן — מוז איך אים אַרויסרעדן. אין ווערטער איז בעסער זיך איינצוהערן ווי אין געדאַנקען. אַז מען הערט זיי אויפן קול — קען מען בעסער אָנטאַפּן וועלכעס עס איז דאָ ריכטיק אין זיי און וועלכעס עס איז פאַלש... דערפאַר רעד איך צו דיר און דערצייל עס. נעכטן ביינאַכט בין איך צוריקגעגאַנגען פון די דראָטן. דאָס האַרץ איז מיר שווער געווען און דער חושך האָט מיך גע־שראָקן. איצט אָבער איז מיר אַזוי לייכט דאָס האַרץ און די ליכטיקע

וועלט ציט אַזוי שטאַרק... כ׳האָב אויך ברויט מיט זיך און מיינע אויגן זענען אַזוי שאַרף. איך קען זען אַ קילאָמעטער ווייטער פון מיר! דאַרף איך נאָר מאַכן דעם ערשטן שפּרונג...

עס איז גאָרנישט צו דערקענען אין דעם יונג קיין פיבער פון משוגעת. מעכעלע דערמאָנט זיך, אַז ער האָט אים עטלעכע מאָל געזען אין די האַלעס און אויפן הויף; אָבער ער האָט זיך קיינמאָל נישט צוגעקוקט נענטער צו אַזאַ מין מגושמדיקע בריאה. איצט ווייזט זיך אַרויס, אַז ער איז אַ בחור מיט קלוגער איבערגערעכנטקייט. זיין קלוגשאַפט קומט נישט פון קיין אָנגעהערטע, שיינע רייד און נישט פון קיין דרעסירטער דערציאונג. זיין שכל ציט יניקה פון אים אַליין און דער פאַרשטאַנד זיינער איז מיטבאַשאַפן געוואָרן מיט אים ווי אַ נאַטירלעך געווער. ער וויל זיך נישט איינרעדן קיין גרויסע מעשׂהס:

— טאָמער מיינסטו אַז איך ווייס נישט וואָס מיך קען דערוואַרטן ביי אַזאַ לויפן אין וואַלד — האָסטו אויך אַ טעות. אָבער איך האָב זיך איבערגערעכנט: אין בעסטן פאַל וועט מען אונדז פאַרשלעפּן קיין דייטשלאַנד אין אַ קאָנצענטראַציע־לאַגער. דאָרט וועט מען שוין גאָרנישט קענען קאָמבינירן און קומען אין קאָנטאַקט מיט די דייטשן. קיינער פון די ציוּוילע יעקעס וועט מיט גאָרנישט וועלן העלפן און דאָרט וועלן זיי זיכער פייניקן נישט ווייניקער ווי דאָ... בפרט אַז אין די לעצטע פּאָר חדשים וועלן זיי דאָרט שוין נישט האָבן אַזויפיל צו פרעסן און דערצו וועט מען אונדז אַרויסשטעלן די ערשטע צו אַלערליי באָמבאַרדירונגען... איך׳ האָב נישט וואָס אָנצווערן... איך גיי!

פאַר מעכעלען איז נישט מעגלעך געווען אָפּצורעדן אָדער דערמוטיקן דעם יונג. יענער האָט סייווי מער גאָרנישט פון אים דערוואַרט. ער האָט אים נאָר געמוזט זאָגן וואָס ער וויל אָפּטון... דערנאָך, אַז מעכעלע וועט וועלן — זאָל ער אים נאָכקריכן. אין צווייען איז פאָרט אַביסל היימלעכער. טאָמער אָבער מעכעלע וויל נישט — זאָל ער אויסדרייען דעם קאָפּ אין דער צווייטער זייט און זיך מאַכן נישט וויסנדיק... ער האָט גאָרנישט געהערט!

דער יונג האָט זיך טאַקע באַלד אָפּגערוקט פון מעכעלען, זיך צוגעשאַרט זיצנדיק ביז צו דעם עק פון באַראַק און זיך אַריינבאַקומען אין דעם צעעפנטן פעדערהייזל פון אַנטקעגן. דאָ האָט ער שוין באַוויזן אויסצומיידן די אויגן פון די שוואַרצע וועכטער, וועלכע זענען מיד געוואָרן

צו קוקן כסדר אויפן עולם. פון דעם לײדיקן באַראַק קען ער שוין אַרויס־שפּרינגען פּאַרזיכטיק דורכן פענצטער און זיך צובאַקומען צו די דראָטן...

מעכעלע האָט געוואַרט אַ פּאָר סעקונדן מיט האַרצקלאַפּעניש. עס איז אָבער ווײַטער שטיל געוואָרן. דער יונג האָט זיכער אויסגעמיטן אַלע שוועריקייטן! האָט עס מעכעלען אויפגערודערט און אַלע גלידער זײַנע האָבן גענומען פיבערן פון אַ ציטעניש נאָכצוגיין דעם יונג, זען כאָטש פון דער ווײַטנס ווי אַזוי ער מאַכט עס. אויפאַמאָל האָט ער אויך אין זיך גע־שפּירט דעם זעלבן ווילן צו לויפן, אַרויסרײַסן זיך פון דעם משוגענעם וואַרטעניש אויפן הויף... דאָס האָט אין אים דער יונג אַרײַנגעבלאָזן אַ שטיק פון זײַן צעגליטקייט, אָנגעשטעקט אים מיט דער זעלבער פּאַרזיכ־טיקער הפקרדיקייט און אויך ער האָט זיך אויפגעשטעלט...

ער האָט עס געמאַכט אַנדערש ווי יענער, מעכעלע. ער האָט זיך געמאַכט פּאַרתמט און אַזוי גלײַכגילטיק זיך צוגעשאַרט צום באַראַק־עק. פון דאָרט האָט ער זיך מיט מכלומרשטן נײַגער צוגעלאָזט צום צווייטן באַראַקל, אָפּגעריסן זיך פון דער גאַנצער מאַסע און ווײַטער שטיין גע־בליבן, עס זאָל נישט הייסן אַז דאָס אַנטלויפט ער. ער מאַכט נאָר אַזאַ קורץ שפּאַצירל... ווען קיינער האָט אים נישט באַמערקט האָט ער זיך גע־לאָזט אַ פּאָר טריט ווײַטער, נאָר ער איז אַלץ געגאַנגען אויפגעשטעלט מיט זיכערע טריט, וואָס דאַרפן פּאַרהיטן פון אַ חשד אַז ער גרייט זיך אַזוי אַרום צו אַנטלויפן. ווער עס וויל — קען אים זען, ער גנבעט זיך נישט! נאָר ווײַל עס האָט אים קיינער גאָרנישט געזאָגט, נישט געזען — האָט ער שוין געמאַכט ווײַטערדיקע שריט מיט דער זעלבער פּאַרתמטקייט. דאָס גאַנצע שפּיל איז אים שוין געפעלן געוואָרן און ער האָט זיך גע־צויגן אַלץ ווײַטער און ווײַטער. אָט וועט ער שוין באַלד זײַן אין וועלדל, אָן צו שפּרינגען פון די פענצטער און אָן צו שלײַכן זיך אויפן בויך, ווי יענער...

ערשט ביים סאַמע עק האָט ער געהערט אַ שטרענגן רוף:

— וווהין?

מעכעלע האָט דערקענט שולצען, וואָס איז ראַפּטום אויסגעוואַקסן פון אונטער די ביימער. די שרעק האָט אים אַ כאַפּ געטון, אָבער מעכעלע האָט זיך נישט פּאַרלוירן:

— איך האָב פּאַרגעסן אַביסל פּראָוויאַנט אין מײַן פריערדיקן באַ־ראַק. איצט זיצט מען סײַווי און מען וואַרט, האָב איך געוואָלט אויסנוצן

די פּאָר מינוט און אַרויסנעמען דאָס עסן. מיין באַראַק איז נישט ווייט פון דאַנעט...

מעכעלעס זיכערער ענטפער אויפן אָרט האָט שולצען אַרויסגעשלאָגן די שטרענגקייט פון די אויגן. ער האָט אויך דערקענט מעכעלען און איז אומגעוויינלעך ווייך געוואָרן:

— אַך, דיך קען איך דאָך! איך ווייס אַז צו דיר, מאָלער, קען מען האָבן צוטרוי... איך האָב דיך גוט אָבסערווירט די גאַנצע צייט פון מיין זיין דאָ. זאָג מיר בלויז צו, אַז דו וועסט נישט אַנטלויפן. אויף דיין בלויזן וואָרט לאָז איך דיך גיין... דו דאַרפסט זיך נאָר אומקערן אין פופצן מי־נוט אַרום... אַלזאָ?

קיין צוריק איז שוין נישטאָ. איצט דאַרף מען שוין ווייטער גיין. האָט אים מעכעלע נאָר געענטפערט נישט דירעקט צו דער זאַך:

— כ׳וועל נאָר נעמען אין באַראַק... הער וואַכפירער...

שולצע איז אַליין געוואָרן צופרידן מיט זיך און מיט זיין גוטסקייט ווען קיינער זעט נישט· האָט ער דערפאַר בלויז נאָכגעשריגן דעם גייענ־דיקן מעכעלע זיין אייגענע זיכערקייט:

— אָבער דו קערסט זיך באַלד אום, מאָלער!

— 4 —

מעכעלע האָט זיך אַ לאָז געטון אין געאייל צו דער זייט פון זיין באַראַק. באַלד האָט ער זיך אָבער פון דאָרט שנעל פאַרקירעוועט צו דער זייט פון שפּיטאָל־וועלדל און געקענט זען פון וויטנס, ווי אַזוי די דראָטן זענען אַליין און פאַרלאָזט. די ביינאַכטיקע אויפבּרוכן זענען נישט צוגע־טשעפּעט געוואָרן און מען האָט זיך געקענט אַרויסבאַקומען פראַנק און פריי. דער וואַלד אַרום איז געשטאַנען איינגעשוויגן, צעלויכטן און ער האָט געדרימלט אונטער די גלעטנדיקע צערטלערייען פון דער זון. אַלע באַראַקן זענען איצט געשטאַנען אָפענע, גרייטע און מיט אַ שטומער וואַרטעניש אויף עמעצן, וואָס דאַרף קומען צו זיי. מעכעלען האָט זיך אויסגעוויזן אַז דאָס גאַפן זיי אַזוי דערויף וואָס מען הערט נאָך דאָ אַזעל־כע שטילע, דערשראָקענע טריט. זיי האָבן שוין אַלץ פאַרענדיקט מיטן פריערדיקן...

דִי ווייטע בערגלעך און דער שטילער וואַלד האָבן אויפאַמאָל מע־

כעלען אָנגעשכורט מיט אַ לוסט, וואָס ער האָט נעכטן ביינאַכט אַבסאָ־לוט נישט געשפּירט:

העהע, ווי פריי און גערוים עס איז דאָרט, אַביסל ווייטער פון די דראָטן! ער דאַרף באַלד אַריינגיין אין אַ שטיקנדיקן וואַגאָן וואָס וועט אים פירן דער רוח ווייסט ווו... מען וועט דאָרט פּלאַצן פון ענגשאַפט און היץ... מען וועט זיין צוגעשלאָסן און פאַרהעמערט, נישט ווייסנדיק אויב מ׳וועט צוריק אַמאָל אַרויס אויף דער ליכטיקער שיין... און דאָ דאַרף ער נאָר מאַכן אַ געוואַגטן שפּרונג — וועט די גאַנצע גרינע רחבות אים אַרומנעמען, פירן אים און גלעטן מיט אירע פרישע, צעבליטע ריחות... וואָסזשע וואַרט ער?

ווי נאַריש אַ מענטש קען דאָס זיין, אַפילו אין אַזעלכע מינוטן! מע־כעלע רייסט זיך מיט אַלע חושים אַהין... ער דערמאָנט זיך פּלוצים אויפסניי אין דעם הייסן פּליסטערן פונעם יונג, וואָס האָט זיך נאָר וואָס געלאָזט אַהין... און דאָך ווערט אים עפּעס באַנגיק: שולצע האָט געהאַט פאַרטרויען אין אים... געלאָזט אים גיין — און ער נאַרט אָפּ! ער איז אַ ליגנער, אַ שווינדלער... ווען יענער זאָל געוועזן וויסן מיט וועלכע כוונות דער מעכעלע לאָזט זיך צו די באַראַקן, וואָלט ער אים זיכער אויפן אָרט דערשאָסן... נאָר ער האָט אים געקוקט אין די אויגן און פון דאָרט אַרויס־גענומען די זיכערקייט אַז מען קען אים געטרויען אויפן וואָרט. מעג ער אַפילו אַזאַ שולצען אַנטוישן אין זיין צוטרוי צו אַ יונגן, געפּלאָגטן ייד?

די מחשבות זענען אַזוי נאַריש און זינלאָז, אַז מעכעלע וויל זיך פון זיי אָפּטרייסלען — אָבער זיי לאָזן זיך נישט... מוז מעכעלע בייז זיין אויף זיך, געפינען דאָרט אינעווייניק אין זיך אַלערליי תירוצים: וואָס איז ער דען שולדיק אַז דער משוגענער קאָמענדאַנט האָט אין אים געהאַט פאַר־טרויען? זאָל ער צוליב דעם פאַרשפּילן דאָס לעבן? און ווער האָט דען נעכטן געשיקט אַזויפיל מענטשן צום טויט, אויב נישט שולצע? אַזעלכע ווי ער מוז מען אָפּנאַרן! נאָר מיט ליגנט קען מען ביי זיי עפּעס אַרויס־רייסן, געווינען אַ שאַנס אויף לעבן... נאָר גיין דאַרף ער, וואָס שנעלער צוקומען אַהין!

די שטילקייט אַרום איז נישט געוועזן מער צום באַזיגן. אַפילו מעכע־לעס טריט האָבן זי נישט אויפגערודערט. אָט איז ער שוין אין וועלדל און אָט שטייט ער שוין ביים שמאָלן, ליידיקן פּאַס, פאַר די דראָטן...

קיינער שטייט טאַקע נישט! בלויז אַ באַמערקט בילד פאַרהאַלט מעכע־לען נעבן די דראָטן:

אַ פופציק מעטער ווייטער פון אים, אין דער ברייט פון די דראָטן, האָט ער באַמערקט ווי אַן אויסגעצויגענער מענטש קריכט אַרויס פון וואַלד אויפן בויך... ער ציט זיך פאַרזיכטיק, רוק נאָך רוק, ביז ער שאַרט זיך אַרויס דורך איינעם פון די אָפענע ברוכן אין די דראָטן... אָט איז ער שוין אויף יענער זייט. ער קייקלט זיך שוין אַריין אין שמאָלן, אויס־געגראָבענעם טאָלעכל און דראַפּעט זיך אַרויף צוריק... דערנאָך ציט ער זיך אין דער זעלבער בויך־פּאָזע ביז צום וואַלד. עס זעט אויס ווי אַ לאַנ־גע, שוואַרצע שלאַנג וואָלט זיך מיט אַ רואיקער שרעק געראַטעוועט פון ווערק צע און קיינער האָלט נישט פאַר גויטיק איר צו שטערן דערייַן... פון יענעמס אומגעשטערטן שאַרן זיך צום וואַלד שפּירט מעכעלע די זי־כערקייט אויך איבער זיך. ער פאַרגעסט אַז דאָ איז נאָך ווידער די גע־פאַר און אַז ער טאָר נישט שטיין אין מיטן דער דראָטן־צעעפענטקייט אַזוי לאַנג און נאָכקוקן, מיטלעבן יענעמס שלייכן זיך מיט אַן אויפגעריסענעם בליק...

מעכעלעס האַרץ יובלט: געבענטשט זאָלן זיין די טריט פונעם אומ־באַקאַנטן יונג! ווי געוואַגט און זיכער ער האָט דאָס אַרויסגעטראָגן זיין לעבן אויפן רוקן! זאָל ער גיין און אַוועקטראָגן דער וועלט די לעצטע מינוטן פון דער יידישער ערדס שוידער אינעם הויף פון ווערק צע! דער יונג איז שוין אַריין צווישן דיביימער פון אומגעצוימטן וואַלד. אפשר האָט ער זיך שוין איצט אויפגעשטעלט, אויסגעגלייכט זיך און ער איז געוואָרן נאָך אַ בוים, אַ גייענדיקער קלוגער בוים וואָס האָט אויגן — און ער וועט שוין וויסן, ווי אַזוי אויסצומיידן געפאַרן... מעכעלע איז שכור פון פרייד און זעט מער גאָרנישט. אָט באַלד וועט ער זיך אויך אַנידער־וואַרפן אַזוי־ווי יענער און אויך ער וועט אַזוי פויזען, זיך צושאַרן צום וואַלד און אים דעריאָגן. מער גאָרנישט ווי דערגרייכן אים און אַרומנעמ־מען... וואָס איז דען נאָך מער פאַראַן צו טון אויף דער וועלט?

ער טוט אָבער גאָרנישט, מעכעלע. ער שטייט נאָר דאָ בכדי צו זען נאָך איין צייכן פון יענעם — און ער זעט נישט. מסתמא ציט ער זיך שוין דאָרטן אַריין וואָס טיפער. ער האָט געוואַגט — מעג ער איצט אויסנוצן יעדע סעקונדע פון זיין געוואַגטקייט! נאָר מעכעלע קען דאָ לאַנג נישט שטיין און טראַכטן. פון הינטער זיין רוקן צעשרייט זיך אויף

אים עמעצער מיט צופרידנקייט. פון שרעק קען מעכעלע נישט אויס־דרייען דעם קאָפּ, נאָר ער וואָרט, אָן געדאַנקען, אויף יענעמס דערנעענטערן זיך... באַלד שטייט טאַקע יענער אויף דער זעלבער ברייט פון די דראָטן און מעכעלע דערזעט אַ ווערקשוין וואָס קען אים פון די צייטן, ווען ער האָט אויסגעמאָלט זייער וואַך־צימער. דער וועכטער איז אָפּגערוקט און שטייט ביי אַ צווייטן שטיק אויפגעריסענע דראָטן. ער שטרעקט אויס מיט אַ געפּרווירענער גלייכגילטיקייט די געלאָדענע ביקס גלייך אויף מעכעלען:

— דו האָסט געוואָלט לויפן.. אָבער איך היט!

אויך אין מעכעלען איז אַלץ שוין אָפּגעקילט געוואָרן. דאָס אָקאָרשט־געזעענע בילד האָט זיך פאַרווישט, פאַרפלויגן... עס איז אים איצט גאָר־נישט נאָענט, גאָרנישט שרעקעוודיק. ער האָט אפילו נישט קיין מורא טאָמער וועט די ביקס אים באַלד אַריינשיסן אַ קויל... עס איז דאָך דאָ אַזוי ליכטיק, אַזוי פריש... ס׳איז אפשר שוין גוט דאָ צו בלייבן... נאָר זיין קול רייסט זיך פון אים אַרויס:

— כ׳האָב נישט געוואָלט אַנטלויפן! איך שטיי דאָ שוין אַ לענגערע צייט אויפן זעלבן אָרט און כ׳האָב זיך נישט גערירט...

דער זעלנער האָט זיך געלאָזט גיין אויף אים נענטער און נענטער. זיין ביקס האָט זיך געשטרעקט פאָראויס און מעכעלען האָט זיך געדוכט אַז דאָס קומט ער נאָר צו, ווייל ער וויל אים אַדורכשטעכן מיט איר. האָט ער זיך נישט גערירט פון אָרט נאָר געקוקט אויף אים און צוגעוואַרט ביז ער וועט שטיין נעבן אים, ביז ער וועט טון זיינס...

אַ קול פון דער צווייטער זייט האָט אויך דעם זעלנער אָפּגעשטעלט אין מיטן גאַנג. איצט האָט שוין מעכעלע זיך דערשראָקן און דערפילט נאָך מער אַ בושה אין זיך. ס׳איז געווען שולצעס קול. ער האָט געשריגן צום זעלנער, געוואָרנט אים אַז ער זאָל נישט אויסשיסן ביז ער וועט צוקומען. באַלד האָט ער זיך טאַקע אַ לאָז געטון מיט אימפּעט אויף דעם יינגל וואָס איז געשטאַנען און געגליווערט אויפן דראָטן־שפּאַלט... ער האָט מעכעלען אַ כאַפּ געטון מיט דער געזונטער פויסט און אויסגעדרייט מיט צאָרן מעכעלעס פּנים אַנטקעגן זיינעם. מעכעלע האָט געוואָלט אויפשרייען פון ווייטיק, אָבער ער האָט דערשטיקט דעם געשריי אין זיין בלאַסקייט. אויך שולצע איז איבעראַשט געוואָרן און זיך אָנגעגאָסן מיט רויטן צאָרן:

— דו!? האָסט צוגעזאָגט... כ׳האָב דערלויבט... און דו גאָר?... אַנט־לויפן האָסטו געוואָלט דורך אָפּנאַרן מיך!? דו ייד!

פון שולצעס שוימיקער זידלעריי האָט מעכעלע אויפגעוואַכט און פאַרלוירן דאָס באַהאַלטענע געפיל פון שעמען זיך. ער האָט שוין איצט געקענט קוקן שולצען גלייך אין די אויגן אַריין מיט קאַלטן, שפּאָטיקן גליווער:

— איך האָב צוגעזאָגט — און דערפאַר בין איך נישט געלאָפן... איך שטיי שוין דאָ אַ שטיק צייט, איידער דער וואַכמאַן איז צוגעקומען — זאָל ער זאָגן! איך בין געשטאַנען און נישט געלאָפן... איך האָב נאָר געוואָלט דאָס לעצטע מאָל זען דעם וואַלד אָט אַזוי פריי, ווי מען קען אים נאָר זען פון דאַנעט... מיין וואָרט האָט מיך סייווי געבונדן, הער וואַכפירער...

שולצעס צערייצטקייט האָט זיך אויפאַמאָל איבערגעגאָסן אין אַ פאַרלוירנקייט:

— איך מוז דיר גלויבן, מאָלער... איך האָב דיר שטענדיק געגלויבט. אָבער איצט בין איך שרעקלעך מיד... דער נעכטיקער אָוונט מאַכט מיך משוגע! נאָר אַז דו ווילסט — קוק זיך איין נאָך אַ פּאָר מינוט און קער זיך צוריק...

דער דייטשער ווערקשוץ האָט זיך צוריקגעצויגן אַביסל ווייטער צו זיין פּאָסטן. אויך אים האָט זיך איצט פאַרוואָלט שטיין אַ פּאָר מינוט רואיק און די ביקס אַראָפּלאָזן ביי דער זייט... שולצע האָט זיך אָפּגערוקט עטלעכע שריט הינטער מעכעלען און געשוויגן. מעכעלע האָט אַליין נישט געוווסט, וואָס ער האָט איצט צו טון: זאָל ער זיך שוין לאָזן גיין, אָדער ער זאָל נאָך אַ פּאָר מינוט וואַרטן און איינקוקן זיך... געזעגענען זיך מיט פוילן, אין וועלכן די ביימער זענען געטרייער ווי מענטשן און די לופט איז ריינער ווי דאָס האַרץ פון גאַנצן לאַנד. אַ געפיל האָט אים געזאָגט אַז מער וועט ער שוין דאָס לאַנד פאַר די אויגן נישט אָנזען... דאָס האָט אים אַזויפיל געמאַכט פאַרנאַרט אַז ער האָט זיך אויסגעדרייט צו שול־צען, אַזויווי עס וואָלט דאָ פאַר אים געשטאַנען אַ מענטש... ער האָט זיך דערנענטערט צו אים:

— פאַרשטייט מיך, הער וואַכפירער... איך בין אין דעם לאַנד גע־בוירן און נאָך קיין אַנדערס אויף מיינע אויגן נישט אָנגעזען... איצט ווייס איך, אַז דאָס זענען מיינע לעצטע בליקן אויף דער דאָזיקער ערד — האָב

איך זיך געמוזט אָהער צושלייכן און נאָך איין מאָל אַ בליק טון אויף דער היימישער פריי...

אנשטאַט שולצע זאָל רואיקער ווערן דערפון — האָט ער זיך פלור־צים צערעוועט... זיין געשריי איז געוואָרן אַ געמיש פון מיטגעפיל, חרטה, כעס און משוגענע צעחושטקייט:

— ווער האַלט דיך דען!? אויב דו ווילסט — גיי! איך שווער דיר, אַז איך וועל דיר נישט נאָכשיסן! איך האָב עס שוין גענוג... איך בינד דיך נישט... נוץ אויס דעם שאַנס! אויף דער וואַכמאַן וועט דיר נישט נאָכשיסן... איך האָב סייווי אַלץ געזען!

מעכעלע האָט אים אָנגעקוקט מיט שטוינונג: וואָס האָט ער געזען? ווייסט ער פון דעם יונגס אַנטלויפן און שווייגט? האָט ער טאַקע געזען און גאָרנישט רעאַגירט? אויב אַזוי... אָבער שולצע האָט אים מער נישט געלאָזט טראַכטן. ער איז צוגעקומען גאָר נאָענט און גענומען צישען:

— דו קענסט גיין... איך דערלויב דיר — אָבער זיי וויסן: ד אָ ר ט איז זיכער דער טויט! נישטאָ קיין שום שאַנס... גאָרנישט! איך ווייס נישט וואָס אייער אַלעמענס גורל וועט זיין אויפן אָרט ווו איר קומט איצט — איך ווייס נאָר איינס: אויב דו זוכסט אַ שאַנס צום לעבן — וועסטו אים נאָר האָבן ד אָ ... גלויב מיר עס! ווייטער קען איך דיר גאָרנישט זאָגן. קום צוריק מיט מיר!

מעכעלע האָט גאָרנישט געוואָלט מער פרעגן, גאָרנישט זאָגן. ער האָט זיך נאָר אויסגעדרייט מיטן פּנים צו די באַראַקן און געשטעלט דעם ערשטן טריט אויף צוריק. דער וואַכמאַן האָט זיך דאָרט ווייטער גלייכ־גילטיק געדרייט אַ ציגאַרעטל פון געלן טאַבאַק. מער איז אים דאָ גאָר־נישט אָנגעגאַנגען. זאָל שוין דער קאָמענדאַנט אָפּרוימען דאָס יידל און ער וועט שוין מוזן וואַרטן אויף אַנדערע גליקן! נאָר שולצע האָט זיך צו־געשטעלט צו מעכעלעס זייט אוןביידע האָבן גענומען צוריקשפּרייזן מיט גלייכע שריט. שולצע האָט אָבער נישט געקענט ליידן די פּנים אל פּנימ־דיקע שטילקייט. ער האָט זיך גענומען פאַרענטפערן פאַר עמעצן אַן אומ־געזעענעם און מעכעלע האָט זיך בלויז איינגעהערט. שולצעס ווערטער זענען געקומען אַזוויוי פון עפּעס אַ מיטן אַרויס:

— פאַרשטייסטו... איך האָב נאָך קיינמאָל אויסער דער שלאַכט נישט דערהרגעט קיין מענטש וואָס איז נישט באַוואָפנט... נישט דער־שאָסן קיינעם פון דער נאָענט... און איצט האָב איך מיט איינמאָל —

אַזויפיל! אַזויפיל אויסגעקליבן מיט אַמאָל! ערנוואָרט, ווי איך אַליין האָב זיך נישט געוואָלט צוגלייבן ביים קלויבן אַז מען וועט זיי טאַקע אַלע דער־שיסן...

מעכעלעס טריט זענען געוואָרן האַסטיקער. שולצעס ווערטער האָבן אים פּלוצים דערמאָנט אַז דאָס שפּרייזט ער איצט זייט ביי זייט מיטן תליון פון ווערק צע... זיי האָבן שוין איבערגעשפּרייזט דאָס אינערלעכע וועלדל און דערגרייכט די ערשטע באַראַקן. שולצע האָט אים נאָך פאַר־האַלטן אַ מינוט:

— איצט פאַרשטייסטו פאַרוואָס איך בין אַזוי צעטראָגן היינט? איך קען זיך נישט אָפּגעפינען... איך וואָלט שטאַרק געוואָלט אַז איר אי־בערגעבליבענע זאָלט שוין לעבן בלייבן. געדענק עס! און איצט — גיי צוריק צו די אַנדערע...

מעכעלע האָט זיך אַ רוק געטון פאַראויס און שולצע איז געבליבן הינטערווייַלעכץ.

ביי דער פאַרזאַמלטער מחנה האָט זיך גאָרנישט געענדערט. אַ טייל זענען געזעסן אויף זייערע רוקזעק און געוואָרעמט זיך אויף דער זון. אַנ־דערע האָבן זיך שטיל געמאַכט זייערע פּלענער מיט זייערע מיידלעך, אין פאַל ווען מען וועט זיך אַמאָל צוריקזען און טייל האָבן מיט ניכטערנער זאָרג באַהאַלטן דאָס געבליבענע ברויט אויף שפּעטער אין די טאָרבעס אַריין. קיינער האָט נישט באַמערקט אפילו מעכעלעס צוריקקומען. האָט ער זיך אַוועקגעזעצט צווישן דער גאַנצער חברה און געוואָרן אַ ברעקע־לע פונעם גאַנצן, זינלאָזן וואַרטעניש.

שולצע האָט זיך נאָך שפּעטער עטלעכע מאָל פאַרבייגעדרייט צווישן די מענטשן, אָבער אויף מעכעלען האָט ער אפילו מער קיין קוק נישט געטון.

## קאַפּיטל זעכסאונפערציק

— 1 —

די שעהן האָבן זיך געצויגן האַרב און פויל. עס האָט ערשט קוים געהאַלטן ביי 12 אַזייגער. עס איז שוין נמאס געוואָרן צו זיצן אויף איין

אָרט און די מענטשן האָבן זיך גענומען ביסלעכווייז צו גיין אַהין און צוריק אויפן ענגן שטח. אין דער לופט האָבן זיך נאָר געטראָגן ווייטע אָפּהילכן פון שאָסן, וואָס האָבן אַ תל געמאַכט פון דער שטילקייט אין דער הויך. אַלע האָבן שוין געוווסט אַז דאָס ליקווידירט מען איצט די אַנדערע צוויי ווערקן. מיט ווערק צע איז מען שנעל פאַרטיק געוואָרן. דאָרטן האָבן זיך סך־הכל נאָך אויפגעהאַלטן ווינציקער ווי טויזנט נפשות. דערפאַר איז עס צוגעגאַנגען שווערער מיטן ווערק א׳, וואָס האָט געהאַט די גרעסטע צאָל יידן. עס האָט געמוזט דויערן שעהן ביז מען האָט אויסגעקליבן די מענטשן צום דערשיסן. דערנאָך האָט מען געמוזט אָפּטיילן אַ באַזונדער גרופּע, וואָס זאָל בלייבן ביי דער אַרבעט אויף אַ שטיקל צייט און ערשט צום לעצט אָפּטיילן די גרעסטע טייל פון דער גרופּע צום אַוועקשיקן.

די געבליבענע אויפן ווערק צע הויף זענען אָבער שוין געווען רו־איק. אַלע שפּאַנונגען האָבן שוין מער נישט געהאַט קיין כוח צו לעבן און זיי האָבן רעזיגנירט. איז נאָר געבליבן אַ מחנה פון אויסגענאָגטע שטי־קער גוף, וואָס האָבן געקענט אויסהערן שיסערייען און וואָס עס זאָל נאָר קומען, אָן דעם מינדסטן רודער. דאָס גאַנצע לעבן איז שוין געשטאַנען ווייט פון זיי. מעכעלע איז אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַלגעמיינער גלייכגילטיקייט. ער האָט זיך נאָר עקשנותדיק געקלאַמערט אין איין באַ־שלוס זיינעם: אויסצופאַסטן דעם הייַנטיקן תשעה באב! ער האָט אַליין נישט געוווסט ווען ער וויל דאָס אָפּטאָן. דאָס האָט ביי אים געזאָלט זיין דאָס לעצטע ברעקל אבלות נאָך מענדלען און נאָך אַלע אַנדערע חברים זיינע, וואָס זענען דעם טאָג אַוועק. די זון האָט אָבער להכעיס גענומען ברענען מיט אַ מוראדיקן אימפּעט. די וואָס האָבן אויפגעגעסן זייער ברויט מיטן זיסלעך־ביטערן מאַרמעלאַד זענען שוין איצט געלאָפן ווי די משוגעים, אויסגעפּולט פון איין תאווה: וואַסער!

דער רינג איז אָבער געווען איינגעשלאָסן און דער וואַסער־בלאָק איז געשטאַנען דריי שריט נאָך דער שוואַרצער קייט פון פּאָסטנס נעבן טויער. עס איז אָבער נישט דערלויבט געוואָרן. דער פרומער לימעט מיט נאָך עטלעכע רעליגיעזע יידן האָבן דערפאַר געמוזט ביי די דורשטיקע איינשטילן די דורשט מיט ווערטער:

— זאָל זיך אייך דוכטן אַז איר פאַסט הייַנט... דערמאָנט זיך אַז הייַנט איז תשעה באב — וועט אייך לייכטער ווערן. מען דאַרף סיי־ווי

היינט געלייטערט זיין. דאָס קען מען ווערן פון יסורים. די דאָזיקע יסו־רים, וואָס קומען אָבער פון דייטשע קלעפּ קענען נישט לייטערן. זיי פאַלן איבערן מוח און צעטומלען בלויז... דערפאַר אָבער קען מען גע־רייניקט ווערן פון אַזאַ פּיין וואָס מען איז אויף זיך אַליין מקבל באהבה... איז אפשר גאָר אַ זכיה פאַר אייך, וואָס אין אַזאַ טאָפּלטן טרויער־טאָג איז נישטאָ קיין וואַסער אויפן פּלאַץ...

איין יידל מיט אַן אויסגעדאַרט פּנים, וואָס האָט זיך איבער דער צייט דערמאָנט אַרומצונעמען זיך מיט אַ גאַרטל — האָט זיך אַפילו צע־קאָכט פון גליקלעכער התלהבות:

— יידן, פאַרגעסט אַז דער דורשט קומט צו אייך מ א ו נ ס . . . דאָס ווילט א י ר נ י ש ט טרינקען ווייל היינט איז חרוב געוואָרן ירושלים... יידן!

זיין פּרעפּלען פון גרופּקע צו גרופּקע האָט אים אויפגעהייטערט, אָנ־געצונדן מיט אַ לעבעדיק פלעמל זיינע אויגן. צווישן דעם עולם וואָס האָט שוין געהאַלטן אין געדאַנק נאָך חיבוט־הקבר האָט זיך זיין רירעוו־דיק געשטאַלטעלע נאָך בולטער אַרויסגעהויבן און צוריק אָנגעיאָגט אַ גרוס פון לעבעדיקע וועלטן. עפּעס עמעצער האָט זיך אַפילו אָנגערופן צו אַ צווייטן:

— נו, זעסטו דאָך! אומגעברענגט אַלע יידן פון פוילן... חרוב גע־מאַכט ווערק צע און איצט דערליידיקט מען ווערק א׳ — און פון דעסט־וועגן זעסטו נאָך אַרומדרייען זיך אַזאַ ייד, וואָס געדענקט אין תשעה באב... דער רבונו של עולם וועט שוין נישט באַנקראָטירן...

זיין האָפענונג האָט טאַקע נישט מיטגעריסן קיין סך, עס האָט אָבער דערמאָנט אַז דערווייל האָט מען נאָך צייט און מען קען נאָך מיט איר עפּעס מאַכן. עטלעכע מאַן זענען געזעסן און פאַנטאַזירט צווישן זיך וועגן דעם וואָס עס וואָלט געווען ווען אין מיטן געשעט אַ נס. פרויען האָבן דערווייל אויסגעזוכט ביי זיך אין די פּעקלעך פאַרשידענע רויטע און בלויע שטיקער שמאַטעס מיט שטיקער טאָוול... דאָס האָבן זיי נאָך אַלץ זיך געגרייט צו מאַכן פּאָליציי־היטלען פאַר זייערע נאָענטע. עס קען זיך נאָך מאַכן זיי זאָלן צונויף קומען אין דער פרעמד. מעכעלע האָט געשריבן מיט אַ בלייענעם גריפל קליינע צעטעלעך אויף פּאַפּיר־שמאַטקעס און זיי אַרונטערגערוקט הינטער די לעכער פון באַראַק, ביי וועלכן ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט. דאָס האָט ער אָנגעצייכנט אין געלאָסענע ווערטער אַלץ

וואָס דאָ האָט פּאַסירט, פאַר די וואָס וועלן דאָ קומען נאָך די דייטשן. קען זיין אַז די פּאַפּירלעך וועלן זיך דערוואַרטן און מען וועט דערגאָך וויסן ווער עס איז דאָ געוועזן און ווער עס איז אומגעקומען. דאָס קנאַ־לעריי פון די וויטקייטן האָט זיך געלאָזט הערן שאַרפער און פאַרביסע־נער. אַלע האָבן אויפאַמאָל געשפּירט אַז די יידן אין די שכנותדיקע אָפּ־טיילונגען האָבן איצט אַנדערע מינוטן ווי דאָ. זיי האָבן נישט די לעצטע רו, וואָס ווערק צע איז באַשערט געווען. האָט ער מיט מעכאַנישער גלייכ־גילטיקייט דאָס אויך נאָטירט אויף אַ לעצט ברעקל פּאַפּיר וואָס אים איז נאָך געבליבן.

נאָך דעם האָט שוין מעכעלע נישט געהאַט וואָס צו טון. עס האָט אים אפילו גענומען פאַרדריסן וואָס די דייטשן האָבן איבערגעלאָזט אַזויפיל איבעריקע צייטן פאַרן ווערק צע. די שלעפּעדיקע שעהען האָבן צוגערייבט ביי די מענטשן דעם ערנסט פון טויט. אַלע רייד וואָס זיי האָבן דאָ איצט שוין גערעדט זענען געוואָרן טרוקן און אויסגעקראָכן, כאָטש די נודנע־קייט האָט נישט געלאָזט שטילשווייגן. מעכעלע האָט דערפילט אויף זיך די מידקייט פון דער נישט־אויסגעשלאָפענער נאַכט און פון דעם אויפ־טרייסלען זיך אַזוי לאַנג. ער האָט זיך דערפאַר אויסגעצויגן אין זיין גאַנ־צער לענג אויפן הויף און אָנגעלענט דעם קאָפּ אין דער האַרטער ערד. נאָר טיף אונטער דער פאַרטרוקנטער, האַרטער מאַסע איז דאָך נישט רואיק געווען. ביים ליגן צוגעטוליעט צו איר האָט מעכעלע געהערט ווי דאָרט קאָכט זיך, רוישט... און מעכעלעס קערפּער האָט דערשפּירט ווי זי טרייסלט זיך אונטער זיין גוף. עס איז פאַר אים מער קיין ספק נישט געווען אַז דאָס זענען די אָפּהילכן פון אַ מוראַדיקער קאַנאָנאַדע, וואָס קומט איצט פאַר אויף די נאָענטע פראָנטן... האָט ער נאָך מער צוגע־דריקט דאָס אויער צו דער אָנגעגליטער ערד און עס האָט זיך אים אויס־געוויזן אַז דאָס רעדט צו אים ספּעציעל אַזאַ שטום קול פון די טיפענישן אַרויס:

— דו הערסט? אין דער הויך דונערן די שאָסן פון מאָרד, פון אויס־ראָטונג... אָבער דאָ, פון די אונטערשטקייטן שטייגט שוין אויף אַ צווייט דונערן... דאָס לאָזט זיך הערן דער פייערדיקער אָנזאָג פון נקמה... אָט ציטערט שוין די ערד פון אירע מעכטיקע קלעפּ...

איז מעכעלע געלעגן צווישן די אָפּהילכן פוןביידע פייערן און איינ־געשלאָפן.

— 2 —

דער מעכטיקער געפילדער, וואָס האָט זיך פּלוצים אויפגעהויבן אין הויף, האָט אַלעמען געשטעלט אויף די פיס. אויך מעכעלע האָט זיך אויפגעשטעלט און שטיין געבליבן. עס האָט געשלאָגן די לעצטע שעה. פון דער צווייטער זייט וואַלד האָט זיך גענומען רוקן אויפן ווערק צע אַ ריזיקע, סאַפּענדיקע חיה וואָס האָט פון זיך געשפּיגן גרויסע קנוילן רויך. אַ פייפעריי פון עטלעכע זייטן האָט געלענקט מיט איר, געצויגן זי צום ריכטיקן וועג. ביים אויבערשטן טויער איז דאָס געשפּענסט שטיין געבליבן און אָנגעיאָגט אַ געדיכטן רויך־וואָלקן, וואָס האָט אויסגעגעסן די אויגן און צעטומלט.

דורך אַלע טויערן איז געוואָרן אַן אָנגעלויף פון פאַבריקס־מייסטערס און אונטערהעלפער. קיינער האָט נישט געזען, ווען זיי האָבן באַוויזן צוצוקומען ביז צום לאַגער. ווען מען זאָל זיי נישט געוועז דערקענען — וואָלטן אַלע זיכער געווען אַז דאָס זענען אויסגעוואקסן שדים אויף די וואַלדיקע מאָכן. זיי האָבן שטאַרק קיין צייט נישט געהאַט. ווי נאָר זיי האָבן אַריינגעשטראָמט פון די טויערן האָבן זיי שוין גענומען שרייען מיט די העכסטע קולות:

— פאַרוואָס שטייט מען!? פאַרוואָס פאַרזוימט מען!? די וואַגאָנעס זענען שוין גרייט! העי, ווו זענען ערגעץ די וואַכמענער, די יידישע פּאָליציי!?

ווידער זענען אַרויס די געמאַכטע פּאָליציי פון די רייען. געהערט אַז מען רופט די פּאָליציאַנטן — האָט זיך ווידער געשאַפן דער איינדרוק אַז אין דער לעצטער מינוט וועט מען דאָך זיי באַזונדערס פּריווילעגירן. זיי האָבן זיך דערפאַר געשטעלט צום דינסט. טייל אַזעלכע, וואָס האָבן נאָר געהאַט קוים־צוזאַמענגעשטיקעוועטע שמאַטעס צוגענייט אויף טאָוולען, האָבן זיך אַ מינוט געוואַקלט ביז זיי האָבן אויך דאָס אַרויפגעצויגן אויפן קאָפּ. קיינער האָט זיך אָבער נישט געמיט זיי צו קאָנטראָלירן. מען האָט די מאַסע גענומען טרייבן צום אויבערשטן טויער, וואָס גייט אַרויס צום פרייען וואַלד. מען האָט ווידער אַדורכגעיאָגט פאַרביי אַלע באַראַקן און מעכעלע האָט נאָך באַוויזן צו זען זיין צעוואָרפן בעטל נעבן פענצטער. קיין צייט צו שפּילן זיך איז אָבער נישט געווען. מען איז גאָר־שנעל אַרויפגעטריבן געוואָרן ביז אין דער הויף און די מייסטער מיט די וועפּ־

טער האָבן אַריינגעצויגן די מחנה צווישן די טאָפּלטע דראָטן. מען האָט שוין מער נישט געפונען זיך אין לאַגער און נישט אין וואַלד. די צווישן־דראָטן זענען געווען געשטעלט אויף אַ שמאָל פּאַסיקל ערד — האָבן זיך די מענטשן געמוזט אַראָפּשטויסן אַלץ טיפער און טיפער, ביז דער גאַנ־צער שמאָלער חלל איז אויסגעפולט געוואָרן מיט מענטשן. דער לאַגער האָט פּלוצים גענומען אויסזען ווי אַרומגערינגלט פון אַ שוואַרצער, באַ־ווענלעכער מויער.

די גראָזן אין דער שמאָלער אָפּגעצוימטקייט זענען געווען ווילד, הויך און פעט. קיינער האָט אויף זיי נישט געטרעטן די גאַנצע צייט און דאָס גאַנצע שטיקל פּלאַץ איז געווען אויסגעפולט מיט קערפּערס פון דערשאָסענע ווערק־צעניקעס. ביי די וואַגאָנעס האָט זיך אייפערדיק גע־פּאַרעט ד״ר ראָסט מיט נאָך עטלעכע מייסטערס. זיי האָבן קאָנטראָלירט, אויב די טירן זענען פעסט און אויב מען זעט נישט דאָרט קיין ברייטע שפּאַרעס. די פּאָליציאַנטן זענען געבליבן אויסער די דראָטן. עטלעכע מייסטערס זענען אויך צוריקגעבליבן אַ שטיקל וועגס. צווישן זיי איז גע־שטאַנען דער אַלטער האָפּמאַן. ער האָט זיך אָפּגעזונדערט פון אַלעמען, צוגעשטעלט אַ שפּאַקטיוו צום אויג און אָבסערווירט מיט הנאה דאָס בילד.

נעבן די מייסטערס האָט שווער אַרומגעשוויצט דער גראָבער אַבראַם. אַלע מייסטערס האָבן אים געקענט און דערפאַר בלויז אים אָפּגעגעבן זייערע באַפעלן. האָט ער טאַקע אַלעמאָל אַריבערגעדונערט די נייסטע קאָמוניקאַטן:

— איך וועל אייך טויט לאָזן, אויב איר וועט זיך אַ ריר טון אויסער די דראָטן... באַלד וועט מען אייך אָפּשיקן אויף יענער וועלט מיט פּאַ־ראַד...

די וואַגאָנעס האָט מען נאָך געדאַרפט באַפעסטיקן. עפּעס האָט ראָסט צו זיי נישט געהאַט קיין איבעריקן צוטרוי. דערביי זענען זיי געווען אַזוי־פיל, אַז זיי האָבן פאַרשטעלט אַלע רעלסן. עטלעכע מונדירטע לאָקאָמאָ־טיוו־פירער האָבן זיך ביי זיי פיבערהאַפט געפּאָרעט, אָבער דאָס האָט אויך געדאַרפט פאַרנעמען אַ לענגערע צייט. אפילו שולצע האָט זיך צו־געוואָרפן העלפן צורעכט מאַכן די וואַגאָנעס. עס איז קענטיק געווען אַז דאָס וויל ער זיי שוין זען וואָס שנעלער זיך אָפּרוקן פון דאַנעט... דאָס איז אָבער נישט צוגעגאַנגען אַזוי שנעל. די גאַנצע מחנה פון די שמאָלע

דראָטן איז דערווייל געשטאַנען און מיט שטאַרע אויגן אַהין אַריבער־געבליקט. דאָס האָט צערייצט איינעם פון די מייסטערס און ער האָט דאָרט עפּעס אַ ברום געטון. באַלד נאָך דעם האָט זיך געהערט אַ באַפעל:

— אַלע מענטשן זאָלן זיך זאָפאָרט אַוועקלייגן אויפן גראָז! אויס־ציען זיך און ליגן!

מעכעלע האָט געבן זיך דערזען דאָס יידל, וואָס איז פריער אַרומגע־לאָפן אויפמונטערן דעם עולם צו היטן דעם היינטיקן דורשט. דאָס יידל האָט זיך איינגעבויגן גלייך ווי אַלע און מיט אַ געדעמפט קול אָנגעזאָגט זיינע שכנים:

— יידן... היינט איז תשעה באב... אין דער היים איז מען שטענ־דיק געגאַנגען אויפן בית־הקברות און איצט געפינען מיר זיך אויך אויף אַ בית עולם... פאַרגעסט נישט אין דעם, יידן!

דער גאַנצער עולם האָט זיך אַנידערגעוואָרפן אויף דער ווייכער, גרי־נער קאָלדרע פון וועלכער עס האָבן אַרויסגעשטרעקט די שפּיציק־גראָזע־נע האָר פון די באַגראָבענע... מעכעלע איז געלעגן צוזאַמען מיט אַלע און איינגעטוליעט זיין צעפּיבערטן קאָפּ אין די געוויקסן. אין זיין זייט האָט ער געהערט, ווי דער פרומער שכן ליגט אויפן בויך אויסגעצויגן און ער פּרעפּלט עפּעס אַריין אין דער ערד אונטער אים... האָט זיך אויך מעכעלע, ליגנדיק, אַ בוק געטון צו דער ערד מיטן קאָפּ און אויף שטומען לשון זיך געזעגנט מיט די הונדערטער איינגעשוויגענע וואָס זענען פעסט געלעגן איינגעדעקט הינטערן צעפּלאָשעטן גראָז...

— 3 —

— פאַרטיק! צוגרייטן די רייען!

די טירן פון די משאַ־וואַגאָנעס האָבן זיך צעעפנט. פינצטערע, ברע־טערדיקע ארונות — אָן אַ שפּאַלט און אָן לופט. דאָ קענען העכסטנס זיך צעשפּרייטן דרייסיק מענטשן. ביי דער היץ וועלן אויך דריי צענדליק זי־כער דערשטיקט ווערן פון קלעפּיקער ענגשאַפט. פאַר די מייסטערס איז דאָס אָבער גאָרנישט. זיי דאַרפן בלויז אַוועקשיקן די יידן פון דעם פּלאַץ. דאָס איז זייער אויפגאַבע און מער גייט זיי נישט אָן. זיי האָבן אַ סך

יידן און ווייניק וואַגאָנעס — מוזן זיי בלויז אויסרעכענען מיט דער בליי־שטיפט:

— הונדערט מאַן אין אַ וואַגאָן!

איבער דער מאַסע איז אַדורך אַ שווידערלעכער געמורמל:

— הונדערט מאַן... הונדערט מאַן... מען גייט אונדז דערשטיקן...

די טרוקענע קולות פון די באַפעלער גייט אָבער דער דאָזיקער גע־ברום נישט אָן:

— די ערשטע הונדערט מאַן — אַהער!

די פּאָר יידישע פּאָליציאַנטן האָבן זיך אַ וואָרף געטון צו די דראָטן. דער גראָבער אַבראַם האָט גענומען קלאַפּן מיט זיין שטעקן איבער די קעפּ. מען האָט געשלעפּט די וואָס זענען געשטאַנען די ערשטע. ווען די הונדערט מאַן זענען שוין געווען אין דרויסן האָט מען זיך צוריק געמוזט אַנידערזעצן. עס איז אָבער גוט געווען אַזוי. אַלע האָבן געוווסט, אַז דאָס איז די לעצטע געלעגנהייט צו זיצן אויף דער לופט... הונדערט מאַן אין אַ וואַגאָן... הונדערט מאַן! דאַרף מען זיצן, דאַרף מען אַריינשלינגען וואָס מער לופט אין זיך! זאָל זי אפילו זיין געשעפּט פון די קברים פון דער־שאָסענע און גליקלעכע ווערקצעניקעס, וואָס ליגן דאָ און דאָך שלעפּט זיי שוין מער קיינער נישט.

די מענטשן האָבן דאָך נישט געקענט אַריינגיין אין איין וואַגאָן. ביי די ערשטע זעכציק איז דער שמאָלער וואַגאָן פול געוואָרן פון זיי און פון זייער געפּעק. די אַנדערע האָבן זיך געמוזט אַריינקוועטשן, אַריינ־דרענגען. ווען עס זענען נאָך געבליבן עטלעכע אין דרויסן האָט שוין אַבראַם מיט זיינע געהילפן געמוזט זיי אָננעמען און אַריינשליידערן אויף די פריערדיקעס קעפּ. באַלד האָבן זיך גענומען טראָגן פרייכנדיקע גע־שרייען און אַ שווערער צוהאַק פון דער וואַגאָן־טיר... אַ כריפּנדיק קול האָט געמאָלדן:

— פּערטיק! איינוואַגאָנירט... די נעכסטע הונדערט...

איצט האָבן שוין אַלע פאַרשטאַנען אַז עס איז בעסער צו זיין פון די ערשטע. אויב מען קען נישט אויסמיידן דאָס אַוועקגעשיקט ווערן — טאָ זאָל מען כאָטש אַריינגיין אינעווייניק און כאַפּן אַ פּלאַץ, איידער צו געשליידערט ווערן מיטן ביסל אָרעמקייט איבער די קעפּ און בלייבן שוועבן אין דער לופט... האָט מען זיך אָנגעהויבן דרענגען אין דער שמאָ־לער מויער. שטאַרקערע האָבן זיך אַדורכגעשלאָגן אַ פּלאַץ וואָס נענטער

צום טויער און געלאָזט די אַנדערע פון אונטן. דאָס האָט נאָך מער אָנגע־שראָקן און ווער עס האָט נאָר אַביסל כח געהאַט איז געלאָפן, געשטויסן זיך פאָראויס. די פּאָליציי האָט שוין געמוזט אַרבעטן מיט די פויסטן און שטעקנס אָפּצוטרייבן דעם עולם און אויסקלייבן די ווייטערדיקע הונ־דערט. אַבראַם האָט אפילו געפּרוווט אויף זיין אופן באַרואיקן די מחנה:

— שוטים! איך פאַרזיכער אייך אַז מען וועט קיינעם נישט פאַר־טיילן אויף דער שמחה!

דאָס איינלאַדענען די מענטשן האָט זיך אָבער פאַרצויגן לאַנגע שע־העןָ. אַ גרויסער טייל פון די מענער האָט שוין נישט געהאַט קיין נערוון אויסצוּוואַרטן אויף זייער ריי און געשטויסן זיך, געברילט און דווקא גע־וואָלט וואָס פריער זיין אויפן אָרט. עס האָט נישט געהאָלפן, וואָס עטלע־כע רואיקע קעפּ האָבן געפּרוווט אויפקלערן אַז עס איז גאָר בעסער. י ע נ ע וועלן שוין איצט דערשטיקט און גייען אָפּ אין שוויס, בשעת דאָ קען מען נאָך האָבן אַזויפיל לופט!

אפילו דער רואיקער, שטילער עסקן פון אַמאָליקן וואַרשע ביאַלאָ־קאַמיען האָט זיך גענומען אויפרעגן אויף זיי:

— אידיאָטן! איצט ווייסט איר עס נישט אָפּצושאַצן... אָבער אַז איר וועט זיצן אַ פּאָר שעה אין וואַגאָן, אַזויווי איך בין געזעסן אויפן וועג קיין טרעבלינקי — וועט איר שוין וויסן וואָס דאָס הייסט א יי ן מינוט פרישע לופט... אַנקומען אויפן אָרט וועלן מיר אַלע גלייך — און דאָ פאַרדינען מיר אַ גאַנצע פּאָר שעה ריינע לופט... גיט נאָר אַ טראַכט דערפון!

די דאָזיקע לאָגישע טענות האָבן אָבער נאָך מער צערייצט די מאַ־סע. עס איז שוין מער נישט מעגלעך געוועזן צו רעדן צו זיי מיט ווערטער, וואָס רירן נאָר אָן דעם שכל. גאַנץ באַזונדערס זענען די דאָזיקע מענטשן געוועזן געבעבנטשט מיט אַזאַ געזונטן לעבנס־אינסטינקט, וואָס אַלע אינ־טעליגענצלער מיט זייער לאָגיק האָבן דאָס אָפּגעשוואַכט דורך זייער אַריינטראַכטן אין אַלע זאַכן איבער דער מאָס...

די אויערן פון מעכעלען — און אַזעלכע ווי ער — האָבן אין די דאָזיקע מינוטן נישט געקענט זיין אַזוי אָנגעשפּיצט ווי ביי די אַנדערע. מעכעלע איז גאָר געווען פאַרנומען מיטן אויסרעדן ביי אַלערליי גרופּ־קעס זייער שרעק, דערציילט זיי אַז מען קען אויסהאַלטן אין אַזעלכע אָנ־געפּראָפּטע וואַגאָנעס און אַז בכלל איז נישט אַזוי שרעקלעך... דערפאַר

אָבער האָבן די מענער, וואָס האָבן זיך געשטויסן, געהאַט אָנגעשטרענגט זייער אויער צו יעדן ווינטל. זייער גאַנצער אָטעם איז געווען אָנגעשטעלט בלויז אויף אויפצוכאַפּן דעם מינדסטן קלאַנג און פון אים אַרויסצוציען אַ ברעקל פון אַן עצה ווי אַזוי זיך צו ראַטעווען.

די דייטשן האָבן שוין געהאַט זייערע גענויע פּלענער. זיי האָבן נישט געקענט אַוועקשיקן אַזויפיל טויזנטער אויף איין אָרט. דערביי האָבן זיי נאָך שפּעקולירט. אויב אפילו ווערק צע ווערט ליקווידירט — קען מען זיך נאָך אַריבערטראָגן אין אַן אַנדער אָרט און ווידער זען צו אַרבעטן... מען דאַרף נאָר זיך דערווייטערן פון רוסישן פראָנט אויף אַ געוויסער צאָל קילאָמעטערס... און אויך דאָרט וועט מען דאַרפן האָבן מענטשן... צו וועמען זאָלן זיי זיך דאַן ווענדן?

די פּאָר מייסטערס וואָס האָבן זיך געשושקעט וועגן דעם, נישט ווייט פון טויער, האָבן זיכער נישט געגלויבט אַז עטלעכע אָנגעגליטע אויערן כאַפּן אויף יעדן ברעקל קלאַנג וואָס קומט פון זייער מויל. דער־פאַר האָבן זיי שטיל און פאַרטראַכט געצויגן ווייטער די שמועסן. עס זע־נען געפאַלן ווערטער וועגן קאָמבינירן מיט די ציפערן... אָנגעבן ווייני־קער די צאָל מענטשן אין דייטשלאַנד און דערמיט האָבן די געלעגנהייט אָפּצוהאַקן אַ טייל וואַגאָנען, טאַקע די ערשטע, אין מיטן וועג און זיי אַריינליפערן אין דער פאַבריק וואָס זיי ווילן ווייטער אָנהאַלטן... אָט למשל טשענסטאָכאָוו — — —

די ערשטע וואַגאָנעס... טשענסטאָכאָוו... איבערלאָזן... וואָס נאָך דאַר־פן די דאָזיקע וואָכע מענטשן וויסן? זיי האָבן שוין ידיעות אַז אין די האַסאַג־פאַבריקן פון טשענסטאָכאָוו איז נישט געפערלעך. לעצטנס האָט מען דאָרט געקענט לעבן... דאַרף מען זיך נאָר קענען אַריינבאַקומען אין די ערשטע וואַגאָנען! דאָס ווייטערדיקע איז שוין אַ גאָט־זאַך... אויב די רוסן וועלן דאָ שוין אָנשלאָגן — וועלן זיי אויך טשענסטאָכאָוו דער־גרייכן גאָר שנעל... אָבער די וואָס וועלן טאַקע פאַרשלעפּט ווערן אפילו צום לעבן אין יענעם עק דייטשלאַנד, וועלן לאַנג מוזן וואַרטן — און ווער ווייסט וואָס עס וועט זיי דאָרטן אָפּזוכן... הונגער... באָמבעס... פאַרניכ־טונג... טאָ וואָס דרייען אַ קאָפּ די אינטעליגענטע קעפּ און בטלנים וועגן פרישער לופט און נאָך אַזעלכע נאַרישקייטן!? וואָס פאַרשטייען זיי דען? און אויסזאָגן זיי טאָר מען אויך נישט... מען וועט שוין דערנאָך זען, ווער עס זענען געווען די חכמים...

זיי האָבן זיך דערפאַר געשטויסן יעדעס מאָל וואָס מען האָט אַרויסגעצויגן אַ הונדערטל. עס איז זיי נישט מעגלעך געווען איינצו־צוימען — האָבן זיך טאַקע אַזעלכע ווי מעכעלע אַלעמאָל צוריקגעצויגן הינטערוויילעכץ און געלאָזט זיי אַרויסקומען וואָס פריער. זאָלן זיי אויס־פירן זייער משוגעת. אינזשינער קורץ, וואָס האָט נישט געהאַט קיין כח זיך צוצורייסן צו די ערשטע פלעצער, האָט זיך אַוועקגעזעצט ביי די לעצטע רייען אויפן גראָז און געמאָלדן עמעצן אין דער לופט גאָר פייער־לעך:

— איך בלייב דאָ ביז צום לעצטן וואגאָן! זאָלן זיי זיך אַלע שטויסן... ד אָ ס גליק וועל איך נישט פאַרשפּעטיקן...

מעכעלע האָט זיך אַוועקגעזעצט נעבן אים מיטן זעלבן באַשלוס. אַרום זיי האָבן זיך אָנגעקליבן נאָך עטלעכע, וואָס זענען אָנגעשטעקט געוואָרן מיט דער איבערצייגונג, אַז אַזוי איז טאַקע בעסער. קודם כל אָטעמט מען נאָך אַביסל פרייער און אַזעלכע קלוגע מענטשן ווייסן וואָס זיי טוען. זיי האָבן נאָר נישט געקענט וויסן, אַז ביי די דייטשן מוז גיין אַלץ פאַרקערט און אַז גראָד דאָס אַריינשפּרינגען פריער אין דערשטיקטע וואַגאָנעס טראָגט אין זיך די לייכטסטע שאַנסן פון ראַטעווען זיך...

פון וואַנעט זאָל עס קענען פאַרשטיין אַזאַ מעכעלע?

— 4 —

גראָד די פרויען האָבן זיך געהאַלטן רואיק. עס איז אויך געקומען אַ לעצטער באַפעל אַז צוליב פאַרשידענע סיבות מוז מען זיי נאָר אַריינ־זעצן צו זעכציק אין אַ וואַגאָן. דאָס דאַרף געטון ווערן נאָך איידער מען פּאַקט אַריין די לעצטע מענער. האָבן זיי זיך רואיק צעזעצט און אָנגעצ־הויבן אפילו צו שמייכלען. מסתמא פירט מען זיי אין אַזאַ אָרט וווּ מען טאָר נישט ווייזן קיין אכזריותדיק־אָנגעשטאָפּטע וואַגאָנען. דאָס איז דער בעסטער סימן. זייער רו האָט זיך גאָר געגומען איבערטראָגן צו די מע־נער. זייער אַריינגיין אין די געפּאַנצערטע קאַסטנס איז צוגעגאַנגען לייכ־טער און שנעלער. באַלד האָט מען שוין קיין פרוי נישט געזען אויפן אָרט. זייערע מענער־פריינט האָבן זיך מיט זיי שנעל צעקושט, אָנגעזאָגט מען זאָל געדענקען אין זיך, באַמיען זיך אויפצוהאַלטן קאָנטאַקט... די קוזי־

נעס האָבן צוגעוואָרפן די לעצטע פאַרבענקטע בליקן צו זייערע ליבהאָ־בער און די טירן האָבן זיך צוגעריגלט הינטער זיי.

דערנאָך האָבן זיך אָנגעהויבן שאַרפע געיעגן. די זון האָט זיך שוין געגומען גאָר שטאַרק אַרונטערלאָזן און מען האָט געדאַרפט וואָס שנעלער ענדיקן מיטן גאַנצן לאַגער. אויך די מייסטער איז דאָס טרייבן די יידן אין די וואַגאָנעס נמאָס געוואָרן. זיי האָבן זיך אַזויפיל אָנגעהערט וועגן אַזעלכע סצענעס און אויך זיי האָבן דאָס געוואָלט אַמאָל איבערלעבן. ביז איצט האָבן זיי בלויז אויסגעקליבן און געשאָסן — און דערפאַר האָבן זיי אַלע געוואָלט בייזיין די שמחה פון טראַנספּאָרטירן יידן. אָבער די ציענדיקע מאָנאָטאָנקייט איז זיי לאַנגווייליק געוואָרן.

די פּאָליציי איז שוין אויך מיד געוואָרן פון דער לאַנגער אַרבעט. זיי יעדן וואַגאָן האָבן זיי געמוזט הייבן די מענטשן און זיי שליידערן איבער די קעפּ, בשעת עס זענען נאָך געשטאַנען אַזויפיל ליידיקע וואַ־גאָנעס אין וועלכע מען האָט קיין איין מענטש נישט אַריינגעזעצט. דער גראָבער אַבראַם האָט זיך אפילו געוואָלט פרעגן דערויף, אָבער ביים צו־גיין נענטער האָט ער געזען אַ צעטעלע מיט אויפשריפטן אויף יעדער איי־נעם: רעזערווירט פאַרן ווערק א׳... האָט ער שוין מער גאָרנישט גע־פרעגט.

עס איז נאָך געבליבן איין וואַגאָן סך הכל אין וועלכן מען האָט גע־דאַרפט אַריינזעצן די איבעריקע מענטשן. אַלע מייסטערס האָבן זיך אַרונ־טערגעלאָזט הינטער די דראָטן און יעדער באַזונדער האָט גענומען אָפּ־ציילן די געבליבענע. די אַנדערע וואַגאָנעס זענען שוין געווען צוגעהאַקט און צום דרויסן האָבן זיך קוים דערלאַנגט די אינעווייניקסטע געוואַלדן און צאַנקערייען. דורך די שמאָלענקע שפּעלטעלעך האָט מען אַרויסגעזען שפּליטערן פון מענטשלעכע בליקן, אָבער פאַר די מייסטערס זענען דאָס שוין נישט געווען מער ווי טויטע קאַסטנס. זיי האָבן איצט געווידמעט זייער גאַנצע אויפמערקזאַמקייט דעם לעצטן הייפל געבליבענע.

מעכעלע איז געווען צווישן די לעצטע. ער האָט געזען ווי אויסערן טויער ענדיקן די פּאָליציאַנטן זייער אַרבעט. זיי גלעטן פעסט צו די ריג־לען פון די וואַגאָנעס און קוקן זיך אַרום וואָס ווייטער צו טון. נישט זע־ענדיק פאַר זיך מער קיין אַרבעט האָבן זיי זיך אַ לאָז געטון צום טויער. שולצע האָט זיי אָבער פאַרהאַלטן:

— דאָס איז נישט אייער געביט...

דער גראָבער אַבראַם האָט זיך נישט פאַרלוירן. װעלנדיק דערהאַלטן זײַן חשיבות האָט ער אַ הױכן באַפעל געגעבן:

— אַכטונג!

די עטלעכע צענדליק אָנגעלאָפּענע מענער מיט די פּאָליציי־היטלען האָבן זיך צוזאַמענגערוקט אין רייען און מיליטעריש סאַלוטירט אויסגע־גלייכטערהייט. שולצע איז נעבן זיי שטיין געבליבן אָן אַ װאָרט צו זאָגן. די מייסטערס האָבן דערווייל געענדיקט דאָס ציילן הינטער די דראָטן:

— פיר און נײַנציק פאַרן לעצטן וואַגאָן!

די לעצטע מענטשן האָבן זיך נישט געשטויסן, נאָר אַרויסגעשפּרייזט מיט רואיקע טריט צום וואַגאָן, וועלכער איז געשטאַנען וואַרטנדיק, מיט אַ גרויס און צעעפנט מויל. די דאָזיקע גרופּע האָט זיך אַליין אײַנגע־אָרדנט. צוערשט זענען אַרײַנגעקראָכן די עלטערע. מעכעלע האָט גע־האָלפן אַרויפקלעטערן צו דער הויכער טיר קורצן און נאָך עטלעכע מע־נער אין די פּערציקער. די מייסטערס האָבן נאָר אַרומגערינגלט דעם וואַ־גאָן און צוגעקוקט זיך צום דאָזיקן שטילן גאַנג פון די לעצטע ווערק צע־יידן אינעם צעעפנטן מויל פון דער אומבאַקאַנטקייט. עטלעכע פּאָלי־ציאַנטן האָבן זיך אַ רודער געטון, געוואָלט צוגיין נענטער — אָבער אַ דייטשע האַנט האָט זיי שטיל געוויזן אַז זיי זאָלן נישט שטערן. זענען זיי ווייטער געבליבן שטיין אויפן אָרט אין זייערע פאַרשטייפטע פּאָזעס. דער גאַנצער וואַלד איז שטיל געוואָרן. די לופט האָט דאָס לעצטע מאָל אַ קיל געטון די שטערנס און די ליידיקע באַראַקן זענען געשטאַנען פאַר־גליווערט און מיט די שפּיציק־משופּעדיקע דעכער זיך געמאַכט קוקן אין די הימלען אַרײַן.

מעכעלע האָט שטיל געהאָלפן אַרײַנקריכן אײַנעם נאָכן צווייטן. די מענטשן האָבן גענומען אויף זיך די ווירדע פון זײַן די לעצטע יידן וואָס פאַרלאָזן ווערק צע, האָבן זיי זיך אינעווייניק אײַנגעשמעלערט און גע־מאַכט פּלאַץ פאַר די אַנדערע. דער באָדן פון וואַגאָן איז שוין געווען גאָר ענג באַזעצט און אײַנער האָט זיך געזעצט ביים צווייטן אויף דער קני. מען האָט נאָר געזען אַ פולן וואַגאָן מיט קעפּ, וואָס זענען צוגעטוליעט געווען אײַנער צום צווייטן. די קעפּ זענען געווען אַזוי נידעריק אויפגע־הויבן פון דער פּאָדלאָגע, ביז מעכעלען האָט זיך געדוכט אַז מען האָט בײַ אַלעמען אָפּגעשניטן די גאַנצע קערפּערס און זיי ערגעץ איבערגע־לאָזט... דאָ האָט מען נאָר אָנגעוואָרפן לויט אַ סדר בלויז די קעפּ; מענטש־

לעבּע קעפּ אַליין וואָס זענען צו להכעיס אַלעמען לעבּנגעבּליבּן... מעכעלע איז אַריינגעשפּרינגען דער לעצטער און געפאַלן צוזאַמען מיט זיין פּע־קעלע האַרט פאַר דער טיר. עס איז געווען אַזוי ענג, אַז עס האָט זיך אים אויסגעוויזן ווי זיין נאָז וועט מוזן בלייבּן אין דרויסן...

די שטילקייט האָט ווייטער אָנגעהאַלטן ביי אַלעמען, אַזוי ווי ביי די לעצטע לאָפּעטעס איבּער אַ צעעפנטן קבר. די מייסטערס האָבּן גע־וואָלט שמייכלען, זאָגן עפּעס און נישט געקענט. זיי האָבּן זיך נאָר אָפּ־גערוקט אַבּיסל פון וואַגאָן, מיט אַן אינסטינקטיווער מורא דאָרט אַהין נישט אַריינגעכאַפּט צו ווערן. פון אינעווייניק אַרויס האָבּן אַרויסגע־קוקט פיר' און ניינציק קעפּ מיט 94 פּאָר אויגן אין געסדרטע רייען און אָנגעיאָגט אויף זיי אַ פורכטיק שווייגן. האָבּן זיי קיינס נישט געוווסט וואָס צו טון מיט דער' שניידיקער שטילקייט.

בלויז דער גראָבּער אבראם האָט זיך נישט געקענט צוימען. ער איז איבּערגעפּולט געווען מיט זיין נייער קאָמענדאַנטסטווע און דאָס האָט פון אים געמוזט אַרויסשפּאַרן. ער האָט איצט געוואָלט ציען די אויפ־מערקזאַמקייט אויף זיך און אויף זיין באַפעלערישקייט. דערביי האָט ער געשפּירט, אַז אין אַזעלכע מינוטן דאַרף ער נאָך אַ חנפע טון די דייטשן וואָס קענען באַפעלן אויף לעבּן און טויט. ער האָט דערפאַר אַ ברום געטון:

— זיי האָבּן גליק, די לייטע... געבּליבּן די לעצטע — און דערפאַר האָבּן זיי געראַוימער... נאָר 94 אין וואַגאָן...

אַלע בליקן האָבּן זיך פּלוצים אַ ריס געטון אין זיין זייט. זיין זע־געדיק קול אין דער מוראדיקער שטילקייט האָט זיי אַלעמען איבּערגע־שראָקן, אַ טרייסל געטון... פאַר די דייטשן האָט זיך פּלוצים באַוויזן אַ בילד וואָס זיי האָבּן גאָר ביז איצט נישט באַמערקט:

דער גראָבּער אבראם איז געשטאַנען אויסגעשטרעקט פּאָראויס און הינטער אים זענען געשטאַנען אויסגעצויגן מיט די הענט צו די היטלען איין און צוואנציק מאַן... דאָס איז פאַר זיי געווען אַזאַ איבּערראַשונג, אַז איין מייסטער האָט גענומען שרייען פון צאָרן:

— וואָס טוען דען אַזויפיל מענטשן נאָך דאָ, אין דרויסן!? דאָנער־וועטער?

די אויסגעשטעלטע גרופּע האָט זיך אַ רודער געטון. אבראם האָט געזוכט צו ראַטעווען די סיטואַציע:

— דאָס זענען מיינע פּאָליציי...

די שטילקייט האָט אויפּאַמאָל געפּלאַצט. אויך די אָנגעשטרענגטע וואַרטעניש. אויף איר אָרט האָט זיך איצט געקוילערט אַ צוזאַמענגעקנוי־דערט לאַכן פון עטלעכע רעוועדיקע העלדזער אויפּאַמאָל:

— זיינע פּאָליציי!... אויף וואָס טויג די יידישע פּאָליציי, ווען די יידן זענען שוין מער נישטאָ?

דאָס געלעכטער איז געפאַלן האַמערדיק איבער די קעפּ מיט די קאָ־לירטע היטלען. זיי האָבן גענומען אַראָפּזינקען, בייגן זיך... דער קליינער בוגייסקי האָט מער נישט געהאַט וואָס צו פאַרלירן און ער האָט גענו־מען דערווידערן אין נאָמען פון דער גאַנצער גרופּע:

— עס זענען דאָך נאָך געבליבן אַ צאָל יידן... און דאָ זענען שוין די וואַגאָנעס איבערגעפּולט...

איינער פון די מייסטערס האָט זיך אַזש געריבן די הענט פון הנאה וואָס ער הערט אַזעלכע נאַרישקייטן:

— פאַר די געבליבענע פּאָר יידן וועלן מיר שוין זאָרגן... און פּלאַץ איז אויך פאַראַן! דער לעצטער וואַגאָן איז נאָך אָפן... ווי האָט אייער קאָמעראַד געזאָגט? איר האָט גליק... אַז איר האָט געוואַרט ביז צום לעצט — וועט איר האָבן גערוימער...

אָפּגעזאָגט זיך זיינס, האָט ער זיך אָפּגערוקט אין אַ זייט. די פּאָ־ליציאַנטן־גרופּע איז געבליבן שטיין אומאַנטשלאָסן און צעטומלט אויפן אָרט. דאָס האָט אויפגעוועקט דעם צאָרן פון די דייטשן:

— זיי שטייען נאָך! די נאַכט פאַלט צו — און זיי שטייען! הער, אַלטער מייסטער! פאַרוואָס לאָזטו דיינע לייט איינפּרירן!

דער גראָבער אבראם האָט געשפּירט אַז דאָס מיינט מען אים... ער איז נאָך אַלץ דער באַפעלער. האָט ער אויפגעוואַכט און גענומען שרייען:

— וואָס שטייט איר נאָך? פּאָליציאַנטן האָט זיך אייך פאַרוואָלט זיין אין דער לעצטער רגע? זיך טאַקע איינגערעדט אַז אייך וועט מען שוינען? מאַרש!

פון אַלע זייטן האָט מען זיי גענומען שטויסן און די גרופּקע האָט זיך בהלהדיק אַ לאָז געטון צום וואַגאָן. זיי זענען געשפּרינגען איבער קעפּ, געקוליעט זיך און אַריינגעפאַלן. אין וואַגאָן האָבן זיך גענומען הערן די ערשטע אויסגעשרייען פון ווייטיק. די פּאַרשפּעטיקטע האָבן אָבער נישט געקוקט דערויף און געשפּרינגען איינער נאָכן צווייטן. דער לעצ־

טער האָט זיך צוגעריסן צו דער טיר דער גראָבער אבראם. ערשט ווען ער איז שוין געווען מיט איין פוס איבער עמעצנס קאָפּ, האָט אים שולצע אַ צי געטון:

— דו בלייבסט...

אבראם איז אַראָפּגעשפּרונגען און פון גרויסער צערודערונג נישט געוווסט וואָס ער האָט צו טון... זאָל ער פאַלן צו די פיס און קושן יע־נעמס טריט, אָדער זאָל ער זיך צעשרייען פאַר פרייד... ער האָט זיך דערפאַר בלויז צוריקגעצויגן עטלעכע טריט, זיך אַ שטעל געטון גלייך און צוגעקנאַקט איין שטיוול צום צווייטן. זיין גראָבע האַנט האָט זיך אַ הייב געטון צום גלאַנציקן דאַשעק און ער איז אַזוי שטיין געבליבן מיט זיין פאַרגליווערטער טעמפּער פרייד אויפן פנים... פון דערווייטנס איז נאָך אַלץ געשטאַנען האָפמאַן און ערנסט ארייַנגעקוקט אין זיין שפּאַק־טיוו.

— 5 —

די טיר האָט זיך שנעל צוגעהאַקט. אין וואַגאָן איז געוואָרן ענג און פינצטער. עס איז נישט מעגלעך געווען אויסצוגלייכן קיין קאָפּ, קיין אבר... איבער יעדן איינעם איז געלעגן אַ שטיק פרעמדער קערפּער. מע־כבלע איז צוגעדריקט געוואָרן צו דער אָפּגעהעמערטער טיר. הינטער אים האָבן זיך אַרונטערגעגליטשט אַנדערע קערפּערס און ער איז געבליבן הענגען אין דער שווייסיקער לופט. ער איז דערפאַר צוגעפאַלן מיט די אויגן און צעעפנטע ליפּן האַרט צו די פּאָר שפּעלטעלעך וואָס האָבן באַ־וויזן דעם דרויסן.

די מייסטערס זענען שוין איצט אַרומגעלאָפן אַרום דעם צוג. אַ קול האָט אַפילו עמעצן באַפוילן אויסצוגלייכן די לעצטע קלייניקייט:

— שרייב דאָרט איבער דאָס צעטל, וואָס קלעפּט נאָך פון פריער... נישט הונדערט מאַן — נאָר 114... זאָל נאָר קיין טעות נישט זיין...

בלויז דער גראָבער אבראם איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיט צוגע־קלאַפּטע פיס און אַ געהויבענער האַנט, אַזוי ווי בלויז אין דעם וואָלט אָפּהענגיק געווען זיין לעבן. אין די שפּאַלטן האָבן זיך אַרייַנגעגליטשט די לעצטע ברעקלעך באַראַקן, ביימער, וואַלד... די זון האָט זיך שוין אויס־באַהאַלטן און אויפן טונקל־גרינעם פאָן האָבן זיך אָפּגעשאָטנט די סי־

לועטן פון די אַרומלויפנדיקע דייטשן, צווישן וועלכע עס האָט געגלי־ווערט די קלאַציקע פיגור פון לעצטן ייד אין ווערק צע, מיטן פּאָליציי־היטל אין דער האַנט... אַזוי ווי דאָס וואָלט נאָר געבליבן אַ חוזקדיקער דענקמאָל איבער דעם אַלעם וואָס דאָ איז געשען.

דער צוג האָט זיך פייפנדיק אַ ריס געטון פון אָרט. דער וואַגאָן האָט זיך אַ טרייסל געטון און צענדליקער קעפּ האָבן זיך אָנגעקלאַפּט איינער אינעם צווייטן. דערנאָך האָט זיך די לאַנגע, געקעסטלטע שלאַנג גענומען אַראָפּלאָזן באַרג אַראָפּ, באַרג אַראָפּ מיט אַ מטורפדיקער שנעל־קייט. עס האָט אויסגעזען אַז דאָס פליט ער אַראָפּ אין תהום אַריין. דורך די שפּעלטלעך איז קוים געווען צו זען ווי די באַראַקלעך אַנטלויפן פון שרעק און די גאַנצע וועלט פון רייסעניש, ליידן, צאַפּלעניש, האָפענונ־גען, ליבע, פרייד, יסורים און מענטשלעכקייט בלייבט אין דער פוסט־קייט, איבער וועלכער דער גראָבער אבראם איז געבליבן וואַכן...

צוואַנציק חדשים האָט זיך אַ וועלט געראַנגלט אין „ווערק צע", אויס־געשאָסן מיט לעבן און מיט ירגזונדיקער אַמפּערניש. איצט האָט איין פייף פון לאַקאָמאָטיוו דאָס אָפּגעריסן, באַשאָסן מיט זאַלציקן רויך און איבער־געלאָזט זי אויף הפקר אין וואַלד... אויס מיט ווערק צע ! עס ווילט זיך ערשט איצט אַרויסווייגען, געזעגענען די געלע וועלט — און דער טרערן־לאָגל איז פאַרלייגט, איינגעפּרעסט דורך אַנדערעס אברים. מען קען אַפילו קיין האַנט נישט אויסציען אין דער פינצטערניש און כאָטש געזעגענען זיך אַליין...

דער דרויסן איז געוואָרן טונקעלער און טונקעלער. די לעצטע רעשט־לעך בלוי פון די שפּעלטלעך זענען אויסגעלאָשן געוואָרן און די גאַנצע מחנה קעפּ האָט זיך צונויפגעגאָסן אין איין שטיק פליישיקן שאָטן, וואָס האָט זיך געוויקט אין זיינע אייגענע שווייסן און זיך נישט געקענט רירן פון אָרט.

בלויז דער לאַקאָמאָטיוו האָט געשלעפּט דעם לאַנגן צוג מיט צעיור־שעטער האַסטיקייט. ער האָט זיך געקנייטשט איבער טאָלן און געקראָכן איבער בערג מיט אַ ווילדער איילעניש. ערשט ביים אַריינקומען אין דער געדיכטעניש פון די וועלדער האָט ער זיך געלאָזט פּאַמעלעכער און דער־ביי פריילעך אויסגעהירזשעט מיט זיין פייפנדיק לשון פאַר דער גאַנצער חשכות פוןביימער די בשורה פון דייטשן אייזן און קויל:

— דאָ פאָרן יידן אין דער נאַכט אַריין...

# עפּילאָג

אויף דעם צוג, וואָס האָט געשלעפּט דעם לעצטן רעשט פון די יידן פונעם ווערק צע, האָבן שוין געוואַרט אַנדערע וואַגאָנעס. ביים ווערק אַ׳ זענען זיי אָנגעטשעפּעט געוואָרן צום זעלבן לאָקאָמאָטיוו. די קולות פון די אַרויסגעטריבענע און אָנגעזאַמלטע יידן האָבן אין יענער נאַכט איינגעשפּאָלטן אַלע הימלען. ביים קאַרגן שיין פון עטלעכע קראַנקע לעמפּלעך האָט מען אַ גאַנצע נאַכט געהאַלטן אין איין שטאָפּן מענער און פרויען אין אַלע אָנגעבערענגטע וואַגאָנעס.

דער ווערק אַ׳ האָט אויסגעזען נאָך פוסטער ווי ווערק צע. טירן זענען געווען אויפגעריסן און לאָדנס צוזאַמען מיט הרוגים האָבן זיך געוואַלגערט אויפן וועג. נאָר איין מאָל האָט מען דאָרט דערלויבט צו עפּענען די וואַגאָנען און אַריינדערלאַנגען וואַסער פאַר די אַלע, וואָס די צונג האָט זיי שוין געטריקנט פון אַ גאַנצן טאָג דורשט און געפּרעסטקייט.

דערנאָך האָט זיך דער לאַנגער צוג ווידער אַוועקגעלאָזט אין זיין טונקעלן וועג אַריין מיט דער משא פון פינף און אַכציק אָנגעשטאָפּטע וואַגאָנעס מענטשלעכע לאָדונג. פון די 12 טויזנט מענטשן אין אַלע דריי ווערקן האָבן זיבן טויזנט, הונדערט מיט פערצן זיך געלאָזט פירן צו זייער ווייטערדיקן גורל. אין טשענסטעכאָוו האָט זיך דער צוג ווידער געשטעלט און עמעצער פון די דייטשן איז אַוועק פרעגן אויב דער דאָרטיקער „האַסאַג" קען אָפּנעמען אַביסל יידן... אַזויפיל האָט מען דאָרט נישט געדאַרפט. האָט מען נאָר אָפּגעהאַקט אַ קליינעם טייל וואַגאָנעס און די אַנדערע זענען ווידער געשלעפּט געוואָרן איבער די דייטשע וועגן...

פינף נעכט מיט פיר טעג האָט געדויערט דער דאָזיקער וועג אין די איינגעפּרעסטע וואַגאָנעס. צוויי מאָל האָט זיך דער צוג פון לעבעדיקע ארונות געשטעלט, בכדי אַריינצוגעבן די מענטשן אַ שלינג וואַסער און אַ ביסן ברויט. דאָס צווייטע מאָל איז עס געווען אין לייפּציק, ווו אַלע מענטשן האָט מען געהייסן אַראָפּגיין. דאָס ליגן אַזוי לאַנג אין די איינגעקלאַמערטע קאַסטנס האָט געבראַכט דערצו אַז פון די מענער־וואַגאָנען זאָלן די מענטשן קוים קענען אַרויסהינקען. זיי האָבן דערביי אויס־

געזען ווי שאָטנס פון יענער וועלט מיט ווילד־באַוואַקסענע, ביינערדיקע פּנימער. שוין ביים אַרויסמאַרש פון טויער צו דער שטאָט איז די גרופּע צוריקגעהאַלטן געוואָרן. אַזאַ מין הונגעריק־פינצטערע און לאָמע מחנה האָט מען נישט געטאָרט לאָזן זיך באַווייזן איבער די אויסגעפּוצטע לייפּ־ציקער גאַסן.

די מייסטערס פון לייפּציקער „האַסאַג" האָבן דערפאַר בלויז געהייסן אָפּשניידן די פרויען און זיי אָפּפירן אין די האַלעס. די מענער האָבן זיי נישט געוואָלט אָפּנעמען, טראָץ דעם וואָס זיי האָבן דעם טראַנספּאָרט אויסגעפּאָדערט און דערמיט אָפּגעהאַלטן פון אויסשיסן זיי אין סקאַר־זשיסקאָ. נישט וויסנדיק וואָס ווייטער צו טון מיט די טויזנטער יידן, וועלכע געפינען זיך שוין אין דייטשלאַנד גופא — איז געפאַלן דער קור־צער פּסק: ב ו כ ע נ וו אַ ל ד !

אינעם דאָרטיקן ריזיקן קאָנצענטראַציע־לאַגער זענען מיט די מענ־טשן פאָרגעקומען זייער אַ סך פאַרשידענע פּאַסירונגען. אַ טייל פון די געברענגטע זענען געפאַלן אויף כל המינים אַרבעטס־פּלעצער און מיט אַלערליי טויטן. אָבער אויף די אָנגעברענגטע מערדערישע פּאָליציי, קאָ־מענדאַנטן, צוהעלפער און מוסרים האָבן שוין דאָרט געוואַרט אָנגעוואַ־רעמטע, יידישע נקמה־הענט.

דורך פאַרשידענע טויטן זענען אַזוי אַרום אומגעקומען בוגייסקי, אלעק און עטלעכע קאָמענדאַנטן פון ווערק אַ׳. עטלעכע מוסרים פון ווערק אַ׳ זענען אויך געלינטשט געוואָרן אין מיטן דער נאַכט פון געקומענעם טראַנספּאָרט אין בוכענוואַלדער „צעלט־לאַגער" און זייערע צעריסענע קערפּערס האָבן זיך דערנאָך געוואַלגערט אין מיסט.

דער גראָבער אבראם איז געבליבן קאָמאַנדעווען איבער די 150 גע־בליבענע יידן, וועלכע ער האָט שטאַרק געפּייניקט. ווי עס האָבן דערציילט די גרופּן, וואָס זענען שפּעטער געברענגט געוואָרן קיין בוכענוואַלד, האָט מען נאָך דערנאָך אַנטדעקט מענער מיט מיידלעך, וואָס האָבן זיך געהאַט באַהאַלטן אין דער פאַבריק. דאָס האָבן זיי געגלויבט אַז אויף אַזאַ ריזיקן שטח וועט זיי געלינגען זיך אויסצובאַהאַלטן. דאָס וואָלט זיי אפשר גע־ווען געלינגען, נאָר היות ווי די סאָוויעטן האָבן אָפּגעשטעלט זייער אָפּענ־סיווע אויף אַ פּאָר חדשים — זענען זיי ביסלעכווייז אַנטדעקט געוואָרן. דער הונגער האָט זיי אַרויסגעטריבן פון די לעכער און זיי זענען אויס־געגעבן געוואָרן פון די פּאָליאַקן, אָדער זיי האָבן זיך פרייוויליק גע־

מאַלדן, מען האָט זיי אַלעמען אויסגעשאָסן פאַר די אויגן פון די פאַר ייִדן אָדער פון פּאָליאַקן אין מיטן דער פאַבריק. צווישן זיי — אויך שמעון שאַפּיראָ מיט זיינע חברים.

די געבליבענע 150 האָט מען דערנאָך פאַרשלעפּט צו די פראָנט־ליניעס ווו זיי האָבן וואָכנלאַנג געבויט באַפעסט־קונגען און אָקאָפּעס. צו זיי האָט מען אויך אָנגעטריבן טויזנטער אַנדערע ייִדן פון פאַרשי־דענע לאַגערן. דער הויפּט־קאָמענדאַנט איז ווידער געווען דער גראָבער אַבראַם וועלכער האָט זיי אָנגעטון שרעקלעכע צרות. דערנאָך זענען זיי געברענגט געוואָרן קיין בוכענוואַלד, ווו דער גראָבער אַבראַם איז אומגעברענגט געוואָרן פון דער זעלבער נקמה־גרופּע וואָס האָט ליק־ווידירט צענדליקער מוסרים, קאַפּאָס, פּאָליציאַנטן און פּייניקער פון אַלער־ליי נאַציאָנאַליטעטן.

דער טשענסטאָכאָווער „האסאג״ איז ליקווידירט געוואָרן שפּעטער. פון די ווערק צע מענטשן זענען טייל דערנאָך פאַרשלעפּט געוואָרן קיין בוכענוואַלד, האַרט פאַרן אַריינמאַרש פון דער רויטער אַרמיי. אַ צווייטע טייל איז נישט עוואַקואירט געוואָרן און זענען שוין געבליבן באַפרייט פון די סאָוויעטישע חיילות.

***

נאָך דער באַפרייאונג, ווען מעכעלע האָט זיך שוין געפינען אין איינער פון די אייראָפּעאישע הויפּטשטעט זענען צו אים געקומען צוויי מאַן, פון די וואָס זענען אַנטלאָפן אין יענער תשאה־באב־נאַכט פון לאַ־גער. זיי האָבן איבערגעגעבן ווי אַזוי די מענטשן זענען אויסגעשאָסן און באַרויבט געוואָרן בעיקר דורך פּוילישע ציוויל־לייט און פּאַרטיזאַנער. מיט פאַרשידענע נסים האָבן זיך געראַטעוועט אַ צוויי צענדליק מענטשן פון די הונדערטער אַנטלאָפענע.

אין משך פון דער צייט האָט זיך מעכעלע אויך אָנגעטראָפן מיט אַ סך לעבנגעבליבענע פון ווערק צע אין פאַרשידענע לענדער. צווישן זיי האָט ער געטראָפן דעם אינזשינער וואַרטמאַן מיט זיין מיידל, שלאָמקען מיט אירענען, מנשה דער סיגאַרעטלעך־הענדלער און נאָך אַנדערע וואָס האָבן מיטגעמאַכט דעם ווערק צע ביזן סוף.

אָבער די גרעסטע איבערראַשונג האָט ער געהאַט אין איינעם אַ זו־מער־אָוונט פון פאַריז. עפּעס אַן אַקטיאָר האָט אים איינגעלאַדן צו קומען

זען אַ מעלאָדראַמע אין איינעם פון די פּאַריזער יידישע טעאַטערלעך, וווּ ער שפּילט די הויפּטראָל. זיצנדיק אין די רייען, צווישן איין אַקט און דעם צווייטן, האָט ער פּלוצים דערהערט אַן אויסגעשריי:

— מעכעלע!

אַן עלטערע פרוי, אין באַגלייטונג פון אַ פּאָר געזונטע בחורים און אַ יונגער פרוי, האָט זיך צו אים אַ וואָרף געטון מיט פרייד און מעכעלע איז געבליבן פאַרשטאַרט פון שרעק. דאָס איז געווען די אַלטע מוטער פון קאָמענדאַנטן־הויז... אין יענער נאַכט איז זי אַנטלאָפן מיט איר גאַנצער פאַמיליע. זי האָט אָבער נישט געקענט מיטלויפן אַזוי שנעל ווי זיי. דער־צו האָט זי זיך אויסגעגליטשט און אַריינגעפאַלן אין אַ גרוב. אין איילע־ניש האָט זי קיינער פון זיי נישט געוואָלט אַרויסציען און זיי זענען ווײ־טער געלאָפן. שפּעטער, ווען זי איז געקומען צו זיך איז שוין געווען פאַר־נאַכטלעך. עפּעס אַ פּויער האָט איר געהאָלפן אַרויסקלעטערן און קיינער האָט זי נישט דערקענט אַלס יידישע. זי האָט אָוועקגעוואַנדערט צו אַ באַ־קאַנטן פּויער, ביי וועלכן זי איז שוין געבליבן ביזן סוף פון קריג. דאַן האָט זי זיך דערוווּסט, ווי אַזוי אירע דריי טעכטער, איידעמס און איי־ניקלעך זענען דערשאָסן געוואָרן נאָך אין דער זעלבער נאַכט דורך באַ־קאַנטע פּאָליאַקן. איז זי אַריבערגעקומען קיין פּאַריז צו אַ געבליבענער טאָכטער מיט אירע אייניקלעך. דאָ האָט זי אויך געטראָפן עטלעכע פרו־מע יידן, וואָס זי האָט אונטערגעשטיצט די גאַנצע צייט אין ווערק צע. זיי האָבן איר געקויפט אַלס אָנדענקס־מתנה אַ גרויסן סידור, פון וועלכן זי זאָגט יעדן טאָג אַ ספר תהלים פאַר דער נשמה פון אירע זינדיקע קינ־דער. נאָר אַזויווי דאָס לעבן פאַרהיילט אַ סך ווונדן — האָט זי דאָס ערשטע מאָל מסכים געווען מיטצוגיין מיט די אייניקלעך אין טעאַטער — און געטראָפן מעכעלען.

און אַז דאָס לעבן קען מאַכן פאַרגעסן אפילו אינעם ווערק צע, האָט מעכעלע אויך געזען ביים אָנטרעפן אַ סך ווערק־צע־מיידלעך וועלכע ער האָט גוט געדענקט און געהאַט פון זיי גאָר אַ סך צו דערציילן... זיי האָבן שוין געהאַט אַלץ הינטער זיך און אפילו שוין באַוויזן אויפצושטעלן משפּחהלעך. בלויז ביים שמועסן מיט אים וועגן עטלעכע האַלעס און באַ־ראַקן האָבן זיי אַראָפּגעלאָזט די אויגן. עס האָט אָבער אויסגעזען אַז דאָס שעמען זיי זיך פאַר זייערס אַ ווייטער קרובה וואָס איז ערגעצוו פאַר־פאַלן געוואָרן...

# נאָכוואָרט פון מחבר:

עס איז פשוט נישט מעגלעך פאַר מיר אָפּצושליסן דעם ציקל ביכער „אויסגעברענטע ליכט“ און דערביי נישט צוגעבן אַ פּאָר ווערטער, וואָס איך געפין פאַר נויטיק מיט זיי פאַרשטענדלעך צו מאַכן די אידעע פון מיין דאָזיקער אַרבעט. אין פאַרלויף פון דער צייט וואָס מיינע ביכער איבער דער חורבן־תקופה זענען דערשינען, סיי אין ליד און סיי אין דערציילערישן נוסח, איז מיר אויסגעקומען צו זען אַ סך פּאָלעמישע אָנדייטונגען און אויך פּירושים, וועגן וועלכע איך האָב נישט געקענט רעאַגירן. נישט שטענדיק האָט עס געשטימט מיט דעם געדאַנקען־גאַנג און די שרייבערישע כוונות פון די דאָזיקע ביכער. דאָס האָט ביי מיר אָבער נישט צוגענומען די אינערלעכע איבערצייגונג, אַז אַלץ וואָס איך האָב געשריבן אין שייכות פון דער דאָזיקער טעמע איז אַרויסגעקומען גענוג קלאָר און גענוג בולט — הגם מיין געפיל האָט מיך געצוווּנגען צו באַנוצן דאָ מיט אַ גאַנץ באַזונדערער שפּראַך פון צוגעדעקטער אָפנקייט.

איבערלעבנדיק די אַלע יאָרן פון דער נאַצישער פאַרניכטונג — איז מיין ליטעראַרישער פּלאַן געווען אַרומצונעמען די תקופה פון אָנהייב קריג ביז צו דער באַפרייאונג אין אַ גרויסן ציקל ביכער, וואָס זאָלן איינזאַפּן אין זיך די גאַנצע גענויקייט פון די געשעענישן ביז דער מינדסטער האָר. דער דאָזיקער ציל האָט זיך אין מיר נאָך מער געשטאַרקט ביים דערזען, אַז ביז איצט קען מען זיך נאָך אַלץ נישט שאַפן קיין ג אַ נ ץ בילד פונעם פאָרגעקומענעם — טראָץ דעם וואָס אַזויפיל איז שוין געשריבן געוואָרן. די געשיכטע פונעם „חורבן יידישע וועלט“ מוז נאָר געשריבן ווערן פון א י נ ע ו יי נ י ק אַרויס. אויב נישט — וועט די געטרייעסטע און אויפריכטיקסטע כראָניק מוזן טיילמאָל פאַרפעלשן איר גאַנג, הגם זי וועט עס נישט אויסן זיין.

דער דאָזיקער קאַטאַקליזם האָט זיך נישט נאָר אָפּגעשפּיגלט אינעם הוילן גאַסן־מאָרד. ער האָט זיך נאָך מער געקראַמפּט אין די אינטימע

האַרץ־וועגט און אין די מוחות. דאָס רוחניותדיקע שטייגן און פאַלן איז געווען מער רעאַליטעט ווי דאָס מאָרדן און דערמאָרדעט ווערן. דאָס לעבן איז געווען מער טראַגעדיע ווי דער טויט און דער ברויט־געשריי איז נישט איינמאָל שטאַרקער געווען ווי דער געשריי איבער בלוט. די געשיכטע פון טויטדיקן קאָשמאַר מוז פירן דורך די קאַנאַלן פון לעבעדיקן שימער, איידער דורך די וועגן פון הריגהדיקן יאָמער. דאָס האָב איך געזען און דאָס האָט געמוזט ווערן דער גורל פון מיין שרייבערישן זין, ביים איבערווייקן די פעדער נאָך אַמאָל אין די יסורים פון אונדזער יידישן דור.

ביים אויספלאַנירן די קאָנצעפּציע פון דער אַרבעט האָב איך דערפאַר גראָד אויסגעוויילט אַ לאַגער, וואָס האָט געווימלט מיט לעבן — און דורך אים סימבאָליזירן דעם גאַנצן קאַטאַסטראָפאַלן אומוועג פון אונדזער גורל אין דער גאַנצער טיף. מיידאַנעק איז נאָר דער קאָרידאָר געווען צו נאָך טיפערע תהומות פון גאַז און אומקום. אויב עמעץ וועט דאָס באַצייכענען מיטן געשטאַרבענעם וואָרט „טענדענץ" — בין איך גרייט צו ווערן טענדענציעז. און אויב עמעץ וועט די שילדערונגען פון דער אינערלעכער וועלט — וואָס זענען פאַקטיש רעאַלע און אמתע פאַקטאָרן — אויפנעמען ווי בלויזע קינסטלערישע ליטעראַטור, דער וועט שוין די עפּאָכע פון אונדזער חורבן קיינמאָל נישט פאַרשטיין.

אין דעם פולן באַוווסטזיין אַז מען קען קיין תקופה נישט פאַרשטיין, ביז מען זעט נישט איר פנים — האָב איך מער געווידמעט אויפמערקזאַמקייט דער גייסטיקער געשטאַלטונג פון די טיפן און זייער אַטמאָספערע, ווי די נאַקעטע פאַקטן פון אונטערגאַנג גופא. אויב אַ פאָלק איז אונטערגעגאַנגען — און אַ ז ו י אונטערגעגאַנגען — מוז מען זען דאָס בילד פון פאָלק סיי אינערלעך און סיי אויסערלעך, בכדי מען זאָל קענען באַגרייפן דעם אומקום גופא. דערפאַר איז מיר נישט מעגלעך געווען צו מאָלן אַנאָנימע מאַסן, נאָר פּרטימדיקע פּרצופים פון קרבן און רוצח, שענדער און געשענדעטן. איך האָב זיך דערביי באַמיט אַרויסצוציען פון תהום עטלעכע צענדליק געשטאַלטן וואָס יעדער איינער פאַר זיך האָט סימבאָליזירט אַ געוויסן קרייז און לעבנסשטייגער. די אַלע האָבן געדאַרפט, דורך זייער גאַנג אין דער קאַטאַסטראָפע אַריין, באַווייזן ווי אַזוי די דאָזיקע גאַנצע וועלט האָט אויסגעזען.

„אויסגעברענטע ליכט" איז בלויז די שילדערונג פון פופצן חדשים

היטלער־גיהנום. דאָס איז נאָר אַ פראַגמענט פון דער פאַרלענדונג און דווקא נישט פון די גרויזאַמסטע, ווען מען קוקט דערויף פון דער אויסערלעכער זייט. טאַקע דערפאַר האָט דאָ די יריעה געקענט זיין אַ ברייטערע און אַן עכטערע. עס איז מעגלעך געווען אַריינצודרינגען אין דעם משוגעת דורך געלאַסענערע און פּ ר ט י מ ד י ק ע אָטעמס. דער ריטם פון שענדונג האָט דאָ מיטגעמאַכט געוויסע אַנטוויקלונגען, אויפשטייגנדיקע ע ט אַ פּ ן און נישט אַזוי שנעל אויסגעמישט זיך מיט דעם אומברענגערישן טעמפּאָ. דאָס האָט דערפאַר געמוזט נוצן פאַר אַן אויסגאַנגס־פּונקט, אינעם וועלן דערגרונטעווען ביזן דנאָ דעם פּסיכאָלאָגישן הינטער־שאָטן צו אַלץ וואָס איז געשען.

ביים שרייבן די דאָזיקע ווערק אין משך פון לאַנגע יאָרן זענען וויַדער אויפגעוועקט געוואָרן יענע אַלע געשטאַלטן. לאַנגע וואָכן, חדשים און יאָרן האָבן זיי נישט געטאָרט אָפּטרעטן פון דעם שרייבערס זייט און כ׳האָב געמוזט ווידער אַמאָל מיט זיי אייגן ווערן, בכדי זיי אַרויסצוברענגען. אפילו דער דרך־ארץ צום אומקום האָט געמוזט טיילמאָל באַזייטיקט ווערן — בכדי אים נישט צו פאַרלייקענען. צענדליקער מאָל האָט יעדע שורה געמוזט איבערגעפּרווט ווערן אין זכרון; הונדערטער מאָל האָט יעדע געשטאַלט געמוזט אַרויסגערופן ווערן אין דער וויזיע — בכדי זיי אויף אַן אמת אַריבערצוטראָגן צום לעבן צווישן שורות און טאָוולען. עס איז דערפאַר אויך נישט מעגלעך געווען אַנדערש, ווי נאָר צו בלייבן זיי געטריי און טאַקע אויך דעם פאַקטישן קערן פון זיך אַליין. צוליב דעם איז אויך נישט מעגלעך געווען צו טראַכטן וועגן אַנגענומענע סטילן און באַגערן פון געשמאַק, וואָס אַנדערע קענען האָבן. ביים ווידער אָטעמען יאָרנלאַנג אין דער וועלט פון יענעם דור — האָבן זיי זיך געשטעלט אין פאָדערגרונט און דערמיט פאַרשטעלט די גאַנצע לעבעדיקע וועלט מיט אירע פאָרמען פאַר די אויגן. און דער שרייבער פון די ווערטער איז אומגליקלעך־גליקלעך געווען, וואָס אים איז עס אַזוי געשען.

***

די דאָזיקע סעריע האָט זיך געזאָלט שליסן מיטן בוך „מגילת בוכענוואַלד“. אַ גאַנצע ריי שרייבערישע, פּסיכאָלאָגישע און אומשטענדלעכע סיבות האָבן עס איצט נישט דערמעגלעכט. וועט נאָך זיכער אַמאָל קו־

מען די צייט דערויף, פונקט ווי די צייט וועט מוזן קומען פאַר מיינע אַנדערע ווערק וועגן די צייטן פון פאַר „מיידאַנעק". אפשר וועט די צייט אויך מער רייף ווערן צו קענען אויפנעמען דעם גאַנצן באַלאַסט פון אַן אונטערגעגאַנגענער יידן־וועלט מיט ליבע און בענקשאַפט.

מיטן אַרויסברענגען די ווערק־צע עפּאָפּיי, לויט דעם פּאַרמעסט וואָס איך האָב זיך אָנגעצייכנט די ערשטע טעג פון דער באַפרייאונג, ווען דער גאַנצער חוב האָט נאָך ווייטיקדיק געברענט און געמאָנט מיט דער גאַנצער שאַרף — בין איך דאַנקבאַר דעם גורל וואָס האָט מיך דערצו באַשטימט און עס מיר דערמעגלעכט. די זעלבע דאַנקבאַרקייט טראָג איך איבער, מיט דער גאַנצער אויפריכטיקייט, צו די, וואָס האָבן דער דאָזיקער מי דערמעגלעכט אומצוגיין איבער דער וועלט אויף ווייסע בלעטער מיט שוואַרצע טאָוולען.

אין מיטן ספיקות און יאוש, ווען ביים אָוועקזעצן זיך ביחידות צום שרייב־טיש, האָט נישט איינמאָל דער לץ פון אומגלויבן אַריינגעוואָרפן זיינע קערנער אין מיטן האַרץ אַריין — האָט זיך טיילמאָל געוואָלט אָוועקלייגן די פעדער, כאָטש עס איז נישט מעגלעך געווען. דער עגאָאיסטישער רעוואָלטירער אינעם מענטש האָט מער נישט געוואָלט ציינדן די טרויער־ליכט פאַר דער גאַנצער אבלים־משפחה פון דער וועלט און דערנאָך זאָלן זיי בלויז ברענען אין אייגענעם חדר... די דאָזיקע ראַנגלענישן זענען זייער אַ סך געמילדערט געוואָרן דורך די גואלים פון יידישן קאַטאַסטראָפע־בוך, וואָס האָבן אויך די דאָזיקע בענדער מיט אַזאַ שטילער ליבשאַפט אַרויסגעגעבן.

אין די היינטיקע טעג, ווען די פען האָט זיך אַריבערגעטראָגן אויך צו אַנדערע וועלטן — וועלכע זי זוכט אַרויסצוברענגען אויף אַ ליטעראַריש־קינסטלערישן אופן —- זענען די פאַרשידענע צערן נאָך ווייט נישט אויסגעלאָשן. דער יידישער שרייבער האָט נאָך אַלץ נישט זוכה געווען צו שרייבן זיינע ווערק אַנטקעגן דעם פּנים פון זיינע לייענער און באַדאַרפער. ווערט טאַקע די פעדער טיילמאָל מיד, כעסדיק און פאַרלאָזן. אין טעג פון גרויסער גייסטיקער אָנשטרענגונג איבער די בלעטער פון מיינע מאַנוסקריפּטן געפין איך אָבער נאָך היינט טרייסט און דערמוטיקונג ביים אָוועקלייגן די דערשינענע בענדער אויף מיין שרייב־טיש. די זויבער־געדרוקטע ביכער רעדן צו מיר מיט זייער באַזונדערער שפּראַך

און גיבן וויטערדיקן כח צו דער אַרבעט. איז פֿאַר מיר אַ פֿרייד דאָס צו דערמאָנען ביים סיום פֿון מיין דאָזיקן ציקל.

זאָל זשע מיין דאָזיקע דאַנקבאַרע פֿרייד זיך איבערגעבן מיין טייערן פֿריינט מאַרק טורקאָוו, אברהם מיטלבערגן און דעם פֿאַרבאַנד פֿון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע, וואָס האָבן מיר דעם דאָזיקן מוט דערלאַנגט פֿון די וויטקייטן.

פּאַריז, אָנהייב אויגוסט 1950.

# דאָס פּױלישע ייִדנטום

ביכער־סעריע פֿון דעם צענטראַל־פֿאַרבאַנד פֿון פּױלישע ייִדן
אין ארגענטינע

רעדאַקטאָר: מאַרק טורקאָװ

פֿאַרלאַג־לײטער: אברהם מיטלבערג

## ביז איצט דערשינען:


1) מאַרק טורקאָװ — מלכה אָװשיאַני דערצײלט... (אױספֿאַרקױפֿט)
2) ה. ד. נאָמבערג — י. ל. פּרץ (אױספֿאַרקױפֿט)
3) װ. גראָסמאַן־װיערניק — טרעבלינקע (אױספֿאַרקױפֿט)
4) פּרץ גראַנאַטשטײן — מײַן חרובֿ שטעטל סאָקאָלאָװ (אױספֿאַרקױפֿט)
5) ישראל טאַבאַקסבלאַט — חורבן לאָדזש (אױספֿאַרקױפֿט)
6) זרובבל — באַרג חורבן (קאַפּיטלען פּױלן) (אױספֿאַרקױפֿט)
7) אלחנן צײטלין — אין אַ ליטעראַרישער שטוב (אױספֿאַרקױפֿט)
8) ד״ר ח. שאָשקעס — פּױלן — 1946 (אױספֿאַרקױפֿט)
9) ז. סעגאַלאָװיטש — טלאָמאַצקע 13 (אױספֿאַרקױפֿט)
10) מ. נודעלמאַן — געלעכטער דורך טרערן (אױספֿאַרקױפֿט)
11) ד״ר מאיר באַלאַבאַן — די ייִדן־שטאָט לובלין (אױספֿאַרקױפֿט)
12) ישראל אפֿרת — הײמלאָזע ייִדן (אױספֿאַרקױפֿט)
13) ד״ר יעקבֿ שאַצקי — אין שאָטן פֿון עבֿר (אױספֿאַרקױפֿט)
14) דוד פֿלינקער — אַ הױז אױף גזשיבאָװ (אױספֿאַרקױפֿט)
15) ד״ר הלל זײדמאַן — טאָגבוך פֿון װאַרשעװער געטאָ (אױספֿאַרקױפֿט)
16) זאַמלונג פֿון דאָקומענטן — קינדער־מאַרטיראָלאָגיע (אױספֿאַרקױפֿט)
17) חיים גראַדע — פּליטים (לידער) (אױספֿאַרקױפֿט)
18) ש. קאַטשערגינסקי — פּאַרטיזאַנער גײען!... (אױספֿאַרקױפֿט)
19) פֿרידע זרובבל — נע װנד (פֿאַרצײכענונגען פֿון אַ פּליטה)
20) מרדכי שטריגלער — מאַידאַנעק
21) יעקבֿ לעשצינסקי — אױפֿן ראַנד פֿון אָפּגרונט (אױספֿאַרקױפֿט)
22) ז. סעגאַלאָװיטש — געבראָכענע טריט
23) אברהם טײטלבױם — װאַרשעװער הײף
24) טאַניאַ פֿוקס — אַ װאַנדערונג איבער אָקופּירטע געביטן
25) ש. ל. שנײדערמאַן — צװישן שרעק און האָפֿענונג (אױספֿאַרקױפֿט)
26) לעאָ פֿינקלשטײן — מגילת פּױלן (אױספֿאַרקױפֿט)
27) יאָנאַס טורקאָװ — אַזױ איז עס געװען... (חורבן װאַרשע)
28) ש. איזבאַן — „אומלעגאַלע״ ייִדן שפּאַלטן ימען
29) יעקבֿ פּאַט — הענעך
30) ד״ר י. קערמיש — דער אױפֿשטאַנד אין װאַרשעװער געטאָ

31) **שמחה פּאַליאַקיעוויטש** — אַ טאָג אין טרעבלינקע
32) **מרדכי שטריגלער** — אין די פאַבריקן פון טויט
33) **אברהם נהתומי** — אין שאָטן פון דורות
34) **יחיאל לערער** — מיין היים (**פּאָעמע**)
35) **יוסף וואָלף** — לייענענדיק פּרצן...
36) **צפורה קאַצענעלסאָן־נאַכומאָוו** — **יצחק קאַצענעלסאָן**
37) **י. הירשהויט** — פּינצטערע נעכט אין פּאַוויאַק
38) **נחום סאָקאָלאָוו** — פּערזענלעכקייטן
39) **רחל קאָרן** — היים און היימלאָזיקייט (**לידער**)
40) **א. אלמי** — מאָמענטן פון אַ לעבן
41) **מנשה אונגער** — פּשיסכע און קאָצק (**אויספאַרקויפט**)
42) **מ. בורשטין** — איבער די חורבות פון פלוינע
43) **מ. קיפּניס** — הונדערט פאָלקס־לידער (**אויספאַרקויפט**)
44) **ז. סעגאַלאָוויטש** — מיינע זיבן יאָר אין תל־אביב
45) **ד״ר ח. שאָשקעס** — אַ וועלט וואָס איז פאַרביי...
46) **שלמה וואַגאַ** — חורבן טשענסטאָכאָוו
47) **אברהם זאַק** — יאָרן אין וואַנדער (**לידער**)
48־49) **ש. איזבאַן** — פאַמיליע קאַרפּ (**ראָמאַן**) (**אויספאַרקויפט**)

(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע 1950)

50) **ד״ר א. מוקדוני** — מיינע באַגעגענישן (**זכרונות**)
51) **ר. שושנה־קאַהאַן** — אין פייער און פלאַמען (**טאָג־בוך**)
52) **י. י. טרונק** — די יידישע פּראָזע אין פּוילן
53) **יאָנאַס טורקאָוו** — אין קאַמף פאַרן לעבן
54) **יצחק פּערלאָוו** — די מענטשן פון „עקזאָדוס 1947״ (**ראָמאַן**)
55) **פנחס ביזבערג** — שבת־יום־טובדיקע יידן
56) **שלום אַש** — פּעטערבורג (**ראָמאַן**)
57) **שלום אַש** — וואַרשע (**ראָמאַן**)
58) **שלום אַש** — מאָסקווע (**ראָמאַן**)
59) **ד״ר פיליפּ פרידמאַן** — אָשוויענטשים
60) **ב. ראָזען** — טלאָמאַצקע 13
61) **דוד פלינקער** — אין שטורעם (**ראָמאַן**) **ערשטער באַנד**
62) **דוד פלינקער** — אין שטורעם (**ראָמאַן**) **צווייטער באַנד**
63) **יאַנוש קאָרטשאַק** — משהלעך, יאָסעלעך, ישראליקלעך
64—65) **מרדכי שטריגלער** — „ווערק צע״

(פרעמירט דורכן האָפּער־לייב ליטעראַטור־פאָנד ביים יידישן קולטור־קאָנגרעס, בוענאָס איירעס 1951)

66) **חיים גראַדע** — שיין פון פאַרלאָשענע שטערן
67) **רבקה קוויאַטקאָווסקאַ** — פון לאַגער אין לאַגער
68) **יואל מאַסטבוים** — מיינע שטורמישע יאָרן (**זכרונות**)
69) **אליהו טראַצקי** — גלות דייטשלאַנד
70) **ד״ר י. שאַצקי** — קולטור־געשיכטע פון דער השכלה (**אויספאַרקויפט**)

71) **נחמן מייזיל** — געווען אַמאָל אַ לעבן...
72) **י. י. טרונק** — סימכע פלאַכטע פון נאַרקאָווע **(אויספאַרקויפט)**
(פרעמירט דורכן צבי־קעסעל־ליטעראַטור־פאָנד, מעקסיקע, 1951)
73) **יהודה עלבערג** — אונטער קופערנע הימלען
(פרעמירט דורכן ליטעראַטור־פאָנד ביים קולטור־קאָנגרעס, סאַן פאַולאָ, בראַזיל, 1952)
74) **ד״ר א. מוקדוני** — אויסלאַנד
75) **זיגמונט טורקאָוו** — פראַגמענטן פון מיין לעבן
76) **יהושע פערלע** — יידן פון אַ גאַנץ יאָר
(פרעמירט מיט דער פרץ־פרעמיע פון יידישן פען־קלוב אין פוילן
און ליטעראַטור־־פרעמיע פון „בונד״ אין פוילן, וואַרשע 1937)
77) **יעקב לעשצינסקי** — ערב חורבן
78) **דניאל טשאַרני** — ווילנע
79) **ז. סעגאַלאָוויטש** — דער לעצטער לאַדזשער ראָמאַן
80) **יזכר־בוך** — בעלכאַטאָוו **(אויספאַרקויפט)**
81) **מ. י. שעליובסקי** — אויף אַ פולער וואָך
82—83) **יצחק פערלאָוו** — דער צוריקגעקומענער **(ראָמאַן)**
84) **יוסף אָקרוטני** — דאָס בוך פון די עלנטע
85—86) **מרדכי שטריגלער** — גורלות

## עס דרוקט זיך און דערשיינט בקרוב:

**זלמן שזר** — שטערן אינעם פרימאָרגן **(זכרונות)**
**ד״ר יוסף טענענבוים** — גאַליציע — מיין אַלטע היים
**מנשה אונגער** — חסידות אין פוילן און גאַליציע

## עס גרייט זיך צום דרוק:

**מיכאל מ. באָרוויטש** — אָרישע פאַפירן
**ב. מיכאַלעוויטש** — זכרונות פון אַ יידישן סאָציאַליסט
**ז. י. אנכי** — ר׳ אבא און אַנדערע דערציילונגען
**יוסף רייך** — זכרונות פון אַ פאַרטיזאַן
**ד״ר יעקב וויגאָדסקי** — זכרונות פון אָקופּאַציע־יאָרן
**ד״ר גרשון לעווין** — דאָס בוך פון מיין לעבן
**ז. סעגאַלאָוויטש** — פופציק בריוו
**קאַדיע מאָלאָדאָווסקי** — אַמאָל איז געווען
**הערשעלע** — שבת אויפן טראַקט
**אברהם לעוו** — אַ ליד נאָך אייך
**גרשם באַדער** — קראָקע
**משה זאָנשיין** — „יידיש וואַרשע״

פּרעסע-שטימען וועגן

# דאָס פּוילישע ייִדנטום

ש. ניגער שרייבט וועגן יהודה עלבערגס בוך „אונטער קופערנע הימלען", וואָס איז פּרעמירט געוואָרן מיט דער ליטעראַטור־פּרעמיע פון קולטור־קאָנגרעס אין סאַן־פּאַולאָ, בראַזיל („דער טאָג", ניו־יאָרק, 30 סעפּטעמבער 1951):

יהודה עלבערג איז פון דעם דור יונגע דערציילערס, וואָס האָבן זיך באַוויזן אין דער פּויליש־ייִדישער ליטעראַטור פאַר דעם צווייטן וועלט־קריג. ביי אונדז דאָ איז עלבערג באַקאַנט געוואָרן ערשט נאָכן קריג — און נאָכן חורבן. אין „ייִדישע שריפטן", דעם ליטעראַרישן זאַמלבוך, וואָס דער באַנייטער פאַראיין פון ייִדישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן אין פּוילן האָט אַרויסגעגעבן אין יאָר 1946, אין לאָדזש, וואָס איז צייטווייליק דאַן געוואָרן דער צענטער פון אונדזער ליטעראַרישער שאַרית־הפּליטה, — האָב איך צום ערשטן מאָל געלייענט יהודה עלבערגס דערציילונג, אָדער, ריכטיקער, אַ קינסטלערישן רעפּאָרטאַזש מיטן נאָמען „אַ מעת־לעת אין מיין הויף" — איינע פון די פינף זאַכן, וואָס זענען איצט אַרויס אין בוך־פאָרעם מיטן נאָמען „אונטער קופערנע הימלען".

„אַ מעת־לעת אין מיין הויף", וואָס איז געשריבן געוואָרן אין פעברואַר 1942, אין וואַרשעווער געטאָ, באַווייזט קלאָר, אַז אַ פרישער און אַן

אייגנאַרטיקער טאַלאַנט האָט זיך, גאָט זיי דאַנק, געראַטעוועט און איז אויפגעהיט געוואָרן פאַר דער אַזוי פאַריתומטער יידישער ליטעראַטור. „אַ מעת־לעת אין מיין הויף" ווירקט, פריער ווי אַלץ, מיט דער אָנגעלאָדנ־קייט פונעם אינהאַלט, אָבער נישט געקוקט אויף זיין געדיכטקייט, איז ער לויטער און דורכזיכטיק.

אויף קנאַפּע צוויי צענדליק זייט־לעך, אין אַ קורצער סעריע בילדלעך, שמועסן און סצענעס, וואָס קומען־פאָר אין איין הויף פון וואַרשעווער געטאָ, אין משך פון איין שוידערלעך־לאַנגן מעת־לעת, האָט דער יונגער דערציילער אויפגעוויקלט און באַ־לויכטן פאַר אונדז אַ מיקראָפילם פון גזרת היטלער. מיר זעען דאָס פאַמע־לעכדיקע אויסשטאַרבן און אויסגע־הרגעט ווערן פון פוילישע יידן, גרויס און קליין, און זייער טראַגיש קלאַ־מערן זיך אָן לעבן — אויפן ראַנד פון תהום. מיר זעען זייער איבערמענטש־לעך־עקשנותדיקע נישט־אונטערגעבן זיך'. מיר זעען דעם מוט פון נאַטיר־לעכער פאַרצווייפלונג, וואָס איין טייל האָט אַרויסגעוויזן, און דעם מוט פון איבערנאַטירלעכן גלויבן, וואָס אַן אַנדער טייל, אַ קלענערער, האָט געוועקט ביים עולם. עס ווערט קלאָר פאַר אונדז די געפאַלנקייט פון איינע און פאַרקערט, ביי אַנדערע — דאָס נישט זיין ביי זיך אַראָפגעפאַלן, דאָס מסירת־נפשדיקע איינהאַלטן די איי־גענע ווערדע, דאָס הייליקע היטן די רעשטלעך פון דער דור־דורותדיקער שבת־יום־טובדיקייט. מיר הערן דעם געוויין פון קינדער און מאַמעס, און עס דערגייט צו אונדז ר' שלמהלע גערערס אייביקער און אייביק־טרויע־ריקער גמרא־ניגון. עס פאַרקליינגען אונדזערע אויערן די הונגער־לידלעך פון די הויף־זינגערס, דער נייער, אומשטיינס געזאָגט, פאָלקלאָר פון געטאָ... אַלץ איז פאַראַן אין דער קורצער דערציילונג און אַלץ איז אַזוי פאַנטאַסטיש־אמתדיק...

אַ גרויסן — קינסטלערישן און מענטשלעכן — כח האָט מען גע־דאַרפט פאַרמאָגן, כדי אויסצומאָלן — אין 1942! — אָט די מיניאַטור פון דעם געטאָ־בילד מיט זיינע אַלע פינצטערע שאָטנס, די שאָטנס פון טויט, און מיט זיין גאַנצן, פאַרבאָר־גענסטן, לעבנסליכט.

„אַ מעת־לעת אין מיין הויף" וועט, גלויב איך, בלייבן אין דער ליטעראַ־טור — און נישט נאָר אין דער גע־טאָ־ און חורבן־ליטעראַטור.

אויך אין דער זאַמלונג „אונטער קופּערנע הימלען" טיילט זיך אָט־די קונסט־כראָניק אויס מיט דער שפע פון איר טרויעריקן שטאָף און דער קאָנדענסירטקייט פון איר סטיל. אָבער אַחוץ איר אייגענעם, קינסט־לערישן, כראָניקאַלישן און עטיש־פּסיכאָלאָגישן ווערט, איז זי וויכטיק נאָך אויך דערמיט, וואָס מיר געפינען אין איר אַ שליסל צו דעם יונגן שרייבערס לייט־מאָטיוו.

דאָס איז, ווי מיר דוכט, דער מאָ־טיוו פון דעם מענטשנס, און דער־הויפּט טאַקע דעם יידישן מענטשנס, ראַנגלען זיך מיט זיך אַליין — און זיך אַליין גובר זיין. אַ הויך־עטישער און טיף־יידישער מאָטיוו.

די פינף דערציילונגען פון „אונטער קופּערנע הימלען“ — פיר געטאָ־דערציילונגען און איינע — פון דעם פּויליש־יידישן לעבן פאַר גזרת־היטלער, — זענען פינף נייע וואַריאַנטן פון דעם אַלטן און אייביקן ניגון: „איזהו גבור — הכובש את יצרו“? — ווער איז דער אמתער העלד? דער, וואָס דערהויבט זיך איבער זיינע רויע אינסטינקטן...

עפּעס פון אָט־דעם מין העלד איז שוין דאָ אין דעם הויפּט פּאַרשוין פון עלבערגס ערשטער דערציילונג (אין בוך איז זי די לעצטע), — אין בער־לעפּ. אין פלוג איז ער די פאַרקערפּערונג פון אַ טעמפּן מוח. אַ פערד־יונג, אַ בעל־עגלה, וואָס איז אַן עם־הארץ גמור. קיין צוויי ציילן קאָן ער נישט. ער איז נישט תופס, ווען מען זאָגט אים, אַז צווישן „אָנדערטהאַלבן זלאָטעס“ און „אַ זלאָטע מיט פּופציק“ איז קיין שום אונטערשיד נישטאָ. אַזאַ גראָבער נפש וואָלט, אייגנטלעך, געדאַרפט חתונה האָבן מיט איינער פון די שטעטלדיקע מוידן פון זיין גראַד — און אַראָפּ פון מאַרק. לאָזט ער זיך דווקא פאַרשדכענען מיט חנהן, אַ דרדקי־מלמדס אַ טאָכטער, וואָס איז אַליין געווען אַ שטיק רביצין. וואָס איז? זי איז אַן „איידל קינד“, זי האַלט אין איין זאָגן תחינות, בעת ער קען קיין שייטל עברי נישט. אַ לאַנגע צייט איז ביי זיי אַ שלום־בית, כאָטש זי איז אַ קנאַפּע שיינהייט, דערצו נאָך אַן עקרה, און ער חלשט אַזוי פאַר אַ קינד. ער ווערט געשטעלט פאַר אַלערליי נסיונות און ווערט אַמאָל טאַקע אויך געשטרויכלט; דאָך בלייבט חנה זיין אשת־חיל, — און אַלץ נאָר דערפאַר, וואָס ער קוקט אַרויף צו איר „איידלקייט“. זי קאָמפּענסירט אים פאַר זיין אייגענער פאַרגרעבטקייט. איי־וואָס, עס פעלט אַ קינד אין הויז? באַנוגנט ער זיך, סוף־כל־סוף, מיט שיוועקן, דעם שיינעם לאָשעקל, וואָס ווערט געבוירן ביי אים אין שטאַל, און אַז עס טרעפט אַן אומגליק, און שיוועק ווערט דערטרונקען, באַוויינט אים בער־לעפּ, ווי ווען ער זאָל האָבן געווען זיין אייגן קינד, און אַז דער בעל־תפילה ענדיקט זאָגן עלינו אין שול, פּלאַצט בער־לעפּ אַרויס מיט אַ כליפּ און זאָגט קדיש נאָך דער שטומער באַשעפעניש... „בער־לעפּ“ איז, אייגנטלעך, אַ הומאָרעסקע — און אייניקע עפּיזאָדן אין איר האָבן טאַקע אַ לייכטן (און ביי אַ י. מ. ווייסענבערגן וואָלטן זיי געהאַט אפשר נאָך אַ לייכטערן און מער לאַכנדיקן) טאָן. יהודה עלבערג, ווי יעדער יונגער שרייבער, דערוועגט זיך נאָך נישט צו לאָזן פריי זיין פען — און זיין הומאָר. אָבער נישט נאָר דערפאַר איז דער גאַנג פון דער דערציילונג און די רייכע אידיאָמאַטישקייט פון איר אויסגעצייכנטן יידיש נישט גענוג שפּילעוודיק. עס איז דאָ, גלויב איך, נאָך אַן אורזאַך. און דאָס איז דער פאַקט, וואָס יהודה עלבערג נעמט און מוז נעמען ערנסט זיין לייטמאָטיוו — דעם מענטשנס וועלן זיין מער ווי ער איז, — אין אונדזער פאַל, דעם פאַרגרעבטן בערלס זוכן עפּעס, וואָס איז דער היפוך פון אים

אַליין, — זיין האָבן געבענקט נאָך אַזאַ „איידל קינד“, ווי עס איז געווען חנה, און נאָך דער צאַרטקייט פון אַ קינד בכלל. בער־לעפּס חלשן צו קרמען אין באַרירונג מיט עפּעס, וואָס איז נישט בערל־לעפּ, מיט עפּעס, וואָס איז איידעלער און פיינער, ווי ער אַליין איז, לאָזט נישט יהודה עלבערגן קוקן אויף אים כסדר מיט שמייכלענדיקע אויגן און פון דער זייט אָדער גאָר פון אויבן אַראָפּ, מעג ער זיין ווי גראָטעסקנהאַפּטיק. ער מוז אונדז געבן צו פילן זיין אינטערעס — און אפילו זיין סימפּאַטיע — צו אים.

נאָך טיפער איז זיין אינטערעס און זיין ליבשאַפט צו פעלאַן („פאַרלוירן די מאַמע“) און יורעקן (פון דער דערציילונג, וואָס טראָגט זיין נאָמען). זייער געראַנגל מיט זיך אַליין איז נישט אין ערך שווערער און געפערלעכער, ווי בער־לעפּס. ער וויל זיך נישט באַנוגענען מיט דער רויקייט פון זיינע לעבנס־אינסטינקטן. פעלאַ און דערהויפּט יורעק ראַנגלט זיך מיט זיי — און איז זיי גובר. פעלאַ פאַלט אַריין צו געשטאַפּאָ־לייט אין די הענט. זיי זענען חושד, אַז זי איז אַ יידישקע. זיי נוצן די ברוטאַלסטע און די ראַפינירטסטע מיטלען אַרויסצוקריגן פון איר דעם אמת. זיי גלויבן נישט, אַז סטאַניסלאַוואַ מאַריאַ, וואָס איר בילד מיטן צלם אויפן האַלדז געפינט זיך צווישן אירע זאַכן, איז טאַקע איר מוטער, און כדי אַז זיי זאָלן איר גלויבן, מאַטערט זי זיך אַזוי איינצולעבן זיך מיטן געדאַנק, אַז דאָס בילד פון דער פרוי מיטן צלם איז באמת טאַקע די פאָטאָגראַפיע פון איר מאַמען, אַז זי קאָן זיך שוין בשום אופן נישט דערמאָנען, וואָס פאַר אַ געזיכט איר אמתע מאַמע, רחל גרינבוים, האָט געהאַט. אין איר אינעווייניקסטן געראַנגל מיט זיך אַליין האָט זי, נעבעך, פאַרלוירן איר מאַמען, און אָט די טראַגעדיע אירע מאַכט טיפער די יסורים, וואָס זי האָט געהאַט אויסצושטיין איינרעדנדיק די רשעים, אַז זי איז אַ קינד פון דער פוילישער פרוי, וואָס זיי זעען אויף דער פאָטאָגראַפיע.

יורעק, דאָס יידישע בחורל, וואָס פאַרשטעלט זיך פאַר אַ פּאָליאַק, פאַרלירט שיער נישט זיין אייגן לעבן, מאַטערנדיק זיך אויסצובאַהאַלטן — און דערנאָך כאָטש מקבר צו זיין — זיין שוועסטערל, וואָס ער האָט פאַרשטעקט אויפן בוידים ביים פויער, ווו ער האָט געאַרבעט ווי אַ פּאַסטוך.

אין ביידע דערציילונגען זעען מיר, ווי די יידן, וואָס האָבן זיך נישט געוואָלט אונטערגעבן די רשעים, און זיך געראַנגלט פאַרן לעבן, האָבן זיך געראַנגלט מיט זיך אַליין אפשר נאָך מער, ווי מיט דעם שונא, וואָס האָט געלויערט אויף זיי.

אין יהודה עלבערגן גופא, ווען דער שטאָף פון זיינע דערציילונגען איז דאָס לעבן און דער טויט אין געטאָ, — קומט פאָר אַן אינעווייניקסטער קאַמף. דער קינסטלער דערציילט און דער פּסיכאָלאָג אין אים ראַנגלט זיך — און קומט־ביי — דעם כראָניקער. אין ערגעץ איז עס ניט אַזוי בולט, ווי אין „837“, דער ערשטער, לענגס־

טעו', אינהאַלטסרייכסטער, טיפסטער און שאַרפסטער פון אַלע זיינע דערציילונגען. זי פאַרנעמט שיער נישט דריי פערטל פונעם גאַנצן בוך, און איר הויפּט העלד, דר. ליבענשטיין, אַן אַסימילירטער ייד, וואָס ווי אַן „אַריער" אויף יענער זייט געטאָ הייסט ער פעלטשוק, פירט אַ מלחמה מיט זיך אַליין, אָדער, ריכטיקער, מיט דער מורא, וואָס פילט אָן זיין גאַנצן וועזן זינט ער האָט אָנגעהויבן זיך אויסצובאַהאַלטן פון די נאַציס, — ביז דער פאָרהאַנג לאָזט זיך אַראָפּ איבער זיין לעבנס־דראַמע צום לעצטן מאָל.

די דראַמע פון דר. ליבענשטיינס לעבן איז די דראַמע פון צוויי מוראס, וואָס שטויסן זיך צונויף אין זיין נשמה — פון דער מורא פאַרן דרויסנדיקן שונא, די געסטאַפּאָ־אַגענטן, וואָס האָבן אים אַריינגעכאַפּט און פאַרפלאָנטערט אין זייערע נעץ, און דער מורא פאַרן „אינעווייניקסטן שונא" — זיין געוויסן, וועלכער ווערט, וואָס ווייטער, אַלץ אומרואיקער און אַלץ וואַכזאַמער.

דר. ליבענשטיינס שרעקן זיך פאַרן טויט פירט דערצו, אַז ער ווערט געצוווּנגען צוצוזאָגן דער געסטאַפּאָ צו ווערן איר אַן אַגענט (אונטערן נומער 837). זיין מורא האָבן פאַר זיך אַליין, ד"ה פאַר זיין געוויסן, לאָזט אים אָבער נישט בלייבן אין דער פאַלשער און געפערלעכער לאַגע, אין וועלכער ער געפינט זיך. דער סוף איז, אַז נאָך לאַנגע מאַטערנישן און פלאָנטערנישן ווערט ער אַ פאַרטיזאַן אין די פוילישע וועלדער.

דאָרט באַקענט ער זיך און ווערט זייער נאָענט מיט באַשען, אַ פאַרטיזאַנקע, וואָס וועלנדיק אויפהיטן איר ריינקייט, מוז זי אויך מלחמה האַלטן מיט זיך אַליין און מיט דער נאָענטער סביבה, נישט נאָר מיט די נאַציס. און ווען זיי קומען צוריק קיין וואַרשע נאָך דער מלחמה, זענען זיי גרייט צו אָנהייבן לעבן אַ נאָרמאַלן לעבן, אָבער דר. ליבערנשטיינען איז עס נישט באַשערט. מענטשן פון דער אונטערערדישער באַוועגונג דערקענען אין אים דעם געוועזענעם געסטאַפּאָ־אַגענט, — און זיין אייגענע מלחמה — זיין מלחמה מיט דער מורא פאַרן טויט, פון איין זייט, און מיט דער מורא פאַר זיין געוויסן, פון דער אַנדער זייט, — ברעכט ווידער אויס. זי ענדיקט זיך ערשט דאַן, ווען, נאָכדעם ווי ער לעבט אָפּ אַ לאַנגע צייט, ווי אַ נזיר און אַ בעל־תשובה, אין אַ בית־מדרש, הערט ער אויף זיך צו שרעקן פאַרן טויט, — דאַן באַשטראָפט ער זיך אַליין: ער הענגט זיך אויף...

דאָס, וואָס איך האָב דאָ איבערגעגעבן, איז אַ שאָטן פון אַ שאָטן פון דעם ספור המעשה וועגן דר. ליבענשטיין, נישט נאָר פון דעם דערציילערס טיפן און ברייטן פּסיכאָלאָגישן אַנאַליז. די עצם פאַבולע, די „סטאָרי", איז אַזוי רייך אין פאַסירונגען און פערזאָנען, איז גלייכצייטיק אַזוי איינפאַך און אַזוי פאַרוויקלט, אַזוי מעלאָדראַמאַטיש און אַזוי דראַמאַטיש, אַזוי פלאָנטערנדיק און דאָך אַזוי נאַטירלעך, אַזוי פאַנטאַסטיש און דאָך אַזוי גלויבלעך,

אַזוי געקניפּט און געבונדן מיט צייט־ און אָרט־אומשטענדן (די צייט־ און אָרט־תּנאים פון גזרת־היטלער און פון דעם קאַמף קעגן נאַציזם אין פּוילן) און דאָך אַזוי אוניווערסאַל־מענטשלעך, — אַז די עצם־דערציילונג, אָן קיין שום עטישער און פּסיכאָלאָגישער פאַרטיפונג, וואָלט אונדז פאַרכאַפּט ביז גאָר. מיר וואָלטן זיך געוווּנדערט, ווי אויף אַזאַ בערך קורצן שטח קאָן אַזוי פיל פאָרקומען, אויך ווי קונציק די אַלע רינגען פון דער געשיכטע קייטלען זיך איינע מיט די אַנדערע, ווי גאַנץ און איינהייטלעך די סטרוקטור פון דער זאַך איז, כאָטש זי באַשטייט פון אַזוי פיל פאַרשיידענע טיילן. מיר וואָלטן געטראַכט: אין די אַלע דערציילונגען פונעם בוך, דערהויפּט אין „בערלעפּ" איז דאָ אַזאַ בריהשאַפט אין דעם איבערגעבן פּרטים, און מיט אַמאָל — אַזאַ מייסטערשאַפט פון קאָנדענסירן און מקצר זיין. מיר וואָלטן אַזוי געטראַכט, ווען די ערשטע דערציילונג פון „אונטער קורפערנע הימלען" וואָלט געווען נישט מער ווי אַ שטיק כראָניק. אָבער זי איז דאָך נישט אין ערך מער, ווי דאָס.

זי גיט אונדז אַ טיף מענטשלעכע, קלאָר און קלוג מאָטיווירטע און ביז צו די טיפסטע טיפענישן באַלויכטענע דראַמע. די דראַמע פון דר. ליבענשטיינס טראַגישן ראַנגלען זיך מיט זיין פאַלן, זיין זינקען און די דראַמע פון זיין — נישט ווינציקער טראַגישן — קעמפן פאַר זיין אויפהייבן זיך. די טראַגעדיע פון זיין פאַרברעכן און זיין שטראָף.

פון אויבנאויף איז עס אַ געזעלשאַפטלעכע אָדער אַ יידיש־נאַציאָנאַלע טראַגעדיע: דר. ליבענשטיין איז אַן אַסימילירטער, ד"ה אַן אויסגעוואָרצלטער ייד, פול מיט פאַראַכטונג צו דער יידישער סביבה, שיער נישט אַליין אַן אַנטיסעמיט: איז ביי אים אין אָנהייב רעכט געווען צו ווערן אַ מסור און אַרויסגעבן זיינע אייגענע ברידער, אַבי זיך אַליין צו ראַטעווען. שפּעטער, דערהויפּט אונטער דער ווירקונג פון דער זעלטענער יידישער פרוי באַשע, וואָס איז באמת אַ העראָאישער כאַראַקטער און דערצו נאָך טיף פאַרוואָרצלט אין איר פאָלקספּסיכישער און עטישער ירושה, — ווערט ער פול מיט בענקשאַפט נאָך גלויבן און מיט גרויס דרך־ארץ פאַר זיין אייגענער נאַציאָנאַלער אָפּשטאַמונג, און פון אַ מענטשן, וואָס דאָס לעבן איז פאַר אים נאָר אינסטינקט, ווערט ער אַ מענטש, וועלכער דערשפּירט, וואָס הייסט די ווערדע פון לעבן, און מוטיקייט פאַרנעמט אין אים ביסלעכווייז דעם אָרט פון שרעק, צוגעבונדנקייט און דאָס געפיל פון אחריות פאַרבייט אָפּגעריסנקייט און הפקרות...

דאָס איז אין קורצן די סאָציאַל־פּסיכאָלאָגישע איבערקערעניש, וואָס קומט פאָר אין דעם העלד פון דער דערציילונג. אָבער נישט אין ערך טיפער זענען די אינעווייניקסטע, אינדיווידועל־עטישע, מעטאַמאָרפאָזעס, וואָס מיר זעען אין ליבענשטיינען. אויך יהודה עלבערגס אַנאַליז פון אָט די אַלע ענדערונגען איז טיפער אַ סך. צום באַדויערן, האָב איך נישט קיין

אָרט זיך אָפּצושטעלן אויף זיי. איך וויל נאָר זאָגן, אַז אַזוי ווי מרדכי שטריגלער, באַנוגנט זיך נישט עלבערג מיט דערציילן אונדז, וואָס עס איז פאָרגעקומען מיט היטלערס קרבנות. ער רירט אָן די טיף־דימענסיע (און אויך די הויך־דימענסיע) פון זייערע טראַגישע איבערלעבונגען. ער ווייזט אונדז דאָס ליכט, וואָס לייכט אין די טונקלקייטן, אין וועלכע שטריגלער האָט אַזוי דרייסט אַריינגעקוקט.

יהודה עלבערגן איז דערווייל נאָך נישט געלונגען לעבעדיק צו מאַכן די כאַראַקטערן פון דער טראַגעדיע. ער פאַרטיפט זיך אָבער — און העלפט אונדז זיך פאַרטיפן — אין דער טראַגעדיע פון די כאַראַקטערן. באַשע, כאָטש זי איז נישט קיין צענטראַלע פיגור אין דער דערציילונג, איז לעבנספולער, ווי דר. ליבענשטיין, די הויפט פיגור. דאָס איז דערפאַר, וואָס זי איז גאַנץ און נישט אַזוי פול מיט סתירות און אינעווייניקסטע קאָנפליקטן, ווי דער ליבעראַלער דאָקטאָר, וואָס איז געוואָרן פריער אַ געסטאַפּאָ־אַגענט און דערנאָך שיער נישט אַ הייליקער. זיין פּאָרטרעט איז נישט אַזוי לייכט אויסצומאָלן.

בפרט נאָך, אַז דעם יונגן דערציילערס כח ליגט דערווייל טאַקע נישט אין שאַפן פול־אינדיווידועלע מענטשלעכע כאַראַקטערן, נאָר אין אַרויסברענגען דעם מענטשנס אָפענע און פאַרבאָרגענע כאַראַקטער־שטריכן, — און נישט דווקא איינפאַכע, נאָר אויך אַזוינע קאָמפּליצירטע און סתירות־דיקע מענטשלעכע אייגנשאַפטן, ווי די, וואָס ער האָט אַזוי בולט געמאַכט אין דעם פאַרברעכן און דער שטראָף אָדער, ריכטיקער, זעלבסטבאַשטראָפונג, פון דר. ליבענשטיין.

אַ שטאַרק לויב־וואָרט קומט עלבערגן אויך פאַר זיין יידיש, וואָס אַז מען דאַרף, איז עס באַריידעוודיק, פריש און פאָרט אידיאָמאַטיש, ווי אַ שטייגער, אין „בער־לעפּ“ און ווען עס איז נייטיק, ווערט עס פּינקטלעך און שטאַרק פאַרקירצט.

יהודה עלבערג ווייס וואָס ער טוט הן בנוגע צום לשון, הן אין שייכות צום אויפבוי פון אַ זאַך. ער איז צווישן די יונגע, נישט־לאַנג אַהערגעקומענע, פּויליש־יידישע דערציילערס, איינער פון די באַוווסטזיניקסטע, קולטורעלסטע און צוזאָגנדיקסטע טאַלאַנטן.

**דוד אָרזוך** שרייבט וועגן זיגמונט טורקאָווס בוך „פראַגמענטן פון מיין לעבן“ („פאָלקסבלאַט“, מאָנטעווידעאָ, אורוגוויי, 10טער אויגוסט 1951):

מיר האָבן באַקומען צוגעשיקט דעם באַנד 75 פון דער ביכער־סעריע „דאָס פּוילישע יידנטום“, אַרויסגעגעבן פון צענטראַל־פאַרבאַנד פון פּוילישע יידן אין אַרגענטינע, אונטער דער רעדאַקציע פון מאַרק טורקאָוו, און פאַרלאַג־לייטער אברהם מיטלבערג.

דער באַנד 75 האָט דעם טיטל: „פראַגמענטן פון מיין לעבן“, געשריבן פון גרויסן יידישן דראַמאַטישן שוישפּילער און רעזשיסער זיגמונט טורקאָוו.

מיר ווילן ביי אַ צווייטער געלעגנהייט זיך ברייטער אָפּשטעלן אויף דער אַרבעט פון דעם וויכטיקן פאַרלאַג וואָס האָט באַוויזן אמתע וווּנדער און האַלט שוין ביי דעם באַנד 75, אַריינגעמענדיק הויפּטזאַכלעך אַ ליטעראַטור וואָס האָט צו טון מיטן גרויסן יידישן חורבן און מיט דער פאַרניכטונג פון פּוילישן יידנטום.

דער פּוילישסטער פון די פּוילישע יידן, דער וואַרשעווערסטער פון די וואַרשעווער יידן — מאַרק טורקאָוו, אַליין אַ גלענצנדער זשורנאַליסט, וועלכער האָט מיטגעלעבט אין צענטער פון יידישן שאַפן אין די שענסטע און בעסטע יאָרן פון יידישן פּראָגרעס אויף אַלע געביטן אין דער פאַרמלחמהדיקער פּוילן, איז דער רעדאַקטאָר פון דער ביכער־סעריע.

און ער איז אַ פאַסיקער רעדאַקטאָר, מאַרק טורקאָוו. ער, וועלכער האָט געאָטעמט אין דער יידישער וואַרשע און איז געווען אַן עדות פון דער פילפאַרביקייט און ניואַנסן פון יידישן גייסטיקן אומרו, אויף אים איז געפאַלן דער גורל צו אַרויסגעבן די ביכער פון יידישן אומקום און פאַרניכטונג. זעט מען טאַקע אין יעדן נייעם בוך, וואָס דערשיינט, די פּיעטעט און זאָרגפעליקייט, אַזוי אין דרוק ווי אין דער פּרעזענטאַציע. די אַרבעט פון מ. טורקאָוו און א. מיטלבערג איז באמת פון אויסערגעוויינטלעכן ווערט.

***

זיגמונט טורקאָוו איז דער עלטסטער ברודער פון דער משפחה טורקאָוו, וואָס האָט אין וואַרשע פאַרנומען אַ זייער בכבודיקן אָרט הן צוליב דעם פאָטער ע״ה, וואָס איז געווען אַ ייד מיט אַ געזעלשאַפטלעכן חוש און מעצענאַט פון יידישן טעאַטער, ווי צוליב די ברידער, ספּעציעל זיגמונט און יאָנאַס, וואָס האָבן אַזוי פיל ביי־געטראָגן צו דער פאַרבעסערונג און פאַרשענערונג פון יידישן טעאַטער.

זיגמונט טורקאָוו, דער דראַמאַטורג, שוישפּילער און גרויסער רעזשיסער, איז אַליין פאַר זיך אַ שטיק יידישע טעאַטער־געשיכטע.

מיר האָבן אים געקאָנט פון דערנאָענט, ווען ער האָט ביי אונדז געשפּילט מיט אַזאַ דערפאַלג. מיר האָבן זיך מיט אים שטאַרק באַפריינדעט, ווייל ער איז, פאַרשטענדלעך, צוגעלאָזט, גרויסער אינטעליגענט און אַ דזשענטלמאַן. מיר האָבן זיין בוך געלייענט מיט אַן אמת פאַרכאַפּטן אָטעם. זיגמונט טורקאָוו ווייזט זיך פאַר אונדז אין זיינע „פראַגמענטן פון מיין לעבן" אין אַ גאַנץ נייעם זשאַנער — אַלס אַ פּעאיקער און טאַלאַנטירטער שרייבער, און דאָס בוך איז נישט בלויז אינטערעסאַנט און פאַרכאַפּנד, דאָס בוך פאַרמאָגט אַ געשיכטלעכן ווערט. דאָס איז אַ טעאַטער־דאָקומענטאַציע, וואָס וועט ברענגען אַ סך נוצן פאַר די קומענדיקע דורות, וועלכע וועלן וויסן ווי עס האָט אויסגעזען די יידישע וואַרשע נאָך פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און דאָס יידיש טעאַטער, וואָס האָט ערשט באַקומען אַ תיקון און אַ פּנים אין דעם ערשטן פערטל פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

דאָס אַלץ וואָס זיגמונט טורקאָוו שרייבט, דאָס אַלץ וואָס ער דערמאָנט איז שוין מער נישטאָ, אָפּגעמעקט אויף אייביק. אַרויסגעריסן געוואָרן אַ מיליאָניק יידיש שפּרודלדיק לעבן און בלויז חורבות זענען שטומע עדות פון דעם וואָס איז געווען, און וועט זיך שוין קיין מאָל מער נישט אומקערן צוריק.

שרייבט טאַקע זיגמונט טורקאָוו אין זיין הקדמה, אַז — „ס'האָט אים גענומען אייניקע יאָר ביז ער האָט זיך אַנטשלאָסן צו פאָרן אויפן מיליאָניקן קבר אבות" און ווען ער האָט דאָס אַלץ געזען מיט די אייגענע אויגן האָט ער פאַרשטאַנען אַז „אונדזער לעבן האָט זיך געענדיקט דעם 1־טן סעפּטעמבער 1939", און דאָס וואָס קומט איצט פאַר אין יידישן לעבן אין פּוילן, איז נישט קיין המשך פון אַמאָליקן — נאָר אַן אָנהייב פון אַ ניי און גאַנץ אַנדער לעבן.

אין פרילינג 1949 איז זיגמונט טורקאָוו אין וואַרשע. אַלץ איז חורבות. בלויז זיינע קענטעניש פון דער אַמאָליקער וואַרשע, דערמעגלעכן אים זיך צו אָריענטירן אין פלעצער און גאַסן וואָס זענען אים געווען אַזוי ליב און טייער.

און עס קומען אים אין געדאַנק רעמיניסצענצן פון אַמאָל, און ער דערציילט אַלץ: זיין לעבן, זיין קינדהייט, זיין דראַנג צום יידישן טעאַטער, זיין קאַמף, זיינע דורכפאַלן און דערפאָלגן.

ער דערציילט עס אין אַ פּשוטער, פאַרשטענדלעכער שפּראַך, און איר לעבט איבער, צוזאַמען מיט זיגמונט טורקאָוו, אָט די אַלע עטאַפּן פון אַ לעבן פול מיט דערהויבונג, פון אַ לעבן פון דעם גרויסן יידישן שוישפּילער און רעזשיסער, וועלכער האָט אַזוי פיל בייגעטראָגן פאַר דער אַנטוויקלונג פון יידישן טעאַטער, און האָט אומגעהויער־גרויסע פאַרדינסטן פאַרן בעסערן יידישן טעאַטער, ווו זיגמונט טורקאָוו ווערט פאַררעכנט צווישן די הויפּט־זיילן, ספּעציעל צוליב זיינע געוואַגטע אויפפירונגען און אייגנאַרטיקע רעזשיסאָרישע קאָנצעפּציעס. מיר באַקענען זיך אין בוך מיט

דער שיינער און אָנגעזעענער משפּחה טורקאָוו, און מיר באַקענען זיך אין בוך מיט אַ שטיק יידישער וואַרשע, מיטן יידישן שטייגער לעבן, מיט דער יידישער אָרעמקייט, מיט אַ שלל פֿון פֿאָלקס־טיפּאַזש, וואָס איז אונדז אַזוי נאָענט און ליב, מיט די יידישע גאַסן — דזשיקע, דזשעלנע, גענשע, נאַלעווקעס, ווו יידן האָבן אויסגעזונגען זייער פֿרייד און טרויער; ווו סאָציאַליסטישע אידייען זענען געבוירן און חלוצישע געזאַנגען האָבן זיך געעפֿנט אַ וועג. ווו יידישקייט האָט אַרויסגעשריגן פֿון יעדן שטיין און יעדן ווינקל, ווו יידישע פּרנסה איז אַזוי שווער אָנגעקומען און דאָך האָט דאָס יידישע לעבן זיך געריסן פֿאָראויס מיטן כּוח פֿון אַ וואַסערשטראָם און יידישער וויסן, יידישע תּורה און יידישע חכמה האָבן זיך פֿאַרשפּרייט אויף דער וועלט.

„פֿראַגמענטן פֿון מיין לעבן", זענען נישט בלויז קיין פֿראַגמענטן פֿון זיגמונט טורקאָווס לעבן, נאָר דאָס זענען מיינע, דיינע און אונדזערע אַלעמענס פֿראַגמענטן פֿון יידיש לעבן וואָס איז אַכזריותדיק פֿאַרשניטן.

דאָס בוך איז געשריבן מיט ליבע, און ס׳איז אַ באמת ווערטפֿול ווערק, וואָס דינט אויסער דעם, ווי אַ „מאַנואַל", ווי אַן אמתער האַנטבוך פֿאַר די וואָס ווילן זיך באַקענען מיט אַ שטיק געשיכטע פֿון יידישן טעאַטער.

אונדזער באַגרענעצטער פּלאַץ דערלויבט אונדז נישט זיך אָפּצושטעלן מיט מער איינצלהייטן וועגן דעם אינטערעסאַנטן בוך, וואָס מיר רעקאָמענדירן צו לייענען און עס דאַרף זיך געפֿינען אין יעדער יידישער שטוב.

מיט „פֿראַגמענטן פֿון מיין לעבן", האָט זיך זיגמונט טורקאָוו, ווי שוין געזאָגט, באַוויזן אַלס פֿיינפֿילנדער שרייבער, אַלס טאַלאַנטירטער שרייבער און דאָס איז אַ פֿיינער צוגאָב צו זיין טאַלאַנטירטקייט ווי אַ שוישפּילער און רעזשיסער.

עס קומט דעם פֿריינט זיגמונט טורקאָוו אַן אמתער יישר־כּוח, און דעם פֿאַרלאַג „דאָס פּוילישע יידנטום" בלייבט צו ווינטשן אַז מיר זאָלן גאָר אינגיכן פֿייערן דאָס דערשיינען פֿון באַנד 100.

Este libro se terminó de imprimir el día 11 de Junio de 1952, en los Talleres Gráficos JULIO KAUFMAN. Corrientes 1976. Buenos Aires